STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04185

DI VEGN FUN UNZER POLITIK

World Union of Poalei Zion--Hitachdut

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די וועגן פון אונזער פּאָליטיק

דאס דאזיגע בוך איז גלייכצייטיג
דערשינען אין העברעאיש אונטערן
נאָמען „על דרכי מדיניותנו"

די וועגן
פון אונזער פּאָליטיק

פולער באריכט פונם ראט פון דער וועלט־
פאראייניגונג פועלי־ציון (צ. ס.)־התאחדות

(ציריך 29 יולי — 7 אויגוסט 1937)

ארויסגעגעבן
פונם צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג פועלי־ציון (צ. ס.)־התאחדות

תרצ"ח תל־אביב 1938

געדרוקט אין ארץ־ישראל
PRINTED IN PALESTINE

איחוד עולמי פועלי־ציון (צ. ס.)־התאחדות תל-אביב, ת. ד. 1607 Palestine

דפוס קואופ׳ „הפועל הצעיר״, בע״מ, תל־אביב

אינהאלט:

פארבאמערקונג 11

דער פארלויף פון די בעראטונגען 12

אונזער באַוועגונג אין איצטיגן מאָמענט

ערשטע זיצונג, דאנערשטאג, דעם 29 יולי 1937, פארמיטאג

י. שפרינצאק: עפענונגס־רעדע . . 17

ב. לאקער: די אנטוויקלונגס־שטופן פון דער באוועגונג 23

מ. ניישטאדט: דער ארגאניזאציאנעלער צושטאנד פון דער וועלט־באוועגונג . 26

וואל פון דער מאנדאטן־קאמיסיע . . . 36

צווייטע זיצונג, דאנערשטאג, דעם 29 יולי, נאכמיטאג

דיסקוסיע איבערן באריכט פונם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג:

א. העמלין . . . 37

א. גלוז . . . 38

א. ביאלאפאלסקי . . 41

מ. קאטיק . . . 43

מ. גראבאווסקי . . 45

ל. שטשופאקעוויטש . 48

דיסקוסיע וועגן גאנג פון די בעראטונגען:

א. קאפלאן, ח. שורער, ש. לביא, ב. לאקער 50

די פּאָליטישע דעבאַטע

דריטע זיצונג, דאנערשטאג, דעם 29 יולי, אינאווונט

באריכט פון דער מאנדאטן־קאמיסיע (מ. ניישטאדט) 53

אריינפיר אין דער פּאָליטישער דעבאטע — רעפעראט פון ד. בן־גוריון . . . 53

פערטע זיצונג, פרייטאג, דעם 30 יולי, פארמיטאג

ויכוח איבער דער טאג־ארדנונג: ב. לאקער, י. באנקאווער,
א. רייס, ד. בן־גוריון, י. מערעמינסקי . 119
אליעזר קאפלאן: די פאָליטישע פראגע פון
עקאנאמיש־קאלאניזאטארישן שטאנדפונקט . 119

פינפטע זיצונג, פרייטאג, דעם 30 יולי, נאכמיטאג

די פאליטישע דעבאטע:
ש. קאפלאנסקי . . 129
י. באנקאווער . . 137
ש. לביא . . . 144
י. העלמאן . . . 152

זעקסטע זיצונג, שבת, דעם 31 יולי, פארמיטאג

ויכוח וועגן סדר היום: ב. לאקער, ד. בערמאן, ש. לביא,
א. ציזלינג, י. שפרינצאק, מ. ניישטאדט, ב. עק 157
פארזעצונג פון דער פאָליטישער דעבאטע:
י. אידעלסאן . . 157
חיים האפמאן . . 162
י. מערעמינסקי . . 163
ג. לאנדויער . . 168
א. ציזלינג . . 169
וואל פון דער ארגאניזאציע־קאמיסיע . . 180

זיבעטע זיצונג, שבת, דעם 31 יולי, נאכמיטאג

פארזעצונג פון דער פאָליטישער דעבאטע:
א. לולו . . . 181
גאלדע מאירסאן . . 184
פ. לוביאניקער . . 186
חיים גרינבערג . . 190
דוב האז . . . 192

אַכטע זיצונג, שבת, דעם 31 יולי, אינאוונט

פארזעצונג פון דער פאָליטישער דעבאטע:
מ. גראבאווסקי . . 195
א. טארטאקאווער . . 197
ב. לאקער . . . 200
ש. יבנאלי . . . 203
ז. פיינשטיין . . 205
ל. גלאנץ . . . 206

ניינטע זיצונג, זונטאג, דעם 1 אויגוסט, מיטאג

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע:

ד. ווערטהיים . . . 207
א. העמלין . . . 207
ש. דיין . . . 208
מ. זינגער . . . 214
י. חורין . . . 216
ח. שורער . . . 217
י. קיציס . . . 219
מ. ניישטאדט . . . 220
י. באראץ . . . 223
א. רייס . . . 225
מ. קאטיק . . . 227

צענטע זיצונג, זונטאג, דעם 1 אויגוסט, אינאוונט

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע:

ש. קושניר . . . 229
י. לויפבאן . . . 230
יעקב אורי . . . 233
פ. בן־דורי . . . 236
א. דאבקין . . . 238
א. קאצענעלסאן . . 239
ד. כהן . . . 243

אינטערפּעלאציע וועגן דער דעלעגאציע פון ועד לאומי אין גענף:

מערעמינסקי, שפּרינצאק, ציזלינג, קאַפּלאן . 244

עלפטע זיצונג, מאנטאג, דעם 2 אויגוסט, פארמיטאג

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע:

ד. רמז . . . 245
י. שפּרינצאק . . . 249
ב. כצנלסון . . . 251

זיצונג פון דער ארבעטער־פראקציע מיטן אָנטייל פון
ד"ר חיים ווייצמאן . . . 267

וואלן פון דער לייטונג פון דער ארבעטער־פראקציע
אויפן צוואנציגסטן קאנגרעס . . 267

צוועלפטע זיצונג, דינסטאג, דעם 3 אויגוסט, פארמיטאג

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע:

י. טאבענקין . . 268
א. הארצפעלד . . 292

דרייצענטע זיצונג, מיטוואָך, דעם 4 אויגוסט, אינאָוונט

דיסקוסיע וועגן עפנטלעכע אָדער געשלאָסענע זיצונגען
פונם קאָנגרעס:

שפּרינצאַק, באַנקאָווער, בן־גוריון, אידעלסאָן,
צבי יהודה, ב. כצנלסון, ד. רמז, ש. קאַפּ־
לאַנסקי, גאָלדע מאירסאָן . . 294

צום שלוס פון ויכוח: שלוס־וואָרט פון ד. בן־גוריון. 295
דיסקוסיע וועגן פאַרזעצן די פּאָליטישע דעבאַטע:

טאַבענקין, שפּרינצאַק, קאַפּלאַן, רמז, חיים
גרינבערג, משה טשערטאַק, בן־גוריון . 316

פערצענטע זיצונג, דאָנערשטאָג דעם 5 אויגוסט, אינדערפרי

דיסקוסיע וועגן דער אָפּשטימונג פון דער פּאָליטישער
רעזאָלוציע:

י. שפּרינצאַק, י. טאַבענקין, ב. לאָקער, י. העלמאַן,
א. גאָלאָמב, ד. רמז, א. קאַצענעלסאָן, גאָלדע
מאירסאָן, דב האָז, א. קאַפּלאַן, צבי יהודה, י.
אידעלסאָן, חיים גרינבערג, א. הערצפעלד,
ד. בן־גוריון, ב. כצנלסון 317—318—319—320

תקיעת כף פון די קאָנגרעס־דעלעגאַטן, אַנטשפּרעכנד די
באַשלוסן פון נײַנצעטן ציוניסטישן קאָנגרעס. 321

פאָרזעצונג פונם ויכוח וועגן דער אָפּשטימונג פון
דער פּאָליטישער רעזאָלוציע:

י. שפּרינצאַק, ד. רמז, א. קאַפּלאַן, ד. בן־
גוריון, י. טאַבענקין, א. גאָלאָמב, עדה פישמאַן,
גאָלדע מאירסאָן, צבי יהודה . . 321—322

פופצענטע זיצונג, דאָנערשטאָג, דעם 5 אויגוסט, נאָכמיטאָג

אָפּשטימונג פון דער פּאָליטישער רעזאָלוציע:

ב. כצנלסון, ד. בן־גוריון, מ. טשערטאָק,
י. שפּרינצאַק, ב. לאָקער, צבי יהודה 323—324—325

דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג . 324—325

די פּאָליטישע רעזאָלוציע . . . 323

די אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג

זעכצענטע זיצונג, שבת, דעם 7 אויגוסט, נאכמיטאג

וואלן פון די אינסטאנצן פון דער באוועגונג:

י. שפרינצאק, מ. ניישטאדט, פ. ראשיש,

ב. לאקער, י. שיינבוים, א. ביאלאפאלסקי,

גאלדע מאירסאן, י. באנקאווער 332—331—330—329

די פראגע פון פאראייניגונג אין פוילן:

י. מערעמינסקי . . 332

* * *

באשלוסן פון צענטראל־ביורא וועגן דער פאראייניגונג אין פוילן . 333

די אינסטאנצן פון דער וועלט־באוועגונג 335

אונזערע דעלעגאטן אויפן צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנגרעס . 335

אונזערע פארטרעטער אינם ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט . 336

פאָרבאמערקונג

דער אָפיציעלער און באשיידענער נאָמען «באראטונג», דריקט בשום אופן נישט אויס דעם גאנצן אינהאלט און פארנעם פון דער באגעגעניש פון די פארטרעטער פון אונזער וועלט־באוועגונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין צייך אין דער צייט פונם צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנגרעס. שוין אסך יארן האט די וועלט־באוועגונג נישט געהאט אזא צאָלרייכע און וואָגיגע רעפרעזענטאנץ, סיי לויט דער צאָל פארטראָטענע לענדער און סיי לויט דער צאָל אָנטייל־נעמער. די באהאנדלונג פון די פראגן האט געפירט צו אנטשיידונגען אינם גורל פון אונזער באוועגונג און פונם גאנצן ציוניזם — און דערמיט האָט זיך דידאָזיגע באראטונג אָן א ספק פארזיכערט א באזונדערן אָרט אין דער געשיכטע פון אונזערע צוזאמענפאָרן.

פונם אויסגאנג פון דער באראטונג, איז אין א גרויסער מאָס געווען אָפהענגיג דער אויסגאנג פונם ציוניסטישן קאנגרעס און דער גורל פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. די חלוקי דעות איבער די פאָרשלאגן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע האבן דורכגעשניטן די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג, און עס איז שווער געווען פארויסצוזען מיט וואָס דער קאנגרעס וועט זיך פארענדיגן און ווי זיין אויסגאנג וועט ווירקן אויף דעם צושטאנד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע· מיר האבן געזוכט א באזיס, וואס זאל קענען צוזאמענשליסן און גאראנטירן די גאנצקייט און אקציאנס־פעאיגקייט פון דער גאנצער ציוניסטישער באוועגונג אין די שווערע אנטשיידנדע צייטן, וועלכע קומען· אלס די גרעסטע פראקציע אויפן קאנגרעס — קרוב צו א העלפט, פון אלע דעלעגאטן — איז אויף אונז געלעגן די הויפּט־אחריות פאר זיין אויסגאנג. סאיז אויך פארשטענדלעך די געשפּאַנטע אויפמערקזאמקייט מיט וועלכער מען האָט דאָסמאל נאָכגעפאָלגט דעם גאנג פון אונזער באראטונג. מען האָט פאר־שטאנען, אז אירע מסקנות וועלן דיגען אלס וועג־ווייזער פארן קאנגרעס.

דער פונדאמענטאלער געגנזאץ אין דער אָפשאצונג פונם פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, וועגן שאפן א אידישע מדינה אין א טייל פון ארץ־ישראל האט דורכגעשניטן אויך אונזער מחנה און נישט אויסגעמיטן כמעט קיין איינע פון אונזערע גרעסערע לאנד־פּאַרטייען — ארץ־ישראל, צפון־אמעריקא, פוילן, רומעניע א.א.וו. אבער טראץ דער פארשידנקייט פון די מיי־נונגען האט ביי אונז גובר געווען די דערקענטניש, אז אין איצטיגן מאמענט מוז קודם־כל געפונען ווערן א וועג, וועלכער זאל פאראייניגן די גאנצע באַ־וועגונג און אָפהיטן איר געשלאסענעם כוח, זי זאָל קענען אנטשיידן אין דער

געהעריגער שעה. די בעראַטונג האט גענומען אויף זיך א נדר, נישט פונאנדערצוגיין — ביז עס וועט נישט געפונען ווערן אזא געמיינזאמער וועג פאר זיך און פאר דער גאנצער ציוניסטישער באוועגונג׳ און זי האט איר נדר מקיים געווען. אין דעם איז פונדאָסניי בולט געוואָרן דער געוואלדיגער מאָראלישער כוח פון אונזער באוועגונג, די טיפע פארוואָרצלטקייט פון איר אייניגקייטס־געפיל און איר שטארקער פאראנטוואָרטונגס־באוווסטזיין פארן גורל פון אונזער גאנצער באפרייאונגס־באוועגונג. נאך א שווערער אכט־טאָגיגער קאָלעקטיווער אידעאישער ראנגלעניש, זיינען די פּאָליטישע באשלוסן אָנגענומען געוואָרן כמעט איינשטימיג און זיי האבן דאן געדינט אלס וועג־ווייזער פארן גאנצן ציוניסטישן קאנגרעס און גרונדלאגע פאר זיינע החלטות. דער פאקט וועט אָן ספק פאררעכנט ווערן צווישן די וויכטיגסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג, און וועט אויסצייכענען די באדייטונג פון אָט דער וועלט־בעראַטונג.

* * *

מיר האָבן געהאלטן פאר נויטיג צו איבערגעבן דער פארטיי־עפנטלעכקייט אין דער מאקסימאלסטער אויספירלעכקייט, די גאנצע דעבאטע, וועלכע איז געפירט געוואָרן אויף אונזער וועלט־בעראַטונג אין ציריך. זי אנטהאלט דאס סאמע עיקרדיגסטע און לערנרייכסטע, וואס קען נאר געזאגט ווערן, כדי אלזייטיג אויפצוקלערן דעם ויכוח ארום דעם פּאָליטישן פּאָרשלאג, וועלכן עס לעגט פּאָר די קעניגלעכע קאמיסיע. מיר האָפן, אז דאס בוך וועט דינען פאר יעדן חבר אלס די וויכטיגסטע הילפס־קוועלע זיך געניטן צו באקענען מיט די פּראָבלעמען און מיינונגען, וואס ארום דער גורל־פראגע, וועלכע איז איצט אוועקגעשטעלט געווארן אין צענטר פון אינערלעכן ציוניסטישן ויכוח.

תל־אביב, מאי 1938 (אייר תרצ״ח).

דער פארלויף פון דער בעראַטונג

די וועלט־בעראַטונג פון דער פאראייניגונג פונם אלוועלטלעכן אידישן סאציאליסטישן ארבעטער־פארבאנד פועלי־ציון (פאראייניגט מיטן צ. ס.־פארבאנד) און דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארבעטס־פארטיי «התאחדות» איז אָפּגעהאלטן געווארן אין ציריך אין די טעג פונם 29־טן יולי ביזן 7־טן אויגוסט 1937 (צוליב דער גלייכצייטיגקייט פונם ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט, זיצונגען פון דער ארבעטער־פראקציע און ציוניסטישן קאנגרעס, זיינען דעם 2־טן, 3־טן און 4־טן אויגוסט פארגעקומען נאר איינצלנע זיצונגען און דעם 6־טן אויגוסט זענען בכלל קיין זיצונגען נישט פארגעקומען). דער צונויפשטעל פון דער בעראטונג און די פארטיילונג פון די שטימען אויף די איינצלנע לאנד־פארטייען איז באשלאָסן געווארן אויפן יסוד פונם פּאָרשלאג פון דער מאנדאטן־קאמיסיע׳ וואס איז געוויילט געווארן אין דער ערשטער זיצונג.

ביים פעסטשטעלן די צאָל שטימבארעכטיגטע דעלעגאטן פון יעדן לאנד, האט די

מאנדאטן־קאמיסיע גענומען אין אכט נאר יענע לאנד־פארטייען, וואס זייערע דירעקטע פֿאָרשטייער זענען שוין אָנוועזנד געווען ביי דער בעראטונג און דערביי זיך גערעכנט מיט פֿאָלגנדע מאָמענטן: א) דער פאקטישער צאָלן־מעסיגער כוח פון דער פארטיי; ב) איר פּאָליטישע השפעה אין דער אידישער באפעלקערונג פון איר לאנד; ג) די צאָל אידן אינם באטרעפנדן לאנד; ד) דער אויסגאנג פון די לעצטע קאנגרעס־וואלן; ה) די אקטיוויטעט פון דער פארטיי. עס איז באשלאסן געווארן פֿאָלגנדע פארטיילונג פון שטימען און דע־לעגאטן: ארץ־ישראל 24, פוילן 18, צפון־אמעריקע 18, מזרח־גאליציע 7, התאחדות אין מערב־גאליציע 2, רומעניע 7, ליטע 5, טשעכאסלאוואקיי 4, לעטלאנד 3, ענגלאנד 3, פראנקרייך 2, בעלגיע 1, האָלאנד 1, שווייץ 1, יוגנט־וועלט־פארבאנד «דרור» 2, סעקרע־טאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג 2, קליינע לענדער 2, צוזאמען 102. אחוץ דעם זיינען נאָך באשטימט געווארן 3 שטימען פאר דער «התאחדות»־פארטיי אין פוילן אין אלע פראגן, וועלכע זענען נוגע דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. אין דער וועלט־בעראטונג האבן זיך אויך באטייליגט מיט בעראטונגס־רעכט פאָרשטייער פון יוגאסלאוויע און «ברסיה אביבה הבונים» אין טראנסילוואניע.

אחוץ די שטימבארעכטיגטע דעלעגאטן פון די לאנד־פארטייען האבן זיך אין דער וועלט־בעראטונג אויך באטייליגט אלע פארטיי־דעלעגאטן צום צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנגרעס. זיי האבן געהאט שטימרעכט ביי דער אָפּשטימונג פון דער רעזאלוציע וועגן אונזער ציוניסטישער פּאָליטיק. ביי אלע זיצונגען זיינען נאך אנוועזנד געוועזן איבער הונדערט פירנדע חברים פון די לענדער (מיטגלידער פון די צענטראלע קערפערשאפטן פון דער פארטיי). אלע פלענאר־זיצונגען זיינען פאָרגעקומען ביי דער אָנוועזנהייט פון 400 ביז 500 דעלעגאטן און געסט. די מיינסטע פלענאר־זיצונגען זיינען אָפּגעהאלטן גע־ווארן אין איבונגס־זאל פון דער «טאָנהאלע». א טייל פלענאר־זיצונגען זיינען פאָרגעקומען אין גרויסן זאל פון הויז «צורקויפלויטן».

אין זעכצן זיצונגען האט די בעראטונג באהאנדלט ארגאניזאציאלע פראגן פון דער וועלט־באוועגונג, און דעם פּראָבלעם פון דער פאליטישער צוקונפט פון ארץ־ישראל, וואס איז געוואָרן אקטועל דורך די געשעענישן פון 1936 און דעם פאָרשלאג פון דער קעניג־לעכער קאמיסיע וועגן טיילן דאס לאנד און שאפן א אידישע מדינה אין א טייל פונם לאנד. די דאזיגע פראגע איז ווי באקאנט געווען די צענטראלע פראגע פונם צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנגרעס און אויך אויף דער וועלט־בעראטונג האט זי פארנומען דעם גרעסטן טייל פון דער צייט און אויפמערקזאמקייט פון די דעלעגאטן.

דאס דאזיגע אומפארמיידלעכע קאנצענטרירן זיך אויף דעם אקטועלן פאליטישן פראב־לעם, האט זיך נאטירלעך שלעכט אפגערופן אויף דער באהאנדלונג פון די ארגאניזאטארישע ענינים. די אנגעהויבענע דעבאטע וועגן דידאזיגע פראגן האט געמוזט איבערגעריסן ווערן שוין באכן ערשטן טאג פון דער בעראטונג, וועלכע האט זיך געקענט אומקערן צו די ארגאניזאציע־פראגן ערשט אויף איר לעצטער, זעכצענטער זיצונג, שבת דעם 7־טן אויגוסט. א ריי דעלעגאטן האבן געפרוווט זיך אנטקעגנשטעלן דעם איבעררייס פון דער ארגאניזאציאנעלער דעבאטע, וועל־כע האט האט «אויפגעהויבן און באלעבט די בעראטונג» (לביא). אנדערע האבן געהאלטן, אז די פאליטישע דעבאטע דארף בכלל אריבערגעטראגן ווערן אין דער ארבעטער פראקציע פונם קאנג־רעס (אין וועלכער ס׳באטייליגט זיך אויך דער «השומר הצעיר»). אבער דער גרויסער רוב האט

געהאלטן, אז כדי אין דער פאליטישער דעבאטע זאל זיך קענען ארויסזאגן א גאר גרויסע צאל חברים, טאר זי ניט אפגעלייגט ווערן. פאקטיש האט דער דאזיגער ויכוח אין דער באראטונג זיך פארצויגן ביז נאך דער עפענונג פונם קאנגרעס. אגב, איז אויך געהערט געווארן דער ארגומענטן אז אונזער באוועגונג דארף באהאנדלען די פאליטישע פראגן קודם־כל ביי זיך, בפרט נאך דעם ווי דער «השומר הצעיר» האט שוין פריער אנגענומען אן ענדגילטיגע שטעלונג צו דער אקטו־עלער פראגע פון «חלוקה» און אידישע מדינה אין א טייל פון ארץ־ישראל.

בעת דער באהאנדלונג פון די ארגאניזאציאנעלע פראגן אינם פלענום זיינען אויך ארומ־גערעדט געווארן די אלגעמיינע לאגע פון די אידן אין עטלעכע מזרח־אייראפעאישע לענדער, פראבלעמען פונם ציוניזם אין יענע לענדער, פון דער חלוצישער באוועגונג, יוגנט א. א.

צוליב דעם דערמאנטן מאנגל אין צייט איז א טייל פון די ארגאניזאטארישע פראגן בא־האנדלט געווארן נישט אינם פלענום נאר אין דער ברייטער ארגאניזאציע־קאמיסיע; די דאזיגע קאמיסיע האט אויך צוגעגרייט די פארשלאגן פאר די וואלן צו די אינסטאנצן פון דער וועלט־באוועגונג.

די וועלט־באראטונג האט זיך געענדיגט מיט דער וואל פון די אינסטאנצן פון דער וועלט באוועגונג. אייניגע וויכטיגע ארגאניזאטארישע פראגן זיינען דורך דער באראטונג אריבערגע־טראגן געווארן אין די זיצונגען פונם פולן צענטראל־ביורא, וועלכע זיינען פארגעקומען בעת און נאך דעם קאנגרעס אין ציריך, מיט דער באטייליגונג פון פארטרעטער פון די לאנד־פארטייען.

*

די רעדעס זענען דא געבראכט געווארן אויפן יסוד פון די רעווידירטע טעקסטן, וואס די רעדנער האבן אונז צוגעשיקט. די רעדעס פון יענע חברים, וואס האבן נישט געמאכט זייערע אויס־בעסערונגען, זיינען רעדאגירט געווארן אויפן יסוד פון די אויפצייכנונגען וואס זיינען אויפגע־נומען געווארן ביי דער באראטונג. די דאזיגע רעדעס זענען באצייכנט מיט א *. דעם פראטאקאל במשך אלע זיצונגען פון דער וועלט־באראטונג האבן געפירט די חברים יוסף וואלדען און נחמיה פערל, וועלכע עס קומט א דאנק פאר זייער מי — און זארגפולער ארבעט.

* * *

די מיינסטע רעדנער האבן זיך באנוצט מיטן העברעאישן טעקסט ביים רעווידירן און דערגענצן זייערע רעדעס. די דאזיגע רעדעס זיינען איבערגעזעצט געווארן אין אידיש פון חבר ד. ב. מאלקין.

די באַוועגונג אין איצטיקן מאָמענט

ערשטע זיצונג

דאנערשטאג, דעם 29־טן יולי 1937, פארמיטאג

די עפענונג

(י. שפרינצאק: עפענונגס־רעדע; ב. לאקער: די אנטוויקלונגס־שטופן פון דער באוועגונג; מ. גיישטאדט: דער ארגאניזאציאנעלער צושטאנד פון דער וועלט־באוועגונג; וואל פון דער מאנדאטן־קאמיסיע).

י. שפרינצאק

עפענונגס־רעדע

ביי דער איצטיגער באראטונג — דעם צוזאמענטרעף פון אונזער וועלט־באוועגונג, דארפן מיר זיך קאנצענטרירן אויף צוויי צענטראלע פראגן: דער אויסגאנג פונם צוואנציגסטן קאנגרעס און דער וועג פון אונזער באוועגונג אין דער נאענטער צוקונפט. מיר האבן דעריבער פריצייטיק צונויפגערופן די בארא‏טונג, כדי מיר זאלן האבן צייט און מעגלעכקייט גרינדלעך צו באהאנדלען די פאָרשטייענדע ענינים, — מיר זאלן לכתחילה וויסן ווי גרויס ס׳איז אונזער פאראנטווארטלעכקייט און מיר זאלן זיך ווי געהעריג צוגרייטן צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון דערדאזיגער פאראנטווארטלעכקייט.

דער צוואנציגסטער קאנגרעס, וועלכן איך וואלט באצייכנט אלס קאנגרעס פון «גרויסן ישוב הדעת» ציט צו זיך איצט די אויפמערקזאמקייט פון גאנצן פאלק. דאס הארץ פון אידישן פאלק האט נאך קיינמאל אזוי נישט געקלאפט ווי איצט, — אפווארטנדיג די רעזולטאטן פון אַ ציוניסטישן קאנגרעס. און דאס הארץ קלאפט איצט גלייכמעסיג אומעטום וואו אידן געפונען זיך; אין ירושלים און אין ווארשע; אין בית־יוסף, וואס אין גליל, — די נייע מסדה, און אין דער אלטער בריסק דליטא; אין די אידישע צענטרען אין אמעריקע, אין די ליטווישע און רומענישע שטעטלעך ווי אויך אין די אידישע קהילות אין איטאליע. אלץ ווארט־אָפּ מיט ציטער און אומרואיגקייט די רעזולטאטן פון דעם איצטיגן קאנגרעס. און מיר, — מיר געפינען זיך אין צענטר פון דערדאזיגער אומרואיגקייט, ווייל מיר בילדן 46% אינם קאנגרעס און אונזער פאראנטווארטלעכקייט פאר זיין אויסגאנג איז זייער גרויס.

דער צוואנציגסטער קאנגרעס קומט זיך צונויף אין א לויכטנדער דאטע אינם לעבן פון אידישן פאלק — עס ווערט פערציג יאר זינט דער צונויפרופונג פונם ערשטן קאנגרעס און דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע. די אויפטוען פונם ציוניזם במשך די פערציג יאר,

אונזערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון פאלקס־ארגאניזירונג און פון ארץ־ישראל־אויפבוי, און אויך דער אייגנארטיגער אינהאלט, פון דעם איצטיגן קאנגרעס — דאס באהאנדלען א פלאן פון שאפן א אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, דאס אלץ זאגט עדות, אז דער וואונש פונם גרויסן שעפער פון ציוניזם איז מקוים געווארן, אז הערצלס ווערק לעבט און ווירקט.

אונז אלעמען איז טייער די דאטע פונם ערשטן קאנגרעס, אבער אין מיינע איצטיגע רייד דא אויף אונזער בארא‍טונג שווימט־ארויף פאר מיינע אויגן נאך א דאטע, וועלכע איז ביז איצט געווען באשיידן און באהאלטן, אבער עס איז שוין צייט זי זאל נתגלה ווערן און זיך איינקריצן אין אונזער געדאנק און זכרון: אין יאר 1907, צען יאר נאך דעם צוזאמענקומען פון ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס, זיינען דערשינען — צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון ציוניסטישע קאנגרעסן — אויפן אכטן קאנגרעס אין האאג, פארשטייער פונם ארבעטנדן ארץ־ישראל, — שליחים פון דער ארץ־ישראלדיגער ארגאניזירטער ארבעטער באוועגונג. פיר זיינען זיי געווען, די ערשטע ארץ־ישראלדיגע ארבעטער־דעלעגאטן: אליעזר שוחט, י. בן־צבי, ישראל שוחט, און — דער פערטער איז געווען איינער פון די שעפער פון אונזער באוועגונג, דער מענטש פון גרויסן מאָראלישן ווערט און באדייט, אונזער גרויסער חבר, וואס צו אונזער אומגליק וועט זיין ערנסטער געדאנק שוין מער נישט קומען צום אויסדרוק צווישן אונז — יוסף אהרונאוויטש. אט יענע פיר דעלעגאטן האבן געבראכט מיט זיך צום קאנגרעס דעם געבאָט פון ציוניס־טישער פארווירקלעכונג, די פאדערונג פון שאפנדיגע מעשים, וועלכע האט דאמאָלס געהייסן «רעאלע ארבייט אין ארץ־ישראל». דידאזיגע ארבעטער־דעלעגאטן האבן זיך נישט באגנוגנט מיט קריטיקירן די פעלערן פון ציוניזם; נאר זיי האבן פראקלאמירט די אידעע פון זעלבסט־פארווירקלעכונג, וועלכע האט געהייסן קודם־כל מקיים זיין דעם געבאט און די פליכט פון אידישער ארבעט אלס הויפט־יסוד פאר דער אויסלייזונג און פארן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אט די ערשטע דערשיינונג פון די ארבעטער־דעלעגאטן אויפן קאנגרעס איז געווען א מין ערשטער סך־הכל פון די אנהויב־פרווון, פון דער אידע־אישער און דערציערישער צוגרייטונגס־ארבעט וואס «פועלי־ציון» און «צעירי־ציון» האבן געפירט צווישן פאלק אין גלות אין דער תקופה ביזן אכטן קאנגרעס. די קליינע גרופע פון פיר ארץ־ישראלדיגע ארבעטער־דעלעגאטן האט קלאָר געמאכט פאר אלעמען די ממשותדיגע אָנהאלט־באזע פאר דער אנטוויקלונג און פארן וואוקס פון אונזער באוועגונג, און זי האט עס בעלייגט דעם גרונדשטיין פארן קיום און פאר דער ווירקונג פון דער ארבעטער־פראקציע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

דאס איז געווען אין חודש אויגוסט אין יאר 1907. פון דאמאלס זיינען אדורך געענגט 30 יאר. און דאס זיינען געווען דרייסיג יאר פון שווערע, אומאויפהערלעכער מי; יארן פון גרויסע שטרעבונגען, פון ביטערע אבדות

און פון אויסגעהאמערטן ווילן. דידאזיגע דרייסיג יאר האבן מיר פארברויכט אויף שווערער ארבעט, — ביי כיבוש־עבודה, ביי דערווערבונג און ממשותדיגער פאָרבאַרייטונג פון ארץ־ישראלדיגן באדן, ביים אויסקעמפן אונזער פלאץ אין לעבן און ביי דער מי־פולער ארבעט פון דערציען די אידישע הערצער און דעם אידישן יונגן דור. איצט, ביים סוף פון די דרייסיג יאר, קענען מיר זאָגן, אז די ארבעט איז געווען א פרוכטבארע און אירע טוער האבן דערלעבט נחת. אנשטאט די דאמאלסדיגע 4 דעלע־גאטן קומען מיר צום איצטיגן יובל־קאנגרעס מיט 202 דעלעגאטן פון דער וועלט־באוועגונג אלס שליחים פון איבער 80 טויזנט ווילער אין ארץ־ישראל און הונדערטער טויזנטער ווילער אין אלע גלות לענדער. דאס איז דער באשטעטיגונגס־דאקומענט, וואס דאס אידישע פאלק האט אונז ארויס־געגעבן פאר אונזער אָנטייל אין דער אנטוויקלונג און רעאליזירונג פונם ציוניזם במשך די לעצטע 30 יאר.

פון דער צייט פונם אכטן קאנגרעס ביז היינט האט דער ציוניזם צו פארצייכענען גרויסע דערגרייכונגען. מיר ווייסען עס. אבער אין דער הינזיכט איז פאר אונז וויכטיג אויך די מיינונג פון אנדערע. אונזערע דערגרייכונגען זיינען פארמולירט געווארן קורץ און שארף אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. אין דעמדאזיגען בוך, איך וואלט עס אנגערופן אונזער איצטיגער «ספר הדאגות» — וואס איז דערשינען איצט, אזוי ווי ספעציעל צום פערציג־יעריגן יובילײ פון דער ציוניסטישער ארגא־ניזאציע, ווערט געזאגט: «די נאציאנאלע היים איז שוין נישט מער קיין עקספערימענט». מעגן מיר זיך באציען צום תכליתדיגן טייל פונם באריכט ווי עס זאל נישט זיין, אבער איינס מוזן מיר מודה זיין: אזא דעקלאראציע וועגן ציוניסטישן אויפבוי־ווערק איז פאר אונז זייער וויכטיג, אזוי ווי עס איז פאר אונז וויכטיג דער פארשלאג, אז דער ענין וועגן דער פראיעק־טירטער אידישער מדינה זאל באשטעטיגט ווערן דורך אַן אָפמאך צווישן גרויס־בריטאניע און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. מעג אונזער פראקטישע באציאונג צום פלאן גופא פון דער פראיעקטירטער אידישער מדינה זיין וועלכע נישט איז, — אבער עס דארף אויף א האָר נישט פארטושט ווערן אונזער גרויסע פאליטישע דערגרייכונג; די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז אנערקענט אלס פאליטישער פאקטאר, וואס אין זיינע הענט געפינט זיך דער שטעמפל פון אידישן פאלק אונטערצוחתמענען אינטערנאציאנאלע אפמאכן. אונז, די טרייע היטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז דערדאזיגער פאקט זייער טייער און מיר ווייסן אויך, אז מיר האבן א נישט קליינעם חלק אין דער אָפהיטונג און פלעגונג פון דער הערצלישער שאפונג ביז איר דערגרייכן דידאזיגע מדרגה. מיר האבען תמיד אפגעהיט די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאַציע. במשך די דרייסיג יאר פון אונזער אקטיוויטעט זיינען געווען און זיך געביטן אין דער ציוניסטישער ארגאני־זאציע אויפשטייג־תקופות און ירידה־תקופות, נישט איין מאל האבן זיך באוויזן שפאלטן אין איר מויער. עס זיינען געווען מאמענטן פון אפשפאל־

טונגען און אנטלויפענישען און אונטערגראבונגען, — אבער מיר האבן טייער געהאלטען און אָפּגעהיט די שאפונג סיי אין אויפשטייג־תקופות און סיי אין ירידה־תקופות. מיר זיינען די גאנצע צייט געשטאנען אויף דער וואך פון איר עקזיסטענץ, פון איר פולער נאציאנאלער קראפט און העגעמאָניע.

יא, אונזער ראָל אין ציוניזם איז א גרויסע און א וויכטיגע. און — דערגרייכט האבן מיר עס נישט מיט ווערטער און פאדערונגען פון אנדערע, נאר, ווי געזאָגט, מיט שווערער אומאויפהערלעכער מי פון זינט דער צווייטער עליה ביזן לעצטן טאג פון יעדערן פון אונז, — ביזן לעצטן טאג פון זאב טשלענאָוו, דעם זון פון ציוניסטישן פירער, וועלכער איז איצט געפאלן בעת דער ארבעט, און משמר העמק׳ און וואס זיין קורץ לעבן האט באשיינט דעם אָנדענק פון זיין גרויסן פאָטער.

אויך איצט, אין טעג פון שוועריגקייטן, פון געראנגל און פון בלוט־יסורים, טראגן מיר די לאסט פון אונזער אנטשיידנדיגער ראָל: אויפן וועג צום צוואנציגסטן קאנגרעס האבן מיר ווידער געוועקט דאס פאלק, מיר האבן פארטריבן די שוואכקייט און דערשלאגנקייט, מיר האבן קאנצענטרירט ארום קאנגרעס הונדערטער טויזנטער קלאַפּנדע הערצער; און אין ארץ־ישראל האבן מיר די הבלגה־דיסציפלין געקרוינט מיט אַן אקטיוויסטישער, באנייענדער טאַט, — מיט דעם אויפבויען און דעראבערן נייע פונקטן אין פארשידענע טיילן ארץ־ישראל, וועלכע וועלן אונז דינען אלס פאזיציעס צום אויסברייטערן די גרעניצן, צום אויסברייטערן דעם מאסשטאב פון אונזער קאלאניזאציע.

וועלנדיג אונטערציען א סך־הכל אונטער דער טעטיגקייט פון די דרייסיג יאר, דארפן מיר זאגן: אין פארלויף פון אט דער צייט האבן מיר געגעבן דעם ציוניזם — די פארווירקלעכונג; דער יוגנט האבן מיר געגעבן א באנייענדן אינהאלט אין לעבן — דעם חלוציזם, און דער אידישער אר־בעטער־באוועגונג האבן מיר געגעבן א רעאלן שטיצפונקט — דעם פאקטישן אידישן ארבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכער שאפט יסודות און קעמפט פאר דער פארשענערונג און פארבעסערונג פון לעבן.

די איצטיגע באראטונג, אין וועלכער עס זיינען פארטרעטן די פאר־אייניגטע כוחות פון אונזער באוועגונג און וועלכע פארטרעט א באדייטנדן טייל פון אידישן פאלק און פון ציוניזם, איז א פאָרזעצונג פון יענעם אָנ־הויב, וועלכן עס האבן געמאכט די ערשטע פיר ארץ־ישראלדיגע ארבעטער־דעלעגאטן אויפן אכטן קאנגרעס אין האַג.

מיר קוקן מיט גרויס שטאלץ אויף דער פארגאנגנהייט, אבער מיט א סך ציטער אויף דער צוקונפט. וואס וועט זי אונז ברענגען, די צוקונפט? דער ציוניזם איז שוין נישט מער בלויז א שטרעבונג און א אידעאל, — ציוניזם איז איצט א ווירקלעכקייט, וואס איז דורכגעזאַפּט מיט שוועריגקייטן, מיט דערפאלגן און אויך מיט לויערנדע סכנות. אויף דעם יובליי־קאנגרעס שטייען מיר פאַר זייער א שווערער דילעמע: מיר וועלן דארפן דעצידיר

וועגן אן ענין, וואס באריט דעם יסוד־היסודות פון ציוניסטישן אידעאל, און ארום וועלכן עס האט זיך שוין צעפלאקערט א שווערער מיינונגען־ און איבערצייגונגען־קאמף. דער איצטיגער קאנגרעס וועט זיין זייער א וויכטיגער אבער אויך זייער א שווערער. אונזער פראקטיש וועט דארפן באנוצן די גאנצע פעאיגקייט פון אונזער באוועגונג און איר גרויס אחריות־געפיל, כדי צו געפינען א פּאַסיגן אויסוועג. איינס דארף אבער זיין קלאר: מעגן די קאנגרעס־רעזולטאטן אין ענין חלוקה און מדינה־פּלאן זיין ווי זיי זאלן נישט זיין, — אונזער בעראטונג וועט זאָרגן אייגצוהיטן די געאייניגטקייט פון אונזער באוועגונג אין ציוניזם און אויך די גאנצקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע.

אויפן סדר־היום פון אונזער איצטיגער בעראטונג שטייט אויך די פראגע וועגן אונזער באוועגונג און וועגן דער טעטיגקייט פון אונזער וועלט־פאראייניגונג אין חוץ־לארץ אין דער נאענטער צייט. די לאגע אין ארץ־ישראל, דער קריזיס אין דער עליה און דער אידישער חורבן אין חוץ־לארץ האבן גורם געווען שווערע סיטואציעס אין אונזער באוועגונג. די פראגע וועגן באפעסטיגן די יסודות פון דער באוועגונג אין די גלות־לענדער האט אונז באשעפטיגט אויף דעם צוזאמענקום בעת דעם 19־טן קאָנגרעס און, דער עיקר, אויף דער פאראיאָריגער בעראטונג אין גענף. פאר צוויי יארן האבן מיר געפונען פאר נויטיג אריבערצופירן קיין ארץ־ישראל די אָנפירונגס־אינסטאנץ פון אונזער באוועגונג, כדי מיר זאלן קענען צוציען צו דער ארבעט די ארץ־ישראלדיגע כוחות און די אלע טוער, וועלכע האבן זיך דארט קאנצענטרירט. מיר האבן געמאכט פארשידענע פרווון און באמיאונגען צו ארגאניזירן אונזערע כוחות אין אלע לענדער. מיט דער הילף פון די חברים אין ארץ־ישראל, מיט דער טרייער הילף פון אונזער ארץ־ישראלדיגער פארטיי — מפלגת פועלי ארץ־ישראל — האבן מיר טראץ די איצטיגע שווערע באדינגונגען באוויזן אויפצובורענגען אין ארץ־ישראל מיטלען און מעגלעכקייטן פאר דער אויסברייטערונג פון אונזער טעטיגקייט אין חוץ־לארץ. עס זיינען פונדאסנייי איינגעשטעלט געווארן ענגע באציאונגען מיט די טיילן פון דער באוועגונג אין אלע לענדער.

אבער איצט זיינען אקטועל נייע פראגן: נישט בלויז די ארבעטס־פעאיגקייט און ארבעטס־מעגלעכקייט, נאר דער עצם־אינהאלט פון אונזער באוועגונג אין חוץ־לארץ ביי היינטיגן טאג. די פראגן זיינען אנטשטאנען אלס רעזולטאט פון די שווערע ענדערונגען, וועלכע זיינען אינצווישן פּאָר־געקומען אין די באדינגונגען פון אידישן לעבן אין גלות. עס זיינען אויפ־געשוואומען ביטער־שווערע פראבלעמען, ווייל דאס גלות־לעבן איז ווידער געווארן זייער שרעקלעך און די אידישע קיבוצים זיינען ווידער געווארן געטא־געפאנגענע. די פּאַרדרענגונג, די דערנידעריגונג און דער טעראר פליסן פון לאנד צו לאנד און זיי דראָען אונטערצושווענקען און

אומצוברענגען אלץ, אפילו די עקזיסטענץ־רעכט אין די געטא־מויערן. די ראסן־שנאה וואקסט כסדר און עס ווערן בטל אלע אונזערע רעכט, — אונזערע רעכט צו עקזיסטירן, צו ארבעטן, און... אויך צו זעלבסטשוץ.

פאַרנדיג אהער האב איך איבערגעלייענט א ידיעה וועגן א פאגראם אין איינער א שטאט, וואו מען האט בעת־מעשה גערופן די אָנפירער פון דער אידישער קהלה און מען האט זיי אָנגעזאָגט, אז די אידן טאָרן זיך נישט שיצן. אבער אין דערזעלבער ווילע האב איך איבערגעלייענט נאך עפעס, ווידער אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, אז «דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז בכוח ארויסצושטעלן אויפן קאמפס־פעלד צענדליגער טויזנטער באוואפנטע». איבערלייענענדיג אט דיביידע פאקטן בין איך איבערראַשט געווארן אין אָנבליק פון דער שרייענדיגער סתירה אין אונזער איצטיגן מצב: פון איין זייט — א «נייע מסדה» און פון דער אנדערער — בריסק דליטא!.. מיר זיינען אבער א איינהייטלעכע באַוועגונג, וואס נעמט אין זיך אריין סיי נײַ־מסדה און סיי בריסק דליטא. דער זין פון אט דער באוועגונג און איר אויפגאבע אין פאלק פארלאנגען פון איר פירערשאפט צו רעאגירן ווי געהעריג אויף אלע דערשיינונגען און אפצושאפן די שרייענדיגע סתירה. אט דא שטעקט די פראגע וועגן דעם אינהאלט פון אונזער באוועגונג אין גרויליגע צייטן פון דערנידעריגונג און אנגרייפונג אין גלות.

אונזער בעראטונג קומט זיך צונויף אין צייכן פון אט דער איצטיגער צייט, און זי דארף פעסטשטעלן א טעטיגקייטס־ליניע אויף ווייטער פאר אונזער אנטוויקלונג און איינווארצלונג אין ארץ־ישראל, און פאר זעלבסטבאשיצונג און איינהיטונג פון אונזער מענשלעכער ווירדע אין חוץ־לארץ.

מיר שטייען איצט פאר שווערע מאמענטן און שווערע פראבלעמען סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין חוץ־לארץ. אויך אונזער באוועגונג מאכט דורך שווערע איבערגאנגס־שטופעס. אבער גרויס זיינען די מעגלעכקייטן פון אונזער באוועגונג. אין טעג פון געפאַרן, פון פאָדערונג צו אקטיוויטעט, ווייזן זיך ארויס דידאזיגע מעגלעכקייטן אין נייע און באנייענדע מעשים.

און מיר קענען אין איצטיגן מאמענט אויפטון פארן ציוניזם און פארן פאלק בכלל, ווייל גרויס איז אונזער גלויבן אין דער באוועגונג און אינם כוח פון דער יוגנט, וועלכע איז דער מקור און דער יסוד פון אונ־זער באַוועגונג.

און מיט דעמדאזיגן גלויבן עפענען מיר אונזער בעראטונג.

ב. לאָקער

די אנטוויקלונגס־שטופן פון דער באוועגונג

אונזער באראטונג דארף זיין געווידמעט די קאנקרעטע פראגן און דאגות פון היינט, און מיר האבן נישט קיין צייט און נישט קיין שטימונג פאר זכרונות און היסטארישע אפשאצונגען. אבער ס'ווילט זיך נישט איג־נאָרירן אינגאנצן דאס באדערפעניש צו פארצייכענען עטלעכע וויכטיגע דאטעס אין דער אנטוויקלונג פון אונזער באוועגונג, אין וועלכע מיר דערמאנען זיך, ווילנדיג־נישט־ווילנדיג, אינם איצטיגן מאמענט. אין דעם זין וויל איך קורץ דערגענצן שפרינצאקס עפענונגס־ווערטער.

די געשיכטע פון אונזער באוועגונג גייט כמעט פאַראַלעל מיט דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באוועגונג בכלל און פון דער ארבעטער־באוועגונג אויף דער אידישער גאס. איך וועל נישט צוריקגיין דאסמאל צו דער פאָר־געשיכטע, הגם אויך דא געפינען מיר זייער וויכטיגע און אינטערעסאנטע פאראלעליזמען, פון וועלכע מיר קענען א סך לערנען וועגן דעם אָרגאנישן צוזאמענהאנג צווישן די אידייען פון סאציאלער באפרייאונג און נאציאנאלער אויפלעבונג אינם אידישן לעבן פאר 1897. דאסמאל וויל איך נאר פעסטשטעלן, אז די סאציאליסטישע ריכטונג אין ציוניזם האט זיך באוויזן כמעט פונם ערשטן מאמענט אן. שוין אויפן ערשטן קאנגרעס האבן זיך באטייליגט ד״ר שאול רפאל לאנדא פון ווין, וועלכער איז אויפגעטרעטן — אמת, בלויז פאר א קורצער צייט — אלס א סאציאליסטישער ציוניסט, און ד״ר דוד פארבשטיין, אין וועמענס רעפעראט איבערן «אידישן עקאנאמישן לעבן» ס'ווערט אונטערגעשטראכן, אז דער ציוניזם איז «נישט בלויז א נאציאנאלע נאר אויך א סאציאל־פאליטישע, א ווירטשאפטלעך־רעפארמאטארישע באוועגונג», וועלכע וויל «אין ארץ־ישראל נישט נאר שאפן א אידישע געזעלשאפט, נאר אויך דורכפירן א פאראנדערונג פונם עקאנאמישן לעבנס־אופן פון די אידן, מאכן פונם אידישן פאלק פון האנדלס־קרעמער און קליינע בעלי מלאכות, א לאנדווירטשאפטלעך און אינדוסטריעל ארבעטנדיג פאלק».

אין 1898 איז דערשינען סירקינס ארטיקל «די אידנפראגע» אינם ווינער זשורנאל: «דויטשע וואָרטע»; אביסל שפעטער איז דער ארטיקל ארויס אלס בראשור אונטערן טיטל «די אידנפראגע און דער סאציאליסטישער אידן־שטאט». אינם קאנגרעס פון 1898 באטייליגן זיך אייניגע סאציאליסטן, צווישן זיי נחמן סירקין און בערנארד לאזאר. אין דעמדאזיגן יאר ווערט גע־גרינדעט דער ערשטער פאראיין אונטערן נאמען פועלי־ציון אין מינסק. אין ווין דערשיינט די חודש־שריפט אין דייטש: «דער אידישער ארבעטער», ארויסגעגעבן פון ד״ר ש. ר. לאנדא (נישט צו פארבייטן מיטן «אידישן ארבעטער», וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1903 אלס דער ארגאן פון די פועלי־ציון, וועמענס רעדאקטאר שלמה קאפלאנסקי געפינט זיך צווישן

אונז). דערמיט האט זיך אנגעהויבן דער גרינדונגס־פעריאד פון דער ציוניס־טיש־סאציאליסטישער באוועגונג, וועלכער איז פול מיט אידעאלאגישע זוכענישן און ארגאניזאטארישע פרובן. אין דערדאזיגער צייט פאלן אויך אויס די ערשטע אנהויבן פון דער צעירי־ציון־באוועגונג, וואס האט זיך קאנסאלידירט ערשט בעת דער וועלט־מלחמה און די קורץ־לעבעדיגע באַוועגונג פון ניי־בילו, וועלכע קען באטראכט ווערן אלס פאָרלויפער פון דער החלוץ־באוועגונג, און – אחרון, אחרון חביב: די צווייטע עליה. דער גרינ־דונגס־פעריאד קען באטראכט ווערן פאר פארענדיגט אין די יארן 1905—1907, מיט דער ענדגילטיגער קאנסטיטואירונג פון די פועלי־ציון־פארטייען אין רוסלאנד, עסטרייך, אמעריקע און פון די צוויי ארבעטער־פארטייען: הפועל־הצעיר און פועלי־ציון אין ארץ־ישראל.

1907 איז א העכסט וויכטיגער מיילנשטיין אין דער אנטוויקלונג פון דער באוועגונג. ס׳איז שוין דערמאנט געווארן, אז אין דעם יאר האט זיך צום ערשטן מאל באוויזן אויפן ציוניסטישן קאנגרעס (אין האג) אן ארבעטער־דעלעגאציע פון ארץ־ישראל. ציוניסטיש־סאציאליסטישע דעלעגאטן פון אנדערע לענדער זיינען שוין געווען אויף פריערדיגע קאנגרעסן. אבער ערשט 1907 זיינען זיי ארויסגעטראטן אלס אן איינהייטלעכע פראקציע. און אין צוזא־מענהאנג מיטן קאנגרעס איז אפגעהאלטן געווארן אין האג די קאנסטיטו־אירנדיגע ערשטע וועלט־קאנפערענץ, וועלכע האט פראקלאמירט די גרינדונג פונם וועלט־פארבאנד פועלי־ציון.

עטלעכע חדשים פריער, אין מערץ 1907, איז איבערגעגעבן געווארן דער מעמאראנדום פון די פועלי־ציון־פארטייען אין רוסלאנד, עסטרייך און אמעריקע צום אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן ביורא וועגן זייער ווילן, זיך אנצושליסן דעם אינטערנאציאנאל.

ס׳האם געדויערט צען יאר, און בתוכם די וועלט־מלחמה און די רוסישע רעוואלוציע, ביז מיר זיינען אין 1917 צום ערשטן מאל אפיציעל גערופן געווארן צו אן אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנפערענץ אין שטאָקהאָלם. ווי באקאנט, איז די קאנפערענץ נישט צושטאנד געקומען צוליב די שטערונגען, פאליטישע און אפילו פיזישע (נישט לאזן פאָרן די דעלעגאטן) מצד א רייע רעגירונגען. אבער אין דער געשיכטע פון אינטער־נאציאנאלן סאציאליזם פארנעמט דידאזיגע נישט צושטאנד־געקומענע קאנ־פערענץ א וויכטיגן ארט, אלס ערשטער פרוב פון א ברייטן היקף, צו מאביליזירן די סאציאליסטישע כוחות פון אלע לענדער צום קאמף פארן שלום אויפן יסוד פונם דעמאקראטישן זעלבסט־באשטימונגס־רעכט פון די פעלקער. און אינם שלום־פראגראם, וואס עס האט דאמאלט פראקלאמירט דער האלענדיש־סקאנדינאווישער סאציאליסטישער קאמיטעט זיינען אריינגע־גאנגען אויך די פאדערונגען פון דער פועלי־ציון־דעלעגאציע איבער דער אידישער פראגע: בירגערלעכע גלייכבארעכטיגונג, נאציאנאלע אויטאנאמיע אין די גלות־לענדער און פרייע איינוואנדערונג און קאלאניזאציע אין ארץ־

ישראל. אין דעמדאזיגן יאר זיינען אויך צו פארצייכענען צוויי וויכטיגע אינערלעכע דאטעס: דער גרינדונגס־צוזאמענפאר פון דער פאלקס־פראקציע צעירי־ציון אין רוסלאנד און די גרינדונג פונם החלוץ.

די ווייטערע אויסערלעכע געשעענישן זיינען מער אדער ווייניגער באקאנט אויך דעם אינגערן דור אין דער באוועגונג. אין 1920 איז די פועלי־ציון־באוועגונג געטראפן געווארן פונם גלייכן גורל, ווי די מיינסטע סאציאליסטישע פארטייען אין דער וועלט: זי האט זיך געשפאלטן. דאמאָלס זיינען מיר געבליבן אין דער מינאריטעט. אבער די געשיכטע האט אונז געגעבן רעכט. ווי ס׳זעען אויס די כוחות־פארהעלטנישן היינט, איז באקאנט.

ס׳איז נישט קיין צופאל, וואס אינם יאר פון אונזער שפאלטונג איז געגריינדעט געווארן די הסתדרות — וואס האט צום ערשטן מאל ארומגענומען אלע ארגאניזירטע ארבעטער אין ארץ־ישראל. דערמיט האט זיך דורכגעזעצט די טענדענץ צו א פולערער אייניגונג אין לאנד און אין חוץ־לארץ, וואס אין איר נאמען האבן זיך שוין פריער געהאט פאראייניגט די פועלי־ציון־פארטיי מיט גרויסע טיילן פון דער ארבעטער־באוועגונג אין לאנד אין דער «אחדות־העבודה». פון דאַמאלס אָן איז ארץ־ישראל געגאנגען אין דער שפיץ פון דעם פאראייניגונגס־פראצעס. און זינט דער פאראייניגונג פונם וועלט־פארבאנד פועלי־ציון מיט דער צ. ס. באוועגונג אין ווין 1925 האָט דער פראצעס זיך אלץ מער און מער געשטארקט, ביז ס׳איז אין 1930 פארגעקומען די פאראייניגונג פון אחדות־העבודה און הפועל־הצעיר אין ארץ־ישראל און אין 1931 אונזער וועלט־פאראייניגונג אין דאנציג. נאך איז דער פראצעס נישט אינגאנצן אפגעשלאסן. נאך באשטייען אין געוויסע לענדער (דערונטער פוילן) צוויי פארטייען, וואס האלטן זיך פאר טיילן פון אונזער וועלט־באוועגונג, נאך זיינען פאראן ציוניסטיש־סאציאליסטישע כוחות, וואס שטייען מחוץ פון אונזער וועלט־פאראייניגונג. אבער ס׳איז נישטא קיין שום ספק, אז דער פראצעס וועט נישט איבערגעריסן ווערן ביז זיין פולער פארווירקלעכונג.

און אזוי קוקן מיר צוריק אויף כמעט 40 יאר פון זוכענישן, פון קאמף און פון ארבעט. מיר זיינען געבוירן געווארן ווי רעבעלן, מיר האבן רעוואלטירט קעגן צוויי גרויסע באוועגונגען, וואס זיינען ארויסגעוואקסן אין איין צייט אויס די גלייכע היסטארישע ווארצלען און האבן זיך באטראכט אלס געגנזאצן. ביידע באוועגונגען האבן געקוקט אויף אונז מיט חשד און איראניע, און אפילו מיט ביטערער שנאה, ווען מיר האבן געזאגט, אז סאציאליזם און ציוניזם זיינען נישט בלויז נישט קיין געגנזאצן, נאר אז פאר אונז זיינען זיי א סינטעז, נאכמער: אן אייגהייט. מיר שטייען אויף ביידע פראנטן נאך אינמיטן קאמף. אבער ווי ווייט זיינען מיר שוין פון יענע אנהויב־צייטן!

מיר האבן געמאכט די ארבעטער־באוועגונג פארן פירנדן כוח אינם ציוניזם, מיר האבן געמאכט דעם ציוניזם פארן וויכטיגסטן פארווירקלעכונגס־פעלד פונם סאציאליסטישן געדאנק אינם אידישן לעבן. און מיר האבן

דורכגעבראכן דעם מויער פון אומפארשטענדניש און געגנערשאפט אינם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל — הגם אויך דארט איז נאך דא א מינא ריטעס וואס ווערט באאיינפלוסט פונם אנטי־ציוניזם אויף דער אידישער גאס.

אבער וויכטיגער פון די אויסערלעכע דערפאלגן זיינען די מעשים, וואס האבן זיי מעגלעך געמאכט. חלוציזם, פארווירקלעכונג — דאס איז זינט די טעג פון דער צווייטער עליה דער הויפט־קוואל פון אונזער כוח. אבער אויך אין דער באטייליגונג אינם רעוואלוציאנערן קאמף אין רוסלאנד, אין דער אנפירנדיגער ראלע וואס מיר האבן געשפילט אינם קאמף פאר נאציא־נאלע רעכט אין עסטרייך, אינם קאמף פארן אידישן קאנגרעס אין אמעריקע — כדי צו דערמאנען נאר עטלעכע פון די וויכטיגסטע זאכן — האט אונזער באוועגונג אנגעשריבן הערָאישע בלעטער פון איר געשיכטע.

דער איצטיגער היסטארישער מאמענט לייגט אויף אונז ארויף א געוואלדיגע אחריות. און איידער מיר גייען אריבער צו באראטן זיך וועגן די אקטועלע פראבלעמען פון אונזער ארבעט, איז כדאי צו דערמאָנען אַן ערנסטן חוב, וואס ליגט אויף דער באוועגונג כלפי זיך אליין: מיטן «ילקוט אחדות־העבודה» און «פרקי הפועל הצעיר» זיינען געמאכט געווארן וויכטיגע אנהויבן אינם זאמלען און ווידער לעבעדיג מאכן די מאטעריאלן און דא־קומענטן פון אונזער געשיכטע. דידאזיגע אויפגאבע דארף פארברייטערט ווערן אויף אלע צווייגן פון דער באוועגונג אין אלע לענדער. אונזער געשיכטע איז רייך גענוג אין געדאנקען און מעשים, צו געבן אונז מוט און שטארקונג פאר דער צוקונפט און צו באררייכערן אונזער יונגן דור.

דער ארגאניזאציאנעלער צושטאנד פון דער וועלט־באוועגונג

רעפעראט פון מ. ניישטאדט

עס איז נישט לייכט אין דידאזיגע טעג צו קאנצענטרירן די אויפ־מערקזאמקייט אויף די ארגאניזאציאנעלע פראגן פון דער באוועגונג. די געדאנקען זענען אינגאנצן באשעפטיגט מיט די פאליטישע פראבלעמען, וועלכע וועלן אָן ספק אויספילן דעם ציוניסטישן קאנגרעס. עס וועט אבער זיין א גרויסער פעלער פארבייצולאזן די היינטיגע גאר צאלרייכע וועלט־בעראטונג, ביי וועלכער עס נעמען אנטייל דירעקטע פאָרשטייער פון מער ווי 20 לאנד־פארטייען און ארגאניזאציעס. אָן אַן ערנסטן דורכשמועס מכח אונזער ארגאניזאציאנעלן מצב. אונזער באוועגונג נעמט איצט ארום גאר גרויסע מאסן. אונזער טעטיגקייטס־געביט זיינען צענדליגער לענדער, אין פארשידענע וועלט־טיילן, מיט די פארשידנסטע באדינגונגען פאר פארטיי־אישער ארבעט. אונזערע ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען זענען גאנץ אייגנ־אַרטיגע, א סך קאָמפליצירטער ווי אין וועלכער נישט איז אנדערער סאציא־ליסטישער פארטיי אדער אפילו אנדערער אידישער ארגאניזאציע. מיר

קענען אין ארגאניזאציע־פראגן פון קיינעם נישט נעמען קיין ביישפיל און מוזן זיך אויסטרעטן אַן אייגענעם וועג. זיינען מיר, בכן, נאך מער ווי יעטוועדע אנדערע באוועגונג פארפליכטעט צו שענקען אסך אויפמערקזאמ־קייט אונזערע ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען. מיר טוען עס אבער, ליידער, זייער זעלטן. דארפן מיר לכל הפחות וויסן, אז דאס ברענגט אויך מיט זיך נעגאטיווע רעזולטאטן.

א) אין ליכט פון די לעצטע קאנגרעס־וואלן

ווענדיג אין איצטיגן מאמענט זיך באקענען מיט אונזער ארגאני־זאציאנעלן מצב איז פארשטענדלעך, אז מיר רעכענען זיך מיט די נאָר־וואס פארגעקומענע וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס. נאטירליך זענען די מאסן, וועלכע זאמלען זיך ארום אונז בעת די וואלן אָן אַ פארגלייך פיל גרעסער ווי די צאל חברים, וועלכע זענען ארגאניזאציאנעל פארבונדן מיט אונזערע פארטייען. פונדעסטוועגן גיבן דאך די רעזולטאטן פון די קאנ־גרעס־וואלן א געוויסן מאסשטאב צו אונטערזוכן דעם ארגאניזאציאנעלן צו־שטאנד פון אונזערע לאנד־פארטייען און מיר קענען באקומען א מער־ווייניג ריכטיג בילד.

היי־יאר זענען אין א גרויסער צאָל לענדער נישט פארגעקומען קיין וואלן, נאר די פארטיילונג פון די מאנדאטן איז פארגעקומען אויפן יסוד פון א הסכם. עס איז דעריבער שווער צו פארגלייכן אין וועלט־מאס־שטאב די צאל שטימען, וועלכע מיר האבן באקומען צום נייַנצנטן קאנ־גרעס מיט דער צאל שטימען, וועלכע מיר האבן דאסמאל באקומען. עס איז אבער קלאר, אז טראָץ דעם באדייטענדן צוריקגאנג פון דער צאל פון אונזערע שוקלים אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער (פוילן, מזרח־גאלי־ציע, ליטע) אין רעזולטאט פונם אלגעמיינעם צוריקגאנג פון דער צאל שקל־צאלער אין די דאזיגע לענדער, איז בדרך כלל נישט באדייטנד קלענער געווארן די צאל פון אונזערע ווייַלער. דער אויסגלייך איז געקומען א דאנק דעם וואוקס אין ארץ־ישראל, צפון־אמעריקע און אנדערע קלענערע לענדער (פראנקרייך, האלאנד, ארגענטינע א. א. וו.) די ליסטע פונם ארבע־טענדן ארץ־ישראל האט באקומען איבער 200.000 שטימען פון די 400.000 וועלכע זיינען בכלל אפגעגעבן געווארן אין די לענדער. אין וועלכע עס זיינען פארגעקומען וואלן. צום 19־טן קאנגרעס זיינען אפגעגעבן געווארן 632.000 שטימען און די ליסטע פון ארבעטנדן ארץ־ישראל האט באקומען 317.000 שטימען. אבער צו די לענדער אין וועלכע, אויך צום 19־טן קאנ־גרעס זיינען נישט פארגעקומען קיין וואלן, זיינען דאס מאל נאך צוגעקו־מען אזעלכע לענדער ווי מזרח און מערב גאליציע, ליטע, ענגלאנד, בעל־גיע, עסטלאנד—אין די דאזיגע לענדער האבן מיר ביי די וואלן צום 19־טן קאנגרעס באקומען נאענט צו 80.000 שטימען.

פון דער אלגעמיינער צאל 484 דעלעגאטן וועלן זיין אויפן קאנ־

גרעס 225 דעלעגאטן פון ארבעטענדן ארץ־ישראל פון 28 לענדער. פון די 225 דעלעגאטן פונם ארבעטענדן א״י וועלן זיין 202 פארטיי־חברים פון 27 לענדער און 23 דעלעגאטן פון השומר הצעיר.

און עס זאל קלאר אונטערגעשטראכן ווערן: אויב די צאל געוויילטע דעלעגאטן צום ציוניסטישן קאנגרעס איז נאך גרעסער ווי צום 19־טן, 484 במקום 463, איז עס קודם כל אדאנק דער אנשטרענגונג פון אונזער באוועגונג ביי דער שקל־אקציע. בעת מיר וועלן שפעטער הערן וועגן דעם מצב אין די לענדער, וועלן מיר ערשט קענען רעכט אפשאצן, וואס עס מיינט אין היינטיקן צושטאנד פון עקאנאמישן רואין פאר די אידישע מאסן, פון פאליטישער רעאקציע און אנטיסעמיטישע רדיפות, פון פסיכאלאגישער נידערשלאגנקייט, פון פאליטישע שוועריקייטן פארן ציוניזם און פון פארמאכטע טויערן פאר דער עליה קיין א״י, — וואס עס מיינט אין אזא מצב אדורכצוברעכן די וואנט פון אפאטיע און מאביליזירן הונדערטער טויזנטער מענשן פארן געדאנק פון ארבעטענדן א״י. אפטמאל איז די גאנצע לאסט פון אדורכברעכן די וואנט פון אפאטיע געלעגן נאר אויף אונזערע פארטייען.

ב) דער וואוקס אין די מערב־אייראפעאישע לענדער

אין ליכט פון די נאר־וואס פארגעקומענע וואלן קענען מיר איינטיילן די באוועגונג אין עטלעכע לענדער־גרופן: מערב־אייראפעאישע לענדער; מזרח־אייראפעאישע לענדער; לענדער פון אפענעם פאשיסטישן רעזשים; צפון אמעריקע; דרום־אמעריקע און דרום־אפריקע. די לאגע אין די פארשידענע לענדער־גרופן איז נישט גלייך. אין די מערב־אייראפעאישע לענדער קענען מיר פארצייכענען א שיינעם אויפשוואונג פון דער באוועגונג. גראד אין די לענדער, אין וועלכע מיר האבן אסך יארן נישט געקאנט קומען פאראויס און מיר האבן זיך תמיד אנגעשטויסן אויף באזונדערע שוועריקייטן, זעען מיר אין דעם איצטיקן שווערן יאר א שטארקונג פון אונזערע פארטייען. אונזער וואוקס פירט איבעראל צו א באדייטנדן וואוקס פון די ציוניסטישע כחות בכלל. אַט, למשל, אין פראנקרייך. די צאל שוקלים איז היי־יאר דארט געשטיגן מיט 50 פראצ. אין פארגלייך צום 19־טן קאנגרעס. אונזער ליסטע האט דארט באקומען 2 פון די 3 קאנגרעס־מאנדאטן. אונזער פאזיציע אין אידישן לעבן איז לעצטנס דאָרט באדייטנד געשטארקט געווארן. אין האָלאנד איז די צאל שקל־צאלער געשטיגן מיט 25 פראצ. מיר האבן באקומען 30 פראצ. פון אלע שטימען (אין אמסטערדאם גופא האט אונזער ליסטע באקומען אַן אבסאלוטע מערהייט). ווער עס קען די פארהעלטנישן אין האלאנד און איז באקאנט מיט דעם קאמף, וועלכן די בירגערלעכע ציוניסטן פירן דארט קעגן אונזער פארטיי, וועט פארשטיין די באדייטונג פון דעמדאזיגן רעזולטאט. אין ענגלאנד זיינען קיין וואלן נישט פארגעקומען. פון די 2 מאנדאטן, וועלכע ענגלאנד באקומט דאס מאל מער ווי צום 19־טן קאנגרעס, איז

איינער באשטימט געווארן פאר אונזער פארטיי. דאס איז נישט קיין צופאל. אונזער פארטיי פירט דארט אין לעצטן יאר א פארשטארקטערע ארבעט און איר וואוקס וואלט ביי וואלן אָן א ספק געקומען צום אויסדרוק. דערמיט זאל נישט געזאגט ווערן, אז אין די מערב־אייראפעאישע לענדער איז שוין פארטייאיש אלץ אין דער בעסטער ארדנונג. זיכער נישט. בפרט אין ענגלאנד און אין פראנקרייך איז נאך פאראן גאר א סך צו טון ביז אונזערע פארטייען וועלן דארט פארנעמען דעם ארט, וועלכן זיי דארפן או קענען פארנעמען. עס איז אבער דארט בולט א פארגרעסערטע אקטיוויטעט פון דער באוועגונג, די פארטיי שורות זענען צָאלמעסיג גרעסער געווארן; עס זיינען צוגעקומען נייע עלעמענטן, צו וועלכע מיר האבן א לאנגע צייט נישט געהאט קיין צוגאנג און מיר האבן אויך באוויזן צו גיין פארווערטס אויפן געביט פון יוגנט־ארגאניזירונג.

ג) אין מזרח-אייראפע

אנדערש איז די לאגע אין מזרח־אייראפע. מיר האבן אין די פריערדיגע יארן און אויך היינט נישט קיין גענויע ציפערן וועגן אונזער ארגאניזאציאנעלן כוח אין דידאזיגע לענדער. עס איז קלאר, אז צווישן אונזערע 210.000 שקל־צאלער צום נייַנצנטן קאנגרעס, אין פוילן, מזרח־גאליציע און ליטע איז א גרויסער טייל נישט געווען מיט אונז פארבונדן ארגאני־זאציאנעל. די צאָל פון אונזערע שקל־צאָלער אין די דאזיגע דריי לענדער, איז דאסמאל קלענער געווארן מיט 70.000 (די אלגעמיינע צאל שקל־צאלער אין דידאזיגע דריי לענדער איז געפאלן מיט ארום 150.000). עס איז אנצונעמען, אז דער גרעסטער טייל פונם צוריקגאנג גייט אויפן חשבון פון אונזער פעריפעריע. עס זאל אבער נישט געלייקנט ווערן, אז א טייל דער־פון גייט אויך אויפן חשבון פון אונזער ארגאניזאציאנעלער אפשוואכונג אי דידאזיגע לענדער. אמת פון דער ארגאניזאציאנעלער אפשוואכונג האבן נישט אזוי שטארק געליטן דירעקט די פארטיי־ארגאניזאציעס, נאר בעיקר די אנדערע ארגאניזאציעס פונם ארבעטנדן א״י — החלוץ, העובד, ליגעס פארן ארבעטענדן א״י, אין וועלכע די פארטיי האט די גרעסטע השפעה. דאס ענדערט נישט די ערנסטקייט פון דער לאגע און פארקלענערט נישט די שוועריגקייטן אין וועלכע מיר געפינען זיך.

מיר ווייסן אויך, אז וואס נוגע ליטע, למשל, האט דער צוריקגאנג אסך מערער געטראפן די אנדערע פארטייען ווי אונזער מחנה. וואס נוגע ווידער מזרח־גאליציע, וואו דער צוריקגאנג איז דער גרעסטער, ביז אויף א העלפט פון דער פארצוויי־יאריגער צאָל, איז בכלל די צאל שקלים, וועלכע זיינען פארשפרייט געווארן צום נייַנצנטן קאנגרעס געווען עטוואס איבערנאטירלעך הויך (129.000 שקלים ביי א יידישער באפעלקערונג פון ווייניגער ווי 600.000 נפשות). בעת דאס איז דאך נישט ווי אין א״י קיין געשלאסענער ציוניסטיש געשטימטער ישוב. אין פוילן איז אבער דער פראצענט פון אונזערע שקל־צאָלער געפאלן פון 58% ביז 54%.

עס איז נישט פאראן קיין אויסזיכט, אז די לאגע אין די מזרח־אייראפעישע לענדער וועט זיך אזוי גיך ענדערן צום גוטן. מוזן מיר זיך ערנסט פארטראכטן ווי אזוי צו פירן די ארבעט אין די פאראנענע באדינגונגען. די מענטשן, וועלכע זענען פריער געגאנגען מיט אונז, זענען נישט אריבער אין קיין אנדערער פארטיי, זיי זיינען אויך נישט פארשוואונדן. אויב דער „בונד״ איז אין פוילן שטארקער געווארן, איז עס נישט אויפן חשבון פון די טויזנטער, וועלכע האבן דאָסמאל נישט געקויפט קיין שקל. די סיבות פון אונזער צוריקגאנג זיינען: די מוראדיגע עקאנאמישע נויט; די פארשטארקטע רעאקציע; די נידערשלאגנקייט און הילפלאזיגקייט, אין וועלכער די יידישע מאסן געפינען זיך. אפאטיע און דעפרעסיע באהערשן ברייטע מאסן. די פארמאכטע טויערן פון א״י; די בלוטיגע אומרועןן אין לאנד; די פאליטישע שוועריגקייטן פון ציוניזם פארגרעסערן נאך די דאזיגע נידערשלאגנקייט. אין אזא צושטאנד איז נאך מער ווי תמיד נויטיג א פארשטארקטערע ארגאניזאציאנעלע ארבעט, כדי צו אקטיוויזירן די מאסן. אונזערע פארטייען אין מזרח־אייראפע מוזן איצט באדייטנד פארברייטערן זייער טעטיקייטס־געביט. אונזערע פארטייען ווערן אלץ מער אויך אין אלגעמיינעם יידישן לעבן וויכטיגע פאקטארן און מען דערוואַרט פון זיי פירנדע אקטיוויטעט אינם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, עקאנאמישער פארניכטונג און רעכטלאזיקייט. מען וואַרט אויף זייער איניציאטיוו ביי גרויסע מאסן־אקציעס. ביי אזא לאגע לאסטעט אויף די פארטייען טאָפּלט שווער דאס פעלן פון די פירנדע חברים אין צענטער און אויף די ערטער, וועלכע זיינען בדרך כלל אָפּגעפארן פון די מזרח־אייראפעישע לענדער קיין א״י אין א פיל גרעסערער צאל ווי פון די לענדער פון מערב־אייראפע און מעבר־לים.

צוליב פארשטענדלעכע טעמים קען מען נישט באריכטן וועגן אונזער ארבעט אין די ריין פאשיסטישע לענדער. עס זאל אבער פעסטגעשטעלט ווערן, אז די אידעאישע קערנער, וועלכע זענען פארזייעט געווארן אין יענע לענדער, זיינען נישט געגאנגען לאיבוד.

ד) אין צפון־ און דרום־אמעריקע

אין צ פ ו ן ־ א מ ע ר י ק ע איז אָן ספק צו פארצייכענען א פארשטארקונג פון דער באוועגונג, הגם פראצענטועל איז אונזער אָנטייל און די וואל־רעזולטאטן דאסמאל קלענער. ביי די וואלן צום ניינצנטן קאנגרעס האבן מיר באקומען ארום 45% שטימען און דאסמאל נאר 36% (אין אבסאלוטע צאלן האבן מיר באקומען בערך 12.000 שטימען מער). עס איז אבער אין א גרויסער מאָס אונזער פארדינסט וואס היי־יאר זענען אין צפון־אמעריקע פארשפרייט געווארן 217.000 שקלים במקום 134.000 מיט צוויי יאר צוריק און אין די וואלן האבן זיך באטייליגט 103.000 ווײלער אנשטאט 55.000 מיט צוויי יאר צוריק. בעת מען האט אנגעהויבן די שקל־אקציע האט קיין שום ציוניסטישע פארטיי, אחוץ אונזערע חברים, נישט געהאט קיין מוט צו פראקלאמירן א באדייטנדע פארגרעסערונג פון דער צאל שוקלים.

אונזער שטארקונג אין צפון־אמעריקע קומט צום אויסדרוק אויך אויף אנדערע געביטן. עס איז פארשטארקט געווארן די פארטיי־ארבעט צווישן די ענגליש־רעדנדיגע און עס ווערט אויך געלייגט א סך אויפמערקזאמקייט אויף דער ארבעט צווישן דער יוגנט. די ארגאניזאציאנעלע שטארקונג קומט צום אויסדרוק אין אלע צווייג־ארגאניזאציעס, וועלכע זענען פארבונדן מיט דער פארטיי.

פון די דרום־אמעריקאנער לענדער איז אין ארגענטינע די צאל שוקלים היי־יאר כמעט פארטאפלט געווארן — פון 6500 אין יאר 1935 אויף אן ערך 11.500 היי־יאר. מיר האבן פריער געהאט איינעם פון די 3 דעלעגאטן און היי־יאר צוויי פון די 5 דעלעגאטן. אויך אין בראזיל איז די צאל שוקלים עטוואס געשטיגן. אונזער פארטיי איז דארט שטארק געשטערט אין איר ארבעט צוליב דעם הערשנדן רעזשים. זי האט אבער אפגעהיטן איר פאזיציע און באקומען די גרעסטע צאל שטימען און איינעם פון די צוויי דעלעגאטן. אין דרום־אפריקע זיינען קיין וואלן נישט פארגעקומען, מיר האבן באקומען 2 דעלעגאטן אין דער אייגהייטלעכער ליסטע, אזוי ווי מיט 2 יאר צוריק. מיר מאכן איצט געוויסע אנשטרענגונגען, כדי ארגאניזאציאנעל צו שטארקן אונזער דארטיגע פארטיי. די רעוויזיאניסטן האבן זיך אויסגעזוכט דרום־אפריקע, כדי דארט צו פארזוכן זייער מזל און מיר מוזן אויפנעמען דעם קאמף געגן זייערע צעשטערונגס־פרובן. לעצטנס האבן אונזערע חברים אנגעהויבן ארויסצוגעבן אן אייגענע וואכנצייטונג, וועלכע האט אויסזיכטן צו זאמלען ארום זיך גרעסערע קרייזן.

ה) וואוקס און סטאגנאציע

צו די לענדער אין וועלכע אונזער פארטיי דערגרייכט די מערהייט פון אלע אפגעגעבענע שטימען ביי די קאנגרעס־וואלן (ארץ־ישראל, פוילן, ליטע, בעסעראביע, עסטלאנד וכו׳) איז דאסמאל צוגעקומען בולגאריע. מיר האבן דארט באקומען 52% פון אלע שטימען (43% ביי די פאריגע וואלן). און עס זאל נישט פארגעסן ווערן, אז מיר האבן דארט צו טון מיט א בירגערלעך ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע פירט געגן אונז א העפטיגן קאמף און וואס אין איר רשות זענען די לייטונגען פון די נאציאנאלע פאנדן, פון וועלכע די בירגערלעכע ציוניסטן ווערן אויך פינאנסיעל געשטיצט אין זייער ארגאניזאציאנעלער ארבעט. אין יוגאסלאוויע זענען פאראן אנהויבן פון פארטייאישער ארבעט. פון די צוויי דעלעגאטן פונם ארבעטענדן א״י צום קאנגרעס פון יוגאסלאוויע איז דאסמאל איינער פארבונדן מיט אונזער פארטיי. אין דער טשעכאסלאוואקיי שטייען מיר ביים אנהויב פון א באניייטער פארשטארקטער ארגאניזאציאנעלער טעטיגקייט. דער איחוד האט לע״ע דארט נישט געפירט צו קיין פארשטארקטערער ארבעט, נאר פארקערט. אויב מיר האבן דאסמאל, ביי די וואלן, באקומען 5 דעלעגאטן אזוי ווי צום נייצנטן קאנגרעס, איז עס נאר א סימן פון די טיפע ווארצלען וועלכע מיר האבן דארט געשלאגן. עס איז אבער נישט קיין סימן פון

אונזער ארגאניזאציאנעלער סטאביליטעט. עס דארף דאך נישט צוגעגעבן ווערן, אז דער צושטאנד מוז געענדערט ווערן. אין רומעניע זיינען אין די לעצטע חדשים געמאכט געווארן גרויסע באמיאונגען צו דערפירן צו אן ארגאניזאציאנעלער קאנסאלידירונג און שטארקונג פון אונזער פארטיי. א חוץ אין טראנסילוואניע, איז אין די אנדערע טיילן פון לאנד נישט צו פאר־צייכענען ביי די לעצטע וואלן קיין וואוקס פון אונזערע כוחות.

ו) די סטאביליטעט פון אונזער כוח

די איצטיגע קאנגרעס־וואלן זיינען געווען א פרוביר־שטיין פאר דער סטאביליטעט פון אונזער כוח אינם ציוניזם און פאר אונזער פעאיגקייט צו מאביליזירן גרויסע מאסן ארום אונזער פאן. אונזער זיג ביי די וואלן אין יאר 1933 האט מען געפרובט צו פארשרייבן אויפן חשבון פון דער פארביטערונג פון ברייטע קרייזן אין צוזאמענהאנג מיטן ארלאזאראוו־מארד. אונזער ווייטערדיגע שטארקונג ביי די וואלן אין יאר 1935 האבן קעגנער און אויך פריינט צוגעשריבן דער פארגרעסערטער עליה׳ מיר זיינען דאך מכלומרשט דייעניגע, וועלכע האבן די סערטיפיקאטן, און דעריבער שטימט מען פאר אונז. דאסמאל זענען מיר געשטאנען אין א לאגע פון כמעט פארמאכטע טויערן קיין א״י; אין א צייט ווען סאציאליזם איז נישט פאפולער און אונזער סאציאליסטישע געטרייקייט מאכט א סך שווערער אונזער ארבעט אין א שורה לענדער; אין א צייט פון פאליטישער אומ־קלארקייט אין ציוניזם — און אויף אונזערע חברים ליגט דאך דער עול פון פאליטישער ארבעט. ס׳האט זיך דאס מאל צונויפגענומען אלץ, וואס האט נאר געקענט שווערער מאכן אונזער סיטואציע. אויב מיר וועלן ביי אזא לאגע האבן מער ווי 46% פון אלע געוויילטע קאנגרעס־דעלעגאטן, איז עס אָן א ספק א גרויסע דערגרייכונג. אבער נאך מער ווי אינם אויסגאנג פון די וואלן דריקט זיך אונזער דערגרייכונג דאסמאל אויס אינם אויסגאנג פון דער שקל־אקציע. דאס וואס עס זיינען היי־יאר פארשפרייט געווארן 930.000 שקלים קענען מיר אָן איבערטרייבונג פארשרייבן קודם כל אלס אונזער דערפאלג. מיר זיינען געווען כמעט איינזאם אין דער דאזיגער אָנשטרענגונג. עס איז אין ערגעץ נישט געווען די נויטיגע פארשטענדניש, אז אונזער ביטערע פאליטישע סיטואציע פאדערט צו זאמלען וואס ברייטערע מאסן ארום דעם איצטיגן קאנגרעס. גראד ווי עס האט געפעלט אין דער גאנצער צייט, זינט דעם אויסברוך פון די בלוטיגע געשעענישן, די פאר־שטענדניש, אז עס איז נויטיג צו מאביליזירן וואס ברייטערע מאסן ארום אונזער פאליטישן קאמף און פאר דער שטארקונג פון אונזערע עקאנאמישע פאזיציעס אין לאנד.

דער אויסגאנג פון דער שקל־אקציע און פון די קאנגרעס־וואלן לערנען אונז ווי ווייט עס גרייכן אונזערע מעגלעכקייטן. מיר זעען, אז די ארגאניזאציאנעלע סטאגנאציע אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער האט נישט געענדערט דעם ברייטן מאסן־כאראקטער פון אונזערע פארטייען. מיר

טארן זיך אבער נישט באגרעניצן דערויף, וואס מיר מאכן אלע צוויי יאר א גרויסע אנשטרענגונג און דאן רוען מיר זיך אָפּ. עס טאר זיך נישט שאפן דער רושם, אז מיר וואכן נאר אויף פון קאנגרעס צו קאנגרעס צו א גרעסערער ארגאניזאציאנעלער טעטיגקייט. אזא צושטאנד איז נישט געזונט און געפארפול.

ז) דער קאנטאקט מיט די לענדער און זייער אפרוף

דער קאנטאקט פונם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג אין תל־אביב מיט די לאנד־פארטייען איז נאך באדייטנד פארשטארקט געווארן זינט אונזער לעצטער וועלט־באראטונג אין גענף, אין אויגוסט 1936. די געאָגראפישע ווייטקייט איז דערביי נישט געוועזן קיין שום שטערונג. די לאנד־פארטייען האבן באקומען אָפטע און אויספירלעכע באריכטן און אָנ־ווייזונגען. די צאל עקזעמפלארן פון די באריכטן און ביולעטינען, וועלכע מיר האבן פונאנדערגעשיקט אין די לענדער אין לעצטן יאר גייט אין די צענדליגער טויזנטער (א טייל ביולעטינען פלעגן מיר שיקן אויך צו די אקטיווע טוער אין די לענדער). מיר ווייסן אבער גוט, אז דער שריפט־לעכער קאנטאקט אליין, ווי אפט און שנעל ער זאל נישט זיין, איז ער נישט גענוג. עס מוז אויך זיין א פערזענלעכער קאנטאקט. מיר מוזן האבן די מעגלעכקייט, אז 2—3 פירנדע חברים זאלן קאנען כסדר באזוכן די לענדער אין שליחות פון דער וועלט־באוועגונג. מיר האבן עס געטאָן אין א ברייטערער מאס אין צוזאמענהאנג מיט די קאנגרעס צוגרייטונגען. דאס דארף אבער געשען אויך נאכן קאנגרעס. און נישט אין צוזאמענהאנג מיט א באשטימטער אקציע, נאר אויסשליסלעך לשם דער פארטייאישער ארבעט. אין עטלעכע לאנד־פארטייען ווען מיר בכלל נישט קאנען טאן קיין ערנסטע פארטייאישע ארבעט, אויב מיר וועלן נישט באווייזן צו דעלעגירן אהינצו חברים, וועלכע זאלן שטיין אינגאנצן אין רשות פון דער פארטייאישער טעטיגקייט.

אין אָנבליק פון דער מוראדיגער ארימקייט און עקאנאמישער נויט, וועלכע רופט זיך אפּ גאר שטארק אויף דער ארבעט פון א טייל אונזערע פארטייען, בפרט אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער, האבן מיר אינם לעצטן יאר געפרוווט אויך אויפן פינאנסיעלן געביט צו צענטראליזירן אין א געוויסער מאס אונזער ארבעט, כדי צו קענען העלפן א שורה לאנד־פארטייען. דאס האט זיך אונז טיילווייז איינגעגעבן אדאנק דער פארשטענ־דעניש, וועלכע מיר האבן אָנגעטראפן דערפאר אין ארץ־ישראל. אבער די פארטייען אין חוץ־לארץ, וועלכע ווירקן אין די לענדער פון בעסערע עקאנאמישע באדינגונגען, האבן לעת־עתה זיך נישט אפגערופן אויף אונזער רוף. מיר ווייסן גוט, אז אויך די דאזיגע פארטייען מוזן גובר זיין א סך פינאנסיעלע שוועריגקייטן אין זייער אייגענער טעטיגקייט. מיר זעען אבער פונדעסטוועגן אין זייער פאסיוויטעט אויף דעם געביט א שטארקע בלויז, וועלכע מוז וואס גיכער גוט געמאכט ווערן. אנדערש

ווען מיר נישט האבן קיין שום מעגלעכקייט צו פירן א גוט־דורכגעטראכטע און ראציאנעלע פארטייאישע טעטיגקייט אין אלוועלטלעכן מאסשטאב. עס וועט נאטירלעך זיין פאלש אויב מיר וועלן פרווון זיך מאכן אילוזיעס, אז דער סעקרעטאריאט קען זיין בכח פינאנסיעל אויסצוהאלטן א שורה לאנד־פארטייען, דערפון קען גאר קיין רייד נישט זיין. עס האנדלט זיך אבער מכח אויסערארדנטלעכע פאלן און הילף מיט מענטשן, וואס עס איז אמאל נאך וויכטיגער ווי פינאנסיעלע הילף. דערצו מוזן זיין מיטלען פון די לאנד־פארטייען. אויב די לאנד־פארטייען, וועלכע ווירקן אין לענדער מיט רעגולערע עקאנאמישע פארהעלטנישן, גיבן אונז ניט דידאזיגע הילף נעמען זיי אויף זיך די אחריות פאר דעם צוריקגאנג פון אונזער אקטיוויטעט.

ח) אקטועלע ארגאניזאציאנעלע אויפגאבן

און איצט איינציגע פראגן, וועלכע געהערן צום געביט פון אונזער ארגאניזאציאנעלער טעטיגקייט און פאדערן אונזער באזונדערע אויפמערקזאמקייט.

1. אונזער וועלט־בעראטונג קומט פאר אין א צייט ווען מיר דארפן שוין פייערן דעם פינף־יאריגן גרינדונגס־טאג פון דער פאראייניגונג. אבער דער פרק דאנציגער איחוד איז לעת עתה נאך נישט פארענדיגט. די פראגע איז אין פוילן און גאליציע בכלל נאך אָפן און אויך אין דער טשעכאסלאוואקיי און רומעניע, וואו זי איז פארמעל דערליידיגט. איז זי אבער פאקטיש נאך נישט אראָפּ פון אונזער סדר־היום. מיר מוזן אין דער גאר נאענטסטער צייט מאכן די גרעסטע אנשטרענגונג, אז דער איחוד זאל פארמעל און פאקטיש זיין פולשטענדיג אדורכגעפירט אין אלע לענדער. דאס וועט שווער זיין אדורכצופירן אָן דער מיטהילף פון ספעציעלע שליחים פונם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג. ס׳מוזן געשאפן ווערן די מעגלעכקייטן, אז דער סעקרעטאריאט זאל קענען דעלעגירן זיינע שליחים כדי דער אפשלוס פונם פרק דאנציגער איחוד זאל וואס גיכער קומען. אין דעם יאר וועלן מיר ענדלעך מוזן צונויפרופן אונזער וועלט־קאנפערענץ. געווענליך שלעכט, אז מיר האבן עס במשך פינף יאר נישט געטאן, לאמיר נישט קומען צו דער וועלט־קאנפערענץ נישט האבנדיג פול אפגעשלאסן דעם דאנציגער איחוד.

2. די פראגע פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאנד־ארגאניזאציע האט שטארק באשעפטיגט אונזער לעצטע פארבאנדס־בעראטונג אין גענף און שפעטער די לאנד־קאנפערענצן פון עטלעכע פארטייען (צפון אמעריקע, ארגענטינע וכו׳). עס קען פארצייכנט ווערן א באדייטנדער פאזיטיווער פאָרטשריט אין דער באוועגונג אויף דעם געביט. אבער וואס מער אונזער באוועגונג האט זיך צוגעוויינט צום געדאנק פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאנד־ארגאניזאציע, אלץ מער האבן זיך די אנדערע פארטייען דערווייטערט פון אים. אלע פרווון, אינם לעצטן יאר, פון אונזערע לאנד־

פארטייען, אין א שורה לענדער, צו דערפירן צו א רעאליזירונג פון דעם לוצערנער קאנגרעס־באשלוס, האבן זיך נישט איינגעגעבן. און עס דארף פארצייכנט ווערן, אז אויך מצד דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האט מען נישט געזען קיין פעסטן ווילן און געהעריגע אקטיוויטעט אויף אדורכצופירן דעם לוצערנער באשלוס אין לעבן. אויף די זיצונגען פון דער ארגאניזאציע־קאמיסיע, וועלכע די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האט גערופן קנאַפּ פארן איצטיגן קאנגרעס, האט זיך ארויסגעוויזן, אז אלע פארטייען, אחוץ אונזערע, זיינען פאקטיש געגן דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאנד־ארגאניזאציע, הגם יעדער וויקלט עס איין אין אנדערע ארגומענטן.

אונז ווייזט אויס, אז דאס איז איינע פון די צענטראלסטע פראגן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. זי האט איצט כמעט בכלל נישט קיין פאסיגע ארגאניזאציאנעלע כלים. עס איז נישטא ווער עס זאל זיך אינגאנצן ווידמען דער זאָרג פאר איר ארגאניזאציאנעלער אנטוויקלונג — נישט אין די לענדער און אויך נישט אין צענטער. ווי קאן געמאָלט זיין אזא צושטאנד ביי אן ארגאניזאציע, וועלכע זאמלט ארום זיך א מיליאן מענטשן?

3. עס ווערן איצט געמאכט באמיאונגען, אז דער אידישער וועלט־קאנגרעס זאל אין די לענדער זאמלען ארום זיך די ברייטסטע שיכטן פון אידישן פאלק. מיר האבן אין גענף גענומען אויף זיך א גרויסן טייל אחריות פאר דער דאזיגער ארבעט. דערמיט, וואס מיר האבן געזארגט, אז איינער פון אונזערע אנפירנדע חברים זאל נעמען אויף זיך די אנפירונג פון דער ארגאניזאציע־אפטיילונג פון אידישן וועלט־קאנגרעס, איז אונזער פאראנטווארטונג פאר דער דאזיגער ארבעט נאך געוואקסן. עס איז ריכטיג, אז שוין איצט זיינען אונזערע פארטייען אין א טייל פון די אידישע מאסן־ישובים אין אייראפע דער אקטיווסטער פאקטאר פארן געדאנק פון א דעמאקראטיש געקליבענעם פאלקס־קאנגרעס. ביי דער איצטיגער ביטער־שווערער לאגע פון די אידישע מאסן מוזן אונזערע פארטייען פארשטארקן זייער אקטיוויטעט אויף דעם געביט און ווערן דער טרייבנדער כח אויף צו שאפן די מעכטיגע אידישע מאסן־ארגאניזירונג. די אידישע נויט ברענגט מיט זיך אויך די געפאר פון פארשטארקטער השפעה מצד כל מיני אפיטרופסים, וועלכע נוצן אויס די הילפס־מיטלען פונם אויסלענדישן אידנטום, כדי צו באפעסטיגן זייער אייגענע געזעלשאפטלעכע פאזיציע. עס מוז דערצו קומען א סוף, מיר מוזן ענדלעך שאפן דעמאקראטיש־געקליבענע, געזעלשאפטלעך־פאראנטווארטלעכע רעפרעזענטאנצן פון מזרח־אייראפעאישן אידנטום.

4. אין די ראמען פון אונזערע מעגלעכקייטן זיינען מיר געווען אקטיוו אויפן געביט פון סאציאליסטישן ארבעטער־אינטערנאציאנאל. אונזער פאר־שטייער האט אנטייל גענומען אויף אלע זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פונם אינטערנאציאנאל. ער האט אקטיוו רעאגירט אויף אלע פראגן, בפרט אויף די פראגן, וועלכע רירן אָן די ענינים פון אידישן ארבעטער בכלל און באזונדערס זיין קאמף פאר אונזערע רעכט אין א״י. די איצטיגע

פאליטישע לאגע אין ציוניזם און די אומזיכערקייט אין א״י שטעלט פאר אונז אוועק די פראגע, אויב עס איז נישט נויטיג צו דערפירן צו א באנייטער סאָלידאריטעטס־מאניפעסטאציע פון אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע פירער מיט אונזערע באשטרעבונגען אין א״י. מיר דארפן די פראגע אוועקשטעלן אויפן סדר־היום פון אונזערע בעראטונגען.

5. מיר מוזן מאכן אלע נויטיגע צוגרייטונגען, אז אין יאר 1938 זאל פארקומען אונזער וועלט־קאנפערענץ. דערביי טארן מיר זיך נישט באגנוגענען נאר מיט דער פארמעלער אדורכפירונג פון אזא באשלוס. נאר טאקע ווי געהעריג די קאנפערענץ צוגרייטן און זארגן דערפאר, אז אונזערע חברים־מאסן אין אלע לענדער זאלן צו איר מאביליזירט ווערן. עס וועט דעריבער נויטיג זיין, אז פאר דער וועלט־קאנפערענץ זאלן פארקומען אין די לענדער לאנד־צוזאמענפארן מיטן אנטייל פון פארשטייער פונם סעקרעטאריאט און עס וועט גוט זיין צו באנייען דעם אלטן מנהג פון פארבאנדס־שטייער־קאַרטן, וועלכע יעדער חבר דארף אויסקויפן און לפי דעם באקומט ער וואל־רעכט צו דער וועלט־קאנפערענץ.

ט) די גרעסטע ארגאניזאציע אינם אידישן פאלק

ווען מיר רעזומירן אונזער איבערבליק מכוח דעם ארגאניזאציאנעלן מצב פון אונזער באוועגונג, ווייזט זיך ארויס, אז נישט־קוקנדיג אויף א געוויסער אפשוואכונג אין עטלעכע מזרח־אייראפעאישע לענדער האט זיך נישט געענדערט דער צושטאנד, אז מיר זיינען די שטארקסטע ארגאניזירטע באוועגונג אינם אידישן פאלק. די אידישע מאסן שענקען אונז זייער צוטרוי און גייען מיט אונז. מיט 30 יאר צוריק האבן מיר דורך דער גרינדונג פונם פועלי־ציון־וועלט־פארבאנד געשאפן די ערשטע ארגאניזאציאנעלע ראם פון אן אלוועלטלעכער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג. היינט איז די אידישע סאציאליסטישע באוועגונג וואס איז קאנצענטרירט ארום ארץ־ישראל, די שטארקסטע ארגאניזאציע אינם אידישן פאלק. מיר טארן אבער נישט פארמאכן די אויגן פאר אונזערע ארגאניזאציאנעלע שוואכקייטן און געפארן. אונזערע ארגאניזאציאנעלע כלים זיינען נישט צוגעפאסט צום גרויסן וואוקס פון דער באוועגונג אין די לעצטע יארן, און אָן די ריכטיגע ארגאניזאציאנעלע כלים וועלן מיר אונזערע אויפגאבן נישט קענען דערפילן. די היינטיקע וועלט־בעראטונג דארף שאפן דידאזיגע כלים און פאר־זיכערן, אז זיי זאלן קענען דערפילן די אויפגאבן, וועלכע די אידישע מאסן דערווארטן פון אונז.

* * *

ביים סוף פון דער זיצונג איז געווארן אויסגעוויילט די מאנדאטן־קאמיסיע אין פאלגנדן צוזאמענשטעל: שאול אהראנאוו, י. באנקאווער, דוד ווערטהיים, ד״ר א. זיל־בערשיין, פ. ראשיש, און די חברים מ. ניישטאדט און ח. שורער פונם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג.

צווייטע זיצונג

דאנערשטאָג, דעם 29־טן יולי 1937, נאכמיטאג

דיסקוסיע איבערן באריכט פונם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג; דיסקוסיע וועגן גאנג פון די בעראטונגען.

(רעדעס פון א. העמלין, א. גלוז, א. ביאלאפאלסקי, מ. קאטיק, מ. גראבאווסקי און ל. שטשופאקעוויטש).

א. העמלין

ווער ס׳האט זיך צוגעהערט צום באריכט האט געמוזט זיך פאר־טראכטן וועגן דער גרויסער דיסטאנץ צווישן דעם סענטימענט, וועלכן די ציוניסטישע ארבעטער־באוועגונג האט פאר זיך געשאפן און דעם נישט גענוגנדן ארגאניזאטארישן מצב פון אונזערע לאנד־פארטייען.

דער סענטימענט איז גרעסער ווי מיר שטעלן זיך פאר. אין די פאראייניגטע שטאטן קען מען געפינען באווייזן, אז צווישן די מאסן וואקסט די שטימונג פאר ציוניזם בכלל און בעיקר פארן ארבעטער־ציוניזם. דער פינאנסיעלער דערפאלג וואקסט פון יאר צו יאר. אין די לעצטע צוויי יאר האבן מיר געזאמלט איבער 400.000 דאלאר פארן געווערקשאפטן־קאַמפּיין, וועלכע קומען הויפטזאכלעך פון ארבעטער און פאלקס־מאסן. ווען ס׳קומט אן א אקציע פון געווערקשאפטן־קאַמפּיין ווערט עס א יום־טוב אויף דער אידישער ארבעטער־גאס. אויפן לעצטן צוזאמענפאר פון געווערקשאפטן־קאמפיין זיינען געווען איבער 1500 דעלעגאטן, פארטרעטנדיג כמעט אלע אידישע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס — אונזער פארטיי, דעם נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד, די פיאנערן־פרויען־ארגאניזאציע, די ליגעס פארן אר־בעטנדן א״י וועלכע זיינען טעטיג צווישן ענגליש ריידנדע, און א גרויסן טייל פונם «ארבעטער־רינג», וועמענס פירערשאפט איז נאך נישט מיט אונז. מיר האבן אין לעצטן יאר געמאכט א גרויסע אקציע פאר דער ים־געזעל־שאפט «נחשון», און אמעריקע וועט נאך געבן גרויסע סכומים פאר «נחשון». אין לעצטן יאר איז פארטאָפּלט געווארן די צאל פון די פארקויפטע שקלים און ס׳איז געשאפן געווארן דער גלויבן, אז אין אמעריקע קען דערגרייכט ווערן ביז א האלבן מיליאן שקלים און מעגליך מער. די שטימונג פארן ציוניזם און בפרט פאר׳ן ארבעטער־ציוניזם איז ארייננעדרונגען צווישן די ברייטסטע אידישע מאסן און אויך צווישן דער אינטעליגענץ, וואס רעדט ענגליש.

א גרויסער טייל פון די אידישע אינטעלעקטועלע קרייזן געפינט נישט מער קיין באפרידיגונג אין דער «אמעריקאניזאציע». בעיקר אונטערן דרוק פון די געשעענישן אין דייטשלאנד. אויסער «דער אידישער קעמפער» גיבן מיר ארויס א חודש־זשורנאל דער "Jewish Frontier", אונטער דער רע־דאקציע פון גרינבערג און פיינמאן. דער זשורנאל איז די בריק צווישן אונז און צווישן באדייטנדע שיכטן פון ענגליש ריידנדיגע. מיטן זשורנאל רעכנט מען זיך אין די אינטעלעקטועלע פירנדע קרייזן פון אמעריקאנער אידנטום. אפילו פאר די ראבייס זיינען אונזערע ארטיקלען אפט וועג־ווייזער.

ווי קומט עס אלזא, וואס בעת דער סענטימענט פאר אונז איז אזוי גרויס, איז דער ארגאניזאציאנעלער מצב פון די פּארטייען און יוגנט אזוי שוואך אונזער באראטונג און די פירנדע אינסטאנצן דארפן זיך וועגן דעם פארטראכטן.

א סך אונזערע פירנדיגע חברים זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל און פו דעם האבן מיר היפּשלעך געליטן. מיר גיבן ווייניג אויפקלערונג־אר־בעט אינערהאלב די פארטייען. דער סעקרעטאריאט פון איחוד דארף האבן א זשורנאל פאר אידעאישער פארטיפונג און פארן ארויסברענגען נייע גייס־טיג־פירנדע כוחות אין דער באוועגונג. מיר זיינען א וועלט־פארטיי ; און פון דער צווייטער זייט גייסטיג פארפרעמדט איינע פון די אנדערע. מ׳שיקט ביולעטינען, אבער זיי דערגרייכן נאר איינצלנע פירנדע חברים. דער מאסן־חבר אבער ווייסט נישט וואס עס טוט זיך אין די פארטייען פון אנ־דערע לענדער. מיר האבן אין איצטיגן מאמענט גרויסע מעגלעכקייטן און דארפן זיך נעמען צו ארגאניזאציאנעלער ארבעט, צו פארשפרייטן אונזער וואָרט אויף דער אידישער גאס. מיר דארפן זיך קאנצענטרירן אויף דער יוגנט פון דער פארטיי אדער וואס שטייט אונטערן איינפלוס פון דער פארטיי. מיר ווייסן נישט ביים איצטיגן מאמענט וועגן דעם מצב פון דער יוגנט. און שענקען איר נישט די געניגנדע אויפמערקזאמקייט.

יעדע פּאָליטישע טעטיגקייט אונזערע וועט זיין זיכערער און פרוכטבארער — ווען אונזער ארגאניזאציע־בנין וועט זיין פעסטער, ווען אונזער גייסטי־גער ניווא וועט שטייגן, און ווען די השפעה פון וועלט־פארבאנד וועט זיך פילן אויך אין דער ארבעט פון די לענדער.

א. גלוז

אין צוזאמענהאנג מיט דער שקל־אקציע אין פוילן האב איך באזוכט איבער 30 שטעט און שטעטלעך, און איך האב געפרואווט באקענען זיך פון דער נאענט מיט דער אידישער לאגע. איך האב זיך אויך באטייליגט אינם צוזאמענטרעף פון אלע אונזערע שליחים. אלע צוזאמען זיינען מיר דורכ־געפארן כמעט האלב פוילן: פון 840 פונקטן מיט א אידישער באפעלקע־רונג האבן מיר באזוכט 480. און דער אלגעמיינער סך־הכל איז: די מא־טעריעלע און גייסטיגע לאגע פון פוילישן אידנטום איז זייער א שווערע

און שווער איז אויך דער מצב פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מען מוז נישט אורטיילן גראד לויט די רעזולטאטן פון דער שקל־אקציע. מיר האבן, אמת, פארשפרייט מיט א 50.000 שקלים ווייניגער ווי צום פריערדיגן קאנגרעס, — אנשטאט צו פארטאָפלען די צאל, — אבער נעמענדיג אין אכט די ארגאניזאציאנעלע פעלערן פון דער אקציע און די עקאנאמישע און פאליטישע לאגע, קען מען דעם רעזולטאט פון דער שקל־אקציע נישט באטראכטן אלס דורכפאל. אבער דער אלגעמיינער סך־הכל איז, ווי געזאגט, א שווערער: פינסטערער גלות און ביטערע אָרימקייט.

די לאגע סיי פון פועלי־ציון (צ. ס.), וועלכע זיינען די מערהייט אין אונזער באוועגונג, און סיי פון צ. ס. התאחדות איז נישט קיין צופרידנשטעלנדע. די צאל אקטיווע חברים אין יעדן פונקט באזונדער איז זייער א קליינע, און אין געוויסע ערטער — זיינען עס בלויז איינצלנע. דער צענטר קאנצענטרירט זיך צופיל אויף רעפרעזענטאטיווע פונקציעס אין דער הויפט־שטאט און אויף ענינים פון «הויכער» פאָליטיק, און דער קאנטאקט מיט דער פראווינץ ווי אויך די ארגאניזאציאנעלע הילף און אָנפירונגען זיינען גאר און גאר נישט גענוגנד.

דערביי באקעמפן זיך אונזערע צוויי פארטייען געגנזייטיג אָן קיין שום סיבה. די איצטיגע בעראטונג מוז ווידמענען צייט דער לאגע פון אונזער באוועגונג אין פוילן, דער פראגע פון פאראייניגן דארט די צוויי פארטייען, און באזונדערס דער פראגע פון שטארקן דעם פוילישן פארטיי־צענטר דורך אהינשיקן פאסיגע חברים פון ארץ־ישראל. מיר דארפן צוריק אויפבויען דעם חרוב־ווערנדן ציוניזם און דערגבערן די אידישע יוגנט פאר אונזער באוועגונג. ווארום מיר האבן די מעגלעכקייט אויסצובויען א שטארקע פארטיי אין פוילן, וועלכע זאל ווערן די פארטיי אויף דער אידישער גאס. דידאזיגע פאַרטיי וועט דארפן און זי וועט קענען גרייטן א דור פארן ציוניזם, זי וועט אונז דערציען א חלוצישע יוגנט, און זי וועט אויך אויסווירקן א השפעה אויף דער טאגטעגלעכער ציוניסטישער ארבעט, אויף דער פראפאגאנדע־טעטיגקייט א. א. וו. בעת אונזער פאר־קאנגרעס־רייזע איבער די פוילישע שטעט און שטעטלעך צו פירן די ציוניסטישע פראָפאגאנדע פאר דער שקל־אקציע האבן מיר אין געוויסע ערטער געמוזט אָרגאניזירן צוליב דער שקל־אקציע אויך די בירגערלעכע ציוניסטן און די מזרחיסטן. ווען נישט — וואלט מען נישט פארקויפט א דריטל פון דער צאל פארקויפטע שקלים אין גאנץ פוילן. אונזער פארטיי דאַרט דאַרף אויך זיך נעמען אויך דעם קאמף פאר די פאליטישע רעכט און פאר דער פארבעסערונג פונם עקאנאמישן מצב פון די אידן אין פוילן גופא. ביי א צוזאמענארבעט מיט דעם גאנצן דעמאקראטישן ציוניזם וועט זי אויך קענען דערגרייכן וויכטיגע רעזולטאטן.

איצט האלט מען ביי דער צוזאמענרופונג פון א אידישן קאנגרעס אין פוילן. מיר זיינען, פארשטייט זיך, פאראינטערעסירט אינם דערפאלג פון

קאנגרעס. אבער אונזערע צוויי פוילישע פארטייען מוזן פריער זיך פעס־טער צוזאמענריידן, כדי זיי זאלן קענען זיין די טאָנגעבער ביי די קאנגרעס־צוגרייטונגען און אין קאנגרעס גופא, און כדי זיי זאלן קענען נעמען אויף זיך דעם אנטשפרעכנדן טייל פאראנטווארטלעכקייט אין דער רעפרעזענטאנץ, וואס וועט דורך אים אויסגעווײלט ווערן.

די לאגע אין «החלוץ» איז זייער א שווערע. די צאל חלוצים אין די הכשרה־קיבוצים איז קנאַפער געווארן מיט א סך טויזנטער. אויך די אָרט־גרופעס האבן פארלוירן זייער א סך מיטגלידער. עס איז קלענער גע־ווארן די צאל חברים אויך אין די אנדערע ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס. און די וואס זיינען געבליבן, — ווארטן שוין זינט יארן אויף זייער עליה און ליידן זייער שווער. מיר האלטן איצט ביים באקומען א שעדיול. ער איז, אמת, זייער קליין, אבער מיר מוזן קעמפן דערפאר, אז מען זאל דער חלוצישער עליה געבן ווייניגסטנס 85% פון די סערטיפיקאטן, ווייל ארץ־ישראל נויטיגט זיך אין חלוצים און אין ארבעטער, און דער «החלוץ» און די הכשרה־קיבוצים גרייטן זיך שוין זינט יארן צו דער עליה. מען זאל אויך געדענקען, אז פון פריערדיגן שעדיול האט די סערטיפיקאטן באקומען בלויז דייטשלאנד, — דארף מען איצט אוועקגעבן זיי פוילן. אגב, בין איך געוועזן איצט אין דייטשלאנד און כ׳האָב באזוכט הכשרה־קיבוצים און «החלוץ»־פונקטן, און איך האב זיך איבערצייגט, אז ביים היינטיגן טאג איז די לאגע פון די אידן אין דייטשלאנד, סיי אין עקאנאמישער און סיי אין גייסטיגער הינזיכט, בעסער ווי די לאגע פון אידן אין פוילן. מיר באַוואלהנען אָפּט איין לאנד לטובת א צווייט לאנד. מיר האבן א סך גע־זינדיגט געגן די אידן אין רוסלאנד. מיר האבן זיי מפקיר געווען. ווען מיר וואלטן דאן, אין דער ריכטיגער צייט, זיך מער אפגעגעבן דער פארבע־סערונג פונם מצב פון רוסישן אידנטום, וואלטן מיר, מעגלעך, געהאט א געוויסן דערפאלג. איצט זינדיגן מיר לגבי פוילן. מיר האבן א סך פינאנ־סיעלע און מאָראלישע הילף געגעבן דעם דייטשישן אידנטום, און דאס פוילישע אידנטום האבן מיר פארגעסן.

דער קולטור און דערציאונגס־צושטאנד איז נישט קיין גוטער. עס שפירט זיך א ירידה. טויזנטער קינדער דרייען זיך הפקרדיג ארום אין די גאסן, אינגאנצן אָן א שול. די יוגנט רעדט א געבראכן פויליש און שעמט זיך ריידן אידיש. די טעטיגקייט פון די שולן אין אידיש געניגט לחלוטין נישט אפצוהאלטן דעם אסימיליאציע־שטראָם. און די העברעאישע שול איז נאך אויך ווייט פון שלמות. פאראן ביי 150 «תרבות»־שולן. וואו מען לערנט אין העברעאיש אבער מען רעדט נישט העברעאיש. און אין א סך פאלן דערציען די לערער נישט קיין ציוניסטישן דור. זיי פארנע־מען זיך נישט מיט קיין קולטור־דערציערישע ארבעט אלס פארזעצונג צו דער שול. די יוגנט, וואס האט געלערנט אין דידאָזיגע שולן און זיי אויך געענדיגט, קומט נישט, צום גרויסן טייל, צום ציוניזם. העברעאיש

לערנען טויזנטער און צענדליגער טויזנטער קינדער, — וויפיל פון זיי גע־פינען זיך אין די ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס? די תלמידים פון די רעגירונגס־שולן קומען אוודאי נישט צום ציוניזם, זיי לערנט מען קיין העברעאיש אויך נישט. מיר דארפן זארגן דערפאר, אז די לערער פון די העברעאישע שולן, וועלכע זיינען אונזערע פארטיי־חברים, זאלן זיך פארנעמען מיט ציוניסטיש־דערציערישער ארבעט. דאס הענגט אָפּ אין א גרויסער מאס פון דער פאראייניגונג פון אונזערע צוויי פארטייען אין פוילן.

אין אונזערע הכשרה־קיבוצים געפינט זיך אויך א יוגנט, וואס קומט פון אסימיליאטארישע קרייזן, און איר פעלן פולשטענדיג אידישע דער־ציאונג און עלעמענטארע ידיעות. דערצו זיינען אונזערע פארשידענע יוגנט־קרייזן צעטיילט אין באזונדערע ארגאניזאציאנעלע ראמען ווי «החלוץ», «החלוץ הצעיר», «פרייהייט», «גורדוניה», «השומר הצעיר». די ערשטע דריי געהערן צו אונזער באוועגונג, אבער יעדע מאכט שבת פאר זיך. מיר מוזן זיי צווינגען זיך צו פאראייניגן כדי צו ראטעווען דעם ציוניזם. די פראגע איז נישט ווייניגער וויכטיג ווי די חלוקה־פראגע. ווארום אויב די חלוקה וועט יאָ פארקומען, דארפן מיר צוגרייטן א מענטשן־מאטעריאל פאר דער בויאונג פון אונזער לאנד. אויך די באלפור־דעקלאראציע האבן מיר דערגרייכט אדאנק אונזער ממשותדיגער ארבעט אין ארץ־ישראל.

מערסטנס קומען מיר קיין פוילן אין דער ראל פון «פייער־לעשער» פאר וואלן; אבער איצטער מוזן מיר אנהויבן פון אנהויב. מיר דארפן דעם באדן טיף דורכאַקערן און פונדאסנייע פארזייען געזונטע קערנער. אויב מיר וועלן דאס נישט טאן, — וועט עס זיך נוקם זיין אָן אונז אין דער נאענ־טער צוקונפט.

א. ביאַלאָפּאָלסקי

* די פראגע פון דער אנטוויקלונג פון אונזער באוועגונג איז אפהענגיג פון די רעזולטאטן פונם קאנגרעס, פון דער צוקונפט פון ארץ־ישראל און פון דער פראגע — וואס פאר־א אויפגאבן וועט אויף זיך דארפן נעמען די פארטיי אין חוץ־לארץ. דער איצטיגער ויכוח איז, לויט מיין מיינונג, נישט מער ווי א אינפארמאטיווער. אין ווארשע איז געווען א פארשלאג — מען זאל מאכן צוויי סעסיעס פונם וועלט־ראט: איינע זאל זיך פארנעמען מיט די אלגעמיין־פאליטישע פראגן, און די אנדערע — מיט די ארגאני־זאציאנעלע פראגן, אנטשפרעכנד צו די באשלוסן, וואס וועלן אנגענומען ווערן אין די פאליטישע פראגן. מיר נויטיגן זיך איצט אין א וועלט־קאנפערענץ, וועלכע זאל אונז געבן א אידעאלאגישן סך־הכל פון אונזער ביזאיצטיגן וועג און אויך א באנייטע ארגאניזיר־פארם. מיר דארפן זוכן א תשובה אויף חבר העמלינס פראגע: פארוואס האבן מיר דערפאלג אין

אונזער ארץ־ישראל־טעטיגקייט און עס געלינגט אונז נישט צוצוציען די אידישע מאסן צו אונזערע פארטייען אין די גלות־לענדער?

די איצטיגע לאגע פון פוילישן אידנטום איז גוט באקאנט: מען שלאגט און מען לאזט נישט שרייען. די לאגע איז א פראדוקט פונם רעזשים, וואס זיין טענדענץ לגבי די אידן איז — אונטערדריקונג און עקאנאמישע פארניכטונג. לעשטשינסקי האט אונטערגעצויגן עטלעכע ציפערן: 300.000 אידישע יוגנטלעכע זיינען ארבעטסלאז; 60—70% אידן בכלל זיינען פרנסה־לאז, און לגבי די איבעריגע 30% ווערן אנגענומען פארשידענע מיטלען זיי צו צעברעכן. עס איז נישטא קיין האפנונג, אז עס וועט בקרוב בעסער ווערן, און מען דארף מורא האבן פאר א ווייטערדיגער פארערגערונג פון דער אידישער לאגע. ביי אזא מצב האט דער ציוניזם, דוכט זיך, געדארפט אנטוויקלען זיך. אבער אינדערעמתן איז ער אפגעשוואכט געווארן. די אפשוואכונג ווייזט זיך ארויס נישט פון דער שקל־אקציע, — גראד דא האט מען געקענט מער אויפטון — נאר אין פוילישן אידנטום הערשט א געוויסע פארטעמפטקייט אין באצוג צום ציוניזם, די מערהייט האט צו אים קיין צוטרוי נישט און איז פול ספקות. מיר זיינען דאס קלאסישע לאנד פון עליה, און עליה־מאנגל ווירקט גוואלדיג. אויסערדעם ווירקט די הערשנדע דערשלאגנקייט, וועלכע איז א רעזולטאט פונם עקאנאמישן חורבן און פון די פאגראמען.

און פונדעסטוועגן האט דער ציוניזם, באזונדערס דער ארבעטנדער ציוניזם, טראץ אלעם, א גרויסע השפעה אין פאליטישער הינזיכט. דאס האבן גראד באוויזן די קהלה־וואלן אין די גרעסטע ערטער. ביי דידאזיגע וואלן האט אונזער פארטיי אפגעהאלטן א געוויסן זיג, — אויסער אין ווארשע. אויך איז נאך שטארק די פאזיציע פון דער פארטיי אין פוילישן ציוניזם.

מען פרעגט דא: וואס זאגן די פוילישע אידן צו דער חלוקה? די מאסן זיינען באגייסטערט, זיי האפן אויף א גרויסע עליה צוליב דער אידישער מדינה. מיר געפינען זיך איצט בכלל אין א איבערגאנגס־צושטאנד, אויב עס וועט נישט קומען א תקופה פון גרויסע און באדייטנדע רעזולטאטן פאר אונז, קען מען בכלל נישט וויסן ווי וועט אויסזען די צוקינפט פון די אידישע פאלקס־מאסן.

ביי אזעלכע באדינגונגען געפינט זיך אונזער פארטיי נישט אין קיין גלענצנדן צושטאנד. די פאראייניגונגס־פראגע איז נישט קיין אנטשיידנדע, און זי וועט זיכער געלעזט ווערן פאזיטיוו נאכן קאנגרעס. די דורך אונז ארגאניזירטע פראפעסיאנאלע באוועגונג אין פוילן ציילט ביי 20.000 חברים. אט דאס איז דער וועג ממשותדיג אריינצודרינגען אין דער ארבעטערשאפט. — אויך אין די קרייזן, וואס גרייטן זיך נישט אין דער נאענטסטער צייט צו עליה. היי־יאר האבן די שקלים פארקויפט טרעגערס און שוסטערס; זיי האבן געבראכט דעם שקל צום מיטלשטאנד. די פארטיי וויל רעאליזירן דעם סינטעז צווישן אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ.

פונם צענטער פון דער וועלט־פאראייניגונג האבן מיר באקומען מאטע־ריאלן און שטיצע. אבער מיר האבן נישט באקומען קיין אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו געפינען די בריק צו די אידישע מאסן נישט בלויז דורך ארץ־ישראל נאר אויך דורך באפרידיגן זייערע אָרטיגע באדערפנישן. א גרויסער טייל פון די וואס שטימען ביי קהלה־וואלן פארן «בונד», שטימט פאר אונז ביי די וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס. וויאַזוי זאלן מיר באפרידיגן די אינטערעסן פון די מאסן אויך אויפן געביט פון דער אָרטיגער לאנד־פאליטיק? אויף דעם דארף דער וועלט־ראט געבן א תשובה. דער «בונד» האט אונז פארגעלייגט, מיר זאלן פאראייניגן ביידע פראפעסיאנעלע באוועגונגען. מיר האבן געפאדערט, אז די פראפעסיאנעלע באוועגונג זאל נישט באקעמפן דעם ציוניזם. דער «בונד» האט דערצו נישט מסכים געווען און די פארהאנדלונגען זיינען איבערגעריסן געווארן. לויט אונזער מיינונג דארף דער סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג זיך געפינען אין חוץ־לארץ און נישט אין ארץ־ישראל. צוליב דער וויכטיגקייט פון די ארץ־ישראלדיגע פראבלעמען טרעפט אז די גלות־פראגן ווערן פאררוקט אין א טויטן ווינקל, — דאס איז א שווערער פעלער. און אויב דאס איז אוממעגלעך צו ענדערן, זיינען נויטיג לאנג־צייטיגע באזוכן אין די גלות־לענדער מצד דעם סעקרעטאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג. אונזער קולטור־ארבעט איז אפגעשוואכט. די צייטונג „דאס נייע ווארט" טוט א סך אויף און זי ראנגלט זיך פאר איר עקזיסטענץ. אבער די אידעאלאגישע און טעארעטישע ארבעט איז אפגעשטעלט און דאס שפירט זיך אויף יעדן שריט. עס הערשט א גרויסע איבערפלעכלעכקייט און דעם מצב מוז מען ענדערן. דאס צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג דארף זארגן פאר דער באנייאונג פון דער געדאנקלעכער ארבעט אין דער באוועגונג דורכן ארויסגעבן אן אנטשפרעכנדן חודש־זשורנאל און דורך שאפן א געהעריגן ביכער־פארלאג.

מ. קאַטיק

מיר קענען נישט אפלייקענען די פארדינסטן פון וועלט־פארבאנד. דאס פארבאַנדס־ביורא האט אונז א סך געהאלפן. עס האט אבער געפעלט קודם כל די וועלט־קאנפערענץ. ווען וועט מען זי רופן? דאס איז נישט דערמאָנט געווארן אין באריכט. פינף יאר נאך דער פאראייניגונג מוז שוין ענדלעך פארקומען די וועלט־קאנפערענץ. די איצטיגע בעראטונג קען נישט זיין קיין קאנפערענץ. שוין צוליב דעם, וואס דער קאנגרעס הויבט זיך שוין אן די טעג, און מיר האבן נישט גענוג צייט און מוח פאר די פראבלעמען פון אונזער באוועגונג.

מיר זיינען ביז היינט געווען קאנסעקווענט. עס איז געווען אַן אנטוויקלונגס־ליניע אין אונזער אידעאלאגיע. וואס מען האט באשלאסן, האט מען פארווירקלעכט. די לעצטע צייט אבער באווייזט זיך א גרויסער אידעא־לאגישער כאָאָס אין דער באוועגונג. מען האט באשלאסן, למשל, אז מע

בייט נישט צום אידישן וועלט־קאנגרעס אָן דעמאקראטישע וואלן און מען איז דאך געגאנגען. נאכמער, מיר זענען אריין אין וועלט־קאנגרעס און מיר האבן אויך איצט דארט נישט קיין פעסטע ליניע, און אזא אקטועלע און וויכטיגע פראגע שטייט היינט אפילו נישט אויפן סדר־היום.

דאס איחוד־ביורא שיקט אונז אינפארמאציע־מאטעריאל, אבער איבער די וויכטיגע ענינים אינפארמירט מען אונז נישט. מיר שטייען אָפט מאל פאר סיורפריזן אין זייער ערנסטע פראגן, וואס עס קאָן זיך שווער נוקם זיין אין אונז.

פאראיאָרן, דערמאָן איך מיך, איז אויף דער גענפער בעראטונג פלוצלינג ארויפגעשוואומען דאס פראבלעם פון פּ אַ ר י ט ע ט, אָן א פריערדיגער דיסקוסיע אין דער באוועגונג. מיר זיינען דערפאר נישט געווען אינגאנצן רייף פאר אָט דער דעבאטע. איך מיין, אז דאס וועט אויך געשען מיט דעם פראבלעם פון «חלוקה». די גאנצע צייט האט מען די פראגע פאר־שוויגן, אדער געהייסן זאגן «ניין», הגם שפעטער וועט מען זאגן «יא».

דאס פראבלעם פון יוגנט.

אין דער פראגע זענען מיר אינגאנצן דעזאָריענטירט. אין דער יוגנט גופא איז דא נאך א גרעסערע שפאלטונג, ווי ביי אונז. למשל: צו דער רומענישער פּאַרטיי, געהערן 6 יוגנט־ארגאניזאציעס (א חוץ, פּאַרשטייט זיך, דעם השומר הצעיר).

וועגן אינהאלט און ליניע פון דער באוועגונג.

א נאיווער פראווינציעלער חבר האט מיך געפרעגט נישט לאנג: מיט וואס אונטערשייד איך מיך פון אַן אלגעמיינעם ציוניסט? אין קק״ל, אין קהיי״ס, שקל, תרבות, — טוען מיר די זעלבע ארבעט. וואס אייגנטלעך אונטערשיידעט אונז פון זיי אין דער טאָגטעגלעכער ארבעט?

אין פוילען צ.ב. איז פאראן טיילווייז א פראפעסיאנעלע ארגאניזירונגס־ארבעט, אבער ביי אונז אין רומעניע, וואו דאס איז פאַרבאָטן, — וואס זאלן מיר טון? דאס איז נישט קיין קלאָץ־קשיא. די אלע פראבלעמען פון אינהאלט, אייגנארטיגקייט און ליניע פון אונזער באוועגונג דארפן מיר פארענטפערן.

אין רומעניע האבען מיר א מיליאן אידן. ס'איז דער דריטער אידישער קיבוץ אין אייראפע. מיר האבן דארט באקומען 46% שטימען צום קאנגרעס. אבער ביי געגנווארטס־ארבעט האבן מיר נישט קיין איינפלוס אויף דער אידישער גאס. נישט נאר מיר, נאר אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס צוזאמען. אין טשערנאָוויץ, צ.ב., וואו מיר זענען אלע געגאנגען אין א «רעליגיעז נאציאנאלן בלאק» מיט מזרחי א.א.וו. האבן אלע צוזאמען באקומען 1.200 שטימען און דער «בונד», וועלכער עקזיסטירט ארגאניזאטאריש נישט ביי אונז אין לאנד, האט דאך אנגעצויגן גאנצע 1.500 שטימען. כמעט די זעלבע דערשיינונג איז געווען אין ווארשע ביי די קהלה־וואלן. מיר דארפן

דעם ענין באטראכטן און אנהויבן מיט מעשים, כדי דעם אומנארמאלן מצב צו ענדערן.

מיט א יאר צוריק האבן מיר דערהאלטן א בריוו פון א״י וועגן דעם, אז פועלי־ציון אין פוילן האבן אונטערהאנדלט מיט גרינבוימס גרופע וועגן א געמיינזאמען פראָגראַם פון לאנד־פאליטיק. מיר האבן ממש נישט געקענט דאס גלויבן. מען קען נישט לאזן די פאַרטייען זיי זאלן זוכן אויף אייגענער אחריות וועגן פון געגנווארטס־ארבעט, אפילו ווי ריכטיג זיי זאלן נישט האנדלען, אין דעם אדער יענעם פאל.

צוליב די אלע וויכטיגע און קאָמפליצירטע פראָבלעמען מוזן מיר פעסטשטעלן, ווי אמשנעלסטן דעם טערמין פאר א וועלט־קאנפערענץ, און שוין באשטימען אַן אינסטאנץ, וועלכע זאל די אלע פראבלעמען גענוי באטראכטן און צוגרייטן פאר א וועלט־קאנפערענץ.

מ. גראַבאָווסקי

איך בין נישט פארוואָרצלט אינם גלות־לעבן. איך וועל רעדן אונטער דעם איינדרוק פון א קורצן באזוך אין איינס פון די לענדער, וואו דאס בילד פונם אונטערגאנג פון גלות־אידנטום איז בולטער ווי ערגעץ־אנדערש, — איך מיין פוילן־גאליציע. אויף אונזער טאג־ארדנונג שטייט א ברענענדע פראגע — אונזער באוועגונג אין חוץ־לארץ. מיר וועלן נישט דערגרייכן אונזער ציל אויב אונזער באראטונג וועט גרינגשעצן דידאזיגע פראגע. דאס איז נישט קיין ארגאניזאציאנעלע פראגע, — פון גוטע ביוראס און ארגאניזירטע סעקרעטאריאטן, כאטש די זאכן זיינען אויך זייער וויכטיג פאר א באוועגונג. די פראגע איז וועגן די ענדערונגען, וועלכע זיינען די לעצטע צייט פאר־געקומען אין גלות־אידנטום. מיר האבן דערפארונג, מיר קומען אלע ארויס פון גלות. אבער מיר דוכט, אז דאס אידנטום איז נאך קיין מאל נישט געשטאנען פאר אזא גרויס־פאַרנעמיגער סכנה פון עקאנאמישער און גייסטיגער פארניכטונג, ווי איצט. אָט אויף דעם פאַן, אזוי זעענדיג די לאגע, — דארפן מיר באטראכטן די פראבלעמען פון אונזער באוועגונג, פון דער באוועגונג פונם ארבעטנדן ארץ־ישראל אין חוץ־לארץ.

איך וועל באריִרן דריי פונקטן: נאכן פארעפנטלעכן דעם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע איז די אידיש־ציוניסטישע געזעלשאפטלעכקייט געבליבן שטיין אויף א שיידוועג. פון איין זייט — געשלאסענע טויערן פון ארץ־ישראל, ידיעות וועגן מארד און טעראר, פאליטישע דערשלאגנקייטן א פארנעפלטע צוקונפט; און פון דער אנדערער זייט — די שרעקלעכע לאגע, אין גלות, די אונטערדריקונג און די גייסטיגע דערנידעריגונג, וועלכע איז אזוי גרויזאם געקומען צום אויסדרוק אין באקאנטן האצקעלעוויטש־פראצעס. אונזער יוגנט, אין די צענדליגער טויזנטער, געפינט זיך אין א תקופה פון „רעווידירן די וועגן״. אלע פרעגן: וואוהין? עס האבן זיך געלאזט הערן

שווערע באשולדיגונגען אויף אונזער באוועגונג — פּאַרוואָס האט מען אין אזא אויסוואַגלאָזן מאָמענט מפקיר געווען דאס גלות־אידנטום אין זיין געראנגל פאַר עקזיסטענץ; פארוואס האט מען אויפגעהערט זאָרגן פאר דער עקאנאמישער עקזיסטענץ פון די אידישע מאסן און מען האט אלץ קאנ־צענטרירט אויפן ענין ארץ־ישראל? און שטרעבנדיג צו א באלדיגער שנעלער לעזונג לאזן זיך הערן געפערלעכע מיינונגען, וועלכע גראָבן אונטער דעם פונדאמענט פון אונזער אידעע: «ארץ־ישראל קען נישט לעזן די אידן־פראגע און דעריבער דארף מען אלע אָנשטרענגונגען פאַרווענדן פאַר די גלות־פראגן», און דערפון פאָלגט אַן אויספיר: «וויבאלד מיר זיינען א אידישע פראגרעסיווע באוועגונג, דארפן מיר זיך פארבינדן מיט פ.פ.ס. און קעמפן פארן ענדערן די פאליטישע ארדנונג אין פוילן, ווארום ווען די פוילישע מאסן, די פויערים און ארבעטער, וועלן פארנעמען די מאכט אין לאנד, וועט די אידן־פראגע ממילא געלעזט ווערן...»

אָט די שטימונגען זיינען א רעזולטאט פון אונזער טעטיגקייטס־ליניע אין חוץ־לארץ במשך די לעצטע 5 יאר. מיר זיינען צוגעוואוינט צום סטערעאָטיפּן געדאנק: פּאגראמען אין גלות — שטייגט דער ציוניזם... אבער מיר לעבן איצט אין א תקופה, ווען דאס גלות־פּראבלעם האט זיך פאר־שארפט ביז אויף דאס סאמע לעצטע, און גלייכצייטיג מאכט דורך דער ציוניזם א שווערע, און אפשר אן אנטשיידנדיגע צייט. אונזער באוועגונג ווערט אויפגעפאדערט צו געבן איר תשובה. הונדערטער טויזנטער, וועלכע זיינען געווען אין אונזערע רייען און געפינען זיך אויך איצט אין די רייען, פארלאנגען א תשובה, און די תשובה קומט נישט. עס פאדערט זיך א תשובה פארן טאגטעגלעכן לעבן. — וואס זאל מען טון דערווייל, אין אָנבליק פון דעם ביטערן חורבן אין חוץ־לארץ און פון די געשלאסענע טויערן פון ארץ־ישראל? איז טאקע קיין וואונדער נישט, אז אין אזא מאמענט האבען זיך ווידער באוויזן אויף דער פאליטיש־געזעלשאפטלעכער אַרענע פאַרשידענע סאָרטן שונאי ציון, אלס די איינציגע «באשיצער» פון די אידישע מאסן און זיי רעדן אין זייער נאמען... ביי די לעצטע וואלן צו דער לעמבערגער קהלה האט אונזער באוועגונג באקומען 600 שטימען פון 35.000 וואל־בארעכטיגטע און פון 16.000 פאקטישע וויילער. אויב דאס איז געשען אין לעמבערג, אַן עיר ואם בישראל, וועלכע האט הונדערט טויזנט אידן, — איז עס א דערשיינונג, וואס פארלאנגט אונזער ספעציעלע אויפמערקזאמקייט. עס וועט זיין פאלש צו מיינען, אז די מפלה אונזערע איז א רעזולטאט בלויז פון אן אומגעלונגענער טאקטיק. עס איז א פאקט, אז אידישע מאסן באטראכטן אונז נישט אלס זייערע באשיצער אין דעם דאזיגן שווערן מאָמענט. אָט די לאגע שטעלט אין א געפאר דעם ציוניזם, אונזער באוועגונג און אונזער איינפלוס. וואלט דער ציוניזם זיך תמיד געפונען אין א מצב פון אויפשטייג, וואלט די עליה קיין ארץ־ישראל געווען א פערמאנענטע און אין דעם מאסשטאַב פון די לעצטע יאָרן, — וואלט די אויבנדערמאנטע לאגע אפשר נישט געבילדעט קיין סכנה פאר אונזערע

פאזיציעס אין חוץ־לארץ, אבער מיר ווייסן דאך זיכער, אז מיר זיינען נאך במשך לאנגע יארן אויסגעשטעלט אין ארץ־ישראל אויף אויפשטייגן און ירידות, און מיר מוזן דעריבער בארעכענען אונזערע ארבעטס־וועגן נישט בלויז אויף די אויפשטייג תקופות נאָר אויך אויף די תקופות פון ירידה. און דער אמת איז, אז עס איז אונז נישט געלונגען צו דערציען אונזערע מאסן אָט פאר אזא תקופה. מיר געדענקען אלע די צייט פון די «יורדים». די וואס פאראטן אונז אין איצטיגן מאמענט אין גלות, זיינען עלול אונז אויף צו פאראטן ווען ווי וועלן זיך געפינען אין ארץ־ישראל, אויב עס וועט קומען א ירידה־צייט.

מיר טאָרן דעריבער נישט מאכן קיין סך הכל פונם מצב פון אונזער באוועגונג לויט דער צאל «שוקלים», — דאס אליין דעצידירט נאך נישט. אין איצטיגער צייט דארפן מיר קאנצענטרירן אונזער געדאנק אויף צו געפינען א תשובה: וואס דארף מען טון דערווייל פאר די אידישע מאסן, — פאר דער פארזיכערונג פון זייער עקזיסטענץ און פארן קאמף פאר זייערע רעכט אין זייערע וואוין־לענדער? נישט דער «בונד» דארף ווערן דער באשיצער פון די אידישע «סטראַגאַנעס» *), — דאס איז אונזער אויפגאבע! לאמיר נישט מפקיר זיין די אידישע מאסן אָן אָנפירונג, אָן קאמף פאר זיי. אלס ציוניסטן זיינען מיר פארפליכטעט צו פירן דעם קאמף פאר די אידישע רעכט און פאר זייער עקאנאמישער און גייסטיגער עקזיסטענץ אויך אין די גלות־לענדער. דאס נישט באשעפטיגן זיך מיט דערדאזיגער פראגע שטעלט אין א געפאר אונזער באוועגונג און אונזער ציוניסטישן איינפלוס.

איצט וועגן א צווייטן פונקט: די פראגע פון זעלבסטשוץ. אויף דעם־דאזיגן געביט איז געשען עפעס אזוינס, וואס איז גלייכצייטיג אי שרעקלעך און אי אויסטערליש. איך האב איינגעזויגן אין מיין בלוט, פון קינדוויייז אָן, די פאגראמען־תקופה אין רוסלאנד. איך געדענק מעשה־האָמעל, און אין מיין פריער יוגנט האב איך געלייענט וועגן דער אידישער זעלבסטשוץ, וועגן פאגראמשטשיקעס, וואס האָבן זיך געטראפן פנים אל פנים מיט אידישע באשיצער; איך געדענק די קרושעוואַן־דאַשעווסקי־צייט, — איך האב תמיד געוואוסט, אז עס זיינען פאראן צווישן אונז באשיצער פון אידישער ערע! און ביי אונז אין ארץ־ישראל; האט זיך דען ישראל בן יהודה אפגעהאלטן פון צו גיין אין א פינצטערער נאכט באשיצן די שכונה «התקוה»? האט ער זיך דען אפגעשראקן פאר דער קויל פון בריטישן פאליציאנט, וואס האט אים דערהרגעט? וויאזוי־זשע איז עס געשען, אז ווען עס ציען זיך שוין צוויי יאר פאגראמען אויף א קיבוץ פון דריי מיט א האלב מיליאן אידן, און ווען, צום ביישפיל, א גאנצע שטאט מיט צוויי און צוואנציג טויזנט נפשות ווערט גערויבט און געפייניגט, — געפינט זיך נישט צווישן די צענדליגער טויזנטער «החלוץ»־חברים קיין איין גרופע, וועלכע זאל זיך מוסר נפש זיין פארן אידישן כבוד? און דער «החלוץ» איז דאָך דער שיין פון אונזער

*) פארקויף־שטעלן פארן גאסן־האנדל.

באוועגונג, — און ווער נאך איז אזוי ווי ער דערצויגן געווארן צו קרבנות־גרייטקייט? ווי אזוי איז עס געשען, אז זיי זיינען נישט ארויס צו באשיצן די קווארטאלן פון אידישער אָרימקייט, וועלכע ווערן געטרעטן דורך פאריסענע פאגראמשטשיקעס? איז טאקע בלויז דער «בונד» בארופן דערצו? איך ווייס מען וועט מיר ענטפערן: «מען קאָן נישט פאַרגלייכן תקופת־רוסלאַנד צו אונזער צייט. — דער פאַשיזם וועט מאכן אַ תל פון אונזער זעלבסטשוץ». דאָס איז קיין ענטפער נישט. אויך אין רוסלאנד האָט די פּאָליציי געשיצט די פּאָגראָמשטשיקעס און געשאָסן אין אונזערע באשיצער. האָבן זיך דען דאמאָלס אידישע בחורים געשראָקן פאַרן טויט און פאַר די ווייטע סיבירער וויסטעניש? מען האָט מיר דערציילט, אַז אין פשעמישל איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאָרגעקומען אַ פּראָצעס געגן אידישע קאָמוניסטן, און איינע, אַ אידיש מיידל, האט אויפן פּראָצעס גופא געהאַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע, און באצאָלט דערפאַר מיט צוואנציג יאָר שווערע טורמע. דאַרפן מיר, הייסט עס, מאַכן דערפון אַן אויספיר, אז בלויז אין די נישט־ציוניסטישע רייען זיינען מענטשן גרייט אויף מסירת־נפש פאַר זייער אידעאַל? מיר מוזן אַ טראכט טון וועגן דעם ענין. מיר האָבן נישט דערצויגן די יוגנט צו שיצן דעם אידישן כבוד אין חוץ־לארץ, און מען דאַרף עס זען פאַריכטן כל זמן עס איז נישט שפעט.

און דער דריטער פונקט: די פאַרטרעטונג פונם אידישן פאָלק אין חוץ־לארץ. אויך די פראַגע פאַרלאַנגט אַ לעזונג. אויך דאָ פעלט אונז די ריכטיגע אָריענטאַציע. עס זיינען פאַראַן חילוקי דעות — אויף וועלכע שיכטן מיר דאַרפן זיך שטיצן אין גלות. אויב אזא ויכוח קען נאָך הייגט זיין ביי אונז, איז דאס אַ סימן פון אַ שוואַכער פּאָליטישער אינטואיציע. פאַר מיר איז קלאָר, אַז אין חוץ־לארץ דארפן מיר פאַרטרעטן און שיצן די אינטערעסן פון די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן. מיר דאַרפן פאַרטיידיגן די עקזיסטענץ און פרנסה־מעגלעכקייט פון יעדן איד. דעריבער האַלט איך, אַז מען דאַרף שאַפן אַן אַלגעמיינע אידישע קאָאַליציע פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אונזערע אינטערעסן אין גלות. די פראַגע פון אונזער פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ אין גלות איז נישט בלויז אַ פּאָליטישע פראַגע, זי איז אויך אַן ערשטקלאַסיגע, אינערלעך־אידישע פראַגע. פאַר דעם איצטיגן צוזאמענקום איז איבעריג צו דערקלערן, צו וואס מיר זיינען דערגאנגען אויף דעם געביט אין פוילן און אין אנדערע לענדער. די אָרגאַניזירונג פון גלות־אידנטום און פון זיין פּאָליטישער פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ וועט אויך דינען אַלס אָפּהאַלט געגן דער געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישער ירידה. וועלכע דראָט די אידן אין פוילן. לאָמיר נעמען אויף זיך אויך דידאָזיגע שווערע אויפגאַבע!

ל. שטשופּאַקעוויטש

* מען האט דא א סך גערעדט וועגן אונזער באוועגונג אין פוילן. לויט מיין מיינונג וועט מען דארפן דעם ענין אוועקשטעלן אלס באזונדערן

פונקט אויף דער טאג־ארדנונג. דערביי מיין איך נישט בלויז די פראגע פון אונזער באוועגונג אליין נאר די פראגע פון אידנטום בכלל. עס איז נישט פאראן קיין איין אינסטאנץ, וועלכע זאל זאָרגן פאר דעמדאזיגן וועזנטלעכן אידנטום. איצט באשעפטיגט מען זיך מיט דער שאפונג פון אזא אינסטאנץ. אונזער חבר ברוך צוקערמאן לייגט אריין אין דעם א סך כוחות. ווער עס האט נישט געזען מיט די אייגענע אויגן דעם עקאנאמישן חורבן פון די אידן אין פוילן, קען זיך גארנישט פארשטעלן די אמתע לאגע. אפילו אין ווארשע גופא ווייסט מען נישט וואס עס טוט זיך אויף א מרחק פון עטלעכע שעה. עס קומט פאר א גסיסה פון א גרויסן אידישן קיבוץ!

אין די צייטן פון עליה קיין ארץ־ישראל האבן מיר געהאט הונדערטער טויזנטער, וועלכע זיינען געקומען צו אונז מיט דער האפנונג ארויסצוקריגן זיך פון דעם גיהנום. די עליה־טויערן זיינען געווארן צוגעשלאסן, איז צערונען די האפנונג און עס הערשט דערשלאגנקייט. דער ציוניזם איז אָפגעשוואכט. די פארשפרייטונג פון קרוב 300.000 שקלים אין פוילן און גאליציע איז געווען א גרויסע, א ריזיגע אָנשטרענגונג. אויפקלערונגס־ארבעט ווערט ביי אונז געפירט אין זייער א קליינער מאָס, די הוצאות אויף דערדאָזיגער ארבעט זיינען זייער קנאַפע. פאַר־צוויי־יאָרן האָבן מיר געהאַט איבער 100.000 יוגנטלעכע, איצט איז די צאָל געפאַלן. עס הערשט אַ שרעקלעכע איבערפלעכלעכקייט. אונזער צייטונג דרינגט נישט אַריין אין אלע ווינקעלעך פון לאַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ סך טויזנטער יוגנטלעכע שלעפן זיך נאָך דעם «בונד», און אַ סך פינצטערן אין די תפיסות פאר קאָמוניסטישער טעטיגקייט. און די אַלע וואָלטן געקענט זיין ביי אונז. די סיבה פאַרוואָס עס איז נישט אַזוי ווי עס וואָלט געקענט זיין — איז דער מאַנגל פון אונזערער אַן אַנטשפרעכנדער טעטיגקייט צווישן יוגנטלעכע און דערוואַקסענע. און דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אונזער אויפגאַבע, ווייל מיר זיינען דער עיקרדיגער כוח אין פוילישן אידנטום. וואָס טוט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אויף דעם געביט — אויפן געביט פון ציוני־סטישער דערציאונג און אויפקלערונג?

אונטערן דרוק פונם שרעקלעכן מצב האָט זיך דאָס פוילישע אידנטום אויסגערייפט. ווען מען רופט צו אַ שטרייק, שטרייקט עס, — צי דער «בונד» רופט דערצו, צי מיר, צי די בירגערלעכע קרייזן, — ווייל אַלע געפינען זיך ביים ראַנד פון אָפגרונט, און קיין אויסוועג זעט זיך נישט. און אָט דעם רעוואָלוציאָנערן כוח נוצט מען לגמרי נישט אויס. די הילפס־אַקציע פאַר ארץ־ישראל איז געלונגען נישט געקוקט אויף אַלע לכתחילהדיגע ספקות. די פאָטענץ איז אַ גרויסע, אָבער מיר האָבן נאָך נישט דערלערנט וויאַזוי אויפצוברויזן די מאַסן.

און וואָס ס'איז שייך אידישן רעאַגירן אויף פאָגראָמען און זעלבסט־שוץ, — איז דער ענין נישט אַזוי פשוט און גרינג. פאַראַן גאָר אָפטע פאַלן

ווי נישט אידישע אַרבעטער האָבן אויך נישט געקענט רעאַגירן. מען קען נישט פאַרגלייכן צו ארץ־ישראל. אידן וואָס האָבן געפּרוווט זיך פאַרטיידיגן זיינען שווער באַשטראָפט געוואָרן. אין פאַל פון ווידערשטאַנד קען קומען דערצו, אַז מען זאָל פאַרניכטן אַ גאַנצע שטאָט.

דאָס פוילישע אידנטום געפינט זיך אין אַ מצב פאַר אונטערגאַנג. מיר וואָלטן געקענט געווינען פאַרן ציוניזם 90% אידן ווען אונזער אויפקלער־רונגס־קראַפט וואָלט געווען אַ שטאַרקערע. די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז לגבי די פוילישע אידן, איז — אַריינגעבן זיי גלויבן און האָפנונג אַנשטאָט דער הערשנדער פאַרצווייפלונג; דאַן וועלן זיי זיין אונזערע.

וואָס דאַרף טאָן אונזער באַוועגונג כדי צו ראַטעווען דאָס פוילישע אידנטום? — אָט אויף דעם דאַרף מען געפינען אַ תשובה. די רעפערוזענ־טאַנץ וועט אפשר געשאַפן ווערן אָבער די אַנטשיידונג וועט בלייבן ביי אונז. דער «בונד» וועט נישט גיין מיט כלל ישראל. אָבער דעם גאַנצן ענין דאַרף מען, ווי געזאָגט, באַטראַכטן אַלס באַזונדער קאַפּיטל.

* * *

ביים סוף פון דער זיצונג האט דער פארזיצער געמאלדן, אז אויף דער אוונט־זיצונג וועט ד. בן־גוריון האלטן זיין רעפעראט וועגן דער פאליטישער לאגע. דערביי האט זיך אנטוויקלט א לעבעדיגער ויכוח צי מען זאל פארזעצן די דעבאטע איבער די ארגאניזאציאנעלע פראגן אדער מען זאל אריבערגיין צו די פאליטישע ענינים. א. קאפלאן לייגט פאר אויסצוקלייבן א גרויסע ארגאניזאציע־קאמיסיע, און אין איר זאלן פארגעזעצט ווערן די באהאנדלונגען פון די ארגאניזאציאנעלע פראגן. ח. שורער האלט, אז דער ביזאיצטיגער פארלויף פונם ויכוח בארעכטיגט נישט דאס איבעררייסן אים אין פלענום. דער גורל פון דער פאליטישער דעבאטע איז אן אומבאצווייפלט זיכערער און עס מאכט נישט אויס אויב מען וועט זי אפלייגן. דאגעגן קען עס זייער שאדן דער ארגאניזאציאנעלער דעבאטע, אויב מען וועט זי איצט איבעררייסן און ארי־בערפירן אין דער קאמיסיע. ש. לביא איז געגן איבעררייסן די ארגאניזאציאנעלע דע־באטע, ווייל זי דערהויבט די בארנטונג און מאכט זי לעבעדיגער. ב. לאקער בא־מערקט, אז מען דארף זיך רעכענען מיט דער צייט־פארטיילונג פונם רעפערענט איבער דער פאליטישער פראגע. נאך דעם רעפעראט וועלן מיר באשליסן וועגן דער ווייטער־דיגער פארם פון דער ארגאניזאציאנעלער דעבאטע.

די פּאָליטישע דעבאַטע

דריטע זיצונג

דאנערשטאג, דעם 29־טן יולי 1937, אינאוונט

באריכט פון דער מאנדאטן־קאמיסיע; ד. בן־גוריונס רעפעראט איבער דער פאליטישער פראגע.

ביים אנהויב פון דער זיצונג גיט איבער מ. ניישטאדט דעם באריכט פון דער מאנדאטן־קאמיסיע (זע דאס קאפיטל וועגן פארלויף פון די באראטונגען ביים אנהויב פונם בוך). די קאמיסיע־פארשלאגן ווערן אנגענומען איינשטימיג.

ד. בן־גוריון

ארייַנפיר איז דער פאליטישער דעבאטע

א.

ווען ס׳איז מיר באקאנט געווארן דער אינהאלט פון די מסקנות פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע, האט מיך ארומגענומען א שווערע זאָרג, — אז דאס אידנטום אין מזרח־אייראפע זאל נישט אויפנעמען דידאזיגע אויספירונגען מיט א זיגערישן פרייד־אויסברוך. אזוי איז עס ווירקלעך געשען. און כאטש איך געהער צו די, וואס באטראכטן דעם פארשלאג פון דער קאמיסיע פאר א גרויסן היסטארישן שאנס, — אפשר איינער פון די גרעסטע שאנסן אין אונזער געשיכטע, — האלט איך דעם פרייד־אויסברוך פאר א שווערן טעות און פאר זייער שעדלעך. די קאמיסיע לייגט פאר א אידישע מדינה, אבער פונם פאָרשלאג ביז דער מדינה איז נאך גאנץ ווייט, און דער פארשלאג גופא נויטיגט זיך נאך אין א הארבער קריטיק. די קאמיסיע באגנוגנט זיך דאך נישט מיטן מדינה־פארשלאג, זי טראָגט גלייכצייטיג ארויס א טויט־אורטייל אויפן מאנדאט. און די ענגלישע רעגירונג, וועלכע האט בדרך כלל אנגענומען די מסקנות פון דער קאמיסיע, קען צואיילן די ליקווידירונג פונם מאנדאט, — נישט איילנדיג זיך צו שאפן די מדינה. דער פרייד־אויסברוך איז נאך צו פרי, צום נצחון איז נאך ווייט.

איידער מיר טרעטן צו צו אנאליזירן דעם באריכט און די אויספירן פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע מוזן מיר פריער זיך קלאר מאכן דעם פאליטישן יסוד פון די אומשטאנדן, וועלכע האבן דערפירט צו דער באשטימונג פון דער קאמיסיע.

ב.

די געשעעענישן פון 1936 האבן ווידער אקטועל געמאכט די ארץ־ישראל־פראגע. די פראגע, וועלכע איז אזוי גוט ווי איין מאל פאר אלע מאל דערליידיגט געווארן אין יאר 1917 דורך דער באלפור דעקלאראציע, איז ווידער געווארן פראבלעמאטיש. אויך דער ארץ־ישראל־מאנדאט, וועלכער איז אונטערגעשריבן געווארן דורך איבער פופציג מדינות און געווארן אַן אָרגאנישער טייל פון אינטערנאציאנאלן פעלקער־רעכט, איז פונדאסניי גע־ווארן אַ ענין פון דיסקוסיע.

די געשעעענישן, וואס זיינען אויסגעבראכן אין ארץ־ישראל אין אפריל 1936, זיינען אין א סך הינזיכטן ענלעך צו די געשעעענישן אין די יארן 1920, 1921, 1929 און 1933. אבער דער פארנעם, די קראפט און די פאלי־טישע ווירקונג פון די לעצטע געשעעענישן זיינען לחלוטין אנדערש ווי פון די פריערדיגע. דאסמאל איז קלאר געווען, אז מיר האבן צו טאן מיט א «בונט און אויפשטאנד» סיי געגן דער מאנדאט־רעגירונג און סיי געגן דער אידישער «נאציאנאלער היים». אמת, ווען אין לאנד וואלט בעת מעשה געווען א לאָיאַלע, אנשטענדיגע און כאראקטער־פעסטע רעגירונגס־אדמיני־סטראציע, וואלט דער יפוער פאגראם נישט פארוואנדלט געווארן אין אַן אלגעמיינעם אויפשטאנד. איך צווייפל, צי די אראבישע פירער אליין האבן געגלויבט, אז זיי זיינען בכוח צו ארגאניזירן א שטרייק, וואס זאל אָנ־האלטן זעקס חדשים. קיינער האט זיך נישט פארגעשטעלט, אז די אראבישע באנדעס זאלן אזא לאנגע צייט קענען ביישטיין קעגן פאליציי און מיליטער. אין די דאזיגע געשעעענישן איז אנטפלעקט געווארן די גאנצע צעפוילטקייט פון דער זיכערהייטס־מאכט און פון דער פאליציי. אין לאנד איז אנגעקומען א סך מיליטער, אבער עס האט נישט באקומען די מעגלעכקייט צו זיין אקט־ווו. אין דער פארשפרייטונג און פארלענגערונג פונם «אויפשטאנד» האט א היפשן אָנטייל די אדמיניסטראציע: נישט דורך פאקטישער מיטהילף, נאר דורך נישט פארמיידן דאס, וואס מען האט געקענט פארמיידן און דורך מאנגל אין פעסטקייט ביים דערדריקן די צעיושעטע אָנגרייפער. אבער פאקט בלייבט פאקט, מעגן די סיבות זיין וועלכע זיי זיינען.

במשך זעקס חדשים איז דאס לאנד געווען אין א מצב פון אנארכיע: לעבנס־ און פארמעגנס־זיכערקייט צעשטערט, די רעגירונגס־כוחות פאראליזירט, די אראבישע ווירטשאפט אפגעשטעלט. און נישט נאר אונזער קליין לאנד, — די גאנצע וועלט איז געווען דערשיטערט פון דעם, וואס דא איז פארגעקומען.

אין די געשעעענישן האבן זיך דאסמאל באטייליגט נישט בלויז ארץ־ישראלדיגע אראבער, אויך אראבער פון די שכנותדיגע לענדער האבן זיך אקטיוו באטייליגט אין זיי, דורך ממשותדיגער מיליטערישער אריינמישונג (די באוואָפנטע באנדעס זיינען געקומען הויפטזאכלעך פון סיריע און פון איראק) און דורך דיפלאמאטישער אריינמישונג פון אראבישע מלכים און פון איראקישע מיניסטארן. אויך אין דערדאזיגער פרעמדער אריינמישונג

האט אנטייל די ארץ־ישראלדיגע אדמיניסטראציע. ס'איז קיין סוד נישט, אז נורי־פאשא־אל־סעיד, דער בשעתודיגער איראקישער אויסערן־מיניסטער, האט זיין פאליטישע ארץ־ישראל־טעטיגקייט געפירט ביי דער אפענער און געהיימער אונטערשטיצונג פון דער ארץ־ישראלדיגער רעגירונג. אויך די ווענדונג פון די אראבישע מלכים וואלט נישט געקומען, ווען דערצו וואלט נישט געווען די הסכמה פון דער רעגירונג. עפעס אזוי ווי עמיץ וואלט מיט א כיוון געוואלט פארוואנדלען דעם ארץ־ישראל־ענין אין א פאן־אראבישע פראגע.

ג.

ביז די געשעענישן האבן זייער ווייניג ענגלענדער זיך אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל. זינט ארץ־ישראל איז דעראבערט געווארן דורכן ענגלישן מיליטער, איז די בריטישע אימפעריע געווארן דער אנטשיידנסטער פאקטאר אינם פאליטישן גורל פון לאנד, אבער בלויז געציילטע ענגלישע פאליטיקער און זשורנאליסטן האבן געוואוסט וואס דארט קומט פאר. די ענגלישע אימפעריע איז גרויס און ברייט, אירע פראבלעמען זיינען זייער שווערע, פארוויקלטע און קאמפליצירטע, דאגות האט דאס ענגלישע פאלק גאר א סך, — און ארץ־ישראל איז אזוי קליין און אזוי ווייט פונם צענטר פון דער אימפעריע, אז די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג האט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט נישט זיך צו באשעפטיגן מיט יענעם קליינעם און פארווארפענעם ווינקל, וואס רופט זיך ארץ־ישראל. אין נארמאלע צייטן איז נישט פאראן צווישן טויזנט ענגלענדער קיין איינער, וואס זאל זיך אינטערעסירן צו וויסן וואס קומט פאר אין אט דעם מאנדאט־געביט. א סך האבן גארנישט געוואוסט, אז ארץ־ישראל געפינט זיך אונטערן ענגלישן מאנדאט. אבער די לעצטע געשעענישן האבן געצוואונגען יעדן ענגלענדער א טראכט צו טאן וועגן ארץ־ישראל, — צום ערשטן מאל. טאג־טעגלעך פלעגט יעדער ענגלענדער לייענען אין זיין צייטונג וועגן באמבעס, שיסערייען, אנפאלן, מאָרדן, און עס האט זיך געמוזט ביי אים דערוועקן א פראגע: ס'טייטש? געגן וועמען איז דער קאמף? אין וואס באשטייט די פאראנטווארטלעכקייט, וואס דער מאנדאט לייגט ארויף אויף ענגלאנד? און ווער איז גערעכט אין דעם שטרייט? די ענגלענדער זיינען געווען אין א פארלעגנהייט. אין די מערסטע חדשים פון די געשעענישן בין איך געווען אין לאנדאן און איך האב פון דער־נאענט אבסערווירט די שטימונגען און רעאגירונגען פון דער ענגלישער עפנטלעכקייט. עס זיינען, פארשטייט זיך, געווען איינצלנע, וואס האבן אויך פון פריער געוואוסט מער אדער ווייניגער, וואס איז ארץ־ישראל און וואס איז דער ענגלישער מאנדאט און וואס זיינען די פארפליכטונגען, וועלכע ענגלאנד האט גענומען אויף זיך מיט דער באלפור־דעקלאראציע. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס האבן געהאט א קלארע שטעלונג אין דעם ענין, — פאר אדער געגן. עס זיינען געווען געשוואוירענע פריינט פון ציוניזם און אויסגעשפראכענע געגנער. אבער די גרעסטע מערהייט פון ענגלישן פאלק האט זיך געפונען אין א פארלעגנהייט. אין דער אויסערדאגירונג פון

דער באלפור־דעקלאראציע און פון מאנדאט האבן זיך באטייליגט יחידים, און בלויז געציילטע זיינען געווען, וואס האבן געקענט דידאזיגע יורידישע פֿארמולעס. אין צוזאמענהאנג מיט די געשעענישן זיינען די צוויי דאָ־קומענטן זייער פאפולער געווארן, אבער דאס איז געווען א פאפולאריטעט פון זייער עצם עקזיסטירן מער ווי פון זייער אינהאלט. דער אינהאלט איז געבליבן אומקלאר. יעדער ענגלענדער האט זיך דערוואוסט פון דער צייטונג, אז זיין רעגירונג האט זיך פארפליכטעט לגבי דעם אידישן פאלק אין מיטהילף צו שאפן זיין «נאציאנאלע היים» אין ארץ־ישראל. אבער וואס איז דאס אזוינס «נאציאנאלע היים»? דער באגריף איז אנטשטאנען נאך דער וועלט־מלחמה, און קיינער האט געגוי נישט געוואוסט, וואס מיינט מען דערמיט און וואס באדייט עס. צי הייסט עס א אידישע מדינה? אויב יא, — פארוואס־זשע האט מען דעפינירט «נאציאנאלע היים» און נישט געזאגט פשוט «אידישע מדינה»?

ד.

אין אלגעמיין האבן די ענגלענדער סימפאטיזירט מיט דעם אידישן צד. עס זיינען געווען עטלעכע סיבות דערצו. די השפעה פון תנ״ך, וועלכע איז ביי די ענגלענדער שטארקער ווי ביי אנדערע פעלקער, כאטש מען דארף נישט איבערטרייבן דעם פאַרנעם פון דערדאזיגער השפעה; די ענג־לישע טראדיציע, — וועלכע איז, אמת, אנטשטאנען ערשט אין נײַנצענטן יארהונדערט, — מיטצוהעלפן געיאגטע און ליידנדע פעלקער, און ממילא דער מיטלייד מיט די אידן פון דייטשלאנד, פוילן און פון די אנדערע מזרח־אייראפייאישע לענדער (די ענגלישע פארלאמענט־טריבונע און די גרויסע ענגלישע צייטונגען האבן נישט איין מאל געבראכט צום אויסדרוק פראָ־טעסט־ און צאָרן־רייד געגן די פייניגונגען פון אידן אין דייטשלאנד, אין אזא מאס און אין אזא טאן, ווי עס איז נישט געהערט געווארן אין קיין שום אנדער גרויס לאנד); אנערקענונג פארן ציוניסטישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל און א כבוד און פיעטעט־באַציאונג צום אידישן ישוב פאר זיין האלטונג בעת די געשעענישן, — פאר דער שטאלצער, פארשטאנדיגער און קולטורעלער האלטונג פון די אנגעגריפענע און נישט אפגעשראקענע אידן אין ארץ־ישראל, — די ענגלענדער האבן דערזען די אידן אין א ניי ליכט. נישט קיין עמיגראנטן־צוזאמענלויף, נאר אן איינגעווארצלטער, צו זיין לאנד צוגעבונדענער ישוב, וואס שיצט זיינע פאזיציעס און היט אפ זיין ווירדע און זיין עטיש־מענטשלעכע ריינקייט און הויך. דאס אלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ארץ־ישראל־דיסקוסיע אין ענגלישן פאר־לאמענט, דעם 19־טן יולי 1936.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין דער הינזיכט האט אויך געשפילט א נישט קליינע ראָל דער פאקט, וואס ענגלאנד האט אויף זיך גענומען א באשטימטע פארפליכטונג, — און די ענגלענדער זיינען זיך נישט נוהג צי־ניש מבטל צו זיין א צוזאג אדער אן אפמאך, ווי היטלער אדער מוסאליני.

אויך דער פּראַקטישער שכל פון די ענגלענדער האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז עס לוינט אויפֿצוהאַלטן פֿרײַנטשאַפֿטלעכע באַציאונגען מיטן אידישן פֿאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. דערצו איז דאָס ענג־לישע פֿאָלק ווייניקער פֿון אַנדערע אָנגעשטעקט מיטן אַנטיסעמיטישן באַציל, כאָטש עס איז אויך נישט לחלוטין פֿאַרפּאַנצערט געגן אידן־האַס.

ה.

אָבער פֿון דער צווייטער זייט האָט ענגלאַנד נישט געקענט נישט צוהערן זיך צו די אַראַבישע טענות אָדער זיך אײַנגאַנצן נישט רעכענען מיט זייערע פּרעטענזיעס. די אַראַבער פֿאַרלאַנגען זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג, — און דער ענגלענדער, וועלכער איז דערצויגן אויף דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם, האָט פֿאַרשטענדניש פֿאַר אָט דער עלעמענטאַרער פֿאָדערונג און באַציט זיך צו איר פּאָזיטיוו. די אַראַבער טענהן, אַז ארץ־ישראל איז אַן אַראַביש לאַנד, — אויך די טענה האָט אַ יסוד. די מערסטע אײַנוואוינער פֿון לאַנד זײַנען אַראַבער, און דער ענג־לענדער איז געוואוינט זיך צו רעכענען מיט דער מערהייט. דערצו ווייסט ער אויך, אַז די אַראַבער זײַנען נישט קיין נײַ־אָנגעקומענע אין ארץ־ישראל, נאָר זיי געפֿינען זיך אין לאַנד שוין הונדערטער יאָרן. און אויב די אידישע פֿאָדערונג האָט אויפֿצווייזן אַ גרויסע און גלענצנדע פֿאַרגאַנגענ־הייט, האָבן אָבער אויך די אַראַבער אין ארץ־ישראל אַ נישט־קליינע פֿאַר־גאַנגענהייט: זיי זיצן שוין אין לאַנד טויזנט און פֿיר הונדערט יאָר, — דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. די ענגלענדער גופא אין זייער לאַנד האָבן נישט קיין לענגערע געשיכטע. וואָס ס׳איז שייך די צוזאָגן, וואָס מען האָט געמאַכט די אידן, — האָט מען אָבער געמאַכט צוזאָגן אויך די אַראַבער. אין דער זעלבער דעקלאַראַציע, וואו עס ווערט פֿאַרזיכערט אַ נאַציאָנאַלע היים פֿאַרן אידישן פֿאָלק, ווערן פֿאַרזיכערט אויך די רעכט פֿון די נישט־אידן אין ארץ־ישראל. דערבײַ איז נאָך אויך פֿאַראַן אַ מיסטעריעזער בריוו פֿון מעק־מעהאָן, וואָס זאָגט צו די אַראַבער פֿולע זעלבסטשטענדיקייט, און די פּרטים פֿונם צוזאָג זײַנען נישט קלאָר און אומבאַשטימט, און ס׳איז שווער צו אַנטשיידן אין אַ שטרייט פֿון פֿאָדערונגען, וואָס זײַנען סותר איינע די אַנדערע.

די ענגלישע עפֿנטלעכע מיינונג האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. עס האָט בײַ איר אויסגעזען, ווי ביידע צדדים וואָלטן געווען גערעכט, — סײַ די אידן און סײַ די אַראַבער.

ו.

אָבער פֿאַר די ענגלענדער איז געשטאַנען אַ פֿראַגע נישט בלויז פֿון גערעכטיקייט. דער חוש פֿאַר יושר איז בײַם בריטישן פֿאָלק אַנטוויקלט נישט ווייניקער ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, אָבער אויך דער חוש פֿון נוצן און זעלבסט־אינטערעס פֿעלט אים נישט. די ענגלישע אימפּעריע איז צע־

שפרייט אין אלע פינף וועלט־טיילן, און זי פארמאגט גענוג שונאים און קאנקורענטן; דער אינטערעס פון ענגלאנד טרייבט זי דעריבער צו באקומען וואס מער גוטע פריינט און צו האבן וואס ווייניגער שונאים. דעריבער האט זי בעת דער מלחמה געגעבן די באלפור־דעקלאראציע און דערפאר האט זי גלייכצייטיג געגעבן צוזאגן אויך די אראבער. און אויך נאך דער מלחמה איז ענגלאנד געווען פאראינטערעסירט אין דער פריינטשאפט פון אידישן פאלק און אויך אין דער פריינטשאפט פון די אראבישע פעלקער. אין אמעריקע איז פאראן א גרויסער און איינפלוסרייכער אידישער ישוב, אבער עס זיינען אויך פאראן איראק און מצרים און סעודיה. און ס'איז א פראגע נישט בלויז פון אראבישע לענדער, — עס זיינען פאראן מיליאנען מוסולמענער. ענגלאנד געוועלטיגט איבער דער גרעסטער צאל מוסולמענער אין דער וועלט, און די מוסולמענער שטיצן אונטער די אראבישע פאדע־רונגען. ענגלאנד וויל טאקע נישט דערוועקן געגן זיך דעם צארן פון די אידן, זי איז אבער אויך נישט גלייכגילטיג לגבי דער באציאונג פון דער אראבישער און מוסולמענישער וועלט. פונדאנען נעמט זיך דאס טאנצן אויף צוויי חתונות, — עס איז די שוועריגקייט, וואס שטייט פאר ענגלאנד, זיך צו אנטשיידן אהער אדער אהין. דאס אלץ רעדט זיך נישט בלויז וועגן דער ענגלישער רעגירונג, נאר וועגן דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג, וועגן דער פרעסע, געזעלשאפטלעכקייט און די ברייטע מאסן.

ז.

ביי אזעלכע אומשטאנדן איז באשטימט געווארן די קעניגלעכע־קאמיסיע און אט די אומשטאנדן האבן זי געמאכט פאר א פארטרעטערין פון דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג און נישט בלויז פון דער רעגירונג. גראד ווייל די ענגלישע געזעלשאפט האט זיך געראנגלט מיט דער ארץ־ישראל־פראגע און נישט געקענט זיך קיין עצה געבן, — האט זי געלייגט א סך האפנונגען אויף דער קאמיסיע און אפגעווארט מיט אינטערעס אירע אויס־פירונגען. אפיציעל גענומען איז די קאמפעטענץ פון דער קאמיסיע, ווי אויך איר אויפגאבע, געווען א באשרענקטע. די רעגירונג האט איר געגעבן פיר אינסטרוקציעס:

א) אויפצוקלערן און פארצושטעלן די גרונט־סיבות פון די געשעענישן, וואס זיינען אויסגעבראכן אינמיטן אפריל 1936;

ב) נאכצוזען וויאזוי ווערן פארווירקלעכט די מאנדאט־פארפליכטונגען לגבי די אראבער און די אידן לויטן אמתן פשט פון די מאנדאט־פאראגראפן;

ג) צו קאנטראלירן צי די אראבער און די אידן רוקן ארויס גע־רעכטע אנקלאגעס געגן דעם אופן פון דער מאנדאט־רעאליזירונג;

ד) אויב די קאמיסיע וועט איינזען, אז עס זיינען פאראן אזעלכע בארעכטיגטע אנקלאגעס, — דארף זי קומען מיט פארשלאגן, וויאזוי צו באפרידיגן די טענות און אויסצומיידן זייער איבערחזרונג אין דער צוקונפט.

אין איינע פון דעם קאלאניען־מיניסטערס מעלדונגען, פארן באשטימען די קאמיסיע־מיטגלידער, איז בפירוש געווארן אונטערגעשטראכן, אז די קאמיסיע האט קיין רעכט נישט זיך צו דערוויטערן פון די מאנדאט־ראמען און זי קען נישט ווידערשפרעכן זיינע באשטימונגען. אבער נאר נאאיווע מענטשן האבן געקענט גלויבן, אז אט די פארמעלע אינסטרוקציעס וועלן באשרענקען די ארבעט פון דער קאמיסיע. די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג האט זיך נישט אינטערעסירט מיט דער אויסטייטשונג פון די מאנדאט־פאראגראפן און אויך נישט מיט די פרטים׳דיגע טענות פון די אידן און אראבער, — זי האט געוואלט וויסן, ווי דארף און וועט אויסזען די פאליטישע צוקונפט פון ארץ־ישראל און וויאזוי איז עס געקומען צום היסטארישן שטרייט צווישן די צוויי פעלקער, וואס יעדער פון זיי פרעטענדירט אויף היימלאנד־רעכט אין ארץ־ישראל. די ענגלישע געזעלשאפט האט דערווארט, אז די קאמיסיע וועט פרווון אויסגעפינען א לעזונג פאר דעם הויפט־פראבלעם, און דעריבער איז פאר אונז שוין דאן קלאר געווען, אז די קאמיסיע וועט ארויסטראגן איר אורטייל איבער דער ארץ־ישראל־פראגע אין איר גאנצן פארנעם, — צי דערדאזיגער אורטייל וועט אנט־שפרעכן דעם מאנדאט אדער נישט.

ח.

דעריבער האבן מיר, ביי אונזער ארויסטרעטן פאר דער קאמיסיע, זיך נישט באגנוגנט מיט טיילווייזע טענות און אנקלאגעס. נאר מיר האבן פונאנדערגעוויקלט אין דער גאנצער ברייט דעם ענין פון דער אידן־פראגע בכלל און פון די ציוניסטישע שטרעמונגען און אונזער אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. מיר זיינען אויסן געווען אויפצוקלערן דער קאמיסיע דעם היסטארישן און אלוועלטלעכן הינטערגרונט פון דער אידן־פראגע און פאר־צושטעלן איר לעזונג דורך ארץ־ישראל אין א גענויער שילדערונג פון אונזער ארבעט אין לאנד און פון די פאליטישע און עקאנאמישע אומשטאנדן, אין וועלכע זי קומט פאר. מיר האבן נאטירלעך נישט אויסגעמיטן צו באַ־רירן דאס פראבלעם פון אונזערע באציאונגען מיט די אראבער און ס׳איז אונז, דוכט זיך, געלונגען אויפצווייזן דעם גרויסן נוצן, וואס דאס ציוניס־טישע אויפבוי־ווערק ברענגט דעם גאנצן לאנד, — אלע זיינע איינוואוינער. א באזונדער קאפיטל איז געווען דער ענין פון דער באאמטנשאפט און פון דער אדמיניסטראציע־ארדנונג אין ארץ־ישראל, נישט בלויז בעת די גע־שעענישן, נאר אויך אין די פריערדיגע יארן.

דער אויפטריט פון דער אידישער אגענץ פאר דער קעניגלעכער־קאמיסיע פארדינט א גענויע אפשאצונג, — איך וועל עס נישט טון איצט אינם איצטיגן מאמענט. דא זיינען מיר פארנומען מיט עפעס אנדערש. איך קען אבער נישט פארבייגיין שטילשווייגנד איבער דער וויכטיגער לייסטונג פון אונזערע צוויי הויפט־«עדות»: די גרויסע רעדע פון ד״ר וויצמאן ביי דער עפענונג פון דער קאמיסיע־פארשונג, און די גענויע «עדות» פון משה שערטאק וועגן

די ענינים פון ארבעט, עליה, עפנטלעכע אינסטיטוציעס, זיכערהייטס־מאכט, באאמטנשאפט א. א. וו.

די קעניגלעכע קאמיסיע איז געקומען קיין ארץ־ישראל נאך די «געשעע־נישן», און כאטש איר אויפגאבע איז נישט באשטאנען אין אויספארשן דעם פארלויף פון די געשעענישן און אין אויסגעפינען דעם שולדיגן, איז אבער קלאר געווען, אז אירע באַאבאכטונגען אין לאנד וועלן שטארק באאיינפלוסט ווערן פון דער אנארכישער לאגע. אין וועלכער דאס לאנד האט זיך געפונען פארן אנקומען פון דער קאמיסיע. די הויפּט־פראגע, וואס האט זיך געשטעלט פאר איר, איז געווען: וואס טוט מען צו דעם קריגערישן ווידערשטאנד, וואס די ארגאניזירטע אראבישע כוחות ווייזן ארויס געגן דער פאליטיק פון א אידישער «נאציאנאלער היים» און פון בריטישן מאנדאט?

ט.

פאר אונז איז די פראגע נישט געווען קיין נייע. נאך פאר די אפריל־געשעענישן פון 1936 האבן מיר געוואוסט, אז עס שטייען אונז פאר שווערע טעג, — אז מיר האלטן פאר א פארשטארקונג פונם אראבישן קאמף געגן אונזער ארבעט. די געפאר פון א נייער וועלט־מלחמה, וואס באאומרואיגט די גאנצע צו שלום־און רו־שטרעבנדע מענטשהייט, האט אויפגעוועקט האפ־נונגען ביי אלע יענע פעלקער, וואס זיינען אומצופרידן מיט זייער איצ־טיגן צושטאנד. די איטאליעניש־אביסינישע מלחמה איז געווען דער ערשטער צייכן דערפון. אינצווישן זיינען געשען זאכן, וועלכע האבן געהאט א די־רעקטן איינפלוס אויפן פאליטישן מצב אין ארץ־ישראל. דאס מאנדאטן־סיסטעם, וואס איז אנטשטאנען נאך דער מלחמה, איז איינגעפירט געווארן אין א סך לענדער, וועלכע זיינען אריבער אין רשות פון דער זיגערישער אנטאנטע, מאנדאט־לענדער זיינען איצט פאראן אין אזיע, אפריקע און אויסטראליע. די מאנדאטן זיינען איינגעטיילט אין עטלעכע קאטעגאריעס. די צומשטארקסטן אפּגעשטאנענע לענדער — זיינען אריין אין די קאטע־גאריעס 2 און 3. צו קאטעגאריע 1 געהערן די לענדער, וועלכע געפינען זיך, — לויט דער מיינונג פונם פעלקער־בונד (ריכטיגער פון די זיגער אין דער וועלט־מלחמה), — אויף א העכערע אנטוויקלונגס־מדרגה, און דער מאנדאט איז געגעבן געווארן נאר אויף א געוויסע צייט ביז די מאנדאט־רעגירונגען וועלן צוגרייטן די לענדער צו זעלבסטשטענדיגקייט. צו דערדא־זיגער קאטעגאריע האבן געהערט נאר דריי מאנדאט־לענדער: איראק, סיריע און ארץ־ישראל. און אט וואס ס'איז געשען. אין איראק איז דער מאנדאט אפּגעשאפט געווארן, און אָנשטאָט אים איז צושטאנד־געקומען אן אינטערנאציאנאלער אפמאך, וואס אנערקענט די פולע אומאפּהענגיגקייט פון איראק און איר אריינטריט אין פעלקער־בונד. סיריע האט פּראקלאמירט א קאמף געגן מאנדאט, און נאך עטלעכע חדשים שטרייקן און אומרועז האט פראנקרייך נאכגעגעבן און צוגעזאגט אָפּצושאפן דעם מאנדאט און שליסן

מיט איר אָן אפמאך אזוי ווי מיט איראק. דער ארץ־ישראל־מאנדאט איז געבליבן אָן איינציגער פון דעם מין, און ס׳איז דעריבער נישט געווען גאר קיין צווייפל, אז די געשעענישן אין סיריע וועלן האבן א שטארקן אפקלאנג אין ארץ־ישראל. אויך די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין מצרים — די אפשאפונג פונם ענגלישן פראָטעקטאָראט און אנערקענונג פון פולער אומאפהענגיגקייט — האט געמוזט האבן א ווירקונג אויף דער זאכלאגע אין ארץ־ישראל. די דערמאנטע לענדער געפינען זיך אין גאר נאענטער שכנות מיט ארץ־ישראל, און די פארבינדונג צווישן זייערע איינוואוינער מיט די ארץ־ישראל׳דיגע אראבער איז א שטארקע און פּערמאנענטע.

י.

נאך פאר די אומרוען האבן מיר זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט א פאדערונג צו פארשנעלערן דעם אויפבוי־טעמפא פון דער אידישער נאציאנאלער היים און צו פאגרעסערן די עליה. מיר האבן געזאגט דער רעגירונג:

נאך די פארהאנדלונגען, וואס פירן זיך אין מצרים און אין סיריע מכוח דער אומאפהענגיגקייט פון די דאזיקע צוויי לענדער, — וועט ארץ־ישראל זיך געפינען צווישן צוויי אראבישע מדינות, וועלכע זיינען ווייניגסטנס פארמעל, פאליטיש זעלבסטשטענדיג. און ס׳איז קיין ספק נישט, אז דאס וועט האבן א פילבארע השפעה אויף די פאליטישע פאדערונגען פון די ארץ־ישראלדיגע אראבער, און דער ווידערשטאנד געגן אויפבוי פון דער אידישער נאציאנאלער היים און געגן דעם מאנדאט וועט זיכער זיך פארשטארקן. די אראבער זיינען די גאנצע צייט געווען געגן דעם מאנדאט און געגן דער נאציאנאלער היים. ס׳איז גאנץ קלאר, אז ווען אין ארץ־ישראל וואלטן נישט געווען קיין אידן, וואלטן די אראבער סיי־ווי־סיי געווען געגן דער ענגלישער הערשאפט אזוי ווי זיי זיינען געגן איר אין מצרים און אין איראק. איצט וועט דידאזיגע געגנערשאפט כסדר וואקסן. די פארשטארקטע פאליטישע ברויזונג ביי די אראבער שטאמט נישט פון דער לאגע אין ארץ־ישראל נאר פון דער וועלט־לאגע בכלל. די אריענטאציע פון די אראבישע פירער איז — א נייע וועלט־מלחמה. די געשעענישן אין סיריע און אין מצרים האבן דידאזיגע ברויזונג נאך פארשטארקט, און מיר קענען נישט איגנארירן די מעגלעכע סכנה, — דעריבער געפינען מיר נישט קיין אנדער לעזונג פאר דער פראגע ווי נאר א שנעלע פארגרעסערונג פון אידישן ישוב אין ארץ־ישראל. מיר האבן געפרווט זיך פארשטענדיגן מיט די אראבער — און די פרווון זיינען געבליבן אָן דערפאלג. און אונז דוכט, אז זיי וועלן אויך נישט האבן קיין דערפאלג, כל זמן מיר וועלן נישט בילדן אין ארץ־ישראל קיין גרויסן כוח, וועלכן מען קען נישט אומברענגען און מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. עס זיינען נישטא קיין עקאנאמישע ווידערשפרוכן צווישן אונז

און די ארבעטער. אדרבה, אונזער גאנצע עקאנאמישע טעטיגקייט ברענגט נוצן די אראבער, און ס׳איז נישטא קיין פארשטאנדיגער און אָרנטלעכער אראבער, וואס זאל עס נישט וויסן. מיר שאפן אין לאנד נייע פרנסה־קוועלן און פארגרעסערן די פרנסה־קוועלן פון די אראבער. און וואלט די אידיש־אראבישע פראגע געווען בלויז אן עקאנאמישע פראגע, — וואלטן בכלל נישט געווען קיין סכסוכים צווישן אונז און זיי, און מיר וואלטן שוין לאנג געקומען צו א געגנזייטיגער פארשטענדיגונג. עס עק־זיסטירט אבער א פאליטישער ווידערשפרוך. די אראבער ווילן, אז דאס לאנד זאל בלייבן אן אראביש לאנד, און מיר ווילן דא אויפבויען אונזער נאציאנאלע היים. בעת מיר פירן פארהאנדלונגען מיט די אראבער, זאגן זיי אונז: פון אייער שטאנדפונקט זייט איר אינגאנצן גערעכט. — ווען מיר וואלטן געווען אידן, וואלטן מיר אויך געווען ציוניסטן, — אבער וואס גייט עס אָן אונז אראבער? פאלעסטינע איז אן אראביש לאנד, און מיר ווילן אז אזוי זאל עס בלייבן, — דעריבער קענען מיר נישט שלום מאכן מיטן פלאן פון א אידישער נאציאנאלער היים.

אבער דאס אינטערנאציאנאלע געריכט, די עפנטלעכע מיינונג פון די קולטור־פעלקער אין אייראפע און אין אמעריקע, האט באהאנדלט די־דאזיגע פאליטישע פראגע און ארויסגעטראגן אן אורטייל; ענגלאנד, אמעריקע און דער פעלקער־בונד האבן באשלאסן: א נאציאנאלע היים פארן אידישן פאלק אין ארץ־ישראל.

דער ווידערשטאנד פון די אראבער און זייער קאמף קעגן אונז וועט איצט פארשטארקט ווערן. די שוועריגקייטן ביים פארווירקלעכן דעם מאנדאט וועלן גרעסער ווערן, און עס איז פאראן נאר איין וועג כדי בייצוקומען די פאליטישע הויפט־שוועריגקייט ביי דער מאנדאט־פארווירקלעכונג, — וואס שנעלער צו פארגרעסערן דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, דערמעגלעכן אן עליה אין גאר ברייטן מאסשטאב. עס איז א דרינגענדע נויטווענדיגקייט — א גרעסערע מאסן־עליה קיין ארץ־ישראל. ווארום ווען די אראבער וועלן איינזען, אז די אידישע נאציאנאלע היים איז א ממשותדיגע זאך און די אידן זיינען א גרויסער כוח, וועלן זיי זיך רעכענען און שלום מאכן מיטן פאקט. א שנעלערער טעמפא ביים בויען די נאציאנאלע היים און א פאר־גרעסערטע אידישע עליה, — דאס איז דער איינציגער שוצמיטל קעגן די שוועריגקייטן און קאנפליקטן וואס האלטן ביים פארשטארקן זיך.

יא.

דאס האבן מיר געזאגט דער רעגירונג נאך פארן אויסברוך פון די אומרוען, — דאס איז אויך געווען אונזער עיקר־טענה פאר דער קעניג־לעכער־קאמיסיע. אבער אונזערע רייד האבן נישט געהאט די געהעריגע ווירקונג: נישט ביי דער רעגירונג, נישט ביי דער קאמיסיע און נישט ביי דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג. במשך דער צייט איז אונז געלונגען

אויפצוקלערן די ענגלענדער עטלעכע נייע באגריפן, אין געגנזאץ צו די באגריפן, וואס זיינען ביי זיי אנגענומען. עס איז אונז געלונגען אויפצו־קלערן זיי געוויסע זאכן, וואס געפינען זיך מחוץ די ראמען פון זייער איינגעווארצלטן געדאנקענגאנג. אבער עס איז אונז נישט געלונגען אריינגעבן זיי די פארשטענדניש, אז דער זיכערסטער און דער בעסטער וועג צו באקעמפן די אראבישע אָבסטרוקציע געגן דער אידישער עליה איז — א פארגרעסערטע אידישע עליה. די ענגלישע פרעסע, אין איר גרויסער מערהייט, איז בעת די אומרוען געווען אויף אונזער זייט. אבער אפילו די צו אונז פריינטלעכסטע צייטונגען האבן זיך באקלאגט, אז אין די יארן 1934־35 איז געווען אַן «איבערטריבן גרויסע עליה» און דאס איז עס געווען די סבה פון די געשעעניש. מיט די ענגלענדער קען מען מאכן פארשידענע זאכן, נאר איינס איז אוממעגלעך: מען קען זיי נישט מאכן פאר נישט־ענגלענדער. דער ענגלענדער קוקט נישט אויף די ענינים מיט א אידיש אויג, ער פילט זיי נישט מיט א אידיש הארץ און ער באטראכט זיי נישט מיט א אידישן מוח. און ווי עס ווייזט אויס, וועט מען שוין דעמדאזיגן אומבאקוועמען און אומאָנגענעמען פאקט נישט קענען ענדערן.

יב.

אינם באריכט פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע געפינען זיך עטלעכע גוטע זאכן. אויב איר וועט גוט א זוך טון — וועט אייך זיין ניט שווער אויסצוגעפינען זייער מקור. די קאמיסיע־מיטגלידער האבן באקומען פון אונז א סך אויפקלערונגען, א סך באווייזן, א סך געדאנקען. אבער דעם עיקר האבן זיי ביי אונז נישט אנגענומען — אז דער ריכטיגער און בעסטער וועג צו פארווירקלעכן דעם מאנדאט איז צו פארווירקלעכן אים מיט דער גרעס־טער ענערגיע, מיט א שנעלערן טעמפא און מיט מער דרייסטקייט.

מיר האבן געטענהט: שאפט וואס שנעלער א גרויסן אידישן ישוב. בעת די אראבער וועלן איינזען, אז די רעגירונג איז אנטשלאסן פעסט און אָן קווענקלעניש צו פארווירקלעכן די פאליטיק פון דער נאציאנאלער היים, בעת זיי וועלן שטיין פארן פאקט פון א גרויסן און שטארקן אידישן ישוב, וואס אנטוויקלט זיך שנעל,—וועט ביי זיי צוגענומען ווערן די מעגלעכקייט און דער חשק זיך אקטיוו געגנצושטעלן און דאס לאנד וועט זיך בארואיגן.

די קאמיסיע האט אונזער טענה נישט אנגענומען, פונקט ווי די רעגירונג האט זי נישט אנגענומען, פונקט ווי עס האט זי נישט אנגענומען די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג. כל זמן עס האבן זיך געצויגן די אומרוען האבן אונז די ענגלישע סימפאטיעס געהאלפן נישט אפצושטעלן די עליה. מיר האבן די גאנצע צייט געווארנט די רעגירונג, זי זאל זיך נישט אונטערגעבן דעם טעראר און זאל אפילו צייטווייליג נישט אפשטעלן די עליה. דערדאזיגער קאמף אונזערער געגן אפשטעלן די עליה איז נישט געווען קיין לייכטער־

די אראבער האבן דערקלערט, אז כל זמן די עליה וועט ווייטער פארקומען,— וועט נישט איבערגעריסן ווערן דער שטרייק און די אומרוען וועלן נישט אויפהערן. אראבישע מלכים האבן זיך אריינגעמישט און באנוצט א שטארקן דרוק כדי צייטווייליג אָפּצושטעלן די עליה. די באאמטנשאפט אין לאנד האט פארלאנגט אָפּשטעלן די עליה. אויך א גרויסער טייל פון דער ענגלישער פרעסע איז נוטה געווען צו זען אינם אָפּשטעלן די עליה א מיטל צו בארואיגונג. עס זיינען אויך געווען אנגעזעענע אידן, וואס זיינען גרייט געווען, למען «השלום», גוטוויליג מסכים זיין אויף אָפּשטעלן די עליה. בשעת די אומרוען אין 1921 האט דער דעמאלטיגער אידישער נציב העליון (הערבערט סעמועל) אָפּגעשטעלט די עליה אויף עטלעכע חדשים. נאך די אומרוען פון 1929 האט די לאנדאנער רעגירונג אָפּגעשטעלט אויף א געוויסע צייט די עליה. דאס מאל איז פאר אונז געווען קלאר, אז אָפּשטעלן די עליה, אפילו צייטווייליג, באטייט א טויט־אורטייל. דער גאנצער איצטיגער קאמף געגן אונז איז דאך געווענדעט געגן אונזער רעכט אויף עליה, געגן אונזער רעכטלעך־אנערקענטער עליה. דער גאנצער אראבישער טעראר איז דאך געצילט צו דעם. און אויב די רעגירונג וועט זיך דאסמאל אונטערגעבן, וועט עס זיין א טויט־קלאפּ, אויב נישט פאר דער רעגירונג אבער זיכער פאר אונז. מיר האבן דעריבער געמאכט די פארצווייפלטסטע אנשטרענגונגען אפצושרייען די גזירה, און עס איז אונז געלונגען. די עליה איז נישט אָפּ־געשטעלט געווארן, אזוי ווייט האט אונז געהאלפן די סימפאטיע פון דער ענגלישער עפנטלעכקייט, פון דער פרעסע און פון פארלאמענט. אבער מיר האבן געזען, אז דידאזיגע סימפאטיע האט א באשטימטע גרעניץ. ביים אויסמיידן דאס אפשטעלן די עליה האבן מיר געפונען שטיצע ביי דער בריטישער עפנטלעכער מיינונג, — אבער ביי דער פאדערונג צו פאר־גרעסערן די עליה האבן מיר זיך אנגעשטויסן אין א בלינדער וואנט. א סך פון אונזערע פריינט האבן אויך געטענהט: מיר טארן זיך ניט אונ־טערגעבן דעם טעראר און אפשטעלן די עליה, אבער ווען די אומרוען וועלן זיך ענדיגן, וועט מען מוזן אויך די אראבער מאכן געוויסע הנחות.

אט די שטימונג, וואס האט געהערשט אין דער ענגלישער עפנט־לעכער מיינונג, האט זיך אנטפלעקט אויך אין דער קאמיסיע. קיינער פון אונז האט, פארשטייט זיך, ניט געוואוסט וואס די קאמיסיע רעכנט פאָר־צולייגן. די קאמיסיע איז נישט געווען קיין פארהאנדלונגס־אינסטיטוציע נאר א פאָרשונגס־אינסטיטוציע, זי האט אויסגעהערט אונזערע טענות, אויפ־קלערונגען, אנקלאגעס און פאדערונגען, אבער זי איז נישט געווען קאָמ־פּעטענט אנצוהויבן מיט אונז פארהאנדלונגען. דורך אירע פראגן און באמערקונגען איז אבער געווען נישט שווער זיך אנצושטויסן וועגן אירע נטיות און שטימונגען.

יג.

אנהויב פעברואר 1937, נאכדעם ווי די קעניגלעכע־קאמיסיע האט פארלאזט ארץ־ישראל, האב איך אויף איינעם א צוזאמענקום געהאלטן א פארטראג

וועגן די עווענטועלע רעזולטאטן און אויספירונגען פון די קאמיסיע־ארבעטן אין איר פאָרשטייענדן באריכט.

א) פארענדיגונג פונם מאנדאט. אין מאנדאט גופא איז נישט אנגעגעבן קיין טערמין פון זיין פארענדיגונג. אבער זיין פאראגראף 28 זאגט: «אין פאל פון דער מאנדאט־פארענדיגונג וועט דער ראט פון פעלקערבונד מאכן די נויטיגע שריט כדי צו פארזיכערן — ביי דער גאראנטיע פונם פעלקערבונד—אויף שטענדיג די פעסטגעשטעלטע רעכט אין די פאראגראפן 13 און 14 א. א. וו.״ פונדאנען דרינגט ארויס, אז דער מאנדאט קען זיך ענדיגן. די דערמאנטע רעכט פון די פאראגראפן 13 און 14 האבן א שייכות צו די הייליגע ערטער. אבער אינם מאנדאט איז נישט געשריבן, וואס וועט זיין אין אזא פאל מיטן ענין נאציאנאלע היים און מיט די אנדערע פארפליכטונגען. דער מאנדאט פארשווייגט עס פשוט, ער דערמאנט עס נישט. און די קאמיסיע־מיטגלידער האבן נישט איין מאל דערוועקט פראגן מכוח דער מאנדאט־פארענדיגונג. און אויב דער מאנדאט ענדיגט זיך, — ווערט ענגלאנד באפרייט פון אירע אינטערנאציאנאלע פארפליכטונגען לגבי דער נאציאנאלער היים, ווארום די באלפור־דעקלאראציע איז געווען אן איינמאליגע פראקלאמירונג, אָן קיין אינטערנאציאָנאלער סאַנקציע.

ב) ענדערונג פון געוויסע מאנדאט־פאראגראפן. אויך דאס איז מעגלעך לויטן מאנדאט, אמת, נאר מיט דער הסכמה פונם ראט פון פעלקער בונד, ווי עס איז קלאר פונם פאראגראף 27 אין מאנדאט.

ג) קאנטאָניזאציע. דערדאזיגער פראיעקט איז דורך דער קאמיסיע באהאנדלט געווארן, כאטש עס איז אונז נישט קלאר זיין גענויער אינהאלט. די אידישע אגענץ איז ענערגיש ארויסגעטרעטן געגן דעם פראיעקט. און דער פלאן, וועגן איינטיילן דאס לאנד אין דריי מינים קאנטאָנען,—אידישע, אראבישע און געמישטע, איז דער קאמיסיע נישט געפעלן געווארן. דער פארשלאג פון דער ארץ־ישראלדיגער אדמיניסטראציע האט נישט געמיינט שאפן קאנטאָנען ווי אין דער שווייץ, ד. ה. זעלבסטשטענדיגע מלוכהשע איינהייטן פאראייניגט אין א פעדעראלן בונד, — ער האט נאר געוואלט פעסטשטעלן לאנד־געביטן פאר א באשטימטער באָדן־פאליטיק: אין אידישן געביט וועלן אראבער נישט טארן קויפן קיין באדן, אין אראבישן וועלן אידן נישט טארן, און אין די געמישטע געביטן וועט באשטימט ווערן א געוויסער «באדן־מינימום, וואס איז נויטיג פארן אויסקום». וועלכן מען וועט בכלל קיינמאל נישט טארן פארקויפן.

בשעת די קאמיסיע האט באהאנדלט דעמדאזיגן פארשלאג האט זי שוין געהאט פאר זיך א ווייטגייענדערן פארשלאג פון סער סטעפארד קריפס וועגן איינטיילן ארץ־ישראל אין צוויי מדינות: א אידישע און אן אראבישע. עס איז אבער נישט געווען באקאנט ווי באציט זיך די קאמיסיע צו דעם פארשלאג.

ד) די קאמיסיע האט געקענט פעסטשטעלן, אז די נאציאנאלע היים

איז שוין געשאפן געווארן, און די פארפליכטונגען פון דער מאנדאט־רעגירונג לגבי דעם אידישן פאלק זיינען ממילא שוין דערפילט געווארן. מען קען שוין, הייסט עס, לחלוטין אָפּשטעלן די אידישע עליה.

ה) די קאמיסיע קען קומען צום אויספיר, אז ביז די רעגירונג וועט אויסארבעטן נייע פראיעקטן, ביז זי וועט אנטוואפענען די ארץ־ישראלדיגע איינוואוינער, ביז די אראבער וועלן זיך צוגעוואוינען צו א צוזאמענארבעט מיט אידן, — ביז דאן דארף די עליה אָפּגעהאלטן ווערן. דאס הייסט, — אפשטעלן די עליה אויף עטלעכע יאר. במשך די פארשונגס־ארבעטן איז אט די מיינונג עטלעכע מאל ארויסגעזאגט געווארן דורך קאמיסיע־מיטגלידער.

ו) די קאמיסיע קען געבן א נייע אויסטייטשונג דעם באגריף «נאציאנאלע היים». זי קען זאגן: «נאציאנאלע היים» באטייט נישט קיין אידישע מדינה. און היות ווי א אידישע מדינה הייסט אויך א אידישע מערהייט, אנטהאלט נישט דער צוזאג צו שאפן א נאציאנאלע היים קיין פארפליכטונג צו בילדן א אידישע מערהייט, און די אידן דארפן אויף תמיד פארבלייבן א מינדערהייט אין ארץ ישראל; און לויט דערדאזיגער אויסטייטשונג דארף מען אויף ווייטער רעגולירן די אידישע עליה, כדי די אידן זאלן נישט ווערן קיין מערהייט.

ז) אלס פועל יוצא פון אט דער אויסטייטשונג אדער אפילו אָן איר קען די קאמיסיע דערגיין ביזן אָפּשאפן דעם פרינציפּ פון אָן עליה לויט דער עקאנאמישער אויפנעם־פעאיגקייט, און פּאָרלייגן צו רעגולירן די עליה לויט דער פאליטישער אויפנעם־פעאיגקייט, — דאס הייסט, אז עס וועט דערלויבט ווערן א אידישע עליה נאר אין אזא צאל, וויפל דאס לאנד קען פארדייען אָן פאליטישע אויפטרייסלונגען.

ח) פאראן א גרונט מורא צו האבן, אז די קאמיסיע וועט פאָרמולירן א באשרענקענדע אויסטייטשונג פארן פאראגראף 4 פונם מאנדאט, וואס אנערקענט אפיציעל די אידישע אגענץ. די אגענץ זעט אויס ביי דער קאמיסיע ווי א רעגירונג אין א רעגירונג, און דאס קען אויפרעגן די אראבער, — דעריבער דארף מען פארקלענערן די קאמפעטענצן פון דער אידישער אגענץ.

ט) ס׳איז אויך מעגלעך, אז די קאמיסיע וועט מאכן אזא אויספיר: ווייבאלד עס עקזיסטירט א אידישע אגענץ דארף מען אויך שאפן א פאראלעלע אראבישע אגענץ. און היות ווי די אידישע אגענץ איז א פאָרשטייערשאפט נישט בלויז פון די אידן אין ארץ־ישראל נאר פון גאנצן אידישן פאלק, אזוי דארף אויך די אראבישע אגענץ פאָרשטעלן מיט זיך נישט בלויז די ארץ־ישראלדיגע אראבער. און ווייל עס איז דא א חשש, אז ביים צוזאמענשטעלן די אראבישע אגענץ וועט זיך אנהויבן אן אינערלעכע מחלוקת צווישן די אראבער, דארף זי דעריבער באשטימט ווערן דורך די אראבישע מלכים און זיין די פארטרעטערין פון די אראבער אין אלע לענדער.

אויסער דעם אלעם קען מען נאך מורא האבן פאר באַדן־גזירות, — פארן באשטימען געביטן, וואו אידן וועלן זיך נישט טארן קאלאניזירן, פאר דער באגרעניצונג פון באדן־קויף בכלל, דורך א געזעץ, וואס שטעלט פעסט אן «אויסקום־מינימום» א. ד. ג.

יד.

צווישן די אלע עווענטועלע מסקנות, וואס איך האב דאמאָלס אויס־גערעכנט — און וואס א סך פון זיי זיינען לײדער מקוים געווארן — האט געפעלט איינע, די, וועלכע מיר האבן ארויסגעבראכט פאר דער קאמיסיע: פארשטארקן די אידישע עליה און פארשנעלערן דעם אויפבוי־טעמפא. די מיינונג האט זיך אין דער קאמיסיע נישט אנגענומען, און ס׳איז נישט געווען כמעט קיין שום אויסזיכט, זי זאל דורך איר אנגענומען און פאַר־געלייגט ווערן.

דאגעגן האב איך געהאט א שטארקן חשש, אז די קאמיסיע וועט פרווון געפינען א ראדיקאלע לעזונג אין גאר אן אנדער ריכטונג, — נישט פארברייטערונג נאר פארשמעלערונג. די גרעסטע סכנה איז געווען, — די באגרעניצונג פון דער עליה. אויב אפילו די קאמיסיע וועט בפירוש נישט זאגן, אז אידן דארפן פארבלייבן א מינדערהייט אין ארץ־ישראל, — ווייל דאס קען צופיל אויפרעגן די אידן, — קען זי דאס אבער מאכן פאקטיש דורך פארבייטן דעם פרינציפ פון עקאנאמישער אויפנעם־פעאיגקייט, וועלכער באזירט זיך אויף די שאפונגס־כוחות פון אידישן פאלק, אויפן פרינציפ פון פאליטישער אויפנעם־פעאיגקייט, וואס זיין יסוד איז דאס רעכענען זיך מיטן אראבישן דרוק און ווידערשטאנד.

אט די סכנה האב איך דאמאָלס באטראכט און איך באטראכט זי נאך איצט אלס דעם שרעקלעכסטן אומגליק וואס קען דערווארטן דעם ציוניזם. דער ציוניזם פארמאגט נישט אזא מין אילוזיע ווי דאס פאטאלע גלויבן אין «נצח ישראל». דאסדאזיגע גלויבן אנטשפרעכט דעם גלות. מיטן כוח פון אט דעם גלויבן האבן אידן עקזיסטירט אלס אידן אין גלות און קענען נאך ווייטער עקזיסטירן ווער־ווייסט־ווי־לאנג. כאטש אפילו די גלות־עקזיס־טענץ איז אויך באצווייפלט ביי געווויסע באדינגונגען. ס׳איז נישט אויס־געשלאסן, אז אויב די איצטיגע לאגע אין רוסלאנד זאל אָנהאלטן א לאנגע צייט, וועט דאס רוסישע אידנטום זיך אסימילירן און אונטערגיין. אבער דער ציוניזם איז יעדנפאלס נישט רעאליזירבאר ביי כלערליי באדינגונגען. די פארווירקלעכונג פון ציוניזם איז אָפּהענגיג פון באשטימטע פאליטישע און סאָציאלע באדינגונגען און עס זיינען פאראן באדינגונגען, וועלכע שטעלן דעם ציוניזם פון איין זייט און דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל פון דער אנדערער זייט אין א גרויסער סכנה.

טו.

אויב ענגלאנד וועט פעסטשטעלן די גרויס פון דער עליה לויט דער פאליטישער אויפנעם־פעאיגקייט, דאס הייסט, אויב זי וועט איינפירן אן

אכזריותדיגע באגרעניצונג פון דער עליה לויטן אראבישן דרוק, און דער אידישער ישוב וועט במשך די נאענטסטע צייט נישט קענען שטארק א וואקס טון, דערווארטן אונז פאלגנדע צוויי סכנות:

א) די דעגענערירונג פון דער ציוניסטישער באוועגונג און איר פאר־קלייזלונג אין א שמאלן און ווערטלאזן קרייז פון ליבהאבער. אָן עליה האבן די אידישע מאסן קיין אינטערעס נישט אין ציוניזם. בלויז יחידים קענען זיך באגנוגענען מיט ציוניסטישער אידעאלאגיע. די מאסן און די יוגנט נויטיגן זיך אין עליה. אָן עליה וועט דער ציוניזם פארשווינדן פון דער ארענע פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט אלס פאליטישער כוח, און די יוגנט וועט פון אים אוועק.

ב) די עקאנאמישע און אויך קולטורעלע דעגענערירונג פונם ארץ־ישראלדיגן ישוב. ארץ־ישראל סתם, אָן אידישע מאסן, איז ניט קיין פאנצער געגן אסימילאציע און אונטערגאנג. א אידישע מינדערהייט, וועלכער איז פאראורטיילט צו בלייבן א מינדערהייט, וועט אפילו אין ארץ־ישראל ניט איינהיטן דעם נאציאנאלן קאָלאָריט, וועלכן זי האט באקומען דורך דער עליה און דורך דער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע. א נישט־גרויסער אידישער ישוב וועט פארוואנדלט ווערן אין א נעבעכדיגן געטא אין אראבישן ארום. אידן וועלן דארפן פרנסה און זיי וועלן זיך צופאסן צו די אראבער אדער זיי וועלן פארלאזן ארץ־ישראל.

די אויסזיכטן, אז די קאמיסיע וועט באשליסן איבערצולאזן דעם סטאטוס־קוואָ אזוי ווי ער איז, זיינען געווען — אויב זיי זיינען בכלל געווען — זייער שוואכע. וויבאלד עס זאל נישט פאָרקומען קיין שנעלע און גרינטלעכע ענדערונג אין די כחות־פארהעלטנישן אין ארץ־ישראל, וויבאלד עס זאל נישט דערמעגלעכט ווערן — ווי מיר האבן געפאדערט — אַן עליה פון הונדערטער טויזנטער אידן אין א קורצער צייט, באטייט דאך דער סטאטוס־קווא א שטענדיגע אנארכיע אין לאנד, כסדרדיגע אומרוען, — א דויערנדער און אומאויפהערלעכער טעראר.

מיר שרעקען זיך, נאטירלעך, נישט איבער פאר אומרוען, מיר ציטערן נישט פאר טעראר, און אונזער ארבעט וועלען מיר פאָרזעצן ביי אלע באדינגונגען, אבער נישט בלויז מיר זיינען מאסגעבנדיג אין ארץ־ישראל, אונזער ווילן איז נישט דער איינציגער פאקטאר, וואס האט אן אנטשיידנדיגע באדייטונג.

טז.

פון אראבישן שטאנדפונקט הייסט דאס איבערלאזן דעם סטאטוס־קווא, — די פאָרזעצונג פון דער אידישער עליה, וועלכע וועט במשך די נאענטסטע טעלכע יאר פארוואנדלען דאס לאנד אין א אידישע מדינה. אויב די עליה, אינם מאסשטאב פון די יארן 1934־35, זאל אזוי גיין נאך א צען־צוועלף יאר, — ווערן די אידן א מערהייט אין ארץ־ישראל. א אידישע מערהייט הייסט א אידישע הערשאפט. די אראבער האלטען — נישט גרונטלאז — אז

נאכדעם ווי די אידן וועלן ווערן א מערהייט, וועט די ענגלישע הערשאפט אויפהערן אין ארץ־ישראל. די מאנדאט־אידעע — די השגחה פון א קולטור־רעלער און פּאָרגעשריטענער מדינה אויף אַן אָפּגעשטאנענעם און פרימיטיוון ישוב — אנטשפּרעכט נישט דער עקזיסטענץ פון א אידישער מדינה. די אידן שטייען קולטורעל נישט נידעריגער פון די ענגלענדער. די אראבער מיינען אפילו, אז העכער. די אראבער גלויבן, אז אידן האבן א דעצידירנדיגע השפעה אפילו אין ענגלאנד, — אז דער ענגלישער פּארלאמענט, די ענגלישע פּרעסע און אויך דער ענגלישער מיניסטארען־קאבינעט זיינען ביי אידן אין די הענט. און בעת אידן וועלן זיין א מערהייט אין ארץ־ישראל איז אוממעגלעך,— אז ענגלישע באאמטע זאלן איבער זיי הערשן.

קען מען זיך דען פאָרשטעלן, אז די אראבער וועלן שלום־מאכן מיט אזא מין פּערספּעקטיוו?

די ענגלענדער ווייסן אדער רעכענען, אז די אראבער וועלן נישט שלום־מאכן. דעריבער הייסט דאס איבערלאזן דעם סטאטוס־קווא, אויך פון ענגלישן שטאנדפּונקט, שטענדיגע אנארכיע, אומרוען, טערער, פּאגראָמען. און דאס וועט זיין נישט בלויז ביי די ארץ־ישראלדיגע אראבער. אמת, ענגלאנד האט מיליטער און מאשינגעווער, און זי קען אונטערדריקן אום־רוען ווען זי וויל. וועט זי וועלן? און אויב זי וועט איין מאל וועלן, וועט זי אויך וועלן א צווייט מאל? און א דריט מאל? וועט ענגלאנד נעמען אויף זיך אויפצושטעלן און אויפצוהאלטן אן אונטערדריקונגס־רעזשים אויף יארן־לאנג?

בעת מיר רעדן וועגן ענגלאנד און ענגלענדער דארפן מיר אינזינען האבן, אז די ענגלענדער זיינען נישט דאס, וואס מ י ר ווילן זיי זאלן זיין, נאר דאס וואס ז י י ווילן זיין. נישט מיר קענען אויסבילדן דעם ענגלישן כאראקטער, נישט מיר האבן די מעגלעכקייט צו באשטימען דעם ענגלישן אינטערעס און ס'איז נישט אין אונזער רשות צו לענקען דעם ענגלישן ווילן. אזוי ווי מיר זיינען געטריי אונזערע באדערפענישן לויט אונזער פארשטאנד, — אזוי זיינען די ענגלענדער געטריי זייערע באדערפענישן לויט זייער פארשטאנד. אויב עס איז אין א געוויסער מאס פאראן אַן אינטערעסן־ג ע מ י י נ ז א מ ק י י ט צווישן אידן און ענגלענדער — אַן אזא געמיינזאמקייט וואלט נישט געקומען צו דער באלפור־דעקלאראציע און צום מאנדאט, — איז אבער א טעות און אַן אילוזיע צו מיינען, אז די אינטערעסן פון אידן און ענגלענדער זיינען אידענטיש. אזא הנחה איז גרונטלאז.

יז.

און די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע זיינען פארטרעטער פון ענגלאנד. די קאמיסיע איז געווען צוזאמענגעשטעלט נישט פון אויטאמאַטן, וואס פירן אויס מיט פארמאכטע אויגן עמיצנס ווילן אדער פאָלגן בלינד די אנווייזונגען פון דער רעגירונג. די מיטגלידער פון דער קאמיסיע זיינען

געווען לעבעדיגע מענטשען, מיט אינדיווידועלע נייגונגען און אייגנשאפטן, מיט פאליטישע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, און מעגלעך, אז אויך מיינונגס־פארשידנהייטן זיינען געווען צווישן זיי. איין מיטגליד האט, קען זיין, אָפּגעשאצט מער דאס אידישע אויפבוי־ווערק און ארויסגעוויזען סימפאטיעס צום ציוניסטישן אידעאל, און א צווייטער האט געהאט מער פארשטענדניש פאר די אראבער און אויפגענומען זייערע פאדערונגען. איינס איז אבער זיכער: אלע קאמיסיע־מיטגלידער, אָן אויסנאם, זיינען קודם כל געווען ענגלענדער און זיי זיינען געווען פולשטענדיג באהערשט פונם ענגלישן שטאנדפונקט, פון ענגלישן אינטערעס, פון דער ענגלישער מענטאַליטעט. און כאטש מיר מוזן נישט האלטן, אז די קאמיסיע האט נישט געלייגט קיין אכט אויף פאדערונגען פון גערעכטיגקייט, יושר און ווירדע, — איז אבער קיין ספק נישט, אז יעדע פראגע און יעדער פארשלאג זיינען אין דער קאמיסיע אפגעשאצט געווארן קודם כל מיטן ענגלישן קריטעריום, און אט דער קריטעריום, — אויב ער איז אפילו נישט געווען דער אליינהערשנדער, — איז ער אבער געווען דער אנטשיידנדער.

און וויבאלד די לעזונג, וואס מיר האבן פארגעלייגט — די שנעלע פארגרעסערונג פון אידישן ישוב דורך אן עליה פון הונדערטער טויזנטער אידן אין די נאענטסטע עטלעכע יאר — האט זיך נישט געלייגט אויפן שכל ביי די ענגלענדער, און איבערלאזן דעם סטאטוס־קוואַ טויג אויך נישט פון ענגלישן שטאנדפונקט; און די גזירה, אז דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל זאל בלייבן א מינדערהייט איז אין גאנצן צו די אינטערנאציאָנאלע פארפליכטונגען און שטעלט אין א סכנה דאס אידישע פאלק, — טא וואס־זשע פאר אַן אויסוועג איז פאראן? ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אז נאָכן באטראכטן און אָפּווארפן די דערמאנטע דריי לעזונגען פון דער פראגע איז די קאמיסיע דערגאנגען צו א רעוואלוציאנערן אויספיר און זי האט פאָרגעלייגט די צעטיילונג פון ארץ־ישראל און די שאפונג פון צוויי זעלבסטשטענדיגע מדינות, א אידישע און אן אראבישע.

דער פאָרשלאג פון דער קאמיסיע האט צעשטורעמט די געמיטער אין אידישן פאלק, ווי קיין שום אנדער זאך במשך הונדערטער און טויזענטער יארן. פאראן אזעלכע, וואס באטראכטן דעם פארשלאג אלס חורבן פון ציוניזם, און אנדערע — אלס אתחלתא דגאולה.

אזא מין פארשלאג קען מען נישט באטראכטן נישט גרינגטלעך און נישט אין זיין גאנצן פארנעם, — מען מוז באטראכטן זיינע פּאָזיטיווע און נעגאטיווע זייטן דורך א גענויעם און אויסשעפנדן אנאליז. נאר איידער מען באטראכט דעם פארשלאג דארף מען זיך אפשטעלן בקיצור אויפן באריכט אין אלגעמיין. דאס בוך, וואס די קעניגלעכע קאמיסיע האט פארעפענטלעכט וועגן ארץ־ישראל, איז אן ערשטקלאסיגער מלוכה־דאקומענט. אויך אין דער ציוניסטישער ליטעראטור זיינען נישטא קיין סך ווערק, וועלכע זאלן לויט זייער באדייטונג איבערשטייגן אט דעם באריכט פון דער פּיל־קאמיסיע.

יח.

דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע אנטהאלט דריי טיילן. דער ערשטער טייל הייסט „דאס פּראָבלעם״ און ער באהאנדלט די געשיכטע פון לאנד אנהויבנדיג פון אברהם אבינו און דערגייט ביזן סוף פון די געשעעניש אין 1936. דער צווייטער טייל הייסט „דער וועג צו רעאליזירן דעם מאנדאט״ און ער נעמט ארום די ענינים פון: באאמטנשאפט, באדן, עליה, דערציאונגס־וועזן, אנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, עבר הירדן, זעלבסט־פארוואלטונג. דער דריטער טייל הייסט „די מעגלעכקייט פון א שטענדיגער רעגולירונג״ און ער באהאנדלט אין אלגעמיינע שטריכן דעם חלוקה־פּלאן.

כאטש דער שווערפּונקט פונם באריכט געפינט זיך אינם לעצטן, זייער קורצן, טייל, — האבן מיר אבער אויך א גרויסן אינטערעס פאר זיינע ערשטע צוויי טיילן. די אויספירונגען פון דער קאמיסיע זיינען, ווי באקאנט, אנגענומען געווארן איינשטימיג, און אויפן באריכט זיינען געחתמעט אלע זעקס קאמיסיע־מיטגלידער. אבער ווען מען לייענט אויפמערקזאם ביידע ערשטע טיילן האט מען דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן געשריבן געווארן דורך צוויי באזונדערע מענטשן. דער ערשטער טייל איז געשריבן גייסטרייך און איז פול מיט אנערקענונג און ערע פארן ציוניזם און פארן אידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. דער צווייטער טייל מאכט אן איינדרוק, ווי ער וואלט געשריבן געווארן דורך אומפריינטלעכע הענט, און זיינע אויספירונגען זיינען ערגער ווי די פון פאספילדס ווייס־בוך.

יט.

בנוגע דער עליה לייגט פאר דער באריכט, עס זאל לכתחילה באשטימט ווערן א געוויסע יערלעכע ציפער פאר אידישער עליה, — פון אלע סארטן עולים, — אויפן יסוד פון א „פּאָליטישן מאקסימום״. די נאענטסטע פינף יאר זאל דער מאקסימום זיין 12.000 עולים א יאר און בשום אופן זאל נישט אויסקומען מער ווי די צאל אין איין יאר. אבער ס'איז נישטא קיין מוז, אז די עליה זאל דערגרייכן דוקא צום מאקסימום. דער נציב העליון קען יעדעס מאל די צאל פארקלענערן אויב ער געפינט איין, אז די עקאנאמישע אויפנעם־פעאיגקייט דערלויבט נישט קיין 12.000. דערביי דארף מען זיך אבער נישט רעכענען מיט דער עקאנאמישער אויפנעם־פעאיגקייט, אויב זי דערמעגלעכט אַן עליה, וואס איז גרעסער פונם פּאָליטישן מאקסימום. דאס הייסט אייגנטלעך, אז די אידישע עליה ווערט טאָפּלט באגרעניצט: סיי פּאָליטיש און סיי עקאנאמיש, — עס וועט דערלויבט ווערן נאר דער מינימום פון די ביידע שאצונגען.

די קאמיסיע באגרינדעט די טאָפּלטע באגרעניצונג פון דער עליה מיט פאלגנדיגער פראגע: „צי איז עס פאַרשטעלבאר, אז די מאנדאט־רעגירונג זאל זיין פארפליכטעט צו דערלויבן א גרויסע עליה קיין ארץ־ישראל נישט רעכענענדיג זיך מיט דער שנאה, וואס דאס רופט ארויס, און

וועלכע קומט צום אויסדרוק דורך בלוטיגע אומרוען, – צי איז עס דען לטובת דער נאציאנאלער היים גופא? צי וויל דאס אידישע פאלק, אז ארץ־ישראל זאל אויפנעמען א מאקסימום אידן, וועלכע קענען זיך איינארדנען עקאנאמיש אין לאנד, אויב אלס רעזולטאט דערפון זאלן זיין אומאויפהער־לעכע אויפשטאנדן און אונטערדריקונג?״ (פונקט 74, קאַפּיטל י׳). דעריבער לייגט פּאַר די קאמיסיע מבטל צו זיין דעם בפירושן צוזאג, וואס דער מאקדאנאלד־בריוו האט געגעבן דר. וויצמאנען, אז „די איינציגע מאטיוון ביים פעסטשטעלן די אויפנעם־פעאיגקייט פון לאנד זיינען ריין־עקאנאמישע״. די קאמיסיע האלט, אז מען מוז נעמען אין באטראכט די פיינטלעכע באַ־ציאונג מצד די אראבער צו א פארגרעסערטע עליה און די רעגירונג דארף זיך רעכענען נישט בלויז מיט עקאנאמישע פאקטאָרן נאר אויך מיט פסיכאָ־לאגישע און פאליטישע. אבער אינם זעלבן קאפיטל גראָבט אונטער די קאמיסיע די טעארעטישע באזע פונם נייעם פרינציפ, ווארום זי שטעלט דאך אליין פעסט, אז אפילו די נייע באגרעניצונג קען נישט אָפּשאפן די „פיינטלעכע באציאונג״ מצד די אראבער.

«די עליה – זאגט די קאמיסיע – איז אָן ספק דער הויפּט־פּאַקטאר אינם ארץ־ישראלדיגן פּראָבלעם. ווער עס האט נישט פונדערנאענט דורכ־שטודירט די לאגע קען מיינען, אז א געוויסע עליה־באגרעניצונג קען לעזן אין א גרויסער מאס די פראגע. מיר מיינען נישט אזוי. אונזער פארשלאג באטראכטן מיר נאר אלס פּאַליאַטיוו, – ער וועט נישט אָפּשאפן די „פרעטענזיע״ פון די אראבער אין דער הינזיכט און וועט נישט „אויסמיידן איר איבער־חזרונג״. לויט דער מיינונג פון די אראבער איז די אידישע נאציאנאלע היים שוין איצט צו גרויס. פירהונדערט טויזנט איז א זייער גרויסער טייל פון א ישוב, וואס ציילט סך־הכל 1.300.000. אדאנק זיין דערציאונג און איניציאטיוו, אדאנק די מאדערנע ארבעט־שיטות און די קאפיטאלן, וועלכע ער באזיצט, אדאנק דער שטיצע, וואס ער באקומט פון דער חוץ־לארצדיגער אידישער וועלט, שטייגט איבער דער דורכשניטלעכער איד פילפאך דעם דורכשניטלעכן אראבער. אבער נישט דאס איז די הויפּט־זאך. די שוועריגקייט איז שטענדיג געוווען און וועט אויף שטענדיג פארבלייבן. כל זמן עס עקזיסטירט דער מאנדאט, כל זמן עס עקזיסטירט די אידישע נאציאנאלע היים, ווי גרויס זי זאל נישט זיין, – צוימט דאס דעם וועג פאר די ארץ־ישראלדיגע אראבער צו דערגרייכן יענעם נאציאנאלן צושטאנד, צו וועלכן עס זיינען שוין דערגאנגען – אדער וועלן דערגיין בקרוב – אלע אנדערע אראבער אין אזיע» (פונקט 98, קאפיטל י׳).

וויבאלד אזוי, שטעלט זיך דאך די פראגע: וואס־זשע האט מען דא אויפגעטאן? וויבאלד די עליה־באגרעניצונג איז אויסן נאָר צו בארואיגן די אראבער, און די קאמיסיע ווייסט, אז אויך א באגרעניצטע עליה וועט זיי נישט בארואיגן, וואס־זשע פאר א זינען האט די באגרעניצונג, אפילו פון בריטישן שטאנדפונקט?

כ.

אויך אויפן געביט פון באַדן־פאליטיק לייגט פאָר די קאמיסיע שווערע באגרעניצונגען. אין געוויסע געגנטן, באזונדערס, אין די בערג וועט אידן בכלל זיין פארבאָטן צו קויפן ערד און זיך קאלאניזירן. אויב אזא פאָר־באָט איז געגן דעם מאנדאט, דארף מען, לויט דער מיינונג פון דער קאמיסיע ענדערן די מאנדאט־פאראגראפן כדי צו כשרן די דאָזיגע באַ־גרעניצונג (פונקט 13, קאפיטל ט׳). און אָט די גזירה ווערט פאָרגעלייגט נישט ווייל די אידישע קאלאניזאציע האט געבראכט שאדן די אראבער׳ אדרבה, די קאמיסיע שטעלט פעסט, אז ביז איצט האט דער פעלאַך און דער אראבער אין אלגעמיין געהאט נוצן סיי פון דער טעטיגקייט פון דער בריטישער אדמיניסטראציע אין לאנד און סיי דערפון, וואס אידן געפינען זיך דא. עס איז געשטיגן דער ארבעטס־לוין. עס האט זיך אויסגעבילדעט א העכערע לעבנס־מדרגה. ס׳איז דא ארבעט לרוב ביי געביידעס און שאסייען. אין עמק החולה האבן געוויסע אראבער אנגעהויבן באנוצן ראציא־נעלע ארבעט־שיטות. און פונדעסטוועגן לייגט די קאמיסיע פאָר, אז מען זאל נישט בלויז שטרענג אָפּהיטן דאס רעכט פון יעדן אראבישן פעלאַך אדער ערענדאטאָר ביים איבערגעבן ערד פון אראבישע אין אידישע הענט, נאר „מען זאל דערלויבן פארקויפן ערד צו אידן נאָר אין פאל, ווען מען קען פארבייטן די עקסטענסיווע באארבעטונג דורך א אינטענסיווע, און דאס איז מעגלעך נאר אין די טאָל־געגנטן און נישט אין די בערג, יעדנפאלס נישט אין דער איצטיגער תקופה" (פונקט 64, קאפיטל ט׳), און „אויך די אידישע קאלאניזאציע אין די טאל־געביטן קען דערלויבט ווערן נאר מיט באשטימטע באשרענקונגען" (פונקט 3, קאפיטל יט).

כא.

אויפן פאליטישן געביט לייגט די קאמיסיע פאָר, עס זאל געבילדעט ווערן אן אראבישע אגענץ, אין ירושלים און אין לאנדאן, וועלכע זאל זיין פאראלעל צו דער אידישער אגענץ, און זי זאל האבן דיזעלבע רעכט און קאָמפּעטענצן, וואס עס האט די אידישע אגענץ לויטן פאראגראף 4 פון מאנדאט. דידאזיגע אראבישע אגענץ וועט האבן דאס רעכט צו געבן עצות דער רעגירונג ווי אזוי «צו זיכערן, אז די אידישע עליה, וועט נישט שעדיגען די רעכט און די פאזיציעס פון די נישט אידישע טיילן אין דער ארץ־ישראלדיגער באפעלקערונג» (פאראגראף 6 פונם מאנדאט). די אראבישע אגענץ דארף צוזאמענגעשטעלט ווערן נישט בלויז פון די ארץ־ישראלדיגע אראבער, נאר זי דארף אויך האבן אין זיך פארטרעטער פון עבר הירדן, איראק, סיריע, סעודיה, און אפשר אויך מצרים» (פונקט 109, קאפיטל ו׳).

די קאמיסיע לייגט נישט פאָר צו באנייען דעם פלאן פון לעגיסלא־טיוון ראט. דאגעגן האלט זי יא פון שאפן א באַראַטנדע קערפערשאפט — וואס אירע מיטגלידער זאלן אין דער מערהייט זיין אויסגעוויילט דורך דער באפעלקערונג. דידאזיגע קערפערשאפט וועט זיך קענען ווענדן צו

דער רעגירונג בלויז מיט פארשלאגן און פאדערונגען, זי וועט אבער נישט ארויסגעבן געזעצן אדער באהאנדלען בודזשעט־פראגן (פונקט 12, קאפיטל יח). די קאמיסיע האט נישט אנגענומען דעם געדאנק וועגן פאריטעט, ווייל ער אנטשפרעכט נישט א דעמאקראטישער און רעפרעזענטאטיווער מאכט; ווייל א פאריטעט־רעזשים וועט נישט פארבעסערן די באציאונגען צווישן די צוויי פעלקער, און דער עיקר, — ווייל די אראבער וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין אויף קיין פאריטעט (פונקטן 8, 9, 10, קפאיטל יח).

כב.

די קאמיסיע האט אויך אָפּגעוואָרפן אלע אונזערע פאדערונגען וועגן עבר הירדן. די קאמיסיע האט קאָנסטאטירט דעם פאקט, אז דער עבר הירדן מיט א שטח פון 24.000 קוואדראט־מייל האט א באפעלקערונג נישט גרעסער פון 320.000 מענטשן אומגעפער, דאס הייסט, אז נישט געקוקט דערויף, וואס דער שטח פון עבר הירדן איז כמעט דריטהאלבן מאל אזוי גרויס, ווי דער שטח פון מערב־ארץ־ישראל, — איז זיין באַפעלקערונג א פערטל פון דער מערב־ארץ־ישראלדיגער באפעלקערונג. לויט דער מיינונג פון דער קאמיסיע איז אין עבר הירדן טאקע דא אַן אָרט פאר א סך א גרעסערער באפעלקערונג, אויב מען זאל דאס לאנד אנטוויקלען, אבער — די אנטוויקלונג דארף קאָסטן טייער, און די געגנער־שאפט צו א אידישער עליה מצד די אראבער אין עבר הירדן איז נישט ווייניגער פארביטערט ווי אין מערב־ארץ־ישראל. די מאנדאט־פאראגראפן וועגן דער אידישער נאציאנאלער היים האבן נישט קיין שייכות צו עבר הירדן, דערצו איז אנערקענט געווארן די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער עבר הירדן־רעגירונג. און כאטש דער נציב העליון האט רעכט צו געבן «עצות» דערדאזיגער רעגירונג, — גלויבט זיך אבער נישט, אז ער וועט דורכפירן «עצות» בנוגע דער אידישער עליה. «די מעגלעכקייט אויסצובררייטערן די ראמען פון דער אידישער נאציאנאלער היים דורך אַן עליה קיין עבר הירדן איז באזירט אויף דער אלטער טעזע מכוח א פארשטענדיגונג צווישן אידן און אראבער. אויב עס וועט קומען צו א הארמאָניע צווישן די אידן און אראבער אין ארץ־ישראל, איז מעגלעך, אז די עבר־הירדנדיגע אראבער וועלן מסכים זיין און אפשר גאר אויפנעמען מיט צופרידנקייט די אידישע עליה. אבער כל זמן עס ציט זיך דער קריג צווישן די אידן און די אראַבער אין ארץ־ישראל, — קען מען נישט אויסרעכענען דערויף, אז ערגעץ אנדערש וועלן זיי זיך יא פארשטענדיגן. אין עבר הירדן, ווי אין אנדערע זעלבסטשטענדיגע אראבישע מדינות, וועט זיך עפענען די טיר פאר דער אידישער איניציאטיוו אויף אזויפיל, אויף וויפיל עס וועלן זיך איינשטעלן פרייַנטלעכע באציאונגען אין ארץ־ישראל» (פונקט 7, קאפיטל 11).

דאס זיינען די וויכטיגסטע און באדייטנדסטע אויספירונגען פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע אינם צווייטן טייל פון איר באריכט. מען האט נאך קיינמאל נישט פאָרגעלייגט שווערערע גזירות, עס זיינען נאך קיינמאל

נישט ארויסגעזאגט געווארן קיין הארבערע אורטיילן, וועלכע זאלן אויסן זיין צו פארשמעלערן און איינשרענקען אונזער אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל, ווי איצטער.

כג.

און פונדעסטוועגן טאר מען ניט פארשווייגן דאס גוטע פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. דאס באריכט־בוך אנטהאלט· אין ערשטן טייל, א גלענ־צענדן היסטארישן איבערזיכט, — געשריבן מיט א סך טאלאנט און פיל פארשטענדניש, — איבער דער געשיכטע פון ארץ ישראל און פון אידישן פאלק, איבער דעם אומצערייסבארן צוזאמענבונד צווישן דאס אידישע פאלק און זיין לאנד, איבער דער אידן־נויט אין גלות און דער ציוניסטישער אידעע, איבער דעם אידישן ישוב און דעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. אין דער בעסטער ציוניסטישער ליטעראטור קען מען אויך נישט געפינען קיין סך ווערק, וועלכע מען זאל קענען פארגלייכן מיט דער־דאזיגער ארבעט פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע. דאס אייביגע ווערק, וואס דאס אידישע פאלק האט געשאפן אין זיין היימלאנד, די גרויסע ירושה, וואס עס האט געגעבן דער מענטשהייט, די עקשנות, מיט וועלכער דאס אידישע פאלק איז געבליבן פארבונדן מיט זיין לאנד אויך נאכן חורבן, און די האפענונג, וועלכע ס'האט דורכגעטראגן דורך אלע צייטן, ווידער אהין אומ־צוקערן זיך און עס אויפצובויען, — דאס אלץ האט געפונען א טרעפלעכן און אויסשעפנדן אויסדרוק אין דעם דערמאנטן אפיציעלן איבערזיכט.

«אין אלע לענדער פון זייער צעשפרייטקייט האבן אידן נישט פארגעסן זייער לאנד — די אידישע אמונה און איר ריטואַל זיינען פארווארצלט אין די דידאזיגע זכרונות; די ליבע צו «ארץ־ישראל» (העברעאיש אין אריגינאל.—ד.ב.ג.) און דער פיין פון גלות לעבט אויך אינם גאנצן אידיש־וועלט־לעכן געדאנקענגאנג — — — דאס בעסטע פון דער אידישער גלות־דיכטונג, ווי די קאפיטלעך תהלים פון גלות בבל, שפרו־דלט מיט בענקשאפט זיך אומצוקערן קיין ציון. און דער צוזאמענבונד איז געווען נישט בלויז א גייסטיגער און אינטע־לעקטועלער. אידן זיינען תמיד אדער כמעט תמיד געווען אין ארץ־ישראל, אפילו נאכן חורבן. אין די צייטן פון דער אראבישער הערשאפט זיינען אין די וויכטיגסטע שטעט געווען אנגעזעענע אידישע קהלות. אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן און פון דער מאַנגאָלישער אינוואַזיע זיינען זיי כמעט פארניכטעט געווארן אבער נישט לחלוטין. — פון צייט צו צייט זיינען געקומען נייע עולים, פון שפאניע אין זעכצעטן יארהונדערט, פון מזרח־אייראפע אין זיבעצעטן יארהונדערט. — — — דאס שטענדיגע פאראנען־זיין פון אידן אין ארץ־ישראל, כאטש אין א קליינער צאל, האט געהאט א קאלאסאלע באדייטונג פארן גאנצן אידנ־

טום. די ארימע און געפּלאָגטע אידישע מאסן אין די מזרח־איירעפּעאישע געטאס האבן געפילט ווי זיי וואלטן געהאט א פארטרעטונג אין ארץ־ישראל, וועלכע היט עס אפּ ביזן קומען פון משיח».

(פּונקט 22 — 23, קאפּיטל א׳).

די קאמיסיע שטעלט זיך אָפּ נישט בלויז אויף די היסטארישע ווארצלען פון ציוניזם נאר זי פארשטייט אויך און קלערט אויף די מאדערנע פאקטארן און דעם פּאָזיטיוון אינהאלט: די פארשטארקונג פון אנטיסעמיטיזם, די נויטווענדיגקייט פון א מאסן־עמיגראציע, די איבערצייגונג אז די עמאנציפּאציע און אסימילאציע זיינען נישט בכוח צו לעזן דאס פּראבלעם, דער מינדערווערטיגקייטס־קאָמפּלעקס אלס רעזולטאט פון א מינדערהייטס־פּאזיציע, דער ווילן צו אנטפּלעקן דעם אידישן געניוס אויפן באדן פון היימלאנד, די שאפונג פון א נאציאנאלער סביבה און נאציאנאלער קולטור, דער איבערגאנג פון א «מינדערהייטס־לעבן» צו א זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ (פּונקטן 25—28, קאפּיטל א׳).

עס האט נאך קיינמאל קיין אפיציעלע, נישט אידישע, פארשונגס־קאמיסיע נישט געפּרווט אזוי זיך צו פארטיפן אינם אויסשטודירן די געשיכטע פון דער ציוניסטישער אידעע און צו דערגיין צו אירע ווארצלען, ווי עס האט געטאן מיט דערפאלג די איצטיגע קעניגלעכע־קאמיסיע. פאר אונז ציוניסטן, האט די קאמיסיע נישט אנטדעקט, נאטירלעך, קיין שום נייס, אבער דער באריכט איז דאך באשטימט פאר דער ענגלישער און איירא־פּעאישער עפנטלעכקייט, און פון דעם שטאנדפּונקט איז דער אויפטו פאר אונז זייער גרויס און שטארק אזוי אז עס איז שווער איבערצוטרייבן זיין באדייטונג.

כד.

און דער אויפטו פון דער קאמיסיע פאר דער ציוניסטישער אידעע איז אויך אן אויפטו פאר דעם ציוניסטישן ווערק. אזא אָפּשאצונג און אנערקענונג פון אונזערע דערגרייכונגען און ארבעטן אין לאנד האבן מיר נאך קיינמאל נישט געהערט פון קיין שום אפיציעלן ענגלישן מקור, — אויב מען זאל נישט רעכענען דעם באריכט פון די פינף יאר רעגירן פון הערבערט סעמועל, דעם אידישן נציב אין ארץ־ישראל.

די אידישע דערגרייכונגען אין דאָרף און אין שטאָט, אין דער אינדוסטריע און אין לאנדווירטשאפט, אין עקאנאמיק און אין קולטור, אין דער־ציאונגס־וועזן און אין ארגאניזאציע, — די אידישע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל, סיי די גייסטיגע און סיי די מאטעריעלע, זיינען געשילדערט געווארן גוט און ריכטיג, מיט א נישט פאַרבאָרגענער סימפּאטיע. «פאר אַ באטראכטער, וועלכער איז נישט באלאסטעט מיט פאראורטיילן, איז אוממעגלעך צו זען די אידישע נאציאנאלע היים און נישט ווינשן איר דערביי דערפאלג. אזוי פיל האט זי אויפגעטון צו פארגרינגערן פיין און לייד

פון אומשולדיגע, אזוי פיל ענערגיע און איניציאטיוו און איבערגעגעבנקייט האט זי ארויסגעוויזן צום אלגעמיינעם ענין. מיר זאָגן צוזאמען מיט לארד באלפור, אז אויף וויפיל ענגלאנד האט מיטגעהאלפן צו איר שאפונג, אויף אזוי פיל האט דאס קריסטנטום באוויזן, אז עס פארגעסט נישט לחלוטין די עוולה, וואס עס האט אָפּגעטון» (פונקט 22, קאפיטל ה׳).

די קאמיסיע לאזט נישט דורך אויף דעם גרויסן נוצן, וואס דאס אידישע אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל האט געבראכט דעם גאנצן לאנד מיט די אראבישע איינוואוינער.

«נאכדעם ווי מיר האבן דורכקאנטראלירט די באווייזן מכוח דעם ענין, וועלכע זיינען אונז — סיי מינדלעך און סיי שריפטלעך — צוגעשטעלט געווארן דורך די אידישע פארשטייער, זיינען מיר געקומען צו פאלגנדע אויספירן:

א) דער גרויסער אידישער קאפיטאל, וואס האט אריינ־געשטראמט קיין ארץ־ישראל, האט אין אלגעמיין אויפגעהויבן דאס עקאנאמישע לעבן פון גאנצן לאנד.

ב) די פארגרעסערונג פון דער אראבישער אינדוסטריע און פון דער אראבישער פלאנטאציע־ווירטשאפט איז אין א גרויסער מאס פינאנסירט געווארן דורך קאפיטאל, וואס איז געקומען פון אידישע הענט.

ג) דער אידישער ביישפיל האט שטארק געווירקט אויף דער אויסבעסערונג פון דער אראבישער לאנדווירטשאפט, באַ־זונדערס, אויפן פלאנטאציע־געביט.

ד) אדאנק דער אידישער איניציאטיוו און ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג האבן זייער פיל אראבער באקומען ארבעט אין די שטעט, ספעציעל, אין די פארטן.

ה) פון די באדן־בעסערונגען און זומפן־טריקענונגען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געווארן אין די אידישע קאלאניעס, האבן גענאָסן אלע אראבער פון דער אומגעגנט.

ו) אינסטיטוציעס, וואס זיינען געשאפן געווארן דורך אידישע פאנדן כדי צו באדינען הויפטזאַכלעך די אידישע נאַ־ציאנאלע היים, האבן באדינט אויך די אראבישע באפעלקערונג. «הדסה», צום ביישפיל, פארנעמט זיך אויך מיט אראבישע קראנקע, למשל אין שפיטאל פאר טובערקולאז־קראנקע אין צפת און אין ראדיאלאָגישן אינסטיטוט אין ירושלים. אין די אמבולאטאריעס פון דער אידישער לאנדווירטשאפטלעכער קראנ־קן־קאסע ווערן אנגענומען פעלאַכן, און עס ווערט אין זיי א סך געטון אויך פאר אראבישע קינדער און מוטערס.

ז) דער אלגעמיינער נוצן, וואס די אידישע עליה האט געבראכט די אראבער, זעט זיך ארויס באזונדערס בולט אין

שטאטישע געביטן, וועלכע זיינען באאיינפלוסט געווארן פון אידישן אנטוויקלונגס־ווערק. א פארגלייך צווישן די ציפערן פון די פאלקסציילונגען פון 1922 און אין 1931 באווייזט, אז דער אראבישער צוואוקס איז מיט 6 יאר צוריק געווען, אין פראָ־צענטער, — אין חיפה 86, אין יפו 62, אין ירושלים 37, בעת אין ריין אראבישע שטעט, ווי חברון און שכם איז דער צו־וואוקס געווען בלויז 7, און אין עזה איז נאך געווען א פאר־קלענערונג אויף 2 פראצענט.

אונזער אויספיר איז, בכן, אז אין אלגעמיין האבן די אראבער אין א היפשער מאס גענאסן פון דעם מאטעריעלן נוצן, וואס די אידישע עליה האט געבראכט קיין ארץ־ישראל. די מאנדאט־פארפליכטונגען אין דער הינזיכט זיינען דערפילט געווארן. די עקאנאמישע לאגע פון די אראבער אין אלגעמיין האט ביז איצט נישט געליטן דורך דער שאפונג פון דער נאציאנאלער־היים».

(פונקטן 32—34, קאפיטל ה׳).

בשעת מיר דערמאנען זיך אין די בלבולים און באשולדיגונגען פון די פריערדיגע פארשונגס־קאמיסיעס, — ווי דער בלבול, וואס האט זיך פארשפרייט אין ענגלאנד נאך דער שאו־קאמיסיע, אז מיר פארטרייבן און שעדיגן די אראבער, — קענען מיר נישט זיין אומדאנקבאר דער קעניגלעכער־קאמיסיע, וועלכע האט ענדלעך דערציילט דעם אמת פון ארץ־ישראל אין קלארע, ריכטיגע און אויטאריטעטע ווערטער.

א באזונדער וויכטיגע באדייטונג האט דער קאמיסיע־באריכט אויפן פאליטישן געביט: צום ערשטן מאל הערן מיר דא פון אַן אפיציעלער קוועלע, — וואס איז געווען דער אמתער מיין פון דער באלפור־דעקלא־ראציע און אין וואס איז באשטאנען די פארפליכטונג פון דער ענגלישער רעגירונג לגבי דעם אידישן פאלק, אויף וואס פאר א טעריטאריאלן שטח איז גילטיג די באלפור־דעקלאראציע און אין וואס איז באשטאנען דער פאליטישער זין פון דער נאציאנאלער היים.

נאכדעם ווי די קאמיסיע דערציילט די געשיכטע פון דער באלפור־דעקלאראציע — קלערט זי אויף איר אינהאלט:

«עס איז אונז דערלויבט געווארן נאכצוזען די דאקו־מענטן, וואס האבן א שייכות צו דער פראגע, און עס איז אונז קלאר, אז די ווערטער «די שאפונג פון א נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל» זיינען פארמולירט געווארן אלס פשרה צווישן יענע מיניסטארן, וועלכע האבן געוואלט בילדן אין דער צוקונפט א אידישע מדינה, און צווישן יענע, וועלכע האבן עס נישט געוואלט. יעדנפאלס איז קלאר, אז די רעגירונג פון זיין מא־יעסטעט האט זיך נישט געקענט פארפליכטן צו שאפן א אידישע

מדינה. זי האט נאר געקענט נעמען אויף זיך מיטצוהעלפן דעם וואוקס פון דער «היים». און עס וועט אָפּהענג׳ג זיין הויפּטזעכ־לעך פון אידישן פלייס און פון דער אידישער איניציאטיוו, — צי וועט די היים אזוי אויסוואקסן ביז זי וועט ווערן א מדינה. הער לאיד דזשארדזש, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פרעמיער־מיניסטער, האט פאר אונז עדות געזאגט, אז:

«דער מיין איז געווען, און דאס איז אויך געווען די דעמאלטיגע אויסטייטשונג פון דעם ענין, אז עס וועט נישט געשאפן ווערן קיין אידישע מדינה באלד נאכן שלום־אָפּמאך, נישט רעכענענדיג זיך מיט די ווילנס פון דער מערהייט איינוואוינער. פון דער אנדער זייט האבן מיר געהאלטן, אז בעת עס וועט קומען די צייט צו שאפן אין ארץ־ישראל מלוכהש־רעפּרעזענטאטיווע אנ־שטאלטן, און אידן וועלן אינצווישן האבן אויסגענוצט דעם שאנס, וואס איז זיי געגעבן געווארן דורכן גע־דאנק פון א נאציאנאלער היים און זיי וועלן דאן שוין זיין אן אבסאלוטע מערהייט אין לאנד, — וועט ארץ־ישראל ווערן א אידישע מלוכה־געמיינשאפט (קאמאנוועלט)».

די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט האט אזויארום אנער־קענט, אז מיט דער צייט קען זיך שאפן א אידישע מדינה, אבער זי האט נישט געקענט זאגן, אז זי וועט געשאפן ווערן. נאך ווייניגער האט זי געקענט דערפירן צו דער שאפונג פון א מדינה בלויז לויט איר אייגענעם ווילן. די ציוניסטישע פירער פון זייער זייט האבן איינגעזען, אז די ראמען פון דער באלפור־דעקלאראציע שליסן נישט אויס דאס שאפן א אידישע מדינה אין דער צוקונפט. אזוי איז עס פארשטאנען געווארן אויך אין אנדערע קרייזן. «עס איז מיר קלאר — האט פרעזידענט ווילסאן געזאגט דעם 3־טן מערץ 1919 — אז די אנטאנט־מלוכות האבן, אין פולן איינקלאנג מיט אונזער רעגירונג און מיט אונזער פאלק, מסכים געווען דערצו, אז אין ארץ־ישראל זאלן געשאפן ווערן די יסודות פאר א אידישער מלוכה־געמיינשאפט».

(פונקטן 20—21, קאפיטל ב׳).

די קאמיסיע קאָנסטאטירט, אז דער עמיר פייזל, וועלכער האט פאר־טרעטן די אראבער אויף דער שלום־קאנפערענץ, האט מסכים געווען צו דער באלפור־דעקלאראציע, און אינם אָפּמאך מיט דר. ווייצמאן האט ער צוגעזאגט צוזאמענארבעט „צווישן דער אראבישער מדינה און צווישן ארץ־ישראל״, ווי אויך מיטצוהעלפן א גרויסער אידישער עליה קיין ארץ־ישראל און איר לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזירונג.

בעת די קאמיסיע דערגייט, אין איר היסטארישן איבערזיכט, צו

טשערטשילס ווייסבוך פון 1922, שטעלט זי פעסט דעם פאלגנדן זייער באדייטונגספולן פאליטישן פאקט:

„די דעפיניציע פון דער נאציאנאלער היים (וואס איז געגעבן געווארן אין ווייס־בוך) איז אפט געווארן אויסגעטייטשט, ווי זי וואלט אויסגעשלאסן די שאפונג פון א אידישער מדינה. אינדערואמתן אבער איז, כאטש די פארמולירונג איז בפירוש אויסן געווען צו שטילן ווי ווייט מעגלעך די אראבישע געגנערשאפט צו דער נאציאנאלער היים, נישטא אין ווייסבוך קיין איין ווארט, וואס זאל קענען דינען אלס אָנהאלט צו פארבאָטן אין דער צוקונפט די שאפונג פון א אידישער מדינה. און הער טשערטשיל זעלבסט האט פאר אונז עדות געזאגט, אז אזא מין פארבאט איז אפילו אויפן געדאנק נישט געקומען. דאס איז, פארשטייט זיך, געווען אויך די מיינונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און נאכן דורכשטודירן דאס ווייס־בוך האט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע דערקלערט, אז „די טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועט געפירט ווערן אין הסכם מיט דער ליניע, וואס איז אין אים אנגעצייכנט". איינער פון די טעמים פארוואס דער ענין אידישע מדינה איז נישט אנגעדייט געווארן אין יאר 1922, איז דערזעלבער צוליב וועלכן אזא אנדייטונג איז נישט געמאכט געווארן אין 1917. די נאציאנאלע היים איז נאך געווען בחזקת פרווו. אין די יארן 1920־21 זיינען אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל סך־הכל 16.000 אידן, די אראבישע באפעלקערונג איז באשטאנען פון אומגעפער 600.000 נפשות. און עס האט דעמאלט אויסגעזען, אז עס וועט נאך אוועק א לאנגע צייט ביז אידן וועלן ווערן א מערהייט אין ארץ־ישראל. — ערשט מיטן גרויסן וואוקס פון דער אידישער עליה אין די לעצטע יארן איז דערשינען אויפן האריזאָנט א רעאלע אויסזיכט פון א אידישער מדינה".

(פונקט 39, קאפיטל ז׳).

אין אלע אפיציעלע דאקומענטן, וועלכע זיינען דערשינען ביז איצט מצד רעגירונגס־ארגאנען, איז עס ערשטע מאל, אז עס איז געגעבן געווארן אזא אויסטייטשונג דער באלפור־דעקלאראציע און דעם פאליטישן זין פון דער נאציאנאלער היים. די קאמיסיע באצייכנט אויך מיט קלארע ווערטער די טעריטאריע, אויף וועלכער עס איז גילטיג די באלפור־דעקלאראציע: „דער שטח, וואו עס דארף געשאפן ווערן די נאציאנאלע היים, האט בעת דער פראקלאמירונג פון דער באלפור־דעקלאראציע געזאלט זיין דאס גאנצע היסטארישע ארץ־ישראל, און די ציוניסטן זיינען שווער אנטוישט געווארן, ווען עבר הירדן איז אָפגעשניטן געווארן פון דעמדאזיגן שטח לויטן פאראגראף 25 (פונם מאנדאט)". — (פונקט 42, קאפיטל ב׳).

ביז איצט זיינען מיר געוואוינט געווען צו געפינען אין די אפיציעלע דאקומענטן אויסטייטשונגען, וועלכע פארשמעלערן און שרענקען־איין אונזערע רעכט. איצט האבן מיר צום ערשטן מאל זוכה געווען צו הערן פון אן ענגלישער קעניגלעכער קאמיסיע, אז דער צוזאָג, וואס איז געגעבן געווארן דעם אידישן פאלק, האט אין זיך אַנטהאלטן — אויב אפילו ס'איז נישט געווען קיין בפירושע פארפליכטונג — די מעגלעכקייט פאר אידן צו ווערן א מער־הייט אין ארץ־ישראל און צו שאפן אן אומאָפּהענגיגע אידישע מדינה. און — דאס האט געזאלט געשען נישט אין איין טייל פון לאנד נאר אין גאנצן היסטארישן ארץ־ישראל; און כאטש די גרעניצן פון ארץ־ישראל זיינען נישט קיין פעסטבאשטימטע און אין פארשידענע צייטן האבן זיי זיך געביטן און געענדערט, איז אבער קיין ספק נישט, אז זיי נעמען ארום אויך עבר הירדן, נישט בלויז דעם טייל, וואו עס הערשט עמיר אבדאלא, נאר אויך דעם צפון־טייל, פון יענער זייט טייך יאַרמוק, וועלכער געפינט זיך אונטערן פראנצויזישן מאנדאט.

די קאמיסיע שטרייכט אויך אונטער, אז מיט זייער באשטעטיגן די באלפור־דעקלאראציע האבן די אנטאנט־מלוכות עפנטלעך גילטיג געמאכט זייער «אנערקענען דעם היסטארישן בונד פון אידישן פאלק מיט ארץ־ישראל און די מאטיוון פאר דעם ווידעראויפבוי פון זיין נאציאנאלער היים אין דעמדאזיגן לאנד». און דעריבער איז דער ארץ־ישראל־מאנדאט נישט גלייך צו די מאנדאטן פון סיריע און לבנון און צום איראַק־מאנדאט, וועלכע געהערן אויך, ווי דער ארץ־ישראלדיגער, צו די מאנדאטן פון קאטעגאריע א׳. «ארץ־ישראל אונטערשיידט זיך פון די אנדערע פראווינצן, וועלכע זיינען אפגעריסן געווארן פון טערקיי. ארץ־ישראל איז אייגנארטיג, סיי דערפאר ווייל עס איז דאס הייליגע לאנד פון דריי רעליגיעס און סיי ווייל עס איז דאס היסטארישע היימלאנד פון די אידן. די אראבער האבן זיך דא געפונען זינט הונדערטער יארן, אבער זיי האבן שוין פונלאנג אויפגעהערט צו זיין די הערשער, און צוליב דעם ספעציפישן כאראקטער פונם לאנד קענען זיי נישט פארלאנגען די הערשאפט דערויף אזוי ווי זיי קענען עס פארלאנגען אין סיריע אדער אין איראק. אין זיין רעדע אין לאָרדן־הויז, דעם 27 יוני 1923 האט לארד מילנער זיך דערקלערט «אלס אבסאלוטער אנהענגער פון א פרא־אראבישער פאליטיק». «איך גלויב — האט ער געזאגט — אין דער אומאָפּהענגיגקייט פון די אראבישע לענדער — — — איך שטרעב צו אן אראבישער פעדעראציע», אבער ער האט צוגעגעבן:

«ארץ־ישראל קענען מיר קיינמאל נישט באטראכטן אזוי ווי די אנדערע אראבישע לענדער. איר קענט נישט פאַרזען די געשיכטע און די טראדיציע אירע. איר קענט נישט זיך נישט רעכענען מיט דעם פאקט, וואס ארץ־ישראל איז די וויג פון די צוויי גרויסע רעליגיעס אין דער וועלט. — — — און מען קען נישט דערלאזן, אז דער גורל פון דעם לאנד זאל

אנטשידן ווערן לויט די מאמענטאלע איינדרוקן און געפילן פון דער איצט אראבישער מערהייט אין לאנד».

(פונקט 48, קאפיטל ב׳).

כו.

נאך דעם אלעם איז די קאמיסיע געקומען צום אויספיר, אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר, און מען דארף דאס מערבדיגע ארץ־ישראל צעטיילן אויף צוויי נישט גלייכע חלקים, כדי צו שאפן אינם קלענערן טייל, — אין צפון־מערבדיגן, — א אידישע מדינה, און אין גרעסערן טייל, — אין מזרח־דרומדיגן צוזאמען מיט עבר־הירדן, — אן אראבישע מדינה. אט דעם פארשלאג איז געווידמעט דער דריטער טייל פונם באריכט. וויאזוי איז פארגעקומען דערדאזיגער שפרונג?

אין די לעצטע פונקטן פונם ערשטן טייל רעזומירט די קאמיסיע איר מיינונג וועגן מאנדאט, און אין דעם רעזומע געפינט זיך דער שליסל צום איבעראשנדן אויספיר פון דער קאמיסיע:

«— — — די אנערקענונג פון די אידישע רעכט איז צו־זאמענגעבונדן מיט דער אנערקענונג פון די אראבישע רעכט. עס איז אנערקענט געווארן, אז די אידן געפינען זיך אין ארץ־ישראל עפנטלעך־רעכטלעך. מען דארף מיטהעלפן דער קליינער אידישער מינדערהייט צו וואקסן דורך עליה. דאס דערלייכטערן די שאפונג פון דער נאציאנאלער היים איז געווארן אן אינ־טערנאציאנאלע פארפליכטונג, וועלכע ליגט אויף דער מאנדאט־מאכט. דער מאנדאט האט אויך ארויפגעלייגט ספעציפישע פאר־פליכטונגען לגבי די אראבער. מען טאר נישט דורך דער אידישער עליה און באָדן־קאלאניזירונג מינערן זייערע רעלי־גיעזע און בירגערלעכע רעכט און זייער פּאָזיציע. אמת, דאס נעמען אויף זיך די ספעציפישע און נעגאטיווע פארפליכטונגען לגבי די אראבער האט, פארשטייט זיך, נישט באפרייט די מאנדאט־רעגירונג פון די אלגעמיינע און פּאָזיטיווע פארפליכטונגען, וועלכע עס אנטהאלט דער ערשטער אָפּזאץ פונם אריינפיר און דער ערשטער פונקט פון פאראגראף 22 פונם אָפּמאך. אזוי גלייך ווי די אראבישע פאדערונגען זיינען אונטערוואַרפן די רעכט פון אנדערע, — איז דאסזעלבע אויך מיט די אידישע פאדערונגען.

דעריבער איז קלאר, אז די פאליטיק פון דער באלפור־דעקלאראציע איז אונטערגעווארפן געווארן דער רעאליזירונג פונם מאנדאטן־סיסטעם פון יאר 1919. גלויבנדיג אז די פאר־פליכטונגען לגבי די אראבער און די אידן וועלן נישט ווידער־שפרעכן איינע די אנדערע. דערדאזיגער גלויבן איז נאך געווען פעסט בשעת דער מאנדאט־נוסח איז באשטעטיגט געווארן

דורכן ראט פון פעלקער־בונד אין יאר 1922. די אראבישע פירער האבן שוין דאן ארויסגעוויזן זייער פיינדשאפט צום מאנדאט און צו אלץ, וואס האט מיט אים א שייכות, אבער עס איז געווען א סברה, אז מיט דער צייט וועט די פיינדשאפט שוואכער ווערן און אינגאנצן פארשווינדן.

דער טשערטשיל האט גערעדט וועגן דער «דעקלארירונג פון זיין פאליטיק»*) ווי וועגן א באַזע, אויף וועלכער עס וועט, לויט זיין גלויבן, אויפוואקסן «דער גייסט פון צוזאמענ־ארבעט». דער יסוד פאר דעמדאזיגן גלויבן איז געווען נישט ווייניגער קלאר אינם געגנזייטיגן צופאַסן פון די פארפליכ־טונגען. עס איז דאן געווען אַן אָנגענומענע מיינונג, אז די שאפונג פון דער נאציאנאלער היים וועט מיט זיך ברענגען אַן אויפבליאונג פון גאנצן לאנד. עס איז געווען א וועזנטלע־כער טייל פון דער ציוניסטישער מיסיע, — אויפצולעבן דאס לאנד; דורך אידישער ארבעט, דורך אידישן טאלאנט און דורך אידישן קאפיטאל, — ווידער אויפצובויען די חורבנות, וואס הונדערטער יארן פארוויסטונג האבן געבראכט אין לאנד. דער־פון וועלן אראבער האבן נוצן פונקט ווי אידן. זיי וועלן דערזען, אז דאס לאנד, וואס זיי קענען שוין לאנג אלס ארים און צוריקגעשטאנען, נעמט אויף שנעל דעם וואויל און דאס רייכטום פון דער מערב־קולטור. אויפן יסוד פון דערדאזיגער טעזע האט מען געמיינט, אז די ספקות און די פּאַראורטיילן פון די אראבער וועלן ביסלעכווייז אָפּגעשאפט ווערן.

ממילא האט געדארפט קלאר זיין לכתחילה, אז אויב די גרונט־טעזע וועט זיך נישט באשטעטיגן, וועט זיך שאפן א קאמפליצירטע לאגע („Akward”), וועלכע וועט אָן ספק שווער מאכן די רעאליזירונג פונם מאנדאט אין אלע זיינע טיילן און וועט אויך פארפלאנטערן די פראגע פון זיין אפשליסונג. פּראַ־טעזשירן אַ אידישע עליה מיט דער אויסזיכט, אז דאס וועט סוף־כל־סוף ברענגען צו דער שאפונג פון א אידישער מערהייט און צום אנטשטיין פון א אידישער מדינה ביי דער הסכמה אדער. ווייניגסטנס, ביי דער צושטימונג פון די אראבער, — דאס איז איין זאך. אבער גאר עפּעס אנדערש איז, ווען מען וויל מיט גוואַלט פארוואנדלען ארץ־ישראל אין א אידישע מדינה, אפילו אין דער ווייטער צוקונפט — קעגן דעם ווילן פון די אראבער. דאס איז זיכער קעגן דעם גייסט און דער כוונה פון מאנדאט־סיסטעם. דאס הייסט דאך, אז מען דערלאזט נישט קיין נאציאָנאלע זעלבסטבאַשטימונג כל זמן די אראבער זיינע

*) ווייסבוך פון יאר 1922.

א מערהייט און מען גיט זי נאר דאן, ווען די אידן ווערן א מערהייט. דאס הייסט, אז מען נעמט צו ביי די אראבער די מעגלעכקייט צו שטיין אויף די אייגענע פיס און אז, אין תוך גענומען, זיינען זיי נאכן גאנצן קאנפליקט איבערגעליפערט געווארן, ווי עפעס א סחורה, פון טערקישער סווערעניטעט צו אידישער סווערעניטעט. אמת איז, אז פון היסטארישן שטאנדפונקט קען מען נישט באטראכטן א אידישע הערשאפט אין ארץ־ישראל אלס אַזאַ פרעמדע הערשאפט ווי עס איז געווען די טערקישע, אבער די אינטערנאציאָנאלע אנערקענונג פון די אידישע רעכט זיך אומצוקערן אין זייער אלטן היימלאנד אנטהאלט אין זיך נישט קיין רעכט פאר די אידן צו הערשן איבער די ארץ־ישראלדיגע אראבער געגן זייער ווילן. די טענות פון לארד מילנער געגן אן אראבישער הערשאפט אין ארץ־ישראל זיינען פונקט אזוי שטארק אויך בנוגע א אידישער הערשאפט».

(פונקטן 49 — 51, קאפיטל ב׳).

כז.

עס איז קלאר, אז די קאמיסיע מישט דא צונויף — באוואוסטזיניג אדער נישט באוואוסטזיניג — צוויי לחלוטין־פארשידענע באגריפן: די אראבישע פאדערונגען און די אראבישע רעכט. צוליבן געברויך פון איר אויספיר פארבייט זי די שטרעבונגען פון די ארץ־ישראלדיגע אראבער מיט די פארפליכטונגען, וואס ענגלאנד האט אויף זיך גענומען לגבי זיי. דער ווידערשפרוך, וועלכן די קאמיסיע געפינט צווישן דער «נאציאנאלער היים» און צווישן די אראבישע שטרעבונגען צו אומאָפּהענגיגקייט, איז נישט קיין ווידערשפרוך צווישן די פארפליכטונגען, וועלכע זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף ענגלאנד לגבי די אידן און לגבי די אראבער. די שטרעבונג פון די אראבער צו פארוואנדלען ארץ־ישראל אין אַן אראבישע מדינה איז אָן ספק סותר די נאציאָנאלע היים, דעם מאנדאט און די באלפור־דעקלאראציע, אבער ענגלאנד האט זיך קיינמאל נישט פארפליכטעט צו דערפילן דידאזיגע שטרעבונג. אדרבה, די ענגלישע רעגירונג האט עטלעכע מאל דערקלערט, אז מאקמעהאנס צוזאָגן האבן נישט געהאט קיין שייכות צו ארץ־ישראל. אין דער באלפור־דעקלאראציע און אינם מאנדאט האט זיך ענגלאנד פארפליכטעט בלויז אָפּצוהיטן די רעליגיעזע און בירגערלעכע רעכט פון די נישט־יידן — כדי עס זאל זיי נישט געשען קיין עוולה דורך דער אידישער עליה און קאלאניזאציע אינם פראצעס פון אויפבויען די נאציאנאלע היים. די באלפור־דעקלאראציע און דער מאנדאט מאכן נישט אָפּהענגיג די שאפונג פון דער נאציאָנאלער היים פון דער אראבישער הסכמה דערצו. די קאמיסיע איז דאך בפירוש מודה — און דאס איז אויך באקאנט, — אז נאך פארן באשטעטיגן

דעם מאנדאט האט מען אין ענגלאנד און אויך אין פעלקערבונד געוואוסט, אז די אראבער זײנען קעגן דער שאפונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים. די מאראלישע טענה פון דער קאמיסיע קעגן איבערליפערן די אראבער פון טערקישער סוווערעניטעט צו אידישער סוווערעניטעט פאַרזעט דעם פאקט, אז דאס אראבישע פאלק האט נאך דער מלחמה באקומען אומאפהענגיגקײט אויפן אראבישן האלב־אינזל, אין איראק און אין סיריע. — און פארן אידישן פאלק איז ארץ־ישראל «דאס שעפעלע פונם ארימאן». די גרעסטע מערהייט פונם אראבישן פאלק איז געווארן פאליטיש זעלבסט־שטענדיג, און פארן אידישן פאלק איז ארץ־ישראל דאס אײנציגע לאנד אין דער וועלט, וואו עס געפינט זיך «רעכטלעך». און לארד מילנערס טענות קעגן אראבישער הערשאפט. — אגב, איז עס א פריוואטער שמועס. — קען מען נישט פונקט אזוי פאַרמולירן לגבי די אידן. די לאגע פון אידן איז נישט גלײך צו דער לאגע פון די אראבער. און נאר צוליב דער ספעציעלער לאגע, אין וועלכער די אידן געפינען זיך, און צוליב זייער היסטארישן בונד מיט ארץ־ישראל — בלויז מיט ארץ־ישראל — האבן ענגלאנד און דער פעלקערבונד אנערקענט דאס רעכט פון אידן זיך אומצוקערן אין לאנד ארײן און אויפצובויען דארט זייער «נאציאנאלע היים», וואס איר טײטש איז — לויט דער אויטאריטעטער באשטעטיגונג פון דער קאמיסיע — די מעגלעכקײט צו שאפן א אידישע מערהייט אין ארץ־ישראל. די טעזע, אז די גרינדונג פון דער נאציאנאלער היים וועט מיט זיך ברענגען אויפ־בליאונג פארן גאנצן לאנד און נוצן אויך פאר די אראבער, איז דאך באשטעטיגט געווארן, — און די קאמיסיע דערציילט עס אין איר בוך.

כח.

די קאמיסיע זעלבסט האט זיכער געשפירט די שוואכקייט פון אירע פארמעלע ארגומענטן. דער אמתער יסוד פארן גרונט־אויספיר פון דער קאמיסיע וועגן דער אוממעגלעכקייט צו פארווירקלעכן דעם מאנדאט איז נישט קיין יורידישער נאר א פ א ל י ט י ש ע ר. דערדאזיגער יסוד געפינט זיך נישט אינם ווידערשפרוך צווישן די פארפליכטונגען לגבי די אידן און לגבי די אראבער, נאר אינם גוואַלט־ווידערשטאנד פון די אראבער קעגן דער אידישער עליה, צו וועלכן מען מוז באנוצן גוואלט כדי אים אונטער־צודריקן, בעת ענגלאנד וויל זיך נישט באנוצן מיט איר כוח צו דעם צוועק. די קאמיסיע איז מודה, אז ענגלאנד איז בכוח אונטערצודריקן דעם אראַ־בישן טעראר:

«ס'איז קאמיש צו מיינען, אז עס איז איבער די כוחות פון דער רעגירונג פון זיין מאיעסטעט זיך צו באשעפטיגן מיט אזא קליינינקן אויפשטאנד, וואס איז אזוי מאַנגלהאפט פאַרבאַרייט פאר די באדערפענישן פון א מאדערנער מלחמה.

— — — מיר נעמען זיך די דרייסטקייט צו מיינען, אז אויב די אידישע עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט וועט פאר־

שטיין אזוי קלאר ווי מיר פארשטייען עס, אז די פּאליטיק, וועלכע אירע פאַרשטייער פארלאנגען פון אונז איז מחייב א שטענדיגע באנוצונג מיט גוואלט, — וועט אויך זי אנהויבן ספקן צי זאל זי זיך טאקע איינשטעלן פאר אזא פּאליטיק. סיידן זי וועט, ווי מיר האבן עס שוין פריער געזאגט, זיך בפירוש איבערצייגן, אז עס איז נישט פאראן קיין שום אנדער וועג פאר א געךעכטער באפרידיגונג פון אירע שטרעבונגען. אמת, די גוואלט־מיטלען, — דאס מיליטער, די עראפּלאנען, די באמבעס, די מאשינגעווערן זיינען בריטישע. זיי מוזן זיין בריטישע, ווייל די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט וועט נישט קענען שטיין פון דער זייט און דערלאזן, אז די אידן און די אראבער זאלן אנטשיידן זייער שטרייט דורך א שלאכט. אבער דאס פאראדעקט נישט פאר די אידן די גרויזאמע ווירקלעכקייט פון דער אונ־טערדריקונג. און אויב מען קען דערווייזן, אז עס איז פאראן א געךעכטע מעגלעכקייט צו לעזן די פראגע אויף אנדערע וועגן, — גלויבן מיר, אז דער גייסט פון ציוניזם, — ווי מיר פארשטייען אים, וועט אליין זיין געגן באנוצן גוואַלט, באזונדערס, ווען דער כוח צו באנוצן גוואלט איז נישט קיין אייגענער נאר א פרעמדער»...

הייסט עס, אז נישט די לאָגישע און יורידישע סתירה פונם מאנדאט, נאר די איבערצייגונג, אז די מאנדאט־פארווירקלעכונג איז במשך א סך יארן פארבונדן מיט באנוצן מיליטערישן כוח כדי אונטערצודריקן די אפּטע אויפ־שטאנדן, — אט דאס איז דער אמתער מאטיוו פון דעם קאמיסיע־אויספיר, אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר און אז ענגלאנד האט נישט קיין אנדערן אויסוועג מקיים צו זיין אירע פארפליכטונגען לגבי די אידן, ווי נאר די צעטיילונג פון ארץ־ישראל און די גרינדונג פון צוויי זעלבסט־שטענדיגע מדינות.

כט.

איידער איך גיי איבער צו דער הויפּט־באהאנדלונג — צום חלוקה־פארשלאג — וויל איך אין עטלעכע ווערטער איבערגעבן, ווי אזוי האט די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג, די פרעסע און דער פארלאמענט, אויפגענומען דעם באריכט פון דער קאמיסיע. תיכף נאכן דערשיינען פון באריכט איז אין איינס פון די לאנדאנער וואכנבלעטער פארעפנטלעכט געווארן אן אר־טיקל פון לאיד דזשארזש אונטערן נאמען «דער סקאנדאליעזער באריכט». אין דעם ארטיקל האט דער געוועזענער פּרעמיער שארף און ביטער קרי־טיקירט דעם חלוקה־פארשלאג און דעם דורכפאל פון דער ארץ־ישראל־דיגער אדמיניסטראציע, וועלכע האט דערפירט צו דער «טרויעריגער אַפּשליסונג פון איינעם פון די צוזאגנדיגסטע און פאנטאזיע־רייכסטע פּרווון, וואס די וועלט־מלחמה האט געמאכט פאר מעגלעך». אבער לאיד דזשארזש׳ס

שטים איז געווען א פאראיינצלטע. די גאנצע ענגלישע פרעסע, פון רעכטס ביז לינקס, די קאנסערוואטיווע, ליבעראלע און ארבעטער־צייטונגען, די גרויסע טאג־פרעסע אין לאנדאן און אין דער פראווינץ, די וואָכנבלעטער און חודש־זשורנאלן, — אלע, כמעט אָן אויסנאם, האבן אויפגענומען מיט לויבגעזאנג דעם באריכט פון דער קאמיסיע און האבן אים באטראכט אלס די בריימסטע, גרינדלעכסטע און אויסשעפנדסטע שילדערונג און אנאליזי־רונג פון דער לאגע אין ארץ־ישראל, וואס איז בכלל דערשינען אין ענגליש. ס'איז ניט געווען קיין איין באדייטנדע צייטונג, וואס האט ניט געווידמעט קיין לייטארטיקל דער אָפּשאצונג פון באריכט, און ס'איז נישט געווען כמעט קיין איין שרייבער, וואס זאל ניט געבן זיין הסכמה צו די אויספירונגען פון דער קאמיסיע. מען האט געזען, אז דאס ענגלישע פאלק האט אנגענומען דעם קאמיסיע־באריכט ווי אן אומשטרייטבארע שריפט. די רעגירונג האט דערקלערט, אין א «ווייסבוך» וואס איז דערשינען צוזאמען מיטן קאמיסיע־באריכט, אז «די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט אין דער פאר־אייניגטער אימפעריע האט לויט דער אָנווייזונג פון זיין מאיעסטעט באט־ראכט דעם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע פאר ארץ־ישראל, וועלכער איז אנגענומען געווארן איינשטימיג. די רעגירונג איז מסכים אין אלגעמיין מיט די מאטיווירונגען און מיט די אויספירן פון דער קאמיסיע». דערדאזיגער קורצער אָפּזאץ רעזומירט נישט בלויז די מיינונג פון דער רעגירונג נאר אויך די אלגעמיינע שטעלונג פון ענגלישן פאלק. אויף וויפיל זי איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פרעסע. כמעט קיין איין ענגלישע קעניגלעכע קאמיסיע האט קיינמאל נישט באקומען אזא אלגעמיינע צושטימונג מצד דער פרעסע. די מיינונג פון דער קאמיסיע וועגן ציוניסטישן אויפבוי־ווערק, וועגן גרונט־ווידערשפרוך צווישן די אידישע און די אראבישע שטרעבונגען, וועגן דער אוממעגלעכקייט צו פארווירקלעכן דעם מאנדאט, — איז געווארן די אל־געמיינע מיינונג פון דער ענגלישער עפנטלעכקייט.

ל.

דער באריכט פון דער קאמיסיע איז, ווי באקאנט, פארעפנטלעכט געווארן דעם זיבעטן יולי. דעם 20־טן יולי איז אין לארדן־הויז פאר־געקומען א דעבאטע, וואס האט געדויערט צווי טעג. אויף צומאָרגנס, דעם 21־טן יולי. איז אויך אין אונטערשטן הויז פארגעקומען א דעבאטע במשך א גאנצן טאג. איך בין געזעסן אין פארלאמענט און זיך צוגעהערט צו די ויכוחים, דעם צוואנציגסטן יולי — אין לארדן הויז און דעם איינ־אונצוואנציגסטן יולי — אין אונטערשטן הויז׳ און אפט האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז איך געפין זיך אויף א ציוניסטישן קאנגרעס׳ אויסער א צוויי־דריי פרא־אראבישע רעדעס פונצווישן די קאנסערוואטיווע פארלאמענט־מיטגלידער׳ איז דער גאנצער וויכוח געווען דורכגענומען מיט סימפאטיע צום אידישן פאלק, מיטן פראטעסט געגן אנטיסעמיטיזם, מיט פארערונג פארן ציוניסטישן אידעאל און פאר דעם אויפבוי־ווערק.

אבער איןביידע הייזער איז דער חלוקה־פארשלאג שארף קריטי־קירט געווארן: דער קליינער שטח, וואס איז פארגעשלאגן געווארן פאר דער אידישער מדינה, דאס אויסשליסן פון איר ירושלים, דאס אריינגעמען דעם נגב אין דער אראבישער מדינה, דאָס ארויסרייסן דגניה און אירע נאנטע פונקטן פון אידישן תחום, — דאס אלץ האט ארויסגערופן א שטארקע געגנערשאפט ביי די מערסטע רעדנער. אויך דער געדאנק גופא וועגן צעטיילן דאס לאנד האט ארויסגערופן אומצופרידנקייט, אבער קיינער פון די רעדנער האט נישט פארגעלייגט קיין אנדער אלטערנאטיוו. דער איינציקער, וואס האט עס יא געטאן איז געווען דער נייער אידישער לארד, הערבערט סע־מועל, וועלכער איז אפשר מער ווי יעדער אנדערער פאראנטווארטלעך פאר דעם אופן רעאליזירן דעם מאנדאט, וואס האט דערפירט צו באנקראט. אויך סעמועל האט נישט פארלאנגט ווייטער אנצוהאלטן דעם מאנדאט־רעזשים. נאר אנשטאט די טיילונג פון לאנד און די שאפונג פון א אידישער מדינה האט ער פארגעלייגט איינצוגלידערן ארץ־ישראל אין אן אראבישער מדינה־קאנפעדעראציע און צו באגרעניצן די עליה.

«איך מיין — האט געזאגט לארד סעמועל — אז די אידן דארפן זיין גרייט צו ברענגען א קרבן. זיי דארפן בארואיגן די אראבער. מיר קענען נישט פאָרזעצן אָן דעם. זיי מוזן דעריבער מסכים זיין אויף אן עליה־באַגרעניצונג, נישט לויטן פרינציפּ פון דער עקאנאמישער אויפנעם־פעאיגקייט. זיי מוזן דעריבער אננעמען דעם פרינציפּ, וואס די קאמיסיע לייגט פאָר: רעכענען זיך מיט פאליטישע באטראכטונגען. איך זע נישט אַיין קיין שום מאטיוו פארוואס גראד די צאל 12.000. די קאמיסיע האט נישט אנ־געגעבן קיין מאטיוו פאר דער צאל. דער איידעלער לארד (פּיל) האט געזאגט, אז דאס איז זיך סתם א צאל. זי איז באשטימט געווארן, ווייזט אויס כדי די איצטיגע פּראָפּאָרץ צווישן דער אראבישער און אידישער באפעלקערונג זאל איינגעהאלטן ווערן אויך אין דער צוקונפט, אבער די קאמיסיע זאגט עס נישט. די אידן וועלן אויפגעפאדערט ווערן מסכים זיין אויף דער באגרעניצונג במשך יארן — מעגלעך, אויף א גאנץ לאנגע תקופה — און במשך דערדאזיגער תקופה וועט דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל נישט איבערשטייגן א באשטימטן פּראַ־צענט פון דער באפעלקערונג בכלל, אפשר 40% אדער אן אנ־דערער צונויפגערעדטער פראצענט, אבער איך טראכט וועגן אזא פראצענט.

די אידן דארפן אויך איינזען און אנערקענען די רעאל־קייט פון די אראבישע נאציאנאלע פאדערונגען, זיי דארפן אנערקענען, אז דידאזיגע פאדערונגען פארדינען ערע און מיטארבעט פון זייער זייט. — — —

די אידן דארפן צוזאמענארבעטן מיט די אראבער, ווי זיי האבען עס געטאן אין די גרויסע צייטן פון דער אראבישער קולטור, ווען אידישע פּאָליטיקער, פילאזאפן און געלערטע האבן געהאלפן די אראבער צו טראגן דעם פאַקל פון וויסנשאפט. אויך ענגלאנד דארף מיטהעלפן דערדאזיגער באוועגונג. ריכטיג איז וואס די קאמיסיע־מיטגלידער זאגן, אז די בריטישע עפנטלעכע מיינונג באציט זיך מיט סימפּאַטיע צו דער אראבישער שטרעבונג צו א נייער תקופה פון אייניגקייט און אויפבוי אין דער אראבישער וועלט. דעריבער איז מיין ערשטער פארשלאג — באגרעניצן די עליה, און מיין צווייטער פארשלאג איז, — אז ענגלאנד זאל אין הסכם מיט פראנקרייך און אין פולסטער צוזאמענארבעט מיט דער ציוניסטישער באוועגונג מיטהעלפען אויף אלע וועגן און אופנים דער שאפונג פון א גרויסער אראבישער קאנפעדעראציע, וועלכע וועט זיך אויפבויען נישט אין איין יאר נאר שטופנווייז, און וועט ארומנעמען דעם אראבישן האלב־אינזל פון איבן־סאוד׳ איראק, עבר הירדן, סיריע, לבנון און אויך פּאַלעסטינע. פאר דערדאזיגער גרויסער קאנפעדעראציע וועט פּאַלעסטינע זיין א גרויסע באַרייכערונג...»

לארד סעמועל האט דערקלערט, אז ער רעדט נישט אין נאמען פון קיין שום ארגאניזאציע אבער ער האט געגעבן אנצוהערן, אז זיין פארשלאג איז נישט קיין אימפּראָוויזאציע נאר א רעזולטאט פון פארהאנדלונגען מיט די צדדים. אמת, ער האט נישט געזאגט קלאר — וועלכע צדדים.

צום כבוד פון ענגלישן פארלאמענט מוז מען באצייכענען, אז עס האט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואס זאל אונטערשטיצן סעמועלס פארשלאגן. לארד סווינטאן, וועלכער איז זעלבסט געווען במשך פיר יאר קאלאניען־מיניסטער (בשעת ער האט געהייסן קאנליף־ליסטער) און איצט איז ער לופט־פלי־מיניסטער, האט געענטפערט דעם אידישן לארד: «צי מיינט ער (סעמועל), אז עס וועט זיך געפינען כאטש איין איד, וואס וועט מסכים זיין צו באגרעניצן די אידישע עליה?»...

צוליב דער שארפער קריטיק, וואס דער טיילונגס־פלאן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע האט באגעגנט אין פארלאמענט, — די קריטיק איז געקומען הויפטזאכלעך מצד די פריינט פון ציוניזם, — איז די רעגירונג געווען געצוואונגען צוריק־צוציען איר ערשטן פארשלאג. וואס האט געהייסן: «דאס הויז באשטעטיגט די ליניע פון דער רעגירונג פון זיין מאיעסטעט בנוגע ארץ־ישראל, לויט ווי עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אין באפעלס־בוך נומער 5513», און אנשטאט דעם איז אנגענומען געווארן א פשרה־פארשלאג: «די פארשלאגן, וואס דאס באפעלס־בוך נומער 5513

אנטהאלט בנוגע ארץ־ישראל, וועלן איבערגעגעבן ווערן דעם פעלקער־בונד, כדי צו דערמעגלעכן דער רעגירונג פון זיין מאיעסטעט צוצושטעלן דעם פארלאמענט, נאך א גענויער דורכשטודירונג, א באשטימטן פלאן, וואו עס וועלן פולשטענדיג גענומען ווערן אין אכט אלע רעקאמענדאציעס פונם באפעלס־בוך».

לא.

די פארלאמענט־דעבאטע האט שטארק צעטרייסלט דעם חלוקה־פלאן, וואס די קאמיסיע האט פארגעלייגט. אויך אין דער ערשטער מעלדונג האט די רעגירונג נישט געגומען אויף זיך קיין פארפליכטונג בנוגע אלע פרטים פון קאמיסיע־פארשלאג, אויך די קאמיסיע גופא האט נישט באטראכט איר פארשלאג ווי אזא, וואס לאזט זיך נישט אויסבעסערן און ענדערן. אינ־דעראמתן האט דער פארלאמענטס־באשלוס דייטלעך נישט אפגעווארפן דעם פלאן פון דער קאמיסיע אבער ער האט אים אויך נישט באשטעטיגט, — ער האט נאר פארפליכטעט די רעגירונג, אז נאכדעם ווי זי וועט באקומען א פרינציפיעלע קאמפעטענץ־הסכמה מצד דעם פעלקערבונד זאל זי פונדאסניי צושטעלן דעם פארלאמענט א «באשטימטן פלאן». אין וועלכן עס זאלן גענומען ווערן אין אכט די רעקאמענדאציעס, וואס זיינען געגעבן געווארן דער רעגירונג אין ווייס־בוך (באפעלס־בוך נומער 5513). דער פארשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע איז לעת־עתה בלויז א מאטעריאל, מיט וועלכן די רעגירונג וועט זיך באנוצן, לויט איר איינזען,ביים צוזאמענשטעלן א נייעם פלאן, דער ציוניסטישער קאנגרעס קען דעריבער נאך נישט ארויסזאגן זיין «יא» אדער «ניין» לגבי דעם קאמיסיע־פארשלאג, — כאטש די קאנגרעס־מערהייט האלט אפילו יא, ווי מיר דוכט, ביים אננעמען דעם מלוכה־געדאנק פון דער קאמיסיע. לויט דעם ווי דאס אידישע פאלק האט ביז איצט רעאגירט אויף דעם פאַרשלאג איז פאר מיר קלאר, אז די מערהייט פון פאלק — און איך געהער צו דערדאזיגער מערהייט — וויל יא שאפן די אידישע מדינה, ווען אפילו בלויז אין א טייל פון ארץ־ישראל, אבער דערווייל איז, ווי געזאגט, נישטא נאך קיין באשטימטער פארשלאג, וואס די ענגלישע רעגירונג זאל זיך האבן פארפליכטעט אים צו רעאליזירן און וואס זאל האבן די קאָמפעטענץ־באשטעטיגונג דערצו מצד דעם פעלקערבונד, דער קאמיסיע־פלאן איז בלויז א פארשלאג, אבער אין איצטיגן מאמענט — דער איינציגער פארשלאג, און מען דארף קלארמאכן דאס פאזיטיווע און דאס נעגאטיווע אין אים.

לב.

איך וועל אנהויבן פון נעגאטיוון:

א) די אָפשאפונג פונם מאנדאט און פון דער באלפור־דעקלאראציע אויך אויפן געביט פון גאנץ מערבדיג ארץ־ישראל.

ב) די שאפונג פון אן אומאָפהענגיגער אראבישער מדינה, וואס וועט

ארומנעמען גאנץ עבר הירדן, כמעט דעם גאנצן נגב (א שטח פון 12.500 000 דונאם, אין קיילעכדיגע ציפערן) און ביי אכט מיליאן דונאם אין מערב־ארץ־ישראל, חוץ דעם נגב. אויסער דער עבר־הירדנער באפעלקערונג (עפעס מער פון 300.000 נפשות) וועלן צוקומען דער אראבישער מדינה אין מערב־ארץ־ישראל ביי 550.000 נפשות. דידאזיגע מדינה וועט האבן ענגלאנדס אונטערשטיצונג צו איר אריינטריט אין פעלקערבונד.

ג) די פאַרבלייבונג פון א שטענדיקן ענגלישן מאנדאט — אבער אָן דער באלפור־דעקלאראציע — אויפן «קאָרידאָר» צווישען יפו און ירושלים, וואס וועט ארומנעמען א שטח פון 790.000 דונאם מיט 220.000 איינוואוינער, דערפון — העכער 78.000 אידן (אלע איינוואוינער פון ירושלים און פון די קאלאניעס, וואס ארום ירושלים און אין דער אומגעגנט).

ד) דער אידישער געביט אין עבר הירדן, מיט די קבוצות און מיט דער קראפט־סטאַציע פון דער עלעקטריציטעט־געזעלשאפט, וועט געהערן צו דער אראבישער מדינה. און דער לאנד־ווירטשאפטלעכער ישוב פון דגניה און אירע ארומיגע פונקטן וועט אויסגעטיילט ווערן און אריבערגיין צו דער אידישער מדינה.

ה) אין די שטעט עכו, חיפה, צפת און טבריה וועט זיין א «צייט־ווייליגער» בריטישער מאנדאט, אין נצרת וועט זיין א שטענדיגער בריטישער מאנדאט. ירושלים וועט בלייבן אונטער א שטענדיגן ענגלישן מאנדאט און די באלפור־דעקלאראציע וועט אויף איר נישט חל זיין.

ו) עס וועט נישט דערלויבט ווערן די אויפבויאונג פון א אידישן פּאָרט אין תל־אביב, נאר עס וועט אויפגעבויט ווערן א בשותפותדיגער פּאָרט אין יפו און אין תל־אביב, וועלכער וועט געפירט ווערן דורך א געמישטן, אראביש־אידישן קאמיטעט אונטער דער לייטונג פון אַן ענגלישן פארזיצער.

ז) די פּאָטאַש־פאבריק ביים ים המלח וועט אריין אין געביט פון דער אראבישער מדינה.

ח) דער ברעג פון ים כנרת וועט זיך געפינען אונטער דער ענגלישער אויפזיכט.

ט) אין דער «איבערגאנגס־צייט» וועלן אידן נישט טארן קויפן קיין באָדן אין «אראבישן געביט», און עס וועט פארבאָטן זיין די אידישע עליה אין יענע אלע ערטער, וואס זיינען באשטימט פאַר דער אראבישער מדינה. די רעגירונג וועט גרינדן א סך אראבישע שולן, זי וועט פאַרסירן די שאַפונג פון געמישטע שולן, און זי וועט באטראכטן דעם פלאן פון שאפן אַן ענגלישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

לג.

די פּאָזיטיווע פארשלאגן זיינען:

א) עס וועט געשאפן ווערן אַן אומאָפּהענגיגע אידישע מדינה אויפן

שטח פון א פינפטל, אומגעפער, פון מערב־ארץ־ישראל (ביי 4.900.000 דונאם מיט זעקס הונדערט־טויזנט נפשות, דערפון ביי 290.000 אראבער).

ב) די גרעניץ פון דער אידישער מדינה אין צפון וועט זיין דער לבנון, און אין מערב — דער מיטללענדישער ים אויף א לענג פון 150 קילאמעטער, ד. ה. דרייפערטל פון די ארץ־ישראלדיגע ברעגן.

ג) כמעט אלע טאָל־געביטן — די חולה, עמק יזרעאל, א טייל פון מערבדיגן עמק הירדן ביז בית שאן, דער ברעג־טאָל ביז באר טוביה — וועלן זיין אין דער אידישער מדינה.

ד) די אראבער, וואס געפינען זיך אין אָט די טאָל־געביטן וועלן אריבערגעפירט ווערן אין דער אראבישער מדינה.

ה) די אידישע מדינה וועט אונטערשטיצט ווערן דורך ענגלאנד ביים אריינטריט אין פעלקער בונד און זי וועט שליסן א מיליטערישן אָפמאך מיט ענגלאנד.

ו) די אידישע מדינה וועט באקומען ענגלאנדס גאראנטיע אויף א הלואה כדי אפצוקויפן די אראבישע ערד, וואס געפינט זיך אין אירע געביטן.

ז) די אידישע מדינה וועט האבן א פרייען צוטריט קיין מצרים מיט דער באן, און אויך קיין אַקאַבא. דערפאר וועט די אראבישע מדינה האבן א פרייען צוטריט קיין חיפה.

ח) אין דער איבערגאנגס־צייט וועט די אידישע עליה רעגולירט ווערן לויט דער אידישער אויפנעם־פעאיגקייט פון «אידישן געביט» און פון «ענג־לישן קארידאר». די אראבער וועלן נישט טאָרן קויפן קיין באדן אין «אידישן געביט», אבער עס וועט נישט פארבאָטן ווערן קיין אראבישע «עליה» אין דעם געביט. עס וועלן אונטערגענומען ווערן שריט אויסצו־בעסערן דעם פּאַראגראף 18 פון מאנדאט, כדי דאס לאנד זאל קענען שליסן האנדלס־אָפמאכן מיט אנדערע מדינות.

אינם קאמיסיע־פּלאן ווערן אויך דידאזיגע פּאָזיטיווע פארשלאגן אָפּ־געשוואכט אין וויכטיגע און עיקרדיגע פונקטן: די «סוווערעניטעט» פון דער אידישער מדינה וועט «צייטווייליג» נישט חל זיין אויף חיפה, עכו, צפת און טבריה; די צאָל־שטייער־אויפמאנונג אין די פּאָרטן וועט זיין ביי ענג־לישע באאמטע אין די הענט; די אידישע מדינה וועט דארפן צאלן א יערלעכן אָפצאָל דער אראבישער מדינה. א בריטישער קארידאר וועט אָפּ־שניידן דעם דרומדיגן ווינקל פון דער אידישער מדינה פון איר צפונדיגן גוף.

דידאזיגע פארשלאגן זיינען, ווי געזאגט, נישט קיין תורת משה. די ניין־זאגער, וואס קלאַמערן זיך אָן דעם אדער יענעם נעגאטיוון פּרט, דארפן געדענקען, אז מען קען נאך אונטערהאנדלען מכוח אויסבעסערונגען, — מכוח גרינטלעכע אויסבעסערונגען. ווער עס האט זיך צוגעהערט מיט אויפמערק־זאמקייט צו דער דעבאטע אין פּאַרלאמענט, האט זיך געקענט איבערצייגן, אז עס זיינען נישט אויסגעשלאסן באדייטנדע אויסבעסערונגען.

אבער, צום באדויערן מוז איך אויך ווארענען די יא־זאגער: לעת עתה איז דער פארשלאג פון דער קאמיסיע נישט מער ווי א פאפירענער; די רעגירונג האט זיך טאקי פארפליכטעט פארן פארשלאג אין אלגעמיין, אבער די פארלאמענט־דעבאטע האט געענדערט דעם מצב; די פראצעדור וועט איצט זיין א לאנגע, און קיינער קען נישט פארויסזאגן מיט זיכער־הייט וואס וועט געשען אין דער צווישנצייט. די איבערגאנגס־תקופה אנטהאלט אין זיך שווערע סכנות. אזוי ווי מען קען אפהאלטן און פארקריפלען די רעאליזירונג פונם מאנדאט, — קען מען אויך פארקריפלען און אפהאלטן די רעאליזירונג פון דער מדינה. ס'איז דאך קלאר, אז מען קען נישט פון היינט אויף מארגן שאפן צוויי מדינות. די צוגרייטונגען און פאַרבארייטונגען, די אונטערהאנדלונגען און אויפקלערונגען וועלן פארלאנגען מסתמא עטלעכע יאר. און אסך זאכן קענען זיך ענדערן דורך דער צייט.

לד.

די פאָזיטיווע הויפט־זאך, וואס דער קאמיסיע־פארשלאַג אנטהאלט, — די אידישע סוווערעניטעט איבער א טייל ארץ־ישראל, איז דערווייל בלויז א פיקטיווע סוווערעניטעט.

אין פיר זאכן שוואכט אפ דער קאמיסיע־פארשלאג די סוווערעניטעט, וואס ווערט פארגעשלאגן דער אידישער מדינה:

1. דער צייטווייליגער מאנדאט אויף פיר שטעט. אויב מיר זאלן אפילו מודה זיין, אז דער פארשלאג האט אין זיך עפעס א לאגיק — כאטש ס'איז שווער דערין מודה צו זיין, ווייל די קאמיסיע לייגט דאך פאַר סיי־ווי־סיי גאראנטיעס פארן שוץ פון די מינדערהייטן — קען מען אים בשום אופן נישט אָננעמען, סיידן עס זאל פעסטגעשטעלט ווערן א סוף־טערמין פאר דידאזיגע צייטווייליגע מאנדאטן, און דער סוף־טערמין טאָר נישט זיין קיין צו־ווייטער.

מען דארף נישט חושד זיין, אז די מאנדאט־גאָווערנערס פון דידאזיגע שטעט וועלן אליין דארט איינארדנען ראַסן־אומרועון, אבער אויב אזעלכע אומרועון וועלן אויסברעכן, קענען זיי זיי אויסנוצן כדי צו פארלענגערן זייער הערשאפט. און א ענגלישע הערשאפט אין חיפה און אין עכו איז צו גוט און באקוועם פאר דער מאנדאט־רעגירונג, אזוי אז אָן דער פעסט־שטעלונג פון א סוף־טערמין פארן «צייטווייליגן מאנדאט» קען ער זיך ציען אייביג.

2. א בשותפותדיגער פאָרט אין יפו און תל אביב אונטער ענגלישן פאָרזיץ. עס איז צו שטוינען אויף די קלוגע מחברים פונם באריכט, ווי אזוי האבן זיי נישט דערשפירט, אז יעדער בר־דעת וועט דאך תיכף דערזען דעם שרייענדיגן ווידערשפרוך פון דעמדאזיגן פארשלאג צו זייער גאנצער גרונט־טעזע, — אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר, ווייל די אידן און די אראבער קענען נישט לעבן צוזאמען. אויב א אידיש־אראבישע

צוזאמענארבעט איז אוממעגלעך און צוליב דעם מוז מען מבטל מאכן דעם מאנדאט, טאָ וויאזוי־זשע איז מעגלעך א אידיש־אראבישע צוזאמענארבעט אין א בשותפותדיגן פּאָרט, און דוקא אין תל אביב און יפו?... אבער די הויפּט־פראגע איז אָן אַנדערע: ווי אזוי בינדט זיך סוווערעניטעט פון דער אידישער מדינה מיטן פאַרבאָט צו בויען א פּאָרט אין תל־אביב, וואס איז א טייל פון דער סווערענער מדינה? וואס גייט עס אָן די ענגלענדער, אז די אידן ווילן בויען צוויי אדער דריי פּאָרטן אויף די ברעגן פון זייער מדינה? און מיט וואס פאַר־אַ רעכט זאל שטיין אין דער שפּיץ פון בשותפותדיגן פּאָרט אַן ענגלענדער? דער פארשלאג איז ממש א חוזק־מאכעריי פונם אידישן פאַרשטאנד.

3. אויך דאס אויפמאנען די צאָל־שטייערן אין פּאָרט פון דער אידישער מדינה דורך ענגלישע באאמטע בינדט זיך נישט מיט אידישער סוווערעניטעט נאר מיטן ווילן איבערצוגעבן ענגלאנד די הערשאפט איבערן אידישן ים־ברעג.

4. די יערלעכע סובסידיע לטובת דער אראבישער מדינה פארוואנדלט די אידישע מדינה אין צינז־קנעכט. אזא סובסידיע איז פאַרשטעלבאר נאר ביי דער הסכמה פון דער אידישער מדינה פאר א געהעריגער אנטשעדיגונג.

נישט קלאָרמאכנדיג לחלוטין, אז מען איז נישט אויסן צו פארבייטן דעם מאנדאט אויף גאנץ ארץ־ישראל מיט א מאנדאט אויף א פינפטל ארץ־ישראל, — קענען מיר בכלל נישט אנהויבן באהאנדלען דעם חלוקה־פראָיעקט. אַן אָפּמאך מיט די ענגלענדער איז פאר אונז אפשר נויטיגער ווי פאר די ענגלענדער. אָן א בריטישער גאראַנטיע פאר דער טעריטאָריעלער גאנצקייט פון דער אידישער מדינה, — באזירט זיך איר זיכערהייט כמעט אויף גארנישט. און א גאראנטיע מצד ענגלאנד איז דער טייטש — אָפּהענגיגקייט. דידאָזיגע אָפּהענגיגקייט דארף אונז נישט איבערשרעקן. אויך ביי גרעסערע מדינות איז זייער זיכערהייט אפהענגיג פונם שוץ פון אנדערע מדינות. בעלגיע, שווייץ און נאך עטלעכע מדינות זיינען נישט מסוגל זיך צו באשיצן בלויז מיט די אייגענע כוחות. אבער פון אזא אָפּהענגיגקייט ביז א מאנ־דאט — אַן אָפענעם אדער פארבאָרגענעם — איז נאך גאנץ ווייט. און אפילו דער עקסטרעמסטער יא־זאגער קען נישט מסכים זיין צו באפרייען ענגלאנד פון די מאנדאט־פארפליכטונגען, כל זמן דערדאזיגער פונקט — אמתע זעלבסט־שטענדיגקייט פון דער אידישער מדינה — וועט נישט פולשטענדיג קלאָר ווערן. וואָרום נאָר פאַרן פרייז פון א מדינה, פון אַן אמתער מדינה, וואס האט אין אירע הענט די מאכט און געזעצגעבונג אויף אלע מלוכהשע געביטן, אויף אלע לעבנסגעביטן, קען מען אונטערהאנדלען וועגן מבטל מאכן דעם מאנדאט.

די גאראנטירונג פון אמתער סוווערעניטעט פאר דער אידישער מדינה, — דאס איז דער ערשטער תנאי פאר דער באהאנדלונג פונם טיילונגס־פּלאַן. דער פארשלאג פון דער קאמיסיע האט אבער חסרונות נישט בלויז אינם פונקט פון סוווערעניטעט.

לה.

נאך דער פארעפנטליכונג פונם קאמיסיע־באריכט האט מען מיך געפרעגט אין לאנדאן, מצד דער בריטישער לייבור־פארטיי,—וואס איז אונזער מיינונג וועגן פארשלאג פון דער קאמיסיע. אַנטשפרעכנד דעם באשלוס פון ציוניסטישן אקציאַנס־קאמיטעט, פון אפריל 1937, האב איך געענפערט, אז מיר האלטן ווייטער פאַר דער רעאליזירונג פונם מאנדאט, און מיר ווארפן אָפּ די טענה פון דער קאמיסיע, אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר. ווען מען וואלט מיך געפרעגט די זעלבע פראגע מצד א אידישער פארטיי, וואלט מיין תשובה געווען אַן אנדערע. א אידישע מדינה אפילו בלויז אין א טייל ארץ־ישראל קען, לויט מיין מיינונג, מיטהעלפן דער פארווירקלע־כונג פון ציוניזם מער ווי אַ בריטישער מאנדאט איבער גאנץ ארץ־ישראל. אבער דער בריטישער לייבור־פארטיי האב איך נישט נעקאנט זאגן מיין פריוואטע מיינונג,—פאר זיי בין איך געווען א שליח פון דער באוועגונג, און אלס שליח פון דער באוועגונג האב איך געהאלטן פאר מיין חוב צו פארטרעטן דעם באשלוס פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט. אין דער בריטישער לייבור־פארטיי גופא, זיינע די מיינונגען געווען צעטיילט; אויך דארט זיינען געווען יא־זאגער און ניין־זאגער, און אויב אין פארלאמענט איז די פארטיי אלס גאנצע ארויסגעטראטן געגן, — האב איך מורא, אז אונ־זער אפיציעלע שטעלונג האט אין א נישט קליינער מאס צוגעהאָלפן דערצו.

די חברים, וואס האבן זיך באטייליגט אין יענער זיצונג פון ציוניס־טישן אקציאנס־קאמיטעט, ווייסן אבער, אז אויסער דעם עפנטלעכן באשלוס איז אין דער פאָליטישער קאמיסיע אנגענומען געווארן אַ אינערלעכער דירעקטיוו פאר דער עקזעקוטיווע: באנוצן אלע מיטלען כדי אויסצובעסערן דעם חלוקה־פארשלאג נישט פארפליכטנדיג זיך דערביי אים אנצונעמען. אין יענער זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען דעם 24־טן אפריל 1937 אין ירושלים, האב איך געמאלדן אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע:

»...די עקזעקוטיווע האלט פאר איר חוב נישט בלויז צו קעמפן פארן מאנדאט, נאר אויך צו זארגן דערפאר, אז אלע אָלטערנאַטיוועס, וואס לאזן זיך איצט הערן אין דער ענגלישער וועלט, און באזונדערס די אלטערנאטיווע, וואס די קעניגלעכע קאמיסיע קען איצט פאָרלייגן, זאָלן אַנטהאלטן דעם מאק־סימום פאָזיטיווע מעגלעכקייטן און דעם מינימום פון איינ־שרענקונגען און באגרעניצונגען. איך בין געגן ר—ס פארשלאג, אז די פאָליטישע קאמיסיע זאל געבן א דירעקטיוו דער עק־זעקוטיווע, זי זאל באאיינפלוסן די פאָרמולירונג פונם חלוקה־פלאן. מען דארף נישט קיין באשלוסן. די עקזעקוטיווע טוט עס און וועט עס ווייטער טון אויך אָן א דירעקטיוו. א באשלוס אין דער הינזיכט קען אויסגעטייטשט ווערן, ווי מיר וואלטן לכתחילה אנגענומען דעם צעטיילונגס־פלאן. און אפילו

די יאָ־זאגער האלטן, אז אונזער לכתחילהדיגע הסכמה איז גע־פערלעך, כל זמן מיר ווייסן נישט וואס עס איז פאַר־אַ פּאָר־שלאג, וואס פאר א שטח באקומען מיר. וואס פאַר־אַ גרע־ניצן עס וועלן זיין, און וואס וועט זיין די קאָמפּעטענץ פון דער „מדינה".

די עקזעקוטיווע וועט אבער נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט אויך אָן א בפירושן דירעקטיוו פון דער קאמיסיע. וואָרום די עקזעקוטיווע טאָר זיך נישט באגנוגענען בלויז מיט פארטיידיגונגס־קאמף פאר אונזער שטעלונג,—נישט בלויז מיר אנטשיידן אין דעם ענין. און מיר דארפן זיך באמיען, אז אויך די אנדערע אַלטערנאטיוועס זאלן ווי ווייט מעגלעך זיין לטובת אונז און נישט פארקערט.— — — אויב נאָכן אָננעמען די אויספירונגען פון דער קאמיסיע וועט זיך די רעגירונג צו אונז ווענדן און זאגן:

«די רעאליזירונג פונם מאנדאט אין זיין איצטיגער פאָרם איז אוממעגלעך, און מיר לייגן אייך פאר צוויי ברירות: די צעטיילונג פון ארץ־ישראל אדער עפּעס אָן אנדער לעזונג», און מיר וועלן דאן מיינען, אז די גינסטיגערע ברירה איז די חלוקה, — וועלן מיר נישט געבן דער רעגירונג קיין תשובה, איידער מיר וועלן ברענגען די זאך פאר די אַנטשפּרעכנדע אינסטיטוציעס פון דער באוועגונג, זיי זאלן אנטשיידן.

ס'איז א טעות צו מיינען, אז עס זיינען פאראַן בלויז צוויי מעגלעכקייטן: די רעאליזירונג פונם מאנדאט אדער די חלוקה. עס זיינען פאראַן נאך אנדערע מעגלעכקייטן, און מיר דארפן באקעמפן יעדן פלאן, וואס איז עלול צו באגרעניצן אונזער וואוקס אין ארץ־ישראל,—אבער גלייכצייטיג מוזן מיר זארגן דערפאר אז די איניציאַטאָרן פון די אנדערע פלענער זאלן די דאזיגע עווענטועלע פלענער זייערע פארמולירן צו אונ־זער גונסט».

דער פאָרזיצער פון דער פאליטישער קאמיסיע האט דאן געמאלדן, אז די קאמיסיע נעמט אָן מיט באפרידיגונג מיין דערקלערונג, און די קאָ־מיסיע־מיטגלידער פון אלע פארטייען האבן דערצו מסכים געווען.

אין איינקלאנג מיט אָט דער דערקלערונג האט געהאנדלט די עק־זעקוטיווע נאכדעם, ווי עס איז פארעפנטלעכט געווארן דער באריכט פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע און ווי די רעגירונג האט דערקלערט, אז זי נעמט אים אָן.

די רעזולטאטן פון דער האנדלונג האבן זיך געלאזט מערקן אין דער פארלאמענט־דעבאטע פון פאַראַכטאָגן*).

*) דעם 21־טן יולי 1937

לו.

איינע פון די צענטראלע פראגן אינם גאנצן טיילונגס־פראָיעקט איז די פראגע ירושלים. ירושלים איז די הויפט־שטאָט פון אונזער ווייטער פאר־גאנגענהייט, ווען מיר האבן געלעבט א פריי מלוכהש לעבן; זי איז געווען דער פּאָליטישער און גייסטיגער צענטער פון פאלק און דער סימבאָל פון זיין היסטארישער אייגנאַרט און מיסיע. די טייערע איבערבלייבן פון אונזער גרויסער פארגאנגענהייט זענען פאַראַן עד היום אין דערדאזיגער שטאָט. דער הייליגער און פאַרערטער נאמען ירושלים האט זיך איינגעקריצט אין האַרץ פון פאָלק, ווען עס איז אוועק אין גלות אריין. דור־איין־דור־אויס, אין אלע וואנדערונגען, פון די בבל־טייכן פון פאר צוויי טויזנט יאר ביז היינטיגן טאג אויף אלע טייכן פון דער וועלט, — חזרט כסדר איבער דאס אידישע פאלק א טרייהייט־שבועה צו זיין הייליגער שטאָט. במשך דער גאנצער גלות־צייט זענען געמאכט געווארן אומאויפהערליכע פּרווון אומצוקערן זיך קיין ירושלים, נישט רעכענענדיג זיך מיט די אלע צרות און שטערונגען, וואס די אידישע ירושלים־בויער האבן געהאט אויסצושטיין פון די צייטן פון דער רוימישער דעראָבערונג ביזן סוף פון דער טערקישער הערשאפט. אין ירושלים איז פאראן אָ פון דורות לאנג פאַרוואָרצלטער אידישער ישוב. גרויס איז די באדייטונג, פון ניי־ירושלים, וועלכע האט ווידער פארוואנדלט ירושלים אין א שטאָט מיט אַן אנטשיידנד־אידישער מערהייט, וואס האט אין זיך איבער א זעקסטל פון אלע אידן אין ארץ־ישראל. אין ירושלים געפינען זיך די צענטראָלע נאציאנאלע אינסטיטוציעס: דער העברעאישער אוניווערסיטעט, דאס הויז פון דער אידישער אגענץ, די נאציאָנאל־ביבליאָטעק, דער צענטער פון דער כנסת־ישראל א.נ. אין ירושלים האט זיך קאנצענטרירט א קיבוץ־גלויות ווי אין קיין שום אנדער אָרט אין ארץ־ישראל. דאס אלץ האט געמאכט ירושלים פאַרן ברענפונקט פון דער ליבע און די בענקשאפטן און שטרעבונגען און האפנונגען פון אידישן פאלק. פארשטייט זיך, — מיר קענען נישט פאַרזען דעם היסטארישן און רעאלן פאַקט, אז געוויסע ערטער אין דערדאזיגער שטאט זענען הייליג אויך פאר דער קריסטלעכער און פאר דער מוסולמענישער וועלט, אין ס'איז נישטא עפעס ווייטערס און געגנ־זעצלעכערס צו די טיפסטע אינטערעסן פון אונזער נאציאָנאלער אויפלעבונג, ווי וועלכע־נישט־איז גרינגשעצונג פון די הייליגטימער פון אנדערע פעלקער. אבער דידאזיגע ערטער זענען געציילטע און געפינען זיך כמעט אלע אין דער אַלטשטאָט, און דער מאנדאט זאגט דאך בפירוש, אז אויך נאך זיין ליקווידירונג וועלן גאראנטירט ווערן די רעכט און פּאָזיציעס פון די הייליגע ערטער. אין דער אַלטשטאָט זענען קאנצענטרירט אויך די ערטער, וואס זענען צומטייערסטן פארן אידישן פאלק, — ס'איז דעריבער נויטווענדיג, אז ירושלימער אַלטשטאָט זאל פאַרבלייבן אונטער אן אינטערנאציאנאלן רעזשים, און ס'איז נישטא נאך א מדינה, וואס זאל אזוי ווי ענגלאנד ראוי זיין איבערצונעמען דידאזיגע אינטערנאצאָינאלע שליחות אָפצוהיטן די הייליג־טימער פון אלע רעליגיעס און פון אלע קולטור־פעלקער. אבער דאס גאנצע

נייע, אידישע ירושלים קען נישט אָפּגעריסן ווערן פון דער ארץ־ישראלדיגער מדינה, ווען זי ווערט געשאפן. איינער פון די בולטסטע פעלערן אינם פּראָיעקט פון דער מלוכה־קאָמיסיע איז — דאס ארויסרייסן ירושלים פונם אידישן מדינה־פּלאַן.

בשעת איינער פון אונזערע פריינט, פון די נישט־ציוניסטן, האט דער־הערט אז די עקזעקוטיווע וועט פאדערן אריינצונעמען ניי־ירושלים אין דער פּראָיעקטירטער אידישער מדינה, האט ער זיך געאיילט און אונז געוואָרנט, מיר זאָלן למען השם עס נישט טון, ווייל אזא פאדערונג קען דערוועקן קעגן אונז די גאנצע קריסטלעכע וועלט. ביז עס איז געקומען איינער פון די העכסטע פאַרטרעטער פון דער קריסטלעכער וועלט און האט צונישט געמאכט דעם פּחד פון דעם אידישן נישט־ציוניסט: דער הויפּט פון דער קריסטלעכער קירכע אין ענגלאנד, דער ערצבישאָף פון קענטערבורי אליין האט בעת דער דעבאטע אין לארדן־הויז געפאדערט, אז ניי־ירושלים זאל איינגעשלאסן ווערן אין דער אידישער מדינה. „איך האב דעם איינדרוק — האט דער פירער פון דער אנגליקאנישער קירכע געזאגט אין זיין רעדע אין לארדן־הויז — אז אין איין פונקט האבן די אידן א פולבארעכטיגטע טענה געגן די פארשלאגן פון דער מלוכה־קאמיסיע — — — דאס איז דער פונקט ירושלים. איך געפין פאַר מיין פליכט צו זאגן, אז עס קומט מיר אויס זייער שווער צו רעכטפאַרטיגן די פארווירקלעכונג פון די ציוניסטישע שטרעבונגען אָן ציון. וויאזוי איז עס מעגלעך, מיר זאלן אין דער הינזיכט נישט האבן קיין סימפּאַטיע פאר די אידן? מיר אלע קענען זייערע הונדערטער־יעריגע בענקשאפטן, זייער קלאָגן און שווערן «אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני». זיי קענען נישט פארגעסן ירושלים אין קיין שום חלוקה־פּראָיעקט. מען האט שוין אנגעוויזן, אז דער איצטיגער אידישער ישוב אין ירושלים באשטייט פון 76.000 נפשות, דערפון געפינען זיך 72.000 אין דער טייל שטאט וואָס מחוץ דער אלטער מויער, ד. ה. מחוץ דעם שטח וואס די מאנדאט־רעגירונג איז מחויב צו נעמען איף זיך אַ ספּעציעלע פאראַנטווארטלעכקייט לגבי אים. — ס'איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אז אָט דער טייל פון דער נייער ירושלים, וואס ציילט 72.000 אידן, און אין וועלכן עס געפינט זיך, ווי מיר דוכט, דער העברעאישער אוניווערסיטעט, זאל נישט איינגעגלידערט ווערן אין דער אידישער מדינה!»

צומאָרגנס נאך דער דעבאטע אין לארדן־הויז איז פאָרגעקומען, ווי באקאנט, די דעבאטע אין אונטערשטן הויז, און פון די רייד פונם קאָלאניען־מיניסטער, אָרמסבי־גאָר, האט מען געקענט ארויסזען אז די פאדערונג פונם פירער פון דער אנגליקאנישער קירכע האט נישט אנגע־טראָפן אין דער רעגירונג אויף פאַרשטאָפּטע אויערן. בשעת אָרמסבי־גאָר איז צוגעקומען צום ענין פון די הייליגע ערטער, האט ער געזאגט: «דאס זיינען ירושלים, בית־לחם, נצרת צוזאמען מיטן ים כנרת. לאמיר נעמען די הויפּטשטאָט, ירושלים. איך מיין נישט דעם נייעם טייל, נאָר די הייליגע אַלטשטאָט, — ווי מען רופט זי געוויינלעך; — וואס

צווישן די מויערן (אונטערגעשטראכן דורך מיר. — ד. ב. ג.) — — ס׳איז אומבאדינגט נויטיג, אז דידאזיגע שטאט זאל זיין א הייליגע שטאָט, און נישט די אידן, נישט די אראבער און אויך נישט די אָרטיגע קריסט־לעכע געמיינדע זאלן אין איר הערשן און זי אָפּהיטן». אָרמסבי־גאָר האט נישט צוגעזאָגט בפירוש אריינצונעמען ניי־ירושלים אין דער אידישער מדינה, אָבער נישט צופעליג האט ער אונטעגעשיידט צווישן דער אַלטשטאָט און דער נייער שטאָט, און וועגן דער נויטווענדיגקייט פון אן ענגלישער הערשאפט אין ירושלים האט ער גערעדט נאר בנוגע דער אלטער שטאט.

לז.

ווי גרויס עס איז די היסטאָרישע און גייסטיגע באדייטונג פון ירושלים אזוי גרויס איז די פּאָליטישע אוןווירטשאפטלעכע באדייטונג פון חיפה. דער אידישער ישוב אין חיפה איז איצט קלענער פונם אידישן ישוב אין ירושלים, אבער ער וואקסט שנעלער. מיט עטלעכע יאר צוריק זיינען מיר נאך געווען א מינדערהייט אין דערדאזיגער שטאָט, איצט זיינען מיר שוין א מערהייט. אבער אזוי ווי אין ירושלים אזוי אויך אין חיפה ווערט די באדייטונג פון דער שטאָט נישט געשאצט נאר לויט דער צאל אידן. חיפה איז דער עקאָנאמישער און סטראטעגישער שליסל פון ארץ־ישראל. עס איז דער איינציגער נאטירלעכער האַפן אויפן ארץ־ישראל׳דיגן ים־ברעג. און נישט צופעליג איז דארט אויפגעבויט געווארן דער ער־שטער מאדערנער פּאָרט אין א״י. חיפה האט אויך א אינטערנאציאָנאלע באדייטונג. דאס איז די איינציגע האַפן־שטאָט אין דער בריטישער אימ־פעריע, וואס האט נאַפט־רערן. אינם מזרח־טייל פון מיטללענדישן ים קען חיפה ווערן די וויכטיגסטע שטאָט, און ס׳איז נישט אויסגעשלאסן. אז זי זאל נאך איבערשטייגן אלעקסאנדריע. אין חיפה איז שוין איצט קאָנצענט־רירט דער אנהויב פון אונזער ארץ־ישראל׳דיגער «שווער־אינדוסטריע» חיפה איז פארבונדן מיט אלע עקן וועלט דורך ים, יבשה׳ און לופט־וועגן א גרויסער טייל פון מפרץ חיפה און פון הר־הכרמל געהערט צו אידן. דערפון איז דער גרעסטער טייל — נאציאנאלער באדן. חיפה איז מער ווי יעדע אנדערע שטאָט אין ארץ־ישראל ארומגעזוימט מיט ארבעטנדע אי־דישע ישובים. די אויסברייטערונגס־מעגלעכקייט פון דערדאזיגער שטאָט אין טאָל און אויפן בארג, זיינען כמעט אומבאגרעניצטע. הערצלס וויזיע וועגן חיפה—דער צוקונפט־שטאָט איז שוין נישט ווייט פון פארווירקלעכונג.

די קעניגלעכע קאמיסיע לייגט פאָר ארונטערצונעמען דידאזיגע שטאָט, צוזאמען מיט עכו און די צוויי גליל־שטעט טבריה און צפת אונטער א «צייטווייליגן מאנדאט», נישט אויסשליסנדיג זיי פונם שטח פון דער אידי־שער מדינה. אבער עס איז קלאר, אז דער מאָטיוו פאָר די מאנדאטן אויף צפת און טבריה איז איינער, און פאר די מאנדאטן אויף חיפה און עכו איז דער מאָטיוו א גאנץ אנדערער. אין די גליל־שטעט איז מען אויסן אויף אזא אופן צו שיצן דעם אראבישן ישוב, און אין די האַפן־שטעט

זיינען פאראן, ווייזט אויס, גאר אנדערע כוונות. נישט אומזיסט האט לארד מעלטשעט, אין זיין רעדע אין לאָרדן־הויז, ספּעציעל באַרירט דעם ענין חיפה:

«וואס שייך דעם מאנדאט אויף חיפה וואלט איך גע־וואָלט מיט פולער אָפנהאַרציגקייט זאגן, אז מיר אלע שאצן אָפּ — און קיינער שאצט עס נישט מער פון מיר דעם אינטע־רעס וואס גרויס־בריטאניע האט אין חיפהער פּאָרט. איך שטרייך עס אונטער שוין זייט יארן. אבער איך דארף זאגן, אז אויב ענגלאנד וויל דעם חיפהער פּאָרט, האט זי צוויי וועגן צו באקומען פריווילעגיעס לויט דעם פּאָרגעשלאגענעם פּלאן: אדער זי זאל צונעמען חיפה און זאגן, אז זי נעמט זי צו, טראָגן אלע אינטערנאציאָנאלע פאַרפליכטונגען אין דער היג־זיכט; אדער זי זאל איבערלאזן חיפה פאַר דער אידישער מדינה און פירן אונטערהאנדלונגען וועגן אן אָפּמאך. עס פּאַסט נישט פאַרן כבוד און אָנזען פון גרויסבריטאניע, זי זאל פּרווון זיך דעראָבערן מיליטערישע און ים־פּריווילעגיעס אין חיפה אונטער דער מאַסקע פון א צייטווייליגן מאנדאט. איך קען פאַרזיכערן די רעגירונג, אז עס זיינען נישט פאראן אזעלכע רעכט, וואס זי זאל פארלאנגען אין אַן אָפּמאך, און זיי זאלן איר נישט געגעבן ווערן גערנווייליג. אבער שאפט אונז קלאר־קייט און זאגט ארויס אָפן אייערע כוונות ווען עס וועט קומען צו פאַרהאנדלונגען מכח די ענינים».

אין דער דעבאטע, וועלכע איז פאָרגעזעצט געווארן אויך אויפצו־מאָרגנס אין לאָרדן־הויז, האט לאָרד סווינטאָן, דער לופטפלי־מיניסטער געענטפערט אויף דער פראגע פון לאָרד מעלטשעט:

«ער (לארד מעלטשעט) האט מיך געבעטן צו ריידן קלארע דבורים וועגן חיפה. איך וועל עס נישט טון. לויט מיין מיינונג דארף מען אין ענין חיפה אפלייגן די ענדגילטיגע באשטימונג. נאך אלעמען איז חיפה נישט בלויז דער גרעסטער ארץ־ישראלדיגער פּאָרט. זי איז א סך מער. זי איז נישט בלויז דער ארויסגאנג־פּונקט פון די נאַפט־רערן. ווען מיר האבן באהאנדלט דעם ענין חיפהער פּאָרט האבן מיר גענומען אין אכט נישט בלויז די שטארקע אנטוויקלונג, וואס איז פּאָרגע־קומען אין ארץ־ישראל נאר אויך דעם גרויסן הינטערלאנד און דעם מיטללענדישן מזרח בכלל, וועלכן דערדאזיגער פּאָרט דארף באדינען. איך מיין דעריבער, אז עס וועט זיין קלוג אָפּצולייגן די ענדגילטיגע באשטימונג וועגן דעם ענין».

לארד מעלטשעט האט זיך דאן אויפגעשטעלט און גע־פרעגט: «צי קען אונז דער איידעלער וויקאָנט (סווינטאָן) עפּעס זאגן וועגן דעם, וויאזוי און ווען און דורך וועמען וועט גע־

מאכט ווערן דידאזיגע ענדגילטיקע באשטימונג בעת זי ווערט געמאכט ווערן?»

לאָרד סווינטאָן האט געענטפערט: «סוף כל סוף וועט עס זײַן א באשטימונג, וואס וועט פאָרגעשלאגן און באשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג פון זײַן מאיעסטעט».

לאָרד מעלטשעט: «און דער פעלקערבונד?»

לאָרד סווינטאָן: «דער פעלקערבונד וועט זיכער ארויס־זאגן זײַן מיינונג».

לאָרד מעלטשעט: «צי דארף מען דערפון דרינגען, אז חיפה איז נישט אײַנגעגלידערט אין דער אידישער מדינה?»

וויקאָנט סווינטאָן: «פון מײַנע רייד דארף מען נישט ארויסדרינגען מער ווי דאס וואס איך האָב געזאגט. איך בין געווען פאָרזיכטיג אין מײַנע רייד און איך האב געזאגט אויפריכטיג, אז ענין חיפה בלײַבט הענגען. דאס הייסט נישט, אז דער פסק דין וועט ארויסגעגעבן ווערן לטובת דעם מאָנער אדער לטובת דעם געמאָנטן. די כוונה פון מײַנע רייד איז פשוט: די זאך בלײַבט הענגען. דאס איז א גאנץ קלארע און ערלעכע תשובה»...

צי טאקע אינדעראמתן?

לח.

א קלאָרערע און גינסטיגערע תשובה איז געגעבן געווארן דורך דער רעגירונג אין דער פראגע פון צווייטן פאָרט — פון אידישן פאָרט אין תל־אביב. אין בײַדע «הײַזער» האט מען אָנגעגריפן דעם שטוינענדן פאָר־שלאג פון דער קאמיסיע, מען זאל פארבאטן תל־אביב צו בויען איר אייגענעם פאָרט. פון די רייד פון די רעגירונגס־פארשטייער איז קלאר געווארן, אז די רעגירונג נעמט נישט אָן די מיינונג פון דער קאמיסיע אין דערדאזיגער פראגע. און ווידער איז עס געווען צו פארדאנקען לאָרד מעלטשעט, וועלכער האט דערוועקט די פראגע אין לארדן־הויז: «די קאמיסיע לייגט אונז פאָר סוווערעניטעט — דאס איז א טײַערע און גרויסע זאך. איבעראיאָר וועט ווערן צווייטויזנט יאר זינט עס איז אונטערגעגאנגען די סוווערענע אידישע מדינה. אבער צי מיינען זיי באמת סוווערעניטעט? הלואי וואָלט איך עס געוואוסט, און איך וואָלט געוואָלט באקומען א קלארע תשובה פון איידעלן וויקאָנט (סווינטאָן) ער זאל ענטפערן (אין נאמען פון דער רעגירונג), — וויאזוי בינדט זיך סוווערעניטעט מיטן פונקט וועגן תל־אביבער פאָרט?»

אין אונטערשטן הויז האט דערוועקט די פראגע דער דעפּוטאַט פון דער ארבעטס־פּאַרטיי. מאָרגאַן דזשאָנס: «דער באריכט (פון דער קעניגלעכער קאמיסיע) זאגט פאקטיש, אז דאס פאלק אין דער אידישער מדינה וועט

נישט טאָרן זיין קיין באַלעבאָס איבער זיינע פּאַרטן. — יפו און תל־אביב וועלן געהערן צו א געמישטן קאמיטעט. אָט דאס רופט איר אן סוווערעניטעט?»

אין לאָרדן־הויז האט אויף דער פראגע געענטפערט לאָרד סווינטאָן, און אין אונטערשטן הויז אָרמסבי־גאָר.

לאָרד סווינטאָן האט געזאגט: «לויט מיין מיינונג איז קלאר, אז די עצם עקזיסטענץ פון א זעלבסטשטענדיגער און באזונדערער מדינה איז מחייב דערצו, אז אויב זיי ווילן בויען א זעלבסטשטענדיגן פּאָרט אויף זייער אייגענעם חשבון און אויף זייער טעריטאָריע, — האבן זיי דאס רעכט עס צו טון, כאטש פון פראקטישן שטאַנדפונקט איז אפשר גלייכער צו בויען דעם פּאָרט אויף אַן אנטשפרעכנדיגן אָרט, כדי ער זאל קענען באדינען ביידע מדינות».

און אָרמסבי־גאָר האט אין זיין תשובה אויף דער פראגע פון מאָרגאַן דזשאָנס געמאלדן: «איך וויל אויפקלערן די זאך, אז אין אונזער ווייס־בוך האבן מיר בפירוש דערקלערט, אז מיר זיינען נישט געבונדן מיט דעמדאזיגן פּאָרשלאג (פון דער קאמיסיע וועגן א געמיינזאמען פּאָרט פאַר יפו און תל־אביב). איך פארשטיי אז אין יפו וועט זיין אן אראבישער פּאָרט, און אין תל־אביב א אידישער פּאָרט. — די קעניגלעכע קאמיסיע האט נאר ארויסגעזאגט איר מיינונג, אז אויב עס וועט זיין א בשותפותדיגער פּאָרט, וועט ער זיין צומגונסטן פון גאנצן לאנד. — — — פארשטייט זיך, אז א געמיינזאמער פּאָרט באַדייט א סתירה צו דער סוווערעניטעט. אבער די ביידע מדינות וועלן בויען א בשותפותדיגן פּאָרט נאָך א געגנזייטיגער פארשטענדיגונג».

לט.

די קעניגלעכע קאָמיסיע האט פעסטגעשטעלט דריי שטאנדפונקטן פאַרן טיילונגס־פּלאַן: פּראקטישקייט, טרייהייט צו די פארפליכטונגען, יושר לגבי די אידן און די אראבער. פון אָט די אלע דריי שטאנדפונקטן און פון יעדן איינעם באזונדער איז שווער צו בארעכטיגן דעם פּאָרשלאג פון דער קאמיסיע וועגן דעם נ ג ב.

דער גרויסער דרייעק, וואס שפרייט זיך אויס פון צפון ים המלח ביז דער אילת־בוכטע אין דרום און ביז דער מצרישער גרעניץביים מיטל־לענדישן ים אין מערב, — פארנעמט כמעט א העלפט פון גאנץ מערבדיג ארץ־ישראל. דער באר־שבע־קרייז אליין האט 12.577.000 דונאם. דערצו דארף מען צוגעבן דעם מזרחדיגן טייל פון חברונער, בית לחמער און ירושלימער קרייזן ווי אויך דרום יריחו, — דאס אלץ איז איצט א פוסטער מדבר אָן איינוואוינער. אויסער עטלעכע פּאָליצײ־פונקטן (אין חפיר, עסלוג, סווירה און אום־רשרש) און אויסער דער אלט־נייער שטאָט באר שבע, — איז אין דעמדאָזיגן גרויסן שטח נישט פאראן קיין איין קאָלאָניזאציע־פונקט. בלויז בעדואינישע שבטים וואנדערן ארום אין די נגב־סטעפּעס. אבער די איבערבלייבן פון די שטעט אין סבייטה (צפת), רחייבה (רחובות), חלדה, עבדה, מושרפה, חפירי כורנב, קוצומה, סווילה א. א. ווי אויך די טרעפּ־שפּורן אין די טאָלן און די פּאַרקאַן־ און צוים־סימנים פון די ווײַן־

און גרינס־גערטנער. — דאס אלץ זאגט עדות אז פארצייטנס האט דא געווואינט א דאָרפישע און שטאָטישע באפעלקערונג. און אז זי — די נגב־באפעלקערונג — האט זיך באשעפטיגט מיט תבואה־זייען, מיט פלאנצונגען און מיט מסחר.

עס איז קלאר, אז אויב דער נגב וועט זיך געפינען אין אראבישע הענט וועט ער פארבלייבן אזוי וויסט און פוסט ווי ער איז שוין הונדערטער יארן, און דערביי וועט ער נאך זיין א שווערע לאסט אויפן בודזשעט פון דער אראבישער מדינה. די איינציגע האפנונג אויף אויפלעבונג פאר דעם־דאזיגן מדבר איז — די פעאיגקייט, די ארבעט, דער קאַפּיטאל און די וויסנשאפטלעכע מיטלען פון די ערד־הונגעריגע אידן. אויב דער נגב האט, טראָץ דעם מאנגל אין רעגנס, וועלכע־עס־איז קאָלאָניזיר־מעגלעכקייטן, — זיינען בלויז די אידן מסוגל זיי צו אנטדעקן און פארווירקלעכן. אין דעמדאזיגן טייל ארץ־ישראל קען א אידישע קאָלאָניזאציע ווייניגער ווי אין יעדן אנדערן טייל וועמען עס איז שטערן, וואָרום דער נגב איז פאקטיש לחלוטין פריי, נישט באזעצט. און אויב אידן וועלן דא טאקע געפינען וואסער, — עפענען זיך גרויסע אויסזיכטן פאר א ברייטע קאָלאָניזאציע, וועלכע וועט זיין פּטור פון די אלע געוויינלעכע קאלאניזאציע־שוועריגקייטן אין ארץ־ישראל, אין צוזאמענהאנג מיט דעם פאראַנענעם נישט־אידישן ישוב.

די נגב־פראגע איז אויפגעהויבן געווארן אין דער פארלאמענט־דעבאטע: אין לאָרדן־הויז דורך לאָרד סטראבולגי (ארבעטס־פארטיי) און לאָרד מעלטשעט, און אין אונטערשטן הויז — דורך עמערי (קאנסערוואטיווער), דעם געוועזענעם קאָלאָניען־מיניסטער. עמערי האט פאָרגעלייגט אז דאס גאנצע דרומדיגע ארץ־ישראל, פון דער אנדער זייט ליניע יפו־ירושלים־יריחו, זאל פארבלייבן אונטער א בריטישן מאנדאט, און די אידישע עליה אין דעמדאזיגן שטח זאל רעגולירט ווערן לויטן פרינציפּ פון דער עקאנאמישער אויפנעם־קראפט. «און אויב די אידן וועלן דערווייזן, אז זיי זיינען בכוח צו אנטוויקלען דעם נגב — זאלן זיי עס טון נישט באקומענדיג אים איידער זיי וועלן עס באווייזן».

די רעדנער מצד דער רעגירונג, לארד סווינטאָן און לארד ווינטערטאָן, האבן אין זייער ענטפער פארשוויגן דידאזיגע פראגע.

מ.

דער סאמע שטויגענדיגסטער פונקט פונם פראיעקט פון דער מלוכה־קאמיסיע איז דאס אויסשליסן דעם דגניה־דרייעק פונם תחום פון דער אידישער מדינה. «אנהויבנדיג פון ראש הנקרה ציט זיך א ליניע (די גרעניץ פון דער אידישער מדינה) לויט דער איצטיגער צפון־מזרחדיגער גרעניץ פון ארץ־ישראל ביז דעם ים כנרת, זי האקט דורך דעם ים כנרת ביז דעם אויסגאנג פון ירדן, און פון דארט ציט זי זיך מיט דער ירדן־נידערונג ביז דעם צפונדיגן פונקט פון בית שאן».ביידע דגניה׳ס, בית זרע, אפיקים, דלהמיה, גשר, מסדה און עין הקורא, תל אור און די עלעקטריציטעט־

סטאַציע אויפן טייך ירמוק ווערן אויסגעשלאסן פון דער אידישער מדינה. דער שטח פון אָט דעם דרייעק איז 62.200 דונאַם. דערפון געפינען זיך 32.834 דונאַם שוין אין אידישע הענט. אויסער דעם דרומדיגן דרייעק, וואס ליגט צווישן כנרת, ירדן און ירמוק, געהערט נאך צום דאזיגן שטח א לאַנגער און שמאָלער פּאַס, לענגאויס דעם מזרח־ברעג פון כנרת, צוויי קילאמעטער די ברייט. די גרעניץ וואס די קאָמיסיע לייגט פאָר איז לכתחילה פאָרגעלייגט געווארן אינם סיקס־פּיקו־אָפּמאַך, בעת דער איינטיילונג צווישן ענגלאנד און פראנקרייך, אבער די פראנצויזישע רעגירונג האט דערנאך מסכים געווען אויף אַן ענדערונג און מען האט איבערגערוקט די גרעניץ־ליניע מער צו מזרח־זייט, ווייל מען האט איינגעפונען, אז מען דארף דעם גאנצן ים כנרת איבערלאזן אינם תחום פון בריטישן מאנדאט און פון דער אידישער נאציאָנאלער היים. עס איז דעריבער אומדערלאָזבאַר, אז די גרעניץ, וועלכע איז בשעתה פעסטגעשטעלט געווארן לטובת דער נאציא־נאלער היים, זאל איצט נישט בלייבן די גרעניץ פון דער אידישער מדינה.

מא.

אויך דער פאָרשלאג פון דער קאמיסיע וועגן צעשניידן דעם בית־שאנער קרייז און ציען די דרומדיגע גרעניץ פון דער אידישער מדינה צו צפון זייט פון דער שטאָט בית־שאן איז נישט אויסגעהאלטן פונם דרייפאַכן שטאַנדפונקט, וועלכן זי האט פעסטגעשטעלט. בית־שאנער ערד איז רעגי־רונגס־באָדן, וואס דער מאנדאט האט בפירוש פאַרפליכטעט אים איבערצו־געבן אין רשות פון א קאָמפּאַקטער אידישער קאָלאָניזאציע.

לואיס פרענטש שרייבט אין זיין באריכט דאָס פאָלגנדע וועגן די בית־שאנער באָדנס:

«...זיי זיינען באזעצט דורך פעלאַכן, וועלכע לעבן אין ליימענע און ערדענע הייזקעס און ליידן שווער פון מאַלאַריע. זייער גייסטיגער ניווא איז אזוי נידעריג אז זיי זיינען נישט מסוגל אויפצונעמען קיין שום געדאנק וועגן פארבעסערן די וואוין־באַדינגונגען, די וואסער־פאַרזאָרגונג אדער די דערציאונג פון זייערע קינדער. ברייטע שטחים פון זייער ערד זיינען געווען פארוואָרלאזט און באדעקט מיט שלעכטע גראָזן. ס'איז נישט געווען צו זען קיין איין בוים, קיין שום גרינס. די פעלאכן זיינען שטענדיג גרייט געווען צונעמען אונטער זייער שוץ גנבים פון בהמות און אנדערע פארברעכער, אויב זיי זיינען נאָר זעלבסט נישט געווען קיין גנבים פון בהמות. די באארבעטע באָדן־שטיקער — אויף וויפיל זיי זיינען שוין יאָ געווען באארבעט — פלעגן אריבערגיין מיַד ליַד יעדעס יאָר. עס איז כמעט לגמרי נישט געווען קיין עפנטלעכע זיכערהייט. דער גורל פונם פעלאַך איז געווען — גזילה און רויב, וואס ער איז אויסגעשטאנען מצד זיינע שכנים די בעדואינער».

דער ערשטער נציב העליון האט פונאנדערגעטיילט די בית־שאנער ערד צווישן פאַכטערס, בעדואינער, פעלאכן און רייכע עפענדיס. אפילו האָפּ־סימפּסאָן האט שארף קריטיקירט דידאזיגע פאראָרדנונג, וועלכע «האט צו־געגומען ביי דער רעגירונג די אויפזיכט איבער א גרויסן שטח פרוכטבארע ערד, וועלכע לאזט זיך זייער גוט לאנדווירטשאפטלעך אויסנוצן און פאר־מאָגט בשפעדיגע באוואסערונגס־מעגלעכקייטן — — — דאס דאזיגע פונאנ־דערטיילן די ערד האט דערפירט צו א גרויסער באדן־ספעקולאציע — — — אָט די מעשים פסלענען אלע טענות, וואס אויף זייער יסוד איז צושטאנדגע־קומען דער ערשטער אָפּמאך. דער אָפּמאך איז אויסן געווען צו געבן די אראבער ערד, וועלכע זאל זיי דערמעגלעכן צו הויבן זייער לעבנס־ניוואָ צו א געהעריגער הויך, און נישט כדי זיי זאלן קענען ספעקולירן מיט איר».

די איצטיגע קעניגלעכע קאמיסיע ציטירט די קריטיק פון האָפּ־סימפּ־סאָן און גיט צו פון זיך:

— — — «מיר שטימען איין מיט דערדאזיגער קריטיק פון סער דזשאָן האָפּ־סימפּסאָן» און ווייטער זאגט זי: «דער אריגינעלער אָפּמאך פון יאר 1921 איז געשלאסן געווארן אין איילעניש, אָן א געהעריגער מאטעריאל־פארשונג. מען האט פאַרזען די אנטוויקלונגס־מעגלעכקייט און מען איז זיך באגאנגען מיט אן איבערטריבענער גרויסמוטיגקייט לגבי די אראבער, וועלכע האבן נישט געקענט אויסנוצן דידאזיגע גרויסמוטיגקייט לטובת זיך, נישט זייענדיג באוואָרנט ווי געהעריג געגן מיסברויכן. ווען מען וואלט מיט יענעם שטח זיך געפירט לויט דערוועלבער ליניע ווי מען האט זיך געפירט לגבי דעם חולה־פלאן, וואלט דער מצב איצט אויסגעזען גאנץ אנדערש. אפילו היינט, אין דער שפעטער שעה, ווייזט אויס צו זיין נויט־ווענדיג, אז די רעגירונג זאל איבערנעמען אין איר רשות און זי זאל רעגולירן די רעכט אויף די וואסער־קוועלן פון דעמדאזיגן שטח, וואו עס איז מעגלעך א קאָמפּאַקטע קאָלאָניזאציע». (פונקט 133, קאפיטל ט').

אבער ווען די קאמיסיע האט זעלבסט געדארפט פאָרלייגן אן ענד־גילטיגע רעגולירונג האט זי פארגעסן איר שארפע קריטיק אויף די פריער־דיגע פאראָרדנונגען און זי האט איבערגעהזרט דעם שווערן פעלער פון 1921, — זי האט דעם דרומדיגן טייל פון בית־שאנער קרייז ארויסגענומען פונם תחום פון דער קאָמפּאַקטער קאָלאָניזאציע, פונם תחום פון דער אידישער מדינה. די ערד פון דרום בית־שאן איז רייך אין קוואלן און אין טיפגרונד־וואסער. איצטער געהערט די ערד צו אייגנטימער, וועלכע באוואוינען זי נישט און באארבעטן זי נישט. און ס'איז קלאר, אז נאר די אידן וועלן זי קענען אנטוויקלען. דער דרומדיגער שטח פון בית־שאן, וואס די קא־מיסיע האט אים ארויסגענומען פונם תחום פון דער אידישער מדינה, בא־טרעפט איבער הונדערט טויזנט דונאם. א טייל פון דעמדאזיגן שטח גע־פינט זיך שוין אין אידישע הענט, און די נייע קאָלאָניזאציע וועט זיכער נישט דורכלאזן אָט די געגנט, וועלכע האט גרויסע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן.

מב.

איך האב אויסגערעכנט אלע חסרונות, וואס געפינען זיך אינם קאָמיסיע־פאָרשלאג. די פארלאמענט־דעבאטע האט באוויזן, אז עס זיינען מעגלעך אויסבעסערונגען, אבער מיר קענען איצט נישט באהאנדלען קיין «אויסגעבעסערטן» פאָרשלאג ווייל ער איז נאָך נישט בנמצא. מען טאָר אויך נישט פאַרזען דעם פאקט, אז נישט די גאנצע פארלאמענט־דעבאטע איז געווען לטובת אונז. די פריינט פון די אראבער זיינען נישט ארויסגעטרעטן געגן דעם עצם געדאנק פון דער חלוקה, נאר זיי האבן שארף קריטיקירט די גרעניצן, וואס די קאמיסיע לייגט פאָר, ווייל זיי האלטן אז די אראבער ווערן דערביי באעוולט. זייער אָנגריף האט זיך קאנצענטרירט ספעציעל אין די פראגן פון גליל. זיי האבן באשטריטן דאס איבערגעבן אין רשות פון דער אידישער מאכט א גרויסן שטח אין עכוער און צפתער קרייזן, וועלכער איז באזעצט דורכאויס מיט אראבער. אויב עס וועלן פאָרקומען ענדערונגען אינם פאָרשלאג פון דער קאמיסיע, קען קיינער נישט ערב זיין, אז אלע ענדערונגען וועלן זיין לטובת אונז. די פריינט פון די אראבער פארלאנגען איבערצולאזן דער «אידישער מדינה» דאס וואס געפינט זיך שוין אין די אידישע הענט. דאגעגן האט די קאמיסיע אנערקענט — אין א באגרעניצטער און באַשרענקטער מאָס — די באדערפניש צו דערמעגלעכן אַן אנטוויקלונג פון אידישן ישוב און א ווייטערדיגע אויפנעמונג פון א נייער עליה אלס אנטשעדיגונג פארן מבטל מאכן די פארפליכטונגען און צוזאָגן, וואס זיינען געגעבן געווארן די אידן אויף די אלע אנדערע שטחים פון ארץ ישראל, וועלכע גייען איצט אריבער אין רשות פון דער אראבישער מדינה. קיינער פון אונז קען נישט זאגן מיט זיכערהייט אין וואס וועלן באשטיין די הנחות ביים אויסבעסערן אדער ענדערן דעם פאָרשלאג פון דער קאמיסיע.

מג.

מען דארף נישט באטראכטן דעם פאָרשלאג פון דער קאמיסיע פארגלייכנדיג אים מיט די «פאַליאַטיוון» וואס זי לייגט פאָר. דידאזיגע «פאַליאַטיוון» ווידערשפרעכן דער גרונד־כוונה פונם מאנדאט און פון דער באלפור־דעקלאראציע, כאטש די קאמיסיע לייגט זיי פאָר (אין פאל אויב די חלוקה וועט נישט צושטאנדקומען) אלס וועג צו דער מאנדאט־רעאליזירונג. דער קלארער זין פון די «פאַליאַטיוון» איז — אמת, די קאמיסיע זאגט עס נישט בפירוש — א גזירה, אז די אידן זאלן פארבלייבן אַן אייביגע מינדערהייט אין ארץ־ישראל. אַן עליה־מאקסימום פון צוועלף טויזנט מענטשן א יאר, דאס אויסשליסן דעם בערג־געביט און אנדערע שטחים פון די אידישע קאָלאָניזאציע־אויסזיכטן, — דאס באדייט: פאַרגליווערונג פון דער אידישער מינדערהייט. דער אראבישער נאטירלעכער צוּוואוקס, שוין אראָפּרעכענענדיג דעם אידישן נאטירלעכן צוּוואוקס, באטרעפט מער פון צוועלף טויזנט א יאר. דערביי איז די עליה פון צוועלף טויזנט, וואס די קאמיסיע

לייגט פאָר, א מאקסימום און נישט קיין מינימום. אויב די עקאנאמישע אויפנעם־קראפט וועט נישט דערגיין צום מאקסימום איז די רעגירונג נישט מחויב צו דערלויבן אַן עליה פון צוועלף טויזנט. אָט דער פאָרשלאג פאַר־אורטיילט אונז צו בלייבן אן אייביגע מינדערהייט. און דאס וועט זיין א מינדערהייט נישט אין קיין מאנדאט־מדינה נאר אין אן אראבישער מדינה. ס'איז אומפאָרשטעלבאַר, אז דער מאנדאט איז אַן אייביגע זאך. פריער אדער שפעטער מוז ארץ־ישראל באקומען זעלבסטשטענדיגקייט. און כל זמן דאס אידישע פאלק האט די רעכט און די מעגלעכקייט צו וואקסן אין ארץ־ישראל, קען מען נישט אויפבויען די פאָליטישע מאכט בלויז אויפן יסוד פון די איצטיגע באוואוינער פונם לאנד. אבער נאכדעם ווי מען סטאבילי־זירט דעם אידישן סטאַטוס אלס מינדערהייט, פאלט אָפּ דער יורידישער און מאָראלישער גרונד אָפּצוהאלטן דאס געבן זעלבסטשטענדיגקייט די באוואוינער פונם לאנד, און ארץ־ישראל ווערט דאן אַן אראבישע מדינה. א אידישע מינדערהייט אין א פאַלעסטיניש־אראבישער מדינה איז נישט קיין «נאציאנאלע היים» נאר א ביטערער און אכזריותדיגער שפּאָס מיטן גורל פון אידישן פאלק אין זיין איינציגער האפנונג. אבער נישט די מעלה וואס עס אנטהאלט די חלוקה לגבי דעם סטאטוס פון א מינדערהייט קען אונז באוועגן זי אנצונעמען. מיר דארפן גארנישט דערלאזן דעם געדאנק, אז אזא פאַראַט מצד ענגלאנד איז מעגלעך.

דער פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע — דער פרינציפּיעלער פאָרשלאג, נישט דער געגעבענער — דארף באהאנדלט ווערן פאַר זיך גופא. מען דארף אָפּוועגן די מעלות און די חסרונות, מען דארף אין דער באַ־האנדלונג אויסשעפּן אלע מעגלעכקייטן און אלע שוועריגקייטן, וואס עס האט אין זיך די פארווירקלעכונג פונם פאָרשלאג, — און דאן זיך קלאר מאכן צי די מעלות פון א אידישער מדינה, וואס איז באשרענקט אין שטח, וועגן נישט איבער דעם צושטאנד פון ענגלישער מאנדאט־הערשאפט איבער גאנץ מערבדיג ארץ־ישראל. אבער ווען מיר ווילן אנטקעגנשטעלן דעם פּלאן פון דער קאמיסיע געגן דער פאָרזעצונג פון דער מאנדאט־הערשאפט טאָר מען נישט נעמען אלס מאָסשטאב א «פארבעסערטע אויפלאגע» פונם מאנדאט, ווי זי שוועבט אין אונזער פאנטאזיע, נאר דעם מאנדאט אזוי ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט. מיר דארפן נעמען אלס געגנשטעלנוג נישט די פירושים וואס מיר וואָלטן געגעבן דעם מאנדאט ווען אונזערע פירושים וואלטן פארפליכטעט די מאנדאט־רעגירונג, נאר די פירושים וואס דידאזיגע רעגירונג זעלבסט גיט זיך אליין. אלס באַזע פאר פארגלייכונגען קען נאר דינען דער מאנדאט אזוי ווי ער ווערט פארווירקלעכט דורך ענגלאנד במשך די ביז איצטיגע זיבעצן יאר. פון דעם שטאנדפונקט האב איך קיין מורא נישט צו זאגן, אז דער קאמיסיע־פּלאן איז אין אלגעמיין בעסער פון דער מאנדאט־הערשאפט אויב עס וועלן נאר דערפילט ווערן צוויי באדינגונגען: אמתע סוווערעניטעט און די דורכפירונג פונם «טראַנספער».

מד.

די גרויסע זאך, וואס עס אנטהאלט אין זיך דער קאמיסיע־באריכט, די זאך וואס עס שטעלט אים אוועק לויט מיין מיינונג אין איין ריי מיט דער באלפור־דעקלאראציע — אויב נישט נאך העכער — איז די פּראָקלאַמירונג פון א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל. נאך צוויי טויזנט יאר פארשקלאַפונג, פרעמדקייט און אָפּהענגיגקייט לייגט אונז פאָר א גרויסמאכט וואס הערשט איבער ארץ־ישראל, מלוכהשע דערוואַכונג אין היימלאנד, פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט אין אונזער אייגן לאנד. מיר זיינען אָנגעלערנט פון אַנטוישונגען און מיר ווייסן אז דער וועג פון א פּאָרשלאג ביז פאַרווירקלעכונג איז נישט קיין קורצער און נישט תמיד קיין זיכערער. אויך די גרויסע האפנונגען, וועלכע עס האט דערוועקט מיט צוואנציג יאר צוריק די באלפור־דעקלאראציע — זיינען נישט פולשטענדיג מקוים געווארן. און מיר דארפן זיין אויפריכטיג לגבי זיך אליין: נישט אלע אנטוישונגען זיינען געקומען אויסשליסלעך פון דער מאנדאט־רעגירונג. דאס אידישע פאלק גופא האט זיך נישט אָפּגערופן אין דער פולער מאס אויף דער גרויסער היסטארישער געלעגנהייט, וואס איז אונז געגעבן געווארן, און עס האט נישט אויסגענוצט אלע מעגלעכקייטן, וואס האבן זיך פאר אונז געעפנט. אויב מיר זיינען איצט אין ארץ־ישראל בלויז פיר הונדערט טויזנט מענטשן, און אונזער באדן־פארמעגן באטרעפט נישט מער ווי איין און א פערטל מיליאן דונאם, — זיינען די סיבות דערצו נישט נאר די שטערונגען און באַגרעניצונגען מצד דער רעגירונג. אבער מיר האבן פונדעסטוועגן אויפגעטון גרויסע זאכן, אונזער ווערק איז שוין אפילו אין פרעמדע אויגן נישט מער קיין עקספּערימענט. די פּראָקלאַמירונג פון א אידישער מדינה איז א ניי און טייער בלאַט אין אונזער באפרייאונגס־בוך. די עצם פּראָקלאמירונג דערהויבט די ווירדע פון אידישן פאלק און שטארקט אונזער מאראלישע און פּאָליטישע פּאָזיציע אין ארץ־ישראל. די שאפונג פון דער אידישער מדינה גיט דעם אידישן פאלק א נייעם אינטערנאציאָנאלן סטאטוס און מאכט עס פאר א גלייכבארעכטיגטן מיטגליד אין דער משפחה פון פרייע און זעלבסטשטענדיגע פעלקער. מען דארף זיך דעריבער נישט וואונדערן אויף דער פרייד־כוואליע וואס האט א פלייץ געטון אינם טאג, ווען דער באריכט איז באקאנט געווארן דעם מזרח־אייראפעאישן אידנטום.

מה.

אונזער צוגאנג צו דער פראגע דאַרף זיין דער שטענדיגער ציוניסטישער צוגאנג. יעדע דערשיינונג אין אונזער לעבן און אין דער וועלט בכלל באטראכטן מיר פונם שטאנדפונקט פון ציוניסטישער פארווירקלעכונג — צי זי העלפט־מיט אדער זי שטערט דער רעאליזירונג פון ציוניסטישן אידעאל. איך געפין נישט נאך עפּעס וואס זאל אזוי פארשנעלערן די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם ווי די שאפונג פון א אידישער מדינה. א אידישע מדינה גיט אונז דעם שליסל צו דער עליה—דעם גאולה־שליסל. א אידישע

מדינה גיט איבער אין אונזער רשות געזעצגעבונג, די שוך־ענינים און די אויסן־באציאונגען. די מאנדאט־מאכט — אפילו די בעסטע — באטראכט די שאפונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים בלויז אלס א ײנ ע פון אירע אויפגאבן. מען דארף שוין זיין זייער נאאיוו כדי צו גלויבן, אז א פרעמדע אדמיניסטראציע, ווען אפילו די פריינטלעכסטע און געטרייסטע צום מאנדאט, וועט טון פאר אונז אונזער ארבעט. נישט בלויז די נישט־אידישע פארפליכטונגען פונם מאנדאט, נישט בלויז די עגאאיסטישע אינטערעסן פון דער מאנדאט־רעגירונג, — נאר אויך דער עצם פאקט וואס די מאנדאט־אדמיניסטראציע איז א פ ר ע מ ד ע דערמעגלעכט ניט קיין פלאנמעסיגע, סיסטעמאטישע און אויפריכטיגע ארבעט פאר דער שאפונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים. דער ווילן, די פארשטענדניש, די התמדה און די איבערגעגעבנקייט, וואס זיינען נויטיג כדי צו רעאליזירן דידאזיגע גרויסע און שווערע זאך, זיינען מעגלעך נאר ביי א אידישער רעגירונג.

די אידישע מדינה, וואס מען לייגט אונז איצט פאר,—ווען עס וועלן אפילו געמאכט ווערן די אלע פאר אונז נויטיגע און מעגלעכע אויסבעסע־רונגען, — איז נאך נישט דער ציוניסטישער אידעאל. אויף ז׳עם פארגעלייגטן שטח איז נישטא קיין מעגלעכקייט צו לעזן די אידן־פראגע, א ב ע ר די מ ד י נ ה ק ע ן ד י נ ע ן א ל ס א נ ט ש י י ד נ ד ע ר ע ט א פ א ו י פ ן ו ו ע ג צ ו ד ע ר פ א ר ו ו י ר ק ל ע כ ו נ ג פ ו ן ג ר ו י ס ־ צ י ו נ י ז ם. זי וועט שאפן אין ארץ־ישראל, אין דער סאמע קורצסטער צייט, יענעם רעאלן אידישן כוח, וואס וועט אונז דערפירן צו אונזער היסטארישן ציל.

מו.

די קאמיסיע זעלבסט האט נישט פארזען די קליינקייט פון שטח, וואס זי לייגט פאר דער אידישער מדינה, און דורך איר פארשלאג אריבערצו־פירן די אראבישע באפעלקערונג מחוץ פון דער אידישער מדינה — געצוו־וויליג אדער דורך צוואנג — ווערט געגעבן א מעגלעכקייט אויסצובריייטערן די אידישע קאלאניזאציע. אונזער לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט אין ארץ־ישראל האט באוויזן אז אויף באוואסערונגס־באדן — און די טאל־געביטן זיינען כמעט אלע באוואסערונגס־באדן — קען מען קאלאניזירן א אידישע משפחה אויף א שטח פון צוואנציג דונאם אנשטאט הונדערט דונאם, וואס זיינען נויטיג פאר אן אראבישער משפחה. אויב מיר זאלן אננעמען, אז צוויי מיליאן באוואסערונגס־פעאיגער באדן וועלן באפרייט ווערן פון זייער איצטיגן ישוב, הייסט עס, אז מיר וועלן קענען אויף דעם שטח קאלאניזירן אנשטאט צוואנציג טויזנט משפחות — מינדעסטנס הונדערט טויזנט. די קאמיסיע לייגט נישט פאר פ א ר ט ר י י ב ן די אראבער, זי לייגט פאר אריבערפירן זיי און ק א ל א נ י ז י ר ן אין דער אראבישער מדינה. דוכט זיך, אז איך דארף נישט אויפקלערן דעם טיפן און גרינדלעכן אונטערשייד צווישן פארטרייבונג און אריבערפירונג. אויך ביז איצט האבן מיר דורכ־געפירט אונזער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל אויפן וועג פון אריבערפירן

די באפעלקערונג פון איין פונקט אין אנדערן. דער פארטרייבונגס־בילבול,
וואס איז ארויסגעבראכט געווארן אין דער שאָ־קאמיסיע, איז גרינדלעך
אויסגעפּאָרשט געווארן דורך ענגלישע פאָרשער (פּרענטש און דער ריכטער
וועב) און איז אָפּגעלייקנט געווארן. עס איז דערוויזן געווארן, אז די
אראבער וועלכע האבן פארלאָזט די באָדנס, וואס מיר האבן דער־
וואָרבן, זיינען איינגעארדנט געווארן אויף אנדערע שטחים אדער אין
אנדערע פרנסה־צווייגן. בלויז אין געציילטע ערטער פון אונזער נייער
קאָלאָניזאציע האבן מיר נישט געמוזט אריבערפירן ערגעץ אנדערש
די פריערדיגע איינוואוינער. מערסטנס איז די אריבערפירונג פאָרגעקומען
דורך א פרייען הסכם מיט די פּאַכטערס, און בלויז אין ווייניג פאלן איז
נויטיג געווען א צוואנגס־אריבערפירונג. די אריבערפירונג ביז איצט איז
געמאכט געווארן אין די תחומים פונם מאנדאט־געביט. דער אריבערפירונגס־
פארשלאג פון דער מלוכה־קאמיסיע שיידט זיך אונטער פון דער ביזאיצטי־
גער פראקטיק הויפּטזעכלעך דערמיט, וואס די נייע אריבערפירונג וועט
דארפן געמאכט ווערן אין א סך א גרעסערן מאסשטאַב. און — פון אידישן
שטח אין אראבישן שטח. אויב מען מעג אריבערפירן אראבער פון איין
דאָרף אין אַן אַנדערס אינם תחום פון בריטישן מאנדאט, — איז שווער
אויסצוגעפינען עפּעס א פּאָליטישן אדער א מאראלישן ארגומענט געגן אריבער־
פירן דיזעלבע אראבער פון א שטח, וואס געפינט זיך אונטער אידישער
הערשאפט, אין א שטח, וואס וועט זיך געפינען אונטער אראבישער הער־
שאפט. מיר וואָלטן נישט געקענט מסכים זיין צו דער אריבערפירונג —
אפילו ווען עס וואָלטן זי פארגעלייגט און דורכגעפירט ענגלענדער —
ווען זי וואלט געווען פארבונדן מיט פ אַ ר ט ר י י ב ו נ ג. דאס הייסט מיט
צעשטערונג פון דער עקאנאמישער עקזיסטענץ פון די אריבערגעפירטע.
אבער ביי דער סאמע גרעסטער פרומקייט און מאקסימאלסטער מאראלישער
אָפּגעהיטקייט קען מען נישט זיין געגן אן אריבערפירונג, וואס פארזיכערט
די אריבערגעפירטע סיי גענוגנדע מאטעריעלע מיטלען און סיי מאַקסימאלע
נאציאָנאלע זיכערקייט, צו וואס עס פארפליכטעט דאך דער אריבערפירונגס־
פאָרשלאג פון דער קאמיסיע. די אראבער וואס וועלן קאָלאָניזירט ווערן
אין דער אראבישער מדינה וועלן באקומען דורכדעם א פולע און גאנצע
באפרידיגונג פון זייערע נאציאָנאלע שטרעבונגען, און אויב דאס וועט זיי
נאך פאַרזיכערן מאַטעריעלע עקזיסטענץ־מיטלען, נישט ערגער פון די וואס
זיי האבן געהאט אויף זייערע פריערדיגע פלעצער, — און דאס איז דאך
א פאָרבאַדינג פאַר דער אריבערפירונג, — הייסט עס, אז אויך פון מענטש־
לעכן און עקאנאמישן שטאנדפונקט קען מען נישט איינזען אין דער
אריבערפירונג קיין שום שעדיגונג פונם מצב און פון די רעכט פון די
אריבערגעפירטע אראבער. און — איז דען נויטיג אויפצווייזן, וואס פאַר
א באדייטונג עס וועט האבן א קאָמפּאַקטער אידישער ישוב אין די טאָלן
פון ים־ברעג, פון יזרעאל, פון ירדן און פון דער חולָה?

מז.

דער שטח, וואס די קאמיסיע לייגט אים פאָר פאַר דער אידישער מדינה מאכט אויס ווייניגער ווי א פינפטל פון מערבדיג ארץ־ישראל. לויט די שאצונגען פון דער רעגירונג זיינען בלויז ארום 7.120.500 דונאם אדער — 52% פון לאנד (א חוץ דעם נגב) באַארבעטונגס־פעאיג. מיר האבן די שאצונג נישט אָנגענומען און װעלן זי נישט אָננעמען. אמת, די קאמיסיע האט אויך נישט אָנגענומען אונזערע באווייזן, אז ערד וואס איז לויט דער מיינונג פון דער רעגירונג לחלוטין אומפּרוכטבאַר איז אין א סך פאלן באארבעטונגס־פעאיג, אבער אין די פראגן פון די מעגלעכקייטן, וואס ארץ־ישראל פארמאָגט, איז די קאמיסיע פאַר אונז נישט קיין אויטאָריטעט. אונזער לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט האט שוין דערוויזן, אז א סך באדנס, וועלכע זיינען לויט דער מיינונג פון ספעציאליסטן געווען פארעכנט אלס אומפּרוכטבארע און אייביג־וויסטע, זיינען דורך אונז פארוואנדלט געווארן אין פרוכטבארע און בליענדע. אפילו האָפּ־סימפּסאן האט עס דערמאנט אין זיין באריכט. אלס ביישפּיל קענען דינען מוצא און קרית־ענבים. די ספּעציאַ־ליסטן האבן געזען פאַר זיך בלויז די ערד און אירע אייגנשאפטן, אבער דאס אליין איז נאך נישט דער אנטשיידנדער פאַקטאָר. די ספעציאליסטן האבן נישט געזען און נישט פארשטאנען די שאפונגס־פּאָטענץ וואס שטעקט אינם אידישן ארבעטנדן מענטש און דעם דרוק פון נויט, וואס צווינגט אים אויפצולעבן וויסטענישן. דעריבער דארף מען מיינען, אז די פיר פינפטל, וואס דער קאמיסיע־פּלאַן שליסט אויס פון אידישן קאָלאָניזאציע־שטח, זיינען נישט אומקאָלאָניזירבאר, כאטש זיי באשטייען הויפטזאכלעך פון בערג און מדבריות. אבער ס׳איז נישט נויטיג גרינגצושאצן די יהודה־ און שומרון־בערג אדער די באדייטונג פונם נגב, כדי צו פארשטיין, אז דער אונז־פּאָרגעלייגטער שטח דארף געמאסטן ווערן נישט בלויז לויט זיין צאל דונאמס, נאר אויך לויט זיין פּאָטענציעלער און ממשותדיגער פרוכטבארקייט. אין אראבישע הענט איז דער חולה־טאָל געווען א וויסטער, פארשאָלטענער שטח, א מקור פון קדחת. אין אידישע הענט קען ער ווערן א געדיכט־באוואוינטער און פרוכטבארער שטח, וואס האט צו זיך קיין סך גלייכע נישט אין ארץ־ישראל. איין דונאם באוואסערונגס־באדן באשטייט לויט זיין פרוכטבארקייט געגן צען דונאם נישט־באוואסערטן באדן, און מען קען נישט פארגלייכן טאָל־ערד צו בארג־ערד. נישט אלע טאָלן פון ארץ־ישראל ווערן פארגעלייגט אין קאמיסיע־פּלאן פאר דער אידישער מדינה, אבער מען טאָר נישט פאַרזען דעם פאקט, אז די מערסטע טאָלן וועלן זיך געפינען אין תחום פון דער אידישער מדינה. און דער חשבון וועט נישט זיין קיין ריכטיגער אויב מיר וועלן מעסטן דעם שטח בלויז קוואַנטיטאַטיוו און נישט אויך קוואַליטאַטיוו.

מח.

ווי וויכטיג עס איז די באדייטונג פון די טאָלן פון קאָלאָניזאציע־שטאנדפּונקט אזוי איז וויכטיג די באדייטונג פון גליל פון פּאָליטישן שטאנד־

פונקט. אלס איינע פון די גרונד־מעלות אינם פראָיעקט פון דער מלוכה־קאמיסיע באטראכט איך דאס באשטימען די צפון־גרעניץ ביים לבנון. אויסער דעם היסטארישן ווערט פון די גליל־בערג און זייער פראַקטישער באדייטונג פאַר דער נאציאָנאלער געזונטהייט קען די שכנות פון לבנון דינען אלס שטארקער פאָליטישער אָנלען פאר דער אידישער מדינה. דער לבנון איז דער נאטירלעכער פארבינדעטער פון אידישן ארץ־ישראל. דער גורל פון קריסטלעכן פאלק אין לבנון איז ענלעך צום גורל פון אידישן פאלק אין ארץ־ישראל מיט דעם אונטערשיד, וואס די לבנונער קריסטן האבן נישט די מעגלעכקייט צו וואקסן דורך אן עליה פונדרויסן. אויך דער לבנון איז ארומגערינגלט מיט אן אראביש־מוסולמענישן ים, און אויך ער בילדעט א מער־ווייניגער פראָגרעסיוון אינזל צווישן די ארומיגע פרימיטיווע און מדבר־דיגע באפעלקערונגען. דער לבנון נויטיגט זיך אין אונזער פריינטשאפט און שטיצע נישט ווייניגער ווי מיר נויטיגן זיך אין זיין הילף. נישט אלע איינ־וואוינער פון לבנון זיינען קריסטן, און נישט אלע קריסטן דארט געהערן צו איין עדה; די ערשנדע עדה, — די מאַראָניטן, — איז אין דער מינדערהייט און אָן אידישער שכנות האט זי נישט פאַר זיך קיין זעלבסטשטענדיגע צו־קונפט. א אידישע מדינה אין ארץ־ישראל וועט אַדאַנק איר כוח און אירע מעגלעכקייטן באקומען די פריינטשאפט פון אלע אירע אראבישע שכנים, אבער דאס וועט נישט געשען אין איין טאג. די שכנות פון לבנון פאַר־זיכערט דער אידישער מדינה א געטרייען פאַרבינדעטן באלד פון ערשטן טאג פון איר שאפונג. און עס איז נישט אויסגעשלאסן, אז אין דער צפון זייט פון אונזער גרעניץ, אין דרום־טייל פון לבנון וואס גרעניצט מיט דער אידישער מדינה, וועלן מיר באקומען די ערשטע מעגלעכקייט פאר אונזער אויסשפרייטונג דורך אן אבסאלוטן הסכם און גוטן ווילן מצד אונזערע שכנים, וועלכע נויטיגן זיך אין אונז.

מט.

און אפשר דאס סאמע גרעסטע אינם פראָיעקט פון דער קאמיסיע איז — דער ים־ברעג. לויט דעמדאזיגן פראָיעקט באקומען מיר דריי פערטל פונם ארץ־ישראל־ברעג ביים מיטללענדישן ים. עמיצער פון די חברים האט געזאגט, אז דער ים איז נישט בלויז קיין פאָזיטיווער געווינס נאר ער איז אויך א געלעגנהייט פאר צרות. יעדער געווינס פארשאפט דאגות. נאך מער צרות ווי עס קען געבן דער ים, קען געבן די יבשה. א מדינה איז א געלעגנהייט פאר צרות. א היימלאנד איז א געלעגנהייט פאר צרות. «וואויל איז א יתום» — און צוויי טויזנט יאר האבן מיר געליטן פון דערדאזיגער «וואוילקייט». ווער עס האט גארנישט — קען גארנישט פארלירן. יעדער אויפטו אונזערער אין ארץ־ישראל איז פארבונדן מיט דאגות און צרות און מאטערנישן. — צי זיינען נישט פאראן קיין סכנות אין אונזער הסתדרות העובדים? וועט דען עמיצער פון אונז צוליב דעם פסלענען אט דעם גרויסן און מעכטיגן אויפטו? אוודאי זיינען מעגלעך סכנות פונם ים אבער עס

איז נישטא קיין פאָלק וואס זאל זיך נישט מוסר נפש זיין צוליבן ים אויב עס באזיצט אים, אדער עס זאל נישט מקריב זיין די גרעסטע קרבנות כדי אים צו דעראָבערן. אויב אונזער לאנד פארמאָגט א גרויסע און גע־בענטשטע גאטס מתנה, — איז עס דער ים. אונזער ווירטשאפטלעכע צוקונפט אין ארץ־ישראל וועט זיך בויען אויף דריי יסודות: לאנדווירטשאפט, אינדוסט־ריע, און — ים. און איך ווייס נאך נישט ציַ צווישן אָט די דריי יסודות וועט דער ים נישט זיין דער וויכטיגסטער. א קליינע שפאַרע, וואס האט זיך בעת די געשעענישן געעפנט פאר אונז צום ים אין תל־אביב, האט אויפגעשטורעמט דעם אידישן ישוב און אים בארייכערט. קיין שום אנדער דערגרייכונג אין דער געשיכטע פונם ישוב האט ביי אונז נישט ארויס־גערופן אזוי פיל התלהבות און ליבע ווי דער קליינער און צייטווייליגער תל־אביבער פאָרט. נישט בלויז די פאָרגעשלאָגענע אידישע מדינה איז קליין, גאנץ ארץ־ישראל איז קליין, און אויב מיר זוכן רחבות, וועלן מיר זי געפינען אינם ים. די נבואה אז ארץ־ישראל וועט זיך אויסשפרייטן, וועט מקוים ווערן אויב דער ים וועט זיין אונזערער. אלע רחבותן פון דער וועלט וועלן זיין אונזערע; אונזערע פערספעקטיוון און האָריזאנטן וועלן זיך אויסברייטערן ביז אלע וועלט־טיילן; אומאויפהערלעכע קוואלן פון לעבן און שאפונג און גבורה וועלן שטראָמען אין אונזער בלוט; א גרעניצלאָז פעלד פאר ארבעט און אויפטוען וועט זיך אנטפלעקן פאר אונזער צוקונפט, — יא, דאס אלץ וועט געשען ווען דער גרויסער ים וועט באהעפט ווערן צו דער יבשה פון אונזער מדינה. צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון אידישן פאלק ווערט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין א ים־פאלק. אָט־אָ די מעגלעכקייט וועגט־איבער, אין מיינע אויגן, אלע חסרונות און אומגערעכטיגקייטן, וואס געפינען זיך אין פראָיעקט פון דער אידישער מדינה. פונם ים זיינען מיר געווען נאך מער אָפגעריסן ווי פון דער ערד, ווייל אויך זיצנדיג אין אונזער היימלאנד איז דער ים־ברעג נישט געווען אין אונזער רשות. בלויז יפו איז דעראבערט געווארן אין די צייטן פון די חשמונאים. אבער פונקט אזוי ווי מיר האבן באוויזן זיך איינצוואָרצלען אויף דער ערד, נישט געקוקט אויף הונדערטער יארן שטאָט־לעבן, וועלן מיר אויך באווייזן זיך צו צעשפרייטן אויפן ים כאטש מיר האבן פון תמיד אָן געלעבט א יבשה־לעבן. דער קליינער אָנהויב אין תל־אביב דינט אלס ביישפיל דערצו. דאס גרויסע פאלק וואס באהערשט די כוואַליעס פון אלע אָקעאנען איז נאך מיט פירהונדערט יאר צוריק געווען איינגעשרענקט אויף דעם קליינעם בריטישן אינזל — און ערשט דער ארויסמארש צו די ים־ברייטקייטן האט געמאכט דעם ענגלישן שטאָט פאר דעם הערשנדן, צע־שפרייטן שטאָט, וואס געוועלטיגט אין אלע פינף טיילן פון דער וועלט. פאַר אונז וועט דער ים דינען אלס איינזאמלונגס־מיטל פאַר אונזערע גלותן, און אויך אלס בריק פאר די גלותן. די גרויסע צייט פון צור און צידון האלט ביים אומקערן זיך צו די ברעגן פון דער אידישער מדינה אין חיפה און אין תל־אביב.

ג.

אזא אידישע מדינה דערמעגלעכט אין דער נאָענטסטער תקופה — לאמיר זאגן, אין די קומענדיגע פופצן יאר — אַן עליה פון הונדערט טויזנט מענטשן א יאר. האבנדיג אין אונזערע הענט דעם שליסל פון דער עליה, די ארבעטס־ און אינדוסטריע־ און באדן־געזעצגעבונג וואס מיר וועלן אליין באשטימען, די צאָל־טאריפן וואס מיר וועלן שליסן; באזיצנדיג א אידיש מיליטער און א אידישע פאליציי, וועלכע וועלן זיין טריי דער זיכערהייט פון לאנד, און א אידישע באאמטנשאפט, וואס וועט באטראכטן די בויאונג פון דער מדינה אלס איר אייגענע עקזיסטענץ־אויפגאבע; באקומענדיג די אונטערשטיצונג פונם אידישן פאלק אין גאַר דער וועלט, וואס וועט זיין מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו דער אידישער מלוכה, — וועלן מיר פארווירקלעכן דאס וואס א פרעמדע אדמיניסטראציע האט נישט געוואלט און נישט געקענט פארווירקלעכן: די מאקסימאלע אנטוויקלונג פון די מעגלעכקייטן, וואס זיינען באהאלטן אין אונזער ארץ ישראל און די אריינברענגונג פונם מאקסימום אידן, וואס ארץ ישראל קען אויפנעמען. קיין איין שטיק ערד וועט נישט בלייבן נישט באארבעט, קיין איין וואסער־קוועלע וועט נישט פארנאכלעסיגט ווערן. א אידישע רעגירונג וועט נישט איבערלאזן קיין איין זומפּ, וואס זי זאל נישט אויסטריקענען, קיין איין זאמד־שטח, וואס זי וועט נישט פרוכטבאר מאכן, — עס וועט נישט פארבלייבן קיין איין נאקעטער בארג, וואס זאל נישט פארדעקט ווערן מיט בוימער. מיר וועלן מיט וויסנשאפטלעכע מיטלען, מיט א מלוכהשן פלאן, מיט חלוצישער ארבעט און נאציאָנאלער ארגאניזאציע־קראפט שאפן א אינטענסיווע אגרארישע ווירטשאפט, וועלכע וועט געשיצט און געשטיצט ווערן דורך דעם כוח פון דער מדינה און דורך דער הילפגרייטקייט פונם פאלק אין ארץ־ישראל. און זייענדיג זיכער אינם אינערלעכן אָפּזאץ־מארק און באזירנדיג אויף געגנזייטיגע באציאונגען מיט די אויסערלעכע מערק, וועט זי דינען אלס הויפּט־יסוד פאר דער נאציאָנאלער ווירטשאפט, וועלכע וועט געשאפן ווערן מיט מלוכה־מיטלען דורך דער איניציאטיוו פון א געמיינשאפט, וואס וועט מער נישט זיין אָפּהענגיג פונם גנאָד פון א פרעמדער אדמיניסטראציע. באפרייט ווערנדיג פונם מאנדאט, וועלכער שטערט דעם ארץ־ישראלדיגן האנדל, און האבנדיג א אידישע מאכט, וואס איר הויפּט זאָרג וועט זיין צו פארברייטערן די אויפנעם־פעאיגקייט און די ווירטשאפטלעכע קראפט פון לאנד, וועט זיך אנטוויקלען א אידישע אינדוסטריע מיט אומפּאָרויס־געזעענע וואוקס־מעגלעכקייטן, ווארום אלס הילפס־באזע וועט איר דינען איר באקוועמע געאגראפישע לאגע: צווישן דריי וועלט־טיילן און ביים ים־ברעג. דאס לאנד וועט שוין מער נישט זיין שוצלאז געגן דער פארפלייצונג פון ביליגער פראָדוקציע. די אידישע רעגירונג וועט שליסן האנדלס־אָפּמאכן מיט די שכנותדיגע לענדער, וועלכע באַזירן זיך און וועלן נאך א לאנגע צייט זיך באַזירן אויף דער לאנדווירטשאפט. א אידישער ים־פלאָט וועט פונאנדערפירן אין אלע וועלט־טיילן אידישע פראָדוקציע און וועט ברענגען קיין ארץ־ישראל די צענדליגער טויזנטער עולים און

טוריסטן, וואס וועלן אהין שטראמען פון אלע לענדער. קיין שום מאנדאט־מאכט, אפילו די סאמע בעסטע, וועט נישט אויפטון פאַר דער אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל וואס עס וועט אויפטון א אידישע רעגירונג. ביי דער מאנדאט־מאכט האט ארץ־ישראל אויפגענומען איבער זיבעציג טויזנט עולים אין איין יאר. דערביי איז נישט דאס גאנצע לאנד געקומען אין באטראכט: שכם און דזשענין, טול־כרם און רמלה, עזה און חברון האבן נישט אויפגענומען קיין איין פערזאן. אין די הרי אפרים און אין די נגב־סטעפעס האט זיך נישט קאָלאָניזירט קיין איין איד. די זיבעציג טויזנט עולים, וואס זיינען אויפגענומען געווארן אין יאר 1935, האבן זיך אלע באזעצט דורכאויס אין אידישן סעקטאָר, אויף א שטח פון א מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזנט דונאם. און די לאנדווירטשאפטלעכע און אינדוסטריעלע רעגירונגס־פאָליטיק איז דערביי נישט געווען איינגעשטעלט אויף א פארגרעסערונג פון דער עליה, — די רעגירונגס־אונטערנעמונגען זיינען כמעט געווען פארשלאסן פאר אידישער ארבעט, די הכנסות פונם רעגירונגס־אוצר האבן כמעט גארנישט געגעבן דעם אידישן ישוב, און יעדע נייע אידישע באדן־דערווערבונג און יעדער נייער אידישער אויפטו האבן זיך אָנגעשטויסן אויף געוואלדיגע שוועריגקייטן. פונדעסטוועגן האט דאס לאנד אויפגענומען צענדליגער טויזנטער עולים ווי נאר די טויערן האבן זיך געעפנט א ביסל ברייטער. וויפיל־זשע וועט אויפנעמען די אידישע מדינה ווי באלד איר גאנצע ענערגיע, אירע פעאיגקייטן, איר קראפט און מעגלעכקייטן וועלן זיין געווידמעט דער פארגרעסערונג פון דער עליה און איר איינארדנונג אין לאנד?

נא.

און וואס וועט זיין נאך די ערשטע פופצן יאר (אדער אן אנדער צאל יארן) ווען די פראָיעקטירטע קליינשטחדיגע מדינה וועט דערגרייכן דעם „זעטיגונגס־פונקט" פון איר באפעלקערונגס־גרויס? וואס פאר־א תשובה וועלן מיר דאן געבן די אידישע מאסן, וואס וועלן זיך רייסן אין דער אידישער מדינה אריין און זי וועט פאר זיי קיין אָרט נישט האבן?

א מענטש וואס וויל זיין ערלעך מיט זיך אליין וועט נישט זאגן קיין נביאות — וואס וועט זיין אין פופצן יאר ארום. ווער קען דען זאגן וואס וועט זיין מיטן פלאַן פון דער קעניגלעכער־קאמיסיע אין פופצן ט ע ג ארום? פאר דריי וואכן האט די ענגלישע רעגירונג פראָקלאמירט די גרינדונג פון א אידישער מדינה; ווער ווייסט וואס זי וועט פראָקלאַמירן אין דריי וואכן ארום? די פראגע — וואס וועט זיין אין פופצן יאר ארום איז א הארבע פראגע, וואס קיין שום ציוניסט טאר זי נישט פאַרזען. אבער אין איצטיגן מאמענט איז מעגלעך נאר איין תשובה: אין פופצן יאר ארום וועט אונזער מצב זיין בעסער, אויב אינצווישן וועט געשאפן ווערן א אידישע מדינה און אין איר וועלן זיך קאנצענטרירן צוויי מיליאָן אידן, ווי ער וועט זיין אויב עס זאל ווייטער בלייבן די מאנדאט־מאכט. די פופצן יאר וואס זיינען אדורך פון דער באַשטעטיגונג פונם מאנדאט ביז היינט האבן אונז געגעבן אן עליה פון זעכצן טויזנט מענטשן א יאר, דורכשניטלעך. צי קען די מאנדאט־מאכט געבן

אונז מער אין דער צוקונפט? אין דער ביזאיצטיגער מאנדאט־תקופה האבן מיר געהאט גוטע יארן און שלעכטע יארן. צייטן פון אומרוען און רואיגע צייטן, עליה־איינשרענקונגען און עליה־פארברייטערונגען, „גוטע" נציבים און „שלעכטע" נציבים. איך געהער נישט צו די, וואס באשולדיגן תמיד די ענגלישע אדמיניסטראציע און איך זע נישט בלויז די שלעכטע און שאטן־זייטן פון דער מאנדאט־הערשאפט. צווישן די ענגלישע באאמטע זיינען געווען און זיינען פאראן אָנשטענדיגע און פעאיגע מענטשן, און צווישן זיי זיינען פאראן אזעלכע וואס שאצן אָפּ ווי געהעריג אונזער ארבעט און באציען זיך צו איר מיט אכטונג. אבער די ענגלישע באאמטע, סיי די גוטע סיי די שלעכטע, זיינען אלע—ענגלענדער, און נישט—אידן. און מען קען נישט דערווארטן פון אן ענגלישן באאמטן, ער זאל טון זיין ארבעט אזוי ווי מיר וואָלטן געוואלט זי זאל געטון ווערן. אויב מיר זאלן אפילו האלטן, אז די „פּאַליאַטיוון"־גזירה וואס ווערט פארגעלייגט דורך דער קעניגלעכער־קאמיסיע — אין פאל ווען די חלוקה וועט נישט צושטאנדקומען — וועט אויף אונז נישט נגזר ווערן און עס וועט פארבלייבן דער סטאַטוס־קוואָ (דאס איז אבער זייער אן אָפּטימיסטישע סברה), איז נישטא קיין שום גרונד צו גלויבן, אז להבא וועט די מאנדאט־הערשאפט זיין בעסער לגבי אונז ווי ביז אהער. און עס פרעגט זיך די פראגע: צי וועלן אין פופצן יאר ארום אונזערע אויסזיכטן זיין גרעסער אויב אנשטאט צוויי מיליאָנען אידן וועלן דעמאלט זיין אין ארץ־ישראל בלויז אכט הונדערט טויזנט אידן, און אויב אנשטאט א אידישער מדינה און א אידיש מיליטער וועט נאך אלץ זיין אין לאנד א ענגלישע אדמיניסטראציע און א פּאַלעסטינישע פּאָליציי?

וואס עס וועט זיין אין ארץ־ישראל אין פופצן יאר ארום הענגט אָפּ דערפון וואס ס'וועט געשען אין לאנד במשך די פופצן יאר. אזוי ווי איך האלט נישט די פּראָיעקטירטע אידישע מדינה פאר דער ענדגילטיגער לעזונג פון דער אידן־פראגע, אזוי האַלט איך אויך נישט די טיילונג פאַר דער ענדגילטיגער לעזונג פון דער ארץ־ישראל פראגע. עס זיינען גערעכט יענע געגנער פון דער חלוקה, וואס טענהן, אז ארץ־ישראל קען מען נישט צעטיילן, ווייל עס איז איין איינהייט נישט בלויז פון היסטארישן נאר אויך פון נאטירלעכן און ווירטשאפטלעכן שטאנדפונקט. עבר הירדן איז אָפּגעריסן געווארן מיט פופצן יאר צוריק, צי זעט נישט איין איצט יעדער איינער, אז דער דאזיגער ריס איז פאר עבר הירדן געווען א גרעסער אומגליק ווי פאר מערב ארץ־ישראל? דא זעט מען — אנטוויקלונג, אויפשטייג, באַפעלקערונגס־וואוקס, נישט בלויז אידישער נאר אויך אראבישער, און דארטן — פארגליווערונג, פאַראָרימונג, נויט און א נישט־גרעסער־ווערנדיגער ישוב.

נב.

איך זע א צוקונפט פאַר אונז און פאַר ארץ־ישראל אין דער צוריק־אויפשטעלונג פון דער איינהייט און גאנצקייט פון די לענדער אלס רעזולטאַט פון א פרייער איינשטימונג און געגנזייטיגער לעבנס־באַדערפניש

פונם אידישן און פון אראבישן פאָלק. די אידישע מדינה וועט זיין אַ פאקטאָר — און אפשר דער פאקטאָר — פאר א אידיש־אראבישער פארשטענ־דיגונג, וואס איצט קען מען אפשר גאר נישט זען איר גאנצן פאַרנעם און מאַסשטאב. פארוואס איז די פארשטענדיגונג נישט פארגעקומען ביז איצט? צי דען ווייל מיר האבן נישט געוואָלט? מיר האבן אלע יאָרן, אין שלום־צייטן און אין מלחמה־צייטן, געשטרעבט צו א אידיש־אראבישער פארשטענדיגונג. פאַר די איצטיגע געשעענישן, ווען די אידישע עליה איז כסדר געוואקסן, ווען מיר האבן דערגרייכט די סאמע העכסטע מדרגה וואס איז מעגלעך ביים סטאַטוס־קוואָ־רעזשים, — האבן מיר געמאכט אומאויפ־הערלעכע באמיאונגען צו קומען צו א געגנזייטיגער פארשטענדיגונג און פארבינדונג. מיר האבן פאַרגעזעצט דידאזיגע באמיאונגען אויך בעת די אומרוען, און אונזער גאנצע מי איז געווען אומזיסט. פארוואס? גאַר פשוט: ווייל מיר זיינען שוואך, מיר זיינען ווייניג. די אראבער געפינען נישט — אדער עס דוכט זיך זיי, אז זיי געפינען נישט — קיין פראקטישן מאָטיוו, וואס זאָל זיי צווינגען צו א פארשטענדיגונג מיט אונז, וועלכע זאל דערמעגלעכן אונזער וואוקס אין ארץ־ישראל. זיי טענהן, — און די טענה האט א רעאלן יסוד, — אז דאָס איז אן אראביש לאנד, און זיי ווילן נישט און קענען נישט דערלאזן, עס זאל פארוואנדלט ווערן אין א אידיש לאנד, אפילו אין א אידיש־אראביש לאנד. זיי האבן נישט די איבערצייגונג, אז אונזער וואוקס אין ארץ־ישראל איז א היסטאָרישע גזירה, א גזירה פון גורל. אזא איבערצייגונג קען זיין נאָר צווישן אידן. די אראבער באטראכטן דעם ענין «נאציאָנאלע היים» נאר אלס ענגלישע, געמיינע אינטריגע, וועלכע רויבט צו ביי די אראבער זייער לאנד, און זיי דארפן באקעמפן דידאזיגע אינטריגע און שטערן איר פאר־ווירקלעכונג. זיי וויסן אז יעדער פרווו זייערער צו שטערן — אויב ער געלינגט אפילו נישט הונדערט פראָצענטיג — האלט אָפּ די רעאליזירונג פון דער נאציאָנאלער היים. די אידישע עליה איז אין די צוויי יאר פארקלענערט געווארן אָן קיין שום פאָליטישע גזירות. נאך איידער די רעגירונג האט אין איר לעצטן ווייס־בוך פעסטגעשטעלט דעם פאָליטישן מאקסימום פון 8000 אויף די קומענדיגע אכט חדשים. איינע פון די גרויסע פאָזיטיווע זאכן פון דער אידישער מדינה איז — דאס שאפן די רעאלע באדינגונגען פאר דער מעגלעכקייט פון א אידיש־אראבישער פארשטענדיגונג. ווען די עקזיסטענץ פון א גרויסן אידישן כוח אין ארץ־ישראל — סיי צאָלמעסיג, סיי ווירטשאפטלעך און סיי מלוכהש — וועט זיין א פאקט, וועלן די אראבער שוין האבן א פראַקטישן מאָטיוו מיט אים זיך צו פארשטענ־דיגן. מיט צוויי מיליאן אידן, וואס וועלן פארמאגן אן אנטוויקלטע ווירטשאפט, אן ארגאניזירט מיליטער, א הערשאפט אויפן ים, א מלוכהשן כוח, — וועט לוינען די אראבער צו רעגולירן די געגנזייטיגע באציאונ־גען און שליסן א בונד. צו אזא אידישן כוח וועלן די אראבער מוזן אנקומען נישט ווייניגער ווי די אידן צו זיי. די אידישע מדינה וועט שאפן דעם פאָליטישן פאַקט, מיט וועלכן די אראבער וועלן זיך מוזן רעכענען. און

די חלוקה, וועלכע איז איצט געווארן נויטווענדיג צוליב דעם אראבישן קאמף געגן ציוניזם, וועט בטל ווערן דורכן פרייען ווילן פון די אראבער, — ווען דער ציוניזם וועט, אדאנק אָט דער חלוקה — האבן דורכגעמאכט אן אנטשיידנדן עטאַפּ אין זיין פארווירקלעכונג.

נג.

איך וויל ענדיגן מיט עטלעכע ווערטער וועגן דער אויפגאבע פונם קאנגרעס. דער איצטיגער קאנגרעס וועט נאך נישט קענען ארויסזאגן א «יא» אדער א «ניין» וועגן חלוקה־פלאן. נאך דעם באשלוס פון ענגלישן פארלאמענט איז נישט נויטיג און נישט מעגלעך צו באהאנדלען דעם עצם־פּלאן, ווארום דער פּארלאמענט האט נישט אנגענומען און נישט באשטע־טיגט דעם פּאָרשלאג פון דער מלוכה־קאמיסיע, נאר ער האט באפולמעכ־טיגט די רעגירונג, — זי זאל, נאכן באקומען קאָמפּעטענץ־רעכט פון פעלקער־בונד, אים צושטעלן א באשטימטן טיילונגס־פראָיעקט, וועלכער וועט דארפן באשטעטיגט ווערן דורכן פּארלאמענט. דער קאנגרעס דארף מיט דער גאנצער שארפקייט זיך ארויסזאגן געגן דעם צווייטן טייל פון קאמי־סיע־באריכט, וואס שטעלט פעסט אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר און וואס לייגט פּאָר פּאַליאַטיוון, וועלכע זיינען סותר אלע צוזאגן און פארפליכטונגען פון ענגלאנד און פון פעלקער־בונד לגבי דעם אידישן פּאָלק. דער קאנגרעס דארף ווידער פּראָקלאמירן זיין גרייטקייט צו א פארשטענ־דיגונג מיטן אראבישן פאלק, און גלייכצייטיג דארף ער אויסדריקן זיין שארפן פּראָטעסט געגן די «שלום»־פארשלאגן פון לאָרד סעמועל, וועלכע באדייטן אייגנטלעך א סוף צו די האפנונגען פון אידישן פאלק. דער קאנגרעס דארף נאכאמאל פּראָקלאמירן די באדייטונג פון ארץ־ישראל פארן אידישן פאלק, — פון גאנצן, איינהייטלעכן ארץ־ישראל אין די נאטירלעכע און היסטארישע גרעניצן. און די הויפּט־זאך — דער קאנגרעס דארף באפול־מעכטיגן די נייע עקזעקוטיווע, זי זאל פארהאנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג, וועגן א פארבעסערטן פלאן פאר דער שאפונג פון א אידישער מדינה.

אין איצטיגן מאמענט ווערט דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע באהאנדלט דורך דער מאנדאטן־קאמיסיע פון פעלקער בונד. אין אָנהויב סעפּטעמבער וועט פארקומען א זיצונג פונם ראט פון פעלקער בונד. נאכ־דעם ווי די צוויי אינסטאנצן וועלן אָננעמען זייערע באשלוסן, וועט מען קענען פארהאנדלען מיט דער רעגירונג מכוח די גרעניצן, שטח, קאָמפּע־טענץ־פראגן, סוווערעניטעט, טראנספער און צייטווייליגע מאנדאטן. און ערשט דאן ווען מיר וועלן האבן פאר זיך א באשטימטן און קלארן פלאן, וועלן מיר אננעמען אן ענדגילטיגן באשלוס. ביז דאן זאגן מיר זיך נישט אָפּ פונם מאנדאט. דערווייל איז עס דער איינציגער אָנלען פאר אונזער רעכט. ערשט ווען ענגלאנד וועט זיך פארפליכטן, מיט דער באשטעטיגונג פון פעלקער בונד, צו רעאליזירן א פלאן פון א אידישער מדינה, וואס וועט פאר אונז זיין גינסטיג און צו וועלכן מיר וועלן מסכים זיין, — וועלן מיר קענען באפרייען ענגלאנד פון מאנדאט.

פערטע זיצונג

פרייטאג, דעם 30 יולי 1937, פארמיטאג

אנהויב פון דער פאליטישער דעבאטע.

(רעדע פון א. קאפלאן)

נאך א ויכוח איבער דער טאג־ארדנונג, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליגט: ב. לאקער, י. באנקאווער, א. רייס, ד. בן־גוריון, י. מערעמינסקי, איז באשלאסן געווארן אנצוהויבן די פאליטישע דעבאטע.

אליעזר קאַפּלאַן

די פּאָליטישע פראַגע פון עקאָנאָמיש־קאָלאָניזאַטאָרישן שטאַנדפּונקט

די טערמינען אידישע מדינה און סוּווערעניטעט דערוועקן נייע געפילן ביי אלעמען, און איך וועל זיין דער לעצטער נישט צו דערשאצן עס סיי פונם שטאנדפונקט פון שיצן אונזערע אינטערעסן אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ און סיי פונם שטאנדפונקט פון קאמף פאר דער אידישער ווירדע, וועלכע איז אזוי דערנידעריגט געוואָרן זייט היטלער איז געקומען צו דער מאכט. דאס אידישע פאלק נויטיגט זיך איצט אין אויפמונטערונג. גלייכצייטיג זיינען פאר מיר קלאר די גוואלדיגע שוועריגקייטן און סכנות, וואס זיינען פארבונדן מיט דער שאפונג פון א קליינער מדינה, אויב זי וועט נישט זיין קיין האָמאָגענישע. דער יאָך פון עפנטלעכער שוץ וועט איינגאנצן פאלן אויף אונז, און דאס קען שלעכט ווירקן אויף דער אנטוויקלונג פון אונזער עקאָנאמישן און סאָציאלן לעבן. מיר האבן שוין געזען אזוינס אין אנדערע לענדער. אבער נישט דאס איז, לויט מיין מיינונג, דער הויפּט־קריטעריום, וואס דארף באשטימען אונזער שטעלונג צום ענין. אויך אין די פּאָליטישע באהאנדלונגען איז די עיקר־פראגע — דער אויפבוי־טעמפּאָ.

מיר דארפן פעסטשטעלן אין וואס פאר־אַ מאָס קען אזא אדער אנדערע לעזונג פארגרעסערן אדער פארקלענערן אונזערע עליה־ און קאלאניזאציע־מעגלעכקייטן. איך רעד נישט וועגן דער ווייטער צוקונפט, מיך אינטערעסירן די נאָענטע 5—10 יאר. די אנטוויקלונג פון פעלקער און לענדער איז אָפּהענגיג פון דער כוחות־פארהעלטניש צווישן די זיך ראנגלענדע צדדים. גרעניצן ווערן באשטימט און געענדערט אלס רעזולטאט פון כוחות־פארהעלטנישן און נישט פון אָפּמאכן און דעקלאראציעס. די נאענטסטע יארן וועלן אנט־

שיידן דעם גורל פון ארץ־ישראל און פון גאנצן נאענטן מזרח. די פראגע, וואס שטייט פאַר אונז איצט, באמת, איז — וויאַזוי זאָלן מיר קענען שאפן אין דער נאענטסטער תקופה א פעסטע באַזע, וועלכע זאל אונז דינען אלס אויסגאנגס־פונקט פאר אונזער ווייטערדיגן וואוקס.

דער טיילונגס־פאָרשלאג איז געקומען אלס תשובה אויף אונזער געגנערשאפט צו דער קאָנטאָניזאַציע, וועלכע דערשטיקט, לויט אונזער מיינונג, די אויפבוי־ און אנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

דריי מעגלעכקייטן

לאָגיש גענומען — עקזיסטירן דריי מעגלעכקייטן. צוויי מעגלעכקייטן זיינען אָנגעוויזן אין באריכט פון דער קאָמיסיע: דער חלוקה־פראָיעקט און דער פּאַליאַטיוון־פאָרשלאג, די דריטע מעגלעכקייט איז קעמפן פארן מאנדאט און פאַר דער רעאַליזירונג פון זיינע פונקטן, ד. ה. פארן אומקערן זיך צו דער לאגע פון פאַר די געשעענישן. איך מיין נישט, אז עמיצער פון די אנוועזנדע האלט, אז דורך אונזער פּאָליטישן קאמף ביי די געגעבענע באַ־דינגונגען וועלן מיר קענען באווירקן די ענגלענדער, זיי זאלן ראַדיקאל ענדערן דעם אופן פון רעאליזירן דעם מאנדאט און מאכן עס אנדערש ווי ביז איצט, און זיי זאלן זיין מער־געטריי ווי ביז איצט דעם גייסט פון מאנדאט, ווי מיר ציוניסטן פאַרשטייען אים. צוליב דעם טעם האלט איך אלס דריטע מעגלעכקייט דאס צוריק ארויספירן די ציג, וואס די געשעענישן האבן זי אריינגעפירט, ד. ה. ווי געזאגט, — אומקערן זיך צום מצב פון פאר די געשעענישן.

אט די דריי מעגלעכקייטן וויל איך אַנאַליזירן פונם שטאנדפונקט פון אונזערע עליה־ און קאָלאָניזאציע־אינטערעסן.

די געפארן פון סטאטוס קוואָ

איך נעם אלס ערשטע די אָפּטימיסטישע מעגלעכקייט, אז עס וועט אונז געלינגען מבטל צו מאכן די באגרעניצונגען, וואס די קאמיסיע לייגט פאָר, און זיך אומקערן צום סטאַטוס־קוואָ. קודם כל געפין איך פאר נויטיג צו דערמאָנען די חברים, אז די קאמיסיע האט בלויז פארשארפט עטלעכע באגרעניצונגס־פאָרשלאגן, זי האט זיי אבער נישט דערפונדן למען השלום מיט די אראבער האט די רעגירונג נאך פריער געהאט בדעה: צו באגרעניצן די עליה, באזונדערס, פון די קאַטעגאָריעס, וועלכע געפינען זיך נישט אונטער איר דירעקטער אויפזיכט, ווי קאַפּיטאליסטן און קרובים; שווערער מאכן דעם באָדן־קויף, — פאקטיש, נישט צו דערלאזן קיין שום באָדן־קויף אין גאנץ ארץ־ישראל אויסער דעם נגב, — דורך דער באשטימונג פון א באדן מינימום, וואס איז נויטיג פאר דער אויפהאלטונג פון א משפחה און וועלכן מען טאָר נישט פארקויפן; און — אפיציעל איבערצוגעבן די אראבער די העגע־מאָניע איבערן פּאָליטישן לעבן אין לאנד דורך דער שאפונג פונם לעגיסלאַטיוון ראט. א סך האבן עס אפשר שוין פארגעסן, אבער די גאנצע ערשטע העלפט פון יאר 1937 איז געווען געווידמעט א שארפן קאמף געגן דידאזיגע פאָרשלאגן.

עס זיינען געקומען די געשעענישן און האבן פארשארפט די פראגע.

די ענגלענדער און די אראבער זיינען געווען אייניג אין דער ריכטונג צו באגרעניצן דעם מאַסשטאב פון אונזער אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. ס'איז פאלש צו מיינען, אז אומקערן זיך צום פריערדיגן סטאַטוס־קוואָ הייסט: ווידער אן עליה פון 60.000 מענטשן א יאָר און פרייער באדן־קויף. צו דער לאגע פון 1935 וועלן מיר זיך נישט אומקערן אויב מיר וועלן נישט ענדערן די ארץ־ישראלדיגע אדמיניסטראציע. און די 17־יעריגע דערפארונג זאגט אונז, אז אזא ענדערונג איז אוממעגלעך. אדער אפשר וויל עמיצער פאַרלייגן, אז ענגלאנד זאל צוריקגעבן דעם מאנדאט? וועמען? — גלויבט דען עמיצער אין אזא מעגלעכקייט?

אומקערן זיך צום סטאַטוס־קוואָ הייסט, פאקטיש, — נייע באגרעניצונגען. אבער מיר זאלן אפילו אננעמען, אז קיין נייע גזירות וועלן נישט קומען, וועלן מיר אויך זיין אין א שווערער לאגע. די גאנצע צייט, וואָס די ענגלענדער הערשן אין ארץ־ישראל, איז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג געווען, אין בעסטן פאַל, — פאַסיוו לגבי די אידן און אקטיוו לגבי די אראבער. זי האט אונז טאָלערירט נישט העלפנדיג אונז. הילף האָט זי געגעבן די אראבער. כל זמן מיר זיינען געווען ווייניג, האבן מיר געקענט פארליידן אזא מצב, אבער אונזער שנעלער וואוקס אין ארץ־ישראל ווערט אלץ שווערער און שווערער צוליבן מאנגל פון פּאָליטישע באדינגונגען. וועלכע זאלן דערמעגלעכן דעם ארץ־ישראל־אויפבוי אין א גרויסן טעמפּאָ. עס איז א אילוזיע צו מיינען, אז מיט אידישע מיטלען אליין וועלן מיר קענען אומענדלעך פארגרעסערן אונזער נאציאנאלע היים ווען עס זאלן אפילו נישט געשאפן ווערן די אנטשפרעכנדע פּאָליטישע באדינגונגען אין ארץ־ישראל.

א רעגירונגס־קראפט דארף רעגולירן אונזער ווירטשאפט

אלס ביישפיל וועל איך ברענגען צוויי הויפּט־געביטן פון אונזער אויפבוי־ווערק: אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט. מיר געפינען זיך אין א זייער שווערער עקאנאמישער לאגע. עס דראָט אונז די סכנה פון א שארפן קריזיס. דאס הייסט נישט, אז דער בוי פון אונזער ארץ־ישראלדיגער ווירטשאפט איז געווען א נישט־געזונטער. מיר זיינען דעם נסיון גראָד יאָ ביייגעשטאנען. שוין צוויי יאָר, אז מיר כאַפּן קלעפּ צוליב דער אנטוויקלונג פון אינטערנאציאנאלע און אָרטיגע אומשטאנדן, און פונדעסטוועגן האבן מיר אויסגעהאלטן. אבער מיר מוזן מודה זיין, אז נישט בלויז די אומרוען אין ארץ־ישראל און דער מאנגל פון אן עליה האבן געבראכט צו דער שווערער עקאנאמישער לאגע. אויך אנדערע פאַקטאָרן ווירקן אין דער ריכטונג. די פרדסים־באַזיצער זיינען גערעכט אין זייער טענה, אז אָן ראַדי־קאַלע ענדערונגען אינם ארץ־ישראלדיגן האנדל־סיסטעם איז נישטא קיין מעגלעכקייט צו סאַנירן די פרדס־ווירטשאפט. דאס זעלבע גילט אויך לגבי דער געמישטער לאנדווירטשאפט. פונם שטאַנדפונקט פון שיצן די אָרטיגע פראדוקציע איז ארץ־ישראל א הפקרדיג לאנד. דאס לעצטע יאר איז געווען א געבענטשט יאר אין דער אנטוויקלונג פון דער געמישטער לאנדווירטשאפט.

די מילך־ און גרינס־פראָדוקציע האט זיך פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט. און מיר האבן זיך נישט באגנוגנט בלויז מיט דער פארגרעסערונג פון דער פראָדוקציע, מיר האבן אויך אנגענומען אינערלעכע מיטלען כדי צו ארגאניזירן דעם אָפּזאץ. מיר האבן ארגאניזירט דעם ישוב אונטערן לאָזונג „תוצרת הארץ". מען קען אויך אָנווייזן עטלעכע דערפאלגן אין דער ריכטונג. און טראָץ דעם הערשט אין די לאנדווירטשאפטלעכע פונקטן א שווערער מצב צוליב דער גרויסער קאנקורענץ מצד אויסלענדישע פראָדוקטן. אמת, די קעניגלעכע־קאמיסיע האט פאָרגעלייגט צו ענדערן דעם פאַראגראף 18 פון מאנדאט כדי צו קענען שיצן די ארץ־ישראלדיגע פראדוקציע. אבער אונז האבן דאך געשטערט נישט בלויז לעגאַלע מניעות, נאר אויך די גאנצע פירונג פון דער אדמיניסטראציע. אין די איצטיגע מאנדאט־ראַמען איז אויך געווען א מעגלעכקייט איינצופירן שוץ־צאָלן פאר דער אינדוסטריע. מען וואָלט גע־קענט פארשטאָפּן די קאנקורענץ־לעכער מצד סיריע, איראַק און מצרים. פיר יאר נאָכאַנאַנד באשעפטיג איך זיך מיט דעם ענין און די דערגרייכונגען זיינען זייער קליינע. די ענגלענדער און די אראבער גייען תמיד ארויס פונם שטאנדפונקט פון איינהאַלטן דעם כוחות־בילאַנץ אין ארץ־ישראל. דער האנדלס־אָפּמאך מיט מצרים האט נישט געבראכט קיין נוצן דער אידישער ווירט־שאפט, ווייל די רעגירונג האט קודם כל געזאָרגט פאר דעם זייף פון שכם און פאר די אראבישע אַרבוזן. איך האב זיך איבערצייגט, אז אָן א פלאַנ־מעסיגער קאָלאניזאציע־פאליטיק וועט זיין זייער שווער צו אנטוויקלען און פארגרעסערן אונזער אויפבוי־ווערק. ווען דער קוואנטום פון מאַראַנצן און פון דער לאנדווירטשאפטלעכער און אינדוסטריעלער פראדוקציע איז געווען א קליינער האָבן מיר געקענט באשטיין מיט אונזערע אייגענע מיטלען, מיט די כוחות פון אינערלעכער ארגאניזאציע. אבער איצט, ווען די ווירטשאפט איז געוואקסן און זיך אויסגעברייטערט, — ווען דער מאראנצן־עקספארט דער־גייט יערלעך ביז 10 מיליאנען קעסטלעך, און די אינדוסטריעלע פראדוקציע באטרעפט ביז 7 מיליאן פונט, איז נויטיג אן אקטיווע אריינמישונג מצד דער רעגירונג כדי צו פארמיידן אומאנשטענדיגע קאָנקורענץ און פארזיכערן נייע אָפּזאץ־מערק.

אזוי איז די לאגע אין אלע לענדער פון דער וועלט, אויך אין די רייכע לענדער, וואו עס איז פאראן א פעסטע און אנטוויקלטע ווירטשאפט.

דאס אומקערן זיך צום סטאַטוס־קוואָ וועט — צוליב די נייגונגען פון דער אדמיניסטראציע און צוליב דער פאליטיש־עקאנאמישער פאליטיק—ארויפ־לייגן נייע קייטן אויף אונזער אנטוויקלונג אין ארץ־ישראל. צוריק צום סטאַ־טוס־קוואָ הייסט — פארקלענערונג פון אונזער אויפבוי־מאסשטאב.

די פּאַליאַטיוון זיינען נישט דאס קלענערע בייז

דער באדייט פון די פאָרגעשלאגענע פּאַליאַטיוון איז א קלאָרער. נעכטן האט עס בן־גוריון קלארגעמאכט. איך וויל צוגעבן נאר עטלעכע באמערקונגען. מיך האט צומשטארקסטן איבערראשט דער פאקט, וואס אין דער פארלאמענט־דעבאטע האבן זיך אלע קאנצענטרירט אויף קריטיקירן די חלוקה נישט אָפּ־

שטעלנדיג זיך אויפן ענין פאליאטיון. עס האט זיך אזויאַרום באקומען דער איינדרוק, ווי דאס סאמע ערגסטע וואלט געווען די חלוקה, דאגעגן די פאַ־ליאטיוון קענען זיך לייגן אויפן שכל. דאס באזאָרגט מיך זייער, ווארום אויך ביי אונז זיינען פאראן אזעלכע, וואס באטראכטן די פאַליאטיוון אלס דאס קלענערע בייז מען זאגט, אז די פאליאטיוון זיינען נאר א צייטווייליגע גזרה, וואס מען קען זי באקעמפן. איך האב אויך געהערט, ווי מען זאגט, אז אויב ס'איז נישטא קיין אנדער אויסוועג דארף מען שלום־מאכן אויך מיט א צאַל פון 12.000 עולים א יאר. אבער דאס באדייט דאך דערשטיקונג נישט בלויז אויף די נאענטסטע 5—10 יאר, נאר אויף א לאנגער תקופה. במשך די נאענטע 5 יאר וועט דער אראבישער ישוב גרעסער ווערן מיט 150.000 מענטשן אויך אָן אַן אומלעגאלער איינוואנדערונג. די אראבישע באוועגונג אין ארץ־ישראל און אין די שכנותדיגע לענדער וועט זיך פארשטארקן, און די יוגנט וועט ווערן דער אנטשיידנדער כוח אין דער דאזיגער נאציאנאלער באוועגונג. מען קען נישט טענהן: אָט זיינען שוין אדורך 50 יאר פון אונזער ארץ־ישראל־ארבעט, לאמיר־זשע ליידן נאך 5—10 יאר! לויטן טעמפא פונם וואוקס פון דעם אראבישן כוח אין ארץ־ישראל, וועלן אט די עטלעכע יאר זיין יארן פון אנטשיידונג, און אויב אין דער זעלבער תקופה וועלן מיר נישט באקומען די מעגלעכקייט זיך צו שטארקן און ווערן א געהעריגער כוח, — קען דאס דעצידירן וועגן אונזער גורל אויף א זייער לאנגע צייט.

ארויסגייענדיג פון דעם שטאנדפונקט האבן אונזערע פריינט אונז געטון א בערישע טובע דערמיט, וואס זיי האבן כסדר אָנגעוויזן אויף איין סכנה — אויף דער חלוקה.

די שטחים־צוטיילונג לויטן חלוקה־פראיעקט

וואס פאַר־אַ מעגלעכקייטן אנטהאלט דער חלוקה־פראָיעקט, אזוי ווי ער איז פארמולירט געווארן דורך דער קעניגלעכער קאמיסיע, נאך איידער עס איז אונז געלונגען אריינצוטראָגן די אויסבעסערונגען, פאר וועלכע מיר מוזן קעמפן? ביי 5 מיליאן דונאם געהערן צום שטח פון דער אידישער מדינה, ביי א מיליאן — אין קאָרידארי און ביי 20 מיליאן דונאם געהערן צום אראבישן שטח. פון די 5 מיליאן דונאם, וואס געהערן צום אידישן שטח, איז פאראן 3.750.000 בעארבעטונגס־פעאיגער באדן, דערפון — 2.100.000 אין די טאָלן און 1.600.000 אין די בערג. 1.200.000 דונאם זיינען נישט באארבעטונגס־פעאיג לויט די היינטיגע השגות (פון די באארבעטונגס־פעאיגע שטחים זיינען 1.800.000 דונאם באוואסערונגס־פעאיג).

אויסער דעם נגב און דעם מדבר וועלן די אראבער באקומען 7¾ — 8 מיליאן דונאם, דערפון 1.8 מיליאן אין די טאָלן און אומגעפער זעקס מיליאן אין די בערג. באארבעטונגס־פעאיגן באדן — לויט אונזערע איצטיגע באגריפן — וועלן זיי האבן 1.4 מיליאן דונאם אין די טאָלן און 3.3 מיליאן דונאם אין די בערג, בסך הכל וועט דער באארבעטונגס־פעאיגער באדן אין זייער שטח אויסמאכן 4.75 מיליאן דונאם, דערפון זיינען 1.5 מיליאן דונאם באוואסערונגס־פעאיג.

אין נגב איז, לויט אונזער אָפּשאַצונג, פאַראַן ביי היינטיגן טאָג אַרום 3,2 מיליאָן דונאַם באַאַרבעטונגס־פעאיגער באָדן, דערפון זיינען אַרום 2 מיליאָן דונאַם באַוואַסערונגס־פעאיג, און קרוב 9,4 מיליאָן דונאַם זיינען נישט באַאַרבעטונגס־פעאיג, הויפּטזאַכלעך, מדבר.

איך רעזיומיר: באַאַרבעטונגס־פעאיגער באָדן אין אידישן שטח איז פאַראַן 3¾ מיליאָן דונאַם, דערפון איז 1,8 מיליאָן דונאַם באַוואַסערונגס־פעאיג; באַאַרבעטונגס־פעאיגער באָדן אין אַראַבישן שטח (אָן דעם נגב) איז פאַראַן 4⅘ מיליאָן דונאַם, דערפון איז 1,5 מיליאָן דונאַם באַוואַסערונגס־פעאיג.

די וואַסער־איינטיילונג אין ארץ־ישראל איז: רעגנוואַסער, ברונימער, קוואַלן. די ערשטע צוויי סאָרטן וואַסער געפינען זיך צום גרעסטן טייל אין אידישן שטח, די קוואַלן — הויפּטזאַכלעך אין אַראַבישן שטח. נישט עקספּלאָאַטירנדיק די חולה־ און די צפון־וואַסערן האָבן מיר, לויט דער מיינונג פון ספּעציאַליסטן, גענוג וואַסער אויף צו באַוואַסערן: 1,5 מיליאָן דונאַם אין אידישן שטח, ביי 1,7 מיליאָן דונאַם אין אַראַבישן שטח, ביי 160 טויזנט דונאַם אין קאָרידאָר.

דער נגב איז אַ קאָלאָסאַלער שטח. אויב מיר זאָלן געפינען וואַסער קען דאָרט מעגלעך ווערן אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע. די ביז איצטיגע פּרוּוון צו געפינען דאָרט וואַסער האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. פאַראַן האָפנונגען, אַז דורך גראָבן ברונימער און אויסנוצן ווי געהעריג דאָס רעגנוואַסער, וועט מען אפשר יאָ געפינען וואַסער. אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז דער איינציגער וועג, צו אַנטוויקלען דעם נגב, איז — ברענגען וואַסער פון צפון. דער פאָרשלאָג איז נישט ניי, נאָך אין יאָר 1919 האָט אַן ענגלישער אינזשיניער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו באַוואַסערן ארץ־ישראל מיט די לבנון־ און חרמון־וואַסערן.

«טראַנספער»

איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין די פּרטים פון דער פראַגע וועגן «טראַנספער» פון די אַראַבער. אָבער עס איז נישט אָנשטענדיג צו פאַר־גלייכן דעם פאָרשלאָג מיט אַרויסטרייבן די אידן פון דייטשלאַנד צי פון אַן אַנדער לאַנד. דאָ רעדט זיך נישט וועגן פאַרטרייבונג נאָר וועגן אַן אָרגאַניזירט אַריבערפירן אַ געוויסע צאָל אַראַבער פון איין טייל ארץ־ישראל, וואָס וועט זיך געפינען אין געביט פון דער אידישער מדינה, אין אַן אַנדער טייל לאַנד — אין דער אַראַבישער מדינה, ד.ה. אַריבערפירן זיי אין זייערע אַ פאָלקס־סביבה און דערצו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ אין יעדנפאַלס נישט ערגערע באַדינגונגען ווי די פריערדיגע. הלואי וואָלט מען פאַרזיכערט אַזעלכע אויסוואַנדערונגס־באַדינגונגען גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק.

אינם אידישן שטח געפינען זיך אויפן דאָרף ביי 45.000 אַראַבישע משפחות. נישט אַלע לעבן פון דער לאַנדווירטשאַפט, ביי 30% פון זיי זיינען באָדנלאָז. די רעגירונג האָט באַפוילן תיכף אַנצוהויבן פאָרשן די איינאָרדנונגס־

פלענער, אבער איך האב ספקות בנוגע די רעזולטאטן פון דער פאָרשונג. די מערהייט פון דער ארץ־ישראלדיגער רעגירונגס־באאמטנשאפט איז דאך געגן דער חלוקה. אויף די טראנספער־הוצאות וועלן מיר דארפן — אויב נעמען דעם גריכישן טראנספער אלס ביישפיל — פון 9 ביז 12 מיליאן פונט. אבער אויב אפילו דער טראנספער זאל נישט צושטאנדקומען, נאר עס זאלן נישט זיין, ווי איצט, קיין שטערונגען דער איינאָרדנונג און די מדינה זאל נאך צוהעלפן — זיינען פאַראַן גרויסע אויסזיכטן צו פאַרגרעסערן די קאָלאָניזאַציע אין אידישן שטח. וועגן דעם ענין זיינען פאראן מיינונגס־פארשידנהייטן. די סאמע פאָרזיכטיגסטע זאכקענער מיינען, אז אָן צוואנג און אָן טראַנספער, נאר ביי מלוכהשער הילף, זיינען אויך פאראן מעגלעכקייטן צו דערוואָרבן אין דער גאָר נאָענטער צייט נאך א האלב אדער אפשר דריי פערטל מיליאן דונאם באדן אין פראיעקטירטן אידישן געביט. ביי א געהעריגער באוואסערונג דערמעגלעכט עס א נייע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאניזאַציע פון 30 טויזנט משפחות. די אָפּטימיסטן מיינען, אז אויף יעדן פאל וועלן מיר קענען באַאיינפלוסן די אראבער אָנצונעמען אן איינארדנונגס־פלאן, און דאן וועט מעגלעך זיין צו קאלאניזירן לאנדווירטשאפטלעך אין אידישן געביט נאך 60־70 טויזנט משפחות.

א מלוכהשער כח קען זיכערן א גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע

נאך 60 יאר אָנגעשטרענגטער ארבעט האבן מיר אין אונזער ארץ־ישראלדיגער לאנדווירטשאפט, — אין אלע אירע פאָרמען און סארטן, — ביי 9000 אידישע משפחות. בסך הכל באטרעפט די אידישע לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג אין ארץ־ישראל, שוין צוזאמען מיט די לוין ארבעטער, — ביי 56.000 מענטשן. אָט ביים ליכט פון דידאזיגע דערגרייכונגען דארף מען אָפּשאצן די דערמאָנטע צאלן און די מעגלעכקייטן צו ענדערן דעם טעמפּאָ פון אונזער וואוקס.

אָן א רעגירונגס־פאליטיק, וועלכע זאל שיצן אונזער לאנדווירטשאפט און פארסירן דעם אפּזאץ, איז אוממעגלעך צו פארגרעסערן אין א באדייטנדער מאס די אגראר־פראדוקציע פון לאנד. אָן א מלוכהשן כוח וועלן מיר נישט שאפן קיין לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג פון צענדליגער טויזנטער משפחות.

די קאָלאניזאציע־פראגע איז אָרגאַניש פארבונדן מיט דער פראגע פון באדן־דערוועָרבונג. ביז היינט האבן מיר דערוואָרבן א ערך פון 1,2 — 1,3 מיליאן דונאַם. דאס הייסט, בלויז 5% פונם גאנצן שטח פון מערבדיג ארץ־ישראל, אדער קרוב 10% אויב מיר זאלן נישט רעכענען דעם נגב. אינטערעסאנט, אז העכער 90% פון דעם באָדן, וואס געהערט צו אידן, געפינט זיך אין «אידישן» געביט. אָבער גרויסע זאָרגן פארשאפט דער טעמפּאָ פון די באדן־דערווערבונגען. און מיר מוזן מודה זיין, אז די פראָספעריטי און די גרויסע עליה האבן אין הינזיכט פון גרויס־פארנעמיגע

באדן־דערוואַרבונגען געווירקט אלס באַשווערינגנדע פאַקטאָרן, ווייל די פרייזן זיינען דורך זיי געשטיגן ביז א פּראָהיביטיווער הויך. ווי אזוי וועלן מיר ארויס פון דעם פלאָנטער? די שאַפונג פון א אידישער מדינה עפנט אויך אין דער ריכטונג נייע אויסזיכטן. מען קען נישט טראַכטן ערנסט וועגן דער מעגלעכקייט פון צוואַנגס־אויסקויף, אָבער מען קען זייער פיל דער־גרייכן דורך א מלוכהשער רעגולאַציע פונם באדן־האנדל, דורך דער אָפּשאַ־פונג פון ספעקולאַציע, און, מיט דער צייט, דורך אַן אַגראַר־רעפאָרם.

די שטעט

איצט — בגוגע די שטעט. אויב עס זאל טאַקע בלייבן דער ספעציעלער סטאַטוס פאר די פיר שטעט, — חיפה, עכו, צפת און טבריה — ווי עס לייגט פאָר די קאמיסיע, וועלן זיי, לכל הפחות אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר, זיך געפינען מחוץ דעם קרייז פון אונזער פּאָליטישער עקאָנאָמיק. דאס איז פאר אונז א שווערער קלאַפּ. אין חיפה אליין געפינען זיך 20% פון די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, — 20% פון אלע אידישע אינוועסטיציעס אין דער ארץ־ישראלדיגער אינדוסטריע זיינען אין די אונטערנעמונגען אין חיפה. חיפה פארנעמט שוין היינט אַן אָנגעזעען אָרט אין אונזער ווירטשאַפט און איר באדייטונג וועט נאָך וואַקסן, ווייל זי איז די טראַנזיט־שטאָט פארן נאָענטן מזרח, א שטאָט פון אינדוסטריע און האנדל. אויך פון פיסקאַלן שטאַנדפונקט איז דאס אויסטיילן די פיר שטעט א שווערער קלאַפּ פאר די בודזשעטאַרע מעגלעכקייטן פון דער אידישער מדינה. דידאזיגע שטעט טראָגן אריין דירעקטע שטייערן איבער 600.000 פונט א יאָר, ד. ה. 20% פון אלע הכנסות אינם שטח פון דער אידישער מדינה. די פאָדערונג איינ־צושליסן די דאזיגע שטעט, ווייניגסטנס אין עקאָנאָמיש־פיסקאלער הינזיכט, אין דער אידישער מדינה, — איז אַן אולטימאַטיווע פאָדערונג.

גלויבנדיג, אז מיר וועלן גובר זיין דידאזיגע שוועריגקייטן וויל איך דערמאָנען, וועלכער טייל פון ארץ־ישראל האט עס אויך ביי די איצטיגע באדינגונגען אויפגענומען און דערמעגלעכט די איינאָרדנונג פון דער עליה אין שטאָט און אין דאָרף.

א טייל פונם שטח, וואס ווערט פארגעלייגט דער אידישער מדינה, צורעכענענדיג ירושלים, האט אויפגענומען די עליה ביי אומשטאנדן, ווען די רעגירונג האט נישט געגעבן קיין הילף, און אָפט אפילו געשטערט. לאָמיר אין דעם אינערלעכן ויכוח, צווישן זיך, זיך היטן פון פארמינערן און מבטל זיין די אויפנעם־פעאיגקייט פון דעם טייל ארץ־ישראל, וועגן וועלכן עס רעדט זיך. לאמיר נישט אונטערגראבן דעם בוים, וואס פון זיינע פרוכטן דערנערן מיר זיך. דאס איז געפערלעך, סיי פון ציוניסטישן און סיי פון אונזער אלגעמיין־פאליטישן שטאנדפונקט, אומאָפּהענגיג דערפון, ווי עס וועט אויסזען די פאליטישע צוקונפט פון ארץ־ישראל.

אין איצטיגן מאמענט איז אויך די לאגע פון דער אינדוסטריע און פון האנדל א שווערע. די אינדוסטריע נויטיגט זיך, נישט ווייניגער פון

דער לאנדווירטשאפט אין אַן אקטיווער שוץ מצד דער מלוכה, כדי זי זאל זיך קענען אנטוויקלען און נישט ארײנפאלן אין א מצב פון סטאַגנאַציע.

די אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל הענגט אָפּ פון די פיזיקאַלע באדינגונגען, אבער נאך מער הענגט זי אפּ פון קאפּיטאל, פון איניציאטיוו, פון ארבעט, פון די פאליטישע באדינגונגען. ווער קען עס איצט פעסטשטעלן ווי גרויס עס וועט זיין די אויפנעם־קראפט פון לאנד ביי אידיש־מלוכהשע באדינגונגען.

מיר האבן נאך דער מלחמה ארײנגעבראכט קיין ארץ־ישראל 300.000 אידן, מיר האבן אינוועסטירט איבער 70 מיליאן פונט. בלויז דער פּריוואטער קאפּיטאל האט אינוועסטירט 63 מיליאן. ביי די איצטיגע באדינגונגען קאָסט די אויפנעמונג פון יעדער נייער פּערזאן פון דער אידישער עליה, — אין וועלכן צווייג עס זאל נישט זיין, — 200 — 250 פונט. אין 1935, ביי אן עליה פון 60.000, האבן מיר אינוועסטירט איבער 12 מיליאן פונט.

אויך פאר דער מאָביליזירונג פון די קאָלאסאלע סומען, וועלכע מיר דארפן האָבן פאר אונזער גרויסן אויפבוי־ווערק און פאר דער אויפנעמונג פון א גרויסער עליה, זיינען נויטיג באשטימטע פאליטישע באדינגונגען.

די פינאַנסיעלע שטאַנדהאַפטיגקייט

און צום סוף — נאך עטלעכע ווערטער וועגן דער צוקונפטיגער מלוכהשער ווירטשאפט. צי וועט די קליינע מדינה קענען עקזיסטירן פון פיסקאלן שטאנדפונקט? ביי היינטיגן טאג טראגן מיר ארײן אין מלוכה־אוצר 63 % פון אלע ארץ־ישראלידיגע שטייערן און די רעגירונג גיט אונז צוריק: פון געזונדהייטס־בודזשעט — 5 %, פון דעם זיכערהייטס־דינסט ביי 12%, פונם בודזשעט פון עפנטלעכע ארבעטן — ביי 15 %, פונם דער־ציאונגס־בודזשעט — ביי 20 %. מיר מוזן, הייסט עס, שלעפּן אויף זיך נישט־בלויז אונזער אייגענע משא, נאר אויך די לאַסט פונם גאנצן לאנד. מיר האבן געפּרווּווט מאכן א בודזשעט חשבון פון דער צוקונפטיגער מדינה, נישט נעמענדיג אין אכט די מעגלעכע אנטוויקלונג. מיר ווען זיך אָנ־שטויסן, פארשטייט זיך, אין זייער שווערע פּראָבלעמען און מיר וועל־דארפן פירן א ווירטשאפטס־פּאליטיק פון גרויסער שפּאָרזאמקייט. מיר וועלן זיך אוודאי נישט קענען גלייכן צו די רייכע און גרויסע מדינות. נאך איינס איז קלאר: אויך פון פיסקאַלן שטאַנדפונקט, אזוי ווי פון אנדערע פאליטישע און עקאנאמישע שטאַנדפונקטן, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו קעמפן פאר גרינדלעכע ענדערונגען אינם פּאָרגעלייגטן פלאן, און מיר וועלן אים נישט קענען אנגעמען אין זיין איצטיגער פארם. מיר וועלן, צום ביישפּיל, נישט קענען מסכים זיין אויך פון פיסקאַלן שטאנדפונקט, מיט א מאנדאט איבער די דערמאָנטע פיר שטעט און מיר וועלן דארפן פאדערן זייי איינצושליסן אין דער פיסקאַלער און עקאנאמישער ווירטשאפטס־ראם פון דער מדינה. אבער מען קען שוין איצט זאגן מיט א געוויסער זיכערקייט, אז ביי א שפּאָרזאמקייט וועלן מיר קענען אויפהאלטן און אנטוויקלען אלע נויטיגע

עפנטלעכע אינסטיטוציעס, און — נישט העכערנדיג די שטייערן וועלן מיר קענען פארגרעסערן די קולטורעלע, געזונטהייטלעכע און סאָציאלע טעטיגקייט.

* * *

איך האב גענומען אויף מיר אויפצוקלערן די פראגע פונם שטאנדפונקט פון דער מעגלעכקייט צו פארגרעסערן די עליה און די קאלאָניזאַציע. פון עקאָנאמיש־פּאָליטישן שטאנדפונקט ענטפער איך אויף דער פראגע, וואס מען האט אונז געשטעלט: יאָ. דאס הייסט נישט, אז מיר דארפן אָננעמען די פארשלאגן פון דער קאמיסיע אזוי ווי זיי זיינען איצט. פאראן פאדערונגען וועלכע מיר דארפן ארויסשטעלן אולטימאטיוו, און פאראן א סך אויס־בעסערונגען, פאר וועלכע מיר וועלן דארפן קעמפן. אבער כדי צו קעמפן פאר אויסבעסערונגען מוזן מיר פריער וויסן — וועלכן וועג מיר באשטימען צו גיין. מיר האבן נאך נישט קיין מדינה. מיר האבן נאך אפילו נישט קיין קלאָרן פארשלאג וועגן א מדינה. מיר ווייסן נישט צי דאָס וואס די בריטישע רעגירונג וועט אונז סוף־כל־סוף פּאָרלייגן, וועט האבן די נויטיגע אַטריבוטן פאַר דער עקזיסטענץ פון א מדינה. און אפשר וועט נאך די רעגירונג בכלל חרטה האבן אויפן פארשלאג.

אבער עס איז אונזער פליכט, אין יעדער תקופה פון אונזער קאמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון גרויס־ציוניזם, געננוי צו באטראכטן, וואס פאַר־אַ וועג איז — אין דער געגעבענער תקופה און ביי די געגעבענע באדינגונגען — דער בעסטער און נוצלעכסטער.

מיר דוכט, אז איינזעענדיג אלע סכנות, וועלכע זיינען פארבונדן מיטן פּאָרשלאג צו שאפן א אידישע מדינה אין א טייל ארץ־ישראל, — דארפן מיר פונדעסטוועגן קעמפן פאר דעמדאזיגן וועג, כדי מיר זאָלן קענען צוטרעטן צו א פארגרעסערונג פון אונזער אויפבוי־ווערק און פון דער עליה. מיר מוזן עס טון, כדי מיר זאלן, אין די 10 יאר פונם געפער־לעכן איבערגאנג, קענען שאפן פאר מיליאָנען אידן עליה־מעגלעכקייטן אין דעם אונז פּאָרגעלייגטן תחום און אויסער אים.

נישט בלויז די נויט און די ליידן פון אונזערע פּאָלקסמאַסן אין די גלות־לענדער פארלאנגען א גרויסע עליה און א שנעלן וואוקס און אויפ־שטייג פון אונזער כוח אין ארץ ישראל, — דאס פארלאנגען אויך די לאגע און דער קאמף פאר דער פארווירקלעכונג פון גרויס־ציוניזם.

פינפטע זיצונג

פרייטאג, דעם 30 יולי 1937, נאכמיטאג

די פּאָליטישע דעבאטע

(רעדעס פון ש. קאפּלאנסקי, י. באנקאווער, ש. לביא, י. העלמאן)

ש. קאַפּלאַנסקי

עס איז א גרויסע אחריות צו זיין דער ערשטער רעדנער אין דער־דאזיגער דיסקוסיע נאך בן־גוריונס און קאפּלאנס רעפעראטן. מעגלעך, אז אין די פּראַקטישע מסקנות פונם איצטיגן מצב לגבי ענגלאנד און דעם פעלקער־בונד, וועט נישט זיין קיין גרויסער חילוק צווישן מיר און די רע־פערענטן. ווארום אויך איך האלט, אז מיר קענען נישט און טאָרן נישט אָפּזאגן זיך לכתחילה פון באַהאנדלען דעם פּאָרשלאג פון א אידישער מדינה אין א צוטיילטער ארץ־ישראל. אבער עס איז צווישן אונז יאָ פאראן א פונדאמענטאלער חילוק אין דער אָפּשאצונג פון דער סיטואציע און די היס־טאָרישע פּערספּעקטיוון פון אזא פּאָרשלאג. איך פּאַרזע נישט די באדיי־טונג פונם פאקט, אז עס איז אָנערקענט געווארן אונזער רעכט אויף פּאָ־ליטישער זעלבסטשטענדיגקייט כאָטש אין א טייל פון ארץ־ישראל. אבער מיין באציאונג דערצו וואלט איך וועלן אויסדריקן אין דער פאָרם פון א פּאַראַ־דאָקס און זאָגן: אויב מען האלט דעם באריכט פון דער קעניגלעכער־קא־מיסיע פאר א נצחון, קען ער אונז ברענגען א מפּלה, — אָבער אויב מען באטראכט אים אלס מפּלה, קען ער ווערן אן אָנהויב פון נצחון.

טענדענצן פון בריטישער פּאָליטיק

עס איז וויכטיג, מיר זאלן ריכטיג אָפּשאצן די טרייבנדע כוחות פון דער בריטישער פּאליטיק, ווי זי קומט צום אויסדרוק אינם באריכט פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע. א. קאפּלאן האט דא געזאגט, אז דער טיילונגס־פּאָר־שלאג שטאמט פון דער כוונה צו שאפן פאר אידן אַ מין «שפּרונג־ברעט», אַ העבעל פאר אונזער אנטוויקלונג אין ארץ־ישראל. מיין אפּשאצונג איז א גאנץ אנדערע. דער באריכט פון דער קאמיסיע און איר פּאָרשלאג צו צו־טיילן דאס לאנד אויף דריי מדינות איז א נצחון פון דער ריין אימפּעריאַ־ליסטישער ריכטונג אין דער ענגלישער ארץ־ישראל־פּאָליטיק. ס׳איז מעגלעך, אז צווישן די קאמיסיע־מיטגלידער געפינען זיך אויך פריינט מיט גוטע כוונות לגבי אונז, אבער די מערהייט פון די מחברים און אונטערשטיצער

פונם טיילונגס־פראיעקט איז נישט אויסן צו עפענען פארן ציוניזם נייע מעגלעכקייטן, אויפהויבן אים צו א העכערער אנטוויקלונגס־שטופע. אירע כוונות זיינען דורכאויס פאַרבונדן מיט די טענדענצן פונם ענגלישן אימפעריאליזם — צו פארזיכערן זיך די הערשאפט איבער ארץ־ישראל, אָן די התחייבותן פונם מאנדאט.

שוין זייט יארן באַמי איך מיך אויפצוקלערן און קלאָרמאכן פאר אונזער באוועגונג, און פאר דער ציוניסטישער באוועגונג בכלל, די דאָזיגע טענדענצן פון דער בריטישער פאליטיק. צוויי שטאַנדפונקטן קעמפן אין איר פונם ערשטן טאג פון דער באלפור־דעקלאראציע: איינער — א דעמאָקראַטישער, פראָציוניסטישער און אידנפריינטלעכער, דער צווייטער — א קאָנסערוואַטיוו־אימפעריאליסטישער און אַנטיציוניסטישער. די ערשטע שטרעמונג רעכנט זיך מיט דעם אידישן פאָלק אלס אינטערנאַציאָנאלער פאַקטאָר, זי שאצט אָפּ די סכנות, וואָס עס אנטהאלט אין זיך די אידישע נויט אין דער וועלט, און זי וויל העלפן א פאַרפאָלגטן פאָלק, וואס ראַנגלט זיך אין בלוט און אין ליידן פאַר זיין עקזיסטענץ. די דאזיגע שטרעמונג שאצט אויך אָפּ אונזער פריינטשאפט און די באדייטונג פון א שטארקן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל פאר ענגלאנדס פאָזיציע אין דעם נאָענטן מזרח און אויפן מיטללענדישן ים. אָבער די דאזיגע פריינט אונזערע אין ענגלאנד זיינען נישט גרייט צו רעגירן אין ארץ־ישראל ביד חזקה, און זיי האבן אונז תמיד געראָטן צו געפינען א וועג פון פאַרשטענדיגונג מיט די אראבער.

בריטישע הערשאַפטס־מעטאָדן אין ארץ־ישראל

די צווייטע, רעאַקציאָנער־קאָלאָניאלע שטרעמונג האט קיינמאל נישט געגלויבט, אז מיר זיינען ביכולת און פעאיג צו ווערן א גרויסער כוח אין ארץ־ישראל און צו דינען אלס שטיצפונקט פאַר דער ענגלישער פאָליטיק אויף דעמדאזיגן חשובן קנאָטנפונקט פון די אימפעריאלע פאַרבינדונגס־וועגן. זי האט אונז תמיד באטראכט אלס שטערונג פאַר ענגלאנדס באַהערשונג פונם אראבישן מזרח. מיט עטלעכע יאר צוריק האב איך געהאט א אינטערעסאנטן שמועס מיט חבר העברי ברייל ספאָרד, נאך זיין אומקער פון זיין נסיעה קיין אינדיע. מיר האבן גערעדט וועגן די רעזולטאטן פונם מיליטערישן אויפשטאנד אין פארגאנגענעם יארהונדערט, וועלכן עס האבן בשעתו אָרגאניזירט די גרויסע גרונד־באזיצער אין אינדיע (די זעמינדארן) געגן דער בריטישער הערשאפט. «ווען אויף אונזער אָרט וואָלטן געווען דייטשלאנד אדער רוסלאנד» — האט ברייל ספארד געזאגט — «וואלטן זיי די זעמינדארן צושמעטערט. מיר... האבן זיי געקויפט. מיר האבן גענומען די אינדישע פויערן און זיי איבערגעגעבן אין פולן עקספּלאָאַטאַציע־רשות פון די זעמינדארן, און דערמיט האבן מיר זיי געוואונען אלס אונזערע פארבינדעטע». דער בריטישער אימפעריאליזם געוועלטיגט נישט בלויז מיט מיליטערישער געוואַלט. ווען ענגלאנד וואָלט געוואלט הערשן איבער איר קאָלאָסאלער אימפעריע מיטן שווערד פון אונטערדריקונג און מיליטערישער געוואַלט, על פי נוסח דייטשלאנד און רוסלאנד, וואָלט זי געמוזט

זיך אומוואַנדלען אין א מיליטעריש־אימפעריאליסטישע מלוכה און מוותר זיין אויף א סך דעמאָקראטישע דערגרייכונגען; זי וואלט געמוזט אויסער איר מעכטיגן פלאָט שאפן אויך א שטארק מיליטער, וואס זאל באַזירן נישט בלויז אויף געדונגענע פרייוויליגע, נאר אויפן אלגעמיינעם מיליטער־דינסט. בקיצור, — ענגלאנד וואלט דאן געמוזט ענדערן איר גאנצן פּאָליטישן און טראַדיציאנעלן לעבנס־שטייגער. דעריבער זיינען די ענגלישע הערשנדע קלאסן זיך נוהג צו רעגירן בעיקר נישט מיט דעם שווערד, נאר מיט שכל און געלט. אויך איבער דעם אראבישן מזרח און פּאָדער־אַזיע, — וועלכע ליגן אויפן הויפט־וועג פון דער אימפעריע קיין אינדיע און אויסטראליע און פאַרמאָגן אין זיך די וויכטיגסטע נאַפט־אוצרות פאַרן בריטישן פלאָט, — געוועלטיגט ענגלאנד נישט מיט אונטערדריקונגס־מיטלען און דעספּאָטישע מעטאָדן נאר דורך שטיצן די הערשנדע קלאסן פון די פארשידענע אראבי־שע לענדער, דורך אָפּמאכן און אַליאַנצן מיט די אראבישע דינאַסטיעס און מדינות, דורך ארויסווייזן סימפּאַטיע פאר די שטרעבונגען צו אראבישער אייניגקייט און דורך דערמוטיגן די פּאַן־אראבישע חלומות. די בריטישע קאָלאניאלע אדמיניסטראציע וואלט אפשר שלום געמאכט מיטן ציוניזם, ווען די אידן וואלטן געקענט «קויפן» די הסכמה פון די אראבישע הערשנדע קלאַסן אין ארץ־ישראל צום מאנדאט־רעזשים, אדער ווי די קעניגלעכע קאמיסיע זאגט עס מיט איר לשון: «די פאַרווירקלעכונג פונם מאנדאט־רעזשים בכלל אין ארץ־ישראל, און בפרט פון דעמדאזיגן ספּעציפישן מאנ־דאט, האט זיך געשטיצט אויפן גלויבן, אז מיט דער צייט וועט דער בשלום׳דיגער אויסגלייך צווישן די פאַרפליכטונגען, וואס מיר האבן גענו־מען אויף זיך סיי לגבי די אראבער און סיי לגבי די אידן, זיך ארויס־ווייזן פאַר מעגלעך צוליב דער מילדערנדער השפעה, וואס עס וועט האבן אויף די ארץ־ישראלדיגע אראבער דער מאטעריעלער וואוילשטאנד, וועלכן די אידישע עליה וועט ברענגען מיט זיך פאַר גאנץ ארץ־ישראל. דער־דאזיגער גלויבן איז נישט מקוים געווארן, און מיר האבן נישט קיין שום האפנונג, אז ער וועט ווען־עס־איז מקוים ווערן» (באריכט פון דער קעניג־לעכער קאמיסיע, ענגלישע אויסגאבע, זייט 370). וויבאלד די ענגלישע קאָלאָ־ניאַל־הערשער האבן זיך איבערצייגט, אז אָנשטאָט צו פארלייכטערן זייער הערשאפט אין ארץ־ישראל, ברענגט מיט זיך די אידישע קאלאניזאציע שוועריגקייטן און געגנזאַצן און זי פארשארפט נאך דעם קאָנפליקט, האבן זיי גענומען באטראכטן דעם ציוניזם אלס שטערונג און זיי האבן אָנגע־הויבן מכשיל זיין אונזער ארבעט.

דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע איז א נצחון פון אָט דער אימפעריאליסטישער טענדענץ. אין יוני 1936 האב איך אין א פּאַרטיי־באראטונג געזאגט, אז די קעניגלעכע קאמיסיע באדייט די רעוויזיע פונם מאנדאט. איך בין דאן געווען צו־אָפּטימיסטיש. די קעניגלעכע קאמיסיע האט דערפירט צו דער סכנה פון ליקווידירן דעם מאנדאט. ארץ־ישראל ווערט צוטיילט, כדי עס זאל גרינגער זיין זי צו באהערשן. עס ווערן געשאפן צוויי מדינות, וואס זיינען ביידע נישט עקזיסטענץ־פעאיג. די אידישע מדינה וועט זיין

א קליינער וואַסאַל־שטאַאַט, וועלכער וועט אין פּאָליטישער און מיליטערישער הינזיכט אינגאנצן זיין אָפּהענגיג פון ענגלאנד, און אין עקאָנאמישער הינזיכט פון די שכנותדיגע אראבישע לענדער, וועלכע בילדן איר עקאנאמיש הינטערלאנד. ענגלאנד וועט זיצן פעסט און רואיג אין אלע שליסל־פּונקטן פון ארץ־ישראל: חיפה, ירושלים, עקבה, נצרת, די פּאָרטן. ענגלאנד האט זיך פארזיכערט די הערשאפט איבערן לאנד, כאָטש זי זאגט זיך אָפּ פונם מאנדאט. דערביי ווערט זי פּטור פון די התחייבותן, וואס ער לייגט אויף איר ארויף לגבי דער אידישער נאציאנאלער היים אויך אין מערב־ארץ־ישראל. איך גלויב נישט, אז דער רוב פון די ענגלישע פּאָליטיקער, וועלכע האבן ארויסגעבראכט דעם טיילונגס־געדאנק, גלויבן אין דער לעבנספעאיגקייט פון דערדאזיגער מדינה. פאר א סך פון זיי איז די מדינה אויף א שטח פון 5000 קוואדראט־קילאמעטער א מיטל נישט בלויז מבטל צו מאכן דעם מאנדאט, נאר אויך צו ליקווידירן דעם גאנצן ציוניזם.

דער עקאָנאָמישער ווערט פון דער אידישער מדינה

וואס וועט זיין די עקאנאמישע באדייטונג פון דער מדינה אויף 5000 קוואדראט־קילאמעטער? איך האב א מאל אויסגערעכנט, אז פון די 18 מיליאנען דונאם אין מערב־ארץ־ישראל, וואס קענען היינט־צו־טאגס באוואוינט ווערן (אויסער דעם דרומדיגן מדבר־טייל פון נגב) זיינען באארבעטונגס־פעאיג ביי 11 ½ מיליאן דונאם, אדער פון 60% ביז 63% פונם שטח; דערפון איז א העלפט ערד וואס קען באוואסערט ווערן. ביז איצט האב איך נאך נישט געהערט פון וועלכער נישט איז אידישער קאָמפּעטענטער קוועלע, אז מיין שאצונג איז געווען א צו־נידעריגע. לאמיר אָננעמען, אז פון די פינף מיליאן דונאם אויפן שטח פון דער פראיעקטירטער אידישער מדינה זיינען 70% באארבעטונגס־פעאיג, הייסט עס 3½ מיליאן דונאם אדער 350.000 העקטאר לאנדווירטשאפטלעכע ערד. מיין צווייטע הנחה איז געווען — איך בין געגאנגען, ווי באקאנט, אין די וועגן פון פראַנץ אָפּענהיימער און סער דניאל הייל — אז ביי די מאָדערנע באדינגונגען פון אינטענסיווער לאנדווירטשאפט קען מען דערגרייכן ביז א דורכשניטלעכער לאנדווירטשאפטלעכער איינהייט פון 5 העקטאַר (50 דונאם) פאר א משפחה, אדער באזעצן איין מענטש אויף יעדן העקטאַר. דאס הייסט, אז אינם אידישן געביט וועט די לאנדווירטשאפט — ביי די פראדוקציע־מיטלען, וואס זיינען אונז היינט באקאנט — קענען אויסהאלטן א לאנד־ווירטשאפטלעכע באפעלקערונג פון מאקסימום 350.000 נפשות. לאמיר ווייטער אָננעמען, אז מיר וועלן קענען עקספּלואַטירן אלע עקאָנאמישע און געאָגראפישע מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל: דער אידישער געביט וועט ווערן דער צענטער פון אינדוסטריע און פון ים־ און לאנד־קאמוניקאציע פאַרן גאנצן מזרח ארום אונז; און מיר וועלן דערגרייכן צו אזא געדיכטער שטאָטישער באפעלקערונג, אז דער לאנדווירטשאפטלעכער ישוב וועט אויסמאכן בלויז א פערטל אדער א פינפטל פון דער גאנצער באפעלקערונג. אַזוי־אַרום באקומען מיר א באפעלקערונגס־צאָל פאר דער אידישער מדינה — פון

1.400.000 ביז 1.750.000 נפשות. אויף דעמדאזיגן שטח געפינט זיך שוין אבער ביי היינטיגן טאג א ישוב פון 650.000 נפשות, אידן און אראבער, און דער נאטירלעכער צוואוקס וועט במשך 15—20 יאר, פארגרעסערן די צאָל ביז 850.000 נפשות בערך. מוזן מיר דעריבער קומען צום אויספיר, אז די אידישע מדינה וועט במשך 15—20 יאר קענען אויפנעמען א אידישע עליה פון א האלבן מיליאן ביז מאקסימום א מיליאן נפשות. דערדאזיגער חשבון איז אַן אַבסאלוט אָפּטימיסטישער. אלס פאָרבאדינגונג פאַר אזא אנט־וויקלונג מוזן מיר אויך אָננעמען: שלום אויף דער וועלט, פרידלעכע און פריינטלעכע באציאונגען מיט אלע שכנותדיגע לענדער, פולשטענדיגע, רואיגע און שטערונגסלאָזע עקספּלאָאַטירונג פון דער עקאנאמישער פּאָטענץ פון גאנץ ארץ־ישראל מיט איר הינטערלאנד אינם אראבישן מזרח. דער חשבון באַזירט אויף א באפעלקערונגס־געדיכטקייט (300—350 נפשות אויף א קוואַדראט־קילאָמעטער), וואס איז גרעסער ווי אין די אנטוויקלטסטע אינדוסטריעלע לענדער אין אייראפּע, ווי צום ביישפּיל בעלגיע און ענגלאנד, און איז אזוי גרויס ווי אין מצרים, וואו דאס גאנצע לאנד באשטייט פון באַוואַסערטער ערד.

היסטאָרישע פּערספּעקטיוון

איך פאַרזע נישט דידאזיגע מעגלעכקייטן און איך בין זיי נישט מבטל. לגבי דער אונז דראָענדער אַלטערנאַטיווע פון דער פארווירקלעכונג פונם צווייטן טייל פון קאמיסיע־באריכט, וואס באשרענקט די אידישע עליה אויף 12 ביז מאקסימום 15 טויזנט נפשות א יאר און ברענגט אונז דערמיט די סכנה פון פארגליווערונג און סטאַגנאַציע, זעט אויס די מעגלעכקייט צו קאנצענטרירן אין ארץ־ישראל במשך די נאענטע 15־20 יאר ביז א מיליאן אידן ווי אַן אויסוועג פון היינטיגן עלנד, א תשובה אויף דער ברענענדער אידישער נויט. אבער עס פרעגט זיך, וואס וועט זיין נאך 15 אדער 20 יאר, ווען די אויפנעם־מעגלעכקייטן פון לאנד וועלן שוין זיין אויסגענוצט ביז דער לעצטער גרעניץ. בן־גוריון האלט, אז אונזער דור וועט דערפילן זיין חוב פאר דער צוקונפט, ווען ער וועט זאָרגן פאר די נאענטסטע צוואנציג יאר, און די דאגה פאַר דער ווייטערער צוקונפט קענען מיר איבערלאָזן פאַר אונזערע קינדער. מיין ליבער בן־גוריון, ס׳איז אמת, אז מיר זיינען ביידע גרוי געווארן פאר דער צייט, אבער מיר זיינען נאך ביידע יונגע טאטעס פון קליינע קינדער. און די גאנצע באוועגונג, וואס זיצט דא פאר אונז, איז א באוועגונג פון יונגע טאטעס און מאמעס. אין 15 און 20 יאר ארום וועלן אונזערע קינדער אונז נאך קענען רופן צו פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר אונזערע מעשים.

בעת מיר האבן מיט 32 יאר צוריק געשטימט קעגן אוגאַנדאַ, איז די לאגע פון דער ציוניסטישער באוועגונג געווען א פארצווייפלטע. אונזער פּאָליטישע לאגע איז דאן געווען אויסוועגלאָז, דער קליינינקער ישוב אין ארץ־ישראל האט זיך געפונען אין א כראָנישן עקאָנאמישן קריזיס, קיין ארבעטנדער ישוב איז נאך אין ארץ־ישראל נישט געווען, דאס הייפל

אידישע קאָלאָניסטן האָט זיך געהאַלטן הויפּטזאַכלעך אויף עקספּלאָאַטאַציע פון אַראַבישער אַרבעט. אונזער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער כוח איז געווען א נישטיגער און נעבעכדיגער. און טראָץ אַלעם האָבן מיר געשטימט געגן אוגאַנדאַ, ווייל מיר האָבן געהאַט די איבערצייגונג און דעם גלויבן, אַז מיר האַלטן פאַר דעם צעפאַלן־זיך פון טערקיי, אַז די שלעכטע סיטואַציע וועט פאַרשווינדן און דער טערקישער אימפּעריאַליזם וועט אינגיכן צעשטערט ווערן. מיט דעמדאָזיגן גלויבן, אַז די היסטאָרישע אַנטוויקלונג וועט אַנטשיידן פאַר אונז, זיינען מיר צוגעטרעטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. צי קענען מיר מיט דעמזעלבן גלויבן אין דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און אונזער פּראָגנאָז בויען אונזער מדינה אויף 5000 קוואַדראַט־קילאָמעטער? ווען מיר ווילן אויף דעמדאָזיגן שטח אונזערן דערגרייכן דעם זעטיגונגס־פּונקט, ווילן מיר פאַר זיך האָבן נישט קיין דעגענערירטן אַראַבישן מזרח וואָס צופאַלט זיך, נאָר א רעגענערירטן אַראַבישן מזרח, וואָס וואַקסט אויף. אין 15־20 יאָר אַרום ווילן די אַראַבישע לענדער אַרום אונז זיין שטאַרקער און געפעסטיגטער. עס איז, הייסט עס, מעגלעך, אַז מיר ווילן דערגיין צו א קריסטאַליזירונג פון דעם אידישן ישוב, וואָס וועט זיך קאָנצענטרירן אינם תחום פון דער אידישער מדינה, אָן דער מעגלעכקייט פון א ווייטערדיגער אַנטוויקלונג. ס'איז נישטאָ קיין פאַראַנטוואָרטלעכערע און געפערלעכערע זאַך אין דער געשיכטע פון א פאָלק, ווי די באַשטימונג פון גרעניצן. גרעניצן ענדערן זיך נישט אָן שפיכת דמים. עס קען אַלזאָ זיין, אַז דער טיילונגס־פּלאַן וועט ווערן א לעזונג פאַר דער פראַגע פון דעם מיליאָן אָדער מיליאָן מיט א פערטל אידן, וואָס ווילן אַריין אין דער אידישער מדינה. אָבער נאָך דעם וועט קומען א סטאַביליזאַציע, אָן אָפּשטעלונג פון דער עליה, און — דער קריזיס פונם ציוניזם אַלס פאַרענטפערונג פאַר דער אידן־פראַגע אין גאָר־דער־וועלט. די טיילונג איז א שפרונג אין דעם טונקל פון דער געשיכטע. מען זאָגט אונז, אַז דאָס אָפּוואַרפן די טיילונג און יעדע אַנדערע אַלטערנאַטיווע, וועלכע קען זי פאַרבייטן ביי די איצטיגע באַדינגונגען, באַדייט ספּעקולאַציע אויף א בעסערער פּאָליטישער קאָניונקטור. אָבער אויך אָקצעפּטירן די טיילונג הייסט דאָך ספּעקולירן און וואַרטן אויף א באַשטימטער פּאָליטישער און היסטאָרישער קאָניונקטור אין דער צוקונפט, אָן דער זיכערקייט, אַז די היסטאָרישע אַנטוויקלונג וועט אַנטשיידן פאַר אונז. דער טיילונגס־פּלאַן איז א שפרונג — פול גרויסע סכנות — אינם נעפּל פון דער געשיכטע. איך באַטראַכט אים דעריבער נישט אַלס אונזער נצחון, נאָר אַלס א דורכפאַל און רעזולטאַט פון דער שלעכטער און פאַלשער פּאָליטיק, וואָס מיר האָבן געפירט.

קאָנפליקט פון צוויי נאַציאָנאַליזמען

מיר זיינען אין א נישט־קנאַפּער מאָס מיט־פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעמדאָזיגן דורכפאַל. במשך די לעצטע 15 יאָר האָבן מיר געטון אַלץ, כדי צו געבן א מעגלעכקייט דער קעניגלעכער קאָמיסיע צו דערגיין צו איר גרונד־טעזיס, — אַז עס עקזיסטירט אין ארץ־ישראל אַן אומלעזבאַרער סכסוך

צווישן די צוויי פעלקער און דעריבער איז דער מאנדאט, אזוי ווי ער איז, נישט רעאַליזירבאַר, ווייל מען קען נישט דערפירן צו א הסכם צווישן דער אראבישער נאציאָנאלער באוועגונג און דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר אליין האבן זיך געלאזט פאַרפירן פון דעמדאָזיגן טעזיס וועגן א מחלוקת צווישן צוויי נאציאָנאליזמען. — דערפאר איז אונז שווער צו פראָטעסטירן געגן די אויספירן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. איך בין נישט קיין „חכם לאחר המעשה". איר ווייסט, אז לאנגע יארן האב איך געוואָרנט און פאַרלאנגט א גרינדלעכע ענדערונג אין דער ריכטונג פון אונזער פאָליטיק לגבי דער אראבישער באוועגונג.

איך דערלויב מיר אייך צו דערמאָנען דאָס וואס איך האב פאַראַ־יארן געשריבן צום ראט פון דער וועלט־פאַראייניגונג אין גענף. איך האב דאן באַצייכנט מיט באַדויערן דעם פאַקט, אז מיר האבן נישט דערפילט בשלימות אונזער שליחות אין דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר האבן זי נישט באַווירקט אין דער ריכטונג פון זוכן אן אמתן און ממשותדיגן שלום מיט די אראבער. אָנשטאָט צו זוכן שלום האט זיך די באוועגונג באגנוגנט מיט שלום־דעקלאַראציעס, וועלכע זיינען נישט געווען פארבונדן מיט מעשים, מיט געדאַנקלעכער קלאָרקייט מיט זוכן א וועג. מיר האבן נישט דורכגעזעצט אונזער אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע אין דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאציע. אויך איצט בין איך נישט גרייט מסכים צו זיין, אז די פאלשע שיטה, לויט וועלכער מען פירט די ציוניסטישע באוועגונג שוין זינט פופצן יאָר, איז א היסטאָרישע נויטווענדיגקייט.

איך בין שטענדיג געווען שטאַרק באזאָרגט דערפון וואס אונזער גאנצע פאָליטיק שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף דעם ענגלישן פאַקטאָר. איר ווייסט, אז איך שעץ זייער הויך דאס ענגלישע פאלק, זיין קולטור און זיין כאראקטער. אבער איך האב תמיד געוואָרנט געגן דעם געדאנק, אז מיר דאַרפן זיך שטיצן אויסשליכלעך אויף דער ענגלישער פאָליטיק און זיך פאַרלאָזן אויפן „בונד מיט ענגלאנד". איך האב געזאָגט, אז דער בריטישער אימפעריאליזם וועט שטענדיג זיין גרייט אונז מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון זיינע אינטערעסן, אויב ער וועט זיך אָנשטויסן צוליב אונז אָן שוועריגקייטן. אינם סאַמע מהות פון דער ענגלישער פאָליטיק שטעקט די שיטה „נישט צו דערמוטיגן פריינט, נאר מפייס צו זיין פיינט", ווי עס זאָגט אַן ענגליש ווערטל. מען פלעגט מיר ענטפערן, אז מיר קענען נאך נישט זוכן קיין וועג פון פאַרשטענדיגונג מיט די אראבער, אז די צייט אַרבעט לטובת אונז, און אז צווישן די אראבער איז נישטא מיט וועמען צו פירן אונטערהאנדלונגען. אינם ליכט פון די געשעענישן פון די לעצטע צען יאר איז שוין נישט נויטיג צו קריטיקירן דידאָזיגע ארגומענטן. אָט די פאלשע שטעלונג האט דערפירט צום איצטיגן קריזיס. איצט האבן מיר נישט קיין שום בריק צו די אראבער. מיר זיינען פולשטענדיג אָפּהענגיג פון דער ענגלישער פאָליטיק און אירע פלענער. און פונדעסטוועגן איז נאך נישט צו שפעט אויסצונוצן דעם טיילונגס־פראָיעקט כדי אנצוהויבן אונטער־

האנדלונגען מיט דער אראבישער באוועגונג וועגן א פעדעראַטיווער פאַרענט־פערונג פון דער ארץ־ישראל־פראגע.

אַ פעדעראַטיווע ארץ־ישראל

נאך אוגאַנדאַ האט הערצל אויסגענוצט די לאגע אויף באנייען די אונטערהאנדלונגען מיט טערקיי. אין זיין טאָג־בוך האט ער פאַרשריבן אז א ווייט־זעענדיגער פאָליטיקער דאַרף אויך א דורכפאַל אויסנוצן פאר א נייעם אָנגריף און אויך מיר דארפן אויסנוצן דעם טיילונגס־פלאן אלס מיטל צו געפינען א וועג פון פאַרשטענדיגונג מיט די אראבער, — מיר דארפן אים אויסנוצן אלס אנהויב פון א נייער אנטוויקלונג. לאָמיר פון דער קאנגרעס־טריבונע פראָקלאמירן וועגן אונזער גרייטקייט צו פאַרהאנדלען וועגן דער שאפונג פון א פעדעראַטיווער ארץ־ישראל, וואס זאל באשטיין פון דריי אויטאָנאָמע געביטן: א אידישער געביט מיט אויטאָנאָמע רעכט אין עליה־ און לאנד־פראגן, אַן אראבישער געביט מיט דיזעלבע רעכט, און א דריטער, געמישטער געביט, וואס נעמט אריין ירושלים און דעם נגב, און געפינט זיך אונטער אַן אוממיטלבאַרער מאַנדאַט־הערשאפט, מיט רעכט פאַר א אידישער עליה לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעם־מעגלעכקייט. איך ווייס נישט וואס פאַר א אויסזיכטן זיינען פאַראן פאַרן דערפאָלג פון אזא פאָרשלאג, אבער ער עפנט א וועג פאר א הסכם מיט די אראבער, וואס פאַרזיכערט די גאנצ־קייט פון לאנד, וואס מיידט אויס די שאפונג פון א מיליטערישן און עקאָנאמישן גרעניץ צווישן אונז און צווישן דעם אראבישן שטח, און ער לייגט א יסוד פאַר א אידיש־אראבישער פעדעראַציע אויפן שטח פון א אינטעגראַלער ארץ־ישראל.

אויב די פאַרהאנדלונגען וועגן א אידיש־אראבישער פאַרשטענדיגונג וועלן זיך ענדיגן מיט א דורכפאַל, בין איך מודה אז עס וועט פאַר אונז נישט זין קיין אנדער ברירה ווי צו ווענדן זיך צו ענגלאנד וועגן מבטל מאכן דעם מאנדאט און שאפן א אידישע מדינה אויפן יסוד פון א פאַר־בעסערטער חלוקה. אמת, עס וועט נישט גרינג זיין צו דערגרייכן קענטיגע אויסבעסערונגען אינם פלאן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע.

אזוי גלויב איך נישט אין דעם פראָיעקט פון באפעלקערונגס־אויסבייט. וועגן גליל טראכט גארנישט די קעניגלעכע קאמיסיע, און אויך אין שרון־טאָל וועלן מיר נישט קענען ארויסרייסן 20.000 משפחות פעלאַכן, וואס זיצן אויף זייער ערד פון דור־דורות, און אריבערפירן זיי אין אַן אנדער טייל ארץ־ישראל. איך רייד נישט וועגן דער מאָראַלישער זייט פון דעם ענין. אויך פון פאָליטישן און עקאָנאמישן שטאנדפונקט איז דער פלאן נישט רעאַליזירבאר. אויב עס וועט געשאַפן ווערן א אידישע מדינה אין א טייל ארץ־ישראל, וועט עס זיין פאַר איר א לעבנס־נויטווענדיגקייט צו לעבן בשלום און אין האַרמאָניע מיטן אראבישן טייל ארץ־ישראל און מיט אלע שכנותדיגע לענדער. מען קען נישט בויען די מדינה מיט דער פערספעקטיווע פון א פאָליטישן און עקאָנאמישן קאמף מיט די אראבער. די קליינע מדינה

וועט קענען דערפילן איר שליחות — צו פאַרוואַנדלען אונזער מפּלה אין א נייעם אויפשטייג — אויב זי וועט געבויט ווערן אין גייסט פון שלום און באציאונגען פון געגנזייטיגקייט מיט דעם אראבישן טייל, אויב מיר וועלן זי באטראכטן אלס שטופּע אין אונזער אַנטוויקלונג, אלס עטאַפּ אויפן וועג צו א אידיש־אראבישער פעדעראַציע אין א גאנצער און געאייניגטער ארץ־ישראל.

מיר זיינען — אונטערן דרוק פון די באדינגונגען — אוועקגעשטעלט געווארן פאר א גורלדיגער אנטשיידונג. דער טיילונגס־פּלאן קען זיין דער אָנהויב פון סוף פון דער ציוניסטישער אידעע אלס פאַרענטפערונג פון דער אידנפראַגע, אדער אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם מיט שטאַפּלעכע מיטלען — אבער זאלן אויך די אָנהענגער פונם פּלאן פון א אידישער מדינה געדענקען, אז נאר דאן קען זיך דערמיט עפענען א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון ציוניזם, אויב מיר וועלן ביי זיך גובר זיין די אידעאָלאָגיע פון א פערמאַנענטן סכסוך צווישן אונז און די אראבער און וועלן בויען די מדינה מיט דער האָפנונג אויף א פעדעראַטיווער אידיש־אראבישער ארץ־ישראל.

י. באַנקאָווער

איך ווייס נישט ווען און וואו וועט זיך דערדאָזיגער ויכוח ענדיגן איך ווייס נישט צי האבן מיר ווען־עס־איז געהאט אזא גורלדיגן ויכוח ווי דער איצטיגער און איך האב מורא, אז מיר שאַצן נישט אָפּ ווי געהעריג זיינע רעזולטאטן און די ערנסטקייט פון איצטיגן מאמענט. לאָמיר זיך באַמיען אויסמיידן פּאַלעמישקייט. בן־גוריון האט נעכטן געזאָגט, אז דאס יאָר 1937 קען ווערן א יאָר פון זיג. איך האב מקנא געווען זיין גרויסן גלויבן, וואס איז גובר אלע סתירות און צווינגט אונז קודם כל צו גלויבן, אז דאס וואס מען לייגט אונז איצט פאָר, איז א גרויסער היסטאָרישער שאַנס. אבער איך האָב א סך ספקות: אויף וויפיל די זאך ווערט קלאָרער און מיר דערנעענטערן זיך צו א לעזונג, אלץ מער זע איך איין, אז דאס יאָר 1937 וועט אונז נישט ברענגען קיין גרויסן נצחון, און מיר דארפן זיך היטן — עס זאל נישט זיין קיין יאָר פון אומגליק און צוריקגאנג.

נישט געגן אַ אידישער מדינה

איך געדענק: ווען בן־גוריון האט אויף א זיצונג פון צענטראַל־קאמיטעט פון דער פּאַרטיי אין א״י צום ערשטן מאָל פונאנדערגעוויקלט פאר אונז דעם פּלאן פון דער אידישער מדינה, האט אלעמען אדורכגענומען א ציטער. די שפּאַנונג איז געשטיגן בעת ער האט אָנגעהויבן ארומשפּאַצירן איבער דער ארץ־ישראלדיגער מאַפּע און געצייכנט פאַר אונז די מעגלעכע און ווינשנסווערטע גרעניצן. ווארום אונז אלעמען איז נאָענט דער געדאנק פון א אידישער מדינה, פון אידישער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיגקייט; וואָרום מיר אלע שטרעבן צו א מאָמענט, ווען דער גורל פון אידישן פאלק וועט קענען באשטימט ווערן דורך אים אליין.

אין אונזער אומאויפהערלעכן פּאָליטישן קאמף געגן די רעוויזיאָניסטן האבן מיר קיינמאל נישט געקעמפט געגן דעם געדאנק פון א אידישער מדינה. מיר האבן געקעמפט געגן דער רעוויזיאָניסטישער פוסטער פלוידעריי וועגן דער מדינה, וועלכע זיי נוצן אלס מיטל זיך ארויסצודרייען פון ממשותדיגער ציוניסטישער ארבעט. אַנשטאט דעם האבן מיר פארלאנגט מאַקסימאַליסטישן ציוניזם, אקטיווע און גרויסע ציוניסטישע ארבעט אויפן עליה־ און קאָלאניזאַציע־געביט אלס פּאָר־שטופע און עטאַפּ צום וואוקס פון אונזער פּאָליטישן כוח. דעמדאָזיגן וואוקס האבן מיר באטראכט אלס אמתן טריט פּאָראויס אויפן וועג צו דער אידישער מדינה, וועלכע וועט געשאפן ווערן בעת מיר וועלן שוין זיין א רעאלער כוח אין ארץ־ישראל.

אויף דער דערמאָנטער זיצונג פון פּאַרטיי צ. ק. האט בן־גוריון רעזיו־מירט זיינע ווערטער אויף פאלגנדן אופן:

„דריי פּאָרבאַדינגונגען דארפן מיר ארויסשטעלן צום דעם פּאָרגעלייגטן פלאן: א) גרעניצן, ב) שטח, ג) קאָמפּעטענץ.

א) גרעניצן מוזן זיין צוגעפּאַסט און אנטשפּרעכנד פּאַר שוץ־באדערפנישן. ב) שטח אליין איז נאָך ווייניג. עס דארף באשטימט ווערן זיין גרויס, און זי דארף זיין 12 — 14 מיליאן דונאַם, ווייל דאס דערמעגלעכט אן אינערלעך־ווירטשאפטלעכע זיכערקייט און אויך א סטראַטעגישע זיכערקייט. ג) קאָמפּעטענץ איז, לויט אונז, דער טייטש — פולשטענדיגע סוווערעניטעט פון דער אידישער מדינה, ווייל נאר אזוי וועלן מיר קענען בייש־טיין געגן כלערליי געשעענישן און געגן עווענטועלע סכנות פון אונזער מאכט־איינשרענקונג מצד ענגלאנד.

דידאָזיגע דריי באדינגונגען האט בן־גוריון דאַמאָלסט פּאָרמולירט אלס אולטימאטיווע, ווייל „קליינע אונטערשיידן — האט ער געזאגט — קענען בילדן דעם אונטערשייד צווישן אומגליק און רעטונג“, און ער האט צוגעגעבן: „צווישן האָפנונג אויף גאולה און סכנה פון חורבן איז בלויז איין טריט“.

איז דען נישט קלאָר געווען באַלד פון אָנהויב ויכוח, אז דאס וואס בן־גוריון באַטראכט אלס מינימום און אולטימאַטום, קען גאָר נישט פּאַרווירק־לעכט ווערן?

די פּאָליטישע אומשטאַנדן העלפן נישט מיט

נישט אונזער רעאלער כוח; נישט אונזערע באציאונגען מיט ענגלאנד וואס וועלנדיג געפינען אַן אויסוועג אין דער איצטיגער אינטערנאציאָנאלער, סיטואציע און מורא האָבנדיג פּאַר נייע וועלט־קאָמפּליצירונגען, זוכט זי פארבינדעטע אין דער אידישער וועלט; נישט אונזערע באציאונגען מיט די אראבער, — באזונדערס איצט, נאך צוויי יאר אומרוען, אראבישן טעראָר און מיאוסן דורכפאל פון דער ארץ־ישראלדיגער אדמיניסטראציע, וועלכע האט דערמעגלעכט די אומבאגרעניצטע הערשאפט פון די שווארצע און צע־שטערנדע כוחות אין דער אראבישער געזעלשאפטלעכקייט, — אָט די אלע

באַקטאָרן וועלן אונז נישט מיטהעלפן צו באַקומען אזא פּאָליטישע לעזונג׳ וועלכע זאָל זיין מער־ווייניגער פּאָזיטיוו פאַר אונז. די פּאָליטישע אומ־שטאַנדן פאַרלאַנגען, מיר זאָלן אָפּלייגן די אנטשיידונג אויף אַ פאַר־אונז־גינסטיגערער צייט, און לעת עתה זאָלן מיר זאָרגן פאַר א שטאַרקערער פאַרפעסטיגונג פון אונזער אינערלעכן — קאָלאָניזאַטאָרישן, ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן כוח.

אָט די ספקות האָבן מיר געבראַכט צום אויסדרוק ביים אָנהויב ויכוח. מיר האָבן דאַן געזאָגט: מען טאָר איצט נישט שטעלן די פראַגע צו באַ־האַנדלונג און אנטשיידונג, ווייל די זאַך איז נישט רעאַל און נישט דורכ־פירבאַר, און שוין די אוועקשטעלונג פון דער פראַגע איז שעדלעך פון אויסערלעך־פּאָליטישן און פון אינערלעך־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. אָבער דאַמאָלס, מיט עטלעכע חדשים צוריק, איז געווען שווער צו פירן דעם ויכוח. פון איין זייט איז געווען — א האַרטע ווירקלעכקייט מיט מאַנגל אין זיכער־קייט, מיט סכנות פון מעגלעכע גזירות און מיט א סך צרות, און פון דער אנדער זייט האָט געוואונקען — א אידישע מדינה מיט סוווערעניטעט, מיט מעגלעכקייטן פון א גרויסער עליה און א ברייטער קאָלאָניזאַציע מיט מלוכהשע מיטלען. איצט אָבער האַלטן מיר שוין נאָך די אויספירונגען פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. קענען מיר אָננעמען דעם אונז־פאָרגעלייגטן פּלאַן?

איז דען פאַראַן ביי עמיצן א ספק אין דעם, אז מיר דאַרפן אלע אָפּוואַרפן דעמדאָזיגן פּלאַן? זעט דען עמיצער פון אונז אין דעם פאָרשלאַג כאָטש אַן אויסוועג פון דער שווערער און טראַגישער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך? בן־גוריון האָט געטאָן זיך און דער זאַך א גרויסע עוולה בשעת ער האָט דאָ דערקלערט, אז דאָס וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און זיך פאָרגעשטעלט אלס אידישע מדינה, איז געווען ווייניגער פון דעם, וואָס עס לייגט פאָר די קעניגלעכע קאָמיסיע. דאָס איז — אַן אומפאַרדינטער פאָרוואורף בן־גוריונען און אַן אומפאַרדינטער קאָמפּלימענט דער קעניגלעכער קאָמיסיע. שטימט דאָס, וואָס בן־גוריון זאָגט איצט, טאַקע מיט דער ווירקלעכקייט און מיט דעם ערשטן פּלאַן, וועלכן ער האָט באַטראַכט אלס מינימאַלן פּלאַן?

בן־גוריון מאַכט אַן אונטערשייד צווישן די דריי טיילן אינם באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. אמת איז, אז אינם באַריכט איז פאַראַן א טייל, וואָס שאַצט אָפּ אונזער אויפבוי־ווערק מיט א געהעריגער באַציאונג צו אונזערע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען. נאָך אונזער דערפאַרונג מיט די פריערדיגע קאָמיסיעס, וואָס זייערע ראַפּאָרטן זיינען געווען דורכגעדרונ־גען מיט פרעמדקייט און שנאה צו אונז, איז די טיילווייז־פּאָזיטיווע אָפּשאַ־צונג פונם איצטיגן באַריכט געווען אַ געוויכטע. דער באַריכט האָט טאַקע אַ טייל, וואָס איז — ווי איך זאָלט געזאָגט — ליטעראַריש און שיין, — דעמדאָ־זיגן טייל האָב איך גאָרנישט בדעה גרינגצושעצן.

אַן אַנטי־ציוניסטישער דאָקומענט

אָבער פּאָליטישע דאָקומענטן דאַרפן מיר באַטראַכטן נישט בלויז לויט זייער פאָרמולירונג נאָר אויך לויט זייערע פּאָליטישע און ממשותדיגע אויס־

פירן. און דוקא דער פּראַקטישער און פּאָליטישער טייל פונם קאָמיסיע־באַריכט איז דער סאַמע שווערסטער, — ער רעדט וועגן דער אַלטערנאַטיווע, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט זייער שווערע גזירות, מיט אַ סכּנה פאַר אונזער גאַנצן אויפבוי־ווערק. דערדאָזיגער רעזיומירנדיגער טייל דריידט איבער אַלע פריערדיגע אויספירן און ער פֿאַרוואַנדלט דעם באַריכט אין אַ ביטערן, אַנטי־ציוניסטישן דאָקומענט. דעריבער דאַרפן מיר זיך דערווייטערן פון דער פּאָעזיע, וואָס געפינט זיך אין די אַלגעמיינע און נישט־פאַרפליכטנדע טיילן, און זען מיט אָפענע אויגן די פּראָזע פונם באַריכט, — זיינע אַנטי־ציוניסטישע גזירות.

בן־גוריונס נעכטיגע רייד האָבן מיך נישט איבערצייגט. זיי האָבן שטאַרק געבראַכט צום אויסדרוק זיין ווילן צו באַקומען אַ אידישע מדינה, אָבער זיי האָבן נישט דערוויזן די מעגלעכקייט זי צו באַקומען און ברענגען דערמיט אַ לעזונג פאַר דער פראַגע פון אידישן פּאָלק. בן־גוריונס גרויסע ציוניסטישע וויזיע געפינט זיך אין אַבסאָלוטן געגנזאַץ צו די אויס־פירן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. און — אונז איז זייער שווער צו הערן אַ דערקלערונג, אַז אויף אַ שטח פון פינף מיליאָן דונאַם קענען מיר זייער אַ סך אויפטון, און אויף אַ שטח פון צוויי מיליאן דונאַם קענען מיר נישט קיין סאַך אויפטון? פירט זיך דען וועגן דעם דער ויכוח? נישט דאָס דאַרף מען אונז דערווייזן. מען וואָלט אונז געדאַרפט דערווייזן, אַז אַ שטח פון פינף מיליאַן דונאַם, וואָס איז צום גרויסן טייל שוין באַזעצט דורך אַראַבער, קען טאַקע געבן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע מיט מלוכהשע מיטלען פאַר מיליאָנען אידן, און אַז דאָס איז טאַקע די אידישע מדינה און די לעזונג פאַר דער אידן־פראַגע.

ווען מען וואָלט מיט עטלעכע חדשים צוריק געזאָגט די חלוקה־אָנהענגער, אַז אָנשטאָט 14 מיליאָן דונאַם וועלן מיר באַקומען 5 מיליאָן, — וואָלטן זיי דען דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז מען קען אָננעמען דעם חלוקה־פּראָיעקט? מיר דאַרפן זיך היטן פאַר רייד, וועלכע קענען אונז ברענגען אַ פּאָליטישן און דערציערישן שאָדן. מיר טאָרן נישט מיטהעלפן דער גריגג־שעצונג פונם מאַנדאַט און דער פּראָקלאַמירונג, אַז ער איז נישט רעאַלי־זירבאַר. וואָרום מען קען נישט וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין. עס קען זייער זיין, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער מאַנדאַט מיט אַלע זיינע שוואַכ־קייטן איז פונדעסטוועגן דאָס איינציגע געווער וואָס מיר פאַרמאָגן, און מיר וועלן דאַרפן מאָבּיליזירן אונזער גאַנצע איינפלוס־קראַפט, כּדי אים אָפּצוהיטן.

די טראַנספער־אילוזיע

בן־גוריון האָט נעכטן געזאָגט, אַז ער איז גרייט אויף אָנצונעמען דעם פּראָיעקט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, אָבער ביי צוויי באַדינגונגען: סוווערעניטעט און צוואַנגס־טראַנספער פון די אַראַבער. דאָס איז, אמת, אַ גרויסער פּראָגרעס לגבי דער שטעלונג פון פאַר דריי חדשים. אָבער לאָמיר אַנאַליזירן, ווי אַזוי ווערן די צוויי באַדינגונגען אויסגעטייטשט אינם

באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. סוווערעניטעט. — אין דעם קאַפּיטל געפינען מיר אפשר די שווערסטע גזירות און די ביטערסטע אנטוישונג. אָנשטאט סוווערעניטעט גיט מען אונז אַן ארומגעשניטענע מדינה מיט ארומגעשניטענע קאָמפּעטענצן, וועלכע דערמעגלעכן אונז נישט קיין ברייטע אויפבוי־ארבעט. און וואס ס'איז שייך דעם צוואנגס־טראנספער פון די אראבער, — אלס חבר פון רמת הכובש וואלט איך זיך זייער געפרייט פטור צו ווערן פון דער אָנגענעמער שכנות פון די מיסקי'ער, טירה'ער און קלקיליה'ער לייט. אבער איז עס דען מעגלעך? קען מען דען ריידן וועגן דעם ווי וועגן אַ רעאַל־פּאָליטישער מעגלעכקייט? איז דען ענגלאנד טאקע מסכים דערצו? האט זיך דען די קעניגלעכע קאמיסיע באמת פארפליכטעט צו אזא פּלאַן אדער בן־גוריונס רייד אין דעם פּונקט, זיינען בלויז א פּראָ־דוקט פון זיין ווילן? איך האב נאָכגעזוכט אין דעם באריכט און נישט געפונען קיין שום פארפליכטונג מצד דער קעניגלעכער קאמיסיע צום פּלאַן פון אראבישן צוואַנגס־טראַנספּער.

אין באריכט שטייט: „מען דארף אָנווענדן זייער גרויסע באמיאונגען כדי ארויסצובאקומען א הסכם פאר דער אָרגאניזירונג פון א באדן־ און באַ־פעלקערונגס־טראנספער. מען דארף האָפן, אז סיי די אראבישע פירער און סיי אויך די אידן וועלן ארויסווייזן יענע הויכע מאָס פּאָליטישן פארשטאנד, וואס עס האבן בשעתם ארויסגעוויזן די טערקן און די גריכן, און זיי וועלן למען השלום זיך אנטשליסן אויף דערדאָזיגער געוואַגטער אונטערנעמונג. און אויב עס וועט מעגלעך זיין ארויסצובאקומען א הסכם מכוח אריבערפירונג פון באדן און באפעלקערונג, — צי גערנוויליג אדער אויף אן אנדער אופן וועט מען דארפן בעטן דעם פּאַרלאמענט, ער זאל באשטימען א געלט־סובסידיע אויף צו דעקן די הוצאות פונם דערמאנטן פּלאַן".

דער באריכט זאגט, הייסט עס, אז עס איז פאראן א האפנונג: איז אבער באמת פאראן א האפנונג, אז די אראבער וועלן דערצו גערנוויליג מסכים זיין? וואס פאַר־אַ פּאָליטישער, עקאָנאָמישער אדער נאציאָנאלער חשבון וועט זיי באוועגן אריבערצוגיין אין אָרימען עבר הירדן און פּאַרלאָזן דעם פרוכטבארן און אנטוויקלטן שטח פון דער אידישער מדינה? דער געבראַכ־טער ביישפּיל פונם באפעלקערונגס־טראַנספער צווישן טערקיי און גריכנלאנד קען דא אבסאָלוט נישט גענוצט ווערן. די גריכן זיינען דאן געשטאנען פאר א מוז צו פארלאָזן טערקיי, אז נישט — וואלט מען זיי אויסגעשאָכטן, האבן זיי דעריבער „מסכים" געווען. אין אונזער פאל איז דאך סאַמע דער היפּך. עקאָנאָמישע מאָטיוון וועלן זיי באוועגן צו פארבלייבן אין דער אידישער מדינה, פּאָליטישע און נאציאנאלע מאטיוון וועלן זיי צווינגען צו פארבלייבן ביי אונז און צו זיין די קעמפער פאר די אראבישע רעכט און פאר זייער פארבינדונג מיט דעם אראבישן טייל און מיט די אראבישע לענדער בכלל. זיי אליין וועלן בשום אופן נישט פארלאָזן אונזער שטח און ס'איז אויך נישטא קיין האפנונג, אז ענגלאנד זאל אויף זיך נעמען די אויפגאבע זיי אריבער־צופירן, ווייל דאס קען אויפבונטעווען געגן איר נישט בלויז די ארץ־ישראל־

דיגע אראבער נאר די אראבער פון גאנצן מזרח. גלויבן אינם אראבער־טראנס־פער איז א אילוזיע, וועלכע האט נישט קיין שום אָנהאַלט אין דער פּאָליטי־שערווירקלעכקייט, און דעריבער איז זי שעדלעך.

מען דריקט אויס די מורא, אז אויב מיר וועלן נישט אָננעמען דעם חלוקה־פּלאַן, וועט אונזער לאגע ווערן נאך שווערער ווי זי איז און מיר וועלן אין די נאָענטסטע יארן מוזן אויסשטיין גזירות אויפן עליה־געביט און אויף אלע איבעריגע געביטן פון אונזער טעטיגקייט אין ארץ־ישראל. אזוי האָט מיר אויך געזאָגט איינער אן ארץ־ישראלדיגער חבר, וועלכער איז געווען געגן דער חלוקה און נאך זיין באזוך אין עטלעכע גלות־לענדער, וואו ער האט זיך באקענט מיט דער גרויסער אידישער נויט, האט ער געענדערט די מיינונג לטובת דעם חלוקה־פּראָיעקט. אבער פונוואנען נעמט זיך עס די זיכערקייט, אז דאס מסכים־זיין צו דער חלוקה וועט אונז גלייך צומאָרגנס געבן אַן עליה פון צענדליגער טויזנטער אידן און א מעגלעכקייט פון א גרויסער קאָלאָניזיר־טעטיגקייט? דער קאמיסיע־באריכט גיט אונז נישט קיין שום יסוד צו האָפן אויף א גרויסער עליה.

די איבערגאַנגס תקופה

דער סאמע שווערסטער, פארנעפּלסטער און געפערלעכסטער טייל פונם קאמיסיע־באריכט איז דער טייל וועגן דער איבערגאנגס־תקופה. דאָ ווייזן זיך ארויס אלע שוועריגקייטן און קאָמפּליקאציעס פונם חלוקה־פּלאַן, אָן דער זיכערקייט צו באקומען א גרויסע עליה, א מלוכהשע סוווערעניטעט און די מעגלעכקייט פאר א ציוניסטישער ארבעט אין א גרויסן, אונז־נויטיגן פאַרנעם.

וועגן די באָדן־ענינים שטייט אין דעמדאָזיגן טייל: „מען דארף טון דאס נויטיגע כדי צו פאַרווערן אידישן באָדן־קויף אין אראבישן געביט (ד.ה. אינם געביט פון דער אראבישער מדינה) און אראבישן באָדן־קויף אין אידישן געביט (אינם געביט פון דער אידישער מדינה)". און וועגן עליה זאגט זיך דארט: „אַנשטאט א פּאָליטישן „הויכפּונקט" דארף מען פעסטשטעלן פאר דער אידישער עליה א געאָגראפישע באגרעניצונג. מען טאָר נישט דערלויבן קיין אידישע עליה אין אראבישן געביט. היות ווי אזויאַרום וועט די אידישע עליה נישט האבן פאר זיך דעם אראבישן געביט, און היות ווי גאָר בקרוב וועט די אידישע מדינה זיין פאַראנטוואָרטלעך פאר די רעזולטאטן פון איר עליה, דארף מען דעריבער פעסטשטעלן די מאָס פון דער אידישער עליה לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעם־קראפט פון ארץ־ישראל, אראָפּרעכענענדיג דעם ארא־בישן געביט".

ב ן ־ ג ו ר י ו ן: אין דער איבערגאנגס־תקופה וועט די עליה־פראגע זיין לייכטער ווי ביז איצט. ביים בארעכענען די אויפנעם־קראפט פון לאנד האט מען ביז איצט גענומען אין אכט אויך די ארבעטסלאזיגקייט צווישן די אראבער. פון איצט אָן וועט דער אראבישער שטח נישט גענומען ווערן אין אכט. מיר האבן קיינמאל נישט אריינגענומען אין אונזערע שאצונגען, אז שכם נויטיגט זיך אין אזויפיל און אזויפיל ארבעטער. מיר האבן גערעכנט בלויז דעם אידישן און אינטערנאציאנאלן סעקטאָר, און די רעגירונג האט צוגעגעבן שכם.

באַנקאָווער: אָט דער פונקט, וועלכן בן־גוריון האט איצט דערוועקט, איז דער אנטשיידנדער. אבער עס איז נישט פאראן קיין שום זיכערקייט, אז אין דער עליה־פראגע וועט די רעגירונג האנדלען, ווי בן־גוריון איז משער. דאס דרינגט נישט ארויס פון די באריכט־אויספירן פאר דער „איבערגאנגס־תקופה".

מעגלעך, אז דאס אָפּווארפן דעם חלוקה־פּלאן וועט אונז נישט געבן קיין גרויסע מעגלעכקייטן פאר דער מאנדאט־פארווירקלעכונג, און מיר וועלן טאקע דארפן אויסשטיין פארשידענע־גזירות. אבער מיר האבן שוין געהאט תקופות פון גזירות און פון דרייסטע קאמפן, וועלכע האבן דערפירט צום ליקווידירן די גזירות און צום גובר זיין די שטערונגען. עס איז אבער פאראן א גרינדלעכער אונטערשיד צווישן צייטווייליגע גזירות, וואס מיר באקעמפן זיי, און צווישן דער גרויזאמער גזרה פון דער ארץ־ישראל־צעטיילונג, וועלכע מיר זיינען גרייט אנצונעמען מיטן גוטן ווילן און איינזען אין דעם א לעזונג און א רעטונג.

די סכנה פון אַנטווישונג

מיר שפּירן אלע דעם דרוק פון די אידישע מאסן אין חוץ־לארץ און זייער רייסן זיך צו א גיכער און גרויסער עליה. איך באשולדיג נישט די אידן אין פוילן און אין רומעניע, וועלכע פאלן אריין אין התלהבות פון דער מדינה, וואס האָט זיך באוויזן אויף זייער האָריזאָנט. זיי גלויבן, אז דאס קען ווערן א דרינגענדע רעטונג דורך א מאסן־עליה קיין ארץ־ישראל. אבער וואס עס איז דערלויבט א פארצווייפלטן אידן, וועלכער האט פאַרלוירן יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און יעדע געדולד צו ווארטן, איז בפירוש נישט דער־לויבט אן ערנסטער פּאָליטישער באוועגונג ווי אונזערע. וואָרום ווי עס וועט נאר קלאר ווערן דער גאנצער ענין אידישע מדינה אלס אומרעאלע, נישט־רעאליזירבארע זאך, וואס גיט נישט קיין לעזונג די פּראָבלעמען פון גרויס־ציוניזם, וועלן זיך פארשפרייטן גרויסע פארצווייפלונג און אנטווישונג צווישן די אידישע מאסן. דאן וועט אויף אונז פאלן די שווערע פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דעם מיטהעלפן דער פאַרשפרייטונג פון די געפערלעכע און אומבאגרינ־דעטע אילוזיעס.

אין דער איצטיגער תקופה שטייען מיר נישט פאַר ראדיקאלע אנטשיידונגען און ערנסטע נצחונות. די אויפגאבע אונזערע איצט איז — אקטיווע פּאָליטישע זעלבסטפארטיידיגונג. מיר דארפן זאמלען די כוחות פונם ישוב און פון דער ציוניסטישער באוועגונג, כדי צו פאַרפעסטיגן אונזער קוואַנטיטאַטיוון, קוואַליטאַטיוון און פּאָליטישן כוח אלס עטאַפּ אויפן וועג צו פארשטארקן אונזער זעלבסטשטענדיגקייט, צו פארגרעסערן אונזער קראפט און צו ענדערן די זאכ־לאגע אין ארץ־ישראל.

אויף דעמדאָזיגן שווערן, איצט אומפּאָפּולערן וועג, מוז אונזער באַ־וועגונג גיין. אונזער חוב איז — אָפּוואַרפן די חלוקה און ווייטערפירן אונזער טאָגטעגלעכע ארבעט, שיצנדיג זיך און גלייכצייטיג אָנגרייפנדיג דעם גאנצן פראָנט.

ש. לביא

כדי אָפּצוואַרפן דעם טיילונגס־פּראָיעקט האָט מען דאָ גערעדט וועגן אמת. יאָ, יעדער מענטש האָט אַ רעכט צו באַנוצן זיך מיט דעם וואָרט «אמת», אָבער נישט תמיד האָט דער אמתער אמת נוצן דערפון. עס זיינען נויטיג זייער שטאַרק אַנטוויקלטע חושים כדי ווירקלעך צו דערקענען און דערשפּירן דעם אמתן אמת.

אַלע כאַפּן זיך דאָ אָן אין יבניאַליס ווערטער אויף דער מועצה פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, וועגן דער נישטיגקייט פון אונזער כוח און טרעטן אַרויס געגן דעם. אויך איך מיין, אַז ער האָט אין דידאָזיגע ווערטער אַביסל מגזם געווען. יבניאַלי וואונדערט זיך: «אויב מיר פאַרמאָגן יאָ כוח, פאַרוואָס־זשע מאַכט מען אויף אונז פּאָגראָמען אין פּוילן און מען טרייבט אונז אַרויס פון דייטשלאַנד?», ער פרעגט נאָך אַזעלכע פראַגן. אויף דעם קען מען אים ענטפערן: אויב אין פּוילן שעכט מען אונז נישט יעדן טאָג אין די טויזנטער און אויב די אַנטשיידנדע מערהייט פון די דייטשישע אידן איז דאָך גע־בליבן אין דייטשלאַנד, — איז עס נור אַדאַנק דעם, אַמת, נישט גרויסן כוח, וואָס מיר פאַרמאָגן, און וועלכער קומט צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען אין פאַרשידענע ווינקלען פון דער וועלט. אויב ענגלאַנד פירט מיט אונז פאַרהאַנדלונגען, — דאַרפן מיר דערפאַר אויך זיין דאַנקבאַר דעמדאָזיגן נישט גרויסן כוח אונזערן. וואָס שייך אָט דעם כוח טאָרן מיר נישט מגזם זיין, — נישט פאָרשטעלן אים צו־גרויס און אויך נישט צו־קליין. מיר פאַר־מאָגן אַ געוויסן כוח, און מיט דעם פאַרמעג אונזערן טרייבט מען אונז פון דייטשלאַנד, מען מאַכט אויף אונז פּאָגראָמען אין פּוילן און רומעניע און מען פאַלט אויף אונז אָן אין ארץ־ישראל. לאָמיר נישט מגזם זיין וועגן אונזער כוח נישט פּאָזיטיוו און נישט נעגאַטיוו. אונזער כוח גענוגט אונז אָפּצו־אויף אָפּשלאָגן אַטאַקעס, ער גענוגט אָבער נישט אויף אָנגריפן און דעראָ־בערונגען.

דעריבער איז דאָס נוצן ביי יעדן פאַל קאַמף־פּראָקלאַמירונגען — מיר־זיינען דאָך תמיד גרייט צו פּראָקלאַמירן קאַמפן — נישט אַזוי אמתדיג. מיר באַזיצן טאַקע קאַמפּס־כוחות, זיי זיינען אָבער נישט גענוגנד. מיר דאַרפן קענען זיך באַגיין מיט זיי שפּאָרזאַם און זיי פאַרווענדן אויף דעם סאַמע עיקרדיגסטן, קאָנצענטרירטסטן און נויטיגסטן ציל. אונזערע קאַמפּס־כוחות זיינען נישט אַזוי פיל, — מיר זאָלן זיך קענען וואַרפן מיט זיי אומעטום.

וואָס פאַר אַן אויסוועג?

און איצט צום ויכוח גופא: מיר שטייען פאַר צוויי מעגלעכקייטן, מיר דאַרפן אויסקלייבן איינע פון זיי. וועלכע־זשע זאָלן מיר אויסקלייבן? — די ערשטע? דאָס איז אַ זיכערער אונטערגאַנג. דאָס איז אַ פּאַלעסטיניש־אַראַבישער גלות, וואָס איז ערגער פון אונטערגאַנג. ביי אַן עליה פון 12 טויזנט אידן אַ יאָר וועט אונזער וואוקס אין ארץ־ישראל, שוין צו־רעכענענדיג דעם נאַטירלעכן צוּוואוקס, זיין — 20 טויזנט אַ יאָר. דער

אראבישער צוּוואוקס איז 33 טויזנט א יאר. דאס הייסט, אז אונזער פּראָפּאָרץ לגבי די אראבער וועט יאָר־יערלעך קלענער ווערן, און נאכן פארלויף פון נישט קיין סך יארן, וועלן מיר אזוי זינקען אין דער פּראָפּאָרץ, אז אונזער גאנץ לעבן וועט נישט זיין כדאי.

לאָמיר־זשע אויף איין מאָמענט גלויבן, אז עס וועט אונז געלינגען צוצוגעבן א דריטע אַלטערנאַטיווע, — דאס איבערלאָזן דעם סטאַטוס־קוואָ, לאמיר אפילו מיינען — א פארבעסערטער סטאטוס, דאס הייסט, אן אמתדיג רעכענען זיך מיט דער עקאנאמישער אויפנעם־קראפט פון לאנד, — א זאך, וואס ביז איצט האבן מיר עס קיינמאל נישט דערגרייכט. איך גיי נאך ווייטער: במשך די נאענטסטע צען יאר וועלן מיר, אדאנק דעם פארבעסערטן סטאטוס, האבן אן עליה פון זעכציג טויזנט אידן א יאר. דאס איז, אמת, א זייער און זייער פאנטאסטישע סברה, — וואָרום די אויפנעם־קראפט ענדערט זיך דאך פון צייט צו צייט דורך עקאנאמישע און פּאָליטישע קריזיסן אדער דורך מלחמה־אומגליקן א. א. וו. אדער אויך דורך פארשידענע פאליטישע אויפפאסונגען פון דער בריטישער אדמיניסטראציע און עווענטועל־נייע סיטואציעס, — אבער איך נעם זי אָן: מיר וועלן האבן, ווי געזאגט, במשך צען יאר אן עליה פון זעכציג טויזנט אידן א יאר. איך בין גרייט אויף א ווייטערדיגע סברה, אַן אָנגענומענע אבער אין תוך א פאלשע, אז דער אראבישער צוּוואוקס באטרעפט בלויז 27 טויזנט נפשות א יאר, לויט די «מילס־ציפערן», און נישט 33 טויזנט, ווי עס באווייזט די פּאָרשונגס־ארבעט פון אונזער עקאנאמישער אָפּטיילונג. וועלן מיר, הייסט עס, לויט די אויס־רעכענונגען פון מילס, אין צען יאר ארום זיך אויסגלייכן צאָלמעסיג מיט די אראבער, — מיר וועלן זיין א מיליאן מיט 300 טויזנט נפשות, און די אראבער — אויך דאָסזעלבע. אזא צאָל לעבעדיגע מענטשן נויטיגט זיך דאך אין באָדן. דער וואס זארגט פאר די אינטערעסן פון די אראבער, וועט זיי דאך נישט באזעצן צווישן הימל און ערד, און אין דער מדבר אריין וועט ער זיי אויך נישט פארטרייבן. זיי וועלן זיך נויטיגן אין ערד. און היות ווי לויט דער אינערלעכער פּראָפּאָרץ פון די ארץ־ישראלדיגע אראבער באַ־טרעפט זייער דאָרפישער ישוב 80% פון דער גאנצער אראבישער באפעל־קערונג (ס'איז נישטא קיין שום גרונד צו מיינען, אז די פּראָצענט־פארהעלטניש וועט זיך בקרוב ענדערן, און איך צווייפל צי זיינען מיר פאראינטערעסירט זי צו ענדערן), וועט אויסקומען, אז דער וואס זארגט פאר זייערע אינטע־רעסן, וועט דארפן זאָרגן צו באקומען ערד פאר א מיליאן מיט 40 טויזנט אראבישע לאנדווירטשאפטלעכע נפשות. אויב מיר זאלן עס רעכענען לויט משפחות, באקומט זיך א צאל פון בערך 200 טויזנט משפחות. מיר וועלן זיכער זיין פאראינטערעסירט, אז די ערד פּאָר דידאָזיגע משפחות, זאל בלייבן אין די בערג, וואו זיי געפינען זיך מערסטנטייל אויך היינט. מיר, מיט אונזער אינטענסיווער און מעכאניזירטער ארבעט קענען זיך אנטוויקלען הויפּטזאכלעך אין די נידער־געביטן.

איצט וויל איך אָננעמען נאך א גאָר שטארק אָפּטימיסטישע סברה:

פון דער בארג־ערד, וואס געפינט זיך אין לאנד, מיט אירע פאַרשידענע סאָרטן און שטחים, וועלכע לאזן זיך זייער שווער באארבעטן, וועלן 100 דונאם קלעקן קלעקן פאַר דער אויסהאלטונג פון א פעלאַכישער משפחה. ד. ה. פאַר דער אויסהאלטונג פון 200 טויזנט פעלאכישע משפחות אין די בערג וועט מען דארפן 10 מיליאן דונאם, און זיי זיינען אין ארץ־ישראל נישט בנמצא. וועט דער וואס זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון די אראבער ממילא מוזן פאַרלאנגען אַן אנדערע באַדן־פאַרטיילונג. דאס וואס וועט אים פעלן אין די בערג וועט ער פאדערן אין די טאָלן. ביי א מאנדאט־הערשאפט וועלן מיר נישט האבן קיין אנדערע ברירה, נאר פאָלגן און נאכגעבן. און אויב די באָדן־פאַרטיילונג וועט טאקע פאָרקומען לויט אָט דער פאָדערונג פונם זאָרגער פאַר די אינטערעסן פון די אראבער, וועט זיך באקומען — אין גראָבע שטריכן — אזא רעזולטאט: 100 טויזנט משפחות וועלן באזעצט ווערן אין די בערג און אין א גרויסן טייל פון נגב, — 10 מיליאן דונאם; נאך 100 טויזנט משפחות וועלן באקומען פון די טאלן צוויי מיליאן דונאם, — לויט דעם חשבון פון 20 דונאם (באוואסערטע) פאַר א משפחה. אויב אזוי קומט אויס, אז במשך די נאָענטע 10 יאר וועלן די אראבער פארנעמען 12 מיליאן דונאם לאנדווירטשאפטלעכן באָדן פונם גאנצן ארץ־ישראלדיגן שטח.

חלוקה איז בעסער ווי יעדע אלטערנאטיווע

איצטער לאָמיר אביסל באטראכטן דעם גאנצן ארץ־ישראלדיגן שטח. דער שטח פון גאנץ מערבדיג ארץ־ישראל האט, ווי באקאנט, — 26 מיליאן דונאם. דערפון דארף מען, קודם־כל, אראָפּרעכענען 6 מיליאן דונאם, וועלכע זיינען לאנדווירטשאפטלעך נישט באארבעטונגס־פעאיג, ווי גאנץ מדבר יהודה, די אָזיערעס, דער ים המלח און דער כנרת, די וועגן און אייזנבאן־שטרעקעס און נאך אזעלכע שטחים. מען דארף אראָפּרעכענען נאך א דריי מיליאן דונאם פונם נגב, — וואנדערנדע זאמדן און געזאלצענע באָדנס. בלייבט אונז איבער בסך הכל, שוין צוזאמען מיטן נגב, א שטח פון 17 מיליאן דונאם. איך וועל זיך נישט ארייננלאָזן אין פרטים וועגן נגב, כאָטש אין יענער געגנט דארף א פעלאַכישע משפחה, אָן געלט און אָן טעכנישע מיטלען, לויט מיין מיינונג, מינימום 400 דונאם. אבער איך בין גרייט אָנצונעמען דעם שאַבלאָן פון הונדערט דונאם פאר א משפחה אויך לגבי דער נגב־געגנט. האבן מיר, בכן, אין גאנץ ארץ־ישראל 17 מיליאן דונאם באארבעטונגס־פעאיגן באדן, שוין לויט די סאמע אָפּטימיסטישסטע אויסרעכענונגען. 12 מיליאן דונאם וועלן, אין צען יאר ארום, פאַרנעמען די אראבער אנטשפרעכנד זייער נאטירלעכן צוואוקס, — וועט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאציע פאַרבלייבן נישט מער ווי 5 מיליאן דונאם. דאס איז עפּעס ווייניגער פונם שטח, וואס די קעניג־לעכע קאמיסיע לייגט פאַר איצטער, בשעת די געשפּאַנטקייט פון דער באדן־פראגע איז נאך נישט דערגאנגען צום העכסטן פונקט.

עפּעס ווי מן השמים זעט עס אויס. נאך איידער עס איז געקומען דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע האט זיך ארץ־ישראל שוין צוטיילט, פון זיך זעלבסט צי לויט אונזער אינסטינקטיווער אויסוואַל.

אומגעפער אזוי ווי דאס לייגט איצט פאַר די קעניגלעכע קאמיסיע. אין תוך גענומען איז דער פאַרשלאג פון דער קאמיסיע נישט קיין פאַרשלאג פון א צעטיילונג נאר א באשטעטיגונג פון א פאַקט. די קאמיסיע איז אייגנטלעך גארנישט מחדש נאר זי שטעלט פעסט די גרעניצן פאַר די שוין עקזיס־טירנדע תחומים. און אויך די יאָ־זאגער פארלאנגען דאך דידאזיגע גרעניצן אויסצובררייטערן.

וואס האב איך מיט דעם אלעם געוואָלט דערוויַיזן? איך האב געוואָלט דערוויַיזן, אז אפילו אָט די חלוקה, וואס אין איר איצטיגער פאָרם קעמפן מיר אלע געגן איר, איז פאַר אונז בעסער ווי יעדע אנדערע אַלטערנאַטיווע, מעג זיין, די סאמע בעסטע.

דערביי וויל איך ווידעראַמאָל באַטאָנען: דאס אלץ וואס איך האב פריער געזאגט איז געווען באזירט אויף די סאמע אָפּטימיסטישסטע סברות. פאַקטיש וועט אין צען יאר ארום די לאגע זיין א סך ערגער פאר אונז. ווארום אינדערעמתן איז פאראן וויַיניגער באארבעטונגס־פעאיגער באדן ווי אין די פריער־געבראכטע ציפערן.

במשך די לעצטע צוואנציג יאר פון אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל זיינען מיר געוואקסן מיט 340 טויזנט נפשות. אין דערזעלבער צייט איז די אראבישע באפעלקערונג געוואקסן מיט 450 טויזנט נפשות. כדי צו דערגרייכן אָט דעם קליינעם וואוקס אונזערן, האבן מיר געמוזט אריינ־ברענגען אין לאנד א סך צענדליגער מיליאנען פונטן, א סך מענטשלעכע קרבנות און מיר האבן געמוזט קאָנצענטרירן א סך פאָלקס־כוחות און ענערגיע. דער אראבישער וואוקס איז פאָרגעקומען פון זיך זעלבסט, אָן קיין שום אינוועסטירונגען, נישט פון געלט־מיטלען און נישט פון ספעציעל־קאָנצענ־טרירטע כוחות. אדרבה, זייער וואוקס איז געווען באגלייט פון גרויסע געלט פארדינסטן, פון א גוואלדיגער באריַיכערונג. דערצו האט מען זיי נאך געגעבן אומאויפהערלעכע פאָליטישע קאָמפּענסאַציעס און אזויארום גוט גענערט זייער וואקסנדן, פייַנטלעכן נאציאָנאליזם. אונזער עליה באריי־כערט זיי און צעווילדעוועט זיי געגן אונז כסדר. זי גיסט אייל אויפן פייער פון שנאה צו אונז. מיר זיינען געוואָרן פאר זיי א רעזערוואואַר פון געלט און באקוועמלעכקייטן, מיר האבן זיי געשאפן א זייער גרויסע און אויבערפלעכלעכע אינטעליגענץ, וועלכע שטייט בראש פונם קאמף געגן אונז.

די צייט איז געגן אונז

אין יעדן פאָליטישן קאמף וויל יעדער קעמפנדער צד געווינען צייט. און מיר געפינען זיך תמיד אין א מצב פון פאַרשפעטיגער. יעדעס אָפּלייגן פון וואס פאַר־אַ פראגע עס זאל נישט זיין איז פאר די ענגלענדער א צייט־געווין, וואס ברענגט מיט זיך אויך ממשותדיגע געווינסן. אויך די אראבער געווינען צייט, און ממילא אויך עפעס ממשותדיגס. פון יעדער אָפּלייגן, נאר מיר אליין זיינען די פארשפעטיגער. פאר אונז איז יעדעס אָפּלייגן א מוראדיגער שאָדן. די ענגלענדער פארפעסטיגן זיך אינצווישן אָן אונז. די אראבער פארמערן זיך אינצווישן און פארכאפן אונזערע

ערטער. יעדעס יאר, יעדן חודש, וואס עס האלט זיך אָפּ די עליה פון נייע אידן, ענדערט זיך די פּראָפּאָרץ צווישן אונז און די אראבער צוזאַמ־שלעכטן פאר אונז.

מען זאָגט: לאמיר קעמפן פאר א בעסערן סטאטוס. אבער דערווייל וועלן דורכגיין עטלעכע יאר און אונזער קליינע פּראָפּאָרץ וועט נאָך קלענער ווערן, און דורכדעם וועט אויך שוואכער ווערן אונזער קאמפּס־כוח, בעת דער קאמפּס־כוח פון די אראבער וועט זיך פארגרעסערן. ער וועט זיך פאַרגרעסערן נישט בלויז צוליב דער פארקלענערונג פון אונזער כוח, נאר אויך דערפאר ווייל מיר וועלן ווייטער, און נאך אין א גרעסערער מאָס, דינען פאר זיי אלס רעזערוואואַר פאר געלט־און פרנסה־קוועלן, וועלכע וועלן זיי מיטהעלפן אינם קאמף געגן אונז. אָנשטאָט צו שליסן פאר זיי אָט די קוועלן — וואס דאס ווערט דערמעגלעכט דורך דער חלוקה און דורך דער, אמת קנאפּער, זעלבסטשטענדיגקייט — ווי עס פירט זיך אין יעדן קאמף צווישן פעלקער, וועלן מיר זיי ווייטער האלטן אָפן פאר זיי. יאָ, די חלוקה איז בעסער ווי דער סטאטוס, וואס צו ענדערן אים לטובת אונז — איז נישטא קיין שום האפנונג אין די נאָענטסטע יארן.

איז דער פעלקער־בונד אונזער שטיצפּונקט?

עס ווערט געזאגט: נישט קיין מדינה גיט מען אונז נאר א פּיקציע פון א מדינה, און צוליב אזא פּיקציע טאָרן מיר נישט מוותר זיין אויפן מאנדאט, וועלכער איז פארבונדן מיט א אינטערנאציאָנאלער גאראנטיע און מיט דער פאַראנטוואָרטלעכקייט פון פעלקערבונד. אבער, חברים! מיר האבן דאָך ביז דער לעצטער תקופה, ממש, ביז די לעצטע שעה׳ן כסדר גערעדט וועגן דער פּיקציע פונם פעלקערבונד און וועגן דער באדייטונגס־לאָזיגקייט פון דערדאָזיגער אינטערנאציאָנאלער גאראנטיע. פּלוצלונג איז אויפגעשטאנען תחית־המתים דער פעלקערבונד מיט זיין פעסטער גאראנטיע־קראפט. פּלוצלונג איז ער ווידער געווארן א כוח, וואס וועט אונז שיצן און וועט באשטימען א פארגרעסערטע עליה און באָדן־געזעצן לטובת אונז! אָט דער פעלקערבונד, וואס פינף מאל האט מען געמאכט אויף אונז פּאָגראָמען פאר אים אין די אויגן און ער איז זיך געבליבן אין דער ראָל פון א מיט־פילנדיגן אדער נישט־מיטפילנדיגן, אָבסערוואטאָר; אָט דער פעלקערבונד, וואס האט רואיג צוגעזען ווי מען האט טראָץ די מאנדאט־פארפליכטונגען אונז באגרעניצט און איינגעשרענקט סיי אין דער עליה און סיי אין באָדן־דערװאָבערונג, און אויך נישט רעאגירט נישט ביי דער ערשטער ארץ־ישראל־צעטיילונג און נישט בעת מען האט די פריער ספּעציפיש־אידישע ארץ־ישראל־פראגע פארוואנדלט אין א ספּעציפיש־אראבישער פראגע, — דער־זעלבער פעלקערבונד איז פּלוצלונג געווארן אזא כוח, וואס מען טאָר אויף אים נישט מוותר זיין אויף פאַרן פרייז פון א געוויסער אידישער זעלבסט־שטענדיגקייט!

דער אמת איז: מיטן מאַנדאט האט די בריטישע מאכט געטון מיט אונז וואס זי האט געהאַלטן אלס גוט פאַר אירע אינטערעסן. דאס וועט זיכער געשען אויך אָן דעם מאנדאט. זי וועט פירן איר פּאָליטיק דורכאויס

אין איינקלאנג מיט אירע אינטערעסן, ווי זי פארשטייט זיי. אין דידאָזיגע באדינגונגען מוזן מיר ווייטער פירן אונזער ארבעט ווי מיר האבן עס געטון ביז אהער, האלטנדיג אז אונזערע אינטערעסן געפינען זיך נישט אין ווידערשפרוך צו אירע. און פון דער אנדער זייט: איז דען עמיצער מוותר אויף וועלכער־עס־איז אינטערנאציאָנאלער גאראנטיע? די אידן־פראגע איז א אינטערנאציאָנאלע פראגע און די לעזונג אירע מוז זיין א אינטער־נאציאָנאלע. זייענדיג פארטרעטן אין דעמזעלבן פעלקערבונד, וועלן מיר קענען ארויסברענגען אונזערע אינטערנאציאָנאלע פראגן און די אינטער־נאציאָנאלע עוולות פון דער וועלט געגן אונז אסך בעסער ווי אויף א יעדן אנדערן וועג פון אינטערנאציאָנאלער גאראנטיע. זייענדיג אינעווייניג, וועלן מיר אסך בעסער קענען באאומרואיגן מיט אונזערע צרות די פעלקער, וואס זיינען אין אים פארטרעטן. מיר וועלן דאן א סאַך בעסער קענען אויסמיידן פאלשע אויסטייטשונגען פון אינטערנאציאָנאלע פארפליכטונגען לגבי אונז.

מען האט דא געזאגט: נישט איינמאל איז אונז געלונגען אָפּצו־שרייען שווערע גזירות געגן אונז, — וועלן מיר, בכן, אויך קענען אָפּשרייען די אלטערנאטיוועס־גזירה. אבער, — ווען איז עס אונז געלונגען אָפּצושרייען גזירות? אמת, מיר האבן בשעתה אָפּגעשריען די פּאַספילד־גזרה און באקומען דעם מאקדאָנאלד־בריוו. אבער ווער האט באמת געזיגט? מיר דוכט, אז פּאַספילד און נישט מאקדאָנאלד. אזוי פיל יארן נאך דעם מאקדאָנאלד־בריוו מוזן מיר זיך כסדר ראנגלען מיט דראַקאָנישע באדן־געזעצן, מיט זייער אָפּט באנייטע עליה־גזירות, און מיט אויסטייטשונגען פון גזירות און פון צוזאָגן. יאָ, עס זיינען געווען עטלעכע יאר פון פארשטארקטער עליה, אבער דאס זיינען געווען יארן פון א אויסערגעוויינלעכן דרוק, פון א דערשיטערטער וועלט נאך די גזירות פון «דריטן רייך», און פון א קאָלאָסאלן געלט־שטראָם קיין ארץ־ישראל פון דער גאנצער אידישער וועלט. איצט ווען די וועלט האט זיך שוין אביסל צוגעוואוינט צו די גזירות, האט זיך ווידער איינגעקוועטשט די אימפעריאליסטישע פויסט און די עליה איז ווידער איינגעשרענקט געווארן לויט דער אויפפאסונג פון די בריטישע אינטערעסן ווי זיי ווערן פארשטאנען אין קאָלאָניען־מיניסטעריום.

האבן מיר אפשר אפגעשריען די גזירה פון לעגיסלאטיוון־ראט? ניין, דעם ווילן איינצושמעלערן אונזערע רעכט דורך דעם ראט־פראיעקט זיינען מיר נישט בייגעקומען. אָנשטאָט אים האט מען אונז, געגעבן די געשעענישן פון 1936 און די קעניגלעכע קאמיסיע. פון דער כוונה פונם פּראיעקט פון לעגיסלאטיוון־ראט האבן מיר זיך נישט געראטעוועט אויך נאכדעם ווי עס איז אונז כלומרשט געלונגען אים אפצושרייען.

חברים האבן דא נאך געזאגט: ענגלאנד לייגט אונז פּאַר די טיילונג נישט לטובת אונז, נאר אירע אימפעריאליסטישע אינטערעסן האבן זי־געבראכט דערצו, און ביי מער פּאַסיגער געלעגנהייט וועט זי אונז פאר־קויפן. אבער מיט אָט דער נישט־אָרנטלעכער ענגלאנד, וואס באשווינדלט אונז אזוי פיל — איך חזר איבער אַלדאָס שלעכטס וואס מען רעדט אויף איר, כאטש איך בין דערביי נישט מסכים — וועלן מיר נאך פונדעסטוועגן

א סך יארן זיין פארבונדן, לויט אונזער אייגענעם ווילן און אויסוואַל און ווער ווייסט, ווי אזוי מיר וואלטן געקענט פאָרזעצן אונזער ארבעט אָן איר. אט דעם אמת — צי ער פּאַסט אונז אדער נישט, צי ער איז גוט פאר אונז אדער שלעכט — מוזן מיר אנערקענען. מיר נויטיגן זיך אין א כוח, וואס מיר זאלן זיך קענען שטיצן אויף אים. מיר נויטיגן זיך זייער אין א פעסטן שטיצפונקט. קיין אנדער שטיצפונקט איז נישטא. מיר ווען זיך נישט ווענדן נישט צו פוילן, נישט צו דייטשלאנד און נישט צו איטאליע, — זיי זאלן ווערן אונזער שטיצפונקט. זיי אלע זיינען לגבי אונז ערגער פון ענגלאנד אין אלע הינזיכטן. אמת, עס איז פאראן אמעריקא. צו איר וואָלטן מיר זיך געקאנט באציען מיט מער צוטרוי, זי האט נישט צי טון מיט קיין מוסולמענישע פראגע, אויף איר האבן א גרויסע השפעה אירע פיר מיליאן אידן, — אבער זי וויל עס נישט.

וואָס דאַרפן מיר פאַרלאַנגען

מיר זיינען דעריבער, ווי געזאגט, פארבונדן מיט ענגלאנד. און אָט האט די ענגלישע קעניגלעכע קאָמיסיע אונז דערלאנגט די צוויי אלטער־נאטיוועס. איינע — צו לאָזן ווייטער דעם מאנדאט, און צו באַגרעניצן די עליה און אונזער גאנצע ארבעט אין ארץ־ישראל. און די צווייטע — מבטל צו מאכן דעם מאנדאט און געבן אונז א געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט בלויז אין א קליינעם טייל פון לאנד. אָפּוואַרפן די ערשטע אלטערנאטיווע, וועלכע איז פאר אונז ערגער ווי אונטערגאנג, קענען מיר נאר נאכדעם וואס מיר וועלן אָננעמען די צווייטע. יא, צוזאמען דערמיט מוזן מיר זיך איבערלאזן א מעגלעכקייט צו קעמפן פאר אונזערע אנדערע רעכט אין ארץ־ישראל און פאר דעם נאטירלעכן רעכט צו מאָנען און פאַרלאנגען יעדן פרייען שטח אין לאנד און אין דער סביבה פאר אונזערע אנטלאָפענע פון גרויזאמקייטן אין די גלות־לענדער. איך גיב דאס צו נישט ווייל איך האלט די פארגע־שלאָגענע טיילונג פאר אזוי שלעכט און אומגערעכט פון אלע שטאַנדפּונקטן (איך מיין דערמיט נאטירלעך נישט ירושלים און דעם דרייעק צווישן ירמוק און דעם ירדן. דאס אויסשליסען אט די צוויי פונקטן פונם שטח פון דער אידישער מדינה איז א גזילה וואס קיין גרעסערע קען גאר נישט זיין. דאס איז בפועל ממש — ארויסרייסן אַן אבר פון א לעבעדיגן קערפּער), נאר מיר דארפן מאָנען און פאַרלאנגען יעדן שטח אין ארץ־ישראל און אין דער סביבה, ווייל דער קליינער שטח, וואס ווערט אונז צוגעטיילט, קלעקט נישט פאר א פאָלק פון 17 מיליאן מענטשן.

די פאָדערונג צו די אראבער, אז זיי זאלן זיך א רוק טון און אָפּ־טרעטן אונז זייער אָרט אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האבן גענוג ערטער און מיר האבן נישט אין גאַר דער וועלט קיין איין ווינקל, וואו מיר זאלן קענען זיצן רואיג און זיכער, — דידאזיגע פאָדערונג פאר זיך זעלבסט האלט איך פאר זייער א גערעכטע און זייער א מאָראַלישע, אבער אין איצטיגן מאמענט קענען מיר זי נישט ארויסשטעלן פאר דער פּאָליטישער וועלט אלס ערנסטע פאָדערונג. דעריבער זענען מיר געצוואונגען מסכים צו זיין אויף דער חלוקה.

און זאָל מען נישט קומען מיט דער טענה: די פאָרגעשלאָגענע חלוקה גיט אונז בלויז א צוואָנציגסטל פון גאנץ ארץ־ישראל, וואס אַנטהאלט דאָך ביידע זייטן ירדן. וואו איז דען עבר הירדן אינם איצטיגן מאנדאט־סטאטוס? אויב מיר האָבן שלום געמאכט מיטן אָפּרייסן עבר הירדן אינם מאנדאט־סטאטוס, פאַרוואָס־זשע מוז זיך עס ענדערן ביי דער חלוקה? די חלוקה פארקלענערט דאָך כמעט גאָר נישט די שטחים, וועלכע קומען אין באטראכט פאר אונזער קאָלאָניזאציע ביי יעדער אַנדער אַלטערנאַטיווע.

אמת, בשעתן ענדערן דעם פּאָליטישן סטאטוס פון ארץ־ישראל איז פאראן א געלעגענהייט צו באנייען אונזער פאָדערונג אויפן עבר הירדן, אדער ריכ־טיגער, אויפן טאָל, וואס פון ביידע זייטן ירדן, וויל דער אונז פאָרגעלייגטער שטח געגוגט אונז נישט, און די שטחים אין די ירדן טאָלן זיינען פוסט. אבער דידאזיגע געלעגענהייט ארויסצושטעלן אונזער פאדערונג וועגן עבר הירדן דארף נישט פארוואנדלט ווערן אין אן אָפּשרעק־מיטל געגן דער טיילונג. די פראגע עבר הירדן קען מען נישט ארויסשטעלן אלס באדינג פאר דער חלוקה נאר אלס גערעכטע פאָדערונג, וועלכע דארף קומען צום אויסדרוק ביי דער געלעגנהייט און דאס זעלבע אויך וועגן נגב. אָן אונז וועט ער בלייבן וויסט, מיר וועלן אים קענען אויפלעבן. דעריבער קומט ער אונז.

פאראן פיר פונקטן, פאר וועלכע מיר אלע זיינען גרייט צו קעמפן ביז אנזער סאמע לעצטער מעגלעכקייט, דאס זיינען: א) ירושלים — נישט בלויז צוליב איר היסטארישער היליגקייט נאר צוליב די 75 טויזנט אידן וואס לעבן דארט; ב) די וויסטע באָדנס, וועלכע מיר קענען אויפלעבן; ג) די מעגלעכקייט פאר א גרויסער עליה אויך אין דער איבערגאנגס־תקופה, כדי מיר זאלן, אין מאמענט פון באקומען זעלבסטשטענדיגקייט, זיין א קענ־טיגע מערהייט אין אונזער זעלבסטשטענדיגן שטח; ד) די אלע נויטיגע אויס־בעסערונגען אין דעם פראָיעקט פון אונזער זעלבסטשטענדיגער הערשאפט. וואס אָן זיי איז די זעלבסטשטענדיגע הערשאפט נישט מער ווי א פיקציע.

די אַראַבישע מינדערהייט

און איצט — נאך עפּעס וועגן דעם שרעקן אונז מיט די 300 טויזנט אראבער, וועלכע פארבלייבן אין אונזער זעלבסטשטענדיגן שטח. עס איז קלאר, אז אונזער מצב איז א טראגישער און שווערער. מיר זיינען א שוואך, באָדנ־לאָז פאלק. מיר ווייסן נאך נישט וויאַזוי מיר וועלן הערשן איבער זיך זעלבסט, וויאַזוי מיר וועלן דערפירן צו א אינערלעכן שלום און א איינהייט־לעכן פראָנט, וועלכע זיינען נויטיג ווי לופט צו אָטעמען פאַר דער אויפ־בויאונג פון אונזער קנאַפּער זעלבסטשטענדיגקייט. ביי דערדאזיגער לאגע וועט זיך געפינען צווישן אונז א גרויסע און פיינטלעכע מינדערהייט, וועל־כע וועט זיין פארבונדן מיט א סך שטארקע שונאים פון דרויסן. אזא מינ־דערהייט קען אויף אונז ברענגען זייער גרויסע אומגליקן. איז בכן: די נייע־זאָגער ווילן עס נישט, נאר וואס־זשע דען? מיר זאלן בלייבן א שוואכע מינדערהייט אין א פיינטלאכער מערהייט? איר ווילט נישט דריי הונדערט טויזנט אראבער צווישן 400 טויזנט אידן, — און 400 טויזנט אידן צווישן

א מיליאן אראבער ווילט איר יאָ? און אויב מיר ווען אפילו דערגרייכן ביז אָנדערטהאלבן מיליאן אידן און די אראבער וועלן אויך זיין אָנדערט־האלבן מיליאן, — וועט אונזער לאגע, אונזער זיכערקייט זיין א פעסטערע? איז דען פאראן א האָפנונג, אז ביי דער מאנדאט־הערשאפט וועלן מיר וועןעס־איז ווערן אזא מערהייט אין ארץ־ישראל, אז די אראבישע מינדערהייט וועט בלייבן באדייטונגסלאָז און אומשעדלעך פאר אונז? ניין. אזא האפנונג איז נישטא ביי די באדינגונגען פון דער מאנדאט־הערשאפט, זי איז אבער יא פאראן ביי די פארגעלייגטע חלוקה־באדינגונגען. דער חלוקה־פראָיעקט צעטיילט דאך נישט בלויז די ערד נאר אויך די באפעלקערונג, — ער נעמט אראָפּ פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט א באַלאַסט פון 700 טויזנט אראבער, און לאזט איבער נאר 300 טויזנט. ריכטיג, אויך דאס איז פאר אונז זייער שווער, אבער ביי אזא צאל איז פאראן א באגרינדעטע האפנונג, אז מיר וועלן זיי איבערשטייגן, — אז פון 45% וועלן זיי ווערן 30% אדער 20%. דעריבער זיינען מיר אזוי פאראינטערעסירט אין דער גע־שטאלטונג פון דער איבערגאנגס־תקופה. מיר ווילן, אז במשך דערדאזיגער תקופה זאל שוין שטייגן אונזער פראָצענט־פארהעלטניש. דאס קענען מיר דערגרייכן נישט בלויז דורך עוואַקואַציע נאר אויך דורך דער פארגרעסע־רונג פון אונזער עליה. דורך א פארגרעסערטער עליה וועלן מיר דורכפירן צווישן די אראבער, וואס וועלן פארבלייבן ביי אונז, א גרויסע שלום־ארבעט א גרויסע קולטורעל־דערציערישע ארבעט. די דאזיגע שלום־ארבעט וועט פאר־גרינגערט ווערן דורך דער פארבעסערונג פון זייערע לעבנסבאדינגונגען, וועל־כע וועלן אויף יעדן פאל זיין בעסער ווי די לעבנסבאדינגונגען פון די אראַ־בער אין די שכנותדיגע לענדער.

י. העלמאַן

איך וויל נישט רעדן וועגן די טאָפּאָגראַפּישע, געאָגראַפישע און סטראַטע־גישע מעלות און חסרונות פון דעם מלוכה־פּראָיעקט. אויף דעם געביט זיינען פאראן בעסערע עקספּערטן און אויטאָריטעטן. אבער איין זאך וויל איך קאָנסטאַטירן: די גרויסע עליה האט זיך אריינגעגאָסן אין דעם ראַם פון דער טעריטאָריע, וועלכע מען לייגט אונז איצט פאָר אלס א אידישע מלוכה. אויב מיר קעמפן ווייטער פאר א גרויסער עליה, האבן מיר דערווייל נאך אלץ אינזינען דעם שטח, אויף וועלכן עס באזירט זיך דער מלוכה־פּראָיעקט. דער נגב איז נישט מער ווי א ווייטע רעזערוו, וועלכע וועט אַמאָל ווערן זייער וויכטיג, אבער איז קאָלאָניזאַטאָריש היינט א פּראָבלעם. אויב די אידישע מלוכה איז אן אומגליק צוליב דעם, ווייל זי איז קליין, לעזט דאך גאנץ ארץ־ישראל אויך ניט די עמיגראַציע־פראגע. דער ענטפער וועט מוזן ליגן אויפן געביט פון נייע קאָלאָניזאציע־פארמען און קאָלאָניזאציע־מעטאָדן, וועגן וועלכע עס רעדן שוין לאנג ציוניסטישע עקספערטן.

ירושלים

מען טאָר זיך נישט באציען לייכט צו דער פראגע וועגן ירושלים. אפילו איבער אלט־ירושלים מיטן כותל המערבי קען מען נישט און טאָר

מען נישט גאָר לייכט אַריבערגיין צום סדר־היום. ירושלים האָט אָבער א אידישע מערהייט און אין איר הינטערגרונד וועט זיין א אידישע מלוכה פון לערך 3 מיליאָן אידן. דער צונויפבונד פון ירושלים מיט דער אידישער מלוכה וועט אויך דאַמאָלס זיין פעסט. ווען ביידע טיילן וועלן מלוכה־רעכטלעך זיין געטרענט. דערצו קומט אָבער נאָך א מאָמענט: דער ערץ־בישאָף פון קענטערבערי האָט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט געפאָדערט, אַז ירושלים זאָל זיין אין דער אידישער מדינה. וועגן נגב אָדער אפילו וועגן דגניה האָט ער עס נישט געפאָדערט, ווייל די אָפּגעטרענטקייט פון די געביטן איז פאַר אים נישט אַזוי משונהדיג ווי דער פאַקט, וואָס ירושלים וועט נישט זיין די אידישע רעזידענץ. דער אויספיר: ירושלים מחוץ פון די גרעניצן פון דער אידישער מלוכה בלייבט אַן אומ־נאָרמאַלע זאַך און שטעלט מיט זיך פאָר דעם פּראָבלעם וועגן א פאַר־ברייטערונג פון די מלוכה־גרעניצן. אין דעם זין איז ירושלים פאַר אונז אַן אַקטיווער פּאָליטישער פאַקטאָר אין א באַשטימטער ספּעציפישער ריכטונג, אויך אין דעם פאַל, ווען די היסטאָרישע שטאָט זאָל דערווייל בלייבן ענגלישע מאַנדאַט־טעריטאָריע.

באַגייסטערונג אין פאָלק

אינטערעסאַנט און באַלערעוודיג איז דער אופן ווי דער אידישער מלוכה־פּראָיעקט איז אויפגענומען געוואָרן דורך די ברייטסטע מאַסן אין פוילן. עס לאָזט זיך שווער באַשרייבן די באַגייסטערונג, וועלכע עס האָט פאַרכאַפּט דוקא די אָרימסטע באַפעלקערונגס־טיילן בשעת זיי האָבן געהערט וועגן דעם מלוכה־פּראָיעקט. אונזערע פּרווון צוליב א געווויסער טאַקטיק צו פאַרטושן די פרייד־געפילן און צוריקצוהאַלטן די אפשר צו ברייט־אויס־געשפּאַנטע האָפנונגען, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף א ווידערשטאַנד און צום סוף אויך אויף געגנערשאַפט און פאַרדרוס. טיילווייז איז אונז אָבער יאָ געלונגען ביי די מאַסן דידאַזיגע האָפנונג צו דערשטיקן. צי איז דאָס נוצלעך? אָט זיינען אייניגע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן: א רעוויזיאָניסטישער מנהיג, אַן אָנפירער פון די ראַדיקאַלע ביתר׳אָווצעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי, האָט אין א שיינעם פרי־מאָרגן פּראָקלאַמירט, אַז זיין מחנה גייט צופוס קיין ארץ־ישראל. אויף דעם משוגעת האָבן זיך אָפּגערופן מער ווי טויזנט בחורים. א צוג פון טויזנט יונגעלייט האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן, ביז די פּאָליציי האָט אים פונאַנדערגעיאָגט. פון דער אַנדער זייט האָט די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי אָפיציעל פּראָקלאַמירט א דעמאָנסטראַציע געגן דעם חלוקה־פּלאַן. אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליגט אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט רעוויזיאָניסטן און זיי זיינען פון המון אַזוי אויסגעלאַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן פון זיך אַליין זיך געמוזט פאַנאַנדערגיין.

אין וואַרשע איז באַקאַנט ווי אַן אָרימער אָפּגעריסענער טראַנס־פּאָרט־אַרבעטער איז אָנגעפאַלן אויף א פּאָפּולערן זשורנאַליסט אין מיטן גאַס מיט דער טענה, הלמאי זיין צייטונג «צעיאָכמערט זיך» וועגן

דער «חלוקה־צרה». «מיר האבן געגוג תשעה־באב — האט געשריגן דער טראנספאָרטניק. — עס ווילט זיך שוין א שטיקל שמחת־תורה».

דאס זיינען עפיזאָדן, וועלכע באווייזן אפשר זייער ווייניג. כאראקטעריסטיש אבער זיינען זיי און מען מוז זיך פרעגן, צי דאס איז באמת נאר שטימונג און צופעליגקייט אדער דער אויסדרוק פון א מלוכהשן שאפונגס־ווילן? מען מוז קענען די לאגע פון די פוילישע אידן, כדי דאס אָפּצושאַצן. לויט דער אָפיציעלער רשימה, וועלכע דער פרעמיער־מיניסטער האט פאָר־געלייענט אין סיים, זיינען נאר אין ביאליסטאקער וואָיעוודזטווא פאָרגע־קומען 348 פאָגראמען אין איין יאר. דאס הייסט כמעט יעדן טאג א פאָגראם. דערביי זיינען פשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, בריסק, טשענסטאָכאָוו א. א. וו. מחוץ פון ביאליסטאָקער וואָיעוודזטווא. דערפון קענט איר דרינגען וואס פאר א מעכטיגן רושם דער קליינינקער חלוקה־פלאן האט ארויסגערופן ביי די מאסן, אז זיי האבן אין דעם מאמענט געקענט פארגעסן אין זייערע צרות.

די מאסע — זאגט מען — באגייסטערט זיך פאר אילוזיעס. און אונזער חוב איז דוקא אזעלכע אילוזיעס צו צעשטערן. אבער חלומות זיינען אָפט דער מקור פון רעאַליטעטן. ווער ווייס, אויב מיר וואלטן היינט נישט גע־לעבט אין אן אנדער רעאַלער וועלט, ווען מיר וואלטן געוויסע געשיכטלעכע אילוזיעס אנדערש אויסגעטייטשט און אנדערש אָפּגעשאצט. כ׳ גלויב אז אָנשטאָט צו דערשטיקן דעם מאסן־אימפעט, האבן מיר אים גיכער געדארפט פאר־וואנדלען אין א שעפערישער פאלקס־ענערגיע, וועלכע וואלט געקענט אוועק־געשטעלט ווערן אין דער שורה פון פּאָליטישע גורמים, וועלכע זיינען דער אָנשפּאַר פון אונזערע פּאָליטישע מעטאָדן און פאר אונזער גאנצער פּאָלי־טישער ליניע. ווי מען דיסקאָנטירט פּאָזיטיוו־ציוניסטיש א פאלקס־אימפעט, מוז זיין א פראגע, מיט וועלכער מיר מוזן זיך באשעפטיגן נישט נאר פּראָפּאַגאנדיסטיש, נאר אויך פּאָליטיש און מלוכה׳ש.

ווען אָפּזאָגן זיך פון מאַנדאַט

עס וואָלט זיין לאָגיש און פאליטיש פאלש אוועקצושטעלן די הנחה, אז מיט דער דערקלערונג פון דער פיל־קאמיסיע איז דער מאנדאט לחלוטין געווארן אומדורכפירבאר. ס׳איז אבער אמת, אז פאר דער מאנדאט־פּאָליטיק האט זיך געשאפן א לאגע, וועלכע איז א סך קאָמפּליצירטער און שווערער, ווי ביי די ביז־אַהעריגע קריזיסן זינט דער באלפור־דעקלאראציע. אפילו די אנטי־מאנדאט־פּאָליטיק פון פּאַס־פילד איז נישט געווען קיין קאבינעט־גזירה, נאר א פסק־דין פון קאָלאָניאל־אמט. היינט איז דער גאנצער קאבינעט סאָלידאריש מיט דעם פיל־באַריכט. דערדאָזיגער באריכט איז אַן אויספיר פון געשעענישן, וועלכע האָבן נישט זייער גלייכן אין דער געשיכטע פון ישוב. קיינמאָל איז די אומדורכפיר־באַרקייט פון מאנדאט דורך דער מאנדאטאר־מאכט נישט ארויסגעזאָגט געווארן אזוי בפירוש ווי איצט. אויך די אינטערנאציאָנאלע אינסטאַנצן האבן אקצעפּ־טירט דעם פיל־באריכט. דערצו קומט נאָך, וואס דאסמאל האט מען אונז פאָרגעלייגט אויפן אָרט פון מאנדאט אַן אנדערן רעכטלעכן סטאטוס און עס איז א פראגע אויב די וועלט וועט אונז פארשטיין, ווען מיר זאָלן אויך איצט

זיך פארעקשנען אויפן מאנדאט. א סך ערגער איז אן אנדערער פאקט: אין ענגלישן אונטערהויז האט מען אָנגעפרעגט, אויב ענגלאנד האט בדעה אי־בערצוגעבן דעם מאנדאט א צווייטער מלוכה, נאכדעם ווי זי אליין האט זיך פון אים אָפּגעזאגט. טשעמבערליין האט אויף דעם געענטפערט, אז ענגלאנד האט זיך קיינמאל פון מאנדאט נישט אָפּגעזאגט און טראכט גאָרנישט וועגן דעם, אז די מאנדאט־רעכט זאלן אריבערגיין צו אן אנדערער מלוכה. דאָ ליגט פאר אונז די ערגסטע און טראגישסטע אלטערנאטיווע: ביי אן עמיגראציע פון אכט טויזנט יערלעך האלט מען דעם מאנדאט פאר פארווירקלעכט. דאס איז ערגער ווי דער לחלוטינדיגער אָפּזאג פון מאנדאט.

אודאי איז עס ריכטיג, אז דער מאנדאט איז נישט פארווירקלעכט געווארן טיילווייז צוליבן בייזן ווילן, צוליב אָפּגעלאָזנקייט און צוליב דער פאלשער פּאָליטיק מצד דער אדמיניסטראציע. דער צושטאנד ציט זיך אבער שוין זינט 17 יאר און מיר מוזן דערמיט רעכענען ווי מיט א סיטואציע, וועלכע מען וועט נאר ביי די גרעסטע שוועריגקייטן קענען איבעראַנדערשן. ביי די רעגירונגען פון אלע דריי פּאַרטייען האבן מיר געהאט די זעלבע שוועריגקייטן. אויב אין די צייטן פון פלומער איז געווען א ביסל בעסער, איז עס צוליב דעם, ווייל דאמאָלס איז נישט געווען קיין גרויסע עליה און קיין אויפבוי־פּאַרנעם. ביי סעמועל, טשענסלאר און וואוקאָפּ, האבן מיר געהאט די זעלביגע צרות, אזוי ווי ביי די רעגירונגען פון לאָיד־דזשאָרדזש, פון דער ארבעטער פּאַרטיי און פון די קאָנסערוואטיוון.

דערפון מוז מען אבער מאכן נאָך אַן אויספיר: די כוחות, וועלכע ווירקן געגן אונז ליגן נישט נאר אין דער רעגירונג און אין דער אדמיני־סטראציע. א סך גורמים זיינען אויך פארבונדן מיט דעם עצם מהות פון מאנדאט. שוין אין די צייטן פון ארלאָזאָראָוו האבן מיר אין אינטימערע פּארטיי־קרייזן באַהאנדלט די פראגע וועגן דעם צושטאנד, וועלכער וועט זיך שאפן בשעת די א״־מאנדאטן וועלן בטל ווערן און נאָר ארץ־ישראל וועט בלייבן א מאנדאט־לאנד. נישט אָן א גרונד האָבן זיך דאך ענגלאנד און פראנקרייך אָפּגעזאָגט פון די מאנדאטן אויף איראק און סיריע און האבן מסכים געווען אויף דער אנטשטייאונג פון זעלבסטשטענדיגע מלוכות, מיט וועלכע זיי האבן א פעסטן ווירטשאפטלעכן און מיליטערישן אָפּמאך. דער מאנדאט איז פאר דער מאנדאטאָר־מאכט א סך ווייניגער ווי אַן אומאָפּ־הענגיגע מלוכה לויט דעם מוסטער פון איראק, סיריע און אפילו עגיפּטן. דער האנדל איז פריי, לויטן פּאַראגראף 18 פון מאנדאט. ווער עס וויל נאר און האט וועלכן עס איז גרונד קען זיך אויף דער מאנדאטאר־מאכט בא־קלאָגן פארן פעלקער־בונד, אדער פאר דער מאנדאט־קאמיסיע. יעדער מיט־גליד פון פעלקער־בונד קען די מאנדאט־פּאָליטיק קאָנטראָלירן, און די רעגירונג איז מחויב אָפּצוגעבן א דין־וחשבון פאר דער מאנדאט־קאמיסיע. אָן ספק איז איטאליע אויך צוליב דעם ביז אהער נישט ארויסגעטראָטן פון פעלקער־בונד, ווייל זי האט נויטיג געהאט א געוויסע קאָנטראל ביי די ברעגעס פון מיטלענדישן ים אין שייכות מיט איר אָקופּאציע־פּאָליטיק אין אפריקע. אזא צושטאנד איז פאר א גרויסמאכט ווי ענגלאנד אדער פראנקרייך

נישט זייער אָנגענעם. דער פיל־באַריכט באַזירט זיך אַפיציעל אויף די געשעענישן אין ארץ־ישראל. ביי דער דערקלערונג וועגן דעם מאַנדאַט אָבער האָט אָן ספק מיטגעווירקט אַ מאָטיוו פון דער אַלגעמיינער קאָלאָניאַלער און אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט וואָלט שוין לאַנג נישט עקזיסטירט, ווען נישט די התחייבותן בנוגע אַ אידישער היים. דאָס מאַכט אונזער לאַגע אַ סך ערנסטער און קאָמפּליצירטער.

אַ באַזוע פאַר אונזער וויטערדיגער אַרבעט

מאַנדאַט און אידישע מלוכה אין דער פיל־פאָרם זענען נישט קיין ציל, נאָר אַ מיטל צו אַ ציל. די פראַגע, וועלכע שטייט פאַר אונז מוז פאַרענטפערט ווערן לויט דער פּערספּעקטיוו וועלכע מיר באַקומען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונזער ציל. אַ קאַמף פאַרן מאַנדאַט שיינט מיר ווייניגער צוועקמעסיג ווי אַ הסכמה אויפן מלוכה־פּראָיעקט. דערמיט שאַפן מיר זיך אַ באַזוע פאַר אונזער וויטערדיגער אַרבעט. די מעגלעכקייט אַריינצובאַקומען נייע 2 מיליאָן אידן (אָן דעם טראַנספער־מיטל) אין משך פון 20 יאָר ברענגט אונז אַ סך נענטער צו דעם אידעאַל פון קיבוץ־גליות, איידער דער קאַמף פאַר דער דורכפירונג פונם מאַנדאַט.

מען ברויך נישט צו גלויבן, אַז מיר וועלן אַריבערגיין די גרעניצן פון דער פיל־מלוכה דורך אָנווענדונג פון געוואַלד מיטלען. מיר וועלן אָבער געצוואונגען זיין צו פירן אין דער אידישער מדינה אַן־אַראַבער־פּאָליטיק לויט דעם פּרינציפּ פון „נישט באַהערשן און נישט באַהערשט ווערן". און אויב די גרויסע אַראַבישע מינדערהייט אין דער אידישער מלוכה וועט זיך פילן פריי פּאָליטיש,ווירטשאַפטלעך און קולטורעל, וועט געשאַפן זיין אַ לעבנס־מאָדוס, וועלכע וועט פון דאָסניי אַוועקשטעלן די פראַגע פון אַ צוזאַמענאַרבעט אין מלוכה'שן איבערבוי און ענגן קאָנטאַקט מיט די אַראַבער מחוץ פון דער אידישער מלוכה און אפילו פון עבר הירדן. עס איז היינט שווער צו זאָגן, וועלכע לעבנס־פאָרמען עס קענען פון דעם אַרויסקומען. עס עפענט זיך אָבער אַ נייער האָריזאָנט פאַר אונז, וועלכן מיר קענען נישט באַגאַטעליזירן.

חבר קאַפּלאַנסקי פרעגט, וואָס וועט זיין נאָך 15 יאָר בשעת מיר וועלן שוין האָבן אין דער אידישער מלוכה פון 2 ביז 3 מיליאָן אידן און די אידישע איינוואַנדערונג פון דער דיאַספּאָרא וועט מוזן ווערן שטאַרקער און שטאַרקער. קיינער קען זיך נישט פאַרמעסטן צו געבן היינט אויף דעם אַן ענטפער. אָבער אַ אידישע מלוכה מיט אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, מיט ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע פונקציעס און מיט 3 מיליאָן אידן וועט אַ סך גיכער געפינען אַ תירוץ אויף דער אידישער גייסטיגער און מאַטעריעלער נויט, איידער דער צעוווייטאָגטער, דערדריקטער און הילפלאָזער גלות־אידנטום ביים היינטיגן טאָג.

אונזער שטעלונג צום פיל־פּראָיעקט מוז זיין אַ פּאָזיטיווער, אויב מיר קענען אין אים אַריינטראָגן די נויטווענדיגסטע רעפאָרמען און אויסבעסערונגען.

זעקסטע זיצונג

שבת, דעם 31 יולי 1937, פארמיטאג

ויכוח וועגן סדר היום: פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאַטע; וואַל פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע.

(רעדעס פון: י. אידעלסאָן, חיים האפמאן, י. מערעמינסקי, ג. לאנדויער און א. ציזלינג)

דער פארזיצער ב. לאקער מעלדעט, אז עס האבן זיך שוין פארשריבן צום ווארט 35 חברים. עס איז באשלאסן געווארן, אז יעדער רעדנער רעדט נישט מער ווי 15 מינוט.

נאך דער מעלדונג פון פארזיצער, אז דאס ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג האט אויף זיין נעכטיגער זיצונג באשלאסן פארצולייגן דער בעראטונג. זי זאל אויסוויילן א ברייטע ארגאניזאציע־קאמיסיע, אין וועלכער עס וועלן באהאנדלט ווערן אלע ארגאַ־ניזאציאנעלע פראגן, ווערט באנייט דער ויכוח צי מען זאל פארזעצן די ארגאניזאַ־ציאנעלע דעבאטע אויפן פלענום פון דער בעראטונג. עס רעדן די חברים ד. בערמאן, ש. לביא, ב. לאקער, א. ציזלינג, י. שפרינצאק, מ. ניישטאט און נ. עק. עס ווערט באשלאסן פארצוזעצן די פאליטישע דעבאטע.

י. אידעלסאָן

פון בן־גוריונס אלע רייד נעם איך אָן איין זאַץ: „ס׳איז שוין צייט, אז יעדער חבר זאל אויפהערן רק פילאָזאָפירן און זאָל פארענדיגן זיינע רייד מיט א קלאָרן אויספיר: יאָ אדער ניין.״ זאָג איך טאקע קלאר און דייטלעך: ניין.

צווישן אונז וואָלט מען זיך נישט געדארפט באַנוצן מיט אזא נוסח ווי בן גוריון האט עס געטון: „פאראן מענטשן, וואס רעדן אין נאמען פון הייליגן מאנדאט״. מיר זיינען אלע אין א גלייכער מאָס פאר א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל, אָבער מיר גלויבן נישט — אז א מדינה קען מען באקומען בלויז דורך א פראָקלאַמירונג. דער פּראָיעקט צו שאפן די אידישע מדינה, וואָס איז ארויפגעשוואומען איצט אין צוזאמענהאנג מיט דער חלוקה איז נישט מער ווי א פוסטע פּראָקלאמירונג. מיר האבן אבער תמיד גע־גלויבט, אז די מדינה וועלן מיר שאפן נאר מיט מעשים, מיט דער שאפונג פון א קאָמפּאַקטן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל. און זאל בן גוריון נישט פרעגן מיט אזא פּאַטאָס: ווער וועט וואָגן אָפּצוהאלטן די רעאַליזירונג

פונם חלוקה־פראיעקט, מיט וועלכן עס איז פארבונדן די שאפונג פון דער אידישער מדינה און וועלכע ער באטראכט אלס אתחלתא דגאולה? אבער וואס קען איך העלפן, אז איך באטראכט עס אלס חורבן שלישי? אין תוך גענומען לייגט מען דאך אונז גאר נישט פאָר קיין אידישע מדינה.

וואס־זשע לייגט מען אונז פאָר?

פאלשע ארגומענטען

מען האט דא געמאכט פארשידענע חשבונות וועגן דער צאָל משפחות וואס מען קען קאָלאָניזירן אויפן שטח פון דער פראיעקטירטער אידישער מדינה. האַרצפעלד, למשל, מיינט, אז עס איז פאראן א מעגלעכקייט צו דערוועדבן אויף דעם דאזיגן שטח נאך 2 מיליאן דונאַם באָדן נישט רירנ־דיג פון ארט די פּאַראַנענע אראבער. דערביי האט ער, ווייזט אויס, געהאט פשוט אן אַריטמעטישען טעות. וויבאלד אויף דעם פארגעשלאָגענעם שטח געפינען זיך אין אראבישע הענט — ד. ה. נאכן אראָפּרעכענען די באדנס, וואס געהערן שוין צו אידן, און די באדנס וואס טויגן לחלוטין נישט פאר באַארבעטונג — סך הכל ביי 2.650.000 דונאם (דערפון 1.600.000 אין די בערג און דאס איבעריגע באשטייט, כמעט אין א העלפט, פון באדן וואס האט נישט קיין באוואסערונגס־מעגלעכקייטן). און וויבאלד אויף דעם־אָ שטח זיצן ביי 45000 לאנדווירטשאפטלעכע אראבישע משפחות, וואס מען וועט זיי נישט אָנרירן, — איז זייער טשעקאווע צו וויסן וויאזוי הארצפעלד וועט פארווירקלעכן דעם וואונדער.

קאַפּלאן ווידער האט אונז נעכטן דערקלערט פשוט, אז מיר האבן נישט קיין שום מעגלעכקייט צו פירן א קאָלאָניזיר־טעטיגקייט אין ארץ־ישראל. ער האט געזאגט, אז ס'איז שווער און אפילו אוממעגלעך צו פירן א קאלאניזאציע נישט זייענדיג א זעלבסטשטענדיגער מדינהשער כוח. טאָ וואס־זשע וועט זיין מאָרגן אויב טראָץ זיין אונטערשטיצונג וועט דורכפאלן דער פארשלאג וועגן באלדיגן שאפן די אידישע מדינה? אויף לויט זיינע רייד איז עס דאך מעגלעך. הייסט עס, לויט אים, אז אין אזא פאל האבן מיר נישט וואס צו טון אין ארץ־ישראל?

מיר זיינען אבסאָלוט אויך געגן דער אלטערנאַטיווע, וואס מען לייגט אונז פאר, אבער דער פאליטישער קאמף איז לגמרי נישט געווענדעט געווען געגן דעמדאָזיגן פונקט. וואס טוען אונזערע פאָרשטייער אין לאנדאן און די אנדערע ערטער? אויפן יסוד פון דער אינפאָרמאַציע, וואס איך פאַרמאָג, מעג איך פעסטשטעלן אז במשך דער גאנצער צייט, זייט די פּיל־קאמיסיע האט פארלאזט ארץ־ישראל, איז די פאליטישע טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע געווען באשעפטיגט נאר מיט אונטערהאנדלונגען מכוח אויסבעסערונגען אינם טיילונגס־פראיעקט. די גאנצע אָנשטרענגונג איז געווען געווענדעט נאר כדי צו פּאַרמינערן די שלעכטע פונקטן פונם פרא־יעקט. איך ווייס נישט צי זיינען אויך מיר נישט שולדיג דערין, וואס אינם ענגלישן פארלאמענט האט מען גאָר נישט באריבט די אלטערנאטיווע. און זאל מען מיר נישט זאָגן, אזוי איז שוין די טבע פון די ענגלענדער.

באלד נאך דער פארעפנטלעכונג פונם פיל־באריכט האט אונז בן־גוריון געזאגט, אז דער באַריכט איז געוואָרן פאר אלע ענגלענדער דער „אורים ותומים" אין דער ארץ־ישראל־פראגע. אבער איך בין משער, אז די פארלאמענט־מיטגלידער זיינען אויך פארבונדן מיטן ענגלישן פאלק און קענען אויך זיין שטימונג. און פונדעסטוועגן האָבן זיי רעאַגירט אין פארלאמענט אויפן באריכט גאָר־גאָר אנדערש.

האבן מיר דען דורכגעפירט א געהעריגע אקציע געגן דער עליה־באגרעניצונג, ווי מיר טוען עס אויך אין געוויינטלעכע צייטן? אמת דער „דבר" האט רעאגירט, אָבער דאס איז דאך נישט גענוגנד. מיר, די נייַן־זאָגער לייגן נישט פאָר צו פאַרהייליגן דעם מאנדאט. אבער מיר לייגן יאָ פאָר צו קעמפן אין די ראַמען פון זיינע צוזאגן. דאס וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו קעמפן פאר א גרויס ארץ־ישראל, און אין נאָענטסטער צייט — אויך געגן די פּאַליאַטיוון. אונז שטייען פאָר זייער שווערע צייטן, צייטן פון באגרעניצונגען און איינשרענקונגען. אבער די טיילונג באדייט נישט בלויז אויסשליסן אונז פונם גרעסטן טייל פון ארץ־ישראלדיגן שטח, נאר אויך שווערע באגרעניצונגען במשך די נאָענטסטע יארן אויפן גאנצן שטח. אָט האט מען שוין באַגרעניצט אונזער עליה ביז מערץ 1938 מיט א מאקסימום פון 8.000 נפשות, — און דאס איז געשען בשעת די שמועסן וועגן דער חלוקה! דערנאך וועט קומען די איבערגאנגס־תקופה, וואס קיינער פון אונז ווייסט נישט ווי לאנג זי וועט דויערן. אין דער איבערגאנגס־תקופה וועט די ענגלישע אדמיניסטראציע נאך אלס באשטימען די גרויס פון דער עליה קיין ארץ־ישראל. און וואס פאר א יסוד האבן מיר אָנצונעמען, אז אויף דער איבערגאנגס־תקופה וועט מען טוישן די ארץ־ישראלדיגע אדמיני־סטראציע, אויב מען האט זי ביז איצט בכלל נישט געטוישט?

קיין עוואקואציע וועט נישט זיין

די פערספעקטיוו פאר דער צוקונפט פון אונזער קאָלאניזאציע אין צע־טיילטן ארץ־ישראל פאַרבינדט בן־גוריון מיט דער מעגלעכקייט צו „עוואקו־אירן" די אראבער. דער גאנצער ענין עוואַקואַציע איז גאר קיין ענין נישט. אמת איז, אז גריכנלאנד און טערקיי האבן בשעתם באשלאסן „פון גוטן ווילן" דורכצופירן א באַפעלקערונגס־אויסטויש, כאָטש די צאָל עוואַקואירטע גריכן איז געווען א סך גרעסער פון דער צאָל טערקן, אבער דאס איז געשען נאָכדעם ווי טערקיי האט מיט איר מיליטערישן כוח איינגעבראכן גריכנ־לאנדס קראפט, און די גריכן האבן געוואוסט, אז אויב זיי וועלן נישט מסכים זיין „פון גוטן ווילן" צו פארלאָזן קליין־אזיע, וועלן זיי האבן א ביטערן סוף. זיי האבן מסכים געווען צו פארלאזן זייערע ערטער נאר אונטער דער דראָאונג פון א פיזישער פארניכטונג. אבער די אראבער וועלן נישט מסכים זיין. וואָרום זיי זיינען זיכער — און מיט רעכט — אז קיין האָר פון קאָפּ וועט זיי נישט פאלן דורך אידישע הענט. און מיר וועלן נישט וועלן און נישט קענען — ווייל מען וועט אונז נישט לאָזן — ארויסשיקן זיי מיט צוואַנג, ווייל מיר האָבן ערבות־ברידער אין דער גאנצער וועלט און

אויך אין די שכנותדיגע אראבישע לענדער. צו וואס זאלן די אראבער וועלן פארלאָזן גוטע שטחים, א רואיגע סביבה מיט מעגלעכקייטן פון א גוטן אָפּזאץ־מארק און פון זייטיגע ארבעטס־הכנסות, און אריבער גיין אין א ניי אומזיכער ארט, וואו עס וועט זיך אנהויבן א קאַפּיטל גרויסע צרות? און אויסער דעם — ביים פעלאַך איז זיין ערד נישט עפּעס א צופעליגע זאך. ער איז אין איר טיף פארוואָרצלט. וואס פאר־אַ כוח וועט אים צווינגען זי צו פארלאָזן? ענגלאנד וועט עס טון? זאגט מען דאך אונז אבער, אז דער גאנצער ווילן אירער פּטור צו ווערן פון מאנדאט נעמט זיך פון איר נישט וועלן באנוצן זיך מיט באַוואָפנטע קראפט געגן די אראבער. דערצו וויל דאָך ענגלאנד תמיד און אומעטום זיין דער «דריטער אנטשיידנדער» צד. דער קאמיסיע־פארשלאג וועגן א בשותפותדיגן תל־אביב־יפוער פּאָרט זאָגט ווידעראמאל עדות, אז אזוי איז עס. בעת עס וועלן פארבלייבן אראבער אין דער אידישער מדינה וועט ענגלאנד זיך קענען אריינמישן אין יעדער פראגע ווי עס וועט איר פּאַסן. זי וועט אויסטייטשן די מינדערהייטן־שוץ, וואס וועט איבערגעגעבן ווערן אונטער איר השגחה, ווי עס וועט אנטשפּרעכן אירע אינטערעסן.

די שטעט געהערן נישט צו אונז

מען רעדט וועגן גרויסע מעגלעכקייטן פון שטאָטישער קאלאניזאציע, וועגן 1½ מיליאן מענטשן אין די שטעט. פּארוואס־זשע זאגט מען אונז נישט דערביי, אז דידאָזיגע שטעט, — אויב זיי וועלן אפילו אזוי שטארק וואקסן, — וועלן נישט זיין אונזערע. דער מאנדאט, וועלכן ענגלאנד וועט איבערנעמען אויף חיפה, עכו, טבריה און צפת, וועט זיין א «צייטווייליגער», אבער דער גאנצער ארץ־ישראל־מאנדאט איז דאך ביז איצט געווען א «צייטווייליגער». פּארוואס זאל ענגלאנד איינגיכן מוותר זיין אויף חיפה לטובת אונז? חיפה איז דער צענטער פון ענגלישער קראפט אין דעם טייל מיטללענדישן ים (נאפט־רערן, סטראטעגישער וועג), צווישן אלע שטעט אין ארץ־ישראל האט חיפה די אנטשיידנסטע באדייטונג, און חיפה וועט בלייבן ענגליש, אז אפילו די אידן אין חיפה וועלן פארבלייבן אונטערן ענגלישן מאנדאט.

מען מעג אויך מיינען, אז דער מאנדאט אָפּצוהיטן די הייליגקייט פון ים כנרת איז נישט בלויז א ענין פון «קדושה» אליין, נאר דער כנרת איז דער פּונקט, וואס ענגלאנד האט דא נויטיג פאר איר לופט־פּאַרקער. אונז וועלן, הייסט עס, בלייבן נאר תל־אביב און די «שטאָט» פּתח־תקוה.

און — כדי א שטאָטישער ישוב זאל וואקסן אזוי ווי מען שילדערט אונז, מוז ער דאך זיין פארבונדן מיט א גרויס הינטערלאנד. אבער אונזער הינטערלאנד וועט זיין א קליינטשיקס און די אראבישע מדינה וועלן מיר דאך נישט קענען צווינגען זיך צו באנוצן מיט אונזערע שטעט. זיי וועלן קענען אויסנוצן זייערע רעכט פון פרייען טראנזיט אין חיפה, זיי וועלן האבן יפו און עַזה, אין זיי וועלן זיך דארפן ווייניגער דינגען, כדי ענגלאנד זאל זיי דערמעגלעכן בויען דעם פּאָרט אין יפו פאר וועלכן־נישט־איז אנט־

געגנקומען מצד זיי. די אראבישע מדינה וועט קענען זיך נישט פארבינדן מיט אונז און נישט זיין פון אונז אָפּהענגיג.

אויב מען רעדט ווידער וועגן אויסבעסערונגען און וועגן א מעגלעכקייט צו פארגרעסערן דעם שטח, איז טאקע מעגלעך אז מען וועט אונז געבן דגניה און דלהמיה, אבער מען קען ארויסנעמען עכו און מאכן א נייעם קאָרידאָר. ביי אזא סיטואציע קען מען זיך נישט פארלאָזן דערויף, ווער עס איז איצט קאָלאָניען־מיניסטער און פון וועמען עס איז צוזאמענגעשטעלט די קאמיסיע. מען דארף באהאנדלען דעם פלאַן אין זיינע אלגעמיינע שטריכן און זען וואס איז די טאקטיק פון ענגלאנד לויט דער ליניע פון דעמדאָזיגן פלאַן. און פאַרוואָס זאל זיך די ליניע ענדערן, אויב מיר וועלן פארגרינגערן ענגלאנד זיך צו באפרייען פון אירע פארפליכטונגען מיטצוהעלפן די אידן אויפצובויען זייער נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל?

און לאָמיר נישט פארגעסן: אין אונזער טייל לאנד בלייבן איבער נישט ווייניג אראבער, וועלכע וועלן מאַרגן־איבערמאָרגן אפשר טון דאס זעלבע געגן אונז וואס זיי טוען היינט. — וועט מען דאַמאָלס שיקן א נייע קאמיסיע, וועלכע וועט דערקלערן, אז אויך דער נייער הסכם טויג נישט, אז דער פלאן לאזט זיך נישט רעאליזירן אדער מען דארף אין אים ארייננטראגן געוויסע טעריטאָריאַלע אויסבעסערונגען. די «סוווערעניטעט» פון דער אידישער מדינה וועט זיי גארנישט שטערן דערין. די צאָל־ענינים בלייבן דאך פאקטיש ביי די ענגלענדער אין די הענט, די פּאָרטן — אויך ביי זיי. און זיי וועלן האבן געגן אונז נאך א בייטש: דער מיליאן דונאם אין קארידאר־געביט. וואס מיר וועלן וועלן, אז זיי זאלן אונז לאָזן זיך דארט קאלאָניזירן. יא, אראבישע מדינות ארום אונז, מאסן אראבער ביי אונז אינעווייניג, — און מיר וועלן זיין ביי די ענגלענדער אין די הענט נאך מער ווי ביז איצט.

ווי וועט אויסזען די באוועגונג?

און ביי אונז גופא: ווי וועט אויסזען אונזער באוועגונג נאך דער דאזיגער רעגולירונג? צוויי קלעפּ פון צוויי פארשידענע זייטן זע איך שוין פאָראויס. א גרויסער טייל וועט זאגן: דער ציוניזם, ווי מיר האבן אים עד־היום פארשטאנען, איז געענדיגט. פאראן א מעגלעכקייט צו באזעצן א געוויסע צאָל (ווייזט אויס, נישט קיין איבעריג גרויסע) אידן אין ארץ־ישראל, אבער ציוניזם אלס לעזונג פון דער אידן־פראגע איז ליקוידירט. מיר וועלן דאס אויך דאן נישט זאגן אבער א סך מענטשן וועלן אזוי טראכטן. און א טייל פון זיי וועט פון אונז אנטלויפן. אויב גראַבאָווסקי האט אונז דערציילט, אז א ידיעה וועגן עליה־פארקלענערונג אין א באשטימטן שעדיול האט געבראכט צום איבערגיין פון יוגנט־מאַסן אין גאליציע פון אונז צו די קאָמוניסטן, — וואס־זשע וועט שוין געשען, ווען עס וועט זיך ארויסשטעלן, אז די עליה־פארקלענערונג איז נישט בלויז קיין ציטווייליגע?

אבער וואס וועט זיין דער וועג פון יענעם טייל וואס וועט נישט וועלן אנטלויפן? פאר אים שטייט פאַר א סכנה פון פולשטענדיגער פּאַשי-

זאציע. אויך איצט, ווען מירריידן בלויז וועגן זעלבסטפארטיידיגונג, שטויסן מיר זיך אָן אויף א גרויסער שוועריגקייט אין דער דערציאונג, — אָפצוהיטן ביי אונזער יוגנט די ליניע פון פארטיידיגונג, זי זאל נישט פארוואנדלט ווערן אין א ווילן פון נקמה און אָנגרייפן דאס אנדערע פאלק. דאמאָלס וועלן אבער זיכער זיין זייער פיל, וואס וועלן זיך נישט באגנוגענען מיט קליין־ציוניזם, און אלע וועלן שטרעבן צו ארגאניזירן א באוואפנטן כוח כדי דורכצוברעכן די שטיקנדע גרעניץ־ווענט.

פון איין זייט — באגרעניצונגען, און פון דער אנדער זייט — פאר־קריפלונג פונם פרצוף פון אונזער באוועגונג, — אָט דאס דארף איך באטראכטן אלס אתחלתא דגאולה! ניין, דאס איז א מוראדיגער קלאפ, וואס זיינע וואונדן וועלן זיך נישט פארהיילן במשך יארן. איך דערמאָן זיך אין דאָטן פון פארשידענע משיחישע באוועגונגען: נאך א תקופה פון פארשיכּורונג קומט א תקופה פון יאוש און דערשלאָגנקייט. אָנשטאט דעם איצטיגן קאמף וואס הויבט אָן אונז צו פרעסן פון אינעווייניג דארפן מיר אנהויבן א קאמף אין דרויסן פאַר אונזערע רעכט. איך קוק זיך צו צום פסיכאָז, וואס כאַפּט ארום א סך צווישן אונז. מען דארף א סוף מאכן צו דער זאך, כל־זמן ס׳איז נאך צייט. קיין אנדער וועג איז נישטא, אויב מיר ווילן ווייטער פירן גרויס־ציוניזם.

חיים האָפמאן

מיר דארפן אַנאַליזירן די אָביעקטיווע פאַקטאָרן און פארשטיין, אז יעדע אקציע קאָן אפשר ברענגען מיט זיך א געוויסע מאָדיפיקאציע, אבער זי קען נישט גרינגדלעך ענדערן די זאַכלאַגע. אין אונזער ארבעט זיינען מיר דערגאנגען צו א טויטן פונקט. און ס׳איז נישט וויכטיג צו גריבלען זיך איצטער כדי צו באשטימען וואס האט דערצו גורם געווען. איך בין נישט מסכים מיט קאַפּלאַנסקיס מיינונג, אז אין אונזערע באציאונגען מיט די ארבעטער זיינען מיר, קודם כל, די שולדיגע. מען האט דא גערעדט וועגן ענגלישן אימפעריאליזם. מען דארף אבער שטעלן די פראגע, אין וואס באשטייט דער כוח פון די עלעמענטן, וואס שטעלן א ווידערשטאנד דעם פרעמדן אימפעריאליזם, און אויך — וואס איז דער אונטערשיד צווישן «זאטן» און «הונגעריגן» אימפעריאליזם. אין דער מלחמה צווישן אט די צוויי אימפעריאליזמען איז די ארבעטער־באוועגונג געצוואונגען אויסצווויילן דעם קאָנסערוואטיוון, אלטן אימפעריאליזם געגן דעם נייעם אימפעריאליזם פון דריטן רייך. יעדנפאלס דארף אונז קלאָר זיין, אז אין דער פאָרם ווי מיר האבן געפירט אונזער ארבעט ביז אהער וועלן מיר ווייטער נישט קענען פאָרזעצן. פון די ניין־זאגער, וואס האבן דאָ שוין גערעדט, האב איך נישט געהערט, וויאַזוי דארף אויסזען, לויט זייער מיינונג, אונזער ארבעטס־וועג אין די נאענטע יארן. מען האט גערעדט וועגן דער קליינקייט פון פראיעקטירטן שטח. מיר ווייסן, אז גאנץ ארץ־ישראל איז קליין. אבער די אלטערנאטיווע

איז פאָלגנדע: אדער מיר זאלן קאלאניזירן דעם טייל, וואס מען לייגט אונז פאר, אדער — מיר זאלן האבן אין אונזער ווייטערדיגער ארבעט אָן א שיעור שוועריגקייטן. איך באטראכט די חלוקה אלס וועג, אויף וועלכן מיר וועלן אין דער סאמע קורצסטער צייט קענען וואקסן מער ווי אין א נישט־צעטיילט ארץ־ישראל ביי אומאויפהערלעכער געשפּאַנטקייט. די פראגע פון נאענטן מזרח וועט נאך אוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר־היום פון דער וועלט־פּאָליטיק. און אויב מיר וועלן אין די נאענטסטע יארן בילדן א כוח אין ארץ־ישראל, וועט מען זיך מיט אונז רעכענען אויך מכוח דער פארברייטערונג פון אונזער שטח.

קען מען דען אננעמען, אז אונזער מצב וועט זיין א בעסערער אין פאל פון דער צווייטער אלטערנאטיווע? אונזער פּראָפּאָרציאנעלער כוח אין ארץ־ישראל וועט קלענער ווערן. דער אראבישער כוח וועט זיך פארגרעסערן; און וואס קלענער עס וועט ווערן אונזער כוח, אלץ ווייניגער וועט מען זיך מיט אונז רעכענען. דאס פאלק און דער ציוניזם וועלן וועגעטירן. מיר האָבן קיין אנדער ברירה נישט, — מיר מוזן אָננעמען דעם פארשלאג און זאגן «יאָ». איך זאג עס מיט הארצווייטאָג, ווייל איך האב א סך ספקות. איך צווייפל אינם באפעלקערונגס־טראנספער. איך האב דעמדאזיגן פונקט אין קאמיסיע־באריכט געלייענט אנדערש ווי בן־גוריון. און א שווערע פראגע איז אויך — צי מיר וועלן קענען גובר זיין די סכנה פון דער מעגלעכער אויסבילדונג פון א ריס צווישן דער אידישער מדינה און דעם אידישן פאלק.

י. מערעמינסקי

וואס קענען מיר פארלירן און וואס קענען מיר געווינען?

מיר קענען פארלירן דעם מאנדאט — א רעאליטעט מיט פעלערן; און דערפאר זאגט מען אונז צו א «גרויסן געווינס» — א אידישע מדינה.

איז דער צוזאָג מער ווי א צוזאג? שטייען הינטער דעם פלאן נייע רעאלע אינטערנאציאנאלע פאליטישע כוחות און גאראנטיעס, וואס מאכן דעם צוזאג פאר אן ערנסטן ענין? אדער איז די גאנצע זאך נישט מער ווי א נייע קאָרט אין דעם שפּיל מיטן אידישן פאלק אין די הענט פון די זעלבע בריטישע רעגירונגס־קרייזן, וואס זיינען געבונדן מיטן אינטער־נאציאנאל־אנערקענטן מאנדאט און ווען עס לוינט זיך זיי, ווילן זיי זיך פון אים ארויסדרייען?

דאס איז די הויפּט־פראגע אין דער איצטיגער פּאָליטישער סיטואציע, וועלכע באגלקיט אונז מיט «מדינה» און באדראָט אונז מיט פארלירן אויך דעם מאנדאט. אין די ראמען פון וועלכן ענגלאנד איז גארנישט אזוי פריי אונז צו באעוולהן ווי אירע פארטרעטער האבן דאס אזוי אפט געפּרוווט טון אין פארלויף פון די 15 מאנדאט־יארן.

איך ווארף אָפּ דעם ארגומענט פון מיינע חברים, וואס באַציִען זיך היינט אזוי לייכט צום מאנדאט און וואס זעען אין אים נאר פעלערן.

ענגלאנד האט אונז טעריטאריאל באגרעניצט, אפּנעמענדיג ביי אונז אין 1922 דעם «עבר הירדן» און פון דאן כסדר געטייטשט און געשניטן אונזער רעכט אויף ארבעט און אויף זעלבשטענדיגן לעבן אין ארץ־ישראל, ווי דאס האט זיך איר געלוינט ביי פארשידענע פאליטישע קאניונקטורן אין איראפּע אדער אין אזיע. דער מאנדאט איז אין זיין פארווירקלעכונג פול מיט צרות, מיט פעלערן — אבער עס וואלט געווען א פאליטישע נאַאיוויטעט און א שריט פון זעלבסטמארד, ווען מיר וואלן זיך אנעגכאַפּט אן דעם גלאנץ פון דער מדינה־טערמינאלאגיע און איינגערעדט זיך אליין און אנדערע, אז מיר שטייען פאר דער רעאליזירונג פון אונזער אלעמענס חלום און שטרעבן — אויפן שוועל פון דער אידישער מדינה.

וואס פארלירן מיר?

צו די וואָס פרעגן, וואס פארלירן מיר? מוזן מיר זאָגן קלאר: מיר פארלירן דעם אויסגעפרוווטן שווערן וועג פון דעם שלעכט אויסגעפירטן מאנדאט. אבער וואס האט אונז דאך דערמעגלעכט צו דערגריין ביז צו דעם מאָמענט, ווען מיר האבן העכער — 400.000 אידן אין לאנד, התחלות פון פאלקס־קאלאניזאציע איבער גאנץ ארץ־ישראל, נסיונות פון גרויסער פאלקס־עליה, אנהויב פון ארגאניזירטן אידישן פאלקס־לעבן, א פענסטער צום ים, אָן אָנזאג אין די בערג, איינזאמע פונקטען אין צפון, האפנונגען אין נגב וואס וועלן זיך פאראייניגן אין א גרויסן מעכטיגן אידישן ישוב, אויף א ברייטער טעריטאריע. מיר פארלירן אויך דעם מאנדאט, וועלכער האט אונז געהאלפן דעראבערן הונדערטער טויזנטער מוטיגע חברים אין דער וועלט.

די זעלבע ענגלאנד, וואס וויל דוקא אויסנוצן די שוואכע פונקטן פון דעם מאנדאט — מיט איר מוז מען דאך אויך ריידן און פארהאנדלען וועגן דער מדינה. ווער עס גלויבט, אז זי האט אָן אינטערעס צו זיין פאר אונז, מוז דעריבער גלויבן, אז זי קען דאך נישט אזוי נעגירן דעם מאנדאט.

איז ווידער די פּאָליטישע לאגע אזא, אז ענגלאנד וויל אונז היינט דוקא געבן נאר די שלעכטע פירושים פון מאנדאט — בלייבט זי דאך בייזוויליג צו אונז, אויך ווען זי גייט אונז געבן א מדינה. וויל ענגלאנד באוויזן דער אראבישער וועלט, אז זי זאגט זיך אפּ פון מאנדאט — ווער־זשע וועט איר דאן גלויבן, אז מיט איר אנדערן פּאָרשלאג — מיט דער מדינה זוכט זי דוקא די טובה פונם אידישן פאלק?!

ניין, הינטער דעם «מדינה»־פארשלאג שטייען נישט קיין נייע פּאָליטישע אינטערנאציאנאלע כוחות, וואס זאלן אונז מאכן דעם פארשלאג מערווערטיגער און רעאלער, ווי דעם וועג, וועלכן מיר זיינען ביז איצט געגאנגען אין צער און יסורים, אבער דאך געקומען פאָרויס.

נאָך צור־פרי צו מאכן א סך־הכל

מיר טאָרן דעם מדינה־פּאָרשלאג גארנישט באטראכטן, ווייל ער ברענגט רעאליטעטן און שאפט אילוזיעס. — «ווען איך בין ראָטשילד», ווען מיר וואלטן שוין היינט געווען אין ארץ־ישראל א 2—1½ מיליאן אידן קאנצענטרירטע אין באשטימטע גרעניצן אדער צעווארפן איבערן גאנצן לאנד, וואלט אודאי די פּאָליטישע לאגע פאקטיש געווען אנדערש, וואלט דאן יעדער מדינה־פארשלאג אויסגעזען אנדערש, און מיר וואלטן געקענט אנדערש אים אויפנעמען —, ווייל דאן וואלט דאס באדייט, אז די מדינה איז א סך־הכל פון אונזער יש אין לאנד. היינט־אבער איז עס נישט מער ווי פראקלאמירן ווילן און שטרעבן אלס א פאראנענע ווירקלעכקייט. אזא פראקלאמירונג איז א מקור פון געפער־לעכן יאוש אין אידישן פאלק און א סכנה אין דרויסן, היינט פונקט ווי מיט זעקס יאר צוריק אויפן באזעלער ציוניסטישען קאנגרעס, ווען מיר אלע זענען געווען אייניג אין קאמף געגן אזעלכע ווערטער־דערקלערונגען אדער ענדציל־פראקלאמירוגגען.

עס איז נאך נישט געקומען אונזער כוח אין לאנד און אויך נים קיין אינטערנאציאנאלע פּאָליטישע סיטואציע, וואס זאל בארעכטיגן די «מדינה»־ווענדונג אין אונזער האלטונג. מיר זיינען נאך אינם פראצעס פון זאמלען כוחות, מענטשן, פונקטן און נאך ווייט פארן מאכן דעם סך־הכל און אָפּשליסן גרעניצן.

פראקלאמירן היינט א אידישע מדינה הייסט לכתחילה באשרענקען אירע גרעניצן, מאכן זי קליין אין פארנעם און רייך אין אילוזיעס. — איך באגלייט מיט טיפן חברישן ציטער אָט דעם הייליגן פונק פון חברים, וואס שפירן אין דעם מדינה־פארשלאג די שריט פון גאולה — די אתחלתא דגאולה. עס איז מיר גארנישט אזוי לייכט, זיך נים צו לאזן מיטרייסן מיט אט דער טיפער אומרואיגקייט פון חברים — «טאמער לאזן מיר דורך א גרויסע היסטארישע מעגלעכקייט»! אבער מיר האבן דאך שוין אויך דורכגעמאכט דיזעלבע טראגיק אין 1917 און אין 1922, ווען אידן אין די גאסן האָבן די באלפור־דעקלאראַציע און דעם מאנדאט געטייטשט ווי די פארווירקלעכונג פון דער אידישער מדינה און זיי האבן אין זייער נאָכ־מלחמהדיגן צער און אָרימקייט, בענקשאפט נאך מלוכה־לעבן און זעלבסט־שטענדיגקייט שוין דאן אויפגעשטעלט די «אידישע רעגירונג» און «צושיקט קאנסולן» אין אלע לענדער.

היינט איז דער מאנדאט שוין באקאנט צו אונז אליין און צו די ברייטסטע פאלקס־מאסן אלס א וואָכעדיגער אבער רעאלער ענין. אידן — נישט נאר אין ארץ־ישראל — ווייסן שוין, אז דער מאנדאט קען גוט און שלעכט געטייטשט ווערן, אז ער באשטייט פון עליות און ירידות און אז זיין ריכטיגע באדייטונג קומט ארויס פון אונזער אייגענער עקשנותדיגער כסדרדיגער ארבעט אין און פאר ארץ־ישראל. זיי ווייסן שוין, אז דער פארווירקלעכונגס־פראָצעס פון ציוניזם הענגט אָפּ

פריער פון אלץ פון אונז אליין, פון אונזערע מיטלען, קרבנות, מסירות און דעם קאמף געגן גזירות און באשרענקונגען. און עס איז א סכנה ארייננ־צוטרעטן אין פארהאנדלונגען וועגן א מדינה, ווען מ׳ווייסט אז זי וועט זיין צו קליין און זי מוז נאך לאנג זיין אָפהענגיג פון אנדערע, עס איז א סכנה אז דאס פאלק וועט זיך אָנכאפן אָן דעם פארשלאג נישט פון שטארקייט נאר פון יאוש און צער, פון וועלן שווימען אין א לייכטערן שטראם ווי ביז איצט...

פונקט ווי מיר האבן געוואָרנט אין 1917 און 1922 געגן «גאולה ציוניזם», געגען דעם טאראראם, אז דער מאנדאט מיינט שוין א מדינה, אזוי מוזן מיר היינט באקעמפן דעם שבתאי־צבי גייסט, וואס מוז פירן צו אנטוישונג.

חברים, וואס גייען מיטן גלויבן אין דער «מדינה פון צעטיילונג» שפרינגען אריין און ציען די באוועגונג אין דער «איבערגאנגס־תקופה», וועלכע איז ניט מער ווי א פּאַסטקע צו כאפן אונז און צו לאזן אונז אָן א מאנדאט, אָן טעריטאריע און אָן סוווערעניטעט.

די באדייטונג פון אונזערע פּראָטעסטן פאלט

מ׳זאגט אונז, אז עס איז בעסער א «מדינה» מיט א קלענער טערי־טאָריע ווי דער ברייטער מאנדאט, וועלכן די אראבער ווילן נישט און זייער יוגנט וואקסט אָן און זי וועט אים מאכן צו נישט. אבער, חברים, וואקסט דען נישט אָן קיין אראבישע יוגנט סיי אינערהאלב און סיי אויסערהאלב דער פארגעשלאגענער אידישער מדינה? איז דען דאן די סכנה קלענער, ווען זיי וועלן קענען און וועלן אויסשטרעקן איינער דעם צווייטן די הענט איבער די אפיציעלע טעריטאריע־גרעניצן? איז ניט גלייכער דוקא אין דער גאנצער מאנדאט־טעריטאריע צו זוכן דעם שלום מיט די שכנים וואס מער און מער נישט געבן זיי קיין אויסערלעכן און אינערלעכן מדינה־פראנט וואו זיי זאלן זיך קאנצענטרירן פאר א טאָפּלטן קאמף געגן אונז?

אונזער זעלבסטשטענדיגקייט? זי וועט קומען, סיי אין מאנדאט־תנאים און סיי ביי א «מדינה», נאר נאך א סך יארן קאמף, בויען, מאסן־עליה א.א.וו. די חברים, וואס ווערן באגייסטערט פאר דער פאר־געשלאגענער «מדינה» דערווארטן דאך אויך פאר איר הילף פון ענגלאנד: אירע הלוואות, קאנצעסיעס א.א.וו. — וועט דאס אונז ענגלאנד דאן געבן אומזיסט? וועט זי ניט פארלאנגען פון אונז דאן נאך מער ווי איצט — אין דער מאנדאט־תקופה? וועלן מיר דאן נישט האבן מער צרות פון אונזערע ענגלישע פארזאָרגער ווי איצט, — ווייל דאן וועלן מיר זיך נישט קענען אפילו קלאָגן אויף די עוולות, ווייל דאס וועט דאך קומען דורך א הסכם און נישט דורך דעם אינטערנאציאנאל־אנערקענטן מאנדאט, וועלכער ווערט קאָנטראלירט דורך פעלקער און מלוכות?

מיר וועלן דאן מוזן שטום זיין ווי אין א דורכגעפאלענעם עסק און

אונזער אַפּעל צו דער וועלט, וואס האט געבראַכן די צוימען פון עליה, וואס האט מבטל געמאכט פּאַספילדס גזירות, וואס האט אונז דערמוטיגט צו נייע כוואַליעס חלוצים — וועט מער נישט געהערט ווערן אין זיין פולן כוח.

דאס זיינען אלץ לאגישע חשבונות צווישן אונז אין אונזער אלע־מענס געראנגל פאר א בעסערע ציוניסטישע תקופה.

איך רייד גאר נישט וועגן די גרעניצן, ווייל היינט ווערן זיי אָבּ־יעקטיוו פאַרשמעלערט צוליב אונזער קליינעם צאָל אין לאנד און ווייל נישט די גרעניצן אליין באשטימען פאר מיר דעם נאָענטסטן וועג.

מיטן זעלבן כוח מיט וועלכן איך בין געווארן א ציוניסט איידער איך האב געלייענט הערצלען, פינסקערן, באָראכאוון, סירקינען — בין איך היינט געגן דער פריצייטיג געבוירענער מדינה איידער זי ווערט פראקלא־מירט, — בין איך געגן שניידן, טיילן און ברעקלען ארץ ישראל.

איך פיל אז דאס טיילט מען, שניידט מען און מען צעברעקלט דעם גלויבן און די האפנונגען פון אונזער יוגנט, אז דאס צעשטויבט מען די חלוצישע גלויבנס־פאנצערן פון אונזער יונגן דור, וועלכן מיר אלע האבן דערצויגן נישט צו קיין לייכטן ציוניזם, נאר צו אַ שווערן קאמף און געראנגל דורך עליה און ארבעט.

«גיט אונז צוריק אונזערע רעכט»

איך ציטער, אז דער «מדינה»־לאָזונג היינט איז נישט נאר פריצייטיג נאר אז ער פארטויבט און פארשלעפערט. מיר אלע זיינען געאייניגט אין די טיפע דאגות פארן גורל פון די אידישע פאלקס־מאסן און גארן זיי צו ראטעווען און באזעצן אין ארץ־ישראל מיט אונז צוזאמען. מיר אלע — סיי די מאנדאט־קעמפער און סיי די מדינה־זעער ווילן רעאליזירן דעם ציוניזם. אָבער מיר זיינען געפּרווט געווארן און געוואקסן נישט אין דעם לייכטן געלויף בארג אראָפּ. מיר האבן געצונדן אין די אידישע מאסן רעוואלו־ציאָנערן גלויבן און ווילן צו פארווירקלעכן. — דוקא אונזערע שווערע לאסטן און מצוות האבן געצויגן די יוגנט, געמאכט זי חלוציש און געבראכט זי איבער צוימען און ימים אין לאנד צו לייזן די אידישע פראגע דורכן ציוניזם, צו איינעמען דעם עמק דורך ארבעט און יושר, צו בויען דעם פּאַרפּאָסטן אין בית־שאן, צו פארטיידיגן דאס ווייניגע אין 1920 און דאס מערערע אין 1936־37. מיר, אונזער ציוניסטיש־סאָציאליסטישע באוועגונג, האבן מנצח געווען אין ציוניזם און אויף דער אידישער גאס מיט אונזער טיפן גלויבן און לאנגן אָטעם און מיר דוכט זיך, אז די מדינה־אומגע־דולדיגקייט איז נישט מער ווי א פאל פון פּאָליטישער אסטמע, אז א טייל פון אונזער באוועגונג סטייעט נישט קיין אָטעם צוליב דעם גרויסן צער און יסורים פון אונזער דור.

אין ענגלאנד וואקסט אונטערן דרוק פון אידישע שונאים די נטיה צו ברעכן אונזערע רעכט אויף ארץ־ישראל און מען גלויבט דאָרטן, אז מען

קען דאס טון, ווייל אין 1922 האבן מיר כמעט געשוויגן ווען מען האט פון אונז אָפּגעריסן דעם עבר־הירדן.

מיר זיינען אבער היינט א גרעסערער כוח ווי דאן אין א״י און אונזער דלות אין נויט און צער און צאָרן אין דער וועלט איז אויך היינט גרעסער ווי געווען און מיט אָט די צוויי כוחות — פּאָזיטיווע און נעגאטיווע — מוזן מיר אריבערגיין אויף מאָרגן נאכן קאנגרעס צו א שטארקער אָפּאָזיציע און פאדערן — «צוריק אונזערע רעכט»! שניידט נישט אונזער אייגן אייניג לאנד — די איינציגע האפנונג פון די מיליאנען אידן אין דער וועלט.

פריער עליה — און דאן ווען מיר וועלן זיין זיכער אין וואוקס וועלן מיר קענען אנטשיידן איבער טעריטאָריע־גרעניצן, מדינה־פארנעמען און מדינה־פאָרמען.

ג. לאַנדוייער

די ארגומענטן פון די וואס האבן זיך ארויסגעזאגט געגן דער חלוקה זיינען אין א גרויסער מאָס ריכטיג. אויך די ארגומענטן פון בן־גוריון און פון די וואס האָבן אים אונטערגעשטיצט זיינען ריכטיג. אבער דאָ האנדעלט זיך נישט וועגן דער צאָל ארגומענטן פאר און געגן. די פראגע איז: ווי זעט אויס די פּאָליטישע לאגע? לויט דער אָפּשאצונג פון דער לאגע דארפן מיר אורטיילן.

די איצטיגע לאגע איז ענלעך צו דער לאגע בעת דער פּראָקלאמירוג פון דער באלפור־דעקלאַראציע. מיר געפינען זיך אין א מאמענט פון מאכן אויסרעכענונגען וועגן דער כוחות־איינטיילונג אין דער וועלט אין פאל פון א מלחמה. אזוי האט מען אויך דאמאָלס אין ענגלאנד געשאַצט די כוחות רעכענענדיג זיך מיט די מלחמה־באדערפנישן. איינדעראמתן, האט זיך שוין די מלחמה אָנגעהויבן, — מיר ווייסן נאר נישט, ווען זי וועט אויסברעכן אָפיציעל.

די איצטיגע פּאָליטישע לאגע צווינגט אונז אָנצונעמען דעם חלוקה־פּראיעקט און אים ווי ווייט־מעגלעך אויסבעסערן.

דער פאקטאר איז: די אידישע כוחות־פארהעלטנישן. אין יענער תקופה זיינען מיר נישט געווען אזוי שוואך ווי איצט, און די אראבער זיינען נאך נישט געווען אזוי שטארק. אין דער מלחמה־צייט האבן מיר געהאט דאס רוסלענדישע אידנטום און דאס דייטשישע אידנטום, און מען האט זיך גערעכנט מיט דער אידישער אמעריקע. די דאָזיגע פאקטארן זיינען איצט זייער־זייער אָפּגעשוואכט. און די אראבער זיינען דאן נישט געווען ארגאניזירט, זיי האבן נישט געהאט קיין מדינות. איצט האבן זיי מצרים, סעודיה, איראק, סיריע; זיי פארמאגן מיליטער און געלד; איצט רעכנט מען זיך מיט זיי, — זיי זיצן אין פעלקערבונד. די אינטערנאציאנאלע לאגע פארלאנגט, בכן, פון אונז — מיר זאלן באקומען א ממשותדיגע קראפט. מיר זאלן שטארקן אונזער פּאָזיציע אין ארץ־ישראל.

אונזער באציאונג צו די אראבער; אונזער פאליטיק אויף דעם געביט איז דורכגעפאלן. דעמדאָזיגן דורכפאל קען מען פארשטיין, ד. ה. אז אויך ביי אונז איז אוממעגלעך דאס, וואס איז אוממעגלעך ביי אנדערע: געגנזייטיגע פארשטענדניש צווישן נאציאנאלע פארטייען פון פארשידענע פעלקער. איך גלויב נישט אז א נאציאנאלע פארטיי פון ענגלאנד זאל קומען צו א פארשטענדיגונג מיט א נאציאנאלער פארטיי פון איטאליע. יעדע פארטיי מוז פאדערן דעם מאקסימום. די מעסיגע עלעמענטן האבן נישט קיין פלאץ אין א פאָליטישער באוועגונג און אין נאציאָנאלע פארטייען.

אנדערש זעט עס אויס ביי פאראנטווארטלעכע רעגירונגען. דורך דער חלוקה ווערט אונז געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט פון פאראנטוואָרטלעכע אונטערהאנדלונגען. ענגלאנד וועט זארגן פאר א סיסטעם פון אָפּמאכן צווישן די רעגירונגען. דאס איז פאר אונז א פראגע פון ערשטקלאסיגער באדייטונג. אויב מיר זאָלן קענען איינשטעלן געהעריגע באציאונגען צווישן אונז און דער אראבישער מדינה, — וואָלט שוין צוליב דעם אליין כדאי געווען דורכצופירן די חלוקה.

די מאנדאטארישע פאליטיק פון ענגלאנד האלט ביי א מצב פון ירידה. מיר האָבן געקענט פארטיידיגן דעם מאנדאט כל זמן מיר האבן געהאָפט, אז מיר וועלן אים באהערשן. אבער דורך דער אנטוויקלונג פון די לעצטע יארן האט דער מאנדאט באקומען גאר אַן אנדערן כאראקטער. איך האב היינט געלייענט טשערטשילס ארטיקל און בין געקומען צו דער איבערצייגונג אז עס וועט שוין נישט קומען די צייט ווען מיר זאלן קענען באהערשן דעם מאנדאט, דאס וועלן איצט טון די אראבער. ווער עס באשטייט היינט אויף דעם מאנדאט, באשטייט אויף אונזער פאָליטישער ליקווידירונג און אויף דער אראבישער הערשאפט, אויף אונז. אויף דעמדאזיגן געביט ארבעט שוין פון לאנג די אנטוויקלונג אין דער אלגעמיינער לאגע געגן אונז.

דעריבער: מיר דארפן פארפאנצערן אונזערע פאראנענע פאָזיציעס אין ארץ־ישראל. מיר וועלן קענען וואקסן נאר ווען מיר וועלן פרייער זיין באפעסטיגט. אפשר וועלן מיר דערנאָך קענען אויסברייטערן אונזערע שטחים. דורך אָפּמאכן מיט אונזערע שכנים. דאס געבאָט פון דער שעה איז — צו באקומען דעם מאקסימום אידישע מאכט. אזוינס איז נאך נישט געשען אין דער געשיכטע, אז עמיצער זאל אונז פאָרלייגן א מדינה. מיר זאלן באקומען א מדינה מיט הילף פון ענגלאנד, — דאס איז א היסטארישער נס. און אזעלכע זאכן חזרן זיך נישט איבער.

א. ציזלינג

אויף אונז ליגט א חוב אָפּצוהיטן אין אונזערע ויכוחים א באדאַכטע פאָרזיכטיגקייט און פאראנטווארטלעכקייט. די באדאכטע פארזיכטיגקייט דארף קומען נישט אלס געגנזאץ צו דער אינערלעכער אויפגעברויזטקייט און צום צעשטורעמטן אינערלעכן איבערלעבונגס־געפיל, וועלכע נעמען אונז ארום

איצט ביים אָנשטויסן זיך אין א גורל־שעה פונם פאלק, וואס ראנגלט זיך אין בלוט און שרייט אויס זיין רוף צו גאולה און אויסלייזונג. אָט דאס שטורמישע איבערלעבונגס־געפיל איז דער קוואל פון אונזער גאולה־שטרעבן, עס איז הייליג, עס איז דער רעוואלוציאנערער כוח אין פאלק און אין קלאס. — דאסדאזיגע געפיל ווילן מיר אלע איינהאלטן. אבער באַדאכטע פארזיכטיגקייט, וועלכע איז א חוב פאר מענטשן — פירער בכלל, איז אוודאי און אוודאי א חוב, ריכטיגער, א געבאט פאר ציוניסטישע פירער. און — דער מדינה־פּאַטאס, וועלכן עס האט דאָסמאל ארויסגעבראכט בן־גוריונס ציוניסטישער נשמה־שטורעם, און וועלכער רייסט־מיט מיט זיין וואָרהאפטיגן ברען, — איז נישט קיין ריכטיגער שליח פון דער ציוניסטישער לעבנס־קלוגשאפט.

##ביידע אלטערנאטיוועס אין איין גייסט

די לאגע איז דא אזוי פארגעשטעלט געווארן: מדינהשער משיחיזם אָדער א משיחישע מדינה פון איין זייט, און פון דער אנדעדער זייט — אָן עליה פון טויזנט נפשות א חודש. איז דאס א ריכטיגע, פארשטענדיגע פראגע־שטעלונג מצד דעם פּאָליטישן ציוניזם? אפילו אין איצטיגן מאמענט? אזוי וועלן מיר ברענגען דעם ציוניזם צום אידישן פאלק? און טאָמער וועט זיך מארגן ארויסרייסן דער «ניין» פון אינעווייניג? און טאמער וועט מארגן קומען דער «ניין» פונדרויסן? וועלן מיר דען נאָך אלץ קענען זאגן דעם פאלק, זיך אליין — «אדער — אדער» — טאמער פאלט אָפּ דער ערשטער «אדער» בלייבן מיר דאך ביי גארנישט. די ציוניסטישע פּאָליטיק וועט קיינמאל נישט זיין, קיין קאָרטנדיגע וואַ־באַנק־פּאָליטיק, וואו נצחון און מפלה, די קארט פון מלכות און די קארט פון גארנישט, זיינען צונויפגעמישט אין איין טאשונג. «מלכות ישראל» — מען האט דאָ א סך געגוצט דעם טערמין אין זיין אידיש־נוסח, און אונז איז ער פרעמד, ווייניגסטנס, אין זיין העברעאישן קלאנג — וועט נישט קומען דורך א בוימל־זאלבונג פונם באריכט פון א קעניגלעכער קאמיסיע. אגב, האבן אונז שוין צו גוט געשמעקט, און דערפאר אויך זוכה געווען צו שבחים, די אלגעמיינע בוימל־דיגע פּאָרמולירונגען אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. מיר ווערן כישופדיג געצויגן צום פּאַרבן־גלאַנץ פון דער מדינה־שוואָם, ביזן פארלירן די פעסטקייט פון אונזער אָפּשאצונגס־קראפט, ביזן צעטרייסלען עלעמענטארע יסודות אינם אמת פון אונזער באוועגונג.

די קעניגלעכע קאמיסיע האט געצילט אין סאמע ברוסט פון אונזער באוועגונג א טויט־קלאפּ מיט א צווייישארפיגער שווערד. דער ערשטער פארשלאג אירער אנטהאלט אין זיך פונקט דאסזעלבע וואס דער צווייטער. יעדער איינער פון די צוויי פארשלאגן, אפילו ווען בלויז ער אליין וואלט פּאָרמולירט געווארן מיט אלע פרטים און וועגן צווייטן וואָלט געווען נאר א רמז, וואלט ער אונז קלאר געמאכט אויך דעם צווייטן. אויף דעם פארטיי־ראט אין תל־אביב האט שערטאָק מודה געווען, אז די ערשטע אלטערנאטיווע — א פאליטישער מאקסימום פאר דער עליה — איז אין איר

תוך אזוי שלעכט אפשר צוליב דעם כדי מיר זאָלן זיין געצוואונגען מסכים צו זיין צו דער חלוקה־אַלטערנאַטיווע, וועלכע איז א פּראָדוקט פון דער פּאָליטישער ליניע, וואס די קעניגלעכע קאָמיסיע האט באַשטעטיגט. און איך וויל אזוי פאָרמולירן: די צווייטע אַלטערנאַטיווע איז געבויט מיט מדינה־«דעקאָ־ראַציעס», כדי צו פאַרבאָרגן אין זיי דעם סם־המות, וועלכער זעט זיך אָפן און קלאָר אין דער ערשטער. מען וויל מיט שווינדל אַרויסבאַקומען אונזער «ברכה» און אָפּשוואַכן אונזער ווידערשטאַנדס־קראַפט. די צוויי אַלטערנאַטיוועס, וואס ווערן פאָרגעלייגט דורך איין קאָמיסיע — ביי באַשטימטע פּאָליטישע באַדינגונגען — זיינען א אויסדרוק פון איין פאַקטאָר, פון איין פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, — זייער וועזנטלעכער אינהאַלט איז איין־און־דערזעלבער. לאָמיר זיך נישט לאָזן צוציען דורך די נשמה־באַצויבערנדע און צוקערזיסע «מלכות־קרוינען» פון דער מדינה־שוואָם. לאָמיר וואָרענען זיך אליין און די אידישע פאָלקסמאַסן נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף דער מדינה־קאָרט, ווייל דורכדעם קענען צעטרייסלט ווערן פונדאַמענטן, קודם כל, די פונדאַמענטן פונם בנין פון אונזער באַוועגונג, וועלכע בילדעט דעם יסוד פאַרן בנין פון אונזער היימלאַנד.

לאָמיר פּרוּוון באַטראַכטן עטלעכע פונקטן פון די גרויסע מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע מען האט דאָ גערעדט, און לאָמיר עפּעס לערנען פון פאַר־שידענע אָנדייטונגען, וואס די פּראָיעקטן אַנטהאַלטן.

די צוגעזאָגטע «זעלבסטשטענדיגקייט»

מען האט דא גערעדט וועגן דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיגקייט, וועלכע וועט זיין פאַר אונז א באַפרייאונג. אמת, אונזער אידעאַל איז — פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט. נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער — באַקומט מען דען אַזעלכע זאַכן בלויז דורך א פעדער־שטריך? וואס פאַר־א רעאַלע אומ־אָפּהענגיגקייט וועלן מיר האָבן? — א «טל ומטר»־מדינהלע אין אימפּעריאַ־ליסטישן ים. מיר וועלן זיין אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע שכנים, און — אָפּהענגיג אין אַלעם. מיר וועלן אָביעקטיוו זיין אָפּהענגיג, — אין אונזער עקאָנאָמיק, אין די שוק־באַדערפענישן, אין די מעטאָדן פון אונזערע אויסנ־דיגע באַציאונגען. וואס וועלן אונז נוצן די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען, — זיי וועלן דאָך נישט ברענגען מיט זיך קיין שום רעאַלן כוח. אומ־אָפּהענגיגקייט דרינגט אַרויס, ווערט דערוואָרבן דורך דעם עקזיסטענץ־פאַקט פון ממשותדיגען כוח, דורכן פאַקט פון טאָטן, פון וואַקסנדע און זיך־אַנטוויקלענדע ווערק. יעדע פאַרגרעסערונג פון אונזער באָדן־באַזיץ, פון אונזער עליה, פון אונזערע ישובים, פון אונזער פּראָדוקציע, — אט דאס איז מער יסוד פאַר אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט ווי אַלע צעבערכבאַרע אויסערלעכע פאָרמען.

מען זאָגט אונז — «זעלבסטשטענדיגקייט»! אפשר לוינט א קוק צו טון וויאַזוי מען גרייט פאַר אונז צו דידאָזיגע זעלבסטשטענדיגקייט אויף דער פאָרגעלייגטער «איבערגאַנגס־תקופה»?

ערשטנס באגרעניצט מען די עליה. דאס אליין געניגט שוין כדי מיר זאלן באגרייפן ווי געהעריג דעם זינען פון אונזער זעלבסטשטענדיגקייט· אבער דער פיל־באריכט שטעלט אויף פעסט די דרינגענדע באדערפ־נישן, וועלכע מען דארף דערפילן שוין אין דער איבערגאנגס־תקופה. איז אינטערעסאנט צו וויסן, וואס איז דאס סאַמע דרינגענדסטע פאר דער דורכ־זעצונג פון דער זעלבסטשטענדיגקייטס־פארווירקלעכונג: די ערשטע דרינגענדע באדערפניש איז — די ענדערונג און מאָדיפיצירונג פונם מוניציפּאַליטעט־געזעץ. וואָס הייסט עס? פאר וועמען דארף מען עס צוגרייטן דאס דאזיגע געזעץ מיט אזא «איבערגאנגס־שנעלקייט? פאר אונז? פאר דער פארשטאר־קונג פון אונזער זעלבסטשטענדיגקייט? מיר, אין ארץ־ישראל האבן אין דער לעצטער צייט געגוי דערלערנט וואס פאַר־אַ טענדענצן עס אנטהאלטן די ענדערונגען אינם מוניציפּאַליטעט־געזעץ און וויאזוי זיי קומען צום אויסדרוק אין די אויסבעסערונגען.

די צווייטע דרינגענדע באדערפניש איז — די אויסברייטערונג פון דער אראבישער שול־נעץ. און די דריטע דרינגענדע באדערפניש — די שאפונג פון אַן ענגלישן אוניווערזיטעט.

יאָ, אָט דאס זיינען די סימפּטאָמען פון דער צוויילונג און דורכזעצונג פון דער אונז־צוגעזאָגטער «זעלבסטשטענדיגקייט».

וואָס וועט זיין מיט חיפה?

און נאך א ספּעציעלע זאָרג איז פאראן פאר דער «טעריטאריאלער» גאנצ־קייט פון אונזער מדינה. די פּאָרט־שטאָט חיפה, וועלכע וועט בלייבן דאס טויער פון ארץ־ישראל אויך נאכדעם ווי דער תל־אביבער פּאָרט וועט זיך שוין האבן אנטוויקלט; חיפה — דער אינדוסטריע־ און קאלאניזאציע־צענטר, ווערט, ווי באקאנט, איבערגעגעבן צוזאמען מיט נאך עטלעכע שטעט, «בלויז» אויף א געוויסער איבערגאנגס־צייט אין רשות פון ספּעציעלן בריטישן מאנ־דאט. «צייטווייליג», — אזוי שטייט בפירוש געשריבן און מען טרייסט אונז נאך: «מיר קענען דיסקוטירן וועגן טערמין פון דער צייטווייליגקייט». אבער וואס באדייטן די פאראנענע רמזים?

איך וועל ווידער דערמאָנען דעם ענין ענגלישער אוניווערזיטעט. אין באריכט ווערט געזאגט, אז דעמדאזיגן אוניווערזיטעט דארף מען שאפן אין ירושלים אדער — אין חיפה. אין חיפה? אין אונזער חיפה? די זאָרג אָפּצו־היטן די הייליגע ערטער איז באגלייט דורך דער אנגליזאציע־ אזרג. ב. כצנלסון האט אין תל־אביב שניידיג אנאליזירט וואס פאַר־אַ ראָל די־דאָזיגע אַנגליזאציע אין ירושלים און אין דער בריטישער ענקלאַווע בכלל וועט שפּילן פאר דער פארסמונג פון אונזערע קולטור־ברונימער אין אונזער אינערלעכן לעבן. דער דערמאנטער אוניווערזיטעט איז דער הויכפּונקט פון דער אנגליזאציע. דאס איז, פארשטייט זיך, בלויז איינע פון די «הייליג־קייטס»־אנטפּלעקונגען. און אָט האט זיך די הייליגקייט אויסגעשפּרייט שוין אויך אויף חיפה.

דער באריכט רעדט אויך וועגן באפעלקערונגס־טראַנספער. צו דעם וועל איך זיך נאָך אומקערן. אבער ווען עס ווערן דארט געמאכט פראָ־פּאָרץ־אויסרעכענונגען פון דער ארץ־ישראלדיגער באפעלקערונגס־צאָל, ווערט די חיפהער צאָל צוגערעכנט צו דער ירושלימער, און ווערט אויסגעטיילט פון דער באַפעלקערונגס־צאָל אין דער אונז־צוגעזאָגטער מדינה. הייסט עס, אז דער באפעלקערונגס־טראַנספער האט צו חיפה קיין שייכות נישט? איז עס בלויז א צופאל? — א רעדאַקציאָנעלער טעות?

חיפה ווערט נאָכאַמאָל דערמאָנט ביים באהאנדלען די פינאַנציעלע סטאַבילקייט פונם טייל ארץ־ישראל, וועלכער וועט פארבלייבן אונטער א שטענדיגן ברישן מאנדאט. ווערט דאָרט געזאגט: די שטייערן פון חיפה און ירושלים וועלן בילדן דעם פינאַנץ־קוואל פאר די באדערפנישן פון דער מדינה. דאס איז באמת א ברכה־קוואל פאר א קליינעם שטח. אויב מען זאל פונם ארץ־ישראלדיגן הכנסה־בודזשעט אַראָפּנעמען די וויכטיגסטע צאָל־שטייערן, דעם שטאָטישן פארמעגן־שטייער און דעם שטייער פון די הויפּט־אינדוסטריע־צווייגן, — וואס־זשע בלייבט איבער? חיפה איז אינדער־אמתן א וויכטיגער הכנסה־קוואל. אזא פעט שטיק לאזט מען נישט ארויס פון די הענט, און אז עס האלט דערביי — פארגעסט מען די «צייטווייליגקייט».

און נאָכאמאל: בעת עס רעדט זיך וועגן בירגערשאפט־געזעץ פאר דער באפעלקערונג, וואס וועט פארבלייבן אין דער דריטער, נישט זעלבסט־שטענדיגער, מאנדאַטאָריש־בריטישער מדינה׳ ווערט ווידער חיפה צוגערעכנט דאָרט אהין.

די איינוואוינער פון חיפה און ירושלים וועלן נישט בלויז נישט זיין קיין בירגער פון דער אידישער מדינה נאָר מיר זיינען בפירוש פאראור־טיילט צו פארבלייבן אויף תמיד א פּאָליטישע מינדערהייט אין חיפה און אין ירושלים. עס איז דעריבער פאראַן א באשיינפּערלעכע זאָרג: נאר יענע וועלכע זיינען איצטיגן מאָמענט בירגער פון דער בריטישער שוץ — די ה. הויפטזאכלעך׳ ארץ־ישראלדיגע בירגער — וועלן אין דער צוקונפט מעגן ווערן בירגער פון דער בריטישער מאנדאט־מדינה׳ אנדערע נישט׳ אונזער איצטיגע איינבירגערונגס־לאגע איז באקאנט׳ אויב ווידער עס זאל דערלויבט ווערן אן עליה אינם בריטישן שטח׳ — קומט דאָך אויף א קאָנ־סטיטוציאָנעלע דאגה «פּן ירבו»׳ און חיפה איז אויך דערין, — ס׳טייטש?

ווייטער: דער 70 טויזנט נפשותדיגער אידישער ישוב פון ניי־ירושלים ווערט ארויסגעריסן פונם תחום פון דער פאָרגעלייגטער אידישער «זעלבסט־שטענדיגקייט». דאס איז, ווי באקאנט, א פועל־יוצא פון ירושלימס הייליגקייט, פון איר קדושה. די קעניגלעכע קאמיסיע האט נישט געוואלט באגרעניצן די קדושה בלויז אינם תחום פון די מויערן פון דער פאַרצייטיגער אלט־שטאָט. פון גרויס קדושהדיגקייט האט זי אָפּגעריסן א שטיק אינדערוואָכנס און עס צוגעגעבן דעם שבת. דארף עס נישט דינען אלס רמז אויף פאר דעם, וואס עס קען צוגעגעבן ווערן חיפה. — דער שטאָט פון ענגלישן

אוניווערזיטעט? «אגב» האט זי דאך אויך א פּאַרט און אַן אויסגאנגס־פּונקט פאר די נאַפט־רערן... צי וועט נישט זיין נאַטירלעך און פשוט, ווען קודם כל וועט איר צוגעגעבן ווערן עכּו, אין וועלכער מיר זיינען דאָך ביי היינטיגן טאג אינגאנצן נישט בנמצא? עמיצער איז דאך זייער פאר־אינטערעסירט אין איר באַהעפטונג מיט חיפה. און אינמיטן — צווישן חיפה און עכּו, איז אויך עפּעס פאַראַן. און דער כרמל — ער איז דאך אוודאי אַן אָרגאנישער טייל פון חיפה, ער איז דאך איר סימבאָל. אויפן כרמל זיינען, אגב, פאַראַן הייליגע ערטער. זייער הייליגקייט קען נאָך שטייגן מיט דער צייט, — ווער קען דען עפּעס פאָראויסזען אין אונזער תקופה?

נישט ווייט געפינט זיך אויך נצרת. און וואס וועט זיין מיטן תבור? א קאָרידאָר? וואס פאר־אַ בילד שווימט ארויף ממש פון זיך אליין אלס אומבאדינגטער רעזולטאט פון דעם אלעם, באזונדערס, אויב מען גיט נאָך א טראכט וועגן די מעגלעכע נאטירלעכע אויפטרייסלונגען צווישן די הונ־דערטער טויזנטער אראבער אין גליל? — «אויסבעסערונגען» אינם פּלאַן, וועלכע נעמען ביי אונז צו דעם גליל. מיר וועלן זיך נישט וואונדערן אויב מארגן וועט אָפּגעשוואכט ווערן אונזער זיכערקייט אין דער סטא־בילקייט פון אָנגעצייכנטע גרעניצן און אין דער «צייטווייליגקייט» פון בריטישן שוץ.

די בודזשעטן פון די מדינות

און־נאך איינער פון די «זעלבסטשטענדיגקייטס»־סימנים. — די זאָרג פאר דער פינאנציעלער סטאביליזירונג פון די בודזשעטן אין די דריי מדינות. דאס בילד איז אין דעם פאל זייער קלאָר. די זאָרג פאר דער אראבישער מדינה ווערט רעגולירט דורך אידישע צינז־קנעכטשאפט. די זארג פאר דער מאנדאטאריש־בריטישער מדינה ווערט פאַרענטפערט דורך די צאָל־שטייערן פון חיפה, און דורך די אלגעמיינע שטייערן פון ירושלים, חיפה און אנדערע שטעט. די צאָל־שטייערן־שיטה וועט, לויטן באריכט, זיין א צענ־טראליזירטע און איינהייטלעכע. דערצו וועלן נויטיג זיין פירושים און — זיי וועלן זיך, פארשטייט זיך, געפינען. וואס־זשע וועט זיין די עקאנאמישע באזע פאר דער אידישער מדינה? — «זעלבסטשטענדיגקייט». פונוואנען־זשע וועט מען נעמען געלט צו פירן א ממשותדיג־זעלבסטשטענדיגע מדינה? וויבאלד דער גאנצער ענין צאָל־שטייערן וועט נישט געהערן צו אונזער פרייער מאכט, דער שטאטישער שטייער וועט זיין א באשרענקטער, און די מעגלעכקייטן פון א לאנדווירטשאפטלעכן שטייער אויך אויף מאראנצן זיינען נישטיגע, — טאָ פונוואנען? ביי דעמדאזיגן ליכט זעט דאך אזוי טראגיש אויס די פארבלענדעניש, וואס האט ארומגעכאפּט אונזער מחנה, און די ארץ־ישראל־פּרעמדקייט אירע, אז מיר האבן דא געקענט הערן פון אונזערן א חבר פון פּוילן, אז אידן זאגן שוין דארט: «וואס דארף מען די נאציא־נאלע פאָנדען, וואס פאר־אַ באדייטונג האבן זיי? אָט וועלן מיר האבן א אידישע מדינה, וועט זי דאך האבן אין איר רשות מדינה־אוצרות»

דער באפעלקערונגס־אויסטויש

איינע פון די צויבער־ווערטער, וואס זיינען דא געשילדערט געווארן, איז — דער «באפעלקערונגס־טראנספער». איך מיין נישט, אז מיר האבן נישט קיין מאָראלישע רעכט פארצולייגן א באפעלקערונגס־אויסטויש. איך זע נישט איין קיין שום מאָראלישן פגם אין א פאָרשלאג, וואס איז אויסן צו קאָנ־צענטרירן די אנטוויקלונגען פון א נאציאנאַל לעבן. אדרבה, אין א נייער וועלט־אָרדנונג קען דאס זיין און דאס וועט, מסתמא, זיין א גרויסער מענטש־לעכער אויפטו. אבער א סך געפארן שטעקן אין די פּאָליטישע רייד וואס זיינען דא וועגן דעם געהערט געווארן. אין דער קאָנקרעטער אריענ־טאציע, און קודם כל — אין דער אילוזארישקייט פון דער זאך.

דא האט מען גערעדט וועגן צוואנגס־עוואקואציע. אבער אין דער פאָר־מולירונג פונם קאמיסיע־באריכט רעדט זיך אויסדריקלעך — א פאָר מאָל — וועגן דער נויטיגקייט פון א געגנזייטיגן הסכם. אויף דעם האט מען דא גע־ענטפערט: א הסכם מיטן אראבישן כלל און צוואנג לגבי דעם פרט. אבער אויף וויפיל דער אראבישער כלל — די נייע מדינה, די שכנותדיגע אראבישע לענדער — וועט ווייטער מורא האבן, און אין דער איבערגאנגס־תקופה וועט ער טאקע מורא האבן, פאר אונזער וואוקס און אויפשטייג, וועט ער דאך זיין פאראינטערעסירט צו שאפן אין דער אידישער מדינה גופא א וואס שטארקערן און גרעסערן אראבישן כוח, וועלכער זאל אים דינען אלס שטיצ־פונקט פון אינעווייניג. און דער אראבישער פרט, — ער וועט זיך דאך מיט די נעגל קלאמערן אין אונזער מדינה מיט איר שנעלער אנטוויקלונג, מיט אירע פרנסה־מעגלעכקייטן, און ער וועט זיך מיט אלע כוחות באמיען ארויס־צודרייען פון דער «אויסטויש»־סכנה. מיר האבן זיך שוין אויסגעלערנט נישט גרינגצושעצן דעם כוח פון דער אראבישער באוועגונג. און דער כוח וועט נאך וואקסן בעת די אינטערעסן פון דער באוועגונג וועלן זיך אידענטי־פיצירן מיט די אינטערעסן פון יעדן יחיד אין איר. וועט אונז נאר בלייבן דער וועג פון צוואנג. אַן עוואקואציע מיט «אויטאמאטישע ביקסן», — דאָס איז די גרעסטע פאליטישע פראוואקאציע וואס קען נאר זיין אין אונזער צייט, צוואנגס־אוועקגיין הייסט מלחמה. יאגנדיג זיך נאך שלום, נאך מעג־לעכקייטן פון א פרידלעכער אנטוויקלונג, ווערן מיר געשטויסן צום אָפענעם שלונג פון א ווולקאַן. אזוי זעט אויך אויס די האפנונג אויף דער «גרעניצן־פארבעסערונג», אויף דער אויסברייטערונג פונם שטח. דאס פאָרשטעלבאַרע בילד איז פונקט א פארקערטס. א שטארקע עקאנאמישע אנטוויקלונג פון אידישן ארץ־ישראל — אויב די דאזיגע האפנונג וועט מקוים ווערן — וועט אויף א נאטירלעכן אופן שאפן א פארהעלטנישמעסיגע אנטוויקלונג פון אַן אראבישן ישוב ביי די גרעניצן. אלס רעזולטאט פון דער נאטירלעכער אנט־וויקלונג וועט ארום אונזער מדינה אנטשטיין א רינג פון אראבישע ישובים. און ס׳איז קיין ספק נישט, אז דער פאליטישער פלאן פון די אראבער וועט זיי באוועגן ראציאנעל און צוועקמעסיג צו פלעגן די דאזיגע נאטירלעכע אנטוויקלונג.

א סך רעאלער זעט שוין אויס די מעגלעכקייט פון א פאַקטישן באַפעלקערונגס־אויסטויש מיט איראַק און אַנדערע אַראַבישע לענדער. דורך אַן איינהייטלעך ארץ־ישראל קען דאָס אין אַ באַשטימטער צייט אַרום דורכגעפירט ווערן. די אידן פון די דאָזיגע לענדער וועלן אַזוי אַרום אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל. אמת, אויך דאָס איז נאָך לעת עתה אַ טרוים, אָבער דאָס ליגט זיך אויפן שכל ווייל אין דעם פאַל קענען די אינטערעסן זיין געמיינזאַמע. דאַגעגן די טראַנספער־פאַנטאַזיע פונם באַריכט פון דער מלוכה־קאָמיסיע איז נישט בלויז אילוזאָריש — ווייל דאָס וועט נישט געשען אין דער נאָענטער צייט, וועלכע קומט אין באַטראַכט פאַר די מדינה־חשבון־מאַכער צווישן אונז, און עס איז גאָר נישטאָ קיין פּערספּעקטיוו אין באַריכט, אַז דאָס וועט ווען־עס־איז געשען, — נאָר זי, די דאָזיקע פאַנטאַזיע, איז אויך געפערלעך, ווייל זי קען דינען אַלס פאַרייניגונגס־פאַקטאָר פאַר הונדערטער טויזנטער אַראַבער. די פאַראייניגונגס־באַדערפעניש וועט דורך איר ביי זיי וואַקסן אַ סך גרעסער ווי זי איז היינט, ווייל זיי וועלן איינזען די נויטווענדיקייט צו באַקעמפן אונז און אונזערע פּלענער.

די אילוזיע פון דער איבערגאַנגס־תקופה

וועגן דער „איבערגאַנגס־תקופה" רעדט מען ביי אונז מיט אַ „במהרה בימינו"־טאָן, מען באַטראַכט זי אַלס זאַך פון אַ קורצער צייט. אויך דאָס איז אַ ביטערע און געפערלעכע אילוזיע. איך האָב שוין פריער גערעדט וועגן די „איילעניש"־סימנים, וואָס זעען זיך שוין פאַר דער דורכזעצונג פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט, — וועגן די דרינגענדע אויפגאַבען, וואָס ווערן צוליב דעם אַנגעצייכנט, ווי די מאָדיפיצירונג פונם מוניציפּאַליטעטן־געזעץ, די עליה־באַגרעניצונג, די שאַפונג פון אַן ענגלישן אוניווערזיטעט א.א.וו. איצט וויל איך צוגעבן נאָך עפּעס מיט אונזער באַטרעטן דעם וועג פון שלום־מאַכן מיטן חלוקה־פּלאַן, — ווערט אונזער כוח אָפּגעשוואַכט. מיר ווערן אָפּגעשוואַכט סיי אין אונזער קאַמף פאַר דער פאַרברייטערונג פון דעם שטח און די גרעניצן פון דער אונז פאַרשפּראָכענער מדינה און סיי אינעם קאַמף פאַרן רעאַליזירונגס־טעמפּאָ. דער קאַמף פאַר דער פאַרקירצונג פון דער «איבערגאַנגס־תקופה» איז נישט אַזאַ איינפלוסרייכער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטלעכקייט ווי דער רעאַלער קאַמף פאַר עליה, כאָטש אין תוך גענומען קען עס זיין איינס־און־דאָסזעלבע. און מיר אַלע זיינען דאָך מודה, אַז אין אונזערע קאַמפן שפּילט זייער אַ גרויסע ראָל די פאַרשטענדניש מצד דער עפנטלעכער מיינונג. אַט אין דער איינשטעלונג פון דער אַלוועלטלעכער עפנטלעכער מיינונג קענען מיר זיך ריכטן אויף זייער אַ ביטערן דורכפאַל. אַ סך אַרגומענטן זיינען דאָ געווען פאַרבונדן מיט דער דערמאָנטער «במהרה בימינו»־האָפנונג, מיט דעם חשבון «וואָס וועט זיין אין די נאָענטסטע פינף יאָר?» אָבער אויב די נאָענטסטע פינף יאָר געהערן נישט צום חשבון,— וואָס דאַן? וועלן מיר זיך דאַן דען קענען אומקערן צום וועג פון אינערלעכן קאַמף פאַר דעם מאַנדאַט, וואָס איצט באַמיען מיר זיך מיט אַלע כוחות צו דערווייזן זיין נישטיקייט?

גרעניצן און שטחים

און איצט — וועגן די גרעניצן און די אונז־צוגעזאגטע שטחים.

מיינע אלע אינערלעכע חושים, מיין גאנצער קאלאניזאטארישער פאר־שטאנד, מיין גאנץ פראקטיש וויסן, — אלץ שרייט אין מיר געגן דער גרינג־שאצונג, וואס איז דא געהערט ווארן, לגבי די שטחים, וועלכע ווערן אָפּגע־ריסן פון דער פראיעקטירטער אידישער מדינה. איך ווארף אָפּ קאפּלאנס ציפערן. געאָלאָגן אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ רעדן נישט בלויז וועגן באוואסערונגס־פעאיגן און נישט־באוואסערונגס־פעאיגן באדן (און אויך זייערע אויסערונגען און מיינונגען זיינען נישט קיין געזעץ), נאר מען רעדט אויך וועגן נאטור־אוצרות, וועגן נאפט־ריחות, וואס לאזן זיך שפּירן פון דער ערד אין נגב. דערצו איז נאך פאראן אין ארץ־ישראל דער ים המלח, דער ירדן, נהרים, — די ערד אנטהאלט אין זיך פארבארגענע רייכטימער. ספעציא־ליסטן האבן אונז אמאל געזאגט, אז אונזער וועג אין די בערג איז אומ־זיניג און אוממעגלעך. מיר האבן זיי נישט געפאלגט און מיר זיינען אוועק אין די ירושלימער בערג. און גראד לעצטנס האבן מיר דאך פונדאסניי זיך א נעם געטון צו קאלאניזירן די דאזיגע בערג. גראָד לעצטנס האבן מיר זיך דאך א ווענד געטון אויך קיין דרום. און איצט איז פלוצים «גארנישט מיט נישט». אין די גליל־בערג האבן דאך די אראבער 200 טויזנט דונאם פלאנצונגס־באדן, וואס אויך בן־גוריון, וועלכער גלויבט אין באלדיגער עוואקו־אציע, האלט אז צו יענע שטחים האט עס נישט קיין שייכות. דאס הייסט, אז די בערג, וועלכע זיינען שוין באפלאנצט געווארן, ווייסן מיר זייער באדייטונג און פרוכטבארקייטס־קראפט. און די אנדערע בערג, וועלכע ווערן ביי אונז צוגענומען און אָפּגעשניטן, האבן קיין שום באדייטונג נישט באשר אינמיטן שטייט א גרעניץ־וואנט — אין דעם נישט־גרויסן מאָסשטאב פון אונזער שאפונגס־ווערק אין ארץ־ישראל האבן מיר שוין דערלערנט, אז באָדנס, וועלכע זיינען נעכטן נאך געוועזן פוסט און וויסט, זיינען צומארגנס געווארן פרוכטבאר. ערד, וואס מען האט זי געהאלטן פאר עקרהדיג, האט אָנגעהויבן ארויסגעבן פרוכטן. האבן מיר שוין דען טאקע אויסגעשעפט אונזער גאנץ וויסן, אונזער גאנצע חכמה? וואס איז עס פלוצים געשען מיט אונז וואס די ערד איז ביי אונז אזוי ביליג געווארן, — די ערד, וואס מיר האבן אין אונזער גאנצער ציוניסטישער דערציאונג זיך געגרייט זי צו דעראָבערן און אנטוויקלען, און אויף איר יסוד האבן מיר געווארמט דעם גאולה־טרוים פאר די מאסן פון אונזער פאלק? וואס איז געשען? און אויב די «מדינה» וועט נישט געשאפן ווערן, וועלן מיר דען דאן זאגן — זיך אליין און דעם אידישן פאלק — אז נאר די פאָרגעלייגטע תחומים פונם פיל־באריכט קענען דינען פאר אונז אלס טעטיגקייטס־געביט?

צי קומט נישט פאָר מיט אונז א פארבלענדעניש־שפּיל? עס האט זיך ביי אונז איבערגעחזרט די מעשה מיט יעקבס חלום. גאנץ ארץ־ישראל האט זיך איינגעקאָרטשעט אינם קליינעם שטיקל ערד, וואס אונטער זיין צוקאָפּנס. און די «זעלבסטשטענדיגקייטס»־מלאכים קריכן אויפן לייטער. אזוי זעט עס

אויס אין חלום. אבער אויף דער וואָר — 5 מיליאן דונאם. און אינדעם — חיפה׳ און אינדעם — 200 טויזנט דונאם פון אראבישן פלאנצונגס־באדן אין גליל (און אראבישער פלאנצונגס־באדן אויך אין יהודה). און אינדעם — אנדערט־האלבן מיליאן דונאם, וואו עס איז שוין נישטא קיין ארט פאר נייער קאָלאָ־ניזאציע. וויאזוי קען מען נאך דעם אלעם ריידן וועגן אויפנעמען מיליאנען? שוין ביי היינטיגן טאג איז גרויס די ענגשאפט אינם שטח, וואס איז פראָ־יעקטירט פאר דער מדינה. און אן אינדוסטריע גיט עס א וואקס־אויס אזוי איינס־צוויי? מיט וואס ווערט גרויס אונזער כוח זי צו אנטוויקלען דווקא נאכ־דעם ווי מען שניידט ארום אונזער שטח? ניין. נישט קיין זעלבסטשטענדיג־קייט גיט מען אונז. מען וויל פארבלענדן אונזערע אויגן מיט שלום־האפענונג, מיט לעבנס־זיכערקייט, מיט אויסמיידן אומרוען, — און מען בארויבט אונז דעם סאמע קוואל פון לעבן, דעם הויפט־יסוד — די שטחים אויפצונעמען עליה. מען רעדט אונז איין מיט צוזאָגן צו פארזיכערן שלום פארן ישוב. עס איז אבער א צווייפלהאפטער שלום, וואס איז אָפהענגיג פון באשיצער־גנאָד און פון דער נויטווענדיגקייט צו טראגן אויף זיך א יאָך פון א מיליטער און פון א שווערן מיליטערישן בודזשעט. און דערפאר פארלאנגט מען פון אונז, מיר זאלן מוותר זיין אויף דער קיבוץ־גליות־האָפענונג, וועלכע איז פאר אונז א מעכטיגער פאקטאר, כאטש קיין אייזערנע בריק איז נישט אָנגעגרייט פאר איר גאנג. מען האט אונז שוין אייגנטלעך געצוואונגען אָפן צו אנערקענען און צו פראָקלאמירן דעם מאסשטאב פון צוויי מיליאן. אבער די ב י י ע זיכער־קייט אין דער עליה־מעגלעכקייט פאר די צוויי מיליאן איז צווייפעלהאפט, און דאס אינערלעכע און אויסערלעכע מוותר זיין אויף דער קיבוץ־גליות־פאָדערונג פאר א סך מיליאנען איז קלאר.

פונוואנען נעמט זיך אונזער העגעמאניע־רעכט אין אידישן פאלק? אויף וואס באזירט אונזער רעכט אריבערצופירן קיין ארץ־ישראל דאס בעסטע פון דער אידישער יוגנט? אונזער רעכט שטיצט זיך נאר אויף זייער חלוצישקייט, נאר אויף דער איבערצייגונג, אז זיי זיינען די ערשטע, די פאָרגייער. אין פאָרגייער נויטיגט זיך א מחנה, וואס קלייבט זיך אין וועג אריין. א מחנה, וואס איז פאראורטיילט אויף אייביגן גלות, שיקט נישט ארויס קיין פארגייער, קיין חלוצים׳ — אזא מחנה איז נישט בכוח ארויסצוגעבן פון זיך חלוצים. אט דער חלוצישקייט־בוים קען וואקסן און בליען נאר אויף א באדן פון גאולה־האפנונג פארן פאלק, פאר די מאסן זיינע. איצט האקט מען ביי אונז אונטער וואָרצלען, ווי מען האט זיי נאך קיינמאל נישט אונטערגעהאקט אין דער ציוניסטישער באוועגונג. ציוניסטישע העגעמאָניע איז נישט קיין געראָטענער «איינפאל», — מען קען זי נישט אויפהאלטן אין די מאסן אָן דער האפנונג אויף ציוניסטישער גאולה.

צו קאמף און מעשים

מען זאגט אונז: איז ווי אנדערש? אויב נישט חלוקה — אין וואס בא־שטייט אונזער כוח? אוודאי, איך שטעל מיר נישט פאר די מאנדאט־הער־

שאפט אלס גן־עדן. איך האב דאך גלייך פון אָנהויב געזאגט: א צוויי־שאר־פיגע שווערד. ביידע זייטן פון דער שווערד זיינען גרויזאם. אבער עס איז פאראן זייער א גרויסער אונטערשייד צווישן «סטאבילי־זירונג» דורך עליה־געזעצן — געזעצן ווערן געשאפן און ווערן בטל — און צווישן «סטאבילי־זאציע» דורך פּאָליטיש־מדינהשע גרעניצן. גרעניצן ווערן בלויז געשאפן, — בטל ווערן זיי נישט. געזעצן זיינען נאך נישט קיין «סטאביליזאציע» אפילו ווען זיי ווערן אויסגעדריקט אין דער סאמע שרעקלעכסטער פארם, ווי למשל, אין דער פארגעלייגטער אלטערנאטיווע. די געזעצן זיינען א פּראָדוקט פון א באשטימטער פאליטישער סיטואציע אין דער וועלט און אויפן מזרח. קען מען דען באטראכטן א סיטואציע ווי א סטאביליטעט. מען זאגט: ווארטן — טאר מען נישט. די צייט וועט זיין געגן אונז. אבער דער איצטער איז דאך אוודאי און אוודאי געגן אונז, מעד ווי יעדער אומפאראויסגעזעענער שפּעטער. מיר האבן נישט וואס אנצווערן. ערגער קען נישט זיין. און פאראן איז דער אידישער כוח. דער אידישער דרוק איז א ווירקנדער פאקטאר. דער צייט־פארלויף שוואכט אונז נישט אָפּ. דייטשלאנד און פוילן זאגן עדות. און מיר ווייסן נאך נישט וויאזוי וועט צוריקקומען צום אלגעמיין־אידישן לעבן דאס רוסישע אידנטום. מיר האלטן עס נאך נישט פאר פארפאלן. עס איז א שלעכטער סימן פאר אונז אויב מיר פארגעסן עס. דער ישוב, וואס וועט זיך א נאמען געבן «מדינה», וועט נישט ווערן דורכדעם א באנייטער און געשטארקטער כוח. עס וועט זיין א «מדינה», וואס ענגלאנד וועט מיט איר ווייטער מאכן וואס זי וויל. דאס זיבעצן־מיליאניגע אידנטום, וואס ווערט געטריבן און געצוואונגן צום קאמף פאר פּאָליטישער גאולה, — אט דאס איז דער כוח. דער כוח באשטייט אין אונזער קלאמערן זיך אין לאנד פון אונזער האפנונג, — אין אונזער «אויסוועגלאָזיגקייט».

דאס אידישע פאלק אריענטירט זיך נישט אין דער אינטריגע. מען האט זי אים נישט קלאר געמאכט. דאס אידישע פאלק איז איצט פארכאפּט פון אילוזיע פארבלענדעניש, — עס וועט זיך אבער אויסניכטערן.

דער קאנגרעס, דאס אידישע פאלק דארף איצט ארויסזאגן א גרויסן ניין. מיר דארפן ווייטער פירן אונזער קאמף און אונזער ארבעט. קיין כישוף באזיצן מיר נישט. דער מאנדאט איז נישט קיין צויבערשטעקעלע, ער איז אבער א באזע פארן אידישן קאמף און געראנגל אין די ראמען פון דער אינטערנאציאָנאלער מאכט. דאס איז איבערהויפּט אלץ וואס מיר פארמאָגן. אין די דאזיגע ראמען איז אונז שווער און שלעכט, ווייל מיר זיינען שוואך. אבער אָן זיי גליטשט זיך ארויס די באזע אונזערע און עס ווערט אונז צו־גענומען יעדע מעגלעכקייט פון קאמף־פארמעסט. לאמיר ווייטער קעמפן מיט די כלי־זין, וואס מיר פארמאָגן און וועלכע זיינען א פּראָדוקט פון אונזער ממשותדיגער זעלבסטשטענדיגקייט. די דאזיגע כלי־זין זיינען — דער קרן קימת דער קרן היסוד, די חלוציש מחנות, די דערציאונג פון דער אידישער יוגנט

צו האפנונג פון זעלבסט־דערלייזונג. דער הויפט־געווער אין אונזער קאמף איז — אונזער אינערלעכער לעבנס־ווילן.

לאמיר רופן דאס פאלק צו קאמף און צו מעשים, וועלכע בילדן דעם הויפט־אינסטרומענט אין אונזער קאמף. דער חוב פון אונזער באוועגונג איז — ווייטער צו גיין אין איר ביזאיצטיגן וועג.

* *
*

ביים סוף פון דער זיצונג לייגט פאר מ. ניישטאדט אויסצווויילן אן ארגאניזאציע־קאמיסיע פון 36 חברים, כדי זי זאל קענען, אויב עס וועט זיין נויטיג, זיך צו צעטיילן אויף סוב־קאמיסיעס. דער פארשלאג ווערט אנגענומען, און עס ווערן געוויילט אין דער קאמיסיע פאלגנדע חברים:

י. אידעלסאן, ד. בן־גוריון, י. באנקאווער, א. ביאלאפאלסקי, ד. בערמאן, אפרים גרינבערג, מ. גראבאווסקי, א. דאבקין, דר. י. העלמאן, צבי הערשקאוויטש, ב. וועסט, ד. ווערטהיים, דר. יוסף וואכמאן, דר. א. טארטאקאווער, ש. לעווענבערג, ב. לאקער, ד. ליפשיץ, גאלדע מאירסאן, י. מערעמינסקי, מ. ניישטאדט, ל. סיגעל, ס. סיגעל, שרה פעדער, ב. צוקערמאן, דר. מ. קאטיק, א. קאפלאן, י. רעזניטשענקא, א. רייס, פ. ראשיש, דר. י. שאפירא, ל. שטשופאקעוויטש, דר. ק. שווארץ, ח. שורער, י. שיינבוים, יוסף שיץ און י. שפרינצאק.

*

נאכן אויסוואל פון דער קאמיסיע לייענט פאר ד. בן־גוריון די רעדע פונם קאלאניען־מיניסטער, אָרמסבי־גאר, וועלכע ער האט געהאלטן אין גענף מיט א טאג פריער אין דער מאנדאטן־קאמיסיע פון פעלקער בונד.

זיבעטע זיצונג

שבת, דעם 31 יולי 1937, נאכמיטאג

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאַטע

(רעדעס פון א. לולו, גאלדע מאירסאן, פ. לוביאניקער, חיים גרינבערג און דוב האָז)

א. לולו

וואָלט איך געוואוסט, אז די איצטיגע באדינגונגען אין ארץ־ישראל וועלן זיך אין דער צוקונפט נישט ענדערן, און דער מצב אין אלע אונזערע לעבנס־געביטן וועט בלייבן ווי ער איז, און די אראבישע באוועגונג וועט פארבלייבן אין אירע איצטיגע גרעניצן, און דער אראבישער טעראָר וועט נישט ארומנעמען קיין נייע טעטיגקייטס־געביטן, ווי צום ביישפיל, באָדן־פארקויף — די צענטראלע פראגע פאר אונזער ארייננדרינגען אין ארץ־ישראל — און ער וועט נישט דערפירן דערצו, אז קיין שום אראבער וועט נישט וואגן פירן קיין פארקויף־אונטערהאנדלונגען אָן דעם וויסן פון העכסטן אראבישן קאמיטעט; וואָלט איך געוואוסט, אז די בריטישע אדמיניסטראציע וועט נישט זוכן און געפינען נייע מיטלען וויאזוי צו שטערן אונזער אנט־וויקלונג און שווערמאכן אונזער ווייטערדיגן וועג; וואָלט איך געוואוסט, אז די באדינגונגען פון דער אידישער עליה קיין ארץ־ישראל וועלן זיך נישט ענדערן אפילו אין די באשרענקטע ראמען פון היינטיגן טאָג, און אז דאס שטרעבן און רייסן זיך צו ציון וועט נישט אָפּגעשוואכט ווערן אין גלות־אידנטום אדאנק אויסערלעכע אומשטאנדן, און אז מיר וועלן זיך תמיד געפינען אונטער א דרוק, וואס וועט אונז מוזן עפענען די ארץ־ישראלדיגע טויערן; וואָלט איך געוואוסט, אז מיר וועלן אין אלע צייטן, ביי אלע באַ־דינגונגען — גוטע אדער שלעכטע, באקוועמע אדער אומבאקוועמע — קענען קויפן אין ארץ־ישראל גרעסערע שטחים, ווי די וואס ווערן אונז איצט פּאָר־געלייגט דורך דער קעניגלעכער קאמיסיע, — וואָלט איך דאס אלץ געוואוסט און געווען זיכער אין דעם, וואָלט איך דאן צוגעשטאנען צו די וואָס ווארפן אָפּ דעם פארשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע מכוח דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל און אויך איך וואלט געזאגט «לא» מיט א גרויסן אַלף.

א נישט אויסגענוצטע געלעגנהייט

פאראן א גרויסער ציוניסטישער טרוים, וואס קען פארוואנדלט ווערן אין א גרויסן קאָשמאר. הויפּטזאַכלעך וואונדער איך זיך אויף אונזערע חברים.

וואס זיינען געקומען פון ארץ־ישראל. זיי ווייסן דאך יאָ וואס דאָרטן טוט זיך און זיי קענען דאך יאָ אונזערע באדינגונגען דאָרטן. אדרבא, זאלן זיי מיר זאָגן, וואס פאר א גרויסע ציוניסטישע וויזיע זעען זיי איין אין דעם פאל, אז בעת די אראבער האבן געפרווט פארשטאָפּן דעם קוואל אין עין־חרוד און פארברענען די פּאָמפּ־מאשינען, האט עמיצער, וואס איז געווען פאראינטערעסירט דערין, ארויסגעגעבן א באפעל: מען זאל זיך באגרעניצן מיט באשיצן דעם ישוב און נישט ארויס פון זיינע אינערלעכע תחומים? און נאך אן אילוסטראציע קען איך אייך ברענגען צו דער «גרויסער ציוניס־טישער וויזיע»: איך, וואס שטיי פאר אייך איצט דא, בין א לערער אין ירושלים, און איך האָב לעצטנס נישט געוואגט צוצוקומען ביז דעם שכמ׳ער טויער פון דער אלטשטאָט־מויער, און אוודאי און אוודאי נישט אריינגיין אין טויער. מיר האבן זיך געפונען אין א מין געטאָ. און ווער קען אונז עָרב זיין, אז די לאגע וועט נישט ווערן ערגער און ערגער.

איך קען די אראבישע באוועגונג שוין איבער דרייסיק יאָר, פון זינט עס האט אנגעהויבן דערשיינען אויף דער אראבישער גאס אין ארץ־ישראל די צייטונג «אַל־כרמל» אונטער דער רעדאקציע פון נאַדזשיב נאַצר, דער פּאָטער פון דער אנטיציוניסטישער באוועגונג אין ארץ־ישראל. דער מרחק פון «אַל־כרמל» ביז «אַ־דיפאע» און «פלשתין» איז אזוי גרויס ווי דער מרחק פון נאַדזשיב נאַצר ביז אמין אלחוסיני, — דער ירושלימער מופטי און דער פארזיצער פון העכסטן אראבישן קאמיטעט. נאַצר האט געפרווט אגיטירן און אויך מאכן בלבולים, אבער ער איז פארבליבן אין די גרעניצן פון אגי־טאציע און בלבול־מאכעריי, דאגעגן דער מופטי באדראט דאָס לעבן און פארמעגן און ער וויל אונז אויסרייסן מיטן וואָרצל; נאצר איז געווען און פארבליבן אַן אנטיציוניסטישער זשורנאליסט, און אמין איז דאָך דערגאנגען ביז אָרגאניזירן באנדעס.

איך האָב אמאל געזאָגט צו אראבער אין ארץ־ישראל: אונזער ווערק ברענגט אייך אויפלעבונג נישט בלויז אין עקאנאמישער הינזיכט, נאר אויך אין קולטורעלער; איך האב געקענט די ערשטע אויפשפּראָצן פון אייער באַ־וועגונג אין איר אָנהויב, און ס׳איז א שאָד וואס אין איר אנטוויקלונג, וועלכע פארדינט אין א געוויסן זין א פּאָזיטיווע אָפּשאצונג, איז זי אוועק אויף א נישט ריכטיגן וועג, און איצט באציט זי זיך צו אונז מיט דער טעמפּ־קייט פון א פיל פארמעגנדן גביר, וואס זיינע אויערן הערן גאָר נישט די רייד פון א ברודער־פאלק, וועלכער האט גרויסע פארדינסטן אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט. מען דארף אבער זיין נאַאיוו צו מיינען און צו גלויבן, אז מוסר־זאָגעריי וועט עפּעס העלפן גראד אין מזרח און גראָד אין איצטיגן דור. ווען די חיה אינם מענטש איז ווידער ארויס פון איר שטייג. יאָ, די אראבישע באוועגונג, וועלכע אנטוויקלט זיך אין א פאר אונז אומגינסטיגער ריכטונג און וועלכע קען אונז נישט פארשטיין, וועט זיין געצוואונגען צו מאכן מיט אונז א פשרה. עס איז נאר צום באדויערן, וואס די גינסטיגע טעג זיינען שוין אויף אייביג אוועק. וואָרום — ווען די פער־

ציג טויזנט דייטשישע אידן, וועלכע זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אין די לעצטע צוויי יאר, וואָלטן געקומען אָן היטלערס דרוק; ווען דאס פוי־לישע אידנטום וואָלט אויך געקומען אָן גראבסקיס דרוק. און ווען בשעת דער פראָקלאמירונג פון דער באלפור־דעקלאראציע וואלט זיך געפונען אין ארץ־ישראל לכל הפחות די צאל אידן וואס געפינט זיך היינט, — וואלט די באלפור־דעקלאראציע געווען אַן אנדערע, און די גרעניצן פון דער אי־דישער מדינה, וואס מען וואָלט זי אפשר דאמאָלס פארגעלייגט, וואָלטן געווען ברייטערע און גרעסערע.

פלענער, וואס וועלן נישט אויסהאַלטן

דערלויבט מיר אייך צו דערציילן וועגן דעם וואס עס האט זיך אָפּגעטון אין ארץ־ישראל אינם טאג ווען עס איז פארעפנטלעכט געווארן דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. איך בין פון פאך א לערער און איך לערן «לאנדקענטניש». ווען איך בין אריין, צומארגענס נאָך דער דערמאָנטער פארעפנטלעכונג, אין א קלאס פון קליינע קינדערלעך, האָט מיך ארומגערינגלט דאָס גאנצע קליינוואַרג מיט מאפעס אין די הענט: «לערער, — צו וועמען וועט געהערן דער ארנון, און דגניה צו וועמען?, לערער, — און חברון, און די מערת המכפלה, און צפת, און טבריה, און די רוטענבערג־קאָנ־צעסיע, און דער ים־המלח? לערער, — דער ים־המלח וועט נישט זיין אונזער?!» איך האב די קינדער נישט געקענט בארואיגן, און צום סוף, ווען עס האבן זיך געענדיגט די פראגן, וועלכע זיינען אגב, פארבליבן אָן א געניגנדער תשובה, האב איך אנגעהויבן דערקלערן די קינדער וואס איז אזוינס א מדינה. איך האב גערעדט פאר זיי, פארשטייט זיך, נישט וועגן דער פאָרגעלייגטער פיטשינקער מדינהלע נאר וועגן א מדינה בכלל, וועגן די באדערפנישן פון א מדינה: זיכערהייט, שוץ, מיליטער. די קינדער זיינען דאן ארויף אויף די בענק און האבן אין געררטקייט און אויפרעגונג גענומען אַפּלאָדירן. מען קען, נאטירלעך, נישט ברענגען קיין ראיה פון קינדער און קינדערשן פאר־שטאנד, אבער ווען גרויסע ווערן קינדער און חלומען א פארנעפלטן חלום בעת א מיאוסע ווירקליכקייט פאטשט אונז איבערן פנים — — —

מיינע ברידער און פריינט, — ווער האט אונז נישט געלאָזט דערווערבן אין «קארידאר» מער ווי איין עטרות? און ווער האט אונז פארווערט אויפ־צובויען דארט נאך קרית־ענבימס? איך בין פול גלויבן, אז דגניה וועט זיין אונזערע, — עס זענען פאראן זאכן וואס מען קען אויף זיי נישט מוותר זיין. ירושלים אויסער דער אידישער מדינה — וואס פאר־א סארקאסטישער שפּאָט פונם שטן! ענגליש — די איינציגע אפיציעלע שפראך אין קארידאר! עס זיינען פאראן אבסורדן, וועלכע מוזן זיך צעפאלן ווי קארטנהייזלעך.

די פארגעלייגטע גרעניצן זיינען ענג און שמאָל, דער שטח איז קליין, און ס'איז נויטיג א גרויסע דיפלאמאטישע קלוגשאפט כדי אויסצובעסערן דאס וואָס ס'איז נויטיג אויסצובעסערן, באזונדערס בעת דער פארטנער איז דורכגעטריבן און כיטרע. די אראבישע מדינה וועט זיך נויטיגן אין געוויסע געלט־סומען

כדי זיך צו שטעלן אויף די פיס׳ — די שווערע לאגע אין סיריע באווייזט עס׳ — און מען וועט דארפן געפינען א פארשטענדיגונג צווישן אונז און די אראבער אויף דעם געביט׳

טראַנספער — מיט די שכנותדיגע לענדער

און איצט וועגן טראנספער — וועגן דער אנגעווייטאָגטער פראגע׳ ערשטנס׳ — «אל תצדק הרבה» — לאמיר נישט זיין צו פרום, און צווייטנס׳ אויך מיר קענען זיין פרעטענדענטן אויף אזא פארשלאג׳ פארשטייט זיך׳ מיט דער איינשטימונג פון די דירעקט־פאראינטערעסירטע: אין די אראבישע לענדער ארום ארץ־ישראל — מעסאָפּאָטאַמיע, אראביע, תימן און סיריע — געפינען זיך איצט ביי 100·000 אידן. פאר דעם געלט וואס דער אויסוואנדערנדער ארץ־ישראלדיגער אראבער וועט באקומען פאר זיין באָדן, וועט ער זיך קויפן ערד־שטחים אין מעסאָפּאָטאַמיע, און דאס לאנד וואס האט פארצייטנס אויפגעהאלטן צענדליגער מיליאנען אשורים און בבלים׳ און וואס האט געבליט אין דער צייט פון באגדאדער קאליפאט׳ וועט ווידער אויפבליען דורך דער קאָנצענטראציע פון די אָנקומענדע אראבער. אין מעסאָפּאטאמיע וועט געשאפן ווערן א גרויסער אראבישער קולטורעלער צענטר, און אָנשטאט דעם וועלען אונזערע, דארט פארוואָרפענע ברידער׳ וועלכע איך פארטרעט דא׳ זיך אומקערן צו זייער היים־לאנד׳ צום לאנד פון זייער פארגאנגענהייט און צוקונפט׳ אויב מיר זאָלן אפילו וועלן בודק זיין דעמדאָזיגן אויסטויש לפי יעדער סאציאליסטישער פראגראם׳ וועלן מיר בלייבן די גערעכטע אין אלע הינזיכטן. פון איין זייט געפינט זיך א גרויס קולטורעל פאלק אין באדינגונגען פון באָדנלאזיגקייט אין גרויל פון אומאויפהערלעכע, מאטעריעלע און גייסטיגע, פּאָגראמען אין אלע זיינע גלות־לענדער׳ און פון דער צווייטער זייט — א פאלק וואס איז זאט מיט היימלאנד און האט עס גענוג פאר זיך און פארן כסדרדיגן צוואוקס פון זיינע קומענדע דורות. ביי דעמדאָזיגן אויסטויש, וועלן מיר זיין די גערעכטע אין אלע הינזיכטען. אויב מיר זאלן זיין געגען יעדן טראנספער־רעכט׳ וואלטן מיר געדארפט זיין געגן אלעם׳ וואס מיר האבן געטון ביז אהער׳ — געגן טראנספער פון עמק חפר אין עמק בית שאן, געגן טראנספער פון שרון אין די הרי אפרים א׳ א׳ וו׳ מען האט דא געזאגט׳ אז דער טראנספער איז א פּאָליטישע פּראָוואָקאציע׳ ניין׳ נישטא אין אים קיין שום פּראָוואקאציע. דאס איז לחלוטין א גערעכטער און לאָגישער׳ א מענשלעכער און מאָראלישער פלאן.

גאָלדע מאירסאָן

* דעם ויכוח מאכט שווער דער פאקט, וואס דער פּאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע שאפט א מעגלעכקייט פון א באלדיגער לעזונג פאר עטלעכע צענדליג טויזנט אידן. אָבער אין תוך גענומען איז די חלוקה די גרעסטע עוולה וואס איז אונז אָפּגעטון געוואָרן. אין פארלויף פון לאנגע

יאָרן האט מען אונז גאָרנישט געגעבן, און מיר האבן פונדעסטוועגן גע־מאכט אויסערגעוויינלעכע באמיאונגען (כאָטש מיר האָבן נאך נישט אלץ געטון).—איצט קומט מען און מען פארקלענערט אין א גרויסער מאָס אונ־זערע מעגלעכקייטן.

לאָמיר אָננעמען אז במשך די נאָענטסטע 15 יאר וועלן מיר אויפטון דעם מאקסימום — מיר וועלן דערגרייכן אין ארץ־ישראל ביז 2 מיליאן אידן. קענען מיר דען זאָגן, אז מיר דארפן מאכן אונזערע אויסרעכנונגען בלויז אין די ראַמען פון די דאָזיגע 15 יאר, און וואס ווייטער וועט זיין — גייט אונז נישט אָן? איך וויל א אידישע מדינה, אבער איך וואָלט נישט גע־וואָלט דערגרייכן א טאג, ווען איך אָדער מיינע קינדער — וועלן דארפן זאגן צו א איד, וואס וועט קלאפן אין די טויערן פון דער מדינה, אז פאר אים איז שוין קיין פלאץ נישטאָ.

די אראבישע יוגנט שטארקט זיך, אלע זאגן עס. און פון דער אנ־דער זייט זאָגט מען: דעם בעסטן שטח האט מען אונז אוועקגעגעבן, און די אראבער האבן באקומען מדבריות און ערטער אָן וואסער. פרעג איך: פארוואס זאל איך גלויבן, אז די אראבישע יוגנט, וועלכע וועט אויפוואקסן אין איר מדינה און זי וועט זען ביי אונז בליאונג און אויפשטייג, — וועט דערמיט שלום מאכן. די חלוקה וועט דאך דורכגעפירט ווערן נישט מיטן גוטן ווילן נאר דורך צוואנג. פארוואס־זשע וועט גראד דאמאָלס די אראבישע יוגנט באציען זיך צו אונז מיט מער סימפאטיע ווי איצטער? און — פארוואס וועט אין 15 יאר ארום דידאזיגע יוגנט מסכים זיין, מיר זאלן אָנהויבן זיך באזעצן אין דער אראבישער מדינה?

די פראגע וועגן צוואנגס־טראנספער קען מען אויך אויסטייטשן אנ־דערש ווי בן־גוריון טוט עס. קען מען דען — נאך אונזער ביזאיצטיגער ביטערער דערפארונג — א טראכט טון כאטש איין ווייַלע, אז אין איינעם א מאָמענט וועט ענגלאנד, צוליב אונזער טובה וועגן, פלוצלינג טון עפעס אזוינס, וואס קען אויפרודערן די גאנצע מוסולמענישע וועלט? איך וואָלט מסכים געווען, די אראבער זאלן פארלאָזן ארץ־ישראל,—מיין געוויסן וועט זיין פולשטענדיג ריין. אבער איז דען פאראן אזא מעגלעכקייט? און אויב ווידער זיי וועלן בלייבן,—איז די חלוקה־רעגולירונג נישט קיין סוף צו דער אראבישער פראגע נאר אַן אָנהויב. וואס,—מיר וועלן שאפן געזעצן געגן זיי? ניין! מיר וועלן מוזן זיי אלעמען פארזיכערן פולע בירגער־רעכט, און נישט מאכן קיין נאציאנאלע אונטערשידן.

מעגלעך, אז אויב דער איצטיגער פאָרשלאַג וועט צוליב אונזער שולד דורכפאלן, וועט מען זיך אין אונז שווער נוקם זיין. אָבער אויך ביז איצט איז אונזער ארבעט געווען א שווערע, מען האט געשטערט אויף טריט און שריט, פונדעסטוועגן האבן מיר געהאט א פעסטן גלויבן און מיר האבן אים אויך אנדערע איבערגעגעבן, מיר האבן געקעמפט פאר גרויס־ציוניזם און מיר האבן מיטגעריסן מאסן.

איך האב געטראָפן חברים, וואס שעמען זיך זאגן „יאָ", אבער אין

הארצן ווילן זיי עס. עס טרייבט זיי דערצו דער ווילן פטור צו ווערן פון שוועריגקייטן. אבער עס איז נישטא קיין שום גאראנטיע, אז דערמיט וועט נעמען א סוף צו די געשעענישן. לאָמיר גיין צו די אידישע מאסן און זיי פרעגן: צי זיי זיינען גרייט צו ראטעווען א מיליאן אדער אנדערט־האלבן מיליאן אידן במשך די נאענטע 10 יאר, נישט האָבנדיג דערנאך די מעגלעכקייט צו ענדערן די גרעניצן? גרעניצן ווערן געענדערט נאר דורך מלחמות. אפשר וועט אין דער נאָענטסטער צוקונפט זיין א מלחמה, אבער פונוואנען נעמט זיך צו אונז די זיכערקייט, אז אין דער מלחמה וועלן די גרעניצן געענדערט ווערן לטובת אונז?

דער חלוקה־פלאן באדייט: פשרות אויף אונזער חשבון. אזוי ווי ענג־לאנד האט געמאכט א פשרה מיט מוסאָלינין אויפן חשבון פון אביסיניע, און מיט היטלערן—אויפן חשבון פון שפאניע. איך בין נישט זיכער, אז מיר קענען עפעס ענדערן. אויב ענגלאנד וועט טאקע באשטיין אויפן פלאן, וועט זי זיין בכוח אים צו רעאליזירן. אבער מיר טאָרן נישט אננעמען די גזרה אָן א קאמף. מיר דארפן פרווון די גזרה אָפשרייען, — מיר דארפן רופן אונזער יוגנט, זי זאל פארטיידיגן אונזערע רעכט און אונזער צוקונפט.

פנחס לוביאַניקער

יעדער פרווו צו באקומען נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט איז פאר־בונדן מיט שוועריגקייטן און מיט א היסטארישן ריזיקאָ. קיין געפלאסטערטע און זיכערע וועגן זיינען נישטא. יעדער וועג, וועלכע מיר וועלן אויסקלייבן, איז פארבונדן מיט סכנות. ווען אונזערעביידע צדדים וואלטן געהאט אָט די איבערצייגונג, וואלטן פאַרשפארט געווען א סך איבערטרייבונגען און הגזמות, וואס זיינען בעת דער דיסקוסיע געהערט געווארן פון ביידע זייטן.

ביי געוויסע יאָ־זאגער דערפירט די אידעאַליזאציע פון חלוקה־פלאן צום גרינגשעצן און מבטל זיין די קאָלאָניזאַטאָרישע באדייטונג פון אנדערע טיילן ארץ־ישראל. די בערג, דער נגב א. ד. ג. ווערן, אין זייערע רייד, פארוואנדעלט אין שטחים וואס האבן בכלל קיין ווערט נישט אָדער וואס זיינען צוליב זייער קאָמפּאַקטן ישוב געשלאָסן פאר אידישער איניציא־טיוו. ביי א סך פון די ניין־זאָגער איז זייער געגנערשאפט צו דער חלוקה פארבונדן מיטן ארגומענט, אז פינף מיליאן דונאם אין גליל, אין די טאָלן און אין ים ברעג־געביט — וועלכע בילדן לכל הדעות דעם סאמע בעסטן טייל פון ארץ־ ישראל — דערמעגלעכן נישט קיין עליה און קיין קאָלאָניזאציע אין ערנסטע מאסשטאָבן, און דער טייטש פון דער חלוקה איז דעריבער, — פארמאכן די ארץ־ישראל טויערן פאר א אידישער עליה און «איינגליווערונג» פון דער נאציאנאלער היים.

פארזיכטיגער מיט ווערטער

אויב מען זאל צונויפנעמען צוזאמען די דאזיגע ביידע מיינונגען, וועט זיך באקומען א בילד פון ארץ־ישראל, אז עס איז אדער א מדבר־לאנד אדער א פול־

שטענדיג באַזעצט לאַנד, און אַזוי אַרום וועט דערוויזן ווערן, אַז די ציוניס־טישע אידעע בכלל איז פון לכתחילה אָן געווען «שווינדל און אָפּנאַרעריי».

דער פּועל יוצא דערפון: מיר דאַרפן זיין פאָרזיכטיג מיט אונזערע רייד און געדענקען, אַז אויב די חלוקה וועט צושטאַנדקומען, וועלן מיר דאָך אַלע דאַרפן קומען אין חוץ־לארץ און רופן די אידן צו עליה צו קרבנות, צו קאָלאָניזאַציע. דאָס שילדערן די צוקונפטיגע אידישע מדינה ווי אַ «טאַשן־מדינה», ווי אַ «פּלאַזשע» א. ד. ג. מוז דערפירן צום אונטערגראָבן דעם ציוניסטישן גלויבן — דער קוואַל פון אונזער כוח ביי אַלע פאָרמען פון דער פּאָליטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל.

אין אונזער דעבאַטע לאָזט זיך מערקן אַ אינטערעסאַנטע דערשיינונג: דווקא די חברים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער שאַרפער קריטיק געגן דער ענגלישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל און דערווייזן כסדר, אַז «אַל־ביאָן» איז אין זיין וועזן אַנטיציוניסטיש און אַז די פּאָליטיק פון דער מאַכט־איז תמיד געווען געווענדעט אונטערצוהאַקן אָדער גאָר צו צעשטערן די האָפ־נונג פון ציוניזם, — דווקא זיי זיינען איצט געוואָרן די באַשיצער פון ענגלישן מאַנדאַט, די טרעגער פונם געדאַנק, אַז ער איז הייליג. אויב מיר זאָלן אויף אַ מאָמענט אָננעמען אַלס ריכטיג די דאָזיגע שילדערונג פון דער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, פרעגט זיך דאָך ממילא די פראַגע: ביי אַזאַ כאַ־ראַקטער און אַזאַ טענדענץ פון דער מאַנדאַט־מאַכט, איז וואָס גלייכער — אַב־סאָלוטע אָפּהענגיגקייט פון אָט דער מאַכט אָדער אַ געוויסע זעלבסשטענדיג־קייט, וועלכע מאַכט אונז כאָטש טיילווייז פּאַר באַלעבאַטים פון אונזער גורל און אונזער צוקונפט?

אַ מדינה אָדער אַ קאָלאָניע

דער אמת איז אָבער, אַז פאַר אונז שטייט נישט די ברירה: אַ מדינה אָדער אַ מאַנדאַט, אַן אויסגעבעסערטער פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. די אמתע ברירה איז: אַ מדינה אָדער אַ לאַגע פון אַ קרוין־קאָלאָניע. דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט איז געשאַפן געוואָרן ביי באַשטימטע פאַרהעלטנישן, וואָס זייער סימבאָל איז געווען דער ווערסאַילער טראַקטאַט און דער פעלקער־בונד. דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז צעריסן געוואָרן און דער פעלקער־בונד געפינט זיך אין אַ גסיסה־צושטאַנד. דער מאַנדאַט, מיט זיין ציוניסטישן אינהאַלט, איז איצט אַ מין איבערבלייב פון אַ פּרעהיסטאָרישער תקופה, וואָס זיין פּאָליטישע באַזע צעקריכט און צעברעקלט זיך.

דאָס מאַנדאַט־סיסטעם האָט אַנטשפּראָכן ארץ־ישראל אין יאָר 1922, נאָכן סוף פון דער מלחמה און פאַרן אָנהויב פון אַ לאַנגער שלום־תקופה, בעת די שפּראָצונגען פון אַן אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָבן זיך קוים באַוויזן און בעת דער אידישער ישוב אין לאַנד איז געווען קוואַנ־טיטאַטיוו קליין און קוואַליטאַטיוו אָרים. — אין יאָר 1936, אין דער צייט פון ערנסטע פּאָליטישע קאָמפּליצירונגען, פון דעם וואונדערבאַרן אויפשטייג פון אידישן אויפבוי־ווערק, און אויך פון דער אַנטוויקלונג פונם אַראַבישן נאַ־

ציאָנאַליזם, — האט דער מאנדאט אויפגעהערט צו זיין די פּאָליטיש־יורידישע ראַם, וואס זאל אנטשפּרעכען די לעבענס־באדערפענישען פון די דריי פאקטאָרן, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין גורל פון ארץ־ישראל.

אָט דידאזיגע אנטוויקלונג האט עס געבראכט צו כסדרדיגע ענדערונגען און מאדיפיצירונגען אינם אינהאלט פון מאנדאט. לכתחילה איז די ציוניסטישע קאלאניזאציע געווען דער אנטשיידענדער פאקטאר. מיט דער צייט האט זיך ארויסגערוקט די פארפליכטונג לגבי די אראבער אלס גלייכווערטיגער עלעמענט, וועלכע האט אנגעהויבן איינשרענקען דעם ציוניסטישן אינהאלט. אין פארלויף פון א געוויסער תקופה האט מען געפּרוווט אויפקלערן, אז די אויפגאבע פון דער מאנדאט־מאכט באשטייט אין דערפירן צו א הארמאָניע אדער צו א באלאנסירונג צווישן די צוויי פארפליכטונגען. איצט איז געקומען די קעניגלעכע קאָמיסיע, און נאך איר די ענגלישע רעגירונג, און זיי האָבן דערקלערט עפנטלעך, אז דער מאנדאט איז נישט רעאליזירבאר, באשר די צוויי פארפליכטונגען ווידערשפּרעכן איינע דער אנדערער. אָט די פּראקלאמירונג איז א טויט־קלאפּ פארן ציוניסטישן אינהאלט פונם מאנדאט. עס איז מעגלעך, אז נאך דער פּראקלאמירונג וועט פארבלייבן א ענגלישער מאנדאט, אבער פון ציוניסטישן שטאנדפּונקט וועט עס זיין א רעזשים פון א קרוין־קאָלאָניע. די אלטערנאטיווע פון דער קעניגלעכער קאמיסיע באדייט — א בהדרגהדיגע אָפּזאגן זיך פון דער ציוניסטישער פארפליכטונג און אן אויסגלייכונג פון דער ארץ־ישראל־הערשאפט צום הערשאפטס־סיסטעם אין אלע אנדערע ענגלישע „קאָלאָניעס״. אונזער באוועגונג שטייט איצט, בכן, פארן אויסוואל: אן ארומגעשניטענע מדינה אדער אן אנטי־ציוניסטישער מאנדאט.

כדי אָנצונעמען דעם חלוקה־פּלאן נויטיג איך זיך נישט אינם פּאַטעטישן געווירץ פון מלוכהשער סוווערעניטעט. איך ווייס לכתחילה, אז די סוווערעניטעט פון דער אידישער מדינה וועט אין א גרויסער מאָס זיין א פיקטיווע. פאראן א סוווערעניטעט פון ענגלאנד און א סוווערעניטעט פון אביסיניע. און איך בין לכתחילה מוותר אויף דעם אויסערלעכן גלאנץ פון זעלבסטשטענדיגקייט אויפן אינטערנאציאנאלן געביט, ווייל עס איז מיר קלאר, אז אויך אונזער מדינה וועט זיין אָפּהענגיג פון פרעמדן חסד און זי וועט אויף דעם געביט דערפילן די ראל בלויז פון א פּלאנעט, וואס דרייט זיך ארום דער זון פון די גרויסע אימפעריעס.

זעלבסטשטענדיגקייט אויף די אינערלעכע געביטן

וויכטיג איז פאר אונז די זעלבסטשטענדיגקייט אויף די אינערלעכע געביטן, וואו עס ווערט אנטשידן דער גורל פונם ארץ־ישראל־אויפבוי: די רעגולירונג פון דער עליה, די באָדן־געזעצגעבונג, דער פיסקאלער געביט און דער געביט פון נאציאנאלער שוץ. די סוווערעניטעט איז, ווי געזאָגט, אן ארומגעשניטענע, אבער זי איז נויטיג פאר דער פארווירקלעכונג פון ציוניזם און זי עפנט פאר אונז גרויסע גאולה־מעגלעכקייטן. די אויפבויאונג פון א קליינער אידישער מדינה, וואס זאל אריינעמען צוויי מיליאן אידן,

איז פאר אונז א קאַלאָסאַלע אויפגאבע. אט דאס זיינען מיר אויסן געווען גייענדיג קיין ארץ־ישראל. די חשבונות מכוח דער אויפנעם־קראפט, וועלכע ווערן דא געמאכט אינם ויכוח, זיינען פאלשע חשבונות. אויב גאנץ ארץ־ישראל קען טאקע אויפנעמען די מערהייט פון אידישן פאלק (לויט ווי עס פארזיכערן די ביין־זאגער), איז דאך די הויפט־אויפנעם־קראפט קאנצענטרירט אט אין דעם באגרעניצטן שטח, וואס ווערט פאָרגעלייגט דער אידישער מדינה. און אויב דער דאָזיגער שטח קען נישט אויפנעמען קיין צוויי מיליאן אידן איז דאָך אויך אין גאנץ ארץ־ישראל נישטאָ קיין מעגלעכקייט פאר אן ערנסטער לעזונג פון דער אידן־פראגע.

די אלע חשבונות וועגן דער אויפנעם־קראפט פארזעען דעם אנטשיידענדן הויפט־פאַקטאָר — דעם לעבנס־מוז פון א צעוויייטיגט פאלק. איז דען פאראן נאך איין פאלק, וואו דער דאזיגער פאקטאר זאל ווירקן מיט אזא באפרוכפערנדער קראפט ווי ביי אונזער פאלק?

א מדינה מיט צוויי מיליאן אידן איז נאך, אמת, נישט קיין אימפעריע. אבער אין דער סביבה פון נאָענטן מזרח, אין דער סביבה פון מדינות מיט באפעלקערונגען פון 1 ביז 3 מיליאן, קען אונזער מדינה ווערן א וויכטיגער און וואָגיגער פאקטאר אין דער אויסבילדונג פון דער געשטאלט און צוקונפט פון דער דאזיגער סביבה. אבער די הויפט־זאך איז: די מעגלעכקייט ארויסצוברענגען במשך 30–20 יאר 2 מיליאן אידן פון מזרח און מיטל־אייראפע איז אין דער אמתן א רעאלע לעזונג פאר דער פראגע פון דער אידן־נויט אין אונזער דור. עס שטייט פאר אונז נישט קיין אקטועלע עליה־פראגע פון 16 מיליאן אידן. די אידן־פראגע אין אונזער דור איז די פראגע פון 6 מיליאן אידן, וועלכע זיינען אין זייערע וואוין־לענדער פאראורטיילט צום אונטערגאנג. די עליה פון 2 מיליאן אידן במשך איין דור אדער צוויי דורות לעזט די דאזיגע פראגע אן ענדגילטיגע און פולשטענדיגע לעזונג.

און די וואס טענהן אין נאָמען פון די קומענדיגע דורות, פאר וועלכע ארץ־ישראל וועט זיין געשלאָסן, — אפשר קענען זיי ענטפערן אויף דער פראגע: וואס פאר אַ תשובה וועלן מיר געבן די קומענדיגע דורות אויב אין ארץ־ישראל וועט איינגעשטעלט ווערן א הערשאפטס־סיסטעם פון א קרוין־קאָלאניע און עס וועט באזייטיגט ווערן דער ציוניסטישער אינהאלט פונם מאנדאט? אין נאָמען פון קומענדיגע דורות טאָר מען נישט מפקיר זיין דעם איצטיגן דור און פאַראַטן זיין שליחות. עס איז א גרויסער ספק צי עס וועט קומען א דריטער און פערטער דור מיט טענות מכוח זיינע רעכט אויף ארץ־ישראל, אויב דער איצטיגער דור און זיין יורש־דור וועלן דעגענערירן און אומקומען אין גלות־גיהנום. פאר די קומענדיגע דורות וועט עס זיין א דערלייכטערונג אינם פארווירקלעכן זייער ציוניסטישער שטרעבונג, אויב אונזער דור וועט זיי איבערלאָזן בירושה א גרויסן, זעלבסטשטענדיגן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל. א אידישע מדינה, כאָטש א קליינע, איז א קראפט־פארשטארקונג אויף פאר די קומענדיגע דורות. מיט אָט דער קראפט־פארשטארקונג וועלן מיר פארלייכטערן די קומענדיגע דורות צו גע־

פינען זייער וועג מיט מער זיכערקייט און גלויבן אין זייער צוקונפט, ווי עס איז מעגלעך געווען פאר די ערשטע ציוניזם־פארווירקלעכער און פאר די׳ וואס זעצן עס פאָר ביים היינטיגן טאג.

חיים גרינבערג

* ס׳איז מיר זייער שווער אין דער פראגע אויפצוטרעטן. איך האב באַגעגענט אין צירָיך חברים פון א״י וועלכע איך האב באטראכט אלס מיינע לערער, אלס פירער פון דער באוועגונג׳ וועלכע טיילן נישט מיינע געפילן און זיינען נישט קיין שותפים צו יענע חששות וואס לעבן אין מיר. איך פארשטיי די חברים וועלכע זאָגן אז אנדערש קען עס נישט זיין, אז מיר קענען די גזרה נישט באזייטיגן. איך קען אפילו נישט מסכים זיין מיט א פאטאליסטישן צוגאנג צו דער פראגע, אבער איך פארשטיי זי. מיר איז אָבער שווער צו פארשטיין יענע, וועלכע האלטן נישט אז די לאגע איז פאַטאל, נאר וועלכע מאכן שלום מיט דער לאגע׳ לויט דער לאגיק: «א שריפה איז טאקע אן אומגליק, אבער ס׳איז גוט וואס מיר וועלן באקומען פאר־זיכערונגס־געלט». מיט אָט דער מענטאליטעט קען איך נישט שלום מאכן.

מ׳האט געפרעגט: פון ווען אָן האבן מיר אריענטירט די פארווירקלע־כונג פון ציוניזם אויפן נגב? און איך פרעג: פון ווען אָן האבן מיר מוותר געווען אויפן נגב, עבר הירדן און אנדערע טיילן פון א״י?

עס ווערט אָפּגעצוימט דער וועג קיין עבר־הירדן

עס זענען געוואָרפן געווארן צוויי שעדלעכע געדאנקען. 1. דאס וואס מיר זיינען גרייט צו אָנערקענען, אז דער מאנדאט איז א דורכפאל. דאס איז פאלש. איז עס דען ניט אמת אויב מיר דערציילן אין אונזער פראָפּאַגאנדע וועגן אונזערע אויפטוען אין דער צייט פונ׳ם מאנדאט? 2. אז דער מאנדאט איז געשטאָרבן, פונקט ווי דער ווערסאַילער אָפּמאך. אבער ווערסאיל איז גאָרנישט געשטארבן, פוילן, טשעכיע לעבן און זיי זענען רעזולטאטן פון ווערסאיל. דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע באווייזט, אז ענגלאנד קלייבט זיך לגמרי נישט צו פארלאזן ארץ־ישראל, נאר זי שטרעבט זיך צו פארווארצלען אין א״י, און נישט ליקווידירן דעם מאנדאט נאר אים צו מאָדיפיצירן און אים מאכן פערמאנענטער און לייכטער פאר זיך. עס ווערט געשאפן אין א״י אַן ענגלישער שטאַט. אויף דער מאַפּע זע איך נישט קיין מרחק פון איין שעה צו פאָרן, נישט אָנטרעפנדיג קיין ענגלישן סאָלדאט. תל־אביב מיט יפו דארפן האבן איין פאָרט מיט אן ענגלענדער בראש. די פיר שטעט, צווישן זיי חיפה — אונטער א «צייטווייליגן» מאנדאט. און אפשר ווייסט עמיצער ווי גרויס איז די ענגלישע באפעלקערונג, פאר וועלכער מען דארף האבן אן אוניווערזיטעט?

דאס איז א פארשטארקונג פון מאנדאט׳ א מאדיפיקאציע געגן אונז און נישט קיין ליקווידאציע. מיר דארפן זיך דערמאָנען אז אויב זינט 1922־23 זיינען מיר דערווייטערט געווארן פון עבר הירדן, אָבער ביי זיך האבן מיר

נישט מוותר געווען אויף אים. פארלירן מיר דורך דער נייער סכעמע דעם עבר הירדן אויף א אומבאַזעבארער צייט. ביז איצט האט עבר הירדן געהאט א ספעציעלן סטאַטוס, ס'איז געווען אי יאָ א מדינה אי נישט קיין מדינה, יאָ־מאנדאט־געביט און נישט־מאנדאט־געביט, דורך דער חלוקה וועט עבר הירדן צוזאמען מיטן גרעסטן חלק פון מערב ארץ־ישראל בילדן א ריין אראבישן שטאַט, און דערמיט איז זי פאר אונז ענדגילטיג פארלוירן.

א סטאטוס פון פיפטי־פיפטי

צי גיבן מיר זיך אָפּ א דין וחשבון, אז אויב די אידישע מדינה וועט פראָקלאמירט ווערן אין 1938, ביים איצטיגן באפעלקערונגס צושטאנד אין ארץ־ישראל, — וועלן מיר דארפן אָנהויבן מיט א סטאטוס פון פיפטי־פיפטי? עס איז געווען פאר מיר אן איבערראשונג בעת איך האָב געהערט בן־גוריונס רייד וועגן א צוואנגס־טראנספער, איך האב היינט געלייענט דעם באריכט, אבער דאס האב איך דארט נישט געפונען. דאָרט שטייט נישט, אז ענגלאנד נעמט אויף זיך דאס ארויספירן די אראבער; זיי פארגלייכן עס טאקע מיט טערקיי און גריכנלאנד, אבער זיי זאָגן אויך, אז דער משל איז נישט גלייך צום נמשל, ווייל די צאָל אידן אין דער אראבישער מדינה איז נישט גלייך מיט דער צאל אראבער אין דער אידישער מדינה. זיי שרייבן, אז אויב עס וועט אוסגעפונען ווערן א מעגלעכקייט ארויסצופירן אראבער און אויסצוטוישן באָדנס, — דארפן די צוויי געשאפענע מדינות זיך פארשטענדיגן וועגן דעם. עס איז אויך גוט, וואס ענגלאנד האט אונז נישט געגעבן קיין צוזאָג דורכצופירן א צוואנגס־טראנספער. דאס איז נישט בלויז קיין מאָראלישער ענין — א מאָראלישן הכשר קען מען געפינען — נאר דערמיט זיינען פארבונדן פאָליטישע סכנות נישט בלויז פאר אונזערע צוקונפטיגע באציאונגען מיט די אראבער נאר אויך פאר די אידן אין פוילן, דייטשלאנד, ליטע א.א.וו. ענגלאנד וועט עס נישט טון, מיר קענען עס נישט פארלאנגען, און די אראבער וועלן דערצו נישט מסכים זיין סיי צוליב זייערע פריוואטע אינטערעסן און סיי צוליב זייערע פאטריאָטישע מאָטיוון, אויב אזוי, הייסט עס, וועלן מיר האבן א האלבע באפעלקערונג, וואס וועט אָנווענדן סאבאָטאזש לגבי אונזער גאנצער מדינהשער טעטיגקייט. און עס בלייבט נאָך די באפעלקערונג אין די שטעט און אין די גליל־בערג, פאר מיר איז קלאָר, אז 300 טויזנט אראבער וועלן פארבלייבן אין דער אידישער מדינה. און פון זיי וועלן מיר דארפן קויפן באָדן. דער שטח פארקויפבארער באדן וועט באשרענקט ווערן צו א מינימום און די פרייזן וועלן שטייגן, מיר וועלן אויך זיין געצוואונגען אָנצונעמען די אראבער אין באאמטנטום, אין פּאָליציי, אין מיליטער, אין ים־פלאָט און אין לופט־פלאָט, מיר וועלן נישט קענען אָנווענדן לגבי זיי קיין רעכט־באגרעניצונגען.

די אויפנעם־קראפט פון א"י לויט פארשידענע אָפּשאצונגען

אין ליכט פון די געדאנקען ווערן פאר מיר פּראָבלעמאטיש אויך די קאָלאָניזאציע־מעגלעכקייטן אויפן פּראָיעקטירטן שטח פון אידנשטאט. קיינער

קען נישט וויסן וויפיל וועט זיין די קאַפּאַציטעט פון אַט דעם שטח. ביי א גוטער שטימונג ווערט די קאַפּאַציטעט עלאַסטיש, ביי א שלעכטער הייסט עס, אז די בערג טויגן נישט פאר קאָלאָניזאַציע. לאמיר זאגן, אז ס'איז דא פלאַץ פאר צוויי מיליאָן. אבער פאר אַט די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן דארפן מיר האבן רואיגקייט און אָרדנונג אין א״י. ס'איז נישטא קיין גאראַנטיע אז מיטן אידנשטאט זאל ניט אוועקגיין קיין יאָרן פון שטענדיגע אראַבישע רע־וואָלטן, און וועלכע מיר וועלן זיין זייער ווייט דערפון צו קענען אריינ־ברענגען יעדעס יאר נייע 100.000 יידן.

דער פּאָרשלאַג, וועלכער איז געמאכט געוואָרן, דאַרף, אויב ער זאל זיין פון רעאַלן נוצן פאר אונז, דורכמאכן גרויסע ענדערונגען און אויס־בעסערונגען אָן וועלכע ער איז נישט אַקצעפּטאַבל. די יאַ־זאָגער שטעלן זיך פאָר, אז זיי וועלן די אויסבעסערונגען דערגרייכן. פונוואַנען נעמט זיך זייער אָפּטימיזם? און פאַרוואָס איז מען אזוי פּעסימיסטיש בנוגע דער אנ־דערער אַלטערנאַטיוו? איך בין נישט קיין חושד בכשרים אבער עס קומט אויף דער געדאַנק אז «דער וואונטש איז דער פאָטער פון געדאַנק».

פאר אונז וואָלטן געווען א קלענערער אומגליק צייטווייליגע גזירות אויף עליה און באָדן־קויף אין א״י. ווייל גזירות זענען צייטווייליג און קענען שפעטער באזייטיגט ווערן.

דוב האָז

* איך געהער צו די וואס האלטן, אז די חלוקה איז נישט קיין גזירה. אויב מיר זאָלן וועלן, קענען מיר דעם פּאָרשלאַג דורכוואַרפן. מעגן מיר עס טון? עס ווערט אונז געגעבן אן אויסוואַל־מעגלעכקייט צווישן צוויי וועגן. פונם ערשטן — די איצטיגע מאַנדאַט־הערשאַפט מיט דער איצטיגער אדמי־ניסטראַציע — בין איך אנטוישט און גלויב נישט, אז דער וועג וועט אונז דערמעגלעכן צו פּאַרווירקלעכן אונזער אידעע. ענגלאַנדס קאָלאָניאַל־פּאָלי־טיק הענגט אָפּ הויפּטזאַכלעך פון די אָרטיגע הערשער, וועלכע האנדלען אָפּט געגן דעם ווילן פון לאָנדאָן. איך גלויב נישט אז דאָ וועט פאַרקו־מען אן ענדערונג. דעריבער בין איך גרייט מסכים צו זיין אויף דעם צווייטן וועג, — כאָטש דער מיט אים פאַרבונדענער שטח איז זייער א קליי־נער, — אויב ער גיט אונז נאָר א מעגלעכקייט פון אנטוויקלונג. עס איז דא אנטשטאַנען א פראַגע: וואס וועט זיין אין 15 יאר אַרום ווען מיר וועלן אפשר מוזן פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישראל פאר אונזערע ברידער? אויף דער פראַגע קען מען ענטפערן: און היינט? — היינט איז דאָך כמעט אינגאַנצן נישטא קיין עליה.

מען דאַרף אויסקלייבן דאָס קלענערע בייז

אבער אויך די רייד פון די יאַ־זאָגער האָבן ביי מיר דערוועקט ספקות. מען טאָר נישט שלום מאכן מיט דעם וואָס די קאָמיסיע האָט אונז גע־געבן. אנדערע זאָגן: דער דורך איר פאָרגעלייגטער שטח איז דער בעס־

טער אין ארץ־ישראל און ער איז אויך געניגנד. איך נעם עס נישט אָן. דער פאָרגעלייגטער שטח איז פאר אונז א סדום־בעטל. און מען טאָר דע־ריבער נישט זאגן, אז די גאולה איז שוין געקומען און דאס אידישע פאלק קען שוין אנהויבן שטראָמען קיין ארץ־ישראל מאסנווייז און אומבאגרע־ניצט. אבער — די איצטיגע ווירקלעכקייט איז נאך ערגער און מען דארף אויסוויילן דאָס קלענערע שלעכטס.

איך בין אויך נישט מסכים מיט בן־גוריונען אין געוויסע פונקטן. ער האָט מורא אז די דעבאטע אין פארלאמענט האט אונז פארשאפט א גרויסן שאָדן, כאָטש ער האט דארט געהאט דעם איינדרוק, אז ער געפינט זיך אויפן ציוניסטישן קאנגרעס. אמת, מען האט בעת דער דעבאטע נישט גע־רעדט וועגן דער אלטערנאטיווע, ווייל די צאָל באטייליגטע איז געווען קליין און אונזערע פריינט, באזונדערס פון דער לייבור־פארטיי, האבן געהאלטן די קריטיק פונם חלוקה־פראיעקט פארן עיקר, אבער אין אלגעמיין איז די דעבאטע פאר אונז געווען, און זי וועט נאך זיין, זייער נוצלעך. עס האט אין איר געפונען אן אויסדרוק די טענה, אז אין דער קעניגלעכער קאמיסיע איז לגבי די אידן באגאנגען געווארן אן עוולה. באלפור און לאיד דזשארדזש האָבן געטראכט וועגן גאנץ ארץ־ישראל פאר אידן און אויב מען גיט אונז בלויז א פינפט־חלק אדער א צענט־חלק, איז עס אן עוולה. לאָמיר דערי־בער נישט אידעאליזירן דעם חלוקה־פארשלאג, נאר לאָמיר זאָגן אז מיר מוזן אים אָננעמען אונטערן דרוק פון אומשטאנדן.

בן־גוריון האט געשטעלט די פראגע: יאָ אדער ניין. אויך ער האט נישט געענטפערט אזוי פשוט און גלאט. ער האט געזאָגט יאָ, אבער מיט א תנאי, ריכטיגער מיט צוויי תנאים לכל הפחות: באפעלקערונגס־טראנס־פער און סווערעניטעט. אויב אזוי, קען מען דאך ריידן אויך וועגן אנ־דערע תנאים: תחילת האט מען נישט דיסקוטירט וועגן ירושלים, אבער נאכדעם ווי דער ערצבישאָף פון קענטערבורי האט זיך ארויסגעזאגט דערפאר אז ירושלים דארף געהערן צו אונזער טייל ארץ־ישראל, איז די פראגע ירו־שלים ווידער געווארן דיסקוטאַבל און דערביי, אויף זייער אן ערנסטן אופן.

אויסבעסערן דעם חלוקה־פּלאַן

מיר דארפן געבן אונזערע שליחים פאָלגענדע אָנווייזונג: די בריטי־שע אדמיניסטראציע אין ארץ־ישראל האָט אונז נישט דערמעגלעכט צו אנט־וויקלען זיך לויט דער פולער קראפט אונזערער,—דעריבער דארף מען זוכן כלערליי מיטלען כדי אויסצובעסערן דעם חלוקה־פּלאַן און דאַמאָלס וועלן מיר ווידער זיך צוזאמענקומען און באהאנדלען דעם ענין. ס׳איז שווער צו זיין אָפּטימיסטיש; מעגלעך, אז די לאגע וועט זיך נאך מער פארפלאָנ־טערן און דער איצט־פארגעלייגטער פלאן וועט פארקריפּלט ווערן, — דאן וועט דאָך אויך בן־גוריון אים באקעמפן.

וואס ס׳איז שייך דעם טראנספער בין איך מער נוטה צו גרינבערגס מיינונג ווי צו בן־גוריונס. דער ענין־טראנספער איז נישט קיין פארפליכ־טונג לויטן קאמיסיע־באריכט.

עס דערוואַרט אונדז אַ שווערער קאַמף און מיר דאַרפֿן אָנשפּאַנען אַלע אונדזערע כּוחות. ווען מיר וועלן באַקומען דעם קלענערן שטח, וועלן מיר מיט אונדזער התלהבות און מיט אונדזערע אָנשטרענגונגען אים פֿאַרוואַנדלען אין אַ בליִענדיקן פּונקט. אָבער מען טאָר עס נישט באַטראַכטן אַלס אידעאַלן אויסוועג, ווײַל דאָס קען אונדז ברענגען אַ דורכפֿאַל.

איך זאָג: יאָ. איך האָב דערבײַ די איבערצײַגונג, אַז מיר גייען אַרײַן אין אַ תּקופֿה, פֿון שווערן קאַמף און פֿון פֿאַרשיידענע נישט־פֿאַראויסגעזעענע געשעענישן. אָבער דאָס איז יעדנפֿאַלס ווייניקער שלעכט ווי די ביז־איצטיקע און איצטיקע לאַגע. מען דאַרף באַזונדערס זײַן פֿאָרזיכטיק און זען, אַז די איבערגאַנגס־צײַט זאָל אונדז נישט ברענגען קיין אומגליק.

אויף גרינבערגס פֿראַגע, — וואָס וועט זײַן מיט די אַראַבער אין דער אידישער מדינה?, דאַרף מען ענטפֿערן: די שוועריקייטן לגבי די אַראַבער שטאַמען נישט פֿון דער חלוקה נאָר פֿון דער ארץ־ישׂראל׳דיקערווירקלעכקייט. און דערצו איז פֿאַראַן נאָר איין עצה: די פֿאַרשטאַרקונג פֿון אונדזער זעלבסטשטענדיקער אויפֿבוי־אַרבעט. אויב מיר וועלן האָבן זעלבסטשטענדיקייט און אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייט, איז דערין דאָ מער גאַראַנטיע ווי אין מאַנדאַט. פֿאַרשטייט זיך: אויב מען וועט אונדז וועלן געבן אויף דעם פֿינפֿטל ארץ־ישׂראל אַ מ אַ נ ד אַ ט — וועלן מיר נישט מסכּים זײַן.

מען דאַרף פֿאָרזעצן די פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער איבערצײַגונג, אַז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצובעסערן דעם חלוקה־פּלאַן. דער פּאַרלאַמענט האָט אונדז געוואָלט העלפֿן. מען דאַרף אויך וועקן די בריטישע עפֿנטלעכע מיינונג און דערווײַזן איר, אַז מיט דעם וואָס מען גיט אונדז געשעט אונדז אַן עוולה. איך האָף, אַז מיר וועלן קענען אויף איר ווירקן און זי וועט אונדז מיטהעלפֿן אויסצובעסערן דעם פֿאָרשלאָג.

אכטע זיצונג

שבת, דעם 31 יולי 1937, אינאַווצט

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאַטע

(רעדעס פון מ. גראַבאַווסקי, א. טאַרטאַקאָווער, ב. לאַקער, ש. יבנאלי, ז. פיינשטיין, ל. גלאַנץ).

מ. גראַבאָווסקי

יעדערער פון אונז ווייסט, אַז מיט דער אָפּשטימונג אין דער חלוקה־פראַגע קען ער עפּעס ראַטעווען אָדער חרוב־מאַכן, און אַזאַ לאַסט נעמט מען נישט אויף זיך אַזוי לייכט. לאָמיר זיך דערמאָנען די צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע: פון איין זייט האָט זיך אין אַלע גלות־לענדער געריסן צום אויסדרוק די התלהבות פון די אידישע מאַסן ביים אָנבליק פונם געגעבענעם גאולה־צייכן, און פון דער אַנדערער זייט האָט מען אונז געזאָגט, — „ענגלאַנד איז אימפּעריאַליסטיש; איר, ציוניסטן, וועט בלויז דינען אַלס ווערקצייג פאַר אירע צילן. ארץ־ישראל איז אָרים און האָט נישט קיין אויפנעם־מעגלעכקייטן". א געוויסע צייט נאָך דעם האָבן זיך א לאַנג געטון אויף אונזערע קעפּ פּאָגראָמען, גזירות, עליה־אָפּשטעלונג, שיפן מיט עולים האָט מען אומגעקערט פון די ארץ־ישראלדיגע ברעגן, עס איז פאָרגעקומען אַן אַראַבישער אויפשטאַנד. די געגנער פון ציוניזם האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר טויט, אַלע שונאי ציון האָבן זיך שוין געפרייט אויף אונזער בראָך. אָבער מיר האָבן געהאַלטן, אַז אויך אין דערדאָזיגער נישט־פולקאָמער, אַרומגעשניטענער פּאָליטישער ראַם, וועלכע לאָזט זיך פאַרשידן אויסטייטשן, וועלן מיר טון אַלץ וואָס מעגלעך איז, מיר וועלן גובר זיין אַלע שטערונגען און שוועריגקייטן און מיר וועלן אויספילן די ראַם מיט א ממשותדיגן אינהאַלט. איצט, נאָך צוואַנציג יאָר קענען מיר זאָגן פאַר דער גאַנצער וועלט און אויך צו אונזערע שונאים: דער וועג, וועלכן מיר זיינען געגאַנגען, איז געווען דער ריכטיגער.

לאָמיר אויסנוצן די אויסגעברייטערטע ראַם

אויך היינט מאַכט זיך קיינער נישט קיין אילוזיעס. די וואָס נעמען אָן דעם קאָמיסיע־פּאָרשלאַג ווייסן נישט ווייניגער ווי די וואָס וואַרפן אים אָפּ, — וואָס פאַר־אַ שטערונגען עס שטייען אונז פאָר אויפן וועג צום שאַפן די מדינה. און פונדעסטוועגן זאָגן מיר: אַזוי ווי מיר האָבן אין דער צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע באַוויזן אויסצונוצן די אונז געגעבענע פּאָליטישע ראַם און צו שאַפן דאָס וואָס מיר האָבן געשאַפן ביז איצט, אַזוי וועלן מיר אויך איצט אויסנוצן ווי געהעריג די נייע פּאָליטישע ראַם, וועלכע איז דאָך

ברייטער, בעסער און קען אונז דערמעגלעכן א גרויסע טעטיקייט. די נייע ראַם קען אונז דינען אלס באַוועג־פאַקטאָר פאר א גרויסער עליה און פאר א ברייטער קאָלאָניזאציע. — און מיר וועלן זי שוין אויספילן מיט א ממשות־דיגן אינהאלט. איך האב היינט איבערגעלייענט טשערטשילס ארטיקל, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן אין דער «נויע צוריכער צייטונג»: ער לייגט דאָרט פאָר צוויי זאכן (א חוץ יענע וועלכע בן־גוריון האט ציטירט): «איינשטעלן שלום אין ארץ־ישראל און פאַרזעצן די מאנדאט־הערשאפט. מיט וואס פאר־אַ מיטלען? ווען די רעגירונג וואָלט געשיקט קיין ארץ־ישראל א באַגאַבטן מענטש, א פאסיגן מענטש וואס קען די באדינגונגען, ווי לאָרענס.... וואָלט ער איינגעשטעלט שלום; און אלס יסוד פאר דער מאנדאט־פאַרזעצונג לייגט ער פאָר — אראָפּדריקן די הויך־שפאַנונג פון דער עליה, ד. ה. צו באגרע־ניצן די אידישע עליה

די נאָענטע יאָרן אנטשיידן

די ניין־זאָגער דערווייזן אלע סכנות, וואָס קומען־אויף ביים שאפן די מדינה, — זיי פארזעען אָבער די אומשטאנדן, אין וועלכע מיר לעבן. די פראגע איז: צו די נאָענטסטע פינף יאר זיינען אנטשיידנד פארן גורל פון ציוניזם. מיר ווייסן, אז אין אידנטום הערשט א לאזונג: «נצח ישראל לא ישקר» אבער לויט מיין איבערצייגונג קען מען נישט היינטיגע צייט זיך פאר־לאָזן בלינד אויף שיינע לאָזונגען. אלס ראיה קען דינען דאס רוסישע אידנ־טום, וואס איז במשך די לעצטע צוואנציג יאר אָפּגעשטאָרבן פארן ציוניזם, און ווער ווייסט, וואס וועט נאך זיין מיטן קומענדיגן דור. מען קען נישט באטראכטן די נאענטע יאָרן מיט די געוויינטלעכע געדאנקלעכע קאטעגאריעס, די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין דער וועלט און די פאָרקומענדע פאָ־ליטישע ענדערונגען אידענטיפיצירן זיך נישט מיט אונזערע אינטערעסן. איך צווייפל צי די געשיכטע וועט אונז געבן נאָך דרייסיג יאר פאר אונזער טעטיקייט, ווי זי האָט עס ביז איצט געגעבן. אונזער צוגאנג צו דער צו־קונפט דארף דעריבער זיין אן אנדערער ווי צו דער פארגאנגענהייט. עס איז מעגלעך, אז די נאָענטע פינף יאָר וועלן פאר אונז זיין וואָגיגער ווי א גאנצער דור, — לאָמיר־זשע נישט זיין אזוי רואיג.

צומאָרגנס נאך דער פארעפנטלעכונג פונם קאָמיסיע־באריכט האבן מיר אלע געמיינט, אז עס וועט אויסברעכן אן אראבישער אויפשטאנד. די ווירק־לעכקייט איז אנדערש. איך ווייס נישט וואָס פאר־א כוח עס ווירקט געגן אזא מין אויסברוך. איך בין משער, אז די רעגירונג האט עס נישט געוואָלט, — יעדנפאלס דארפן מיר זיך ריכטן אויף שווערע צייטן. ס'איז נישט אויסגע־שלאָסן, אז דערדאָזיגער אויסברוך וועט נאך קומען. דער פיל־פאָרשלאג איז נישט קיין ענדגילטיגער. לויט אלע ידיעות און מעלדונגען, וואָס מיר באַ־קומען, קענען מיר האָפן אויף וויכטיגע אויסבעסערונגען לטובת אונז. וואָרום מיר דארפן געדענקען נאָך א זאך, וואָס איר געוויכט אויף אונזער פאָלי־טישער וואָגשאָל איז גאָר נישט קנאפּ, דאס איז דער פאקט וואס אין דעם פאל אידענטיפיצירט זיך דער ציוניסטישער אינטערעס מיטן ענגלישן אינטערעס. דער מאנדאט אין זיין איצטיגער פאָרם וועט נישט אויסגעבעסערט ווערן. און

אויב יאָ — וועט עס זיין אונז צום שלעכטן. אלע יאָרן ביז איצט זיינען עדות, אז יעדער פירוש, וואס איז אים געגעבן געווארן — און אזעלכע זיינען געווען זייער און זייער א סך — איז אויסן געווען ארומצושניידן אונזערע רעכט. דער מאנדאט וועט נישט אויסגעבעסערט ווערן ווייל ענגלאנד וויל עס נישט.

און נאך איין באמערקונג. כ'האָב געהערט נאך איין אָפּשרעקונג פארן שאפן די מדינה. — «מיר וועלן נישט קענען פירן אונזער קאמף פאר אידי־שער ארבעט, מיר וועלן נישט קענען אוועקשטעלן קיין ארבעטס־וואַכן ביי די טויערן פון אידישן פרדס. וואָרום מיר וועלן דאך מוזן שיצן די רעכט פון די אראבער, וועלכע וועלן זיין בירגער פון דער אידישער מדינה». איך מיין אז אָט די מורא איז אן אומבאגרינדעטע און זי אנטשפרעכט נישט דער ווירקלעכקייט פונם פראָבלעם. די פראגע פונם אראבישן ארבעטער וועט אין דער אידישער מדינה געלעזט ווערן אויף א פּאָליטישן אופן. מיר וועלן פעסט־שטעלן א איינהייטלעכן פרייז פארן אידישן און פארן אראבישן ארבעטער אויף דעם לאנדווירטשאפטלעכן געביט אזוי ווי אויך אויפן אינדוסטריעלן געביט. מיר וועלן רעגולירן די איינוואנדערונג פון די שכנותדיגע לענדער־יעדנפאלס האט אויך דידאָזיגע פראגע מער אויסזיכטן געלעזט צו ווערן אין דער אידישער מדינה ווי ביז איצט.

א. טאַרטאַקאָווער

אונז — די וואס קומען פון די גלות־לענדער — איז אביסל שווער זיך צוצופאַסן צום נוסח פונם ויכוח ווי ער האט זיך געפירט ביז איצט. הויפטזאַכלעך האט מען דא גערעדט וועגן דער ראַציאָנאַליטעט אדער אומ־ראציאָנאַליטעט פון דער שאפונג פון א אידישער מדינה, וועגן די גוטע און שלעכטע זייטן אין דעמדאָזיגן גורלדיגן שריט אינם לעבן פון אידישן ישוב אין ארץ־ישראל. און מיר — פאר אונזערע אויגן שטייט כסדר די פיין פון די מיליאָנען אידן אין די גלות־לענדער, וועלכע ווערן דערשטיקט אין פּאָלי־טישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער נויט. די סכנה פון שנעלן אונטער־גאנג שטייט ביי זיי גאָר נאָענט. אויב ארץ־ישראל וועט זיי נישט ברענגען די גאולה. דאס קול פון אידישן אומגליק שרייט צו אונז פון פּוילן, דייטש־לאנד, רומעניע און נאך און נאך, — טאָ ווי קענען מיר פארשטאָפּן די אויערן און נישט דערהערן דעם געשריי?

די טראַגישקייט פון מאָמענט

דעריבער קען איך נישט אָננעמען די טענות פון די ניין־זאָגער. יע־דערער וואס עצהט אונז סתם אָפּצוואַרפן דעם חלוקה־פּארשלאג, נישט זאָגנדיג קלאָר וואס און וויאַזוי מען דארף טון כדי ווייטער צופירן דעם אויפבוי־פון אונזער נאציאנאלער היים אין א פאָרם און א פאַרנעם, וועלכע זאָלן אנט־שפרעכן דער פאַרצווייפלטער טראגישקייט פון איצטיגן מאמענט, — טוט שלעכטס, מעג זיין כוונה זיין די סאמע בעסטע. קענען מיר דען מסכים זיין צו די באגרעניצונגען, וועלכע ווערן פאָרגעשלאגן אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע אויפן פאל ווען די חלוקה זאל נישט דורכגעפירט

ווערן? איז דען פאַראַן וועלכע־נישט־איז מעגלעכקייט צו דערגרייכן אין דער נאָענטסטער צייט א פאַרשטענדיגונג מיט די אראבער, און דאס זאל אונז ראטעווען פון דער חלוקה־צרה און זאָל דערמעגלעכן אריינברענגען קיין ארץ־ישראל און דאָרט איינארדנען הונדערטער־טויזנטער אידן, וועלכע קומען אום אין די גלות־לענדער? ווער עס קען נישט אדער עס וויל נישט געבן א פאָזיטיווע תשובה אויף איינע פון אָט די צוויי פראגעס, — דער קען מיך נישט איבערצייגן אזוי ווי ער קען נישט איבערצייגן די אבסאָלוטע מערהייט חברים, וועלכע זיינען געקומען פון חוץ־לארץ.

און פונדעסטוועגן טאָרן מיר נישט איבערטרייבן אויך אין אונזער פאָזיטיווער באציאונג צום עצם פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. א פרינציפיעל־פאָזיטיווע שטעלונג צום געדאנק וועגן דער חלוקה און וועגן שאפן א אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, — דאס יאָ, אבער דער פאַראַנענער פאָרשלאג ווי ער איז פאָרמולירט אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, — ניין. וואָרום אין דעמדאָזיגן פארשלאג זע איך אויך נישט אין קיין שום אויסוועג פון דער לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך.

אויב מיר גייען צו צו באהאנדלען די ענינים פון אָט דעם שטאנדפונקט שטעלן זיך ממילא פאַר אונז צוויי פראגעס: א) צי וועט דורך דער אידישער מדינה — לויטן פראיעקט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע — געלעזט ווערן די פראגע פון אידישן פאלק אין אויבנדערמאָנטן זין? און ב) צי וועט דידאָזיגע מדינה האבן א פאָליטישע און עקאנאמישע עקזיסטענץ־בארעכטיגונג? אויב אויף אָט די צוויי פראגעס קען נישט געגעבן ווערן קיין פאָזיטיווע תשובה, האט דער גאנצער געדאנק קיין טעם נישט. מיר וועלן נישט שאפן קיין קליינינקע אידישע מדינה פאר עטלעכע הונדערט טויזנט אידן, בעת דאס גאנצע פאלק ווערט דערדריקט אונטער זיין שווערן מצב אין די גלות־לענדער. מיר וועלן אויך נישט שאפן א נאכט־אַזיל אויף דער שווערער צייט, אויב ער וועט נישט זיין בכוח זיך צו האלטן לאנג און פעסט.

ספיקות

און אָט בנוגע דיביידע פראגעס האב איך א סך ספיקות. אמת, איך וויים ווי ווייט עס האבן קיין ממשות נישט די אלע חשבונות וועגן דער אויפנעם־קראפט פון ארץ־ישראל, און אויב עמיצער וויל באווייזן, אז אין הינזיכט פון קאָמפּאַקטקייט פון דער אידישער קאָלאניזאציע זיינען מיר אין ארץ־ישראל שוין דערגאנגען צום מאקסימום, אין פארגלייך מיט אנדערע לענדער, — בין איך נישט גרייט אים צו גלויבן. אין אונזער קאלאניזאציע־ארבעט האָבן מיר דאך שוין באוויזן, אז מיר קענען דרייפאַך און אפילו צענפאַך פארגרעסערן די אויפנעם־קראפט פון ארץ־ישראל. דעריבער נעם איך אָן מיט צופרידנהייט קאָפּלאַנס אָפּטימיסטישן חשבון, לויט וועלכן עס קומט אויס, אז אינם פראָיעקטירטן שטח פון דער אידישער מדינה איז פאראן אַן אָרט פאר צוויי מיליאן איינוואוינער, ד.ה. אז מיר וועלן קענען אהין אריינברענגען נאָך אנדערטהאלבן מיליאן אידן, אחוץ די וואס געפינען זיך שוין דאָרט. קיינער פון אונז וועט נישט פאַרלייקענען די גרויסע באדייטונג פון

אזא צאָל. א אידישע מדינה מיט א באפעלקערונג פון צוויי מיליאן איינוואוינער, דאס איז זיכער א קאָלאָסאלע דערגרייכונג, וועלכע האט צו זיך קיין גלייכן נישט אין אונזער געשיכטע. אבער צי וועט אזא מדינה לעזן די אידן־פראגע? צי בלויז אָנדערטהאלבן מיליאן אידן נויטיגן זיך אין רעטונג און גאולה גלייכצייטיג? און וואס וועט זיין מיט די איבעריגע, וועלכע גייען אונטער אין די לענדער פון מזרח־און מיטל־אייראָפע?

אוודאי. א טעאָרעטישע לעזונג וועט עס אפשר זיין. מיר געדענקען אלע, די מיינונג, וועלכע האט זיך אנגענומען אין ברייטע קרייזן פון אונ־זער באוועגונג, אז אחוץ דער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל דארף מען אויך שאפן א גרויסן אידישן ישוב אין די לענדער פון נאענטן מזרח, פאר וועלכן ארץ־ישראל וועט דינען אלס צענטער. יאָ, געאָגראפישע מעגלעכקייטן פאר דער פארווירקלעכונג פון דעם געדאנק זיינען פאראן, — די לענדער פון נאָענטן מזרח זיינען פארנאכלעסיגט, פוסט און מען קען פילפאַך פאר־גרעסערן זייער באפעלקערונג, — אבער צי זיינען אויך פאראן דערצו פאָ־ליטישע מעגלעכקייטן? אין דער איצטיגער תקופה פון מאקסימאלער געש־פאַנטקייט אין די באציאונגען צווישן אונז און די אראבער זיינען אין דער הינזיכט זיכער פאראן שווערע ספיקות.

די לאגע ווערט נאך קאָמפליצירטער צוליב דער טראנספער־פראגע. אין דעם ויכוח האט מען א סך גערעדט וועגן דער פראגע פון פּאָליטישן און עטישן שטאנדפונקט א. א. וו. איך וויל נישט פארלייקענען דעם ווערט פון די אלע טענות, וואס זיינען דא ארויסגעזאָגט געווארן פאַר און געגן. אבער צי האט מען אויך באטראכט די טראנספער־פראגע פונם שטאנדפונקט פון דער פאָרשטייענדער אידישער קאלאניזאציע אין די לענדער פון נאָענטן מזרח? צי איז נישט פאראן קיין סכנה, אז אויב מיר ווען פעסטשטעלן דעם פרינ־ציפּ פון א ריין־נאציאָנאלער מדינה, אָן נאציאנאלע מינדערהייטן, — וועט מען מיט דעמדאָזיגן פרינציפּ זיך דאן באנוצן געגן אונז אין די אראבישע לענ־דער ארום ארץ־ישראל און מיר וועלן דאָרט קיין דריסת־הרגל נישט האבן? צי איז עס נישט א צו גרויסער פרייז, וואס מיר צאָלן פארן פטור ווערן פון עטלעכע צענדליג טויזנט אראבער פון דער אידישער מדינה (פון מער וועלן מיך זיך דאָך זיכער נישט באפרייען)?

זיכערהייט און עקאָנאָמישע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט — אַ פאָרבאַדינג

דאס איז אלץ מכוח דער לעזונג וואס דערוואַרט — אדער דערוואַרט נישט — די אידן־פראגע דורך דער שאפונג פון דער אידישער מדינה לויט די פאָרשלאַגן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. אבער נישט ווייניגער קאָמפליצירט איז די לאגע בנוגע דער זיכערהייט און עקזיסטענץ־און אנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון דער מדינה גופא. איך רייד נישט וועגן דער פּאָליטישער און מיליטע־רישער זיכערהייט. אין די פראגן בין איך נישט קיין מומחה; זאלן זיך ארויסזאגן וועגן דעם קאָמפּעטענטערע פון מיר. כאטש אין תוך גענומען דארף מען נישט זיין קיין גרויסער מומחה, כדי צו פארשטיין אז א מדינה וועלכע איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט פיינטלעכע, אראבישע מדינות, — איז

אין דער דערמאָנטער הינזיכט נישט אין קיין איבעריג באקוועמער לאגע. אבער מיך אינטערעסירן מער די עקאָנאָמישע פראגעס. און מיר איז שווער צו פארשטיין, וויאַזוי וועט א קליינע מדינה, וועלכע נויטיגט זיך אין גרויסע עקאָנאמישע אָנשטרענגונגען פון אירע איינוואוינער און אין עקספּאָרטירן א גרויסן טייל פון איר לאנדווירטשאפטלעכער פראדוקציע קיין אויסלאנד, קענען עקזיסטירן, אויב זי וועט נישט שליסן קיין קלאָרע האנדלס־אפמאכן מיט די אנדערע לענדער פון נאָענטן מזרח, וועלכע דארפן זיין די אָפּנעמערס פון דער מער־פראדוקציע, ווי אויך מיט גרויס־בריטאניע און אירע קאלאניעס, און מיט נאך און נאך לענדער. צי קען מען שליסן אזעלכע אָפּמאכן ביי אַן אטמאָספער פון שווערער שנאה מצד די אראבער? צי וועט די איצטי־גע מאנדאט־רעגירונג מסכים זיין אריינצונעמען די אידישע מדינה אין דער ריי לענדער, מיט וועלכע זי איז פארבונדען דורך האנדלס־אָפּמאכן, און עפענען פאר אונז, אין א געוויסער מאָס, וויינינגסטנס, אירע ריזיגע אָפּזאץ־מערק?

די אידישע מדינה האט נישט קיין פעסטן יסוד כל זמן עס איז נישט געגעבן געווארן קיין גענוגנדע תשובה אויף אלע אויבנאָנגעצייכנטע פראגעס. א אידישע מדינה, וואס וועט נישט קענען אויפנעמען א גרויסן טייל פון אידישן פאלק, האט אַ צווייפלהאפטן ווערט. דעריבער איז נויטיג גרינדלעך צו ענדערן די פראיעקטירטע גרעניצען, דעריבער מוז מען פארזיכערן די אידישע רעכט אינם איבעריגן מאנדאט־געביט און זען צו פארברייטערן דעמדאָזיגן געביט, ער זאל אריינגעמען קודם כל אויך דעם נגב. עס איז אוך צווייפל־האפט דער ווערט פון א אידישער מדינה, וואס איר עקאנאמישע און פּאָלי־טישע זיכערהייט איז נישט באגרינדעט ווי געהעריג. דעריבער זיינען נויטיג באדייטנדע אוסבעסערונגען אינם גרינדונס־אקט פון דער מדינה, וועלכע זאלן אונז געבן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן און צו אנטוויקלען זיך.

נאר ביי אָט די באדינגונגען קענען מיר מסכים זיין צום חלוקה־געַ־דאנק; ביי די באדינגונגען איז ער אויך געוואונשן און אפשר אפילו אומ־באדינגט נויטווענדיג. איך ווייס, אז די באדינגונגען זיינען נישט קיין לייכטע און מיר וועלן נאך דארפן באקעמפן א סך שוועריגקייטן און שטערונ־גען ביז מיר וועלן זיי גובר זיין. אבער אין דער געשיכטע פון בויען אונזער נאציאנאלע היים זיינען מיר שוין נישט איין מאָל געשטאנען פאר אזעלכע שטערונגען און מיר האבן תמיד באוויזן ארויסצוקומען מיט ווירדע פונם קאמף. מיר וועלן אויך איצט ארויס ווירדיג פונם קאמף.

ב. לאָקער.

איך גלויב נישט, אז ס'איז נאך מעגלעך צו געפינען נייע ארגומענטן פאר און געגן. איך בין מקנא די באגייסטערטע יאָ־זאגער און די איבער־צייגטע ניין־זאגער. ביי מיר ראנגלען זיך נאך דער יאָ מיטן ניין. ביידע ברירות זיינען שלעכט. די פראגע איז בלויז, וועלכע איז ערגער: די אידישע מדינה אָן פיר פינפטל (אדער, אריינרעכענענדיג עבר הירדן, ניין צענטל) פונם לאנד, אדער דער המשך פונם מאנדאט איבערן גאנצן ביז־איצטיגן שטח ביי דער פאקטישער אויסליידיגונג פונם גרעסטן טייל פון זיין אינהאלט. און

איך גלויב נישט, אז ס׳איז שוין געקומען די צייט, צו זאגן ענדגילטיג יאָ אדער ניין. לויט מיין מיינונג האט די פארטיי־באראטונג אין ארץ־ישראל אין איר רעזאָלוציע ארויסגעזאגט דאס, וואס דער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג פילן איצט און דארפן איצט זאָגן. כל זמן ס׳איז ניטא קיין פולע קלאָרקייט איבער אלע פרטים פונם פארשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, קענען מיר נים ענטפערן יאָ אדער ניין.

נאציאנאלע אומאפהענגיגקייט באקומט מען נישט לייכט

ווען מיר וואָלטן צוגעגאנגען צו דעם ויכוח בלויז מיט לאָגיק, וואָלט לייכט געווען, נאכצוווייזן אז בן־גוריונ׳ס קאָנצעפּציע איז געבויט אויף אומזיכערע יסודות. אבער דא ארבעט אויך דאס הארץ, און מיט אים איז שווער צו דיסקוטירן. בן־גוריון האט אויפגעבויט זיין שטאנדפונקט אויף צוויי הויפּט־יסודות: סוווערעניטעט און טראנספער. וועגן דעם ערשטן פונקט איז נישטא קיין סך צו זאגן, הגם ס׳איז קלאר, אז פאקטיש וועלן מיר פאר א לאנגער צייט זיין ווייט פוןווירקלעכער סוווערעניטעט. אבער דאס וואלט מיר נישט אָפּגעשראקן. נישט אזוי לייכט קריגט א פאלק אמתע סוווערעניטעט און א סך אנדערע מדינות האבן אנגעהויבן מיט א מינימום סוווערעניטעט, וועלכע איז מיט דער צייט אויסגעברייטערט געווארן. א שטיקל סוווערעניטעט אלס התחלה איז אויך א גרויסע זאך.

טראנספער «אויב מעגלעך»

אנדערש איז עס מיטן טראנספער. לויט בן־גוריונ׳ס רייד קומט אויס אז דער טראנספער איז אן ענדגילטיגע און זיכערע זאך פארן פאל פון דער טיילונג פונם לאנד. דאס איז לויט מיין מיינונג א טעות.

אינם באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע רעדט זיך וועגן דעם באפעלקערונגס־טראנספער מיט דער הוספה: אויב מעגלעך. דער טראנספער איז געבונדן צו געוויסע פאראויסזעצונגען, וואס ס׳איז א גרויסער ספק, צי קענען זיי דערגרייכט ווערן. די ערשטע פאָראויסזעצונג איז, אז מ׳וועט דארפן געפינען די געהעריגע שטחים ערד, אויף וועלכע אריבערצופירן די לאנד־ווירטשאפטלעכע אראבישע באפעלקערונג. און דערביי דערקלערט די קאמיסיע, אז היינט זיינען אזעלכע שטחים נישטאָ, נישט אין עבר הירדן און נישט אין נגב. ווייטער רעדט זיך דארט וועגן א הסכם צווישן די צוויי מדינות, דער אידישער און דער אראבישער. דער ענין איז בכן געבונדן צו דער צושטימונג פונם אראבישן צד. וועגן צווינגען די באפעלקערונג צום טראנספער — מיט דער צושטימונג פון דער אראבישער מדינה! — רעדט זיך בלויז בנוגע די טאָלן און די אידישע קאָלאניעס, וואס וועלן בלייבן אין דער אראבישער מדינה; אבער דערדאָזיגער צוואנג ווערט בפירוש אויסגעשלאָסן בנוגע דעם גליל. מ׳דארף זיין א גרויסער אָפּטימיסט, צו גלויבן, אז די אראבער וועלן צו דעם מסכים זיין. איך רעד נישט וועגן קיין מאָראלישע איבערטראכטענישן — ביי א געהעריגער פארזארגונג פון די טראנספערירטע מיט פאסיגע ערד־שטחים מוז דאס נישט זיין קיין עוולה — אבער אפילו ווען אזא הסכם מיט דער אראבישער מדינה זאל דערגרייכט ווערן, פרעגט זיך נאך, צי קען מען

אזוי איבערפלאנצן צענדליגער טויזנטער פעלאכישע משפחות געגן זייער ווילן. דאס וואָלט דאך, נישט קוקנדיג אויף אלע אָפּמאכן, געווארן א קוואל פון לאנג־יאָריגער שנאה און רייבונגען מיט די איבערגעבליבענע אראבער אין דער אידישער מדינה און מיט די שכנים ארום איר. דאס קען זיך דאך אזא קליינע מדינה בשום אופן ניט דערלויבן.

אונזער אלטערנאטיווע — אָן אויסגעבעסערטע חלוקה אָדער א בעסערע מאנדאט־פּראַקטיק

ס׳איז צום באדויערן נישט קלאר געווען פון בן־גוריונ׳ס רעדע, צי איז זיין יאָ געבונדן צו די דערמאָנטע צוויי באדינגונגען: סוווערעניטעט און טראנספער, צי נישט. אלנפאלס איז קלאר, אז ס׳קענען געמאָלט זיין אזעלכע באדינגונגען בנוגע גרעניצן, שטח, קאָמפּעטענצן א. א. ביי וועלכע מיר זאלן מוזן זאגן ניין. און דעריבער איז צו באדויערן, וואס א טייל חברים לייגן דא צו צווייערליי מאָסן צו די צוויי טיילן פונם באריכט פון דער קעניג־לעכער קאמיסיע. זיי זענען אָפּטימיסטן בנוגע דער מעגלעכקייט דורכצוזעצן געהעריגע פארבעסערונגען פונם טיילונגס־פּלאן און פּעסימיסטן בנוגע דער מעגלעכקייט צו ענדערן די אלטערנאטיווע פאָרשלאגן פון דער קאמיסיע, און זיי קומען צום שלוס, אז דער מאנדאט איז ענדגילטיג טויט. איך טייל נישט דעמדאָזיגן איינזייטיגן שטאנדפּונקט.

אין דער דעבאטע אין בריטישן פּארלאמענט האט מען בכלל וועגן די אלטערנאטיווע פאָרשלאגן פון דער קאמיסיע נישט גערעדט. דער ויכוח האט זיך קאנצענטרירט אויף דער קריטיק פונם חלוקה־פּלאן. דאס הייסט אבער לויט מיין מיינונג נאך נישט, אז די רעדנער האבן שטילשווייגנדיג מסכים געווען צו די אזוי גערופענע פּאליאטיוון. איך בין נישט אזוי פּעסימיסטיש בנוגע דעמדאָזיגן פּונקט. מיר דאכט זיך, אז אויב דער טיילונגס־פּלאן זאל ניט פארבעסערט ווערן, אדער אויב ער זאל גאר פארערגערט ווערן — און דאס איז דאך נישט אויסגעשלאסן, וואָרום נישט נאר מ י ר קריטיקירן אים, נאר אויך די אראבער — דאן וועט אויך אין בריטישן פּארלאמענט גאך זיין די מעגלעכקייט צו פאָדערן ווייטגייענדיגע ענדערונגען פון די פּאליאטיוון.

דאס איז אויך דער ענטפער צו חבר העלמאנס טענה, אז מ׳קען נישט פון איין זייט טאָן אלץ, וואס דארף פירן צו דער חלוקה און פון דער צווייטער זייט הייסן דער באוועגונג זיך האלטן אזוי, אז זי זאל ארויסרופן דעם איינדרוק, אז זי איז געגן. בן־גוריון איז גערעכט, ווען ער זאגט, אז מיר מוזן ארויסטרעטן געגן דער באהויפּטונג, אז דער מאנדאט איז אומדורכפירבאר.

איך וואלט עס פארמולירט אזוי: דער אלטערנאטיווע פון דער קעניג־לעכער קאמיסיע דארפן מיר אקעגנשטעלן אונזער אלטערנאטיווע: אדער א פארבעסערטער חלוקה־פּלאן, אדער א פארבעסערטע מאנדאט־פּראקטיק.

אַ פּאָרשלאַג פוּן אַן אויסוועג

אונזער שטעלונג אין איצטיקן מאָמענט דארף דעריבער זיין ענלעך ווי אין דער רעזאלוציע פון דער ארץ־ישראלדיגער ארבעטער־פּארטיי.

1) דעם פּראָיעקט, ווי ער איז אויסגעארבעט געווארן פון דער קאמיסיע

אָפּוואַרפן, אויפן יסוד פון א קריטישן אנאליז פונקט נאך פונקט: שטח, גרעניצן, מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט, ירושלים, מאנדאט־ענקלאוון, צאָל־פּאָליטיק, פּאַרטן א. א. וו. דערביי דארף אבער בפירוש געגעבן ווערן דער עקזעקוטיווע די מעגלעכקייט פאר פארהאנדלונגען וועגן אויסבעסערונגען פונם פראיעקט. 2) עס טאר נישט קומען קיין שום צושטימונג, איידער ס'זיינען געענדיגט די פארהאנדלונגען וועגן די פרטים. ווארום ס'ליגט א גרויסע געפאר דערינען, אז ס'זאל זיך שאפן דער איינדרוק, אז קודם כל זיינען מיר פּרינציפּיעל מסכים צו דער חלוקה, און דאן וועט שוין שווער זיין זי אפּצוווארפן צוליב פרטים. 3) ס'דארף פון פאריויס זיין קלאר, אז די פארהאנדלונגען קענען נישט פירן צו קיין ענדגילטיגן אפּמאך אָן דער צושטימונג פונם קאנגרעס, וועלכער וועט צוליב דעם צונויפגערופן ווערן.

איך גלויב, אז אזא אויסגאנג קען איינגיקן די גאנצע באוועגונג אדער אלנפאלס איר גרויסן רוב.

בן־גוריון: ווען איך האב געזאגט, אז מיר מוזן איצט ענטפערן יאָ אדער ניין, האב איך נישט געמיינט, יאָ חלוקה אדער נישט־חלוקה, נאר צי זאל די עקזעקוטיווע באקומען די פולמאכט ווייטער צו פארהאנדלען צי ניין.

ש. יבנאלי

וואס שייך דעם טראנספער: איך האלט נישט אז מען דארף מיט געוואלט אדורכפירן די עוואקואציע פון אראבער פון דער אידישער מדינה·

דער פיל־באריכט אנטהאלט א ריי זאכן· וואס זיינען אויסן צו באַפרידיגן די אראבישע עפנטלעכע מיינונג· פאראן דארטן צוזאָגן די אראבער· איין מאל זאָגט מען זיי צו א געלט־שטיצע פון דער רעגירונג· איין מאל — פון אונז· און צום דריטן מאָל — אין פאל ווען מען וועט דארפן עוואקוירן פון דער אידישער מדינה· דאס הייסט — טאמער וועט די אראבישע וועלט קומען מיט א טענה· אז מען באעוולה'ט די אראבער דורכדעם· וואס מען לאזט זיי איבער אלס מינדערהייט אין דער אידישער מדינה· גיט מען זיי דעריבער א מעגלעכקייט זי צו פארלאזן· מיט אונז באגייט מען זיך נישט אזוי ווייך ווי מיט די אראבער. ווייל מיטן אראבישן כוח רעכנט מען זיך ווי מיט א ממשותדיגן כוח· דאס פארפליכטעט אונז· לויט מיין מיינונג· נישט בלויז צו פארביטערונג געגן ענגלאנד נאר אויך צו פארשטיין די ווירקלעכקייט ווי זי איז אינדעראמתן.

שלום – אלם באזונדערע מדינות?

איך זע איין אינם פאָרשלאג פון דער אידישער מדינה א וועג צו באפרייען זיך פון א משא· וואס נישט מיר· נישט די אראבער און נישט די ענגלענדער האבן זי געקענט שלעפן· מיר האלטן ביי א וויכטיגן ווענדפונקט. מיר האבן זיך נישט באשעפטיגט ווי געהעריג מיט דער אראבישער פראגע. מיר האבן געלאָזט דער צייט זיך טון דאס איריגע· אבער איצט קען מען שוין נישט ווייטער אָפּלייגן די לעזונג. מען מוז געבן א תשובה. מען קען די אראבער נישט פארטרייבן פון ארץ־ישראל· זיי פארלאנגען זייער רעכט.

פון פאר צוואנציג יאר ביז היינט האבן מיר געמאכט א גרויסן פּאָרשריט. אבער אויך די אראבער זיינען געוואקסן און האבן זיך געשטארקט. זייער כוח איז פעסט און זיי ווילן זיך נישט רירן פון אָרט. מען מוז אָנערקענען, אז זיי וועלן פארבלייבן אין לאנד אויף אייביג. פאראן פארשידענע סאָרטן לעזונגען: ברית שלום, פארשטענדיגונגען, געמיינזאמע אָרגאניזאציעס; דאס זיינען אלץ נישט קיין ממשותדיגע לעזונגען. פרעגט זיך דאך אויב אזוי די פראגע: ווי אזוי־זשע זאלן לעבן די אידן און די אראבער אין ארץ־ישראל? צי מוזן מיר לעבן אין איין מדינה און די ענגלענדער זאלן אונז היטן אדער אפשר זאלן מיר לעבן באזונדער, — יעדערער אין זיין אייגענער מדינה?

מען האט געזאגט «פּאריטעט», אבער אויך דאס טויג נישט. אָט הויבט זיך אָן דער ענין דערציאונג, — הייסט עס, שאפן שולן פאר אראבער פון אידישע געלטער, כדי אויפצוהאלטן דעם פּאריטעט! אזוי טוט דאך פּאקטיש איצט די רעגירונג, און מיר פּראטעסטירן געגן דעם. מיר ווידער טייטשן פּאריטעט אזוי: די אראבער זאלן האבן א רעכט צו זיין א מינדערהייט ביי אונז, אבער קיין מערהייט — נישט, און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט זאלן זיי אויך נישט האבן, — דאס איז דאך בכלל נישט קיין שטעלונג. אויב פּאַ־ריטעט — פּארוואס־זשע זאלן מיר נישט מסכים זיין, אז אויך די אראבער זאלן זיך האבן זייער פּאָליטיק, אזוי ווי מיר וועלן האבן אונזערע? צו לעבן בשלום מיט די אראבער איז מעגליך נאר פון דעם מאָמענט אָן ווען מיר וועלן זיין אין א באזונדער מדינה און זיי אין א באזונדערע. נאר דאן וועלן מיר קענען דערגרייכן א געגנ־זייטיגע פארשטענדיגונג, און נאר דאס איז א באפרייענדער אויסוועג. די קעניגלעכע־קאמיסיע האט אונז דערפירט צו א וועג פון א לעזונג.

חבר חיים גרינבערג האט געזאגט, אז ענגלאנד מאכט די חלוקה אויף אונזער חשבון. מען טאָר אבער נישט פארגעסן, אז ענגלאנד האט פאר אונז — באזונדערס אין ענין ארץ־ישראל — געטון א סך מער ווי אנדערע פעלקער. וואס כלפי זיי זיינען מיר נישט בכוח צוצושטעלן חשבונות און פאָדערונגען, מען טאר אויך נישט פארגעסן, אז ענלאנד האט אירע אינטערעסן, אינטע־רעסן פון דער אימפעריע, וואס אנטשיידן איר פּאָליטיק.

נישט אָפּזאָגן זיך פון אחריות

ענגלאנד וויל מער נישט קעמפן פאר א אידישער עליה און אונטער־דריקן די אראבער. זי איז גרייט מיט אונז ווייטער מיטצוארבעטן, אבער נאר ביי די באדינגונגען, וועלכע זי לייגט פאר, דאס הייסט, אז מיר זעלבסט זאלן זיך שטעלן פנים אל פנים מיט די אראבער, דורך אונזער מיליטער אין אונזער פּאָליציי. «נעמט אויף אייך אליין די אחריות פאר דער מדינה, פארן מיליטער אין פאר דער פּאָליציי, און מיר וועלן אייך העלפן לויט אונזערע מעגלעכקייטן», פון דערדאזיגער אחריות, וואס פאַלט אויף אונז, קענען מיר פון איצט אָן זיך שוין נישט אָפּזאגן.

איך פארשטיי נישט, ווי אזוי די ציוניסטישע באוועגונג און אונזער באוועגונג זיינען נאך אזוי פיל יארן ארבעט געקומען צו אזעלכע חלוקי

דעות: די זאגן «ס׳איז א יום־טוב», און די אנדערע — «א דריטער תשעה באב». ציוניזם, לויט מיר, איז: טריט נאך טריט אין כסדריגער ארבעט, בילו, צווייטע עליה, די אויסלייזונג פונם עמק, דער אנהויב פון תל־אביבער פארט, מיט אט דעם כוח וועלן מיר ווייטער פירן אונזער ארבעט. אין דער שאפונג פון דער אידישער מדינה זע איך מער נאך א ט ר י ט פ א ר א ו י ס, און דאס איז אונזער ציוניזם.

ז. פ י י נ ש ט י י ן

* די פארלאמענט־דעבאטע קען מען נישט אויפנעמען אזוי פשוט. אָט האבן מיר היינט געהערט ארמסבי־גארס רעדע אין דער מאנדאטן־קאמיסיע, וועלכע באקומט אלע פארשלאגן. פון דער אנדער זייט האבן אלע אונזערע פריינט אין פארלאמענט שארף קריטיקירט דעם חלוקה־פּלאן און דעם גע־דאנק בכלל, אבער מיר האבן נישט געהערט קיין שום פּאָזיטיווע פאדערונג אנשטאט דער חלוקה. עס באקומט זיך אויב אזוי דער איינדרוק, אז עס איז פאראן איין שלעכטע זאך, די חלוקה, און אַלדאָס איבעריגע איז גוט. אפשר איז דאס אונזער אייגענע שולד, ווייל אין אונזערע רעזאלוציעס האבן מיר כסדר אָנגעוויזן נאר דאס נעגאטיווע פון דער חלוקה.

איך האלט יאָ פון דער חלוקה, דערביי זיינען מיר צום הארצן די רייד פון די ניין־זאגער: גרויס־ציוניזם, לעזונג פאר דער פראגע פון דער אידן־נויט, א גאנץ און איינהייטלעך ארץ־ישראל א.א.וו. אבער איך מוז זאָגן, אז די רעאלע תשובה פון די ניין־זאגער ווידערשפרעכט זייערע רייד.

דער ציוניזם איז שוין נישט מער יענער פון דער חובבי־ציון־תקופה און פונם אנהויב פון פּאָליטישן ציוניזם; ער ווערט איצט שוין נישט מער געמאָסטן לויט דער פראַכט פון זיין ציל, לויט דער אידעאישער גאנצקייט זיינער. דער ציוניזם ווערט איצט געשאצט מיט איין פשוטן און טרעפלעכן ענין: זיין רעאליזירונגס־מעגלעכקייט. דאס אידישע פאלק נויטיגט זיך איצט נישט אין א שיינעם אידעאל נאר אין באלדיגער פארווירקלעכונג. עס איז פאר מיר קלאָר, אז די נאענטע צוואנציג יאר זיינען אנטשיידנדע: אדער מיר וועלן וואקסן און פארפעסטיגן זיך אין ארץ־ישראל אדער מיר וועלן אָפּטרעטן אויף צוריק. און איך גלויב נישט, אזביים איצטיגן פּאָליטישן מצב קענען מיר האָפן, אז די אנקומענדע תקופה וועט זיין בעסער פאר אונז לגבי דער רעאליזירונג פונם מאנדאט.

די ניין־זאָגער טענהן, אז די יאָ־זאגער זיינען מוותר אויפן גרעסטן טייל ארץ־ישראל. אבער מען דארף דאך געדענקען: די אראבער אין ארץ־ישראל זיינען א פאקט און זייער ישוב וואקסט כסדר. פאַראַן א מיליאן אראבער אין ארץ־ישראל און זיי דארפן פארבלייבן, מיר ווילן נישט פארטרייבן קיין איין אראבער. אין 15 יאר ארום וועלן צוקומען נאך 500.000 אראבער און זיי דארפן עקזיסטירן. ביז איצט איז אונזער אנטוויקלונג פּאָרגעקומען אָן פארטרייבונג. אבער די אידישע מדינה אויפן גאנצן ארץ־ישראלדיגן שטח איז נישט אזא פשוטער ענין.

פון אלע ארגומענטן פון די ניין־זאגער נעם איך אָן נאר איינעם: די געגנערשאפט צו א פיקציע פון א מדינה. מיר טאָרן נישט מאכן קיין סתם־אילוזיעס פארן אידישן פאלק. מיר דארפן פארפליכטן אונזער עקזעקוטיווע, זי זאל אָנווענדן די נויטיגע מיטלען כדי אויסצובעסערן דעם חלוקה־פּאַר־שלאג, — ער זאל נישט שאפן קיין פיקציע פון א מדינה. עס מוז זיין דער לאָגישער מינימום פון זעלבסטשטענדיגקייט און אויפבוי־מעגלעכקייט. אויב דאס קען נישט דערגרייכט ווערן — דארפן מיר דעם פארשלאג אָפּוואַרפן.

עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אז מיר וועלן פאַרזעצן אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל ביי אלע באדינגונגען. מיר זיינען געגאנגען קיין ארץ־ישראל אויך ווען עס איז נישט געווען קיין מאנדאט, נאר א טערקישע הערשאפט. וואס עס וועט זיין אפהענגיג פון אונז וועלן מיר תמיד טון לויט אונזערע מעגלעכקייטן. מיר טארן נישט פארהאסן ביים פאלק די מדינה מיט אזעלכע אויסדרוקן, ווי: א נאציאנאלער אומגליק, א דריטער תשעה באב א.אז.וו. אונזער גאנצע ווייטערדיגע טעטיגקייט וועט זיין אָפּהענגיג פון דער אידישער ליבע צו ארץ־ישראל, וועלכע מיר דאַרפן פלעגן און מיר טאָרן זי בשום אופן ניט צעשטערן.

ל. גלאַנץ

* מען דארף באהאנדלען דעם מאנדאט אזוי ווי ער איז. מיר האבן זיך איינגערעדט, אז ער וועט אונז שאפן א באַזע פאר א מדינה פון ביידע זייטן ירדן, ער האט אונז אָבער גאָרנישט געגעבן אין דער ריכטונג. דער מאנדאט האט אנטוישט סיי די אידישע און סיי די אראבישע האָפנונגען. און די פראגע, וועלכע האט געדארפט שטיין פאר אונז, איז: ווען וועלן מיר פון דעמדאָזיגן מאנדאט פטור ווערן? איצט איז דער מאמענט אָנגעקומען. דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע ליקווידירט דעם אידישן גלות אין ארץ־ישראל, אויף וועלכן עס האבן געהאפט די אראבער. דער באריכט האט פּראקלאמירט א זעלבסטשטענדיגע אידישע מדינה, — דאס איז פאר אונז א גוואַלדיגער פאליטישער און יורידישער נצחון. אמת, דאס איז בלויז דער ערשטער טריט, אבער ער עפנט אונז א נייעם וועג פאר נאך דערגרייכונגען.

אין עקאנאמישער און קאלאניזאטארישער הינזיכט וועלן מיר אויף ווייטער קענען אויפטון גרויסע זאכן. אלץ וואס מיר האבן אויפגעטון ביז איצט איז צו פארדאנקען די נאציאנאלע פאנדן. אבער מיר האבן נישט געקענט אויסנוצן אלע מעגלעכקייטן. איצט איז נויטיג דערצו א מדינהשער כוח. דער טעמפּאָ אין אונזער טעטיגקייט האט א גרויסע באדייטונג.

ביי די איצטיגע באדינגונגען דארף מען זאגן «יאָ», און מען דארף קעמפן פאר אויסבעסערונגען.

ניינטע זיצונג

זונטאג, דעם 1 אויגוסט 1937, מיטאג

פאָרזעצונג פון דער פאָליטישער דעבאטע

(רעדעס פון ד. ווערטהיים, א. העמלין, ש. דיין, מ. זינגער, י. חורין, ה. שורער, י. קיציס, מ. ניישטאדט, י. באראן, א. רייס, מ. קאטיק)

ד. ווערטהיים

אונזערע שוללים בלייבן אונז שולדיג א דערקלערונג וועגן דעם, וואס וועט זיין אויב עס גיט זיך איין און מען איז מבטל די גזירה פון «אידנ־שטאַט». פאר איבערטרייבונגען דארפן זיך אלע היטן, מ׳מוז אבער מודה זיין, אז דאס איבערטרייבן דאס גוטע, וואס איז פארבונדען מיט דעם פאָרשלאג, איז ווייניגער שעדלעך ווי דער היפוך. דער נחמו נחמו איז בעסער ווי דער איכה. דער איכה־מאטיוו קען ביי אונז קיין קאָנסטרוקטיווע טאָטן ניט ארויס־רופן. אין אמעריקע זיינען דאָ ציוניסטן וועלכע האבן מורא, אז ביי די נייע אומשטאַנדן וועלן זיי נישט קענען פירן די קאַמפּאַניעס פון קרן קימת און קרן היסוד. צוליב די פאָנדן זעען זיי ניט דעם ציוניזם. די נישט־ציוניסטן אין אמעריקע זיינען געגן. מ׳רעדט ביי אונז וועגן שאפן א פאראייניגטן פראָנט פון די געגנער. דאס איז געפערלעך. דער ארגומענט, אז מיר וועלן אליין שפעטער מוזן פארמאכן די טויערן פון ארץ־ישראל פאר עליה קען מען ניט נעמען ערנסט; וואָרום ווען מיר וואָלטן געהאט אפילו גאנץ ארץ־ישראל, וואָלטן מיר דען נישט אמאָל געקומען צו א זעטיגונגס־פונקט און געמוזט צומאכן די טויערן?

א. העמלין

אין דעם איצטיגן ויכוח דארפן מיר זיך שטעלן די קארדינאלע פראגע: וועלכע מעגלעכקייטן זיינען דא פאר א שנעלערן טעמפּאָ פון אונזער ארבעט וואס זאל פארוואנדלען אונזער ישוב אין א שטארקערן כוח? ווען עס שטייט פאר אונז איצט די מעגלעכקייט צו פארגרעסערן אונזער אייגענער פירונג, טאָרן מיר אָט דעם שאַנס בשום אופן ניט פארביילאָזן.

אויפן מיטללענדישן ים וואקסן פאשיסטיש־שאָוויניסטישע כוחות. פון דער צווייטער זייט איז די נויט פון אונזער פאָלק געקומען צום טראגיש־סטן פונקט. מיר מוזן דעריבער וואס שנעלער ווערן א גרויסע קראפט אין

לאנד, סײַ עקאָנאָמיש, און סײַ פּאָליטיש. מיר האבן די אלטערנאַטיוון. פון איין זייט — די מעגלעכקייטן פון א אידן־שטאַט, ווען אפילו דערווייל אין א באגרעניצטן שטח, און פון דער צווייטער זייט — לאנגזאמקייט פון אונזער ארבעט, באגרעניצטע עליה און באַדן־קויף, אויפנעם־פעאיגקייט לויט פּאָליטישע און פסיכאָלאָגישע פאקטארן. א לאנגזאמע ארבעט און עליה מיינט אויך א קריזיס פון ציוניזם צווישן די אידישע מאסן וועלכע קוקן איצט אויף ארץ־ישראל נישט בלויז ווי אויף א חלום, נאר ווי אויף א רעאלער נויטווענדיגקייט.

די חברים דא האבן אויסגעדריקט זייער מורא, אז די געשאפענע גרעניצן וועלן פארבלייבן פערמאַנענט, אבער ווער פון אונז קען עס באשטימט פאָרויסזאָגן, וואס עס וועט זיין אין א צען — פופצן יאָר ארום? ווער קען עס זאָגן, אז די גרעניצן וועלן דארפן אויסגעברייטערט ווערן דוקא מיט געוואלט? אין דער געשיכטע פון אמעריקע ווייסן מיר, אז מען האט דערוואָרבן גרויסע שטאַטן און לאנד־שטחים מיט געלט, און דער טרייב־מאָטיוו פאר דעם איז געווען, וואס אין איין שטאַט איז געווען א גרעסערע באפעלקערונג מיט דער נויטיגקייט פאר עקספּאַנסיע, און אין צווייטן שטאַט האט געפעלט באפעלקערונג און דער נויטיגער אנטוויקלונגס־קאפיטאל. איך שטעל זיך פאָר, אז אויך אונזערע גרעניצן וועלן מיר קענען אוסברייטערן דורך אונזערע קאפּיטאלן און ארבעטס־פעאיגקייט, און אויפן באזיס פון עקאָנאָמישער רעציפּראָציטעט. און ווען מיר וועלן זיין נומעריש גרעסער, עקאָנאָמיש און פינאנסיעל שטארקער וועלן זיך דאן עפענען פארשידענע מעגלעכקייטן פאר פרידלעכע באציאונגען מיט דער אראבישער באפעלקערונג, פאר אונזער עקספּאַנסיע, און די פארברייטערונג פון אונזערע גרעניצן.

נישט קוקנדיג אויף דעם, וואס דער שטח וועלכער איז באשטימט געווארן דורך דער קעניגלעכער קאמיסיע איז ניט צופרידנשטעלנד פאר אונז, האָבן די אידישע מאסן דעם געדאנק פון אידן־שטאַט אויפגענומען מיט אויסערגעוויינטלעכן ענטוזיאזם. אפילו ביי אונז אין די פאראייניגטע שטאַטן וואו די אידן דערווארטן ניט קיין סערטיפיקאטן פאר זיך, אזוי ווי אין פּוילן אָדער אין אנדערע לענדער. און מיט דער אידייע פון אידן־שטאַט, און זיין נאָענטער פארווירקלעכונג, קענען מיר אויפהויבן די מאסן צו א פארגרעסערטער טעטיגקייט און צו נייעם נאציאָנאלן שוואונג. עס פארשטייט זיך, אז מיר מוזן קעמפן פאר דער באשיצונג פון אונזערע רעכט און פאר בעסערע גרעניצן. דעם פאָרשלאג, אָבער פון א אידן־שטאַט דארפן מיר אָקצעפּטירן אלס באזיס פאר ווייטערע פארהאנדלונגען און דערפירן אים צו פארווירקלעכונג.

ש. דיין

דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע שאצט אונז אפּ וואָגיג, מיט אכטונג און ווי געהעריג. אבער די אויספירונגען פונם בוך אנטשפּרעכן לגמרי נישט דער הויכער אָפּשאצונג. ווען מיר האבן דא געמאָסטן אונזער אייגענעם כוח, זיינען ארויסגעזאָגט געווארן צוויי עקסטרעמע מיינונגען. פון איין זייט האט מען פארלאנגט קאמף און מען האט שטארק איבערגעטריבן

אונזער כוח און אונזערע נצחון־אויסזיכטן אין דעם קאמף. דאגעגן האָבן מיר געהערט יבנאליס רייד וועגן אונזער שוואכקייט אין אזא מאָס, אז א סך חברים האָבן אים אָנגעגריפן דערפאר. אין תוך געגומען איז אבער יבנאלי געווען גערעכט אין זיין אָפּשאצונג. לויט בערל כצנלסונס מיינונג איז ברענער יאָ גערעכט געווען אין זיין אָפּשאצן אונזער כוח, און יבנאלי איז נישט גערעכט, ווייל ברענער איז אויסן געווען די דערציערישע זייט אין דער קריטיק. די דערציערישע זייט איז אויך היינט וויכטיג, און זי פארלאנגט — נישט איבער־צוטרייבן די שטארקייט פון אונזער כוח און נישט פאָכן מיט די פענער און רופן צו א מלחמה, וועלכע מיר זיינען נישט בכוח צו פירן. אויב ברענער איז בשעתו גערעכט געווען, איז יבנאלי גערעכט, אין תוך פון זיינע רייד, אויך היינט, יבנאלי האָט, פארשטייט זיך, אויך אביסל איבערגעטריבן, אבער דאס איז געווען א תשובה, א רעאגירונג אויף די זייער איבערגעטריבענע «מלחמה־פראָקלאמירונגן» מצד פארשידענע חברים.

קאַמף־פּראָקלאַמירונג פון שוואַכקייט

מיר דוכט, אז אָט די איבערגעטריבענע מלחמה־רופן שטאמען פון שוואכ־קייט. דער שטארקער פראָקלאמירט נישט, נאר ער קעמפט ממש. און נאָך דוכט מיר, אז די חברים ווארפן־אָפּ דעם חלוקה־פאָרשלאג, ווייל זיי האבן אפשר די איבערצייגונג אדער דאס געפיל, אז מיר זיינען נאָך נישט מסוגל און נישט פעאיג צו נעמען אויף זיך דעם גרויסן יאָך צו פירן א זעלבסט־שטענדיגע מדינה, ווען זי איז אפילו זייער קליין. מיר, וואָס בילדן, אפשר, דעם אקטיווסטן כוח אין פאלק; מיר, וואס האבן געוואגט זעלבסטשטענדיג אָנהויבן צו בויען אונזער היימלאנד און שאפן — אין אונזערע ראמען, מיט הצלחה — א זעלבסטשטענדיג לעבן און נייע יסודות פארן פאלק, — אויך מיר זיינען איצט, דוכט זיך, אין א מצב פון שוואכקייט לגבי דער גרויסער זאך, וואס דערווארט אונז. יאָ, נאכן לאנגן גלות זיינען אויך מיר קראפטלאָז און שוואך, ווי א קינד, וואס פרווט זיך שטעלן אויף די פיס ביים אָנהויבן גיין און עס וואקלט זיך אין אלע זייטן און עס וואגט נישט זיך צו שטעלן פעסט אויף ביידע פיס. מיר ווילן זיך ווידער אָנכאפן אינעם אָנהאלט — אין מאנדאט.

אוודאי, אויך איך בין נישט זיכער, אז מיר זיינען שוין מסוגל צו שטיין אויף אונזערע אייגענע פיס, באזונדערס, די ערשטע צייט. אבער אָפּ־מאכן פון דער אידישער מדינה מיט דער מאנדאט־מאכט קענען זיין, דוכט מיר, פונקט אזא אָנהאלט ווי דער מאנדאט. אזעלכע אָפּמאכן קענען געשלאָסן ווערן נישט בלויז מיט ענגלאנד נאר אויך מיט אנדערע מלוכות, וועלכע זיינען נישט פאראינטערעסירט אויפצוהערן זיין אן אָנהאלט פאר אונז, פאר דעם לאנד און פאר דעם ים־ברעג, וואס איז אזוי וויכטיג פאר א סך פעלקער. אויב מען זאָגט, אז די ענגלענדער זיינען «שווינדלער», וועלן זיי זיך דאָך נישט ענדערן אין די קומענדיגע יאָרן, אויך ווען זיי וועלן בלייבן ביים מאנ־דאט. אויב מיר האָבן אין די יאָרן פון אונזער ביזאיצטיגער צוזאמענארבעט מיט די ענגלענדער דערגרייכט וואס מיר האָבן דערגרייכט, קען מען דאך נישט מיינען, אז מיר וועלן דערגרייכן ווייניגער גראָד שפעטער, ווען מיר וועלן באקומען גרעסערע מעגלעכקייטן, מער זעלבסטשטענדיגקייט און פריי־הייט אין אונזער ארבעט. מען קען דאָך נישט אָננעמען, אז גראָד דאמאָלס

וועט זיין ערגער ווי איצט. ווען יעדן חודש און יעדעס האלבע יאָר פּענטעט מען אונזערע הענט, אז עס דערגייט ממש ביז חוזק, — ביז צוויי הונדערט סערטיפיקאטן אויף א האלב יאָר... אויסערדעם דוכט מיר, אז מען קען דאָך בכלל נישט צווינגען די ענגלישע רעגירונג צו בלייבן ביים מאנדאט. זי האט אים אָנגענומען פון איר גוטן ווילן, און זי קען אים האלטן נאך א סך יארן. אָבער דאס הענגט אָפּ פון איר ווילן. מען ווארפט נישט אָן קיין מאנדאט מיט כוח. און אויב מיר זיינען נישט גרייט אים אָפּצונעמען ביי איר, וועט זי דורכפירן איר ווילן, איר פּאָליטיק.

נישטאָ קיין אומאָפּהענגיגע מדינות

מען האט דאָ געזאָגט: אונזער זעלבסטשטענדיקע קליינטשיגע מדינהלע, — זעט איר דען נישט, אז גרעסערע מדינות, ווי עסטרייך, בעלגיע און אנדערע, קענען נישט אויסהאלטן זייער זעלבסטשטענדיגקייט? אמת. אָבער אויב אזוי, קען מען דאָך פרעגן: און ווען מען וואָלט אונז אוועקגעגעבן גאנץ ארץ־ישראל, מיטן מזרחדיגן טייל צוזאמען, וואָלט עס געווען א גרעסערע מדינה פון עסטרייך און בעלגיע? די לאגע ענדערט זיך דאָך נישט אויך ווען עס וועט נישט זיין קיין חלוקה, — דער גרויסער שטח פון גאנץ ארץ־ישראל איז דאך אויך נישט גרעסער פון אזא קליינער מדינה. דער אמת איז, אז אין אונזער צייט — און אפשר נישט בלויז אין אונזערער — איז קיין מדינה נישט אומאָפּהענגיג. א סך מדינות זיינען געקניפּט און געבונדן איינע מיט דער אנדערער. אזוי איז געווען און אזוי וועט זיין. אבער פאר קיין שום מדינה און פאר קיין שום פאָלק איז דאָס נישט קיין ארגומענט אויף נישט אָנצונעמען זעלבסטשטענדיגקייט.

מיר האָבן פון די חברים ניין־זאָגער געהערט שרעקלעכע זאכן, וועלכע ס'איז ממש שווער געווען צו הערן, ווי צום ביישפּיל, אז מיר גראָבן פאר זיך אליין א גרוב. דאס באנוצן אזעלכע פארגלייכן לגבי דער שאפונג פון א אידישער מדינה, וואס מיר קענען זי אָנפילן מיט אינהאלט (איך האלט מיט דער מיינונג, אז מיר האבן יא א געוויסן כוח צו צווינגען די וואס שרייבן אונטער אָפּמאכן, אז זייער ווארט זאל זיין פארפליכטנד), הייסט, לויט מיין מיינונג, טרעטן מיט די פיס אונזער ווערק און אונזער אידעאַל, וואס מיר אלע רעדן אין זייער נאמען.

די קאָלאָניזאַציע מעגלעכקייטן

פאר די ניין־זאָגער צווישן אונז וואָלט איך געוואָלט מאכן א שטיקל חשבון: וואס האָבן מיר דערגרייכט און אויפגעטון פון די צייטן פון «אָדע־סער קאמיטעט צו שטיצן ערד־ארבעטער אין ארץ־ישראל און אין סיריע» ביז היינט? ווי זעט אויס דער סך־הכל אין איצטיגן מאָמענט? שוין 60 — 70 יאָר זיינען מיר טעטיג אין ארץ־ישראל. וואס האבן מיר במשך דער צייט דערגרייכט אין הינזיכט פון באדן און באפעלקערונג? דער חשבון איז א קלארער. עס איז אויך קלאר וואס עס דערווארט אונז אין די נאָענטע יארן אויפן געביט פון באָדן־קויף. די לעצטע יארן האבן מיר נישט דער־ווארבן קיין הונדערטער טויזנטער דונאמס. און איצט האלטן מיר בכלל פאר שווערע באגרעניצונגען. עס קען זיין, אז דורך א קאמף וועט אונז געלינגען אָפּצושרייען די גזירה פונם מאקסימום — 12.000 עולים א יאָר, אפשר

זועלן מיר באקומען 15.000, און אפשר 20.000, אָבער מער וועלן מיר איצט נישט באקומען. מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען קען אונז אויך געלינגען צו דערווערבן במשך די נאָענטע יארן נאך עטליכע צענדליק טויזנט דונאם באדן, אבער מער וועלן מיר, ווייזט אויס, נישט קענען דערגרייכן ביי די פאראנענע באדינגונגען. מיט אונזער, נישט גרויסן כח, וועלן מיר נישט קענען צווינגען דעם מאנדאטאָר און אנדערע לענדער, זיי זאלן אונז העלפן ווי זיי האבן געהאָלפן ביז איצט. אבער אין דער קליינינקער מדינה׳ וואס מען לייגט אונז פאָר, באקומען מיר די מעגלעכקייט אריינצוברענגען נאָך ביי צוויי מיליאָן אידן. די צאָל באזירט ניט אויף אויסרעכענונגען, וואס איך האב היינט געמאכט, נאר אויף דער אויפנעם־קראפט פון ארץ־ישראל לויט אונזער ביז איצטיגער דערפארונג. (שערטאָק: די צאָל איז פונקט אזוי באַגרינדעט ווי די צאָל 6 מיליאן פאר גאנץ ארץ־ישראל). לויט דער צאָל אידן, וואס מיר האבן אריינגעבראכט קיין ארץ־ישראל אויף דעם שטח, וואס געפינט זיך היינט אין אונזערע הענט, קענען מיר זאָגן, אז עס איז פאראן א מעגלעכקייט אריינצוברענגען 2 מיליאן אין די גרעניצן פונם אונז פארגעלייגטן שטח. אוודאי וואָלטן מיר אלע געוואָלט גאנץ ארץ־ישראל און די גאולה פון גאנצן אידישן פאלק אויפן שטח פון זיין גאנץ לאנד. אונזערע ניין־זאָגער זיינען, ווארשיינלעך, בשעתם אויך געווען די עקסטרעמסטע אָפּשפּעטער פון די רעוויזיאָניסטן, וועלכע האבן פארלאנגט אלץ מיטאמאָל, דעם גאנצן ענדציל, אזוי ווי נישט דער חשבון פון דונאם צו דונאם דערנענטערט אונז צום ציל.

איך זאָג: דונאם צו דונאם — דאס איז נישט קיין אידעאל, נאר אויב מיר וועלן קיין אנדער ברירה נישט האבן, וועלן מיר זיך קלאַמערן אין יעדן שריט און טריט. מיר וועלן פון דאנען נישט אָפּטרעטן, — דאָ איז אונזער האָפענונג. אבער בשעת מען גיט אונז די מעגלעכקייט צו באקומען נישט איין דונאם נאר מיליאָנען דונאמס, וואָס־זשע איז מיט אונז. בעל־גאוהדיגע קבצנים, דער מער, וואס מיר בלאָזן זיך און טענהן: עס איז ווייניג, עס איז נישטאָ קיין קאָלאָניזאציע־מעגלעכקייט. וואו־זשע איז פאראן קאָלאָניזאציע־מעגלעכקייטן? אין נגב. יאָ, ווער פון אונז איז דען מוותר אויפן נגב? אבער מען דארף דאָך אויך אינזינען האבן, אז דער נגב איז א נישט־אויסגעפאָרשטער שטח, אָן וואסער, און מיר האבן דארט נאך קיין טריט נישט געשטעלט. מיר ווייסן דאָך נאָך נישט ווי ווייט מיר וואָלטן דאָרט דערגרייכט. ווען מען וואָלט אונז געגעבן גאנץ ארץ־ישראל, וואָלטן מיר אויך נישט אָנגעהויבן דווקא דאָרט. עס קען זיין, אז צוליב סטראטעגישע טעמים, וואָלטן מיר דארט יאָ עפּעס געטון, מיר וואָלטן עפּעס אָנגעהויבן כדי פעסטצוהאלטן דעם שטח, — אבער מיר וואָלטן זיך דאָך אין אונזער אויפבוי־ארבעט נישט צעשפרייט באלד אויף זיבן ימים. דער אונז פאָרגעלייגטער שטח גיט אונז א ברייט ארבעטס־פעלד דעם גאנצן גליל העליון, דעם עכוער קרייז, — די פרוכטבארסטע ערד פון ארץ־ישראל. דער נגב איז אָרים, און דער טייל ארץ־ישראל, וואס ווערט אוועקגעגעבן די אראבער, באשטייט פון בערג, וואו מיר האבן נאך לעת־עתה נישט געפונען קיין פאסיגע קאָלאָניזיר־מעגלעכקייטן. מיר האבן ביז איצט נישט קאָלאָניזירט די דאזיגע שטחים נישט סתם אזוי, אָן א כוונה.

נאר ווייל דאָרט איז דערוויייל נישט פאַראַן קיין באָדן, וואָס לאָזט זיך גוט באַאַרבעטן. מיר וועלן נישט מוותר זיין אויך אויף אָט די שטחים, אָבער ווען מיר וועלן זיי אָנהויבן צו באַאַרבעטן, וועלן מיר דאָך נישט אין איין טאָג אָנהויבן אומעטום, — פאַראַן אַ פריער און אַ שפּעטער אין אונזער אַרבעט. הלואי זאָלן מיר קענען במשך די נאָענטע יאָרן קאָלאָניזירן דעם שטח, וועלכן מען לייגט אונדז פאָר, אין די ראַמען פון די פּאַרגעלייגטע גרעניצן. איך מיין, אַז ווען מען וואָלט אונדז אַפילו אַלץ געגעבן מיטאַמאָל, וואָלטן מיר אויך ניט געקענט אַרויסווייזן דעם גרויסן כּח, וואָס די חברים שטעלן אים אַזוי אַרויס אין זייערע רייד.

ערשט מיט אַ יאָר צוריק, נאָך די געשעענישן פון 1936, האָבן מיר אַרויס־געשיקט קיין חוץ לארץ אונזערע בעסטע חברים, די פריערדיקע עקזעקוטיוו־מיטגלידער, זיי זאָלן מאָביליזירן געלט מיטלען פאַר דער פאַרפעסטיגונג און שטאַרקונג פון ארץ־ישראלדיקן ישוב, — און איר ווייסט מיט וואָס זיי זיינען צוריקגעקומען פון אַלע לענדער. מיר ווייסן דאָך וואָס פאַר אַ בודזשעטן עס זיינען נויטיק כּדי צו קאָלאָניזירן די באָדנס, וועלכע מיר באַזיצן שוין, און וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן מיר פאַרמאָגן. אויף איינער אַ זיצונג האָב איך געהערט: „די לאַגע איז זייער אַ שווערע, — דער קרן־קימת לייזט אויס מער באָדן וויפל דער קרן־היסוד איז בכּוח צו קאָלאָניזירן”. און איר ווייסט דאָך די גרויס פונם שטח, וואָס דער קרן־קימת האָט די לעצטע יאָרן דערוואָרבן. און נאָך אַן אָפענער סוד: מיר האָבן די בעסטע קינדער פון אידישן פאָלק אַרויסגעשיקט אין נייע ארץ־ישראלדיקע פּונקטן, ממש אויפן פראָנט, — און וואָס גיבן מיר זיי? מיט וואָס האַלטן מיר אונטער די האָפנונג פון זייער איינוואָרצלונג און קאָלאָ־ניזירונג, פון זייער אויסהאַלטונג נאָך אַ האַלב יאָר, אין אַ האַלב יאָר אַרום? איך האָב נעכטן געהערט קאַפּלאַנס ווירקזאַמע רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז אונזער לאַנגער עקאָנאָמישער אָטעם איז עלול זיך אָפּצושטעלן. אָט דאָס איז דער כּוח, וועלכן מיר ווייזן אַרויס די לעצטע יאָרן און אויך איצט אין דעם אַנטשיידנדן מאָמענט, וואָס וועט פון אונדז שוין מאָרגן פאַרלאַנגען אַן אָנגעשטרענגטע טעטיקייט, — וואָס פאַר־אַ באַ־שלוס מיר זאָלן נישט אָננעמען און וואָס פאַר אַ גזירה מען זאָל אויף אונדז נישט גוזר זיין.

אין אַזאַ לאַגע, ווי די איצטיקע, האָבן מיר זיך נאָך נישט געפונען. מיר שטייען פאַר דער גרויסער וויזיע, און מיר זיינען מאַכטלאָז און קראַפטלאָז, און דעריבער אפשר פאַרבלענדט און האָבן קיין מעגלעכקייט נישט זי צו זען. חברים זאָגן אונדז: מיר וועלן עס בשום אופן נישט אָננע־מען, — ס׳איז פאַר אונדז אַ קבר. פרעג איך: וועט דען פאַרבלייבן דער איצטיקער מצב ביי די עווענטועל־פּאַרגעלייגטע באַגרעניצונגען, וואָס האָבן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ קאָמיסיע וועלכע האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי פון דער גאַנצער בריטישער עפנטלעכער מיינונג? איצט איז דאָס נישט קיין ענין פון אַ יחיד, ווי אַ נציב, צום ביישפּיל, וואָס מיר האָבן געקענט גלויבן, אַז מיר וועלן אים באַקעמפן און ביייקומען. די דערמאָנטע פּאָרשלאָגן קו־מען נישט פון אַן איינצלנעם אַדמיניסטראַטאָר, נאָר פון אַ רעפּרעזענ־טאַנץ פונם ענגלישן פאָלק. לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז אַ טייל פון די פּאַר־

שלאגן וועלן מיר מבטל זיין, איז וואס וועט דאָמאלס זיין? מיר געפינען זיך אין א ערב קריזיס־לאגע. דאס איז קיין סוד נישט. עס איז שוין הייגט א קריזיס אין ארץ־ישראל, דער עליה־מאנגל וועט דויערן, דאס נישט קויפן באדן וועט דויערן, — מען קען שוין איצט פארצייכענען דאס נישט קומען פון קאַפּיטאַליסטן, דאס נישט קומען פון ארבעטער, און א געוויסע ארבעטס־לאָזיגקייט. אויב עס זאל אזוי ווייטער גיין, האב איך מורא, אז דער קרי־זיס וועט זיך כסדר פארגרעסערן און מיר וועלן זיך ווידער אומקערן צו א מצב פון דונאם צו דונאם. וואוהין־זשע וועלן מיר אבער דערגיין אין א יאר צען ארום? עס איז ווארשיינלעך, אז אין צען אדער צוואנציג יאר ארום וועט לחלוטין שוין נישט זיין קיין מעגלעכקייט פון באדן־קויף. מיר האלטן, ווייזט אויס, ביים לעצטן פונקט אין דעם דאזיגן ווידערשטאנד פון אראבישן פאלק, וואס וויל אונז נישט, כאָטש מיר ברענגען אים נוצן. און — סיי מען פארקויפט אונז נישט קיין באדן און סיי מען גזלט אוועק ביי אונז די עליה.

לאָמיר נישט דורכלאָזן דעם נס

דער ציוניזם געפינט זיך איצט אפשר נאָכאמאָל פאר א גרויסער וויזיע־נישט פון בענקשאפט און תפילה און צוקונפטס־טרוימען, נאר פון באלדיגער־ממשותדיגער ארבעט. די ארבעט דארף געטון ווערן הייגט, אָן א לאנגער הפסקה, אָן וואַרטעניש אויף א גרויסן היסטאָרישן טאָג, ווי א וועלט־מלחמה־מיר דוכט, אז איצט זיינען מיר אריין אין אזא סיטואציע, צו־וואס ווארטן אויף א נס, וואס וועט קומען? דער נס איז שוין געשען, הייגט. פארוואס ווילן מיר אים דורכלאָזן? פאַרוואס זאלן מיר נישט אָננעמען אַ גרויסע מעג־לעכקייט צו פארברייטערן אונזער קאָלאָניזאציע? דערנאָך, ווען מיר וועלן שוין האבן קאָלאָניזירט די אלע איצט־פאַרגעלייגטע שטחים, ווען מיר וועלן זיך שוין געפינען אין ראש־אל־נאקורה, אין גליל העליון ביז עכו און פון עכו ביז באר־טוביה לענגאויס דעם גאנצען ים־ברעג, און ווען אויך אויפן ים וועלן מיר האבן א גרויסן כוח, — וועלן מיר דאָך זיין א סך שטארקער ווי איצט ביים אָנהויב.

עס קען גריילעך זיין, אז איצט זיינען מיר באמת נישט גרייט דערצו און מיר האבן טאקע קיין כוח נישט אָנצונעמען די שפע פון מיליאָנען דונאמס, זיי צו קאָלאָניזירן. וויל איך אייך עפּעס דערמאנען, חברים, געוויסע פון אייך געדענקען עס נאָך אפשר: מיט דער ערשטער שיף נאָך דער מלחמה זיינען געקומען 6 יונגעלייט, בענדינער עולים, קיין דגניה און כנרת. דאס איז געווען נאך דעם חלוצישען גרייטן זיך אין רוסלאנד, נאָך דער גרויסער פסיכישער און פיזישער גרייטונג צו ארץ־ישראל. און גאנץ ארץ־ישראל, דער גאנצער אידישער ישוב איז נישט געווען בכוח צו געבן ארבעט אין איין אָרט פאר די דאָזיגע ערשטע זעקס בחורים, וועלכע האבן געוואָלט זיין צוזאמען. מיר האבן זיי דאן פונאנדערגעשיקט: צוויי קיין כנרת, איינעם — קיין חולדה, און איינעם אדער צוויי קיין דגניה. די ערשטע טעג זיינען זיי געווין איבעריג אין די פונקטן, ווייל מיר האבן זיך נישט גערעכנט אויף זיי. מיר זיינען נישט גרייט געווען, אבער מיר האבן גענומען אויף זיך די לאסט פון מעשים. מיר האבן זיך געזאָגט: «עשה» און נישט «שב ואל תעשה», — טון און נישט

אָפּלייגן. און די מעשים האבן זייערס געטון: פון יענער שוואכקייט אין צייטן פון פּאלקס־דערוואכונג, אין דער צייט פון דער באלפור־דעקלאראציע, זיינען מיר דערגאנגען צו אונזער איצטיגן כוח. אויך היינט זיינען מיר, ווייזט אויס, פּראָפּאָרציאָנעל נישט גרייט אזוי ווי דאַמאלס. אבער דורך טעטיגקייט, דורך אויסנוצן די מעגליכקייט צו באקומען א הלוואה׳ אפילו דורך פארמשכונגען וויכטיגע גיטער, קענען מיר אויך איצט א סך אויפטון. פון יענער מעשה מיט די זעקס בחורים זיינען מיר דערגאנגען צו אונזער הסתדרות מיט הונ־דערט טויזנט חברים און צו א אידישן ישוב מיט 400.000 נפשות, — מיר וועלן אויך איצט אויפטון אויב מיר וועלן טון. און ס׳איז מעגלעך — אז אין 10־20 יאָר ארום וועלן מיר האלטן אזוי ווייט, אז מיר וועלן קענען קעמפן פאר גרעסערע און ברייטערע גרעניצן, און מיר וועלן זיי אויך באקומען.

מ. זינגער

קודם כל וויל איך זיך ארויסזאָגן געגן דער „לעולם תקח״־שטעלונג וועלכע עס האט אויסגעדריקט ח׳ לאנדויער, טענהנדיג, אז די צייט, אין וועלכע מיר לעבן איז נישט פאסיג פאר חשבונות און דינגעניש וועגן דער גרויס פון די שטחים א. א. וו. די געלעגנהייט, וועלכע מיר באקומען איצט איז, לויט זיין מיינונג, ענלעך צו די טעג פון דער באלפור־דעקלאראציע. מיר דוכט, אז דער פארגלייך שטימט נישט אין א סך פּאָליטישע הינזיכטן, אויף וועלכע עס איז שווער דא זיך אָפּצושטעלן, אבער יעדנפאלס טאָרן מיר נישט פארגעסן, אז בשעת דער באלפור־דעקלאראציע זיינען מיר אין ארץ־ישראל נישט געווען קיין כוח, און במשך די דורכגעמאכטע צוואנציג יאר האבן מיר געשאפן גרויסע ווערק. מיר זיינען געוואָרן א כוח אין ארץ־ישראל און מיר האבן ארויסגעוויזן אזא בויאוגגס־און שאפונגס־קראפט, וואס איז פאראן אין אונזער פאלק, אז אויך די פעלקער פון דער וועלט האבן זי געמוזט אָנערקענען. אויך פון דעם שטאנדפונקט איז פאראן א מעגלעכקייט צו מאכן חשבונות.

לאָמיר זיך היטן פון דעפּיטיזם

איך געפין אן ערנסטע סכנה אינם שילדערן אונזער לאגע אין דער וועלט, ווי אלץ און אלע וואָלטן געווען געגן אונז. דאס ברענגט אריין אין אונזערע שורות א גייסט פון דעפעטיזם, וועלכער וועט זיך אין אונז שווער נוקם זיין. הערצל האט שוין געוואוסט, און אויך די דערפארונג באווייסט, אז די גרויסע נויט פון אונזערע פּאָלקסמאסן קען אויך דינען אלס פּאָזיטיווער פאקטאָר און פארוואנדלט ווערן אין א וויכטיגער פּאָליטישער און עקאָנאָ־מישער מאָטאָר־קראפט לטובת אונזער אופבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

אויך דער ארגומענט פון די יאָ־זאָגער, אז די אידישע מאסן אין די גלות־לענדער זיינען התלהבותדיג געשטימט פאר א אידישער מדינה אין א צעטיילטן ארץ־ישראל, איז לחלוטין נישט איבערצייגנדיג. ערשטנס, איז ביז איצט נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו שילדערן דעם פלאן פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע פון זיינע נעגאטיווע זייטן, און די מאסן זעען נאר דעם אויסערלעכן גלאנץ פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט. און צווייטנס,—

צי שטענדיג האבן מיר אין שווערע און אנטשיידנדע מאָמענטן באשטימט אונזער שטעלונג לויט דער באציאונג פון די סתם־מאסן? צענדליגער יאָרן האבן מיר געקעמפט געגן די מאסן, וועלכע זיינען טיילווייז געווען גלייכ־גילטיג צו אונזערע שטרעבונגען און טיילווייז בפירוש געגנעריש; פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר זיי איצטער מאכן פאר אונזערע וועגווייזערס? די באציאונג פון סתם־מאָסן קען אונז נישט דינען אלס מאסשטאב אין ציוניזם. מיר האבן זיך קיינמאל נישט נאָכגעשלעפט די מאסן, נאר מיר האבן זיי געפירט לויט אונזער גייסט. די ציוניסטישע מאסן, וועלכע האָבן מיט אונז מיטגעמאכט דעם לאנגן און שווערן וועג פון שווערע געראנגלען און קאמפן, — נאָר זיי קענען אנטשיידן אין דער פראגע.

פונוואַנען דער גלויבן אין דער רעגירונג?

מיר וואונדערן זיך איבער דער אָפּטימיסטישער באציאונג לגבי דער ענגלישער רעגירונג מצד די יאָ־זאָגער. דיזעלבע רעגירונג, וועלכע האָט אין 1936 אפילו נישט געוואלט ערנסט דראָען די אראבישע פירער, — וואס זי קען זיי אלס ארויסרופער פון די אומרוען, — זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם טעראָר און די רציחות, איז פּלוצלינג געוואָרן א רעגירונג, וואס וועט גרינדן א אידישע מדינה געגן דעם ווילן פון די אראבישע פירער און אין קאמף מיט זיי. דערדאָזיגער אָפּטימיזם האט לחלוטין נישט קיין יסוד. לאָגישער איז אָנצונעמען, אז א רעגירונג וועלכע מאכט זיך נישט ווסנדיג פונם מאנדאט ווייל זי וויל אים נישט פארווירקלעכן, וועט אויך נישט מקיים זיין די צוזאָגן, וואס זי וועט אונז איצטער געבן, די קראפט פון דער באלפור־דעקלאַראציע איז געלעגן הויפטזאכלעך אין די כוחות, וועלכע זי האט געהאט הינטער זיך׳ — וואס פאר נייע, צוגעקומענע כוחות וועלן האָבן הינטער זיך די איצטיגע צוזאָגן?

אָבער די יאָ־זאגער ווענדן זיך צו אונז מיט א פראגע: וויבאלד נישט חלוקה, — וואס־זשע דארף מען טון? צרות האבן מיר א סך און אונזערע פאָלקסמאסן קענען שוין לענגער נישטווארטן. איך האלט אבער פאר א געפערלעכע אילוזיע צו מיינען, אז די פאָרשטייענדע איבערגאנגס־צייט — אין פאל ווען די חלוקה וועט יאָ פארווירקליכט ווערן — וועט ברענגען א גיכע הילף. ס׳איז נישט צו האָפן, אז גראָד דאס וועט זיין דער וועג פון א שנעלער לינדערונג פון אונזער נויט. ס׳איז נישטאָ קיין שום זיכערקייט, אז אויף דעם וועג וועלן מיר איינגיכן זוכה זיין צו א גרויסער עליה. מען קען לגמרי נישט זיין זיכער מיט די פּאָליטישע פערספּעקטיוון פאר א גרויסער עליה אין די נאָענטע יארן. און אויסער פּאָליטישע פאקטאָרן זיינען פאראן נאך אנדערע פאקטאָרן, וואס נישט תמיד זיינען מיר בכוח זיי צו באוועגן און רעגולירן. די אילוזיע קען ברענגען אן אנטוישונג, וועלכע וועט זיין אָן אומגליק פאר דער ציוניסטישער באוועגונג און פאר דער ציוניסטישער אידעע.

אונזער ארץ־ישראלדיגער ישוב איז געוואקסן און האט זיך אנטוויקלט צווישן איין קאמיסיע און דער אנדערער, וועלכע זיינען צו אונז געשיקט געווארן דורך די פארשידענע בריטישע רעגירונגען. די גזרות, וועלכע די־דאָזיגע קאמיסיעס האבן אויף אונז ארויסגעגעבן האבן מיר אָפּגעשריען. מיר

װעלן אָפּשרײַען אױף דעם איצטיגן גזר־דין. עס איז שװער צו פירן א װיכוח װען מען ברענגט אונז אריין אין א דעפּעטיסטישער שטימונג. אבער עס שטעקט כוח אויך אין אָפּוואַרפן דעם פּאָרשלאַג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. אָט דעם כוח דאַרפן מיר באווייזן און אויפוועקן אין די פּאָלקסמאַסן: דאס אָפּ־וואַרפן דעם פּאָרשלאַג בלייבנדיג דורכגעדרונגען מיטן פולן גלויבן אין דער פּאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין אונזער צייט, און מיטן ווילן צו אַן אויפ־ריכטיגן שלום מיט דעם אראבישן פאלק, טראָץ די בלוטיגע געשעענישן וואָס מיר לעבן איבער. אָט־אָ דער כוח קען באפרוכפּערן אונזער ווערק און אונז דערמעגלעכן גובר צו זיין די אלע שטערונגען, וואָס מען לייגט אונז אין וועג.

י. חורין

דער ווערט פונם באריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע באשטייט אין דעם, וואס ער צווינגט אונז פונדאַסניי צו באטראכטן אונזער צושטאנד, אונזערע אויפבוי־וועגן, און אונזערע השגות וועגן די מעגלעכקייטן פון אונזער אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

עס איז ממש צום באוואונדערן, וואָס געוויסע חברים האָבן אייגנטלעך ערשט איצט, נאָך די געשעענישן און נאָכן קאָמיסיע־באריכט, אנטדעקט אז ענגלאנד האָט אירע אינטערעסן אין ארץ־ישראל. אָבער, לויט מיר, דאַרף מען דאָך זיין צופרידן דערפון, וואָס זי האָט אין ארץ־ישראל וויכטיגע אינטערעסן. די פראגע איז נאָר, — וויאזוי ברענגט מען זיי אין איינקלאנג מיט די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק און פון ארץ־ישראלדיגן אידישן ישוב.

וואָס שייך די אראבער: נאָך דער מלחמה האָבן זיי באקומען עטלעכע זעלבסטשטענדיגע לענדער. און ווי זעט אויס די לאגע פון דער באפעלקע־רונג דאָרט לגבי דער לאגע פון די אראבער אינם ענגלישן מאנדאט־געביט אין ארץ־ישראל? ס׳איז משונה׳דיג אָבער עס איז א פאקט, אז די אראבער אינם לאנד פון דער אידישער נאציאָנאלער היים און אונטער די פליגלען פון מאנדאט האָבן אין עקאָנאָמישער, קולטורעלער און נאציאָנאל־פּאָליטישער הינזיכט זיך אנטוויקלט א סך מער פון זייערע שכנים אין די זעלבסטשטענ־דיגע לענדער. דער אראבישער ישוב אין ארץ־ישראל איז במשך די לעצטע יאָרן געוואָרן דער אנטוויקלטסטער און פאָרגעשריטנסטער טייל פון אלע ארו־מיגע אראבישע ישובים׳ וואָס־זשע איז די מורא פאר א נייער אראבישער מדינה? אויב מען איז געגן דעם טיילונגס־פּראָיעקט, ד. ה. מען וויל ווייטער דעם מאנדאט־סטאטוס׳ דאַרף מען פריער נאָכזען וואָס מיר האָבן ביז איצט דערגרייכט דורכן קיום פון מאנדאט. במשך 20 יאָר זיינען אריין קיין ארץ־ישראל 300 טויזנט אידן. הייסט עס, אז אויב דיזעלבע באדינגונגען וועלן פארבלייבן אויף ווייטער, זיינען אונז נויטיג נאָך 20 יאר כדי צו פארגרע־סערן דעם אידישן ישוב מיט נאָך 300 טויזנט נפשות. און בנוגע ערד־שטחים פאר קאָלאָניזאציע, — מיר וואָלטן עס דאָך געהאלטן פאר א גרויסן פּאָליטישן נצחון, ווען מיר וואָלטן באקומען פון דער מאנדאט־רעגירונג נישט מער ווי 100—150 טויזנט דונאם באָדן אין בית־שאן.

פארן פרייז פון מוותר זיין אויפן מאנדאט איז ענגלאנד — ווייזט אויס,

צוליב אירע אינטערעסן — אונז גרייט צו געבן איצט אזעלכע הנחות, וועלכע זי וועט בשום אופן נישט געבן ביי א לאגע פון סטאַטוס־קוואָ. דערדאָזיגער פאַקט גיט אונז די מעגלעכקייט אונטערצוהאַנדלען מכוח פאַרגרעסערן אונזער טייל.

מען זאָגט, אז די קליינע אידישע מדינה וועט נישט לעזן די אידן־פראגע. מעגלעך. אָבער מען דאַרף דאָך געדענקען, אז אויך ביי דער איצטיגער לאגע האָבן מיר נישט אריינגערעכנט אין אונזער קאָלאָניזיר־געביט דעם דרייעק דזשענין—שכם—טול־כרם, אין וועלכן עס געפינען זיך ביי 300 טויזנט אראַבער, וואָס בילדן א שווער געוויכט אויף דער וואָגשאָל פון די כוחות־פאַרהעלט־נישן אין ארץ־ישראל. און בנוגע דעם נגב, — זיינען דאָך אויך די יאָ־זאָגערס נישט מוותר אויף דער מעגלעכקייט אים צו קאָלאָניזירן.

דער טיילונגס־פּראָיעקט דאַרף זיין פאַר אונז א פראגע, וועלכע מען דאַרף אנטשיידן פּרינציפּיעל — נישט געקוקט אויף די חסרונות פון קאָנקרעטן פאָרשלאג — ער ווייזט א וועג און אָן אויסוועג פונם פּלאָנטער, אין וועלכן מיר געפינען זיך.

ח. שורער

איינע פון די שוועריגקייטן צו נעמען א שטעלונג אין דער באַ־האַנדלטער פראגע באַשטייט אין דעם, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אונז — מיר זאָלן דווקא זאָגן אָדער א התלהבותדיגן יאָ אָדער א התלהבותדיגן ניין, און מען שטעלט פאַר דעם ענין אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אָדער וועגן א פולשטענדיגער גאולה אדער וועגן אַן אַבסאָלוטן חורבן. נו, — און אז מיר קומט אויס די זאַך נישט אזוי און נישט אזוי?

די מדינה־ראַם וועט אונז שווער זיין

איך וויל זאָגן אָפן וואָס קיינער האָט דאָ נישט געזאָגט: איך פאַל בכלל נישט אריין אין התלהבות פון אַ אידישער מדינה. פינף־און־צוואַנציג יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך אנדערש געלערנט. איך האָב נישט געטרוימט צו האַלטן בקרוב ביי א אידישער מדינה און איך האָב נישט געטראַכט, אַז אַט די אויסערלעכע פּאָליטישע ראַם איז דאָס סאַמע וויכטיגסטע. מיר האָבן זיך זעלבסט דערצויגן אָפּצוגעבן די הויפּט־חשיבות דער בויאונג און שאַפונג, וואָס נאָר זיי פאַרוואָרצלען אונז אין ארץ־ישראל און העלפן־מיט אונזער וואוקס.

און ס'איז מיר געווען זייער מאָדנע צו הערן פונם רעפערענט אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע איך בין געוואוינט געווען צו הערן פון אונזערע גע־שווירענע געגנער, וואָס מיר האָבן תמיד געקעמפט געגן זיי. מיט דעמזעלבן פּאַטאָס און ממש מיט דיזעלבע ווערטער פון איינעם אַ באַוואוסטן געגנער אונזערן האָבן מיר דאָסמאָל געהערט דאָ: «אַזוי וועלן מיר דען ווייטער קענען דערווערבן באָדן? אזוי וועלן מיר דען קענען ווייטער פירן אונזער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט?!» עס קומט אויס, ווי מיר וואָלטן תמיד געהאַלטן אז אָן אַ «אידישע מדינה» וועלן מיר נישט קענען דערווערבן קיין באָדן און זיך קאָלאָניזירן.

אויף אונזערע זיצונגען אין ארץ־ישראל האָבן מיר אין א געוויסן

מאָמענט געפירט ויכוחים וועגן דעם פאָרשלאַג פעסטצושטעלן אַ באַשטימטע גרויס פון דער עליה אויף עטלעכע יאָר. צוזאמען מיט נאָך חברים בין איך געווען געגן דעם. איצטער זאָג איך: ווען מען וואָלט אונז צוגעזאָגט צו געבן במשך די נאָענטסטע צען יאָר אַן עליה פון 50—60 טויזנט מענטשן יערלעך, וואָלט איך מותר געווען אויף דעם סאָרט «פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיקייט» וואָס מען לייגט אונז פאָר. מיר דאַרפן שטרעבן צו אַ גרויסער עליה אָן דער גרויסער מ ש א, וואָס הייסט «זעלבסטשטענדיקייט» און וועלכע איז נאָך נישט לויט אונזערע כוחות. לאָמיר געדענקען וועגן די פליכטן פון אַ מדינה, — וועגן די גרויסע הוצאות אויף אלע «מלוכהשע» געביטן, וועגן די באדערפנישן פאר מיליטער, פאר עפנטלעכע אינסטיטו־ציעס א. א. וו. און לאָמיר געדענקען וואָס עס קען געשען מיט אונזער יוגנט ביי דער שאפונג פון אַ «מדינה» (ווי עס איז געשען אין אנדערע יונגע מדינות — אויך אין פּראָגרעסיווע און קליינע): אויך אונזער יוגנט קען זיך ארייננלאָזן אין פאַשיזם, אין סנאָביזם, אין אויסערלעכע גלאַנצעריי, אין גרויסהאלטעריי, אין פרעסטיזש־מלחמות. עס קען קומען צו אַ גייסטיגער דעמאָראַליזאַציע אין דער יוגנט, וועלכע מיר האָבן ביז איצט גערופן צו פאַרווענדן א ל ע א י ר ע כ ו ח ו ת אין בויאונג און אין שאפונג. וויאַזוי וועלן מיר מיט אונזערע באשרענקטע כוחות אויסטראָגן אָט די נייע שווערע משא?

אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב — אונזער הויפּט־שטרעבן

מען זאָגט אונז: עס וועט וואקסן די אויפנעם־קראפט פון לאנד דורך אינדוסטריע, ים־אַרבעטן א. א. וו. קענען מ י ר אזוי לייכט מסכים זיין דערצו? מיר האָבן דאָך שטענדיג געטענהט, אז אונז איז נויטיג קודם כל א גרויסער ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש א פ ט ל ע כ ע ר ישוב, — און דעמדאָזיגן ריכטיגן וועג טאָרן מיר נישט פארלאָזן.

מען האָט שוין דאָ גערעדט וועגן דער אילוזאָרישקייט פון «טראַנס־פער», — פון אריבערפירן די אראבער מחוץ פון אונזערע גרעניצן. מיר וועלן עס נישט דורכפירן. און מיר קענען דאָך גוט דעם כאַראַקטער פונם אראבישן ישוב אין דער צפון־געגנט פון ארץ־ישראל, אין דער סביבה פון עכו־צפת. מיר ווייסן דאָך ווי שווער עס איז אָנגעקומען די ענגלענדער צו באהערשן די דאָרטיגע באַרג־דערפער, וועלכע זיינען פול מיט באנדיטן און רויבער. וויאַזוי־זשע וועלן מיר זיי באהערשן? דאָס וועט דאָך צונעמען ביי אונז גוואלדיגע כוחות, וועלכע זיינען אונז נויטיג פאר אנדערע ענינים.

די באַציונג פון די מאַסן איז קיין ראיה נישט

מען דערציילט אונז, אז די אידישע מאסן אין פוילן זיינען באגייסטערט פונם געדאנק וועגן דער אידישער מדינה. קען מען דען ברענגען אַ ראיה פון די אידישע מאסן אין פוילן? האָבן מיר ביז איצט אויך זיך געשטיצט אויף דער באציאונג פון דידאָזיגע מאסן? האבן מיר דען, אין אלע תקופות נישט געהאנדלט אין געגנזאץ צו זייער באציאונג, צו זייער באציאונגס־לאָזיגקייט? און איצט — באזירט דער זייער באציאונג אויף א ריכטיג וויסן און פארשטיין די ענינים? מען דערציילט דאָך, אז די אידן אין פוילן טענהן: «וואָס הייסט, איר זייט געגן? איר זייט משוגע געוואָרן צי וואָס?

וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דען דער ענין גרעניצן? אַ באַרג מער — אַ באַרג ווייניגער!... ווי אַזוי־זשע קען מען ווערן באַגייסטערט פון דער חלוקה?

די פראגע איז אָבער: וואס זאָלן מיר איצט טון? מיר האלטן נאָך דער דעבאַטע אין לאָרדן־הויז. דאָרט זיינען אלע אַרויסגעטרעטן געגן דער חלוקה. און אַ סך פון אונז — אויך פון די ניין־זאָגער — שפּירן, אז מען דאַרף שוין «אַ ביסל אַ צי־טון צוריק» ... דערווייל האט זיך אויסגעבילדעט אַ געוויסער מצב, וועלכער קען נאָך ווערן ערגער און ערגער. די פּאַליאַטיוון פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע וועלן איינגעפירט ווערן אין לעבן און די עליה וועט אינגאנצן איינגעשרענקט ווערן. און ווען עס זאָל אונז אפילו געלינגען דורך א שווערן קאמף צו פארבעסערן די לאגע, — איז זיך אויך שווער פאָרצושטעלן, אז מיר וועלן דערגרייכן מער ווי אַ פּ אַ ר ט אָ פּ ל ו נ ג אין דער עליה. דאס הייסט, אז אָנשטאָט 12 טויזנט סערטיפיקאטן א יאָר וועט מען אונז געבן 24—25 טויזנט א יאָר. קענען מיר שלום־מאכן מיט אַזאַ מצב? אַזאַ עליה במשך עטלעכע יאָר קען דערשטיקן אונזער גאנצע באוועגונג.

לויט דעם אלעם, וואס מיר הערן, — שטייען מיר איצט פאַר דער אויסוואַל: אָדער אַן איינגעשרענקטע עליה און באגרעניצונגען ביים באָדן־קויף, אָדער דער חלוקה־פּלאַן. ביי אַזאַ לאגע איז אפשר טאקע נישטאָ קיין אנדער ברירה, נאָר מסכים צו זיין — מיט צער און ווייטאָג, אָן התלהבות, פארשטייט זיך — צו דער חלוקה־מעגלעכקייט, מיט דער האָפנונג, אז אַ פארגרעסערטע עליה אין אונזער פארקלענערטע מדינה וועט אונז במשך 10—15 יאר שאפן א באזע, פון וועלכער מיר וועלן קענען ווידער פאָרויסגיין מיט מער קראפט.

י. קיצים

* ווען איך וואָלט געקענט ריידן וועגן די ענגלענדער אזוי ווי יבנאלי רעדט, וואָלט איך געווען גליקלעך. איך גלויב זיי נישט שוין פון זינט דער דעקלאראציע. דעריבער זע איך דאס בילד א סך שווארצער סיי ווי די ניין־זאָגער און סיי ווי די יאָ־זאָגער.

בן־גוריון האט נעכטן פאר אונז איבערגעלייענט אָרמסבי־גאָרס רייד. ער האט געזאָגט, אז דעם מאנדאט דארף מען ליקווידירן, און וועגן די חלוקה־פּראָיעקטן דארף מען טראכטן און אויסארבעטן א באשטימטן פּלאַן. די ענגלענדער קייקלען אונז׳ טרעפּ נאָך טרעפּ, בארג אראָפּ; זיי טראכטן בלויז וועגן זייערע אימפעריאליסטישע אינטערעסן. איך גלויב נישט אין זייער ליבע צום תנ״ך־פּאָלק. איך האב מורא, אז דעם מאנדאט ליקווידירט מען און דעם חלוקה־פּלאַן וועט מען דערפירן ביז נול. מיין הויפּטזאָרג איז — וויאזוי צו ראטעווען דאס וואס לאָזט זיך. מיר האבן נישט פאר זיך קיין צוויי אל־טערנאטיוועס. עס איז פאראן נאָר איין ברירה: קעמפן מיט אלע אונזערע כוחות. מיר טאָרן זיך נישט צעטיילן אויף צוויי מחנות. אין ד ע מ ד אָ ז י ג ן שרעקלעכן מאָמענט דארפן מיר זיך פעסטער צוזאמענ־שליסן, אָ נ נ ע מ ע ן דאס וואס ס׳איז מעגלעך אלס שטופּע

פאר אונזער אנטוויקלונג און גיין ווייטער ווי ווייט מיר וועלן נאָך קענען. איך זע פאר מיר די סכנה, וואס שטייט פאר אונז, — צו בלייבן אין א מצב פון נישט־אהין און נישט־אהער. אונזער ויכוח דארף זיך נישט פירן אין דער פאָרם פון פאר און געגן, נאר ווי א חבריש עצה־האלטן – וויאזוי צו ראטעווען אונזער פאָלק ביי אונזערע מעגלעכקייטן. מיר דערגייען צו א מצב פון עקזיסטענץ־אוממעגלעכקייט. מיר זיינען געצוואונגען אָנצונעמען אלץ כדי זיך צו שטארקן און צו פאר־גרעסערן די עליה און די קאָלאָניזאציע.

קענען מיר דען טאקע, אין איצטיגן מאָמענט, נאך דידאָזיגע מעשים לגבי אונז, שרייען: סטאטוס קוואָ? ווייל מיר קענען עס נישט – מוז מען מסכים זיין אויף דער חלוקה. אויב מען קען ראטעווען ירושלים, דארף מען ראטעווען. די הויפט־זאך איז: מיר דארפן האבן די זיכערקייט, אז מען וועט אונז נישט אָפנארן. די ביזאיצטיגע דערפארונג לערנט אונז, אז עס קען אזוינס געשען: מען האט צוגענומען עבר הירדן, מען האט זיך באצויגן מיט געדולד צו די אומרוהען, א. ג., א. ג. דעריבער וואָלט איך געוואָלט זען אן ענדערונג אין דער אטמאָספער, אינם עצם־צוגאנג צום ענין. די חברים, וועלכע מיר ווייל אויס, דארפן זען ראטעווען וואס עס לאָזט זיך.

מ. ניישטאַדט

איך בין מקנא די חברים, וועלכע קענען נעמען אויף זיך ארויסצוזאָגן אזא פעסטע און זיכערע מיינונג אין דער טיילונגס־פראגע. וואָרום הגם אויך איך זע דעם ענין אין א באשטימטן ליכט, האב איך אבער מורא עס צו ברענגען צום אויסדרוק מיט אזא אבסאָלוטער פעסטקייט, ווי חברים האבן עס דא געטאָן. מיינע איצטיגע ווערטער זיינען בכן מער א פרווו ארויסצוזאָגן בקול געדאנקען, וועלכע מאטערן דעם מוח און האבן נאָך נישט באקומען קיין ענדגילטיגע פאָרם. אפשר וועלן זיך אין אזא געגנזייטיגן גע־דאנקען־אויסטויש די מיינונגען מער אויסקריסטאליזירן און מיר וועלן צו־זאמען גיכער באוויזן צו געפינען א וועג אין דער איצטיגער סיטואציע.

דער צוויבער־גלאנץ האט אונז פארבלענדט

וואס לענגער איך הער דעם ויכוח און וואס מער איך זע די באגייס־טערונג פון א טייל חברים, אלץ מער באקום איך מורא פאר דעם פאָרשלאג אין מיין געגנערשאפט צו אים ווערט גרעסער. וואס איז דער כוח פון אונזער באוועגונג? מיט וואָס האבן מיר זיך תמיד אונטערשידן פון די רעוויזיאָניסטן און די נאָענטע צו זיי עלעמענטן אינ׳ם ציוניזם? מיר האבן זיך נישט גע־לאָזט מיטרייסן פון קאָניונקטור־מאָמענטן און נישט געלאָזט פארבלענדן פון אויסערלעכע עפעקטן. יאָרן־לאנג האבן מיר פארטראָטן דעם געדאנק, אז נישט די פאָרם באשטימט נאר די טאט.

מיר האבן געפירט דעם קאמף געגן א ויכוח וועגן ענד־ציל. מיר האבן זיך ארויסגעזאָגט געגן די פאָרמולירונגען, וועגן א אידישער מדינה; איז דען דאס געווען צוליב דעם ווייל מיר זיינען געגנער פון א אידישער מדינה? ניין! אָבער מיר האבן תמיד געזאָגט, אז די פאָרמולירונג פונם ענד־

ציל וועט קומען אלס נאטירלעכער רעזולטאט דערפון, וואס דורך אונזער סיסטעמאטישער טאט ביי אלע באדינגונגען וועט וואקסן אונזער כוח. מיר האבן געהאלטן פאר שעדלעך די פראָקלאמירונג פון א אידישן שטאַט אלס אונזער ציל, כל־זמן ער קומט נישט אלס נאטירלעכער פועל־יוצא פון אונזער אייגענעם כוח. מיר האבן געזען אין אזא פראָקלאמירונג די געפאר פון א צו געפערלעכער אילוזיע, וועלכע טאָר נישט געבראכט ווערן פארן אומגליקלעכן אידישן פאָלק, וועלכעס וועט אין זיין גרויסער נויט זיך צו פרי אָנכאַפּן אין דערדאָזיגער אילוזיע און זי אָננעמען אלס צייכן פון זיין באלדיגער גאולה. און יעדע אילוזיע איז געפערלעך און שעדלעך בפרט ביי א פאָלק, וואס די נויט מאטערט אים אזוי, און זיין לאגע איז אזוי ביטער.

דאס איז במשך יאָרן געוועזן אונזער כוח. דערמיט האבן מיר דער־גרייכט אונזער השפעה אין ציוניזם און דאס איז געווארן די טרייב־קראפט, וועלכע האט אונז געפירט דערצו, או מיר זאלן ביי אלע סיטואציעס פאָר־זעצן אונזער קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע ארבעט אין לאנד.

וואס האט זיך איצט אזוי ראדיקאל געענדערט? איז אונזער כוח אזוי געוואַקסן? האט זיך אונזער לאנדווירטשאפטלעכער באזיץ אזוי ראדיקאל פארגרעסערט, אז מיר זאָלן שוין איצט קענען ענדערן אונזער גרונדזעצלעכן צוגאנג צו דעם ענין? בנוגע אונזער כוח איז טאקע קיין ראדיקאלער שינוי נישט געקומען, מיר זיינען אבער פארבלענדעט געווארן דורכן פלוצימדיגן אויפבליצן פונם גלאנץ פון דער אידישער מדינה און האבן אויפגעהערט צו זען די ענינים ניכטער.

די געפאר פון א תהום צווישן פאָלק אין לאנד און פאָלק אין חו״ל

דאס וואס ס׳ווערט אונז פאָרגעלייגט אלס אידישע מדינה צווינגט אונז פון פאָראויס שטארק איינצושרענקען אונזערע האָפנונגען. אויב מען וואָלט פון אונז געפאָדערט אזא איינשרענקונג נישט אין צוזאמענהאנג מיט אן אייגענער מדינה, איז דאָך קלאר, אז מיר וואָלטן דערצו נישט מסכים גע־ווען. מען האט דאָך ביי אונז שוין געפירט דיסקוסיעס, וועגן א געוויסער, וועגן אפילו נאָר צייטווייליגער, אליין־באשרענקונג פון אונזערע שטרעבונגען, צוליב פארשידענע מאטיוון (הסכם מיט אראבער א.א.וו.) און מען האט עס ביי אונז אָפּגעוואָרפן. איז דאָך דער גורם פאר דער איצטיגער הסכמה צו א געוויסער זעלבסטאיינשרענקונג נאָר דער גלאנץ פון דער אידישער מדינה, און דערינען שטעקט די גרויסע געפאר. דערדאָזיגער גלאנץ רופט ארויס ביי די אידישע מאסן האָפנונגען און אילוזיעס, וועלכע וועלן נישט קענען פארווירקלעכט ווערן און עס שוועבט די גרויסע געפאר פון א געוואלטי־גער אנטוישונג.

אָנגענומען, אז מיר וועלן זיין אין דער לאגע אין משך פון א רייע יאָרן אריינצופירן אין דער יידישער מדינה א מיליאָן אידן. אודאי א גאָר גרויסע זאך. אבער אין אָנבליק פון דער גרויזאמער יידישער נויט איז דאָך דאס נישט קיין גאולה. און דער באגריף פון א אידישער מדינה איז ביי יעדן אידן אידענטיש מיט דער פולער אידישער גאולה. האָט זיך שוין עמיץ געמאכט א בילד פון דער ביטערער אנטוישונג, וועלכע וועט דאן ארומנעמען דאס אידישע פאָלק. דאס וועט דאָך זיין א טראגעדיע, וועלכע

דאס אידישע פאָלק האט נישט געקענט אין זיין גאנצער טויזנט־יעריגער געשיכטע פון ליידן און פיין, וואס וועט זיין, אז עס וועלן זיין מיליאָנען גערודפטע און געפּלאָגטע אידן און דער אידישער שטאַט וועט זיי מוזן זאָגן: פאר אייך איז ביי אונז קיין פלאץ נישטאָ. דאס קען דאָך שאפן ביים פאָלק ממש שנאה צו דער אידישער מדינה. מיר א הייפל אין דער אידישער מדינה וועלן לאָזן אויף הפקר די מיליאָנען ברידער אין דער גאָרער וועלט! דאס וואָלט דאָך הייסן פשוט אויסגראָבן א תהום צווישן יידישן פאָלק אין א״י און אין חוץ לארץ. און לאָמיר זיך נישט טרייסטן דערמיט, אז במשך פון יאָרן וועט זיך דאס ענדערן, אז די גרעניצן וועלן זיך אויסברייטערן. ווי שטעלט מען זיך פאָר א לעבן פון פרידלעכער שכנות מיט ארומיגע לענדער. וועלכע וועלן וויסן, אז אונזער לעבנס־צוועק מוז זיין צו פארגרעסערן אונזער מדינה מיט שטחים, וועלכע געהערן איצט צו זיי. און אויך ביי אונז גופא וועט דאָך אין אזא מצב די נאציאָנאליסטישע שטימונג באהערשן דאס גאנצע לעבן און די נשמה פון אונזער יוגנט. אלץ וועט אָטעמען מיטן געדאנק פון פארברייטערן דעם שטח פון דער מדינה אין וועלכער מען ווערט דערשטיקט צוליב ענגשאפט. קען מען זיך פאָרשטעלן א נאָרמאל געזונטע לעבן ביי אזעלכע באדינגונגען?

לאָמיר נישט אָננעמען קיין פלענער, וואָס נישט פון אונז איז אָפּהענגיג זייער פאַרווירקלעכונג

דאס איז אלץ געזאָגט, אז עס וועט גיין גוט און ענגלאנד וועט דערפילן איר צוזאָג און די יידישע מדינה, לויטן פלאן פון דער פיל־קאָמיסיע, וועט ווערן א ווירקלעכקייט. אבער דידאָזיגע זיכערקייט האָבן מיר דאָך כלל נישט. דער פאקט, וואס דער אידישער שטאַט קומט נישט אלס נאטירלעכער פועל יוצא פון אונזער רייפן כוח דערצו, נאר צוליב פּאָליטישע אויסרעכענונגען, אנטהאלט דאָך אין זיך געוואלטיגע געפארן און אומזיכערקייטן. מיר וועלן אקצעפטירן א פלאן, וואס קיינער פון אונז קען נישט זיין זיכער אויב ער וועט ווערן פארווירקלעכט. ביי די אידישע מאסן וועט זיך שאפן א שטימונג פון ערב גאולה, אלץ וועט וואַרטן אויף דער גיכער רעטונג, וועלכע קען גאָר קיין רעטונג נישט זיין פאַרן רוב פונם פאָלק. און וואס וועט דאן ווערן אויב אויך דער קלייניער חלום וועט נישט רעאליזירט ווערן. עס ליגט דאָך נישט אין אונזער האנד אים צו רעאליזירן. דאָ ליגט די הויפּט־געפאר און דער הויפּט־גרונד פון מיין געגנערשאפט. מיר טאָרן נישט אויפוועקן האפנונגען, וואס נישט מיר זיינען דער כוח, וועלכער באשטימט זייער פארווירקלעכונג.

מען האט דא זייער אסך ציטירט מיינונגען פון ענגלישע מלוכה־מענער, וועלכע זיינען אָנהענגער פון דער פּאָרגעשלאָגענער אידישער מדינה. פארוואָס האָט מען גראָד פארגעסן צו דערמאָנען טשערטשיל׳ס ארטיקל, וועלכער איז די טעג דערשינען אין א ציריכער צייטונג? דאָרט ווערט אזוי שטארק געוואָרנט פאר דעם געפערלעכן עקספערימענט און עס ווערט גענוי באגרינדעט די געפערלעכע סיטואציע אין וועלכער עס וועט זיך געפינען א אידישע מדינה לויט דעם פּאָרגעשלאָגענעם פלאן.

פאר א אידישער מדינה מיט אן אראבישער מינדערהייט פון 40 ביז 50 %

וועט שטיין די פראגע פון די רעכט פון דערדאָזיגער מינדערהייט, רעכט אין מיליטער, אין דער פּאָליציי און מלוכה־אפּאראט וכו׳. האט מען געפּרווט א מינוס א טראכט צו טאָן וועגן דעם?

אין פארשידענע תקופות האבן מיר געהאט צו קעמפן מיט ביטערע גזרות, וועלכע האבן זיך פארמאָסטן צו פארטיליגן אונזער ווערק. איז דען דאן אָנגענומען געוואָרן דער געדאנק, אז מיר דארפן זיך אונטערגעבן און שלום מאכן מיט א געוויסן פאליאטיוו? אויך אינם פּאַספּילד־בוך איז אונזער עליה־מעגלעכקייט באדראָט געווארן. האט דאס דען געבראָכן אונזער מוט און אונז געפירט אויפן וועג פון רעזיגנאציע און אליין־איינשרענקונג? גראָד ווי מיר האבן זיך דאמאָלס נישט אונטערגעגעבן און זיינען נישט פארצווייפלט געווארן, טאָרן מיר אויך איצט נישט פארלירן די האָפענונג און זיך לאזן אויף א וועג, וועלכער האָט אין זיך די גרעסטע סכנות.

י. באַראַץ

דער איצטיגער ויכוח איז סוף־כל־סוף פארוואנדלט געווארן אין אן אָפּשטימונג. קיינער וועט שוין קיין ספק נישט צוגעבן צו די ארגומענטן פאר אָדער געגן, אבער יעדער איינער דארף ארויסזאגן זיין מיינונג, ווי דערמיט וואָלט ער געשטימט פאר אדער געגן. ס׳איז נאָר צו באדויערן, וואס עס האט זיך ארייגעריסן אין ויכוח א טאָן און א נוסח, וועלכע זיינען אונז, די פארטיי־חברים, פרעמד, — מיר זיינען נישט געוואוינט דערצו. קען מען דען מיט פּאַטאָס, וואס גרעניצט מיט דעמאגאָגיע, עמיצן פון אונז איבער־צייגן, ענדערן זיין מיינונג? מען קען אונז אויך נישט אָפּשרעקן דערמיט, וואס מען וועט זאגן, אז ענגלאנד האט אונז «געגעבן שוחד» א.ד.ג. מיר קענען די ענגלענדער, זיי פארשקלאפן. אבער איראק איז פארשקלאפט דורך ענגלאנד, ווי סיריע דורך פראנקרייך. מער נאָך: אָט איז מיט א צייט צוריק געוועזן אַן אויפשטאנד אין סיריע, די רעגירונג האט געהאט צרות, עס זיינען פאָרגעקומען הונגער־דעמאָנסטראציעס א.ג., און זי האט זיך געמוזט ווענדן צו פראנקרייך, זי זאָל איר קומען צוהילף מיט איר מיליטער, מיט אירע קאָמאנדירן. פונדעסטוועגן — אויב איר וועט פרעגן די סיריער אדער די איראקער, צי זיי זיינען גרייט אויסצוטוישן זייער זעלבסטשטענדיקייט אויף א מאנדאט, — וועלן זיי אייך ענטפערן: ניין און ניין!

צי קענען מיר מותר זיין אויף זעלבסטשטענדיקייט?

וויאזוי קען מען עס מותר זיין אויף זעלבסטשטענדיקייט דערפאר ווייל מען האט מורא פאר «פארשקלאפונג» מצד ענגלאנד? מען זאגט: «ענגלאנד האט דערביי אירע אינטערעסן». אוודאי, זי האט אינטערעסן, מיר האבן עס תמיד געוואוסט. מיר האבן אויסגענוצט דידאָזיגע אינטערעסן און מיר וועלן זיי אויסנוצן אויך אין דער צוקונפט. ס׳איז דווקא גוט, וואס ענגלאנד האט אינטערעסן אין ארץ־ישראל, נישט תמיד איז עס אונז צום־שלעכטן.

ח׳ שורער זאָגט, אז מיר האבן זיך דערצויגן נישט אויף דער שטרע־בונג צו א מדינה. איך געהער צו דעמזעלבן «חדר» וואס שורער, מיר

קומען פון איין מקור. אמת, מיר האבן זיך דערצויגן צום קאמף, — אבער נישט געגן א אידישער מדינה, נאָר געגן דער פּראָזעאָלאָגיע פון א אידישער מדינה. מיר האבן געזאגט: קודם כל דארפן זיין מעשים! אזוי האבן מיר זיך באזעצט אין עבר הירדן, ווייל מיר האבן געהאלטן: די ערד וועט געהערן אונז ווען מיר וועלן זיך באזעצן אויף איר. געגן דעם געדאנק פון א אידישער מדינה האבן מיר קיין מאָל נישט געקעמפט.

מען זאָגט, אז מיר וועלן אזויארום פארשארפן די באציאונגען מיט די אראבער וואס וועלן זיך געפינען מחוץ די גרעניצן פון דער אידישער מדינה, און עס וועט אונז זיין שווער זיך צו פארטיידיגן. איז דען איצט, — ביי די איצטיגע באדינגונגען, ביים פעלן פון אן אנערקענטער זעלבסט־פארטיידיגונג, אונטער דער שוץ פון דער אראבישער פּאָליציי, — בעסער?

מען קען נישט ווארטן!

די נײַן־זאָגער טענהן: בעסער ליידן ביז מיר וועלן זיך דערווארטן די פולע רעאליזירונג פונם מאנדאט. איך וואָלט אויך מסכים געווען צו ליידן, ווען איך וואלט געוואוסט אז מיר זיינען די איינציגע באוואוינער פון ארץ־ישראל. איך וואלט דאן אפשר אויך מסכים געווען צו א צייט־ווייליגער אָפּשטעלונג פון דער עליה. איך וואלט געזאגט: לאמיר ליידן און ווארטן ביז עס וועט קומען דער ריכטיגער מאָמענט. אבער וויאזוי קען מען ווארטן בעת אין ארץ־ישראל זיינען שוין פאראן 900.000 אראבער, און זייער נאטירלעכער צוואוקס גיט זיי צו יערלעך נאך 33 טויזנט? וויאזוי קען מען ווארטן בעת זייער יוגנט ווערט סיסטעמאטיש פארגיפטעט און געהעצט, און זייער נאציאָנאלע באוועגונג וואקסט און שטארקט זיך? אויף וואס זאלן מיר ווארטן? אין 15 יאָר ארום וועט אונזער כוח — אלס רעזולטאט פון די נײַע באדינגונגען — גרעסער ווערן?

די וואס גיסן אויס זייער צאָרן אויף דער «אימפעריאליסטישער» ענגלאנד, ווילן זיך האלטן ביים ענגלישן מאנדאט. ווארום פאקטיש איז דער מאנדאט מער ענגליש ווי אינטערנאציאָנאל. מען פארלאָזט זיך אויף די וועלט־מדינות, אז זיי וועלן זיך ארייננמישן לטובת אונז. האט זיך דען די אידן־פרײַנטלעכע אמעריקע ארייגגעמישט מיט עפּעס ממשותדיגס?

אויב דער מאנדאט איז גוט, וועלן מיר זיך באמיען, ער זאָל חל זיין אויף יענע שטחים, וואס וועלן נישט געהערן צו דער אידישער מדינה. איך בין זיכער, אז עס וועט נאָך קומען א צייט, ווען מען וועט ווידער האבן טענות צו דער שיטה פונם מאנדאט, וואס וועט חל זיין אויף דידאָזיגע שטחים, און דאן וועלן מיר זיי אפשר קענען ארייננבאקומען אין אונזער רשות. אזוי קען אויך זיין מיטן נגב.

פון מיין קורצן זיין איצט אין לאָנדאָן האב איך באקומען דעם איינ־דרוק, אז די נײַע אלטערנאטיווע פון לאָרד סעמועל ווערט אין ברייטע ענגלישע קרייזן גענומען זייער ערנסט. און אָט די אלטערנאטיווע איז אפשר די געפערלעכסטע פון אלע. לאָמיר־זשע זיין פאָרזיכטיג און נישט באנוצן זיך בלויז מיט פראזעס.

שטארקערע פעלקער פון אונז פרייען זיך דערמיט, וואס זיי האבן באקומען וועלכע־ניט־איז זעלבסטשטענדיגקייט. אין די ראמען פון זייערע

גרעניצן פארשטארקן זיי זיך און פארפעסטיגן. און מיר האבן איצט נישט קיין אנדערן וועג ווי נאָר זיך צו באמיען מיט אלע מעגלעכע מיטלען צו ענדערן און אויסצובעסרן די באדינגונגען פון דער פראָיעקטירטער אידישער מדינה.

מיר ווילן א פארפולקאָמטן חלוקה־פראָיעקט

א סך פון אונז פארלאָזן זיך אויף דער דעבאטע אין פארלאמענט. זיי זאָגן: «אויך די ענגלענדער זיינען ארויסגעטרעטן געגן דער חלוקה». איך ווייס אבער, אז אונזערע פריינט, וועלכע זיינען אין דער פארלאמענט־דעבאטע ארויסגעטרעטן געגן דער חלוקה, פרעגן אונז איצט: «וואס־זשע ווילט איר ענדלעך?» מיר דארפן ענטפערן: אן אויסגעבעסערטן און פארפולקאָמטן חלוקה־פראָיעקט!

און — נאך א פּאָר ווערטער וועגן עמק הירדן: איך ווער דורכגענומען מיט א מורא צוזעענדיג די איבערטריבענע זיכערקייט, וואס הערשט ביי אונזער פירערשאפט און ביי אלע חברים אין דעם ענין. אפשר שטאמט זי דערפון, וואס קיינער קען זיך נישט פּאָרשטעלן, אז אכט אידישע לאנד־ווירטשאפטלעכע פונקטן און רוטענבערגס עלעקטריציטעט־סטאציע וועלן אין איינעם א טאג אריבערגיין אין רשות פון דער אראבישער מדינה. דידאָזיגע זיכערקייט איז אבער נישט באגרינדעט ווי געהעריג. מען דארף שטענדיג געדענקען די סכנה, וועלכע שטייט פאָר, און טון אלץ כדי זי צו פארמיידן. ס׳איז נישט פאראן קיין שום בייט פאר דעמדאָזיגן געבענטשטן שטח. אמת, עס איז נישט דאס ערשטע מאָל, ווי מיר זיינען געשטעלט געווארן פאר דער סכנה אריבערצוגיין אין אראבישן רשות. און מיר זיינען פון דער סכנה געראטעוועט געווארן. איך גלויב, אז דורך אן ענערגישער טעטיגקייט וועלן מיר אויך דאָסמאָל געראטעוועט ווערן.

א. רייס

איך בין איבערצייגט, אז טראָץ דעם לאנגן וכוח, וועלכע מיר האבן שוין געפירט אין דער גורל־שווערער פראגע, קענען מיר נאך נישט באהויפטן, אז מיר האבן זי באטראכט אַלזייטיג. דאס האט שוין צוליב דעם נישט געקענט זיין, ווייל מיר האבן נאך נישט פאר זיך אלע יענע פרטים, וואס זיינען אומבאדינגט נויטיג, כדי ענדגילטיג צו אורטיילן. איך וואונדער זיך דערפאר, ווי די פראגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן פון די געגנער. זייער פּאָלעמיק האט געהאט די טענדענץ צו באווייזן, אז דאס וואס מ׳שלאָגט אונז פאָר, האט א סך פעלערן. דאס דארף מען נישט באווייזן. מיר האָבן קיינמאל נישט געגלויבט, אז א פּאָרשלאג וואס קומט פון א דריטן צד, ווי א געשענק, וועט זיין גוט פאר אונז. אויב די אידן אין איירָאָפּע האבן אויפגענומען מיט צופרידנקייט די ידיעה וועגן א אידנשטאָט, איז עס אויך דערפאר ווייל זיי האבן דערפילט די באדייטונג פון דעם פּאַקט, אז נאך טויזנטער יאָרן פארפּאָלגונגען, דוקא איצט, אין דער צייט פון היטלער־גיהינום, פארהאנדלט מען ווידער מיט אונז, אלס א פּאַקטאָר אין דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק.

ווען מען זעט אין א ריכטיגן ליכט די לאגע פון די אידן אין פוילן און אין רומעניע, א לאגע וואס גיט אפילו נישט קיין זיכערקייט פון פער־זענלעכן לעבן, דארף מען זיך נישט וואונדערן, ווען זיי פרייען זיך, הערנ־דיג, אז זיי ווערן — א דאנק דער ציוניסטישער טאַט, דעם אויפטו אין א״י — אנערקענט אלס גלייכבארעכטיגטע נאַציע אין דער פעלקער־משפחה.

זאָל מען אבער אויך זען די אנדער זייט פון דער מטבע; די אפי־ציעלע אלטערנאטיווע, זי איז שלעכט. און נאך ערגער קען ווערן די נישט־אפיציעלע, וואס ועט זיך אויסבילדן פאר אונזער ארבעט ביי א שלעכט־געשטימטער אדמיניסטראציע און ביי א ווייטערן קאמף מצד די אראבער.

מעגלעכקייטן פאר א גרויסער עליה

דערווייל שטייען מיר ביי דער אפיציעלער אלטערנאטיווע פאר א קאמף געגן דער אוממעגלעכקייט פון יעדער עליה בכלל, בעת לויט דעם פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע קענען מיר האבן א גרויסע עליה אין א רייע פון יאָרן, בפרט אויב מיר וועלן אויסקעמפן די תיקונים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך. עס בלייבט נאָר די פראגע, וואס עס וועט ווערן נאך א געוויסער צייט. שאָדן אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל קען עס דאך אודאי נישט, אויב מיר וועלן דערווייל האבן אָן עליה. נישט נאָר מיר קעמפן פאר באפרייאונג, אויך די אראבער קעמפן אין זייער זין פאר פרייהייט און מיר זעען ווי זיי פירן דעם קאמף, מיט וועלכער עקשנות און מיט וויפל קרבנות. איך פאר־שטיי, ווען די אוקראינער למשל, האבן אָפּגעווארפן די אזוי גערופענע «אוגאָדע» (ד. ה. די פארשטענדיגונג אויפן יסוד פון זייער אנערקענען דעם פאקט פון פוילנס הערשאפט אינם אוקראינישן מערהייטס־געביט). זיי זיצן אויפן באדן, זיי האבן צייט און קענען ווארטן אויף בעסערע פאָליטישע בא־דינגונגען און זיי קענען זיך דערלויבן אפצווווארפן א צייטווייליגע פארשטענ־דיגונג. אבער מיר זײַנען דאָך נישט אין א״י. און מיר מוזן זיך ארײַנ־באקומען וואס מער אהין, דאס איז אונזער גרעסטע פאָליטישע חכמה.

די אלטערנאטיווע גיט אונז אין דער הינזיכט דאָך נישט מער מעג־לעכקייטן. דערווייל זעט זי נישט פאָראויס קיין גרעסערע מעגלעכקייטן פון עליה; פארקערט, זי באשטימט פון פאראויס די גרעניצן פון עליה, און דוקא זייער ענגע. עליה־מעגלעכקייטן זײַנען פארבונדן נאָר מיט דער טיילונג, ווארום דאן וועלן מיר אליין באשטימען די קאפאציטעט און קענען די עליה רעגולירן, און נאך מער: מיר וועלן קענען די קאַפּאַציטעט אנטוויקלען אין א מאקסימאלער מאָס.

גרעניצן זײַנען נישט הייליג

בלייבט דאס פּראָבלעם פון די גרעניצן, וואס ווערן באשטימט ביי דער טיילונג. גרעניצן זײַנען אבער נישט קיין הייליגקייט. איך האב קיינמאל נישט געהערט צו די, וואס האבן געבויט אונזערע האָפנונגען אויף מיליטע־רישע כוחות און אויך היינט אָריענטיר איך זיך נישט דערויף. אבער איך וויל אויך נישט זיין קיין בלינדער פאציפיסט — שיסט מען אויף מיר, וועל איך נישט זאָגן, אז איך טאָר נישט צוריקשיסן. און געגן די איצטיגע טעראָר־אנגריפן, גלייך ווי שפעטערע זײַנען מיר פארפליכטעט צו ענטפערן אזוי, אז די עקזיסטענץ און לעבן פון די אידישע מאַסן אין א״י זאָלן זיין געזיכערטע.

און אויב מען באשטימט פאר אונז גרעניצן אָן א שום לעבנס־בארעכטיגונג — קענען זיי נישט זיין קיין הייליגע.

אז עס וועט זיין איבערבאפעלקערט דער טייל פון לאנד, וועלכן מען באשטימט פאר אונז הײנט און דער אנדערער וועט ווי אין די אלע טויזנטער יאָרן האָבן פרייע, נישט באפעלקערטע שטחים, דאן מוז עס נישט אזוי בלייבן. אריבערגיין די גרעניצן פון א באפעלקערט לאנד איז א פארברעכן, דאס איז אימפעריאליזם; אבער גרעניצן פון א שכנותדיג פוסטן שטיק ערד, ווען מען וועט זיך שטיקן פאר לופט און ארבעטס־מאַנגל, קענען נישט באטראכט ווערן פאר אייביגע. און אין דעם איצטיגן צושטאנד גייען מיר דען נישט אריבער קיין גרעניץ? האבן אונז די אראבער איינגעלאדן צו קומען אין א״י? זיינען זיי מסכים דערצו? און דאָך גייען מיר, ווייל מיר זיינען מאָראליש פולבארעכטיגט צו דער ארבעט, וועלכע מיר מאכן אין א״י.

די פראגע פון צייט

מיר טאָרן נישט פארגעסן דעם חילוק פון היינטיגן צושטאנד צו יענעם מיט 18 יאָר צוריק. היינט איז אַן אנדערע אראבישע באוועגונג, א נאציא־נאל־באוואוסטזיניגע, אין א שטענדיגן אויפשטייג פונם נאציאנאלן באוואוסט־זיין און אונטערן שטארקן איינפלוס פון נאציאנאליסטיש־פאשיסטישער אגי־טאציע. עס איז איצטער פאר אונז א פראָבלעם פון צייט, מער ווי שטענדיג. די נאציאנאלע אראבישע באוועגונג פארשטארקט זיך. די פראגע איז, וועל־כער רעאלער כוח מיר וועלן זיין אין א״י. דערפון איז ראשית־כל אָפּהענגיג דער רעזולטאט פון אונזער ארבעט און אונזער פּאָליטיק. מיר מוזן אונזער רעאלן כוח אין א״י פארגרעסערן, וואס גיכער און ביי אלע באדינגונגען. דאס איז מעגלעך ביי דעם פּאָרשלאג פון א אידנשטאַט און אויסגעשלאָסן ביי די אלטערנאַטיוו־פּאָרשלאגן.

זייט ווען האבן מיר אנגעהויבן קאָנצענטרירן אונזער קאמף אייינציג און אליין ארום דער פאליטיק ווי עס שלאָגן פאָר די «נייַן»־זאָגער? מיר דארפן דעם פּאָרשלאג אויסבעסערן, און דערגרייכן וואס בעסערע באדינגונ־גען פאר אונז. ארום דעם מוז גיין דער קאמף אינם איצטיגן מאמענט.

מיר דארפן געבן דער פאליטישער אָנפירונג די מעגלעכקייט צו פירן אין דער ריכטונג די ארבעט. דער קאָנגרעס דארף זי באפולמעכטיגן צו פאר־האנדלונגען ארום דעם פּאַראַנענעם פּאָרשלאג.

מ. קאַטיק

איך בין געקומען מיט א מיינונג פון פריער און בין דאָ נישט איבער־ציַיגט געוואָרן אנדערש: איך בין געגן דעם פלאן פון חלוקה.

ווען מען זאגט, אז ס׳איז דאָ אן אויסוואל נאָר צווישן דער חלוקה און דעם צווייטן טייל פון פיל־באריכט וועט קיינער פון אונז ניט וועלן דאס צווייטע. די סיטואציע איז אבער נישט אזוי.

די וואס האבן געשריבן דעם באריכט קען זיין, אז בעת זיי האבן בא־שלאָסן די חלוקה, האבן זיי ספעציעל פּאָרגעשלאָגן דעם צווייטן טייל, די פּאָליאטיוון, כדי אזוי ארום ארויסצווינגען דעם ערשטן טייל, די חלוקה.

דער צווייטער טייל הייסט נישט נאָר פארשמאָלטע עליה א.א.וו., נאָר אויך־דער פרינציפּ פון סטאטוס קוואָ. דאס הייסט דער מאנדאט פון 1922 ביז היינט, מיט אלע דערפאלגן און מיסערפאלגן.

אמת איז, אז אין חוץ לארץ איז דא א שטימונג פאר חלוקה, אבער דאס איז נאך נישט קיין ראיה, אז אזוי איז גוט. נאָכמער, ס׳איז נישט ריכטיג אז דאס פאָלק האט זיך אָנגעכאפּט אין אידנשטאט, אין 1935 וואָלט קיינער פון די יידן נישט געוואָלט אזא יידנשטאט. דער איד וויל עליה, אין דעם פאָרגעלייגטן יידנשטאט מיינט ער עליה און דערפאר איז ער מסכים. מיר זיינען געגן דער חלוקה אויך צוליב דעם וואס מיר האלטן אז מען קען נישט אויסנוצן קיין שאנסן, פאר וועלכע מען איז נישט דערוואקסן, עס איז ביי אונז געווארן א געוויסער פּסיכאָז פארן אידנשטאַט. ערשט ניט לאנג האט בן־גוריון געזאָגט, אז אידישע נאציאנאלע היים איז וויכטיגער און פיל מער ווי אידנשטאַט. היינט זאגט מען אנדערש. ס׳איז אויך א אי־לוזיע אז מיר וועלן מיט דער צייט פארגרעסערן דעם שטח פון יידנשטאט. קיין נסים וועלן נישט זיין. די גרעניצן וועלן מיר נישט קענען אריבערגיין.

איך זאג סטאטוס קוואָ. מען זאגט מיר זיינען געבליבן די איינציגע מיטן מאנדאט. מיר זיינען אבער נישט נאָר אין דעם פאל די איינציגע. מיר זענען א אוניקום אלס פאָלק בכלל. איך זאג נישט „נצח ישראל לא ישקר״, נאָר „צרת ישראל לא תשקר״.

אונטערן דרוק פון די ליידן פון די יידישע מאסן, וועלן מיר איבער־ווינדן אלע שוועריגקייטן און אויך די פון דער פארווירקלעכונג פונם מאנ־דאט. מיר מוזן אבער ניט פארלאָזן דעם מאנדאט איבער גאנץ א״י, אזוי ווי ער איז היינט, צוליב א אילוזיע פון א ליליפּוטן־אידנשטאט. דאס איז דער איינציגער ריכטיגער וועג פאר אונז און דעם וועג מוזן מיר גיין.

צענטע זיצונג

זונטאָג, דעם 1 אויגוסט 1937, אינאָווענט

פארזעצונג פון דער פאָליטישער דעבאטע; אינטערפעלאציע וועגן דער טעטיגקייט פון דער דעלעגאציע פון ועד הלאומי אין גענף.

(רעדעס פון ש. קושניר, י. לויפבאן, יעקב אורי, פ. בן־דורי, א. דאָבקין, א. קאצענעלסאָן, דוד כהן).

ש. קושניר

מיר שטייען פאַר א בלינדער וואנט. זינט דער באלפור־דעקלאראציע זיינען שוין אדורך צוואנציג יאָר פון ציוניסטישער פארווירקלעכונגס־ארבעט. אין דער תקופה, אין וועלכער עס איז געווען מעגלעכקייטן אויסצולייזן גרויסע ערד־שטחים, האבן מיר דערוואָרבן 30.000 דונאם באדן א יאָר, דורכשניטלעך, און מיר האבן קאָלאָניזירט, מיט נאציאנאלן קאפיטאל, 3000 משפחות. און אט זיינען מיר דערגאנגען צו דער איצטיגער קאָמפליצירונג, וואס רייסט איבער אונזער ארבעט. ווער עס ווייסט, וואס עס דערווארט אונז ביים ערד־קויף אין דער איצטיגער לאגע, מוז אנערקענען אז עס איז שוין אדורך די תקופה, אין וועלכער מיר האבן געקענט — ביים עקזיסטירנדן פאליטישן סטאטוס — דורך אונזערע גרויסע אנשטרענגונג ענדערן די ארץ־ישראלדיגע מאַפּע.

דער קאמף געגן אונזער אויפבוי־ווערק ווערט שווערער און שארפער. אין פון אונזער פארבינדעטן איז נישט צו דערווארטן קיין שום הילף. די עליה ווערט דערשטיקט. אונזערע דערגרייכונגען אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער אינדוסטריע געפינען זיך אין דער קלעם. אונזער פראָדוקציע איז שוצלאָז לגבי דעם „דומפינג" פון אויסלענדישער פראָדוקציע. מיר געפינען זיך ווירטשאפטלעך אונטער שווערן קאנקורענץ־דרוק פון פארשידענע לענדער, וואס דער לעבנס־ניוואָ איז אין זיי פארשידן. אָן א גרויסע רעגולירונגס־קראפט און מלוכהשער הילף ביים שיצן און אנטוויקלען אונזער פראָדוקציע, וועלן מיר אין דער פארשטייענדער תקופה נישט קענען פראָגרעסירן.

מיר נויטיגן זיך אין א תקופה אין וועלכער אונזער ארבעט און די פאָרזעצונג פון אונזער אויפבוי־ווערק זאל קענען געפירט ווערן אין אנדערע מאסשטאבן, וואס זאלן אנטשפרעכן די באדערפנישן פון דער צייט. נאָר אזוי וועלן מיר קענען גובר זיין די שטעלונגען. מיר זיינען נישט מוותר אויף ארץ־ישראל. און מיר זיינען נישט מוותר אויף אן ארבעט, אויב זי איז אפילו מעגלעך נאר אין א טייל פון לאנד. מיר דארפן אונטערזוכן און אויסגע־פינען: וואו איז פארגליוערונג און אָפּשטעלונג, און וואו איז אנטוויקלונג

און פראָגרעסירונג. מיר האבן תמיד חשוב געהאלטן די טאט, יעדן דער־וואָרבענעם דונאם, יעדן טריט וואס האט אונז ווייטערגעפירט. פון דעם־דאָזיגן ציוניסטישן שטאנדפונקט מוזן מיר פון די צוויי ברירות, וואס מיר האבן איצט, אויסווייילן יענע וואס פירט אונז ארויס פון דער קלעם, — פונם איבערייס פון אונזער וואוקס און אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל.

אונז שטייט פאָר א תקופה פון א גרויסער עליה, פון באדן־קויפן און קאָלאָניזיר־מעגלעכקייטן פאר צענדליגער טויזנטער משפחות — אויב דער גורל וועט טאקע איבערגעבן אונז זעלבסט אויפצובויען אונזער זעלבסטשטענדיג־קייט, צו שיצען דאס לאנד און אפהיטן די זיכערהייט, צו שיצן אונזער לאנדווירטשאפטלעכע און אינדוסטריעלע פראָדוקציע, — צו שאפן אונזער נאציאָנאל לעבן אין ארץ־ישראל.

אין אָט דער נייער ווענדונג זע איך איין אויך א טירל פון האָפנונג צו רעגולירן די באציאונגען מיט אונזערע שכנים. ווער עס קען די אראבער וועלט, אז זיי שאצן־הויך כוח. און פארמאָגנדיג כוח וועלן מיר שטרעבן צו געגנזייטיגער פארשטענדניש און געמיינזאמער ארבעט.

י. לויפבאַן

די פאָזיציע פון די ניין־זאָגער אין דער פראגע איז זייער שטארק אין רעטאָרישער הינזיכט. זיי זיינען בכוח שארף צו קריטיקירן יעדע הסכמה אויף דער גרינדונג פון א אידישער מדינה אין א טייל פון ארץ־ישראל, צו געפינען אין איר א מאסע שוואכע פונקטן און דורכריסן, און פונאנדערצוויקלען פאר אונז א בילד, — ווי מיר וואָלטן פארלאָזט א פרישן־לעבעדיגן קוואל און גייען זוכן צווייפלהאפטע ברונימער. דער פרישער־לעבעדיגער קוואל איז איצט — דער מאנדאט. אָבער בעת מיר ווילן זיך דערמאנען וואס מיר האבן געטראכט און וואס מיר האבן געזאגט וועגן דעם דעם מאנדאט במשך די פופצן יאר פון זיין קיום, — מוזן מיר זיך וואונדערן אויף דעם משונהדיגן אומבייט, וועלכער איז פלוצלינג פאָרגעקומען ביי א סך פון אונזערע חברים, און זיי האבן אָנגעהויבן באטראכטן אלס אידעאל דיזעלבע זאך, וועלכע מיר האבן גאָר נישט לאנג צוריק, אָפן און פארבאָרגן, געשאָלטן און באטראכט אלס דעם מקור פון אלע שטערונגען אויפן וועג פון אונזער ארבעט. איך זעלבסט, וואס איך גלויב אין א אידישער מדינה אפילו ווען נאָר אין א טייל פון ארץ־ישראל, האב זיך קיין מאל נישט באצויגן מיט גרינגשעצונג צום מאנדאט, טראָך די שוועריגקייטן, וואס זיינען מיט אים פארבונדן. פיל פון דעם וואס מיר האבן דערגרייכט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון מאנדאט, האבן מיר אים צו פארדאנקען, — אבער מיר טאָרן אויך נישט פארגעסן די שטערונגען פאר אונז, וועלכע ער האט אנט־האלטן אין דער פארגאנגענהייט און וועלכע וועלן נאָך זיכער וואקסן אין דער צוקונפט. במשך דערדאָזיגער תקופה האבן מיר זיך איבערצייגט, אז די אויסטייטשונג, וואס מיר גיבן דעם מאנדאט שטעלט מיט זיך נאָך נישט פאָר קיין פאָליטישן פאקט, ווארום עס זיינען פאראן נאָך אנדערע אויסטייטשערס, וועלכע טוען אלץ וואס ס'איז זיי מעגלעך כדי אָפצופרעגן אונזער אויס־

טייטשונג און פּאַקטיש צונישט־מאַכן דעם אינהאַלט פון דעמדאָזיגן דאָקו־מענט. כל זמן די אויספירונג פונם מאַנדאַט וועט ליגן אין די הענט פון דער בריטישער און אַראַבישער באַאַמטנשאַפט וועט אונז אונזער שווערער פּאָליטישער געראַנגל געוויס העלפן אָפּצושרייען אַ מאָל עפּעס אַ גזרה אָדער אויפצורייסן עפּעס אַ שפּאַלט און דער מויער פון באַגרעניצונגען, מיט וועלכע די דאָזיגע באַאַמטנשאַפט רינגלט אַרום און באַמיט זיך אַרומצורינגלען אונזער אַרבעט, אָבער איך צווייפל צי עס וועט אונז געלינגען דורכצוברעכן אַ וועג צו דער פרײַ, צו דער מעגלעכקייט פון אַ פרײַער עליה און אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל.

אַ היסטאָרישער שאַנס

און פונדעסטוועגן — ווען פאַר אונז וואָלט הײַנט געשטאַנען אויסצו־ווײַלן צווישן דעם ווײַטערדיגן קיום פון מאַנדאַט, ווײַניגסטנס לויטן סטאַטוס־קוואָ פון 1935, און צווישן אַ אידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל, וואָלטן מיר בעסער געוואָלט דעם מאַנדאַט. אָבער די פראַגע שטייט פאַר אונז הײַנט נישט אין דער פאָרם, און נישט וועגן דעם דאַרפן מיר איצט אַנטשיידן. די ברירה, וועלכע מיר האָבן יעצט פאַר זיך, איז: אָדער מאַנדאַט מיט אַ צוגאָב פון באַגרעניצונגען, מיט אַ נײַעם געראַנגל אַרום זײַנע אויס־טײַטשונגען, מיט „פּאַליאַטיוון”, מיט אַ כסדר־וואַקסנדיגן דרוק מצד דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, מיט אַן אומאויפהערליכע וואַקלעניש אינם צוטרוי פון אידישן פאָלק צום ציוניסטישן אויפבוי־ווערק, אָדער — אַ היסטאָ־רישער שאַנס צו שאַפן אַ אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, וועלכע איז טאַקע באַגרעניצט אין שטח אָבער זי אַנטהאַלט אין זיך אַ מעכטיגע פּאַטענץ פאַר עליה, פאַר קאָלאָניזאַציע און פאַר דער באַשאַפונג פון אַ ממשותדיגן אידישן קראַפט־פּאַקטאָר אויף דער ארץ־ישראלדיגער ערד.

דידאָזיגע פראַגע קען מען נישט באַהאַנדלען בלויז מיט לאָגיק און חשבון. אפילו מען זאָל אונז נישט דערווײַזן, ווײַסן מיר זעלבסט אַז דער פאָרגעשלאָגענער שטח איז קליין, און אויב עס זאָל אונז אויך געלינגען אַרויצובאַקומען אַן אויסגעבעסערטן פּלאַן וועט ער נאָך אַלץ נישט קענען באַ־פרידיגן אונזערע באַדערפענישן. אָבער ווען מיר וואָלטן, אַמאָל, צוגעגאַנגען צום גאַנצן ענין ציוניזם בלויז מיט אַזאַ טרוקענעם חשבון, — וואָלטן מיר קיין כוח נישט געהאַט בײַצושטיין אונזערע אינערלעך־אידישע געגנער. די געגנער פון ציוניזם, — סײַ פון «בונד» און סײַ פון דער בורזשואַזער אַסי־מילאַציע, — זײַנען תמיד געווען שטאַרקער פון אונז אין היגזיכט פון לאָגישן חשבון. זיי האָבן געקענט דערווײַזן, אַז ארץ־ישראל בכלל, אויך אין אירע היסטאָרישע גרעניצן, איז קליין און פּוסט און וויסט און איז אַ «געפּגרט לאַנד» פול מיט קדחת און אַנדערע שלעק און פורעניותן. און דאָס איז דאָך נישט געווען סתם אַ בלבול, — עס איז געווען ווירקליכקייט. און פונדעסט־וועגן האָט אונזער היסטאָרישע אידעע גובר געווען דעם טרוקענעם ראַציאָ־נאַליזם און אים מנצח געווען. אָט מיט דער היסטאָרישער אידעע דאַרפן מיר צוגײן באַטראַכטן אויך דעם נײַעם פאָרשלאַג. אוודאי וואָלט געווען פאַר אונז אַ סך בעסער און לײַכטער, ווען מיר וואָלטן איצט אין ארץ־ישראל געווען אַ מיליאָן אידן אַנשטאָט די פאַראַנענע פיר הונדערט טויזנט, און ווען מיר

וואָלטן איצט געהאַט אין אונזערע הענט דריי אדער פיר מאָל אזויפיל באָדן וויפיל מיר האבן היינט. און ווען דער דורך־אונז־קאָלניזירטער שטח וואלט אויך געווען דריי צי פיר מאָל אזוי גרויס ווי ער איז. דאן וואָלט אויך דער חלוקה־פלאַן, וועלכן מען וואָלט אונז היינט פאָרגעלייגט, זיכער געווען א סך א בעסערער. אבער וואס קען מען העלפן – מיר האבן דורכגעלאזט א סך גינסטיגע געלעגנהייטן און מיר האָבן נישט באוויזן צו שאפן גרעסערע פּאָליטישע פאקטן ווי די וואס מיר האבן געשאפן.

א פעסטער און זעלבסטשטענדיגער אידישער כוח

אָבער נישט בלויז דער מוז פון צייט און אומשטאנדן צווינגט אונז זיך צו באציען פּאָזיטיוו צו אזא פלאן (פארשטייט זיך, אויב ער וועט אויסגע־בעסערט ווערן און ער וועט דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון א גרויסן אידישן ישוב), – נאר א סך פון אונז האבן די איבערצייגונג אז עפּעס גרויסעס איז געשען אין אידישן לעבן, און עס איז אויך פאראן א טיפע אינערלעכע פרייד דערפון, וואס מיר האבן א סך שנעלער דערגרייכט דאס, וואס מיר האבן תמיד געהאלטן אלס א מין «אחרית הימים»: דעם פאקט פון שאפן א זעלבסטשטענדיגן, קאָנצענטרירטן אידישן כוח אויף א טעריטאָריאלן שטח אין ארץ־ישראל. איך האָב די פולע איבערצייגונג, אז מיט אונזער קראפט און ווילן און מיט אונזער מוז וועלן מיר קענען אויסברייטערן דעם איינגע־שרענקטן שטח פון דער דאזיגער אידישער מדינה. די עצם־עקזיסטענץ פון א מדינה האט אין זיך גופא א געוויסן עקוויוואלענט פון שטח. אין א קליינער אבער זעלבסטשטענדיגער אידישער מדינה, וואס געפינט זיך אין דורכאויס אידישער מאכט, קען מען א סך מער אויפטון און שאפן אויפנעם־מעגלעכקייטן פאר א סך א גרעסערער צאָל אידן, ווי מען קען עס מאכן אויף א ברייטן מאנדאט־שטח אונטער דער הערשאפט פון א בריטיש־אראבישער אדמיניסטראציע.

א סך חברים האבן אויף אונז דא געפרווט ארויפוואַרפן א מיסטישע «גרעניצן»־שרעק. פּאָליטישע לאגעס – זאגן זיי – קען מען ענדערן, אבער גרעניצן בלייבן אזוי ווי זיי זיינען לעולם ועד. פונוואנען האבן זיי גענומען דידאָזיגע תורה? לערנט דאס דען די פּאָליטישע געשיכטע פון דער וועלט? אדער די געשיכטע פון אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל באווייזט עס? דוכט זיך, אז סיי די סיי די אנדערע באווייזן דעם היפוך דערפון. מיר האבן צע־שטערט גרעניצן אין ארץ־ישראל אויך אָן א מדינהשן כוח. מיר האבן צע־שטערט די טערקישע ארץ־ישראל־גרעניצן מיר האבן אויך אין דער מאנדאט־תקופה צעשטערט גרעניצן. און ווען מיר וועלן האבן א מדינה וועלן מיר עס טון לייכטער, נישט מיט פיזישער קראפט, נאָר דורך א קאָנסטרוקטיוון אָפּמאך מיט דער שכנותדיגער אראבישער מדינה. דאס וועט געשען אונטערן דרוק פון פארשידענע היסטאָרישע אומשטאנדן, וועלכע מיר קענען נישט פאראויסזען.

וואס איז די מורא?

און פאראן ווידער חברים וואס שרעקן אונז מיט א סאַבאָטאַזש פון דער אראבישער מינדערהייט אין דער אידישער מדינה. מאָדנע: פאראן סאַ־באָטאזש פון דער אראבישער מערהייט אונטער דער מאנדאט־הערשאפט האבן זיי קיין מורא נישט, און פאר א סאבאָטאזש פון א מינדערהייט אונטער

אידישער הערשאפט שרעקן זיי זיך יאָ! א סך ארגומענטן, וואס זיינען דא געהערט געווארן געגן א אידישער מדינה אין א טייל ארץ־ישראל זיינען אין אל־געמיין נאָך שווערערע ארגומענטן געגן א אידישער מדינה אין גאנץ ארץ־ישראל.

ס׳איז קיין ספק נישט, אז מיר זיינען בכוח מבטל צו זיין דעם פאָר־געלייגטן פלאן. די ציוניסטישע ניין־זאָגער צוזאמען מיט די אראבישע ניין־זאגער און מיט די אידיש־אסימילאטאָרישע ניין־זאָגער און מיט די ענגלישע ניין־זאגער, — אָט די אלע קענען מיט געמיינזאמע כוחות דורכוואַרפן דעם פראָיעקטירטן פלאן. אבער מען מוז זיין פולשטענדיג איבערצייגט, אז דער טאג ווען דער פארשלאג וועט דורכפאלן, וועט זיין א נייער «תשעה באב» ביי אירן, וואס מיר זעלבסט וועלן אים באוויינען און די קומענדיגע דורות וועלן מחבר זיין קינות אויף אים.

י. אורי

איך האָב מורא געהאט, אז צווישן די ארגומענטן פאר און געגן דער שאפונג פון א אידישער מדינה אין א טייל ארץ־ישראל וועט זיך לאזן הערן נאך איין ארגומענט: דאס אידישע פאלק איז נישט מסוגל צו פירן א זעלבסט־שטענדיגע מדינה. די ניין־זאגער וואלטן דערפון ארויסגעדרונגען, אז מיר טארן נישט שאפן קיין זעלבסטשטענדיגע מדינה און מיר דארפן א געוויסע צייט נאך זיך געפינען אונטער דער הערשאפט פון א פרעמדער מאנדאטארן־מאכט. און די יא־זאגער וואלטן געמאכט דעם אויספיר, אז ס׳איז גראָד גוט אנצוהויבן די זעלבסטשטענדיגקייט אין א קליינער מדינה ביז מיר וועלן זיך פראקטיש אויסלערנען ווי צו פירן א מלוכהשע טעטיגקייט. דערדאזיגער ארגומענט, ווי א סך ארגומענטן וואס זיינען דא ארויסגעזאגט געווארן, קען אויסגעטייטשט ווערן «איפכא מסתברא»דיג סיי פאר די יאָ־זאגער און סיי פאר די ניין־זאגער. אינדעראמתן אבער איז דער עיקר — נישט מגזם צו זיין און נישט איבערטרייבן. פון די ארגומענטן, וועלכע זיינען דאָ געהערט געווארן פאר און געגן, וואלט יעדער שונא־ציון געקענט צונויפקלייבן א סך מאטע־ריאל צו באגרינדן זיינע מיינונגען. פון איין זייט דערקלערט מען, אז אָן די הרי יהודה, אָן ירושלים און מודיעין, אָן די חברונער בערג און די דארטיגע הייליגע קברים קען בשום אופן נישט געשאפן ווערן קיין אידישע מדינה; און פון דער אנדערער זייט מעלדעט מען, אז מיר האבן ביז איצט גארנישט געטון אין די אלע ערטער און עס זיינען אויך נישטא קיין האפנונגען אויף ווייטער דארט עפעס אויפצוטון, וואס זאל האבן א קאָלאניזאטאָרישן ווערט. די גיבן צו א גרויסע און אנטשיידנדע באדייטונג דעם נגב און האפן דורכ־צופירן דארט אין דער צוקונפט גרויסע ארבעטן, און די אנדערס זיינען כמעט איינגאנצן מבטל זיין באדייטונג פאר אונזער קאלאניזאציע. — די זאגן, אז דער שטח, וועלכן מיר פארמאָגן היינט איז כמעט נול און האט נישט קיין מעג־ליכקייט אויפצונעמען א גרויסע עליה, און די אנדערע טענהן, אז גראָד דער שטח איז דער וויכטיגסטער און באדייטנדסטער פון אלע שטחים אין ארץ־ישראל. איין צד האלט דאס אננעמען דעם חלוקה־פלאן אלס צעשטערונג פון אונזערע האָפנונגען און חורבן פון ציוניזם, און דער אנדערער צד גע־פינט, אז דאס וועט זיין דער גרעסטער טאָג פארן פאָלק און פארן ציוניזם.

אונזערע באַמיאונגען באַשטימען דעם אינהאַלט

מיר — די מענטשן פון דער ארבעטס־ און פארווירקלעכונגס באוועגונג אין ציוניזם — דארפן זיך, און דער גאנצער ציוניסטישער באוועגונג, איינחזרן אפשר צום טויזנטסטן מאָל: ס'איז נישטאָ קיין גרויסער טאָג אין ציוניזם. עס זיינען פאראן א סך טעג, לאנגדויערענדע תקופות פון אומאויפהערלעכע אנשטרענגונגען אריינצודרינגען אין יעדן ווינקל פון ארץ־ישראל און עס אויפלעבן און פרוכטבאר מאכן, און אויך אויפוועקן און אויפלעבן אלץ וואס לאָזט זיך אין אלע שיכטן פון אידשן פאלק. עס איז נויטיג חלוציזם, גרויסער, טיפער און כסדרדיגער, אָנגרעניצדיגער חלוציזם, כדי אויפצולעבן דאס פאלק און עס צו פארוואָרצלען אין די וויסטענישן פון ארץ־ישראל. אויך די פראָיעקטירטע אידישע מדינה וועט נישט אנשטיין בלויז דורך א הסכמה פון אויבן, נאר דורכדעם וואס מיר וועלן מיט אונזערע אייגענע הענט זי אָנפילן מיט אינהאלט און מיט לעבן. גרעניצן, וואס ווערן אָנגעצייכנט אויפן פאפיר האבן נישט קיין אייביגן ווערט. דער צוזאמענהאנג־געזעץ וועט אויך דאָ זיין גילטיג. וויבאלד איין שטח פון אונזער לאנד וועט זיין באפעלקערט ביזן מאקסימום און אויסגענוצט ביז דער לעצטער מעגלעכקייט, איז אוממעגליך אז אן אנדער שטח פון אונזער לאנד זאל פארבלייבן כמעט פוסט און וויסט. אפילו די געפאלענע מענטשהייט פון אונזער צייט וועט נישט קענען פארזען און פארשווייגן אזא פאקט. און מיר האבן דערוויייל נאך א סך אויפצוטון אינעם שטח, וואס איז אונז אָנגעצייכנט געווארן. דאס פאלק אין גלות שרייט נאך הילף, עס נויטיגט זיך אין א פרייען שטח, וואס זאל אויפנעמען זיינע קינדער, וועלכע קענען שוין מער נישט אויסהאלטן דעם דרוק פון דער אידן־פיינטשאפט דארט. דאס פאלק אין חוץ־לארץ מוז — אדער אומקומען דארט דורך א פאמעלעכדיגער פיזישער און גייסטיגער דעגענערירונג, אדער עמיגרירן פון דארט און ווידער אויפלעבן. די פראָיעקטירטע אידישע מדינה וועט לעת־עתה אויפנעמען דעם בעסערן, חלוצישן טייל פון פאלק. דא וועט געשאפן ווערן א מין גייסטיגער צענטער, וואס וועט משפיע זיין אויפן גרויסן פאלק אין די גלות־לענדער. מיר האבן דאך תמיד הויך געשעצט די באדייטונג פון א גייסטיגן צענטער פאר אונזער צעפשרייט פאלק, בעת דערדאזיגער צענטער באזירט אויף אייגענער ארבעט און שאפונג און אויף א זעלבשטענדיגער עקאנאמיק.

לויט מיר איז די פראגע נישט וועגן מותר זיין אויף וועלכן־נישט־איז טייל פון ארץ־ ישראל. די גרעניצן פון לאנד זיינען אנגעצייכנט אין א סך פארשידענע דאָקומענטן, אָנהויבנדיג פון הנ"ך ביז די לעצטע ספרים, וואס זיינען דערשינען בשעתן חורבן בית שני׳ יעדע תקופה האט געהאט אירע גרעניצן; מיר זיינען נישט באפולמעכטיגט דורך דער געשיכטע מותר צו זיין אויף וועלכע־נישט־איז שטחים, און באזונדערס אויף שטחים וואס שטייען אינגאנצען וויסט אדער זיינען נישט גענוגנד קאָלאָניזירט. אין א שטח, וואס איז פארנומען ביזן מאקסימום, וועלן מיר טראָגן אונזער שטארקסטן ווילן נישט קענען אריינדרינגען. אריבערפירן מענטשן איבער די גרעניצן פון דער פראָיעקטירטער מאפע — אין די ראמען פון ארץ־ישראל — נוצט אונז נישט און ס'איז אויך נישט מאָראליש. מיר דארפן אויפלעבן די וויסטע און נישט־

געניגנד־באזעצטע באדנס אין די גרעניצן פון דעם גאנצן שטח, וואס האט אמאָל געהייסן ארץ־ישראל. מיר דארפן לעבן אין גוטע שכנות מיט דעם אנדערן פאלק, וואס געפינט זיך איצט אין לאנד, און דערמעגלעכן אים און אונז א פול און פריי נאציאָנאל לעבן.

די פראגע איז, — וויאזוי איז גרינגער צו דערגרייכן אונזער ציל. איך האלט מיט די וואס מיינען אז צומגרינגסטן און צומגיכסטן דערנענטערן זיך צו אונזער ציל וועלן מיר קענען דורכן באקומען באזונדערע רעכט אויף א געוויסן שטח פון ארץ־ישראל, וואס די אימיגראציע אין אים וועט זיין אָפהענגיג נאָר פון אונז און פון אונזער מעגלעכקייט אים צו אנטוויקלען, פארגרעסערן און פארמערן זיין אויפנעם־פעאיגקייט. אין די ראמען פון דעמדאָזיגן שטח וועט אונזער נאציאָנאלע באשטימונג, דער אויסדרוק פון אונזער נאציאָנאל לעבן, זיין אָפהענגיג נאר פון אונז. אמת, דערצו זיינען נויטיג גרויסע אָנשטרענגונגען. מען דארף דעם אָנגעצייכנטן שטח אָנפילן מיט אידישן אינהאלט און מיט אידישערווירקלעכקייט. אבער אויך דאס וועט דאך זיין אָפהענגיג פון אונז זעלבסט, פון אונזער ארבעט.

נישטאָ קיין יסוד פאַר יאוש

מיר וועלן זיך אויך נישט מייאש זיין, טאָמער, חלילה, וועט דער פראָיעקט נישט רעאליזירט ווערן. מיר זיינען דאָך נישט ארייגעפאלן אין יאוש אויך דאן, ווען טערקיי האט איינגעשרענקט פאר אונז די ארץ־ישראל־גרעניצן ביז נול, — ווען זי האט אונז לגמרי נישט ארייגעלאָזט אין לאנד אריין. מיט דעם טערקישן רויטן צעטל, לויט וועלכן ס'איז דערלויבט געווען צו בלייבן אין לאנד נאָר דריי חדשים, זיינען אריין קיין ארץ־ישראל די מערסטע פון דער צווייטער עליה און זיינען פארבליבן ביז איצט. און מיר האבן דאָך אויך צו פארצייכענען דערגרייכונגען. די «הבלגה», — די אינערלעכע גבורה אין לעצטן יאָר פון די אומרוען, און דער געוואגטער אויפמארש — כמעט אין די סאמע אומרוען — צו קאָלאָניזירן די בית־שאנער באָדנס און אנדערע ערטער אין לאנד ביז דער לעצטער ידיעה, וואס מיר האבן באקומען שוין זייענדיג אין ציריך — און וועלכע מיר באגריסן פונדאנען — וועגן ארויפגיין פון «ארגון מנחם» אויף זיין באדן אויף דער אידנאבא־ערד, וועלכע איז דערוואָרבן געווארן ביי מענטשן פון די חוסיינער, — דאס אלץ זאָגט עדות וועגן אונזער ארבעטס־ און אויפטו־מעגלעכקייט, בעת ס'זיינען נאָר פאראן דערצו ווילן און מוט. מיר האבן זיך נישט מייאש געווען און וועלן זיך נישט מייאש זיין כל זמן עס לעבט דאס פאלק און זיין לעבנס־ווילן טרייבט אים ווייטער צו לעבן און זיך צו ראנגלען מיט זיין ביטערן גורל. אָבער דער אָנגעוויזענער וועג זעט מיר אויס צו זיין א גרינגערער און באקוועמערער. דאס איז אַן עטאַפּ וואס דערנענטערט אונז צו אונזער שליחות אין ארץ־ישראל.

אַ «שפּרונג־ברעט» פאַר אונזער שליחות

פון דידאָזיגע הנחות שטאמט אויך מיין איבערצייגונג, אז ס'איז נישט אזוי ריכטיג זיך צו באמיען, אז עס זאָלן נישט פארבלייבן קיין אידישע ישובים מחוץ פון די אָנגעצייכנטע גרעניצן. ערשטנס דערפאר ווייל אויף

אונזער זייט פון די גרעניצן וועלן דאָך פאַרבלייבן א סך אַראַבישע ישובים, און אונזער פּאָדערונג וועט דערוועקן פאָדערונגען אויך מצד זיי. און צוויי־טנס מיר דאַרפן האָפן — און אַרבעטן אין דער ריכטונג פון פאַרווירקלעכן די האָפנונגען — אַז אונזער ישוב וועט וואַקסן אויך אין עבר הירדן, — טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר איבערייסן דעם אנהויב דערפון? עס איז שווער, פאַר־שטייט זיך, אַרויפצולייגן דידאַזיגע אויפגאַבע אויף די חברים, וואָס געפינען זיך אין יענע געגנטן, אַלס אויף פּרטים, אָבער דאָס איז אַ גרויסע און וויכ־טיגע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. עס האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג צו זיין די ערשטע, וואָס באַזעצן זיך און הויבן אָן דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק אין געביטן, וועלכע וועלן אָן ספק דינען מיט דער צייט אַלס אויפנעם־ערטער פאַר מאַסן פון אונזער פאָלק.

איך באַטראַכט דאָס אָננעמען דעם פאָרגעשלאָגענעם פּלאַן, מיט גע־וויסע אויסבעסערונגען, אַלס אַ שפּרונג־ברעט צו אונזער גרויסער שליחות. איך זע איין אינם פּלאַן: א) אַן אויפנעם אָרט — און ממילא אַ באַלדיגע הילף — פאַר אַ טייל פון די ליידנדע פאָלקס־מאַסן אין חוץ־לאָרץ. ב) אַ שאַ־פונגס־צענטער פאַר אונזער גייסטיג־נאַציאָנאַלן אויסדרוק, — אַ גייסטיגן צענטער פאַר אַלע קיבוצים אין די גלות לענדער. ג) אַ באַזע און אַ מוסטער פאַר דער גרויסער שליחות פון די איצט־ נאָכקומענדע דורות — פאַר דער ווידער־אויפלעבונג פון גאַנצן אידישן פאָלק און פאַר זיין באַזעצונג אין די גרעניצן פון אונזער היסטאָרישן לאַנד; און דערמיט וועט אויך אויסגעווירקט ווערן אַ גרויסע השפּעה אויף דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון די אַראַבישע פעלקער און פון גאַנצן מזרח.

פּ. בן־דורי

אין פאַרלויף פון ויכוח האָט מען אונז געפרעגט: פאַרוואָס זייגען מיר אַזוי לייכט מוותר אויפן יסוד פון זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס עס ברענגט מיט זיך די אידישע מדינה; פאַרוואָס בלייבן מיר אַזוי קאַלט און גלייכ־גילטיג צו דער זעלבסטשטענדיגקייטס־אידעע, וואָס יעדעס פאָלק גיט זיך איר אָפּ מיט לייב און לעבן צו זי צו דערגרייכן? ניין, מיין האַרץ איז גאָר נישט קאַלט צו דערדאַזיגער אידעע. איך בין פול התלהבות פאַר דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה. מיין התלהבות איז נישט קיין קלענערע ווי ביי די עקסטרעמסטע יאָ־זאָגער. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט צו יענע, וואָס זוכן אַ לעזונג פאַר דעם פּאָליטישן פּלאָנטער אין ארץ־ישראל אין פאַרשידענע פּאָליטישע פאָרמולעס, וועלכע אַנטהאַלטן נישט קיין קלאָרע אָנערקענונג פון דער אידעע פון אַ אידישער מדינה אין ארץ־ישראל. און אויך אין יענעם מאָמענט, בעת אונזער באַוועגונג האָט, צוליב טאַקטישע טעמים, געזוכט אַ פאָרמולע, אין וועלכער עס האָט געפעלט דאָס וואָרט «מדינה», — האָב איך געהאַלטן אַז יעדער אַנדערער באַגריף, נישט אידישע מדינה, דערהויבט נישט אונזער גרונט־שטרעבונג נאָר ער פאַרטונקלט זי בלויז.

נישט מוותר זיין אויף קיין איין שפּאַן באָדן

נישט דאָס מוותר זיין אויף זעלבסטשטענדיגקייט איז דער קוואַל פאַר

דער דרייסטער שטעלונג פון די ניין־זאגער אין אונזער באוועגונג און אין אונזער יוגנט, — נאר דאס מותר זיין אויף א טייל ארץ־ישראל אין די ראמען פון דערדאזיגער זעלבסטשטענדיגקייט. איך וויל פרעגן בארא צן, — וועלכער האט זיך געקלאָגט אויף אונזער קאלטקייט לגבי די באגריפן מדינה און זעלבסטשטענדיגקייט, — איך וויל אים פרעגן מיט זיין נוסח: וואו איז פאראן אזא פאלק, וואס זאל באלד, אין דער ערשטער מינוט פון זיין ערנסטן געראנגל, מוותר זיין אויף איין שפאן באָדן, אויף איין דונאם ערד פון זיין היימלאנד? אין די געציילטע יארן פון אונזער פויערן־זיין האבן מיר זיך אויסגעלערנט צוצובינדן זיך צו יעדן שפאן פון אונזער ערד. עס זיינען ביי אונז פאָרגעקומען באָדן־סכסוכים צוליב א קליין שטיקל ערד, וואס גרעניצט מיט א צווייטער ווירטשאפט. וועלכע איז אויך א אידישע און אן ארבעטערישע. וויאזוי־זשע איז עס געשען, אז טיילן פון אונז ווערן מיטגעריסן פון א פלאן. וועלכער גזלט ביי אונז צו אכציג פראָ־צענט פון דער ארץ־ישראלדיגער ערד און לאזט אונז איבער א שמאָלן פאס לאנד, וואס וועט אויף א האָר נישט קענען לינדערן די נויט פון אונזער פאלק און זיין דורשט צו קאָלאָניזאציע?

אנדערע לאכן ביי די ווערטער «מען גזלט ביי אונז צו ארץ־ישראלדיגע ערד», — אזוי ווי זי וואלט, הייסט עס, געווען אונזערס און מען נעמט זי צו ביי אונז. עס איז אמת, אז מיט אונזערע אייגענע אָנשטרענגונגען האבן מיר אויסגעלייזט ווייניג ערד, און אָט די שטחים ווערן ביי אונז נישט צו־גענומען דורכן פיל־פלאן. אבער מיר האבן דאָך באטראכט גאנץ ארץ־ישראל אלס אידישע ערד אין פּאָטענץ. מיר האבן געגלויבט, אז די גאנצע ארץ־ישראלדיגע ערד וועט — מיטן כוח פון ציוניסטישן אויפבוי־ווערק — געהערן דעם אידישן פאלק. מיר האבן זיך דערצויגן און מיר האבן דערצויגן אונ־זערע קינדער אינם גלויבן, אז מיר וועלן באפלאנצן יעדן וויסטן בארג און מיר וועלן פאראקערן און אויפלעבן יעדן פארלאזטן טאָל. דעריבער מיינען מיר איצט, אז יעדער פון־אונז־אָפּגעשניטענער דונאם ערד פארלירט די פּאָ־טענציעלע מעגלעכקייט אומצוקערן זיך. אין דער נאענטער היסטארישער תקופה, אין אידישע הענט. דער גאנצער אפגעטיילטער באָדן, וואס מיר וועלן אים נישט קענען באארבעטן און פארוואנדלען אין א לעבנס־קוועלע פארן פאלק, איז גלייך ווי מען וואלט אים ארויסגעריסן פון אונזערע הענט, אפשר — אויף אייביג.

עס איז אן אילוזיע צו מיינען, אז אין דער געשאפענער אידישער מדינה וועלן מיר במשך א קורצע צייט קענען באקומען פאר אונז דעם אראבישן באָדן. יאָרן און דורות האבן שטארקע פעלקער זיך געמיט און באשעפטיגט מיטן אריבערפירן ערד־שטחים, אין די גרעניץ־געביטן, פון רשות צו רשות. און ביי אונז וועט דאך דער פּאָרבאדינג פאר דער שאפונג פון דער אידישער מדינה זיין שטרענג אָפּהיטן די רעכט פון דער אראבישער מינדערהייט. וועלכע וועט איינדעראמתן גאָרנישט זיין אזוי קליין. דאס וועט אפשר זיין דער איינציגער מינדערהייטן־אָפּמאך, וועלכער וועט רעאליזירט ווערן אן, אויף וועלכן מען וועט אכטונג געבן שטרענג און שאַרף.

דאס מוותר זיין אויף א טייל ארץ־ישראל קוועטשט אריין אונזער אויפבוי־ווערק אין א סדום־בעטל. די גרעניצן פון דער מדינה וועלן נישט

אזוי גיך אויסגעברייטערט ווערן, און ווער ווייסט צי מיר ווועלן עס בכלל קענען ווען־עס־איז מאכן. גרעניץ־צייכנס ווערן נישט געענדערט אויף פריד־לעכע וועגן. שטרעבן מיר דען צו מלחמה? און — צו דראָט דען אונז נישט קיין פאַרכאַפּונגס־סכנה, אויך אויף אונזער קליין לאַנד מיט די ענגע גרע־ניצן, אין פאַל פון א לאָקאַלן אדער אַלוועלטלעכן בלוט־אויסברוך?

דאָס בלענדנדע ליכט.

דער צוציענדער עלעמענט אינם פּיל־פּראָיעקט, דאָס בלענדנדע ליכט, וואס לאָקט דעם אייביגן וואַנדערער, איז — דער טרוים פון א גרויסער עליה, וועלכע זאָל אָנהויבן שטראָמען דורך דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה. אָט דאָס, הייסט עס, איז די ממשותדיגע גאולה, וואס דער חלוקה־פּלאַן ברענגט פאַר הונדערטער טויזנטער אידן, וועלכע קומען אום אין גלות. עס איז פאַראַן א נישט־ווילנדיגע אדער א בכוונהדיגע איבערטרייבונג אינם אויפבלאָזן אזעלכע האָפענונגען. אונזערע באָדן־מעגלעכקייטן וועלן נישט א וואַקס־טון פּלוצלינג, מיט איין מאָל. עס קען זיין, אז עס וועט ווערן א «בום» און ס׳וועט זיך אנהויבן א ספּעקולאַטיווע אויפשרויפונג, אבער עס איז נישטא קיין האָפענונג אויף א שנעלער אויסברייטערונג פון די גרונט־פּרנסה־קוועלן. אויך אין דער געשאַפענער מדינה וועלן מיר דאַרפן קויפן באָדן פאַר א סך געלט אין ראַנגלען זיך מיט נאַטור־שוועריגקייטן און מיט עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. דערצו וועלן מיר נאָך מוזן אויסגעבן די גרעסטע סכומים און קאָנצענטרירן די בעסטע ענערגיע אויף דער באשיצונג פון אונזער לאַנד׳ וואס וועט זיין אָפן אין אלע זייטן׳ כדי צו דערגרייכן צו א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל אין געהעריגן מאַסשטאַב, דאַרף מען קאָנצענטרירן דאָס פאָלק צום קאַמף פאַר עליה׳ צו דער גראָער ארבעט פון באָדן־קויף און פאַקטישער גרעניצן־אויסברייטערונג אין דרום׳ אין צפון און אין מזרח. דאָס מוז אבער געטון ווערן מיט א שנעלערן טעמפּאָ און מיט מער עקשנות און איבערגעגעבנקייט ווי ביז איצט.

דאָס פּאָליטישע פּראָבלעם פון ארץ־ישראל איז א שווערס, אבער די צעשניידונג פונם לאַנד אויף שטיקער שאַפט נישט קיין אויסוועג. אין ארץ־ישראל וועלן תמיד זיין צוויי פעלקער, און אונזער שטרעבונג וועט זיין געגענזייטיגער שלום. אבער דאָס גאַנצע לאַנד, ד א ס ג א נ צ ע, האָט א צוקונפט, אין הינזיכט פון מערהייט און פון פּאָליטישן פּרצוף: אדער אלס אידישע מדינה אדער אלס אראַבישע מדינה. ווען אלע אנטשיידנדע פאַק־טאָרן וועלן אנערקענען דידאָזיגע דילעמע, — וועט מיט דער צייט קומען די אנטשיידונג אין אָט דעם געראַנגל פאַרן גורל פון א פאָלק און פאַר דער צוקונפט פון א לאַנד. מיר גלויבן און אונזער שאַפנדן כוח. דעריבער גלויבן מיר אז דער רעזולטאַט פון דעם כוחות־געראַנגל וועט זיין — די שאַ־פונג פון דער אידישער מדינה אין גאַנץ ארץ־ישראל.

א. דאָבקין

* די מיינונגס פאַרשידנהייטן צווישן אונז זיינען נישט אזוי טראַגיש ווי די פראַגע גופא. די מיינונגס־פאַרשידנהייטן זיינען בלויז אין דער אָפּשאַ־

צונג פון א באשטימטער פאליטישער סיטואציע. ביי יעדערן אין הארצן קומט פאָר א «ויתרוצצו». עס זיינען נישט פאראן קיין פעסטע יא־זאגער און קיין פעסטע ניין־זאגער. גאָלדע האט געפרעגט, וואס וועט טון איר זון אין פופצן יאר ארום, ציזלינג האט גערעדט וועגן גרויס־ציוניזם, קאפלאנסקי — וועגן קומענדיגן דור. די אלע פראגן האבן זיי פארענטפערס מיט סטאטוס־קווא און מאנדאט. אבער די אלטערנאטיווע איז א שרעקלעכע, זי איז ערגער פון פאספילדס ווייסבוך. לאמיר אפילו האפן, אז נאכדעם וועט קומען א נייער מאקדאָנאלד־בריוו, אבער איך בין זיכער, אז אויך דאמאָלס וועלן מיר זיין אין א קלעם. לויטן סטאטוס־קוואָ קומט אויס, אז כדי קיין ארץ־ישראל זאלן אריינקומען 1½ מיליאן אידן דארף מען ווארטן 4 מאל 17 יאר. די פאָרשלאגן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע זיינען פאקטיש דורכגעפירט געווארן די גאנצע לעצטע צוויי יאר. באזונדערס — די באגרעניצונגען אופן עליה־געביט (קרובים קאפיטאליסטן מיט 250־500 פונט). די לעצטע שעדיולס זיינען דאך אויך געווע פאליטישע שעדיולס. אין די לעצטע עלף חדשים זיינען אריין אין ארץ־ישראן 8.500 אידן; אזוי זעט אויס דער סטאטוס־קוואָ. קענען מיר איצטער, נאל בריסק און פשיטיק, שלום־מאכן דערמיט אז אין די נאענטע 17 יאר וועלך מיר אריינברענגען קיין ארץ־ישראל נאך 300.000 אידן? ווייצמאן האט ריכטין געזאגט, אז אונזער איצטיגער מצב איז ווי אין אן עראפלאן: אלץ איג אפהענגיג פון טעמפאָ — וועלן מיר פליען גיך, — וועלן מיר זיך ראטעווען טאמער נישט — וועלן מיר אראָפפאלן און געהרגעט ווערן.

אין ארץ־ישראל בין איך נוטה געווען צו זאגן „ניין״, אבער דער גלות האט געווירקט, אז איך זאל ענדערן מיין מיינונג. מיר האבן פאר זיך א פאָרשלאג, וועלכן מען דארף ערנסט באהאנדלען. מיר טארן, פארשטייט זיך, נישט איינרעדן זיך, אז אלץ איז גוט און פיין. מיר האבן געמיינט, אז די חלוקה וועט אָפשוואכן אין די אידישע מאסן די אמונה און די התלהבות אין גרויס־ציוניזם. איך האב איצט באזוכט פינף גלות־לענדער, 22 שטעט, און איך האב זיך איבערצייגט, אז דאס איז דער איינציגער וועג צו מאביליזירן די מאַסן. דאס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער שקל־אקציע און אין די קאנגרעס־וואלן. אין די לעצטע אנדערטהאלבן יאר האב איך באמערקט א ירידה אין דער פארטיי און דער הכשרה אין גלות צוליב דער פארקלענערונג פון דער עליה. מען קען נישט שפייזן דעם גלות בלויז מיט האפנונגען אויף גרויס־ציוניזם אין דער צוקונפט. דאס אידישע פאלק אין גלות שרייט און פאַרלאנגט עליה שוין היינט. די עיקר־זאך, וועלכע מיר דארפן ערנסט באהאנדלען, איז — דער מצב אין דער איבערגאנגס־תקופה. דאס איז וויכטיגער ווי די גרעניצן־פראגע.

א. קאַצענעלסאָן

איך בין געשיקט געווארן קיין זשענעווע — צוזאמען מיט די אנדערע דעלעגאציע־מיטגלידער (הרב עוזיאל, חיים סאלאָמאָן און דר. עליאש) — דורכן ועד הלאומי כדי מיטצוהעלפן דער פארשטייערשאפט פון דער אידישער אגענץ אין אירע ארויסטרעטונגען ביי די מיטגלידער פון דער מאנדאטן־קאָמיסיע. אונזער דערשיינען האט געהאט א אפיציעלע באדייטונג צוליב דעם,

וואס קיין זשענעווע איז געקומען אן אראבישע דעלעגאַציע, און אויך שלי־חים פון דער אגודה און פון די רעוויזיאָניסטן. די מיטגלידער פון דער מאנדאטן־קאמיסיע, ווי אויך דער ענגלישער קאָלאָניען־מיניסטער מיט וועלכן מיר האבן זיך באגעגנט, האבן זיך באצויגן מיט א באזונדער אויפמערק־זאמקייט צו די רייד פון די פארטרעטער פונם ארץ־ישראלדיגן ישוב.

וועגן זשענעווער פראָנט

אין וואס באשטייט דער כוח פון זשענעווע? נאך אין יאר 1925 האט ארלאָזאָראָוו אזוי רעזומירט זיינע איינדרוקן פון א באזוך אין זשנעווע (אלס מיטגליד פון דער דאַמאלסדיגער דעלעגאציע פון ועד הלאומי): דער פאלי־טישער גורל פון ציוניזם וועט אנטשידן ווערן אין לאָנדאָן און נישט אין זשענעווע. דאס איז געווען אין דער בליאונגס־צייט פון פעלקערבונד — אין דער לאָקארנא־תקופה, פון דאמאלס אן איז דער כוח פון זשענעווע זייער געפאלן. עטלעכע גרויסמאכטן האבן זי פאַרלאזט, און אלע באמיאונגען פונם פעלקערבונד איינצושטעלן שלום אויף דער וועלט זיינען דורכגעפאלן. אזוי איז עס. אבער מען טאר דערפון נישט דרינגען, אז די שטעלונג פון זשענעווע איז באדייטונגסלאָז אין די ענינים פון ציוניזם. זשענעווע דארף מען נאך עד היום באטראכטן אלס גוואלדיגן אינסטרומענט פאר דער דערציאונג פון דער עפנטלעכער מיינונג, באזונדערס אין די לענדער, וואו מען הערט זיך נאך צו צו די מיינונגען פונם פעלקערבונד, ווי ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקע.

די וויכטיגסטע אינסטיטוציע פאר אונזערע ענינים, וועלכע פארנעמט זיך מיט זיי פערמאנענט, איז די מאנדאט־קאמיסיע. זי איז צוזאמענגעשטעלט פון מענטשן, וועלכע קענען די ארץ־ישראל־ענינים מיט גרויס בקיאות און זיינען אין א גרויסער מאָס אויך אומאָפּהענגיגע מענטשן. אין אלגעמיין הערשט צווישן די קאמיסיע־מיטגלידער א סימפאטיע־באציאונג צום ציוניזם. זיי באטראכטן דאס ארץ ישראל־פראָבלעם פונם שטאנדפונקט פון אלוועלטלעכן אידישן פראָבלעם. דאס איז פאר זיי אן אינטערנאציאָנאלע פראגע בעת די אראבישע פראגע איז נישט קיין אינטערנאציאנאלע נאר א לאָקאלע.

די ליניע, ביי וועלכער אונזער דעלעגאציע האט זיך געהאלטן, איז געווען:

א. דער ועד הלאומי פארנעמט נישט קיין אפיציעלע שטעלונג אין דער חלוקה פראגע, ווייל וועגן דעם דארף באשליסן דאס גאנצע פאלק, ד״ה זיין געוויילטע רעפרעזענטאנץ — דער ציוניסטישער קאנגרעס.

ב. דער ארץ ישראלדיגער ישוב איז געגן דעם חלוקה־פלאן, אין דער פאָרם ווי ער איז פאָרגעלייגט געווארן דורך דער קעניגלעכער קאמיסיע, צוליב עטלעכע טעמים, וועלכע מיר האבן אויפגעקלערט אין אונזערע געשפרעכן

ג. דער ישוב איז פאַראייניגט אין זיין געגנערשאפט צום «פאליאטיוון»־פאָרשלאג פון דער מלוכה־קאמיסיע, און באזונדערס צו די פאליטישע באַגרע־ניצונגען פון דער עליה.

פון אונזערע שמועסן מיט די קאמיסיע־מיטגלידער האבן מיר ארויס־באַקומען דעם איינדרוק, אז די פראגע פון דער אידישער מדינה איז, לויט זייער מיינונג קודם כל א פראגע פון די אידן אליין, און כל זמן עס איז נאך נישט ארויסגעזאגט געווארן די אויטאָריטעטע שטעלונג פון ציוניסטישן קאנגרעס, — איז זיי שווער צו באשטימען זייער ענדגילטיגע שטעלונג צו דעם

ענין. אויב דער חלוקה־געדאנק וועט אין פרינציפ אָנגענומען ווערן, זיינען זיי גרייט מיטצוהעלפן אויסבעסערן די באדינגונגען פאר דער אידישער מדינה.

פון דערדאזיגער אינפאָרמאציע קענט איר פארשטיין וואס פאר־א אנטשיידנדע באדייטונג עס האט דער באשלוס פונם קאָנגרעס.

אין ליכט פון די אָביעקטיווע פאַקטאָרן

איצט וויל איך איבערגיין צו באהאנדלען די עצם פראגע. מיין שטעלונג צו דעם חלוקה־פלאן שטאמט נישט נאָר פון דעם נעגאטיוון מאָמענט פון דער אלטערנאטיווע. מען דארף באהאנדלען די פראגע אין ליכט פון די אָביעקטיווע פאקטאָרן און נישט בלויז אין ליכט פון די גזירות, וואס דערווארטן אונז אין פאל פון אפוואַרפן די חלוקה. די פרעלימינארע פראגעס, וואס שטייען פאר אונז אין דעם צוזאמענהאנג, זיינען פאָלגנדע:

1. צי איז פאראן א מעגלעכקייט, אז מיר זאָלן אין דער נאָענטסטער תקופה ווערן א אנטשיידנדער כוח אין ארץ־ישראל און באשטימען דעם גורל פון לאנד דורכן עצם־פאקט פון אונזער זיין דאָרט? 2. צי קען די אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל גיין אין דער ריכטונג פון שאפן א צוויי־פעלקער־מדינה? 3, צי איז די צייט פאר אונז אָדער געגן אונז?

אויף דער ערשטער פראגע געפינען מיר א תשובה אין די צאָלן וועגן דעם באפעלקערונגס־צושטאנד אין ארץ־ישראל. פאראן טאקע א אידישע דינאמיק אָבער עס איז אויך פאראן אן אראבישע דינאמיק. אין 1919 זיינען געווען אין לאנד ביי 600 טויזנט אראבער, אין 1937 — קרוב א מיליאן, ד. ה. א צוּוואוקס פון 400 טויזנט במשך 18 יאר. דער נאטירלעכער צוּוואוקס ביי די אראבער אין ארץ־ישראל איז היינט 32 אויף יעדע טויזנט נפשות, דאס איז א פּראָצענט וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט אין גאַר דער וועלט. דאס איז אן אייגנארטיגע ביאָלאָגישע דערשיינונג: א כמעט אומבאגרעניצטע געבורטלעכקייט פון א פרימיטיוו פאָלק, און א רעלאטיוו נישט גרויסע שטערבלעכקייט אלס רעזולטאט פון דער ציוויליזאציע וואס איז פארבונדן מיטן אידישן אויפבויוערק. לויט דידאָזיגע צאָלן קומט אויס, אז במשך 22 יאר וועט די אראבישע באפעלקערונג אין ארץ־ישראל פארטאָפּלט ווערן און דערגרייכן ביי 2 מיליאן נפשות. כדי מיר זאָלן אויך דערגרייכן צו אזא צאל איז נויטיג אן עליה מינדעסטנס אינם מאסשטאב פון 1935, ערשט דאן וועט ארץ־ישראל זיין פּאַריטעטיש אין דער באפעלקערונגס־צאל. אבער דער סטאטוס־קווא פון 1935 וועט דאָך לכל הדעות נישט אזוי גיך זיך אומקערן.

איז קלאר, הייסט עס, אז נאָך במשך א לאנגער תקופה וועלן מיר בלייבן א מינדערהייט אין ארץ־ישראל, און אין בעסטן פאל וועלן מיר נאָך צענדליגער יארן דערגרייכן גלייכע כוחות־פאַרהעלטנישן. פונדאנען גיי איך אריבער צו דער צווייטער פראגע: צי דארף מען זוכן די לעזונג פארן ארץ־ישראל־פּראבלעם אין א צוויי־פעלקער־הערשאפט? אויך אויף דער פראגע דארף מען זוכן א תשובה אין די רעאלע, ארץ־ישראלדיגע באדינגונגען און נישט אין אבסטראקטע קאנצעפּציעס, וועלכע זיינען זייער באליבט ביים „השומר הצעיר״, צום ביישפיל. אונזער גאנצע אנטוויקלונג אין לאנד, אונזער גאנצער קיום דאָרט איז געבויט אויף דער שטרעבונג צו זעלבסט־

שטענדיגקייט, איך וואלט אפילו געזאגט — צו אָפּזונדערונג. אונזער שטרעבונג איז: קאָנצענטרירונג אין דאָרף און אין שטאָט, עקאנאמישע, קולטורעלע, און סאָציאלע זעלבסטשטענדיגקייט. אויך איצט איז ארץ־ישראל פאַקטיש איינגעטיילט אין צוויי מלוכהשע איינהייטן, — עס איז נאר נישטא קיין מלוכהשער סטאטוס. די איצט־פאראנענע מחיצות צווישן די צוויי פעלקער זיינען נישט ווייניגער ממשותדיג ווי די פאליטישע גרעניצן, וואס וועלן געשאפן ווערן נאך דער חלוקה.

מיר שטרעבן צו א נאציאָנאל־אידישע ווירטשאפט, וואס איז געבויט אויף אידישער ארבעט און אויף אידישער פּראָדוקציע (נישט סתם לאנד־פּראדוקציע!). אויפן דערציאונגס־געביט הערשט א פולשטענדיגע אָפּזונדערונג, און עס רעדט זיך אפילו נישט וועגן געמישטע שולן; אויף די טענות פון דער קעניגלעכער קאמיסיע אין דער הינזיכט האבן מיר געענטפערט, אז אָן א נאציאנאלער שול קען נישט זיין קיין נאציאנאַלע היים. אזוי זעט אויס די ווירקלעכקייט. פון דערדאזיגער ווירקלעכקייט קען נישט ארויסוואקסן קיין צוויי־פעלקער־הערשאפט, אויב מיר זאלן אפילו פארגעסן די פאליטישע שטרעבונגען פון ביידע צדדים, וועלכע זיינען סותר איינע די אנדערע.

איצט — וואס ס'איז שייך דער דריטער פראגע, די פראגע פון דער צייט אלס פאליטישער פאקטאָר, מיר האלטן ביי א ווענדפונקט. די גרויסע ענדערונגען געגן אונז, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער גאנצער וועלט, אין דער אראַבישער וועלט ווי אויך אין דער אידישער, זיינען מחייב א זייער שנעלן טעמפאָ אינם ארץ־ישראל־אויפבוי. די אראבישע דעלעגאציע אין זשענעווע וועלכע וויל פאר יעדן פרייז דורכווארפען דעם חלוקה־פלאן, ווייסט אז איצט איז פאר זיי דער עיקר — צו געווינען צייט. די אראבישע מדינות וואס רינגלען ארום ארץ ישראל דערלאַנגען איצט זייער זעלבסטשטענדיגקייט, און אין עטלעכע יאר ארום וועלן זיי זיין נישט בלויז א פאליטישער נאר אויך א מיליטערישער כוח.

די אינטערנאציאנאלע סיטואציע, וועלכע קאָמפּליצירט זיך כסדר אלץ מער און מער, קען אוועקשטעלן ענגלאנד פאר דער נויטווענדיגקייט זיך איבערצובעטן מיט די אראבער. דערצו האבן אויך די ארץ־ישראלדיגע אראבער פאקטיש דערוויזן אין די לעצטע אומרועןזייער ווידערשטאנדס־קראפט.

דער אויספיר איז, דעריבער, אז די צייט ארבעט לטובת די אראבער און נישט לטובת אונז. פון אָט־די הנחות קום איך צו מיין פּאָזיטיווער שטעלונג צום חלוקה־געדאנק.

די אנטשיידנדע פונקטן

אין דערדאזיגער לעזונג זע איך איין דריי אנטשיידנדע פונקטן:

א. אויפן געביט פון עליה — דאס עפענען די טויערן פון לאנד און אויפנעמען מאסן עולים לויט דער פולער קראפט פון אידישן פאלק. לויט דעם עליה־מאסשטאב פון 1935 קענען מיר במשך 5 יאר דערגרייכן צו א אידישן ישוב פון 800 טויזנט נפשות, לגבי 350 — 300 טויזנט אראבער אין די גרעניצן פון דער אידישער מדינה, ד. ה. מיר וועלן דערגרייכן א גרויס פון 70% אין דער אלגעמיינער באפעלקערונגס־צאל. דאגעגן קען מען זיך נישט פאָרשטעלן אזא עליה־גרויס ביי די איצטיגע פאליטישע באדינגונגען.

ב. אויפן עקאנאמישן געביט קוקן מיר זיך צו די לעצטע יארן צו דער דעסטרוקטיווער ווירקונג פון די עקאנאמישע מאנדאט־פאראגראפן (פארא־גראף 18) אויף דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ווירטשאפט אין ארץ־ישראל. אונזער יונגע ווירטשאפט, — סיי די אגראַרישע און סיי די אינדוסטריעלע, — קען זיך נישט שיצן נישט געגן דעם פארפלייצן ארץ־ישראל דורך אויס־לענדישער פראדוקציע און נישט געגן דעם וואס אויסלענדישע מדינות שאפן צאָל־מויערן געגן דער ארץ־ישראלדיגער פראדוקציע. אָן אַן עקאנאָמיש־מדינהשע זעלבסטשטענדיגקייט קען דער מצב נישט געענדערט ווערן צום בעסערן. דערביי ווערן מיר איצט פינאנציעל דערדריקט אונטערן יאך פון די מלוכה־באדערפנישן, וואָרום מיר געניסן אין זייער א קנאַפער מאָס פון רעגי־רונגס־אוצר, וועלכער גיט אויס דעם גרעסטן טייל פון זיינע הכנסות פאר די באַ־דערפנישן פון די אראבער און פון דער ענגליש־אראבישער אדמיניסטראציע.

ג. אויפן זיכערהייטס־געביט זיינען מיר איצט אָפּהענגיג כמעט אויס־שליסלעך פון בריטישער שוץ. דאס מוז ברענגען צו טרויעריגע רעזולטאַטן. דער אידישער ישוב, וועלכער איז אזוי רייך אין יונגע כוחות, מוז ווערן זעלבסטשטענדיג אויך אין מיליטערישער הינזיכט, נישט מוותר זייענדיג דערביי אויף דער שוץ פון בריטאניע. און די לאגע איצט איז אזוי, אז אויסער דאס וואס מיר האבן שוין דערגרייכט אויפן זיכערהייטס־געביט (די צוגאָב־פּאָליציאנטן) וועלן מיר שוין מער נישט קענען דערגרייכן. קיין מיליטערישע איינהייטן וועט מען נישט דערלויבן אויסבילדן, א פרעמדע רעגירונג וועט נישט דערמעגלעכן אונזער יוגנט צו באקומען א פאָרבארייטונג אינם לופט־פלי־וועזן און אין אנדערע באשיצונגס־צווייגן. דערביי פארמאָגן די אראבער שוין היינט גרויסע מעגלעכקייטן פון מיליטערישער אויסבילדונג אין די שכנותדיגע לענדער.

אָט די אלע מאטיוון ברענגען מיך צום אויספיר, אז מען קען נישט געפינען קיין שנעלע און נאציאנאלע לעזונג פארן ארץ־ישראל־פּראָבלעם און פארן ציוניזם, סיידן די שאפונג פון א אידישער מדינה, ווען אפילו נאָר אין א טייל ארץ־ישראל. און, — א גרויסע — מען קען זאגן, היסטארישע — אחריות וועט פאלן אויף יענע וואס וועלן מיטהעלפן דורכוואַרפן דידאזיגע לעזונג.

ד. כהן

מיין געגנערשאפט צו דער חלוקה וואָלט איך רעזומירט אין פאָלגנדע ראשי פרקים, — איך בין געגן, ווייל: א) די חלוקה אנטהאלט נישט קיין לעזונג פאר דער אידן־פראגע; ב) זי אנטהאלט יאָ א געפערלעכע אילוזיע פאר די אידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע וועלן צו איר צוגעצויגן ווערן ווי צו א פאלשן צויבער, און דער רעזולטאַט וועט זיין — אנטוישונג און פארצווייפלונג; ג) זי גראָבט אונטער די יסודות פון אונזער גלויבן, אז נאָר מיטן פּאַמעלעכן און לאנגן וועג פון ארבעט און עליה וועלן מיר דערגרייכן צו אונזער ציל.

און דאָ דארף איך אויפמערקזאַם מאכן די יאָ־זאגער: איילט זיך נישט צו «שפּייען אין דעם ברונעם, פון וועלכן מיר האבן געטרונקען». פּראָקלאַ־מירט נישט, אז דער וועג, וועלכן מיר זיינען ביז איצט געגאנגען, איז קיין וועג נישט. געדענקט — אפשר וועט איר מאָרגן זיך מוזן אומקערן צו דעם־דאזיגן וועג. איך וויל דא נישט ריידן אין נאָמען פון דער יוגנט. אבער איך

האב די פולע איבערצייגונג, אז די חלוצישע יוגנט אין ארץ־ישראל, — די ארבעטנדע און שטודירנדע, איז מיט דער גאנצער נשמה געגן דער חלוקה.

מען פרעגט די ניין־זאגער: «וואס־זשע לייגט איר פאָר?» — אונזער ענטפער איז א קלאָרער: נישטא קיין אנדער ציוניזם ווי נאר דער ציוניזם פון עליה און קאָלאָניזאציע. לאמיר קעמפן פאר אט דעם ציוניזם און ער וועט אונז דערפירן צו דער אידישער מדינה.

דאָגעגן די יאָ־זאגער דארפן זיך קלאר מאכן עטלעכע זאכן: ווי אזוי רעכענען זיי אויפצוהאלטן א אידישע מדינה, אין וועלכער עס לעבן צוויי הונ־דערט און פופציג טויזנט אראבער — און זיי וועלן אלע זיין באוואָפנט, — און פון יענער זייט גרעניצן זיינען פאראן מיליאנען אראבער, וואס זיינען גרייט צו העלפן זייערע ברידער אין דער אידישער «מדינה»? צי רעכנט מען נישט דידאזיגע מדינה אויפצוהאלטן מיטן כוח פון ענגלאנד, וואס וועט אונז דארפן שיצן און אָפהיטן? און וואו איז די גאראַנטיע, אז ענגלאנד וואס וועט דארפן פארגיסן בלוט פון אירע זין כדי אונז צו שיצן, וועט פון אונז נישט פארלאנגען אזעלכע ויתורים, וועגן וועלכע די יאָ־זאגער טראכטן אפילו נישט, און מיר וועלן מוזן נאָכגעבן, ווייל מיר האבן איבערגעגעבן אין אירע הענט אונזער גורל?

עס איז שוין געזאגט געווארן, ריכטיג: איין זאך באקומט מען נישט אלס מתנה — א מדינה; דאס באקומט מען אדער דורך מלחמה און דעראָבע־רונג, אדער דורך ארבעט און שאפונג. א מדינה, וואס א פאלק באקומט אלס מתנה, קען פאר אים ווערן אַן אומגליק. זאל אונז דער גאָט פון געשיכטע אָפהיטן פון אזעלכע מתנות. דורך ארבעט וועלן מיר דערגרייכן און באשאפן אונזער ציל.

* *
*

ביים סוף פון דער זיצונג טראגט אריין י. מערעמינסקי פאָלגנדע אינטערפעלאציע:

י. מערעמינסקי: מיר האבן אויסגעהערט א וויכטיגע אינפארמאציע פון א. קאצענעלסאָן, אז די דעלעגאציע פון ועד לאומי האט דערקלערט אין גענף, און זי איז געגן די פאָליאטיוון צו דערדאזיגער חלוקה. אויף וואס פאר־א גרונט האט געהאנדלט חבר קאצענעלסאן, בשעת ער האט, אנטשפרעכענד דעם באשלוס פונם ראט פון דער ארץ־ישראלדיגער פארטיי, נישט געהאט קיין רעכט דערצו.

דער פאָרזיצער י. שפרינצאק: די דעלעגאציע האט געהאנדלט אויף דער אחריות פון ועד לאומי.

א. ציזלינג: איך פראָטעסטיר געגן דעם אופן פון שיקן די דעלעגאציע, אן א באשלוס פון ישוב. איך בין א מיטגליד פון ועד לאומי און איך ווייס, אז מען האט דעם ענין נישט באהאנדלט.

א. קאפלאן: די פראגע געהערט נישט צו אונזער באראטונג. מען קען זי בא־האנדלען אין ועד לאומי. די לייטונג פון ועד לאומי האט צונויפגערופן א פארזאמלונג און האט צו איר איינגעלאדן אויך די ארץ־ישראלדיגע קאנגרעס־דעלעגאטן. דארט איז געמאלדן געווארן, אז עס וועט געשיקט ווערן א דעלעגאציע און קיינער האט נישט פראָ־טעסטירט געגן דעם. עס איז אויך געווען א פארשטענדיגונג מיט דער אידישער אגענץ און אויך מיר האבן איינגעזען, אז א דעלעגאציע איז נויטיג. צי עס איז געווען א ריכ־טיגע האנדלונג אדער נישט, — וועגן דעם וועט באשליסן דער ועד לאומי נאכדעם ווי ער וועט אויסהערן א באריכט פון דער דעלעגאציע.

עלפטע זיצונג

מאנטאג, דעם 2 אויגוסט 1937, פאַרמיטאָג

פאַרזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע

(רעדעס פון ד. רמז, י. שפרינצאק, ב. כצנלסון)

ד. רמז

איך וויל זאגן עטלעכע ווערטער נאָר וועגן דאס פינטעלע, אין וועלכן די מיינונגען זיינען געטיילט.

איין זאַך טאָר מען ניט פארגעסן...

מיר האבן אָן אינטערנאציאנאלע הבטחה, באשטעטיגט פון 52 מדינות, בכלל זה אמעריקע. אטייל חברים מיינען, אז מען דארף אונטער קיינע באַדינגונגען אָט די הבטחה ניט איבערבייטן. און פיל פון זיי האלטן — צי זיי זאגן דאס, צי זיי זאגן דאס נישט — אז אונזער צוכאפּן זיך צו דער מדינה שטאמט פון מידקייט, פון וועלן לייכטער אויפּאָטעמען. מיר פאַרציכטן הייסט־עס אויף דעם טונקעלעם גאָלדענעם דינר — די אינטערנאציאנאלע הבטחה — צוליב א גלענצנדער קופּערנער פּרוטה! חיים גרינבערג האט עס נאך דראַסטישער געזאגט: עס איז א שריפה — און מיר טרייסטן זיך מיט פארזיכערונגס־געלט.

אויב עס איז א שריפה — דויערט די שריפה שוין 18 יאר, און די חלוקה מיינט אפּראטעוון א שטיק, אז נישט אלץ זאל פארברענט ווערן.

צוויי־און־פופציג מדינות האבן צוגעשטימט, מיר זאָלן באקומען א היים און א לאנד. אין דער צאל צוויי־און־פופציג איז אבער נישט איינגעשלאָסן איין פאָלק: דאס אראבישע, וואס זיצט אין ארץ־ישראל און האט דאָרט א מאַיאָריטעט. דאס איז אָן א ספק דאס טראגישסטע אין אונזער צוריקקער. און מען טאָר עס נישט פארגעסן.

דאס גוטע אויג איז געווען האלב פארמאכט

און נאך איין וויכטיגע מאכט איז דאָ, וועלכע האט א שטארקע שייכות צו ארץ־ישראל (פון נאך דעם וועלט־קריג): ע נ ג ל א נ ד. און זי איז גראָד די ערשטע אין דער ריי פון די 52. זי האט אונז קלאר פארשפּראָכן צו האבן א גוט אויג אויף דעם צוריק־אויפשטעל פון אונזער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל. אָט די גוטע אויג איז אבער געבליבן האלב פארמאכט די גאנצע 18 יאר. וויפיל האבן מיר פאר דער גאנצער צייט געהאט

פיינע בליקן, וועלכע זאָלן דערמוטיגן אונזער אויפבוי? אָפן איז געווען א צווייטע אויג, א קאָלאָניאַל־אדמיניסטראטיווע, וועלכע האט געהאלטן אָרדנונג און באלאנס...

אין דער אָרדנונג זיינען געווען זייער ברייטע דורכברוכן פון אומ־רועץ און פאָגראמען. און דער באלאנס איז געווען אן אייגנארטיגער: מען האט געהויבן איין טייל — די גאלד־שלינגער — מיט דער הילף פון די מיטלען, וועלכע עס האט געבראכט דער צווייטער טייל: די גאלד־גיסער...

און ענדלעך האט זיך די גוטע אויג אינגאנצן פארמאכט פאר דעם עבר הירדן.

אז איינער וועט מיך פרעגן: האסטו א באשולדיגונג געגן ענגלאנד און ווי פארמולירסטו עס? דאן ענטפער איך: יאָ, איך קען עס אויסדריקן אין דריי ווערטער: מאנגעל פון אקטיווער הילף, מיר זאלן ווערן א נאציאנאלע היים.

מיר זיינען געבליבן אָנגעוויזן אויף זיך אליין! מיט א גרויסער נאציאנאלער פלאן־ארבעט, וואָלט מען נאך געקענט האלטן שריט — אבער מיטלען געהעריגע, צו דער צייט, זיינען נישט געקומען. און מיר שטייען דאָרט, וואו מיר שטייען.

פערמאַנענטער קריזיס

איך גלויב נישט, אז ווער־נישט־איז פון אונז זעט נישט די ערנסטע שוועריגקייט, אין וועלכער אונזער ארץ־ישראל־אויפבוי געפינט זיך. איך האב מיט 11 יאר צוריק געזאגט אין אמעריקע: «אָט די אראבישע „באָיטשיקעס“, וועלכע זיינען היינט אלט 15 יאר, וועלן אין 10 יאר ארום פארזוכן צו פאַרשטעלן אונז אלע וועגן צו ארבעט».

עס איז, ליידער, געקומען. זיי זיינען א מיליאן. מיר האבן קוים 400·000, קיין האלבן מיליאן.

גזירות ווערן בטל, אבער אראבער ווערן נישט בטל. די צייט — ביי דער היינטיגער לאגע — ארבעט פאר זיי. ווי וועלן מיר זיי איבעריאָגן? געבורטן־צאל — די ארץ־ישראלדיגע אראבער האבן דעם העכסטן רעקארד אין דער וועלט; נאציאנאלער גייסט — ער ווערט געשפייזט פון פאשיזם; רייכטום — דאס ברענגען מיר זיי און מיר מוזן עס ברענגען. נישט נאָר באָדן קויפן מיר: מיר קויפן שטיין, בוי־מאטעריאלן, דירות, פיש, פלייש, גרינס. און מיר האבן געגן זיך א שטענדיגען «הבה נתחכמה». באָדן פאר אונז־אן אומבאדינגטע נויטווענדיגקייט, ווייל מען פארבאָטן, אונז צו פארקויפן. ניט־הכרחיות ברענגט מען צו אונז אין די שטעט און קאלאניעס און מען קאנקורירט מיט אונז. די אראבישע ארבעטער אין די אידישע פרדסים האט מען נישט געהייסן שטרייקן. אין אמת'ן לעבן מיר אין א פערמאנענטן קריזיס: פאָליטיש, עקאָנאמיש...

מיר זיינען א סאָרט צווילינג, פון וועלכן איינער האט די אויפגאבע פעט צו מאכן דעם אנדערן און שלעפן אים אויף זיך.

מיר האבן געוואָלט, געהאפט פאר די לעצטע 10 יאר אריינברענגען מער אידן — אבער עס איז ניט געשען. געלט האבן מיר אבער אָנגעווענדט מער ווי מיר האבן געגלויבט: 30 מיליאן פונט נאר אין די לעצטע 4 יאר, און פאר די גאנצע 18 יאר — העכער 80 מיליאן.

ווי יאָגט מען אָן?

מיר האבן געזען אין אונזער ארבעט אין ארץ ישראל וואונדער, אלערליי וואונדער, אגריקולטורעלע, חלוצישע, — אבער קיין פאליטישע וואונדער האבן מיר נישט געזען. און עס איז א ענין פאר אן ערנסטן שיקול הדעת: ווי וועלן מיר מיט די דרכים אָניאָגן?

א אידישע מדינה — איז א וועג אנצויאגן

און דעריבער ליגט מיין באגייסטערונג אויף דער זייט פיל מער. איך האלט אז מיר זענען שולדיג א היסטארישן דאנק דעם מענטשן, כ׳מיין וויצמאנען, וואס האט א צווייטן מאל, מיטן חוש פון יענער אינטואיציע וואס האט געשאפן די באלפור דעקלאראציע, מיטגעווירקט, אז אט דער פלאן פון א אידישער מדינה זאל ערנסט ארויפטרעטן אויף דעם אינטערנאציאנאלן טיש.

אויף דער ערשטער זיצונג פון מרכז מפלגת פועלי ארץ ישראל — וועלכע האט זיך מיט דער פראגע באשעפטיגט — האב איך מיין געפיל אויס־געדריקט אין צוויי ווערטער: ייתי — ואחמיניה. מעג עס געשען און מעג איך זוכה זיין צו זען עס!

און איך האלט עס פאר א גוטן אויסוועג אין צוויי הינזיכטן: עס איז גוט „אין זיך אליין" און עס מוז האבן א גוטע ווירקונג אויף אונזערע באציאונגען מיט די אראבער. עס איז נאך גאנץ מעגלעך, אז גראָד אונטער דעם דרוק פון חלוקה זאלן קומען ערנסטע פאָרשלאגן פון די אראבער. איך בין טיף איבערצייגט, אז אונזערע געגנער פון חלוקה, זיי אליין וועלן האבן א גרונט אביסל אומעטיג צו זיין, אויב דער אָביעקט פון זייער געגנער־שאפט — די אידישע מדינה — זאָל פארשווינדן.

נויט ברעכט רעקאָרדן

איך גלויב אין א פיל גרעסערער אויפנעם פעאיקייט ווי $1^1/_2$ — 2 מיליאן. בעלגיע, פראנקרייך — זייערע פעלקער לעבן אין גאנץ אנדערע באדינגונגען. נויט ברעכט אייזן — און ברעכט רעקאָרדן. איניציאטיוו, גייסט, וויסנשאפט, געטריבן פון נויט, געטראָגן פון א פאלקס באוועגונג — קענען שאפן נייע רעקארדן.

פאר מיר ליגט דער שליסל צו דער אויפנעם־מעגלעכקייט אין דער פראגע: וויפיל קען שפייזן די לאנדווירטשאפט פון אונזער מדינה? און איך הער פון גרויסע אויטאריטעטן: ביז 5 מיליאן (אן ווײַן). אגרויסע בא־פעלקערונג, א קאנצענטרירטע, שטעלט איבער נישט נאר אלע סטראטעגישע, נאר אויך אלע ווירטשאפטלעכע חשבונות: אָנשטאָט עקספאָרטירן אונזערע פראדוקטן — אימפארטירן אונזערע אידן. און איך גלויב ערשט רעכט דאן — אויב עס וועט נישט געשען פריער — אין א שלום מיט די אראבער, אין א גרויסן אָפמאך.

אונזער קליינע מדינה וועט זיין ארומגערינגלט מיט שווערע פּראָב־לעמען. אבער דאס איז די אחריות פון עקזיסטענץ: איך גלויב א גרויסער פאלקס ענטוזיאזם וועט אונז טראגן — און עס וועט זיין א מדינה פון בויען.

אונזער האלטונג מוז זיין אַ פאראייניגטע

איך וויל צוערשט זאגן וואס מיר אלע דארפן טאן. איך האלט אז מיר דארפן פּאָזיטיוו פארהאנדלען און ערנסט דורכארבעטן דעם פארשלאג

פון חלוקה, פון א אידישער מדינה אין צפון מערב פון ארץ ישראל, מעג זיין נאָר פון 5 מיליאָן דונם באָדן, אבער דער בעסערער באדן, און מיט א לענגערער ליניע פון ברעג ים און מיט א גרעניץ צו לבנון.

איך האלט, — נישט נאָר אלס טאקטיק — אז מיר טאָרן זיך נישט דערלויבן ארויסצולאָזן פון אונזער האנט דעם מאנדאט און די אינטערנאציאנאלע פאר־פליכטונג, כל זמן מיר זיינען ניט איבערצייגט, אז די אידישע מדינה איז א אידישע מדינה, אז זי גיט אונז, לויט איהר רעאלן אינהאלט, דעם מי־נימום באפרידיגונג.

איך האלט, אז מיר האבן נאך גארנישט „אין פאָקעט". גארנישט איז זיכער — און מיר מוזן זיך האלטן שטאָל און אייזן פעסט אָן דעם מאנדאט, און מיר האבן נאך א רעכטן מעבר יבוק פאר זיך...

לא ליסתור איניש··· — מען זאל נישט פונאנדערנעמען אן אלטע שול ביז מען האט נישט די נייע אויפגעשטעלט...

און איך האלט, אז אונזער אלעמענס פעאיגקייט דארף באשטיין אין דעם, אז מיר זאלן אָט דעמדאזיגן גאנצן וועג דורכמאכן צו־זאמען און נישט פארוואנדלט ווערן אין קיין דור הפלגה. מיר דאָ, ביי אונז, און די גאנצע ציוניסטישע ביסל אָרימקייט — אויף דעם ציוניסטישן קאנגרעס.

הגם פון אויבן אויף צולויפן זיך די מיינונגען זייער ווייט, ליגן זיי אין דער טיף ערגעץ, ווי איך גלויב, זייער נאָענט. און וואס טיפער יעדערער פאָרט אראָפּ צו זיך אליין, אויף זיינע אייגענע הוצאות, קומט ער אלץ נאָענטער צו דעם צווייטן.

א אידישע מדינה איז נאר דאן א פאקט, — אויב מיר באקומען באלד די עליה־שליסלען

למשל, איך בין אין גאנצן אייניג מיט חיים גרינבערג אין דער אויפ־פאסונג, אז א אידישע מדינה, וואס גיט נישט תיכף, שוין אין דער איבער־גאנגס־צייט, שוין פון מארגן, די עליה אין אונזערע הענט, — אזא מדינה איז א נייער וועקסל, וועלכער קען געצאָלט ווערן און קען נישט געצאָלט ווערן (און מיר האבן א טרויעריגע דערפארונג מיט די פריערדיגע). אויב עס קען פאר אונז איבערהויפּט האבן די תקופת המעבר וועלכע עס איז באַ־דייטונג, איז דאך עס נאר דאס קענען שנעל אויסבעסערן די פּראָ־פּאָרציע פון דער באפעלקערונגס צוזאמענזעצונג דורך א שנעלער עליה, און איך בעט די מתנגדים פארשרייבן מיך אין זייער רשימה, אויב דאס וועט נישט געגעבן ווערן.

נישט עליה, אדער עליה לפי יכולת הקליטה, אין דער ענגלישער אויס־טייטשונג — דאס האבן מיר דאך אין גאנץ ארץ־ישראל; דער אָפּגעהאקטער שטח, דאס אויפשטעלן פון אן אראבישער און אן ענגלישער מלוכה — קען קאָמפּענסירט ווערן דורך א שנעלער קאנצענטראציע פון אידן — און במזומן ד. ה. לויט אונזער אייגענעם באשלוס.

איך בין א קליינער מאמין אין טראנספער. די אראבער וועט זיין גוט אין דער אידישער מדינה, שלא בערך בעסער ווי אין דער אראבישער — און פון בעסער צו ערגער גייט מען נישט מיט גוטן. און מיט בייזן — זע איך ניט, ווער עס וועט עס מאכן.

מיר מוזן קאָנטר־באלאנסירן די אראבער מיט אריינברענגען א פאר הונדערט טויזנט אידן אין צוויי דריי יאר.

אלזאָ, ערשטער פונקט מיינער — די עליה אין אונזער רשות אויף פאר דער איבערגאנגס־צייט.

צווייטער פונקט: גאראנטיע, פאר א קאלאניזאציע־הלוואה. אייגנטלעך איז דאס איין פונקט. א שנעלע קאנצענטראציע פון אידן.

*

מיט דעם — ווער קען זיין געגן? אָן דעם — ווער קען זיין פאַר?

י. שפרינצאק

נישט אויסוועגלאזיגקייט. נאר א דרוק, — דער דרוק פון דער פאליטישער ווירקלעכקייט אין וועלכער מיר געפינען זיך, — ער שאַפט דעם יסוד און דעם וועג פאר דער באהאנדלונג פון דער פראגע, וואס שטייט אויף אונזער טאָג־ארדנונג. איך שעץ זייער די רייד פון ביידע צדדים. סיי פון די יאָ־זאגער און סיי פון די ניין־זאגער. עס זיינען מיר זייער טייער געווען די רייד, וואס זיינען דא געזאגט געווארן דורכן שליח פון «הנוער העובד»— פון דער ארץ־ישראלדיגער ארבעטער־יוגנט. אין זיין געגנערשאפט צום פאר־שלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, אין זיין אָפּווארפן די «חלוקה» האט ער געבראכט צום אויסדרוק נישט בלויז די מיינונג פון «הנוער העובד» נאר די געפילן פון דער גאנצער ארץ־ישראלדיגער יוגנט. אונזערע יוגנט־לעכע אין ארץ־ישראל, באזונדערס די דאָרט געבוירענע, — פון סאמע לינקס ביז סאמע רעכטס, — זיינען אלע אייניג אין זייער עקסטרעמער געגנער־שאפט צו דער חלוקה. דידאזיגע געגנערשאפט איז ביי דער יוגנט זייער נאטירלעך און פאַרשטענדלעך, און זי שטאמט אָן צווייפל פון זייער היימלאנד געטרייקייט און באגייסטערונג. מיר מעגן אלע צוזאמען שעצן און טייער־האלטן אט די דערשיינונג. מיר האבן זוכה געווען צו א יונגן דור אין ארץ־ישראל, וואס זיין זארג פארן גורל פון היימלאנד איז א וויכטיגער אוואַנס פאר זיין האלטונג אין אנקומענדיגע צייטן.

די גסיסה־צאַפּלענישן פונם מאַנדאַט

פון דער אנדערער זייט האבן מיר געהערט די יאָ־זאגער און זייערע רייד וועגן דער התלהבות פון די אידישע מאסן אין גלות לגבי דער פראָ־יעקטירטער מדינה. ביי די מוראדיגע אידישע צרות איז איין טראָפּן טרייסט, איין שטראַל האפנונג, — זייער א גרויסע זאך אין לעבן פון פאלק. און פונדעסטוועגן — נישט די געגנערשאפט פון אונזער יוגנט אין ארץ־ישראל קען זיין די סיבה אָפּצווארפן דעם פארשלאג און נישט די התלהבות פון די מאסן אין גלות — אים אָנצונעמען. אויך נישט דער צויבער פונם וואָרט «אידישע מדינה» קען דינען אלס באוועג־פאַקטאָר. איך שפיר נישט דעם צויבער כל זמן די אידישע מדינה אנטשטייט נישט אין רעזולטאט פון אן אנשטרענגונג פון מאסן, וואס בויען און שאפן זי. אבער אויף מיר ווירקט די ווירקלעכקייט אזוי ווי זי איז — די ווירקלעכקייט לויט ווי זי איז דעפינירט

אינם רעזומע פונם צוויטן טייל אין באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, דארט וואו עס רעדט זיך וועגן דער לאגע אין ארץ־ישראל און וועגן מאנ־דאט. מיר שטייען פאר א פאקט. עס איז שווער, אבער אזוי איז עס. עס איז א פאקט, אז דער מאנדאט שטארבט אָפּ פאר אונז אין די אויגן. די גסיסה־צאפלענישן דויערן שוין 18 יאר. במשך די 18 יאר זיינען פאר־געקומען פערזאנען־ענדערונגען, — נציבים זיינען געווען און נציבים זיינען אוועק, און אויך אנדערע וויכטיגע באאמטע האבן זיך געביטן במשך דער צייט. די מערסטע באאמטע זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל מיט גוטע כוונות, אבער ביים פארלאזן דאס לאנד איז א טייל פון זיי שוין געווען אנטי־סעמיטיש און דער גרעסטער טייל האט געהאלטן אז דעם מאנדאט איז אומ־מעגלעך צו רעאליזירן. הערבערט סעמיועל איז געקומען קיין ארץ־ישראל אלס «אידנשטאָטלער», אבער אונטערן דרוק פון די אומשטאנדן האט ער פאר־לוירן זיין ציוניסטישן בטחון. דאס איז אלץ געשען צוליב דעם אראבישן פאקטאר. דערדאזיגער פאקטאר איז געווען א שטערונג פאר אונז, און טראָץ אונזערע גוטע כוונות, טראץ די פרינציפּיעלע מעגלעכקייטן איז אונז נישט געלונגען צו באזייטיגן די שטערונג. ענגלאנד האט זיך נישט אפּגעגעבן מיט דער באזייטיגונג פון דער שטערונג און אויך אונז איז עס נישט געלונגען, — און די שטערונג האט דערפירט צום דורכפאל פון מאנדאט.

אָפּשאצנדיג די רעאַלע ווירקלעכקייט

עס וואלט, פארשטייט זיך, געווען גלייכער ווען דער מאנדאט וואלט ווייטער געלעבט און געווירקט. איידער די קעניגלעכע קאמיסיע האט נאך פארענדיגט אירע ארבעטן האבן מיר שוין געפירט א ויכוח וועגן די מעג־לעכע רעזולטאטן. אויפן ראט פון דער ארץ־ישראלדיגער פארטיי, אין חיפה יאנואר 1937, איז געווען א הייסער ויכוח ארום דעם. איך האב דאן גע־הערט צו די, וואס האבן זיך באגנוגנט מיט איין וואונטש: עס זאל כאָטש נישט צוטרייסלט ווערן דער יסוד — אפילו בלויז טעארעטיש. פאר מיר איז געווען וויכטיג, אז דער אינהאלט פונם מאנדאט זאל פונדאָסניי באשטעטיגט ווערן, און איך האב דאן געזאגט, אז «עס וועט זיין א גרויסע היסטארישע דערגרייכונג אויב פון דער טאג־ארדנונג פון דער בריטישער אימפעריע וועט איצט פארשווינדן דער ויכוח וועגן מאנדאט און וועגן דער באלפור־דעק־לאראציע אין פארבינדונג מיטן מאנדאט».

אבער אָנשטאט דער דערגרייכונג איז געקומען דער באריכט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע מיט דער פעסטשטעלונג, אז „ענגלאנד האט געטון דאס מאקסימאלסטע פאר דער פארווירקלעכונג פונם מאנדאט און עס איז איר נישט געלונגען". מיר קענען, פארשטייט זיך, מיט רעכט אָפּפרעגן די ריכטיגקייט פון דער פעסטשטעלונג, אבער מיר קענען נישט צווינגען ענג־לאנד, זי זאל וועלן טון דאס, וואס זי האט נישט געטון במשך די 18 יאר. און אויב נישט ענגלאנד, — ווער־זשע דען וועט אויפלעבן דעם מאנדאט?

מיר שטייען, זאג איך, פאר א פאקט, און ער אנטשיידעט און צווינגט אונז אנצונעמען אונזער שטעלונג. מיר מוזן בלית ברירה פירן אונטער־האנדלונגען מיט ענגלאנד מכוח דער פּראָיעקטירטער מדינה. מיר דארפן עס טון נישט מיט התלהבות אבער שוין אויך נישט מיט פארצווייפלונג, נאר

מיט א ניכטערנעם צוגאנג פון אָפּשאצן די רעאלעווירקלעכקייט. מיר דארפן פארשטייט זיך, ארויסשטעלן תנאים און אולטימאטיווע פאָדערונגען וועגן דעם שטח און וועגן די גרעניצן. אויסער שטח און קאָמפּעטענץ־ענינים פון דער מדינה מוזן מיר ארויסשטעלן נאך תנאים: ענגלאנד דארף אונז מיטהעלפןביים שאפן די מדינה און זי דארף דערפירן צו פארשטענדיגונגען און אָפּ־מאכן צווישן אונז און די שכנותדיגע אראבישע מדינות. דאס איז פאר מיר א הויפּט־באדינג אין די אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד.

אָפּשאצנדיג די לאגע אזוי ווי זי איז וועל איך שטימען פאר געבן פולמאכטן דער עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד.

ב. כצנלסון

נאך א סך יאָרן פון ארבעטן צוזאמען האב איך אין איינעם א טאָג זיך דערזען אָפּגעטיילט פון חברים, מיט וועלכע מיר האבן לאנגע יארן דורכגעמאכט איין־און־דעמזעלבן וועג אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק. וואס איך וועל איצט זאגן וועט זיין אין סתירה צום געפיל פון א סך מענטשן אין אונזער באוועגונג, אפשר אפילו אין סתירה צום געפיל פון דער מער־הייט, און זיכער וועט עס זיין אין געגנזאץ צו דער איצט־הערשנדער שטי־מונג אין דער אידישער גאס. איך בין ווייט פונם ווילן צו א סתם־וויכוח, אבער איך באטראכט אלס חוב, אלס ביטערן חוב, צו זאגן דער יובלענדער און זיך־פרייענדיגער מאסע: זייט פארזיכטיג, איר זייט ארויף אויף א גע־פערלעכן באָדן. אט דאס בין איך איצט אויסן מיט מיינע רייד. מער וויל איך נישט זאגן, מער האב איך קיין רעכט נישט צו זאגן איצטער.

אין וואָס גייען מיר זיך פונאנדער?

קיין וויכוחים האבן ביי אונז קיין מאל נישט געפעלט. מיר האבן זיי אבער נישט פארוואנדלט אין קיין «שטרייט» און אוודאי און אוודאי נישט אין קיין «מחלוקת». מיר האבן תמיד געזוכט וועגן פון ארבעטן צוזאמען. מיר האבן זיך נישט געשראקן פאר קיין «פשרות». מיר האבן געוואוסט, אז דער עיקר איז נישט דער נצחון אין ויכוח. מיר האבן געוואוסט, אז מען קען זיגן אין א ויכוח און פארלירן אין לעבן. און אָט האט זיך דאס ראָד א דריי געטון און מיר האלטן ווידער ביי דער «דיסקוסיע», עליה השלום. מיר פארשארפן דעם ויכוח. מיר באנוצן זיך מיט נישט־אונזעריגע ארגומענטן, מיר באנוצן זיך מיט צוויי־שארפיגע ארגומענטן, וואס טרעפן דעם אנגרייפער נישט ווייניגער ווי דעם אָנגעגריפענעם, — די דיסקוטאנטן שפירן גארנישט ווי ווייט זיי לאָזן זיך אוועק אינם ויכוח־שטורעם.

אָנשטאט באפעסטיגן די אייגענע שטעלונג און אויפווייזן, אז זיין וועג איז דער ריכטיגער, באמיט זיך יעדער דיסקוטאנט צו באווייזן, אז יעדער אנדער וועג פירט צו גארנישט. און איידער מיר ווייסן נאָך, וואס פאר א וועג איז אונז באשערט דורך דער געשיכטע איילן מיר זיך צו, צו שפייען אינם ברונעם, פון וועלכן מיר האבן געטרונקען און וועלן נאך אפשר דארפן טרינ־קען, — און מיר באמיען זיך שוין אריינצוברענגען שנאה פאראכטונג, יאוש־

מעגלעך, אז אויך איך וועל געשטרויכלט ווערן אין די סכנות פונם

ויכוח, ווייל איך דעריבער זאגן גלייך פון אָנהויב: וויפיל שוועריקייטן מיר זאלן נישט אנטפלעקן — און שוועריקייטן זיינען פאראן א סך — קענען זיי מיך נישט דערפירן צו פאַרצווייפלונג. דאס הייסט נישט, אז איך זע אונזער לאגע אין ראָזע פארבן. די לאגע אין דער וועלט בכלל איז א שווערע, און ממילא איז אונזער לאגע — אין דער וועלט און אין ארץ־ישראל — נאָך שווערער. אין דער וועלט האבן זיך געשטארקט פאקטאָרן, וואס פייניגען און דערנידעריגן אונז. אלע וועלט־צרות קלעפן זיך צו אונז. און אין די פארשידענע תרופות, וואס מען לייגט פאר, זע איך נישט איין קיין הייל־מיטל. פונדעסטוועגן איז פעסט מיין גלויבן, אז מיר וועלן האבן גענוג כוח איבערצוקומען אלע געפארן. גראד אונזער דערפארונג אינם יאר פון די אומרוען האט ביי מיר פארפעסטיגט דעמדאזיגן אומצעשטערבארן גלויבן אין די גרויסע כוחות, וואס ארץ־ישראל האט שוין באוויזן אויפצווועקן אין איר קליינעם, צוזאמענגעקליבענעם אידישן ישוב. מיר זיינען ארויס פונעם יאר־אומרוען מיט פארשידענע דערגרייכונגען: די פארשטארקונג פון דער שמירה אין אירע פארשידענע פאָרמען, דער תל־אביבער פאָרט, נייע ארבעטס־דערגרייכונגען, א ווענדונג צו געברויכן תוצרת הארץ (ארץ־ישראלדיגע פראָדוקציע), דאס אריינדרינגען אין שטיין־ און ים־ארבעטן, די קאָלאניזיר־דערגרייכונגען אין בית־שאנער און אנדערע ווייטע געגנדן, א אינערלעכע פארטיפונג פון נייע שיכטן אין ישוב. עס האט זיך ארויס געוויזן, אז אונזערע פאטענציעלע כוחות זיינען גרעסער, ווי מען זעט עס פון דרויסן. אין א שעה פון נסיון קען מען זיך אויף זיי פארלאזן, — זיי וועלן נישט אנטוישן.

דידאזיגע כוחות האבן נישט אנטוישט, בעת מען האט זיי גערופן צו גיין קיין עין־גב און קיין כפר־מנחם. זיי האבן נישט געפרעגט פריער, צו זיינען די פונקטן אין אדער אויסער די ראמען פונעם שטח פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. ס'איז דערביי נישט געווען קיין שום אונטערשיד צווישן יאָ־זאגער און ניין־זאגער.

וועגן וואס־זשע פירן מיר דעם ויכוח? נישט וועגן אונזער באציאונג צו ארץ־ישראל, נישט וועגן «ענדציל» און נישט וועגן דער אידישער מדינה, — לאמיר עס געדענקען.

אונזער באוועגונג איז לויט איר עצם מהות די באוועגונג פון דער אידישער מדינה. וויפיל מיר זאלן נישט האבן געלערנט און געירשנט ביי אחד־העם'ן מוז מען זאגן, אז נישט דער אידעאל פון א «מרכז רוחני», פון א גייסטיגן צענטער פארן פאלק האט אונז געבראכט צום חלוצישן לעבן נאר די וויזיע פון אריבערפירן דאס אידישע פאלק קיין ארץ־ישראל, — די וויזיע פון א נייעם יציאת מצרים. עס איז דאך א פאקט, וואס מען קען נישט לייקענען: די אלע קרייזן, וועלכע האבן זיך דעקלארירט אלס «תלמידים» פון אחד־העם, זיינען נישט געקומען צום חלוצישן לעבן.

דער איצטיגער ויכוח צווישן אונז איז וועגן דער פאָליטישער געגנווארט, וועגן דער אָפּשאצונג פון דער לאגע אזוי ווי זי איז. אין דער זאך גיי איך זיך פונאנדער מיט א סך חברים.

לאָמיר זיך נישט מאכן גרינג אויפן הארצן

מען וועט אפשר איינזען אין מיינע רייד א שוואכקייט, א מין געבן

געווער דעם אנדערן צד אין די הענט אריין, אבער איך וואָלט נישט וועלן איבערלאָזן אפילו איין אומקלאָרן פונקט אין דעם ענין. איך האב נישט מורא מודה צו זיין, אז איך געהער נישט צו יענע, וועלכע דערקלערן זיך אלס געגנער פונם חלוקה־געדאנק ביי וואס פאר־א באדינגונגען, פארמען און פרייז ער זאל נישט צושטאנדקומען. ניין, דאס זאג איך נישט. אמת, מיר זיינען שוין נישט קיין איגנארירבארע גרופע, אבער מיר זיינען נישט אזא כוח, וואס זאל גאר נישט וועלן זען מחוץ פון זיך. מיר זיינען נישט די איינצלנע אינם שפיל פון כוחות. עס טרעפט אויך ביי שטארקע פעלקער, אז זיי מוזן זיך אונטערגעבן. עס זיינען פאראן לאגעס אָן אַן אויסוועג, אמאָל מאכט זיך א נויטווענדיגקייט אָפּצוטרעטן, עס קען אמאָל זיין א מוז צו מאכן א פשרה מיטן שונא, איך געהער נישט צו די וואס שליסן אויס יעטוועדע פשרה אינם פּאָליטישן לעבן. עס קען אפילו מעגלעך זיין א קאפיטולאציע אין א מצב פון לית־ברירה. אבער קודם כל וויל איך, מיר זאלן קוקן דעם אמת אין פנים אריין. כדי א לית־ברירהדיגע פשרה זאל נישט ווערן קיין שטענ־דיג אומגליק, איז נויטיג מיר זאלן וויסן, אז עס איז א פשרה. כדי אן אויפגעצוואונגען אונטערגעבן־זיך זאל נישט פארוואנדעלט ווערן אין א פול־שטענדיגע מפלה, איז נויטיג מיר זאלן וויסן, אז מיר האבן זיך אונטערגע־געבן. אבער בשעת דו זעסט ווי א פשרה ווערט אויסגעטייטשט אלס גערנ־וויליגע דערגרייכונג און דאס אונטערגעבן זיך — אלס גלענצענדער זיג, מוזטו א טראכט טון: אפשר איז גאָר קיין נויטווענדיגקייט נישטאָ, און נאר ווייל מיר זעען פאלש און ווערן געלאָקט דורך א צויבער, מארשירן מיר צו א תהום און מיינען, אז מיר גייען ארויף אויף א בריק.

ווען א באוועגונג ווערט אויפגעפאָדערט מוותר צו זיין אויף געוויסע רעכט אדער האָפנונגען אירע, מוז זי צוליב זיך אליין וויסן גענוי און קלאָר, — אויף וואס זי איז מוותר. און אויב די באוועגונג פארמאָגט געזונטע חושים, וועט זי דידאזיגע ויתורים, — אפילו ווען זיי זיינען אומבאדינגט נויטיג, — טיף און שמערצלעך דורכווייטאָגן. אבער אויב מיר מאכן צו קליינגעלט די ויתורים כדי זיך פשוט גרינגער צו מאכן, הייסט עס אז מיר בארויבן זיך זעלבסט און צום מאטעריעלן ויתור גיבן מיר נאך צו זעלבסטאָפּנארעריי.

לאָמיר אָננעמען, אז די חלוקה איז פארבונדן מיט א פלאן פון א ממשות־דיגער אידישער מדינה, לאמיר אננעמען, אז די חלוקה איז די בעסטע פון אלע מעגלעכקייטן, וואס מיר האבן, — מעג מען דען דעריבער זיך צוגעוואוינען צום געדאנק, אז מיר האבן גאָר נישט פארלוירן און מען האט ביי אונז גאָר־נישט צוגענומען? ווען מען הערט זיך צו וויאזוי א סך פון אונזערע פריינט פירן דעם ויכוח, קומט אויס, אז די קעניגלעכע קאמיסיע האט אונז געטון א גרויסע טובה, וואס זי האט ארויסגענומען פונם רשות פון דער אידישער מדינה אלץ וואס איז איבעריג און נוצלאָז און פארנעמט גלאט אן אָרט. און דאגעגן האט זי אונז איבערגעלאָזט נאר דאס וואס איז גוט און שיין און העלפט־מיט אונזער קבוץ גלויות: אלץ, וואס מען האט אויסגעשלאסן פון אונזער פראָיעקטירטן שטח איז דורכאויס פעלז און שטיין און וויסטעניש; די בערג — זיינען מיר דען בכוח צו קאלאניזירן בערג? דער נגב — זיינען מיר דען שוין זיכער, אז דער נגב לאזט זיך קאלאניזירן? ירושלים — האט

דען ירושלים אויסזיכטן צו ווערן א אינדוסטריע־צענטער און אָן אויפנעם־ארט פאר נייער עליה? דערדאזיגער «ביטול היש» איז ביי אונז אויפגעקומען אינם פארלויף פון דער חלוקה־פּאָלעמיק, כדי צוגענגלעכער צו מאכן דעם ענין חלוקה, כדי ארויסצוציען פון דעם ענין די הארבקייט און איבערלאזן בלויז די זיסקייט.

זאלן מיר די חברים, וואס פירן דעם ויכוח מיט אזעלכע און ענלעכע ארגומענטן, מוחל זיין אויב איך בין זיי א ביסל חושד, אז זיי זיינען נישט גאנץ אויפריכטיג אין דידאזיגע רייד און זיי ווערן געטריבן דערצו נאר דורך דעם פאלעמישן שטרייט־אינסטינקט. עס וואלט געווען זייער טרויעריג פאר אונז אלעמען, ווען אונזערע מענטשן, — וועלכע פארגיסן מיט ליבע זייער שווייס אויף יעדן פעלז און יעדן זומפּ, — וואלטן אינדעראמתן געקענט מיט אזא לייכטקייט זיך אָפּזאגן פון זייער טיפסטער שטרעבונג, פון זייער לעבנס־ווערק. איך בין גאנץ זיכער, אז ווען נאך די אלע רייד זאל דיזעלבע מענטשן געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו באקומען יענע ערטער, וואס «ווירקן» דא היינט אין ויכוח, — ווען מען זאל זיי דערמעגלעכן ארויף אויף די בערג אדער אוועקצולאזן זיך אין נגב, וועלן זיי נישט זיין קיין איבערקלייבערס. אדרבה, זיי וועלן עס טון מיט פרייד און געזאנג און זיי וועלן נאך, ווי דער מנהג איז ביי אנשי שלומנו, אנטפלעקן, אז גראָד דאס אָרט, וואו זיי געפינען זיך, עפּנט פונאנדער גייע האריזאָנטן, און אויפלעבן דאס ארט הייסט מקיים זיין דאס העכסטע חלוצישע געבאָט. אבער כאָטש איך בין חושד די חברים, וועלכע האבן פלוצלינג, אין איין העלן טאג, גענומען מעסטן די ערד פון ארץ־ישראל מיטן מאסשטאב פון א האָמאָ עקאנאמיקוס, אז דידאזיגע רייד זייערע קומען נישט פון הארצן נאר בלויז פון פּאָלעמישן מויל, — טוט ווייי פונדעסטוועגן די רייד צו הערן: פונוואנען קומט צו אונז אזא גרינג־פּאלע־מישע ויתורדיגקייט לגבי דעם וואס נעכטן און אייערנעכטן איז עס נאך געווען אן אומאָפּרייסבארער טייל פון אונזערע פלענער און אויסזיכטן? פארוואס זיינען מיר גרייט מבטל צו זיין און מאכן צונישט דאס ביסל וואס מיר פארמאגן, באלד ווי מען זאגט אונז, אז מיר וועלן עס נישט באקומען אדער ווי עס דוכט זיך אונז אויס, אז מיר האבן עס שוין נישט? און אויב אפילו מיר האבן ביז איצט געלעבט אין טעות, — איז אזוי גרינג דאס שיידן זיך?

וואס איז רעאל און וואָס איז פאנטאזיע

מען האט מיר געזאגט: דו רעדסט וועגן ביטול „היש", וועגן שיידן זיך מיט א „יש", — עס רעדט זיך דען וועגן א פאראנענעם, ממשותדיגן יש? מיר זיינען דאך בלויז מבטל א „יש", וועלכן מיר פארמאָגן נישט און ס'איז נישטאָ קיין האפענונג, אז מיר זאלן אים יאָ פארמאגן; מיר שיידן זיך דאך בלויז מיט א „יש" פון דער פאנטאזיע.

לאמיר אויף איין מאָמענט אָננעמען, אז אזוי איז עס טאקע, אז דער חלוקה־פּראיעקט, — פון דער קעניגלעכער קאמיסיע אדער אן אנדערער, — דירט נישט אָן קיין שום רעאלן „יש" און ער לאזט איבער ביי אונז אלץ וואס מיר פארמאָגן ממשותדיג. לאמיר אזוי אננעמען. אבער קען דען א באוועגונג ווי אונזערע מעסטן איר פאראנענעם און באשערטן „יש" מיט דער מאס פונם „רעאלן" אליין? פונוואנען האט זיך גענומען אונזער

„ממשותדיגער יש“, — צי דען נישט פונם „נישט־ממשותדיגן?“ דעם רעאלן פאראנענעם „יש“ האבן מיר דאך דערגרייכט און דעראָבערט נאר אדאנק דעם, וואס מיר האבן נישט מותר געווען, נישט געוואלט מותר זיין, נישט געקענט מותר זיין אויף יענעם נישט־רעאלן יש, וואס האלט זיך אויף אין אונזער זכרון.

לאמיר זיך פרעגן: וואס איז אזוינס אונזער ליבע צו אונזער היימלאנד, צו ארץ־ישראל? איז עס דען דער „ממשות׳דיגער“ צובונד צו דער ערד, אויף וועלכער מיר האבן געטרעטן פון קינדווייז־אָן, איז עס דען א ליבע צו די בלומען, וואס האבן געצערטלט אונזער בליק, — צו דער לופט, וואס מיר האבן איינגעאָטעמט, — צום לאנדשאפט, אין וועלכן מיר האבן זיך געהאָדעוועט, — צום זון־אונטערגאנג, וואס איז אונז פארבליבן אין זכרון פון אמאל? ניין, נישט דאס איז עס. דאס פלאַכלאנד, אין וועלכן מיר האבן געלעבט, איז פארשטויסן געווארן דורך די „הרי־יהודה“; די בלום, וואס מיר האבן געהאלטן אין האנט — דורך דער „חבצלת השרון“ און די וואלד־לופט, וועלכע מיר האבן איינגעאטעמט — דורך „חיי נשמות — אויר ארצך“ (די מחיה־נפשותדיגע לופט פון דיין היימאט). וואס אין געטרוימטן היימלאנד. איז עס דען נישט געווען אַן אייגנארטיגע היימלאנד־ליבע, א ליבע צו א היימלאנד פון בוך, פון זכרון, — א ליבע צו א נישט־ממשותדיג היימלאנד?

בייראן האט זיך מוסר נפש געווען פאר דער גריכישער פרייהייט, איז עס דען געווען צוליב דעם, ווייל דער דאמאָלסדיגער גריכישער קרעמער האט באריהרט די סטרונעס פון זיין נשמה? ניין. בייראן וואלט נישט געקומען צו זיין טאט, ווען נישט די פארערונג פונם אלטן גריכנלאנד, ווען נישט די קלאסישע דערציאונג, וועלכע ער האָט — ווי אלע „וואוילגעבוירענע“ — באקומען. אבער ביי אידן האט נישט נאר א „וואוילגעבוירענער“ באקומען קלאסישע דערציאונג. יעדעס אידיש קינד האט במשך לאנגע דורות באקומען זיין קלאסישע דערציאונג. אָט־אָ די דור־דורותדיגע דערציאונג האט ביי אונז אויפגעהאלטן דעם אָנדענק פון פארלוירענעם היימלאנד און נישט דערלאזט עס זאל אויך פסיכיש פארלוירן גיין. משה העס האט שוין פארגליכן דעמדאזיגן אָנדענק, וועלכער זעט אויס צייטנווייז ווי פארשלעפערט אדער פארבאלזאמירט, צו דער צוניפגעוויקלטער און לעבנסלאָזער יריחו־רויז, וועלכע בליט אויף ביים דערשפירן וואסער. אזוי איז עס אויך געשען ביי אונז, ווי באלד עס האט געשלאגן די היסטארישע שעה (פון ווילן אדער פון צוואנג), איז דאס טרוים־היימלאנד געווארן א גרויסער, לעבעדיגער כוח, וואס פירט אונז צו שאפן דאס רעאלע, ממשותדיגע היימלאנד. יאָ, נישט אומזיסט האבן מיר אזוי לאנג געהאלטן אין אונזער זכרון פארשידענע אבסטראקטע נעמען — געוויסע האבן געלאָקט און געצויגן און אנדערע האבן אויסגעזען מאָדנע און פרעמד — וואס צייטנווייז האבן מיר געווּ זייער טייטש נישט פארשטאנען אזוי ווי מיר האבן נישט געוואוסט קלאָר זייער געאָגראפיש אָרט. זיי האבן געלעבט אין אונז און געוואַרט, מיר זאלן זיי באפרייען פון דער אבסטראקטקייט. און ווען די שעה איז געקומען — האבן זיי פון אונז פארלאנגט און געפאָדערט און געטריבן אונז צו

אָנשטרענגונגען און דעאָרבערונגען. יעדער באָדן־שטיק, וואס האט געלעבט אין אן אלטן קלאנג, האט נישט געלאזט רוען און גערופן: לייזט מיך אויס.

און פונוואנען נעמט זיך בכלל די זיכערקייט, אז דאס וואס זעט אויס איצט ווי אוממעגלעך, איז ווירקלעך פארפאלן און מיר וועלן עס שוין נישט דערגרייכן? צי האבן מיר, אפילו במשך די לעצטע יאָרן, נישט אויסגעלייזט שטחים, וועגן וועלכע מען האט אונז לאנגע לאנגע צייטן פארזיכערט, אז ס'איז נישטא קיין שום האָפנונג זיי צו באקומען? חאנקין האט שוין איין מאָל אויסגעלייזט וואדי־חוארת (עמק חפר) — מיט פינף־און־פערציג יאר צוריק, — די קניה איז דערנאך בטל געווארן און א סך יארן האט עס אויסגעזען צו זיין פארפאלן, און נאך פערציג יאר האט ער עס ווידער אויסגעלייזט, — און דער נייער עמק איז שוין באדעקט מיט אידישע ישובים. ווען סעמועל האט פונאנדערגעטיילט די בית־שאנער ערד צווישן־אראבער, — האט עס דען נישט אויסגעזען אז דאס איז שוין אויף אייביג פארפאלן? האבן דען די מאכט־אָרגאנען נישט ארויסגעגעבן פון צייט צו צייט אזעלכע פאראָרדנונגען, וואס זאלן פארפעסטיגן דעם באדן אין די הענט פון די, וואס האבן אים „זוכה״ געווען? און היינט ווערט בית־שאנער געגנד אָנגעפילט מיט אידישע פונקטן. דאגעגן דארט וואו עס זיינען אנטשטאנען פּאָליטישע מחיצות — האבן מיר דאס פארפאלענע טאקע נישט צוריק באקומען. די ברייטע שטחים, וואס חאנקין האט בשעתו דערוואָרבן אין עבר־הירדן, האבן מיר נישט ווידער־אויסגעלייזט. די באָדנס, וואס געהערן אונז אין חורן און וועלכע מיר האבן ארויסגעלאָזט פון די הענט, אין פלוג אויף א ווייל ע, האבן מיר נאך נישט צוריק באקומען, און ווער ווייסט ווען מיר וועלן זיי קענען אומקערן אין אונזער רשות. כל זמן מיר זעלבסט זיינען נישט מוותר — איז קיין זאך נישט פארפאלן.

די סכנה פון ויתורדיגקייט לויערט אויף אונז פון אינעווייניג. כל זמן מיר געפינען זיך נאך אין חוץ־לארץ לעכצט אונזער אויג נאך יעדן שטיקעלע ערד אין ארץ־ישראל, און בעת מיר זיינען שוין אין ארץ־ישראל, בינדן מיר זיך צו נאָר צו דעם וואס געפינט זיך אין אונזער רשות. ערד, וועלכע איז נישט קאלאניזירט דורך אונז זיינען מיר אין הארצן מפקיר. די הרי אפרים זיינען ביי אונז נישט דאס וואס דער עמק יזרעאל. אונזערע קינדער דער־ציען זיך צו לאקאל־פאטריאָטיזם, — תל־אביבער, ירושלימער צי נהללער, עין־חרודער און משמר־העמקער פאטריאָטיזמען. אבער קענען מיר זיך דען באג־נוגענען מיט דער ליבע צו אונזער ארץ־ישראל אָן דעם ארץ־ישראל, וואס איז נאך נישט אונזערס? לאָמיר נישט לאזן פארדארן די וואָרצלען אין אונזערע נשמות, מיר וועלן זיי נאך דארפן.

מען האט זיך אין דעם ויכוח באנוצט מיטן משל «מושע» און «מפרוז».*) דער משל איז א שיינער אָבער ער איז נישט גלייך צום נמשל. אמת, קאלא־ניזירן קען מען נאר «מפרוז»־באָדן, אבער ווען עס געלינגט אונז צו באַקומען «מפרוז», זאגן מיר זיך דערמיט נישט אָפּ פון דעם «מושע»־באדן און באמיען

*) יורידישע טערמינען פאר צוויי פאָרמען פון ערד־פארקויף אין ארץ־ישראל: «מושע» — ווען דער באָדן איז פארקויפט אבער ער איז נאך נישט אינגאנצן רעכטלעך־גרייט איבערגעגעבן צו ווערן דעם קונה; «מפרוז» — פולשטענדיג רעגולירטער פארקויף פונם באָדן.

זיך אים צו דערוועגן, — כאָטש עס איז פאַרבונדן מיט אומבאַקוועמלעכקייטן, — און פאַרוואַנדלען אים אין «מפרוז» דער הויפּט־אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס דערוועגבנדיג «מפרוז»־באַדן זאָגט מען זיך נישט אָפּ דערמיט פון קיין שום רעכט אויף אַנדערן באָדן און פון קיין שום מעגלעכקייט צו באַקומען נאָך און נאָך, אָבער גאָר אַנדערש זעט עס אויס ביי א «פּאָליטישן־מפרוז»... און אויב עמיצער געפינט־איין, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה און מען מוז מסכּים זיין אויף א «פּאָליטישן מפרוז», — טאָ זאָל ער עס נישט מאַכן גרינג, נישט זיך און נישט אַנדערע; זאָל ער לכל הפּחות וויסן, וואָס «באַקומט» ער ממשותדיג און פון וואָס ער זאָגט זיך ממשותדיג אָפּ, — אָן אָפּזאָג, וועלכן עס וועט זיין זייער שווער צו ענדערן און אויסצובעסערן.

חשדנות און פּאַרזיכטיגקייט אין פּאָליטיק

חשדנות איז א מיאוסע מידה, אָבער נישט תּמיד קען מען זי אויסמיידן. איך האָב פיינט חשדנות אין פּריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך גלויב אין צוטרוי צום מענטש. אָבער אין פּאָליטישן לעבן איז גאָר אַנדערש. אין די פאַרהעלטנישן צווישן לענדער און קלאַסן עקזיסטירט אַן אַנדער מאָראַל. אַן אַנדער מאָסשטאַב פון אָנשטענדיגקייט. דעריבער איז אויף דעם געביט נויטיג זיך צו פירן לויטן אַלטן כּלל: «כּבדהו וחשדהו» — באַציזיך מיט ערע און זיי חושד. און אָפּט דאַרף גראָד דער שטאַרקסטער און געערטסטער זיין אויך דער פאַרדעכטיגסטער. מיר, וואָס זיינען נישט שטאַרק און נישט געערט, דאַרפן דורכאויס זיין זייער פּאָרזיכטיג.

«זיי חושד» אין פּאָליטישער הינזיכט הייסט נישט, אַז דו זאָלסט צושרייבן דעם אַנדערן צד דווקא שלעכטע כּוונות. קענסט דורך אים האָבן א שאָדן אפילו ווען יענער איז נישט אויסן דיר שלעכטס צו טון. אדרבא, עס קען טרעפן, ער זאָל אפילו דיר טון גוטס און זאָל האָבן עגמת נפש הלמאי ער פאַרשאַפט דיר צער, און פונדעסטוועגן זאָל ער נישט קענען האַנדלען אַנדערש. עס קען טרעפן, אַז ער געפינט זיך אַליין אין א שווערער לאַגע און כּדי צו היטן דאָס אייגענע לייב האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט ווי נאָר מפקיר צו זין דיינס. סוף־כּל־סוף איז דאָס אייגענע לייב נענטער.

און «זיי פּאָרזיכטיג» איז פּאָליטיש דער טייטש: ווער נישט צעגאַנגען פון גוטע רייד און גוטע כּוונות, און בוי נישט אויף זיי קיין שלעסער און טורעמס. הער זיך גוט צו צו דעם וואָס מען זאָגט דיר — און נישט בלויז צו דעם וואָס דיין האַרץ באַגערט צו הערן — און זאָרג דערפאַר, מען זאָל דיך נישט אָפּנאַרן. האָב נישט קיין לאַנגע צונג, זידל נישט, זיי העפלעך, זיי דאַנקבאַר, — נאָר ווען מען גיט דיר א וועקסל, קוק־נאָך צי ער האָט דעקונג. לערן זיך אויס אונטערצושיידן צווישן א ממשותדיגער נתינה און צווישן א שיינעם צוזאָג. זאָלסט אויך א צוזאָג נישט גרינגשעצן, אָבער קאָנטראָליר נאָך וואָס פאַר־א פּניהלע ער איז אויסן.

צוטרוי איז א שיינע מידה. מיר ווילן האָבן צוטרוי, און מיר האָפן אויף צוטרוי צו אונז פאַר אונזער צוטרוי צו אַנדערע, — מען טאָר אָבער נישט איבערטרייבן מיט צוטרוי ביז לייכטזיניגקייט.

ביי אונז איז פאַראַן אַן אינערלעכע באַדערפעניש אַריינצוטייטשן אין

צו זאָגן, וואס מען גיט אונז, מער וויפיל אין זיי איז באמת פאראן. און אָפט ווילט זיך אונז פארזען גראָד דאס, וואס זיי אנטהאלטן יאָ. מיר ווילן זיך באגנוגענען מיט דער פּאָעזיע פון א שיינער שורה נישט דערגראָבנדיג זיך צו איר מיאוסער פראזע. עס איז נאך פריש אין זכרון די באלפור־דעקלאראציע,—וואס מיר האבן אין איר געלייענט און וואס אין איר איז איינ־דעראמתן געווען. די טענדענץ זי מבטל צו זיין אדער צונישט־מאכן האט זיך ארויסגעוויזן באלד צומאָרגנס אויב נישט תיכף ווי זי איז געגעבן געווארן. אויב די באלפור־דעקלאראציע איז שוין פון לאנג נישט בטל געווארן איז עס נאָר דערפאר ווייל מען קען דאך אונז נישט לחלוטין מבטל זיין. פון איר ערשטער מינוט אָן איז די דעקלאראציע געהאָנגען אויף א האָר און ביז דעם מאָמענט ווען דער מאנדאט איז באשטעטיגט געווארן האט די האָר א סך מאל זיך געהאלטן ביים איבערייסן. מיר האבן זיך אזוי געפרייט מיט דער פראקלאמירונג, אז ענגלאנד וועט זיך באציען מיט סימפאטיע צום אויפבוי פון א אידישער נאציאָנאלער היים אין ארץ־ישראל, ביז מיר האבן פארגעסן פרעגן, צי באדייט עס אויך א פרייע אידישע עליה אדער נישט. און ווען דער מאנדאט איז באשטעטיגט געווארן האבן מיר זיך אזוי געפרייט דערמיט, וואס אין זיין הקדמה רעדט זיך וועגן היסטאָרישן צוזאמענבונד פון אידן מיט ארץ־ישראל און וועגן אויפבויען «פונדאָסניי» אונזער נאציאנאלע היים, אז מיר האבן קיין סך נישט באַכגעפרעגט אויף וויפיל ווען אונז די מאנדאט־פאראגראפן פארזיכערן — נישט פריווילעגיעס, חלילה, נאר די מעגלעכקייט פון עליה און קאָלאָניזאַציע. מיר זיינען תמיד נוטה געווען אריינצופאלן אין התלהבות פונם גלאנץ פון א שיין וואָרט, וואס לאזט זיך טייטשן ווי אונז ווילט זיך, — איידער אויסצופאָרשן דעם פּראָזאַאישן אינהאלט פון דעמדאָזיגן וואָרט.

איך האב מורא, אז אויך איצט גיבן מיר זיך ווייניגער אָפּ מיט גענוי שטודירן דעם אינהאלט פונם חלוקה־פּראָיעקט און זיינע מעגלעכקייטן, און מיר ווערן געלאָקט פונם צויבערנדן טרוים פון א אידישער מדינה.

די «חלוקה» באפרייט אונז נישט פון דער אראבישער פראגע

לאָמיר אונזערע פאדערונגען צו דער אידישער מדינה באשרענקען אויפן מינימום, אויף צוויי: א) רעגולירונג פון אונזערע באציאונגען מיט די אראבער דורך דער ליקווידירונג פונם איצטיגן מצב, ב) די זעלבסטשטענדיגקייטס־מאָס פון דער מדינה.

ווען מיר וואָלטן געקענט דערגרייכן דאס ערשטע — שלום מיט די אראבער, וואס געפינען זיך צוזאמען מיט אונז און מיט די פון אויסער אונזערע גרעניצן, א מין נישט־אָנגריפס־אָפּמאך פון דרויסן און א לאיאליטעטס־פארזיכערונג אינעווייניג, — וואָלט געלוינט צו באצאלן דערפאר א הויכן פרייז. איך האב קיין מורא נישט צו זאגן: דער פרייז וואָלט געמעגט זיין אפילו ביז אָפּרייסן דאס, וואס קומט אונז לויט אונזער מיינונג, — אפילו ביז א באשטימטער איינשרענקונג פון אונזער טעטיגקייטס־ און עקספּאנסיע־געביט. מיר טאָרן נישט פארגעסן קיין איין מאמענט, אז יעדע מלחמה קאָסט טייער, און קיין שום מלחמה אין אונזערע צייטן גאראנטירט נישט דעם זיג וואָרום אויך דער זיגער איז נישט זיכער צו ער וועט שניידן די פרוכט פון זיין נצחון, — און איידער צו צאָלן דעם מלחמה־פרייז איז גלייכער צו צאָלן

א פרייז פאר שלום און נישט געשטערטער ארבעט. וואָלט־זשע דער חלוקה־פּראָיעקט אַנטשטאַנען פון א געגנזייטיגער פארשטענדיגונג וואָלט דאס געווען א פאראנטפערונג פאר געוויסע באגרעניצונגען און אײנשרענקונגען, וואס ער שאפט פאר אונזער געגנווארט און צוקונפט. אבער די לאגע איז אַן אנדערע, א פארקערטע. אויב די חלוקה וועט צושטאַנדקומען, וועט עס געשען טראָץ דעם עקשנותדיגן ווידערשטאַנד פון די אראבער און ביי זייער פעסטן אנט־שלוס חרוב צו מאַכן אונזער מדינה, וועלכע זיי וועלן באטראכטן אלס זייער אירידענטא, וואָס מען דארף זי באהערשן, מיט וואס פאר־א מיטלען עס וועט זיך נאר לאזן. דאס באדייט: שנאה, קנאה און פארכאפונגס־פרווון פון דרויסן; סאבאָטאזש און אונטערגראבונג אינעווייניג. אויב מען וועט נאך דערצו צו־געבן, אז אונזער שכנותדיג־אראבישע מדינה וועט זיין פארבונדן מיט אירע שכנות, די זעלבסטשטענדיגע אראבישע מדינות, וועלן זיי צוזאמען — מיט דער הילף פון די אראבער, וואס וועלן פארבלייבן ביי אונז אין ארץ־ישראל — בילדן א געניגנדן כוח צו צעטרייסלען אונזער עקזיסטענץ. די חלוקה באפרייט אונז נישט פון דער «אראבישער פראגע», — אזוי ווי דאס אָפּ־רייסן דעם עבר הירדן האט אונז נישט באפרייט, — נאר זי וואנדלט זי איבער אין אנדערע פאָרמען, אין נייע, אפשר הארבערע, קאמפּליצירונגען פון אונזערע געגנזייטיגע באציאונגען.

זעלבסטשטענדיגקייט און גזרות צוזאמען

און וואס וועט זיין אונזער זעלבסטשטענדיגקייטס־מאָס? לאָמיר זיך נישט מאכן קיין אילוזיעס. מיר וועלן אפשר פּטור ווערן פונם יאָך פון פרעמדן פּאָליציאנט און קליינעם באאמטן, אבער אינם איבעריגן וועלן מיר בלייבן אונטערווארפן פרעמדע אזוי ווי ביז איצט און פּאָליטיש פארפלאָנ־טערט מער ווי ביז איצט.

עס איז א טעות צו מיינען, אז מען האט אונז געגעבן צום אויסוויילן צוויי פאָרשלאָגן: אדער חלוקה אדער בלייבן ביים איצט פאראנענעם. אי ב־ ד ע ר א מ ת ן ד ע ר ל א נ ג ט מ ע ן א ו נ ז ב י י ד ע ז א כ ן צ ו ז א מ ע ן.

בעת דער דעבאטע אין לאָרדן־הויז, דעם 20 טן יולי 1937, האט מאר־קיז אף דופרין וואווע געזאָגט אין נאמען פון דער רעגירונג: «און וואס שייך דער אידישער עליה איז די קאמיסיע געקומען צום אויספיר, אז דער מאָסשטאב פון עקאנאמישער אויפנעם־פעאיגקייט, לויט וועלכן די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט און די פאלעסטינישע אדמיניסטראציע האבן זיך באמיט זי צו רעגולירן, איז נישט געניגנד. אויף ווייטער וועט מען מוזן נעמען אין אכט נישט בלויז די עקאָנאמישע אויסרעכענונגען נאר אויך פּאָליטישע, גע־זעלשאפטלעכע און פסיכאלאגישע מאָטיוון, כדי מיר זאלן קענען גערעכט דערפילן אונזערע טאָפּלטע פארפליכטונגען אין פאלעסטינע».

אויב אין דעמזעלבן מאָמענט, ווען מען «דערלאנגט» אונז א זעלבסט־שטענדיגע מדינה און מען פארזיכערט אונז פולע פרייהייט פון עליה און קאָלאָניזאציע, נעמט מען צו ביי אונז אונזער ממשותדיג הויפּט־רעכט אין ארץ־ישראל — די רעכט אויף עליה, וועלכע מעג רעגולירט ווערן נאר דורך אַן עקאָנאמישן מאָסשטאב אליין — און מען גרייט צו פאר אונז גזרות אויף אונזער עלעמענטארסטן בירגער־רעכט אין לאנד — די רעכט צו קויפן

באדן, מוזן מיר דאָך שטעלן די פראגע: וואס פאר־אַ סאָרט מדינה איז דאס די, וואס מען לייגט אונז פאָר ביי א ז ע ל כ ע ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן? וואס זיינען די פּאָליטישע מאָטיוון פון אירע דערלאנגער״

ווער זיינען די טאטעם פונם חלוקה־פּלאַן

איך ווייס, אז פּאָליטישע היפּאָטעזן זיינען א זייער שוואכער יסוד צו בויען אויף זיי פּאָליטישע אויספירן, איך ווייס אויך אז מיר דארפן זיך דערווייטערן ווי ווייט מעגלעך פון פּאָליטיש־פּסיכאלאגישע דערקלערונגען, — אָבער ווען מען שטויסט זיך אָן אָן א סתירה, וואס שטעכט ממש די אויגן, קען מען דאך נישט נישט פרעגן: סטייטש?

מיר טאָרן נישט פארזען דעם פאק סתירות, וואס הויפט זיך אָן פאר אונז: לאנגע יארן נאָכאנאנד האבן די שליחים פון דער מאנדאט־רעגירונג (שאו סימפּסאן, פּרענטש) געטענהט ג ע ג ן אונז און זייערע רייד האבן זיך געלאָזט הערן אין דער בריטישער עפנטלעכער מיינונג. אפילו אונזערע פריינט אין ענגלאנד האבן נישט מסכים געווען מיט אונז אינם הויפּט־פּונקט פון די דערמאָנטע טענות: מיר פארטרייבן די אראבער פון זייער ערד. און אָט קומט א בריטישע קעניגלעכע קאמיסיע און לייגט אונז פאר צו פאר־טרייבן פון ארץ־ישראל 100.000 אראבער! ביז נישט לאנג צוריק זיינען רייד וועגן א אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל געווען אזוי ווי איבער־געכאפּט די מאָס, און יעדעס וואָרט וועגן א אידישער מדינה איז שוין געווען גאָר טרייף, — און פּלוצים, מיט איין פעדער־שמיר ווערט עס אלץ געזאָגט אפיציעל, מיט א מלוכה־שטעמפּל. איז עס נישט קשהדיג?

און נאך עפּעס איז אומפארשטענדלעך: די בריטישע רעגירונג איז פארזאָרגט און פארדאגהט צוליב דעם אידיש־אראבישן סכסוך. עס וועט נישט זיין קיין סוד און קיין רכילות אויב מיר וועלן זאגן, אז די קעניגלעכע־קאמיסיע איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל נישט גראָד אונז צו בארואיגן און צו געפינען א פאסיגע לעזונג פאר דער פארווירקלעכונג פונם ציוניזם נאָר אביסל אויך כדי צו בארואיגן די אראבער. אלס פועל יוצא דערפון האט די קאמיסיע געבראכט און די רעגירונג האט אָנגענומען א זייער דרייסטן, א סאמע ווייטגייענדן פּאָרשלאג. דארף מען דאָך פרעגן: לאָמיר אָננעמען, אז ס׳איז טאקע געפונען געוואָרן א גוטע לעזונג, וואס וועט באפרידיגן די אידן. זיי וועלן זיצן רואיג און גליקליך אין זייער מדינה. אָבער איז דען דידאָזיגע לעזונג בכוח צו בארואיגן אויך די אראבער? איז דען די ברי־טישע רעגירונג פריי פון אָט דער זאָרג?

פונדאנען אנטשטייט נאך א פראגע: ווער איז עס געווען דער שע־פער פונם חלוקה־געדאנק? איז עס טאקע א ציוניסטישער איינפאל? און איז דער פלאן טאקע אויסן א ציוניסטישע לעזונג?

אמת, אביגדור יאקאָבסאָן, עליו השלום, איז געווען דער ערשטער וואס האט ארויסגעבראכט דעם געדאנק פון א אידישער מדינה אויפן יסוד פון צעטיילן ארץ־ישראל, און קיינער פון אונז האט עס נישט אויפגענומען. יעדנפאלס לאָזט זיך נישט משער זיין, אז די ענגלענדער האבן געלייענט יאקאָבסאָנס געהיימען מעמאָראנדום און זיי האבן אויפגענומען זיין געדאנק־

וועגן א פלאַן, וואָס איז ענלעך צום חלוקה־פּראָיעקט, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט פון באַקאַנטן הער קאָסט, האַרט פאַרן אָפּפאָר פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע. ער האָט שוין דאַן באַוויזן אַביסל צו ענדערן זיין קאָנטאָנ־ביזאַציע־פּראָיעקט אין דער ריכטונג פון סוּווערעניטעט פאַר ביידע צדדים.

דער ערשטער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אין „טיימס" א פאָרשלאָג צו צעטיילן דאָס לאַנד אויף צוויי מדינות, איז געווען לאָרד ווינטערטאָן, דער פריינט פון די אַראַבישע פירער. זיין פאָרשלאָג האָט זיך אונז געלייגט גיכער אויפן שכל ווי דער פאָרשלאָג פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע. ער האָט גע־זען די לעזונג פונם פּראָבלעם אין געבן זעלבסטשטענדיקייט דעם עבר הירדן, און דאָס גאַנצע מערבדיקע ארץ־ישראל — איבערגעבן אונז. לאָרד ווינטערטאָן, וועלכער פלעגט געוויינטלעך אַרויסטרעטן אין פּאַרלאַמענט מיט א קריטיק פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, איז קאָאָפּטירט געוואָרן צו טשעמבערלענס נייעם מיניסטאַרן־קאַבינעט און אין דער דעבאַטע וועגן חלוקה־פּלאַן אין פּאַרלאַמענט האָט ער אונטערשטיצט אָרמס־בי גאָר׳ן.

די פּראָ־אַראַבישע קרייזן אין ענגלאַנד — ביז און מיט פילבי׳ן — האָבן דעם חלוקה־פּלאַן אויפגענומען מיט צופרידנהייט. זיי האָבן געמיינט, אַז די אַראַבער וועלן אים אויפכאַפּן מיט ביידע הענט און די אידן וועלן זיין געגן אָדער זיך קווענקלען. די פריינט פון אידן, אין ענגלאַנד, האָבן דעם פאָר־שלאָג אויפגענומען מיט אומווילן, מיט אומצופרידנקייט, מיטן געפיל אַז אידן ווערט דאָ אָפּגעטאָן אן עוולה.

די רעגירונג האָט אַדאָפּטירט דעם קאָמיסיע־פּלאַן אַלס איר אייגע־נעם. זי האָט אים אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט ווי אן ענין, וואָס איז פאַרבונדן מיט צוטרוי אָדער אומצוטרוי דער רעגירונג. זי האָט אויסגע־נוצט א דרוק אויף איר פּאַרטיי. זי האָט זיך דערשפּירט אין דער קלעם, ווען דער פּאַרלאַמענט און די בעסטע פון אונזערע פריינט האָבן זי אָנגע־גריפן מיט א שאַרפער דעבאַטע. זי האָט מסכים געווען אויף א פּשרה אין דער פאָרמולירונג אָבער נישט אין עצם ענין. די גאַנצע אויפפירונג פון דער רעגירונג אין דער פראַגע זאָגט עדות: זי איז זייער פּאַראינטערע־סירט אין דעם פּלאַן.

צי באַווייזט נישט דאָס אַלץ, אַז דער חלוקה־פּלאַן איז אַנטשטאַנען נישט ווי א „נס" פון הימל, ווי א וואוילע מתנה כדי מיר זאָלן קענען פאַר־ווירקלעכן דאָס וואָס מיר האָבן נישט געקענט פאַרווירקלעכן אונטערן שוץ פון מאַנדאַט, — נאָר דערפאַר ווייל ער איז פּאַסיק און אַנטשפּרעכענד פון אן אַלגעמיינערן שטאַנדפּונקט, פונם שטאַנדפּונקט פון ענגלאַנדס אינטערעסן אין נאָענטן מזרח?

די פּאַן־אַראַבישע טענדענץ אין דער בריטישער פּאָליטיק

ביים שלום פונם באַריכט פון דער קעניגלעכע־קאָמיסיע, וואו עס ווערן אויסגערעכנט די מעלות פונם חלוקה־פּלאַן פאַר די אַראַבער, ווערט באַ־צייכנט אַלס ערשטע מעלה: צוזאַמענאַרבעט מיט די שכנותדיקע לענדער „לטובת דער איינינקייט און פּראָגרעסירונג פון די אַראַבישע פעלקער". מיר

דוכט, אז דאס איז דער אויסגאנגס־פונקט פארן חלוקה־פלאן, נישט גראָד פון אראבישן נאר פון ענגלישן שטאנדפונקט.

עס איז מיר נישט קלאר צי עס וועט און וויאזוי וועט אין דער נאָענטער תקופה געשאפן ווערן די אראבישע פעדעראציע. עס איז מיר נישט קלאָר ווי אזוי וועלן דורכקומען צווישן זיך איבן סעוד און דער מלך גאזי און עבדאללה און די סירישע פירער און דער מופטי, און ווי אזוי וועלן צווישן זיך דורכקומען ענגלאנד מיט פראנקרייך,—אבער איינס איז שוין לאנג קלאָר געווארן, אז דער טרוים וועגן אַן אראבישע פעדעראציע איז דער ליבלינגס־געדאנק פון דער בריטישער אימפעריע. און אז א דאנק פארשידענע אומשטאַנדן האט זיך אין דער אימפעריע, געשטארקט דער ווילן צוצואיילן די אייניגונג פון די אראבישע פעלקער. פאראן אזעלכע, וואס באטראכטן דעם פאן־אראבישן טרוים נישט ווי איינע פון א סך אידעען אין דער וועלט (וואס זייער צוקונפט איז פארבאָרגן אין די פאלדן פון א לאנג־דויערנדן און פארוויקלטן היסטארישן פראָצעס און זייער גורל וועט אנטשידן ווערן לויט די אינערלעכע פאָטענציעלע כוחות פון די טרעגער פון דער אידעע און לויט אלוועלטלעכע אומשטאנדן, וועלכע מיר קענען איצט ניט פאראויסזען), נאר ווי א זיכערע און באשטימטע דערשיינונג, וועלכע ווערט געטראָגן אויף כוואַליעס פון דער פאָרקומענדער רעוואָלוציע, — און נאָר א דאנק די אינטריגעס פון היינט־מעכטיגן אימפעריאליזם ווערט אָפגעהאלטן איר ענדגילטיגער אָנקום. אויך צווישן אונז געפינען זיך זיכער אזעלכע, וואס זעען די אנטשטייאונג פון א פאן־אראַבישע פעדעראציע דורך די בלויעברילן פון רעוואָלוציאנערער ראָמאנטיק, און אפשר וועט עס קלינגען ווי א חילול הקודש אויב איך וועל דערמאָנען, אז די בריטישע אימפעריע גופא האט דורך אירע טרוימער און סטראטעגן און מיט איר געלט און כלי זין און מיליטער פונאנדערגעבלאָזן דעם אראבישן אויפשטאנד. און זי גופא האט — דירעקט צי אומדירעקט — געשאפן די אראבישע מדינות, און זי האלט ווייטער אונטער דעם טרוים פון פאראייניגן די אראבישע פעלקער.

די אראבישע פירערשאפט איז נישט תמיד טריי געווען איר פארזאָרגער, און ס'איז געווען א צייט ווען זי האט זיך געלאָזט ציען קיין מאסקווע אזוי ווי זי ציט זיך איצט נאך שטארקער צו מוסאליני. אבער אָט די ליבעלייען זיינען נאר עלול צו פארשטארקן אין דער אימפעריע די איבערצייגונג, אז זי טאָר נישט דערלאָזן — פרעמדע זאלן געניסן די פרוכט פונם צויבער־לאָזונג, און זי אליין דארף צואיילן און ברענגען די גאולה און אייניגונג פאר דער אראבישער וועלט.

עס לאָזט זיך אויך משער זיין, אז אינצווישן זיינען געשען עטלעכע זאכן, וואס מאכן דעם ענין דרינגענד. דער קאָמאינטערן האט זיך געמיט און געזייעט אבער נישט געשניטן — געשניטן האט מוסאליני. און מוסאליניס דערפאלג ביי דער אראבישער־פירערשאפט, אָנהויבנדיג פון שכיב־ארסעלאן און דעם מופטי בשעת דער אביסינישער מלחמה ביז די אראבישע ראדיא־זענדונגען פון בארי און די אומרוען אין ארץ־ישראל, נאָך היטלערס אגיטאציע אין די אראבישע לענדער, נאך פארשידענע אינערלעכע קאמפליקאציעס, וועלכע זיינען אונז נישט געגוג באוואוסט (דער ריוואליטעט־קאמף צווישן די זין

פון איבן סעוד, די ספקות צי מען קען זיך פאַרלאָזן אויף פייזולס יורש, די געשעענישן אין איראַק) און נאָכדעם ווי א סך אין־פּלוג־זיכערע פּאָזיציעס האָבן זיך א וואַקל געטון, — נאָך דעם אלעם איז, מעגליך, געוואַקסן די באַ־דערפעניש פון ענגלאַנד, זי זאָל דערשיינען פאַר די אַראַבער אלס די מלוכה, וואָס עפּנט פאַר זיי נייע האָריזאָנטן און וואָס באַגיטיגט אירע געטרייע פאַרבינדעטע. און ווער איז נאָך אזוי געטריי ווי עבדאַללה?

אבער יעדער פלאַן פון דעם מין שטויסט זיך אָן אָן דער עקזיסטענץ פונם מאַנדאַט און אָן דער אידישער «נאַציאָנאַלער היים». פון דעם מאַנדאַט קען מען נאָך ווי־עס־איז פּטור ווערן, אבער פון דער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע פּאַסט זיך אויך נישט אזוי גוט אריין אין דער אַראַבישער פעדע־ראַציע, איז נישט אזוי לייכט פּטור צו ווערן. יעדנפאַלס וועט א מלוכה, וואָס באַציט זיך מיט אכטונג צו אירע צוזאָגן און וועלכע האָט א סך חשבונות אין גאַר דער וועלט, אויסזוכן א פּאָזיטיווערע לייזונג: זי וועט די נאַציאָנאַלע היים רעאַליזירן אין אזא פאָרם און אין אזעלכע באַדינגונגען, אז זי זאָל נישט שטערן דער פאַרווירקלעכונג פון איר אַלגעמיינעם פלאַן. מען קען, פאַרשטייט זיך, נישט אויסשליסן פונם פלאַן דעם גאַנצן שטח, וואָס אויף אים איז חל דאָס רעכט צו שאַפן די נאַציאָנאַלע היים, — דעריבער דאַרף מען אים ווי ווייט מעגליך איינשרענקען. די מאָס פון דער איינשרענקונג הענגט אָפּ פון פאַרשידענע כוחות־פאַרהעלטנישן, פונם דרוק פון פאַרשידענע פאַקטאָרן.

איך זאָג לכתחילה, אז אָט די אויפקלערונג מיינע איז נישט מער ווי א השערה, אבער איך קען ברענגען עטלעכע ראַיות צו באַשטעטיגן דידאָזיגע השערה. דאָס אריינפירן די אַראַבישע מלכים אין דער ארץ־ישראל־פראַגע זאָגט אויך עדות וועגן א באַשטימטע טענדענץ אין דער ענגלישער פּאָליטיק.

ווען נישט דער מאַנדאַט וואָלט מען אונז אויך דידאָזיגע פּאָליטיק נישט פאַרגעלייגט

איך האַלט נישט, אז וואָס ס'איז גוט פאַר די אַראַבער אדער פאַר די ענגלענדער איז שלעכט פאַר אונז. אדרבא, איך קען מיר פאָרשטעלן אַן אויס־וועג וואָס זאָל זיין גוט פאַר אלע דריי צדדים. אבער אונזער פּאָליטישער געדאַנקענגאַנג דאַרף פּטור ווערן פון דער סברה, אז מען גיט אונז אָן אומ־זיסטן געשענק. מיר עקזיסטירן אין ארץ־ישראל. סתם פּטור ווערן פון אונז מיט גאָרנישט קען מען נישט, — לייגט מען אונז פאַר עפּעס אלס אַנטשעדיגונג. מיר דאַרפן אבער נאָכזען וואָס איז עס אזוינס אָט די זאַך, וועלכע מען לייגט אונז פאַר. דער מאַנדאַט עקזיסטירט, צוליב געוויסע סיבות איז ער געוואָרן ענגלאַנד אומבאַקוועם. און ווייל דער מאַנדאַט עקזיסטירט לייגט מען אונז פאָר א מדינה אדער א כמו־מדינה. דאָס הייסט דאָך, אז דער מאַנדאַט איז עפּעס ווערט אפילו ווען זיין באַדייטונג איז געפאַלן. וואָלט נישט געווען דער מאַנדאַט, — וואָלט מען מיט אונז אפילו וועגן אזא מדינה אויך נישט גערעדט. לאָמיר־זשע געדענקען און נישט פאַרגעסן: זאָלן מיר זעלבסט נישט נעמען צו גרינג דעם מאַנדאַט און זאָלן מיר נישט פאַר־גרינגערן יענע, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אים צו ליקווידירן.

אונזער פּאָליטישע טאַקטיק הענגט אָפּ זייער א סך פון אונזער אָפּ־

שאצן די לאגע: אויב די פּאַרגעשלאָגענע מדינה איז אַן אומזיסטער געשענק, דאן מוזן מיר זי נעמען אזוי ווי זי איז, מורא האבנדיג טאמער וועלן מיר פארשפעטיגן און דורכלאָזן די געלעגנהייט. א זאך, וואס מען קריגט אלס מתנה, נעמט מען צו אָן א סך קלערענישן. אבער אויב מיר האלטן, אז ענג־לאנד איז פאראינטערעסירט אין דערדאָזיגער רעגולירונג פונם ענין, דאן מעגן מיר זיך דער־לויבן האבן דעם מוט ארומצוטראכטן דעם פּאַרשלאג און זיך דינגען וועגן דעם וואס אונז קומט און וואס אונז איז נויטיג.

איך גיי דא נישט אריין אין פרטים פונם פלאן און אין די ספּעציעלע גזלות וואס מיר ווערן באגזלט דורך אים. וועגן די פראגן פון ירושלים און עמק הירדן און דרום יהודה און דרום בית שאן האב איך שוין גערעדט אויפן פארטיי־ראט אין תל־אביב. דאָ וועל איך זיך באגנוגענען מיט אן אלגעמיינעם אנאליז.

מען קען נישט אָננעמען די איינשרענקונג פונם שטח מיט אזא לייכט־קייט ווי עס נעמען זי אָן עטלעכע פון אונזערע פריינט. די איינשרענקונג פונם שטח שרענקט אויך איין די עקאָנאמישע קוועלן פון דער מדינה, זי פארקלענערט די מעגלעכקייט אויפצונעמען עליה, זי מעקט אָפּ דעם לאנד־ווירטשאפטלעכן כאראקטער פון דער מדינה און שוואכט אָפּ איר שוץ־קראפט. מיר קענען זיך אויך נישט מאכן קיין אילוזיעס, אז היינט־פעסטגעשטעלטע גרעניצן קענען זיך מאָרגן ענדערן. מיר וועלן זיכער וועלן לעבן בשלום מיט אונזערע שכנים. און אויב די גרעניצן וועלן זיך טאקע ענדערן, ווער ווייסט צי עס וועט זיין לטובת אונז צי אונז צומשלעכטן.

בן־גוריון האָט געוואָלט דערווייזן, אז די מלוכה־קאָמיסיע האט אונז פּאַרגעלייגט מער ווי ער האט געהאָפט. אזא דערקלערונג איז זייער גרויס־מוטיג לגבי דער קאמיסיע אבער זי דערווייזט נאר, אז אונזערע מענטשן האבן נישט ווי געהעריג אָפּגעשאצט אונזער באדייטונג. אמת, אונז זיינען במאס געווארן ווערטערדיגע זעלבסטאויפבלאָזונג און קראפטלאָזע מלחמה־שאלונגן, אבער דאס הייסט נישט, אז מיר וועלן זיין גערעכט בעת מיר וועלן פאר זיך זעלבסט נאך פארקלענערן אונזער אזוי אויך ווינציגע באדייטונג. איז דען אזא שטעלונג א סגולה צו נצחון אין א שווערן קאמף?

מיר זיינען נישט אזוי שוואך ווי מיר זעען אויס ביי זיך אליין אין שוואכע מינוטן. מיר לעבן און עקזיסטירן אין ארץ־ישראל און מען קען אונז נישט איגנאָרירן. די פארפליכטונגען לגבי אונז, וועלכע זיינען געגעבן געווארן אויף א אינטערנאציאנאלן פאָרום אין זיינען באשטעטיגט געווארן דורך די קאָמפּעטענטע אָרגאנען פונם פאלק, וואס האט די פארפליכטונגען גענומען אויף זיך, און דורך א סך אנדערע פעלקער, — קען מען אזוי גרינג נישט אָפּמעקן, באזונדערס אויב מיר וועלן דערצו נישט מיטהעלפן.

און אויב עס האלט שוין דערביי, אז ענגלאנד קען נישט אדער וויל נישט דערפילן דעם מאנדאט, דאן מוז זי ווי געהעריג דערשפירן אונזער גע־רעכטן דרוק: מיר ווילן אזעלכע עקזיסטענץ־באדינגונגען פאר אונזער מדינה, אז זי זאל באלד אויף צומאָרגענס זיך נישט געפינען פאר א סכנה פון אונטערגאנג.

מיר לעבן אין א וועלט פול פארניכטונגס־כוחות, און בשעת מען גע־פינט זיך אין אזא וועלט, קען מען נישט זען זאכן ווי אן אָפּטימיסט אָן

ספקות און מוֹראס. די סטראטעגישע לאגע פון דער פאָרגעשלאגענער אי־דישער מדינה איז זייער א שווערע, איר שוץ־קראפט איז זייער א שוואכע, און די פעלקער ארום אונז זיינען נישט אזוי פאציפיסטיש ווי מיר. אונזער עקזעקוטיווע מוז האבן דעם מוט צו דערקלערן, אז די פראגע פון די גרע־ניצן איז קודם כל א פראגע פון זיכערהייט און שוץ־פעאיגקייט. און מיר קענען נישט מסכים זיין אויף גרעניצן, וועלכע זיינען נישט גענוגנד פאר אונזער זעלבסטפארטיידיגונג.

און ס׳איז נאך אויך פאראן א פראגע פון אינטערנאציאנאלע גאראנטיעס פאר דער גאנצקייט פונם שטח און פאר דער זיכערהייט. אָנגעהעריגקייט צום פעלקערבונד גיט אפשר א באפרידיגונג דעם נאציאנאלן שטאָלץ־געפיל, אבער קיין גאראנטיע געגן אָנגרייפער איז עס נאך נישט. אביסיניע און שפאניע געהערן צום פעלקער־בונד און אין איינעם א געוויסן טאָג האט זיי דידאזיגע אָנגעהעריגקייט גאָרנישט געהאלפן.

מען זאָגט: עס וועט צושטאנדקומען א דרייפאכער אָפמאך צווישן ענג־לאנד און די צוויי מדינות. איז אָבער א פראגע, צי קענען מיר זיך אזוי שטארק פארלאָזן אָט אויף דער שוץ. ענגלאנד האט און וועט נאך האבן א סך חשבונות אין דעם ווינקל פון דער וועלט. און ווער עס האט א סך חשבונות איז אים שווער צו זיין א דיין־צדק, אן אָביעקטיווער ריכטער. ווער ווייסט צי אין א געוויסן מאָמענט וועט ענגלאנד נישט דארפן קויפן די פריינט־שאפט פון די אראבער אויף אונזער חשבון?

אָט האבן מיר איצט געזען וואס עס איז געשען מיט סיריע איידער זי איז אריבער פון פראנקרייכס רשות אין איר אייגענעם רשות: טערקיי האט א שפרונג־געטאן און צוגעכאפט ביי איר אלעקסאַנדריטא. פון דעם פאקט קען מען ארויסדרינגען דעם אונטערשיד צווישן א אינטערנאציאנאלן סטאטוס און א קראפטלאָזער זעלבסטשטענדיגקייט. אויב איטאליע, למשל, וועט גע־פינען פאר מעגלעך און מאכן אזא שפרונג אויף אונז, — וועט טאקע ענגלאנד נעמען אויף זיך ארייננצוקריכן אין א קאָמפליקאציע צוליב אונז? אפילו ווען זי וועט עס נישט מוזן צוליב זיך? ניין, גערנווילינ מוותר זיין אויף א אינ־טערנאציאָנאלן סטאטוס צוליב אַ כלומרשטער סוווערעניטעט איז נישט כדאי.

און אין וואס באשטייט די סוווערעניטעט? אין דער וועלט פירט זיך, אז קליינע מדינות זענען אָפּהענגיג פון גרויסע, און ס׳וועט אונז גאָרנישט העלפן אונזער קלאָגן זיך דערויף. פון אלע מעגלעכע אפוטרופסים געהערט ענגלאנד נישט צו די ערגסטע, — אָבער ס׳איז פאראן אן אונטער־שיד צווישן פארפליכטונגען לגבי א פאָלק וואס נויטיגט זיך אין שוץ מצד א מדינה וואס גיט איר שוץ, און צווישן דאס וואס מען לייגט אונז פאָר. דא ווערן לכתחילה געשאפן זייער א סך שוועריגקייטן און זייער א סך אריינמישונגס־מעגלעכקייטן. קענען מיר דען זיך שטעלן געגן מינדערהייטן־שוץ? מיר פארלאנגען עס דאך אין דער גאנצער וועלט. אבער מיר מעגן א טראכט טון צו וואס אזא שוץ קען דערפירן ביי געוויסע באדינגונגען. ענגלאנדס לאגע אין מזרח איז אזא, וואס קען איר נישט דערלויבן צו זיין דאָ אָן פניות. זי קען נישט מוותר זיין אויף אירע זייער־וויכטיגע

אינטערעסן. זי קען נישט קאליע־מאכן אירע באציונגען מיט דער מוסול־מענישער וועלט. אין די סאמע אומרועןן האט דאָך די רעגירונג געפונען פאר נויטיג צו דערקלערן, אז דאס מיליטער איז נישט בייגעקומען די אָנפאלער צוליב דער טראדיציע פון פריינטשאפט מיט די מוסולמענישע פעלקער. מינדער־הייטן־שוץ ביי אזא לאגע קען באקומען א באשטימטע פּאָליטישע אויסטייטשונג.

און וואס באדייטן די מאנדאטן אויף די שטעט? — גאנץ פשוט: אָקופּאציע. און אָרמס־בי־גאָר גיט נאך צו וועגן דעם מאנדאט אויף חיפה: „מעגלעך, אז ער וועט זיין א צייטווייליגער“!

באַפעלקערונגס־טראַנספער

דער ענין פון אריבערפירן אראבישער באפעלקערונגס־טיילן פון דער אידישער אין דער אראבישער מדינה אריין האט ביי אונז ארויסגערופן א ויכוח: מעג מען אדער מען טאָר נישט. מיין געוויסן איז אין דער הינזיכט פולשטענדיג ריין: בעסער א ווייטער שכן איידער א נאָנטער שונא. זיי וועלן נישט צולייגן דערצו און מיר — אוודאי נישט. סוף־כל־סוף איז עס אַ קאָלאניזאטאריש־פּאָליטישע רעפאָרם לטובתביידע צדדים. בשעת די אומרוען האב איך געפילט, אז דאס מוז ווען־עס־איז געשען. אבער ס׳איז מיר נישט איינגעפאלן, אז אריבערפירן «אויסער די גרעניצן פון ארץ ישראל» הייסט — אין דער געגנד פון שכם. איך האב געגלויבט און גלויב נאך אויך איצט, אז זיי וועלן אריבער קיין סיריע און קיין איראק.

אן אנדער פראגע איז, — וואס פאר־א נאָענט־רעאלע אויסזיכטן זיינען פאראן פאר דער זאך. איך האב דעם איינדרוק, אז ענגלאנד וועט זיי נישט אויפצווינגען די אריבערפירונג און זי וועט עס איבערלאָזן פאר אן אָפּמאך צווישן די צוויי מדינות. צי וועט די אראבישע מדינה זיך וועלן פארגלייכן מיט אונז אין דעם ענין, צי וועט זי נישט האלטן, אז דאס ווידערשפּרעכט איר פאטריאָטיזם אדער איר אירדענטא־טרוים, — וועגן דעם איז איצט נאך צו פרי צו רעדן.

פון דער אנדערער זייט טאָרן מיר זיך אבער נישט פארשפילן מיט חלומות, אז מיר וועלן דורכפירן די עוואקואציע און דערצו וועט אונז נאך דערמעגלעכט ווערן דאס פרידלעכע אריינדרינגען אין דער שכנותדיגער מדינה. מען קען נישט קומען מיט א פאָרשלאג סיי וועגן עוואקוירן אראבער קיין עבר הירדן און סיי וועגן א אידישער קאָלאניזאציע דאָרטן.

איך רעזומיר: מיין סברה איז, אז דער חלוקה־פּלאן איז א רעזולטאט פון א מער אלגעמיינערער טענדענץ, וועלכע האט זיך לעצטנס געשטארקט אין דער בריטישער פּאָליטיק: די טענדענץ אויפצופלאקערן די פּאן־אראבישע האָפענונגען און אָפּצוציען די אראבער פון מוסאלינים קאָמבינאציעס. דאס מוותר זיין אויף אונזער פּאָליטישן סטאטוס אין זיין פארבינדונג מיטן מאנדאט, שטעלט אונז אוועק פאר זייער גרויסע סכנות. נישט פארזיכערנדיג דערביי קיין שלום און זעלבסטשטענדיגקייט. דער חלוקה־פּראָיעקט זאָגט צו עטלעכע צוציענדע זאכן, אבער ער איז פארבונדן מיט גרויסע ויתורים און איינשרענקונגען און ער פירט אונז אריין אין א געפאָרפולע תקופה. דער ויכוח ארום דער חלוקה, איז עלול אָפּצוציען אונזער אויפמערקזאמקייט

פונם פּאָליטישן קאמף געגן די טאָגטעגלעכע פארלעצונגען פונם מאנדאט און פונם קאמף געגן דער טענדענץ, וואס וויל דעם מאנדאט ליקווידירן. אונזער גרייטקייט מוותר צו זיין אויפן מאנדאט שוואכט אָפּ אונזערע האפע־נונגען צו דערגרייכן א פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ. אויב עס וועט אנטשטיין א אידישע מדינה,—וועט זי אנטשטיין אין אונזער קאמף פארן מאנדאט און פאר דער פולער אָפּהיטונג פון אונזערע רעכט, וואס ער אנטהאלט.

* *
*

אין אוונט פון דעמזעלבן טאג איז פארגעקומען א זיצונג פון דער ארבעטער־פראקציע אויפן קאנגרעס, ביי דער באטייליגונג פון אלע דעלעגאטן פון ארבעטנדן ארץ־ישראל און הונדערטער געסט. אויף דער זיצונג זיינען אָנוועזנד געווען דר. חיים ווייצמאן אין דער באגלייטונג פון ליידי דאָגדייל און פראפ. נעמיער. פאר דר. ווייצמאנס רעדע זענען די געסט באגריסט געווארן דורך ב. לאקער און ד. בן־גוריון.

ביים סוף פון דערדאזיגער זיצונג איז אויסגעוויילט געווארן די לייטונג פון דער ארבעטער פראקציע ביים 20־טן ציוניסטישן קאנגרעס, אין באשטאנד פון 39 חברים, אחוץ די חברים אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אגענץ. פון זיי 35 חברים פון דער וועלט־באוועגונג און 4 חברים פון «השומר־הצעיר».

פון דער וועלט באוועגונג האבן זיך באטייליגט אין דער לייטונג פון דער פראקציע פאלגנדע חברים: י. אידעלסאן, שאול אהרונאוו, א. ביאלאפאלסקי, י. באנקאווער, מ. גרא־באווסקי, אפרים גרינבערג, חיים גרינבערג, ש. דיין, א. העמלין, דר. י. העלמאן, ד. ווערטהיים, אבא חושי, י. טאבענקין, דר. א. טארטאקאווער, מ. יארבלום, ב. כצנלסון, י. לויפבאן, ב. לאקער, פ. לוביאניקער, גאלדע מאירסאן, מ. נעמיראווסקי, מ. ניישטאדט, עדה פישמאן, ב. צוקערמאן, דר. מ. קאטיק, ש. קאפלאנסקי, א. קאצענעלסאן, שמעון קושניר, ש. רודעל, ד. רמז, א. רייס, פ. ראשיש, דר. ק. שווארץ, ח. שורער און י. שפרינצאק. פון «השומר הצעיר» די חברים מ. בן־טוב, יעקב חזן, א. פראי און י. ריפטין.

אין סעקרעטאריאט פון דער ארבעטער־פראקציע זיינען באשטימט געווארן פאלגנדע חברים: י. באנקאווער, א. ביאלאפאלסקי, מ. גראבאווסקי, ד. ווערטהיים, מ. ניישטאדט, י. ריפטין און ח. שורער.

צוועלפטע זיצונג

דינסטאג, דעם 3 אויגוסט 1937, פארמיטאָג

פארזעצונג פון דער פּאָליטישער דעבאטע

(רעדעס פון י. טאבענקין און א. הארצפעלד)

<u>י. טאבענקין</u>

מיר געפינען זיך אין א פּאַניק און פון גרויס צעטומלעניש פארלירן מיר כמעט דאס לשון. א שרפה איז אויסגעבראָכן און בשעת עס ברענט לויפן אלע ארום צעטומלטע. עס ברענט דער מאנדאט, עס ברענט די ארץ־ישראל־מאַפּע, עס ברענט דער פעלקער־בונד. און מיר אלע ווערן באהערשט פון דער פאניק. אבער דער ציוניסטישער קאנגרעס טאָר נישט פארברענען דעם מאנדאט, נישט דערצו איז ער געוויילט געווארן, — ער איז גאָרנישט באפולמעכטיגט דערצו. א סך פון אונז לויפן ארום אין צעטומלעניש זוכן און פעסטשטעלן דאס ארט — פונוואנען קומט די שרפה. איינער מיינט: דער מאנדאט ברענט; א צווייטער — ארץ־ישראל ברענט; א דריטער זעט: דאס פאלק ברענט. קען זיין, אז זיי אלע זיינען גערעכט. אבער איינס איז זיכער: עס איז זייער שלעכט, ווען אין אזא שווערן מצב רופט דער מענטש, וואס געפינט זיך אין געפאר, צו הילף זיינע מיסטישע כוחות. אין א בהלה־צושטאנד איז א מענטש מחויב זיך צו באנוצן מיט דער קראפט פון שכל און לאָגיק און נישט מיט מיסטיק, וואס פארנעפּלט דעם קלארן שכל. עס איז אפילו מעגלעך, אז די שרפה וואָלט זיך גאר אזוי נישט פונאנדערגע־פלאקערט, אויב מיר זעלבסט וואָלטן זי נישט באטראכט אלס פאַטום, געגן וועלכן מען קען זיך נישט שיצן. מיר זיינען איצט אין ארץ־ישראל איבער 400 טויזנט אידן אוןביים ליכט פון דער אויסגעבראָכענער שרפה ענדערן מיר כסדר אונזער געשטאלט — אָדער «אַלצדינג» אָדער «גארנישט». פאראן צווישן אונז חברים, וועלכע האלטן אז מיר זיינען אלץ, — אז מיר פאר־מאָגן גענוג כוח אויף אַן אייגענער מדינה, און פאראן אזעלכע, וואס מיינען, אז מיר זיינען גאָרנישט, — אז מיר זיינען א נישטיגע צאָל, וואס איר קראפט, איר שטעלונג, איר ווידערשטאנד האבן קיין שום באדייטונג נישט

די איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל

צי שטייען טאקע פאָר ענדערונגען אין די רעאלע כוחות־פאהעלטנישן? איר דארפט האבן פאר די אויגן די מאפע פון גאנץ ארץ־ישראל. דאס לאנד אזוי ווי עס איז וועט פארבלייבן גאנץ. עס וועט נישט אָפּברענען. ענגלאנד בלייבט הערשן איבערן גאנצן לאנד. זי וועט פונדאַנען נישט אוועק; ענג־

לאנד איז נישט צופעליג געקומען קיין ארץ־ישראל און זי האט גאר קיין חשק נישט עס צו פארלאזן, יעדנפאלס נישט איצטער. ענגלאנדס טעטיגקייט און אירע אינטערעסן אין ארץ־ישראל ענדערן זיך נישט דורך דער פראָקלאמירונג פון דער נייער פּאָליטיק. די אידן וועלן איבערבלייבן אין גאנצן לאנד און נישט בלויז אין א טייל. אויך די אראבער וועלן דאָ פארבלייבן. די ארץ־ישראלדיגע ווירקלעכקייט וועט נישט געענדערט ווערן. דאס לאנד איז איינהייטלעך און קיין שום פּראָקלאַמירונג פון קינסטלעכע ענדערונגען און באשטימונג פון באזונדערע פּאָליטישע נעמען פאר די טיילן פון דאס איינע לאנד וועלן נישט ענדערן די פּאַראַנענע ווירקלעכקייט. — די איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל איז איינהייטלעך און לאָזט זיך נישט טיילן אויף פארשידענע פּאָליטישע איינהייטן; עס קען זיך נישט אנטוויקלען און לעבן א זעלבסטשטענדיג עקאָנאמיש לעבן אויב עס ווערט צעטיילט אויף פארשידענע פּאָליטישע רעגירונגס־שטחים און עס ווערן געשאפן קינסטלעכע גרעניצן אין סאמע מיטן לאנד. דאסדאָזיגע באטראכטן ארץ־ישראל אלס איינהייטלעכע גאנצקייט איז אומצערייסבאר פארבונדן מיט א באשטימטער אויפפאסונג פונם ציל פון אונזער באוועגונג. ארץ־ישראל איז פאר אונז א לאנד פון קאָלאניזאציע. דאס איז דער זינען פון אונזער באוועגונג און דאס לאנד איז אונז געגעבן געווארן נאר אלס קאָלאניזאציע־לאנד. ארץ־ישראל איז איינהייטלעך און מען קען עס נישט צעשניידן אויף באזונדערע שטיקער, וועלכע זאָלן לעבן אָן אָפּגעטיילט, זעלבסטשטענדיג לעבן, אומאָפּהענגיג איינס פון אנדערן. ארץ־ישראל נעמט אריין אויך עקבה און דעם בשן און גולן און מואב. די אמאָליגע אידישע ליטעראטור דערציילט אונז, אז די איינוואוינער פון גאנץ ארץ־ישראל האבן דאָרט געלעבט ווי אין אָן איינהייטלעך לאַנד. ווען עס איז געווען הונגער אין לאנד איז א מענטש פון בית לחם אין יהודה געגאנגען וואוינען אין די פעלדער פון מואב. — ווייל דאס לאנד איז געווען איינס. פאר דער מלחמה פלעגן נאך אראבער גיין קלייבן די תבואה רעשטן קיין הורן, וואָרום עס זיינען נישטא קיין נאטירלעכע גרעניצן, וועלכע זאלן אָפּטיילן דידאזיגע טיילן איינעם פון אנדערן. מען קען קאלאניזירן די ערד־שטחים פון באַראָן אין צפון ווי אויך ערד־שטחים אין דער געגנט פון עקבה און סדום. א מענטש האט רעכט זיך צו באזעצן אוף די שטחים און זיי צו באארבעטן, ווייל זיי זיינען פאר אים א מקור פון חיונה. דאס איז דאס רעכט. אָט דאס איז דאס איינציגע רעכט אונזערס, און כלערליי אנדערע רעכט זיינען רעכט פון אידן באשיצט צו ווערן דורכן פריץ, — רעכט פון «שוציודען». אין גלות האבן מיר געהאט איבער זיך אָן איטאליענישן, א פראנצויזישן, א דייטשישן און א פוילישן פריץ. דא וועלן מיר האבן אָן אראבישן אדער אָן ענגלישן פריץ, און דער וועט עס זיין אונזער באשיצער, אונזער רעכט־געבער, — עס וועט זיין א «מדינה» פון זיין חסד.

דאס אָנערקענען די נאטירלעכע איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל און די געגנזייטיגע אָפּהענגיגקייט פון די פארשידענע טיילן לאנד איז פון תמיד אָן געווען כאראקטעריסטיש פאר אונזער באוועגונג. נאך דער וועלט־מלחמה האט בן־גוריון פארעפנטלעכט דריי גרויסע ארטיקלען וועגן די נאטירלעכע

גרעניצן פון ארץ־ישראל — דער ים, די בערג אין צפון און דער מדבר. אָט דאס זיינען באמת די נאטירלעכע גרעניצן, וואס טיילן אָפּ דאס לאנד פון אנדערע לענדער און פאראייניגן זי אינערלעך. א טייך איז נישט תמיד א גרעניץ פאר א לאנד. דער ירדן איז נישט קיין שייד־ליניע צווישן די צוויי לאנד־טיילן, וואס געפינען זיך פון זיינעביידע זייטן. אדרבה, ער פאראייניגט זיי, ווייל סיי דער מזרחדיגער און סיי דער מערבדיגער טייל זיינען מיט אים פארבונדן. קען דאס דען הייסן א גרעניץ? דעם ירדן קען מען דאך בארוועסערהייט אריבערגיין. קען מען זיך דען פאָרשטעלן ארץ־ישראל אָן דעם ירדן, אָן דער הערשונג איבער אים? און וואס וועט זיין מיטן עלעקטריציטעטס־ווערק ווען פונם לאנד וועלן ווערן צוויי מדינות? און וואס וועט זיין מיט אונזער אינדוסטריע אויב מיר וועלן נישט פריי באהערשן די וואסער־קוועלעס פונם ירדן אדער אויב מיר וועלן, לכל הפחות, נישט האבן די זיכערקייט, אז קיין שונא הערשט נישט איבער זיי? די ירדן־וואסערן זיינען פאר אונז א מקור פאר דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט און אויך א מקור פאר ליכט און קראפט. ארץ־ישראל פארמאָגט נישט קיין קוילן, — די נאטירלעכע אוצרות פון לאנד זיינען: זון, וואסער און ערד. זיי באשטימען עס איר אנטוויקלונג. דער דרום פון לאנד הענגט אָפּ פון צפון, ווייל די איינוואוינער פון צפון האבן אין זייערע הענט די הערשאפט איבער די טייכן, וואס פליסן קיין דרום. דאס זעלבע גילט אויך לגבי דעם בערג־טאָל און די בערג. פונדאנען נעמט זיך די געגנ־זייטיגע אָפּהענגיגקייט, וועלכע באשטימט די איינהייטלעכקייט פון לאנד. די לאגע פון לאנד איז אזא, אז אלע זיינע טייכן פליסן אדער פון צפון צו דרום אדער פון מזרח צו מערב. אן אונז־פיינטלעכע מדינה קען אָפּווענדן די ירמוק־וואסערן און דערמיט חרוב מאכן דאס רוטענבערג־ווערק. און אויב עס זאלן זיין געלט־מיטלען—ביליגע ארבעטס־כוחות זיינען פאראן איבערגענוג—קען מען פאַרן מזרחדיגן עבר־הירדן שאפן א זעלבסטשטענדיג עלעקטריציטעטס־ווערק.

די לערע פונם אָפּרייסן דעם עבר־הירדן

טאקע דאס אָפּרייסן פון ארץ־ישראל דעם מזרחדיגן עבר־הירדן איז באלערנדיג. אָט די פונאנדערשיידונג האט אונז — דער אידישער קאָלאניזא־ציע — געבראכט גרויס שאָדן. ווען נישט דידאָזיגע פּאָליטישע פונאנדערשיי־דונג, וואלטן מיר שוין היינט געהאט באזעצט שטחים אין מזרחדיגן און אין מזרח־צפונדיגן עבר־הירדן, אויפן בראָנס באָדן. אמת, אויך נאך דער פונאנדערשיידונג האבן מיר געהאט אויסזיכטן אריינצודרינגען אהין, אָבער די ענגלענדער זיינען געווען די שטערער דערצו. אונזער געפינען זיך דאָרטן איז פאַר זיי נישט געווען גינסטיג, ווייל דאס וואלט געקענט מבטל זיין די פּאָליטישע גרעניצן און פונדאסניי אויפשטעלן די איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל אין די נאטירלעכע גרעניצן. ווען מיר וואָלטן באזעצט אין מזרחדיגן עבר־הירדן בלויז עטלעכע הונדערט מענטשן וואָלטן מיר שוין נישט אוועק פון דאָרט און מיר וואָלטן אויסגעברייטערט די גרעניץ, אזוי ווי מיר האבן אויסגעברייטערט די גרעניץ דורך דער פארטיידיגונג פון תל־חי צום טראָץ אלע פּאָליטישע קונצן פון די מאכטהאבער. דערפון קען מען לערנען דעם אמתן פשט פון דער חלוקה, וואס מען וויל אונז איצט אָנהענגען.

דאס אָפּטיילן דעם מזרחדיגן עבר־הירדן איז געוואָרן אַן אנטשיידנער פאקט אין דער געשיכטע פון אונזער ארץ־ישראל־קאלאניזאציע. אין איינעם פון די פּאָליטישע מעמאָראַנדומס איז ארלאזאראוו ארויסגעטרעטן געגן דער אָפּשיידונג און געזאָגט: עפּנט דעם מזרחדיגן עבר־הירדן פאר דער אידישער קאלאניזאציע, וועלן פאלן די באדן־פּרייזן און עס וועט פארשווינדן די באדן־נויט, וועלכע הערשט איצט אין מערבדיגן טייל סיי ביי די אראבער אין סיי ביי די אידן. דאָסזעלבע קען געזאָגט ווערן בנוגע דער נייער חלוקה: די באדן־פּרייזן וועלן שטייגן, די באדן־נויט וועט גרעסער ווערן און עס וועט קיין שום אויסוועג נישט זיין דערצו, וואָרום מיר וועלן דאך נישט דורכפירן קיין עקספּראָפּריאַציע איבערן אראבישן פויער.

די צעטיילונג פון ארץ־ישראל אין יאָר 1922 איז — פון אָביעקטיוון שטאנדפונקט, פון שטאנדפונקט פון די אויפגאבן פון דער באוועגונג צו קאָלאניזירן ארץ־ישראל און פון אונזער הויפּט־ציל — געווען א פּאַראַט לגבי דעם ציוניזם און די אנטוויקלונס־מעגלעכקייטן פון לאנד. די צעטיילונג האָט פּאַרגרעסערט די קאלאניזאציע־הוצאות מיט מיליאנען פונטן, — און מיר זיינען דאך אן אָרים פאלק; זי האט געצוואונגען דעם אידישן ישוב זיך צו קאָנצענטרירן אין א איבערגעטריבענער מאָס אין דעם אראַנזשן־געביט; זי האט פּאַרשארפט די באציאונגען צווישן אונז און די אַראבער, און זי האט געבראַכט דערצו, אז די רייבונגען צווישן אונז און זיי זיינען געוואָרן כסדר אָפטער און שארפער. דידאָזיגע פונאנדערשיידונג איז אויסן געווען אויסשליסלעך דעם ציוניזם, די נאציאנאלע היים פון אידישן פּאָלק. דאגעגן וואס ס׳איז שייך אירע אייגענע אינטערעסן האט ענגלאנד זייער גוט פארשטאנען, אז ארץ־ישראל איז אן איינהייטלעך לאנד. איר מאכט האט זי נישט פונאנדערגעטיילט. דאס אָפּטיילן דעם מזרחדיגן עבר־הירדן איז געווען אַ פּאַראַט לגבי דער באלפור־דעקלאראציע, לגבי די אידישע אינטערעסן און זייער פּאָליטישע באדייטונג. דאס איז געווען פאר אונז א גרויסער דורכפאל און שאָדן. די ענגלישע מאכט ווייסט, אז זי וועט נישט קענען אָפּהיטן אירע אינטערעסן אין מערב ארץ־ישראל אויב זי וועט נישט הערשן אויך אין מזרח. פאר זיך אָנערקענט זי די סטראטעגישע פארבונדנקייט פון די צוויי טיילן לאנד. אָבער אונז האט זי, פון באשיצונגס־שטאנדפונקט, מפקיר געווען דערמיט וואס זי האט אונז פּאַרבאָטן און געשטערט און שטערט נאך עד היום זיך צו קאָלאניזירן אויך אין מזרחדיגן עבר־הירדן, דער מזרחדיגער עבר־הירדן איז בלויז אן ענגלישע פּראָווינץ, וואס געפינט זיך אונטער דער הערשאפט פון איין ענגלישער קאָמאנדירונג, וועלכע איז היינט אין מצרים און מאָרגן אין ירושלים אדער עקבה. מיר האבן במשך די גאנצע יאָרן נישט אָפּגעשאצט ווי געהעריג — וואס מיר האבן פארלוירן מיטן אָפּרייסן דעם מזרח פונעם מערב. אונזער רעאַגירונג איז געווען א שוואַכע נישט צוליב מאנגל אין פּאָליטישער אָריענטאציע, נאר דערפאר ווייל מיר האבן נישט באטראכט די פּאָליטישע פאַקטן אלס תנאי פאר אונזער קאָלאניזאציע.

ארץ־ישראל איז איינהייטלעך דורך אירע נאטירלעכע גרעניצן, דורך איר עטנאָגראַפישן צוזאמענשטעל און דורך אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן. דאס לאנד איז פארבונדן מיט איין קאָמוניקאציע־נעץ, מיט איין ירדן אלס

מקור פאר דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט און פון דער אינ־דוסטריע אין גאנצן לאנד׳ מיט איין מדבר אלס זיכערהייטס־גרעניץ און מיט איין ים פאר פארבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. די שאפונג פון פּאָליטישע גרעניצן צווישן דעם מזרחדיגן טייל און דעם מערבדיגן, — און נאָכמער: צווישן פארשידענע טיילן אין מערב־ארץ־ישראל, — טאָרמאַזירט די אנטוויקלונג פון לאנד. די ווייטערדיגע דורכפירונג פון דער חלוקה איז דער טייטש: דערשטיקן די קאָלאניזאציע־מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל און א צו־להכעיס טון די עטנאָגראפישע, פּאָליטישע און שוץ־סטראטעגישע אינטע־רעסן פון לאנד.

נישטאָ קיין אָרט אין ארץ־ישראל, וואס זאל זיין פאר אונז באדיי־טונגסלאָז. מיר קענען נישט מוותר זיין נישט בלויז אויף ירושלים נאר אויך נישט אויף מסדה. די דאזיגע באדייטונג פון יעדן אָרט פאר אונז איז נישט קיין מיסטישע נאר זייער א רעאלע. נישט אומזיסט דערמאָנט מען איצט די אוגאנדא־דיסקוסיע. מיר האבן דאַמאָלס באקעמפט דעם טעריטאריאליזם און די טעריטאריאליסטן, וועלכע האבן הויפטזאכלעך געטענהט, אז ארץ־ישראל קען נישט געבן קיין לעזונג פאר דער אידן־פראגע, ווייל עס פארמאָגט נישט קיין באדן און קיין וואסער, און דער גאנצער ווערט פון לאנד באַ־שטייט נאר אינם „קבר רחל" וואס געפינט זיך דארט. אינדעראמתן אבער איז דער היסטארישער ווערט פון יעדן אָרט א שטיצפונקט פאר אונזערע קאלאניזאציע־פּאָטענצן. ווען נישט די היסטארישע ווערטן פון ארץ־ישראל וואָלט דאס אידישע פאלק נישט געקענט שאפן דארט זיין גראנדיעז קאָלאָ־ניזאציע־ווערק. און אונזערע היסטארישע פארבינדונגען מיט ארץ־ישראל נע־מען ארום דאס גאנצע לאנד.

א «תחום המושב» און אן אראבישע מדינה

וואס לייגט מען אונז פאָר? נישט קיין מדינה לייגט מען אונז פאָר נאר א «תחום־המושב». ענגלאנד וועט ווייטער הערשן אין לאנד, די אראבער וועלן פאַרבלייבן, אָבער אונזערע מעגלעכקייטן וועלן ווערן ארומגעשניטן און איינגעשרענקט אין א «מדינהשן» תחום, אין ענגע גרעניצן וועלכע וועלן ארומרינגלען די מדינה פון אלע זייטן. אין «תחום המושב» אין רוסלאנד האבן אידן דאָך אויך געלעבט און זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן. מען רעכנט טאקע, אז מיר וועלן ווי עס איז עקזיסטירן אויך אין ארץ־ישראלדיגן «תחום המושב». אבער דאס וועט זיין נישט קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ נאר א «תחום המושב»דיגע. ארץ־ישראל איז באשטימט פאר קאלאניזאציע, פאר דער אנטפלעקונג פון מעגלעכקייטן צו קאָנצענטרירן דארט מאַסן אידן. דע־ריבער איז אזוי שארף די פראגע פון שטח, פון באדן. יעדער צוגעקומענער דונאם באדן, יעדער נייער טראָפּן וואסער ברענגען מיט זיך נייע מעגלעכ־קייטן. די באדייטונג פון ארץ־ישראל ליגט דער עיקר אינם שטח, וועלכן מיר באזיצן נאך נישט; זי ליגט אינם עצם פאקט, וואס מיר באזיצן אים נאך נישט און מיר האבן דעריבער אויסזיכטן צו פארוואנדלען וויסטענישן אין אידישע קאלאניזאציע־פונקטן. קומט מען איצט און מען לייגט אונז פאָר א פעסט־באשטימטן תחום־מושב און מען וויל אונז איינשליסן אין די טיילן לאנד, וועלכע געהערן שוין סיי־ווי־סיי צו אונז. און וואס שייך דער ווייטער־

דיגער אנטוויקלונג — פארוויילט מען אונז מיטן נס פון באפעלקערונגס־טראנספער. איך בעט און באגער, אז עס זאל אונז נישט געשען דערדאָזיגער «נס» פון אריבערפירן אראבישע באפעלקערונג אין יענעם לאנד אריין, וואס איז אייגנטלעך אַן אָרגאנישער טייל פון איינהייטלעכן ארץ־ישראל.

איז דען דאס וואס מען לייגט אונז איצט פאר אַ אידישע מדינה? דאס איז בלויז א נייע פאָרם פון ענגלישער הערשאפט איבער גאנץ ארץ־ישראל, וואס וועט אנטהאלטן אַן אראבישע מדינה אויף 80% פונם גאנצן לאנד און א קליינעם אידישן «תחום המושב» מיטן נאָמען «מדינה». דאס ווינקל, וואו מיר האבן זיך ביז איצט באזעצט איז זייער טייער. מיר קענען נישט מוותר זיין אויף קיין איין שפאַן באדן דארט און מען דארף נישט פארמינערן די באדייטונג, אבער אונזער איצט באזעצטער טייל לאנד איז בלויז 5% פון גאנץ ארץ־ישראל פון ביידע זייטן ירדן אדער 20% פון מערב־ארץ־ישראל. אויף אָט דעם קנאפן שטח קען מען נישט בויען קיין צוקונפט פארן פאלק, — מען קען נישט רופן צו אים דאס פאלק ווי צו זיין צוקונפט. און לאָמיר נישט גרינגשעצן די בערג, די זאַמד און די מדבריות. נישט יעדעס אָרט, וואס איז איצט מדבר, איז תמיד אזוי געווען. א סך ערטער, וואס זיינען היינט באזעצט, זיינען דאך נעכטן געווען מדבר. איילט זיך נישט צו שאפן ביי אונז א ביטול־באציאונג און א ויתור־גרייטשאפט לגבי וועלכן־עס־איז פון די טיילן לאנד — די בערג, דער נגב צי דער עבר־הירדן. נאך אונזער פארלאָזן ארץ־ישראל איז עס געווארן א מדבר, אבער עס קען ווידער ווערן א בליענדער ישוב ווי עס איז געווען פארן חורבן. 80% פון לאנד זיינען קאלאניזיר־פעאיג, — דאס איז דער שטח פון ארץ־ישראל, וועלכן מען וויל פאר אונז פארשליסן.

דער ארץ־ישראלדיגער באדן איז זייער טייער. די פרייזן, וועלכע מיר צאָלן פאר אים זיינען נישט קיין עקאנאמישע נאר פּאָליטישע. בעת מיר וועלן זיך איינשרענקען אין 20% פונם מערבדיגן עבר הירדן, וועלכע מען וועט אונז איבערלאזן אלס מדינה, וועלן די באדן־פרייזן שטייגן און אויפגעשרויפט ווערן אַן אַפּהאלט, — דאס וועט נאך מער באגרעניצן אונזער קאלאניזיר־מעגלעכקייטן און ממילא אויך אונזער עליה. אט דאס איז דער פונקט פון דער ביטערסטער אילוזיע. די «מדינה» וועט שניידן די יידישע עליה דורך אַן אראבישער האנט געשיקט געגן אונז פון דער אראבישער מדינה און דורך א אידישער האנט, וועלכע וועט זיין געצוואונגען צו שליסן די טויערן פון אונזער מדינה צוליב די באדן פרייזן, צוליב דעם עקאנאמישן הונגער און צוליב אונזערער ענגלישער און אראבישער אָפּהענגיגקייט. אמת, א אידישער שומר וועט שטיין ביי די טויערן, אבער די האנט, וועלכע וועט אים געבן די ריכט־ליניעס וועט זיין ענגלאנד מיט אירע אראבישע באציאונגען, פונדעסטוועגן זאָגט מען אונז, אז אויך די ארומגעשניטענע מדינה וועט קענען אויפנעמען 3 מיליאן אידן. דאס איז אַן אָפּנארונג פון די פאלקס־האפנונגען. נאך דעם ערשטן צוזאמענשטויס צווישן אידן און אראבער אין דער אידישער מדינה וועט קו־מען אַן ענגלישע רעגירונגס־קאמיסיע און זי וועט אָננעמען ווייטערדיגע רעגולירונגס־באשלוסן לויט איר איינזען, לויט די ענגלישע אינטערעסן אין לאנד, נישט רעכענענדיג זיך לגמרי מיט אונז. אין דער אונז־פאָרגעלייגטער

מדינה וועלן די מעגלעכקייטן פאר אידישער עליה נישט פארגרעסערט ווערן נאר זיי וועלן זיך פארקלענערן. מיר וועלן בלויז אויפפלאקערן פאלשע האפנונגען צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן, — זיי וועלן זיך רייסן צו סערטיפיקאַטן, וועלכע וועלן נישט זיין.

עס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון ארץ־ישראל, אז עס ווערט צומגרעסטנטייל פארוואנדלט אין א זעלבסטשטענדיגע אַראבישע מדינה. ביז איצט איז דאס לאנד געווען זעלבסטשטענדיג נאר אין די תקופות, ווען עס איז באזעצט געווען דורך אידן, ווייל מיר האבן עס פאראייגנהייטלעכט און אויסגעבילדעט אלס לאנד און דאס לאנד האט אונז פארוואנדלט אין א פאלק. פאר די אראבער איז ארץ־ישראל קיינמאָל נישט געווען זייער נאציאנאלער צענטער. עס איז פאראן א זינען און א היסטארישער אמת אינם נאמען: ארץ־ישראל. און — מיר מוזן האבן אין אויג נישט בלויז די אידישע מדינה, וועלכע מען וויל שאַפן, נאר אויך די א ר א ב י ש ע מדינה, דער חלוקה־פאָרשלאג באדייט: צעמענטירן דעם אראבישן «יש» אין א מלוכה־ראַם. די אראבער ווערט געגעבן א מאכט, וואס אנטשפרעכט נישט זייער קאלאניזאטארישן כוח. אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטישער וועלט ווערט געשאפן א נייער פאקט דורך דער דערשיינונג פון אַן ארץ־ישראלדיגער אראביע אלס פאָליטישע קערפערשאפט, אלס פאליטישע איינהייט. אַן ארץ־ישראלדיג־אראבישע מדינה, נישט ווי א טייל פון דרום־סיריע אדער פון מערב־סעודיה אדער פון מערב־איראק, נאר ממש אלס א ר ץ ־ י ש ר א ל ד י ג ע א ר א ב י ע! — אָט אזא פאקט וועט פעסטגעשטעלט ווערן נישט געקוקט אויף דער אינטערנאציאנאלער אנערקענונג פונם היסטארישן רעכט, וואס איז אונז געגעבן געווארן נישט בלויז אויפן סמך וואס מיר זיינען דא געווען אמאל, נאר אויפן גרונט פון אונזער טיפער נאציאנאלער באדערפניש און פון דער אינטערנאציאנאלער באדערפניש צו לעזן די אידן־פראגע דורך דער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל. איצט וועט דערשיינען אַן ארץ־ישראלדיגע אראביע מיט אָנערקענטע און באשטעטיגטע רעכט צו זיין א מדינה, וועלכע וועט נישט האבן קיין מאכט איבערן גורל פון איר פאלק נאר איבערן גורל פון לאנד.

און דאס וואס וועט איבערבלייבן פון דער אראבישער מדינה וועט זיין א אידישער «תחום המושב» אין ארץ־ישראל, וועלכער וועט נישט האבן קיין טעריטאריאלע באדייטונג, ווייל ער וועט נישט קענען דינען אלס אָרט פאר א גרויסער אידישער קאלאניזאציע, — אלס זעלבסטשטענדיגער צענטער פאר דער מערהייט פון אידישן פאלק, וואס נויטיגט זיך אין אזא צענטער. אין א מדינה אָן קאלאניזאציע און אָן עליה קען קיין קיום נישט האבן, נישט אין דער איבערגאנגס־תקופה און אויך נישט שפעטער. מיר וועלן זי דאך צושליסן מיט אונזערע אייגענע הענט. ארץ־ישראל איז דער פשט: קאלאניזאציע. סתם עמיגראציע איז אויך וויכטיג, אבער איז דען נישט פאראן קיין אונטערשיד צווישן עליה קיין ארץ־ישראל און עמיגראציע קיין אמעריקע? אזא אונטערשיד איז יאָ פאראן, און גראד זייער א גרויסער. אין ארץ־ישראל דארף געשאפן ווערן א קאלאניזאציע־צענטער, א צענטער פון עליה־און איינארדנונגס־מעגלעכקייטן פאר די אידישע מאסן און נישט בלויז קיין אָרט פון פרנסה. אזא צענטער קען זיין נאר ווען ער פארמאָגט געניגנדע

ערד־און וואַסער שטחים. אין דער אידישער מדינה וועלן אריין 3 מיליאָן אידן נאר אין דעם פאל אויב דער עמיגראציע־און קאנצענטראציע־כאַראַקטער וועט זיין ענלעך צו דעם וואס מיר האבן געהאט און מיר האבן אין ניו־יארק. האבן מיר דען אין ארץ־ישראל אזא שטארק «הינטערלאנד», ווי עס איז נויטיג דערצו? אידן קענען בעסער דעם וועג פון ארץ־ישראל ווי דעם וועג קיין ארץ־ישראל. נאך פארן חורבן האבן אידישע מאַסן אויסגעוואנדערט אין פארשידענע גלותן, — אין אלעקסאנדריע, פערסיע און אין אנדערע לענדער. אז ס׳איז נישטא קיין פרנסה — פארלאזט מען דאס לאנד. עליה איז אָפּהענגיג נישט בלויז פון פּאָליטישע רעכט אליין, נאר אויך פון אָביעקטיווע עקאנאמישע מעגלעכקייטן, — פון דעם איינארדנונגס־אופן, פון דער עלעמענטארער חיונה־באזע, און דאס איז פארבונדן קודם־כל מיט ערד. דידאָזיגע באַזע קען פאר אונז נישט זיין קיין פעסטע אין א לאנד, וואו די מערסטע ערד־שטחים, די לאנדווירטשאפט און די נאטירלעכע אוצרות געהערן צו אנדערע, און בלויז דער מסחר, דער טראנספּאָרט און די שטעט וועלן געהערן צו אידן. אזא אידישע מדינה וועט נישט ליקווידירן דעם גלות.

די גרעניץ צווישען די מדינות און די ענדערונגען אין דער «מדינה»

דידאָזיגע אונז כלומרשט פאָרגעלייגטע מדינה האט אויך נישט קיין שום באשיצונגס־מעגלעכקייטן. מיר וועלן זיך נויטיגן, צו זיכערהייטס־צוועקן, אין צענדליגער טויזנטער סאלדאטן, און פאַר זייער אויפהאַלטונג און געהעריגער באוואָפענונג זיינען נויטיג קאלאסאַלע געלט־מיטלען. דער מדבר וועט פאַרבלייבן אונזער גרעניץ. אבער 80% פון ארץ־ישראל וועלן זיין פאַרנומען דורך אַן אראבישער מדינה מיט אראביש־ענגלישער זעלבסט־שטענדיגקייט, וועלכע וועט זיין פאַרבונדען מיטן דאזיגן מדבר, און אָן א זייט וועט עקזיסטירן א קליינע אידיש־ענגלישע מדינה, וועלכע וועט אין איר זיכערהייט־שוץ זיין אָפּהענגיג פון די ענגלענדער און אראבער.

אונזער זעלבסט־באשיצונג אין ארץ־ישראל ביז איצט האט געשאפן א נייעם צושטאנד אין אידישן פאלק. אין די אדערן פונם איד אין ארץ־ישראל האט זיך אפשר אויפגעוועקט דאס אמאָליגע בלוט פון יענע, וועלכע האבן בשעתן צווייטן חורבן געפירט אונזערע פרייהייט־קאמפן און זיך געשיצט געגן גריכנלאנד און רוים. דאס אידישע ארץ־ישראל האט זיך אין אונזער תקופה געשטעלט צום פארטיידיגונגס־קאמף געגען די אָנגרייפער און שטערער. דער דאזיגער כוח אונזערער איז א גרויסער, אבער ער איז נאך נישט אזא מיליטערישער כוח, וועלכער זאל קענען שיצן אומנאטירלעכע גרעניצן; ער איז נישט קיין כוח, וואס זאל קענען אָפּהיטן א לאנד, וואו רו און פרידן זיינען אָפּהענגיג קודם כל פון ביקס אין שפּיז. מען מוז דאָך היטן אויך די לבנון־גרעניץ, און דער מיטללענדישער ים איז אויך א גרעניץ, — אויך ער אנטהאלט סכנות, ווארום ער איז א בשותפותדיגער פאר אונז מיט איטאליע און סיריע. עס קען קומען א מאָמענט ווען אויך דער מיטללענדישער ים זאל ווערן פאר אונז א דראָענדע גרעניץ. אין דער צוקונפט דראָען אונז סכנות נישט בלויז מצד די אראבישע שכנים נאר אויך מצד די אראבער, וואס וועלן זיך געפינען ביי אונז אינעווייניג, אינם אידישן שטח, — זיי וועלן זיין א מעכטיגער כוח, וואָס איז עלול אונז צו פארשאפן צרות.

די אידישע מדינה וועט, בכן, זיך דארפן באזירן אויף מיליטאריזאציע. מיר וועלן אייגנטלעך זיין נישט מער ווי א קליין ווינקל אין אן אומאָפיציעלער אדער אפשר טאקע אפיציעלער פעדעראציע פון באוואָפנטע אראבער. פון דער ערשטער מינוט פון דערדאָזיגער «פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט» אונזערער וועט אונזער גאנצע מענטשלעכע אוןווירטשאפטלעכע קראפט פארוועגדעט ווערן אויפן מיליטער, — אויף זיינע באדערפנישן וועט קאנצענ־טרירט ווערן אונזער גאנצער פּאָליטישער געדאנק.

אמת, עס איז שווער פעסטצושטעלן וואס עס וועט געשען בעת עס וועט רעאליזירט ווערן אָט דער אונז איצט פּאָרגעלייגטער זעלבסטשטענ־דיגקייט־סוראגאַט, וועלכער האט אין זיך אַלדאס שלעכטס און אלדאס פארבלענדעניש פון מלוכהשער פּאָליטיק אָן די נויטווענדיגסטע יסודות פון א מדינה, אָן געזעלשאפטלעך־עקאנאמישע כוחות, אויף וועלכע זי זאל זיך קענען שטיצן. שוין איצט דערשפירט מען יענע נייע און פרעמדע אטמאָספער, וועלכע האט זיך אויסגעשפרייט אין אונזער מחנה ביי די ערשטע רייד מכוח באשטימען גרעניצן און פעסטשטעלן די אויפגאבן פון דער באוועגונג אין זייער אפהיטונג אדער אויסברייטערונג. אונזער באוועגונג אין ארץ־ישראל האט פון אירע ערשטע טעג אָן זיך אסך באשעפטיגט מיט דער פראגע פון די גרעניצן. דער «השומר» האט תמיד געשטרעבט צו באזעצן די גרעניצן פון לאנד. מיר האבן געוואוסט: דאס גאנצע לאנד איז א גרעניץ, יעדער ארץ־ישראלדיגער ישוב איז א גרעניץ־ישוב. מיט דעמדאזיגן באגריף האבן מיר זיך דערצויגן צו אונזער שוץ און יעדן ארבעטס־פונקט אין לאנד האבן מיר באטראכט אלס טרעגער פון אירע אויפגאבן. אבער מיטן דערשיינען פון איצטיגן מדינה־פלאן האט ארויסגעשפראצט עפעס אן אנדער באגריף פון גרעניץ: א גרעניץ צווישן מדינות אין דעם איינעם לאנד אונזערן, א גרעניץ, וואס אירע היטער דארפן זיין געקליידט מיליטעריש. דער גע־דאנק וועגן די גרעניצן וועט ווערן דער צענטראלער געדאנק פון דערדאָזיגער מדינה פונם ערשטן טאג אָן פון איר עקזיסטענץ. מאסן יוגנטלעכע וועלן לעבן מיט א חלום פון גרעניצן־פארבּאַפונג, ווייל אזא איז דער גורל פון בירגער, וועלכע האבן באקומען זייער מדינה מיט אירע גרעניצן אלס מתנה. אזוי זעט אויס די באציאונג צו גרעניצן, וועלכע זיינען געשאפן געווארן בשעת דער מזל האט, כלומרשט, צוגעשפילט דער דיפלאמאטיע. אט דאס איז דער גורל פון גרעניצן, וועלכע מען קען נישט שיצן מיט דער קראפט פון איבערצייגונג און פון ארבעט; גרעניצן וואס מען דארף קלערן מכוח ענדערן זיי פונם ערשטן טאג אָן ווען מען האט זיי פעסטגעשטעלט; וועלכע האבן נישט קיין שום נאטירלעכן און עקאנאמישן אָנהאלט און מען קען זיי נישט באשיצן נישט א רוק־טועגדיג זיי. אזוי זיינען גרעניצן, וואס זייגען אומאויפהערלעך מחייב די באוואוינער פון ביידע זייטן זיי אויסצובּרייטערן אויפן חשבון פון דער שכנותדיגער מדינה.

די חלוקה וועט אָפּווענדן די צענטראלע אויפמערקזאמקייט און טעטיג־קייט מצד דער באוועגונג פון דער קאלאניזאציע. די הויפּט־ריכטונג וועט אָפּגעלענקט ווערן צו דער זייט פון דער שטאַט: פארמיטלעריי, טוריסטיק, אָרטיגער און אינטערנאציאנאלער האנדל, — זיי וועלן ווערן די הויפּט־

ארטעריעס פון דער נאציאנאלער חיונה. מאסן מענטשן וועלן זיך ווידער נעמען צו דער אלט־אלטער אידישער פרנסה: ווערן מיסיאנערן פון קולטור און קאמיסיאנערן פון האנדל. ממילא וועט אויך באשטימט ווערן א נייע ריכטונג פאר דער טענדענץ פון דער אידישער עליה, פאר דער עליה־פּאַרבארייטונג פונם מענטשן־מאטעריאל. נאכמער: די בירגער פון דעם־דאזיגן לאנד, וואו מען קען דערשטיקט ווערן פון קנאפקייט אין שטח, וועלן באטראכטן אלס זייער צענטראלע אידעע — נאציאנאלע טאָטאליטעט, שאָוויניזם, און דאס מוז געדאנקלעך דערפירן צום וועלן דערווייטערן פון דער מדינה די פרעמדע און צו פערמאנענטער מיליטערישער דערציאונג. די ארץ־ישראלדיגע ארבעטער־באוועגונג, וועלכע האט מיט ווערטער און מעשים געבראכט צום אויסדרוק די איבערצייגונג פון פאלקס־שוץ, וואס פארפליכטעט יעדען ארבעטנדן מענטש, יעדען מאן און יעדע פרוי, — פאר דערדאזיגער באוועגונג איז זייער וויכטיג די שוץ פון דער ארבעט, וועלכע העלפט פארווארצלען די קאלאניזאציע; פאר איר איז זייער וויכטיג די מיליטאריזירונג פונם ארבעטנדן מענטש, וועלכער פארטיידיגט זיין עקזיסטענץ־רעכט. אבער דאס דאזיגע ארומגעשניטענע לאנד וועט שאפן א קוועלע פארן וואוקס פון אן אנדערער אויפפאסונג פון דער פאלקס־שוץ, — זי וועט דערציען א סאלדאט וואס גרייט זיך מלחמה־האלטן מיטן סאלדאט פון יענער זייט גרעניץ. ארבעטנדע מיליטערישקייט און מיליטערישע ארבעט, מיליטערישע דינסט, — דאס זיינען צוויי פּאָליוסן. דאס לעצטע איז דער פשט: דערציען די יוגנט צו דערפילן די מלוכהשע אויפ־גאבע, — אויסצופירן די מיליטערישע פונקציע נישט ארבעטנדיג און נישט לשם דער באשיצונג פון דער ארבעט. מען דערשפירט שוין איצט די מיליטעריש־קייט, וואס דרינגט אריין אין גייסט פון אונזער געזעלשאפטלעכקייט, וועלכע וועט קומען צום בולטן אויסדרוק אין די גאר נאענטע יארן און אפשר שוין אין דער איבערגאנגס־תקופה. מען קען שוין איצט דערזען דעם סימפטאָם פון אָט דער מיליטערישקייט, וועלכע פּראָקלאמירט: גיט אונז באאמטע! גיט אונז אפיצערן! די צוקונפט געהערט צום אינטעליגענט, ווי אויך צום מיליטערמאן, — צום מענטש פון רעגירונגס־אפאראט. אזוי מוז אויסזען די מדינה, וואס עס פעלט איר דער חוט השדרה, די פּאָזיטיווע פונקציע, — די מיליאנען ארבעטער און פויערן, אבער זי מוז דערביי דערפילן אלע אויפגאבן פון א מדינה, הויפּטזאכלעך, די «אויבערשטע», די «מלוכהשע» אויפגאבן — דאס אָפּהיטן גרעניצן, דאס גרייטן זיך צו מלחמה, די בויאונג פון א מלוכהשן «אפאראט».

אָנשטאט צו מאכן גאנץ ארץ־ישראל פארן אויפמערקזאמקייט־צענטער, פארן צענטער פון אלע ציוניסטישע אָנשטרענגונגען, פארן סאמע ערנסטסטן פרווו צו לעזן די אידן־פראגע, צו קאנצענטרירן דאס אידישע פאלק און צו פארוואנדלען די פארצווייפלונג פון פאלק און פון דער יוגנט אין א בויענדן און פארווירקלעכענדן כוח, — זאָגט מען אונז: נעמט די „מדינה", וואס מען גיט אייך. אָט די צוויי צוגאנגען זיינען מחייב צוויי באזונדערע און פארשידענע וועגן. פון איין זייט — דערציאונג צו חלוצישקייט, באטראכ־טונג פונם איבערגאנג צו ארבעט־און דאָרפס־לעבן אלס צענטראלן און

הויפט־אינהאלט פון דער באוועגונג און פון דער פאלקס־גאולה, און פון דער אנדערער זייט — דערציאונג צו „מלוכהשקייט", „מלוכהשע" דערציאונג פון דער יוגנט צו מיליטערישקייט, צו באאמטנשאפט, צו פארמיטלעריי. אַנשטאָט די תורה פון פשטות און ארבעט און קערפערלעכער געזונטקייט וועט מען דארפן לערנען דאס פאלק די תורה און חכמה פון פּאָליטיק און דיפלאמא־טיע, און דאס וועט ווערן זיין צענטראלער לעבנס־אינהאלט. אונזער גאנצע באוועגונג געפינט זיך איצט פאר א גרויסער כוואליע פון פרעמדקייט לגבי דעם הויפט־אינהאלט פון איר דערציאונג, פון פרעמדקייט לגבי אירע גרונט־יסודות. די חלוקה און איר פּאָליטישער פאַר־געדאנק וועלן דערפירן צו א נייער אריענטאציע אין אלע הינזיכטן, — מען וועט מוזן אריבערגיין צום שטאנדפונקט פון טאָטאליזאציע און נישט פון קלאסן־דיפערענציאציע, וואר־רום עס וועט זיין נויטווענדיג צו שאפן א מיליטערישע קראפט פאר דער באלדיגער באשיצונג פון דער מדינה־עקזיסטענץ און פאר צוקונפטיגע מי־ליטערישע דעראבערונגען. אין דער מדינה וועט דער סאציאליזם קיין אָרט נישט האבן; דער איבערטריבענער נאציאנאליזם וועט שטרעבן צו דערשטיקן יעדן סאציאליסטישן געדאנק, יעדן סאציאליסטישן ווילן.

סוווערניטעט און זעלבסטשטענדיגקייט

די סוווערניטעט, וואס מען זאגט אונז כלומרשט צו אין דער דאזי־גער מדינה איז נישט קיין ממשות׳דיגע סוווערעניטעט. מיר וועלן זיין פול־שטענדיג אָפּהענגיג פון ענגלאנד. סוווערעניטעט באקומט מען נישט מיט אמאל. דאס איז בכלל נישט קיין זאך, וואס מען קען עס באקומען. סוווערע־ניטעט בילדעט זיך אויס פון זיך אליין אינם פראצעס פון עקאנאמישן און גייסטיגן פאלקס־לעבן. און עס איז פאלש צו פארגלייכן דידאזיגע אונז פאַרגעלייגטע מדינה מיט פוילן און טשעכאָסלאוואַקיי, וועלכע האבן אויך באקומען פּאָליטישע סוווערעניטעט. אין יענע לענדער זיצן פעלקער, וואס די שפראך, דער באדן, די לאנדווירטשאפט, די שטאָט און דאס דארף, די עקאנאמיק, די ארבעט און די דערציאונג, — דאס אלץ איז אויך פריער גע־ווען זייער אייגנס, אין די אלע הינזיכטן זיינען זיי שוין פריער געווען אומאָפּהענגיג, נאר כדי אויסצוגעשטאלטן זייער נאציאנאלע סוווערעניטעט האבן זיי זיך גענויטיגט אין פּאָליטישע רעכט און די דאזיגע רעכט זיינען זיי געגעבן געווארן. אבער מיר זיינען א פאלק, וואס לעבט נאך נישט אין זיין לאנד, און דעריבער איז אונז אוממעגלעך צו באקומען פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט אלס מתנה. און ווי שרעקלעך איז א מתנה, וואס מען קען זי יעדן מאמענט צוריקנעמען. באקומענע רעכט גיבן נאך נישט קיין פּאָליטישע קראפט סיידן זיי פאַרמאָגן א פעסטן יסוד אונטער זיך. דערי־בער איז אונז אויך די עמאַנציפּאַציע נישט געלונגען. אין גלות האבן מיר אין פארשידענע ערטער באקומען בירגערלעכע עמאנציפאציע, אין געוויסע ערטער האבן מיר באקומען אויך נאציאנאלע רעכט, עפעס איז נאך פאר־בליבן דערפון עד היום אין ליטע, אויך אין לעטלאנד און אין עסטלאנד. אבער דאס אלץ גיט נישט אין יענע ערטער די אידן קיין שום מעגלעכ־קייט צו הערשן איבער זייער אייגענעם נאציאנאלן גורל, ווייל עס פעלט דער יסוד, ווייל דער פּאָליטישער כוח הענגט אָפּ פונם ממשותדיגן כוח

פון די איינוואוינער — פון זייער עקאנאמישער זעלבסטשטענדיג־קייט. אין אונזער באהאנדלען די פראגע פון דער ארץ־ישראל־חלוקה דארפן מיר זיין דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אז פאליטישע רעכט, אפילו ווען זיי זיינען אנגעשריבן און געחתמעט, האבן נישט קיין ווערט אויב זיי זיינען נישט קיין אויסדרוק פון א פאקטישן מוז, פון א אינערלעכער באוועג־קראפט.

ווען מען וואלט איצטער געגעבן די אידן א סוווערענע מדינה, וואס פארנעמט א שטח פון 14 מיליאן דונאם און מען וואלט דערלויבט צו שאפן א אידיש שוץ־מיליטער און צו בויען פארטן, און מען וואלט אויך דער־מעגלעכט א פרייע עליה, — וואלט זיך דען דאן געפונען עמיצער פון צווישן די אידן וואס וואלט געזאגט: איך נעם נישט אן די דאזיגע מדינה? ווארום נישט בלויז א מדינה נאר אלץ, וואס ווערט אונז איבערגעגעבן אין אונזער אייגן רשות, מעג עס זיין א סך ווייניגער פון א מדינה, פארשטארקט אונ־זער כוח און ס׳איז בעסער ווי יעדע פרעמדע הערשאפט. איז דען נישט דאס דער ציוניסטישער טרוים — זעלבסטשטענדיגע פארטן, א אידיש שוץ־מיליטער, א סוווערענע מדינה?

אבער לעת־עתה איז דאס נישט מער ווי א טרוים און ווען עמי־צער וויל אים באווייזן אלס רעאליטעט דורך א פאליטישן פלאן, — פאר־פירט ער אונז מיט פאנטאסטישע און שעדלעכע רייד. דער איצטיגער פא־ליטישער מצב שאפט נישט קיין גרונט צו האלטן, אז מיר שטייען ערב דער שאפונג פון א «סוווערענער» אידישער מדינה. הגם די שאפונג פון א אי־דישער מדינה איז נישט אונזער ענד־ציל איז אבער קיין ספק נישט, אז א מדינה קען זיין א זעהר באדייטנדער אינסטרומענט פאר דער פארווירק־לעכונג פון ציוניסטישן ציל — די קאנצענטרירונג פון דער מערהייט פון אי־דישן פאלק אין ארץ־ישראל. און כאטש מיר זיינען אקארשט נישט לאנג געשטאנען פאר דער קעניגלעכער קאמיסיע און געטענהט, אז מיר ווילן אין ארץ־ישראל א נאציאנאלע היים און נישט קיין מדינה, ווייל א מדינה איז עפעס ווייניגער פון א היים, — איז אבער ווייטער קיין ספק נישט, אז א מדינה קען פאר אונז זיין א גרויסע שטויס־קראפט אין אונזער ארבעט, אויב זי דערמעגלעכט א זעלבסטשטענדיגע אידישע הערשאפט איבער א גרויסן טייל פון לאנד, איבער דער עליה איבער דאס מיליטער א.א.וו. און פונדעסטוועגן האבן מיר נישט געזאגט, אז מיר פארלאנגען א מדינה, ווייל די דאזיגע פאדערונג האט אונז אויסגעזען פאנטאסטיש, ווייל מיר האבן זי נישט באטראכט אלס רעאלן ענין, — ווייל די «סוווערעניטעט» פון א טייל לאנד איז אילוזאריש, דאגעגן איז זעהר ממשותדיג די אראבישקייט פונם גרעסערן טייל, פון דער אראבישער מדינה.

דערביי וועט די גאנצע אידישע וועלט זיין פאראנטווארטלעך פאר דער דאזיגער מדינה, וואס מען לעגט אונז פאר. מען וועט אומעטום און תמיד, אין צייטן פון מלחמה און אין צייטן פון שלום, זאגן צו די אידן: איר פירט זיך נישט אויף ווי געהעריג אין אייער מדינה, ווי אזוי־זשע קענט איר פארלאנגען, מיר זאלן זיך אויפפירן ווי געהעריג לגבי אייך אין אונזער מדינה?! זיינען דען פאראן אזעלכע וואס מיינען, אז א אידישע

רעפרעזענטאנץ אין דרויסן — אין נאָמען פון דער מדינה — איז בכוח אויפ־צוהויבן אונזער פּרעסטיזש? דער אידישער פּרעסטיזש איז געוואַקסן דורך די גרויסע אויפטוען אין ארץ־ישראל. וועלן מיר דען זיין בכוח צו שיצן די אידישע רעכט און דעם אידישן כבוד צווישן די אומות העולם מיט דער קראַפט פון דער דאַזיגער „פיקטיווער מדינה״? אומגעקערט — אונזער פּרעס־טיזש וועט פאַלן. דער מאַנגל אין פאַקטישן כוח מצד דער אידישער מדינה וועט אויף אונז אַרויפלייגן אַ קראַפטלאָזע אחריות. און אין אַ מאָמענט פון אַ וועלט־מלחמה וועט דאָס גאַנצע וועלט־אידנטום זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליטיק פון דער אידישער מדינה. דאָס איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס קען מיט זיך ברענגען סכנות און רדיפות אָבער נישט קיין שוץ און זיכערהייט.

ניין, מיר ווייסן נישט ווען מיר וועלן באַקומען די ממשותדיגע פּאָליטיש־מלוכהשע סוווערעניטעט, — נישט די פיקטיווע סוווערעניטעט וואָס עס פאַרמאָגן די אַראַבישע מדינות אין עבר־הירדן, אין סיריע און אין לבנון. ערשט נישט לאַנג האָבן דאָך די חברים, וועלכע האַלטן איצטער פאַר דעם פאָרשלאַג פון דער «אידישער מדינה», אונז געזאָגט, אַז אין קיין שום פאָר־שטעלבאַרער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו האָבן מיר נישט קיין אויסזיכטן צו דערגרייכן ווען־עס־איז אין ארץ־ישראל פולשטענדיגע סוווערעניטעט; זיי האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז אויך אין דער צוקונפט וועט ארץ־ישראל מוזן זיין אָפּהענגיג פון דער אַראַבישער פעדעראַציע אָדער פון דער בריטישער אימ־פּעריע. און גאָר פּלוצים זיינען דיזעלבע חברים גרייט מסכים צו זיין צו דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל, כדי צו דערגרייכן «אידישע סוווערעניטעט», וועלכע זיי האָבן אָקאָרשט געהאַלטן אין יסוד פאַר אוממעגלעך.

אַ סוווערענע מדינה — אוודאי איז דאָס אַ וויכטיגער ציל אין אונזער וועג, אָבער זיין פאַרווירקלעכונג איז נישט רעאַל ביי דער היינטיגער פּאָלי־טישער לאַגע, ביי די פאַראַנענע כוחות־פאַרהעלטנישן, ביים מצב פון אידן אין ארץ־ישראל און ביי אונזער איצטיגן קראַפט־צושטאַנד אין דער וועלט. ביי היינטיגן טאָג איז עס נישט מער ווי אַ פאַנטאַסטישער פּלאַן. די מדינה קען ווערן אַ ממשות נאָר אַלס רעזולטאַט פון אַ באַשטימטן מצב פון די אידן גופא, פון אונזער כוח אין ארץ־ישראל, פון אונזער קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער וואָג, פון אונזער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און מילי־טערישער קראַפט, וועלכע בילדן צוזאַמען די מעגלעכקייט צו באַקומען אַזאַ זעלבסטשטענדיגקייט. די מדינה קען אויך ווערן אַ ממשות אַלס רעזולטאַט פון אַ פּאָליטישער טעטיגקייט, וועלכע זאָל זיך באַזירן אויף דער אידן־נויט אין דער וועלט און אויף דער באַדייטונג פון אונזער אַלוועלטלעכער שטעלונג. ווי דאָס האָט פאָראויסגעזען הערצל, בעת ער האָט געגלויבט, אַז די אידן־נויט אין דער וועלט וועט דערפירן די פעלקער צו דער איבערצייגונג, אַז די לעזונג פון דער אידן־פראַגע ליגט נאָר אין דער שאַפונג פון באַדינגונגען פאַר דער אַנטשטייאונג פון אַ אידישער מדינה. עס איז מעגלעך, אַז די אידישע מדינה וועט אַנטשטיין אינם מאָמענט בעת אָט די לעזונג פון דער אידן־פראַגע וועט באַטראַכט ווערן דורך אַלעמען אַלס רעאַלע לעזונג און בעת די אַלוועלטלעכע פּאָליטישע סיטואַציע וועט זיין ענלעך צו דער סיטואַציע

פונם סוף וועלט־מלחמה פאַרן אָננעמען די באַלפור־דעקלאַראַציע. אָבער אונז זאָגט מען דאָך, אַז מיר באַקומען איצט אַ סוווערענע אידישע מדינה אַלס תשובה אויף די אומרוען אין ארץ־ישראל, וועלכע זיינען דאָך געווען באַגלייט מיט דער באַקאַנטער רעאַגירונג מצד דער בריטישער הערשאַפט אין לאַנד; אין פאַרבינדונג מיט דער פאָרשונג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, מיט דער באַציאונג פון דער בריטישער אָרטיגער מאַכט צו אונז און מיט אירע מיינונגען וועגן דער ענגלישער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח, — זיינען דען אַזעלכע רייד נישט פאַנטאַסטיש און לחלוטין גרונדלאָז? אַט אַזוי באַקומט מען דאָס אַ מדינה? — נישט דורך אַ קאָלאָניזאַטאָריש־פּאָליטישן כוח, נישט דורך אַ אידישער מערהייט אין לאַנד, נישט דורך די קראַפט פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלער שטעלונג און פון אונזער פאַר ענגלאַנד אַנטשיידנדער קראַפט געגן דער קראַפט פון דער אַראַבישער פירערשאַפט, — נאָר פשוט דורך אַ פּאָליטישער קאָמבינאַציע פון צעטיילן דאָס לאַנד און קאָנסטאַטירן דעם אידישן און דעם אַראַבישן יש? אמת, דער גלויבן, אַז די סוווערענע אידישע מדינה וועט אַנטשטיין גראָד איצט, איז אַ שיינער און געטרייער חלום מצד דעם טרוימער, אָבער ער שטימט מער מיטן חלום ווי מיט ממשותדיגע פּאָליטישע פאַקטן.

דער ציוניזם אַלס אינטערנאַציאָנאַלער פאַקטאָר

ביי יעדן עווענטועלן סכסוך אין ארץ־ישראל געהערט די אמתע סוווערעניטעט צו ענגלאַנד, ווייל זי האָט דעם כוח, — אין איר רשות איז דאָס מיליטער און דער פלאָט. ענגלאַנד וויל, אַז אין ארץ־ישראל זאָל נישט אויסברעכן קיין אויפשטאַנד. אָבער אַ פאַקטיש־סוווערענע אידישע מדינה פאַרזיכערט איר דאָס נישט. ענגלאַנד האָט דעריבער בדעה נישט מער ווי נאָר פעסטצושטעלן אַלס אידישע מדינה דאָס וואָס אידן פאַרמאָגן שוין אין ארץ־ישראל. אמת, אויך איצט זיינען מיר אָפּהענגיג פון ענגלאַנד, אָבער אונזערע באַציאונגען באַזירן זיך אויפן יסוד פון מאַנדאַט און דאָס איז פאַר אונז אַ שטאַרקערער שטיץ־פּונקט ווי די כלומרשטע סוווערעניטעט. איצט זיינען אונזערע רעכט פאַרזיכערט דורך אַ אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך; אין אַ נויטפאַל, ווען מען באַוואַלט אונז, קענען מיר שרייען און אָנקלאָגן ענגלאַנד פאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. אַזאַ פּאָליטישן כוח טאָר מען נישט גרינגשעצן אַפילו אין אונזערע צייטן. איצט פאַרלאַנגט מען פון אונז, מיר זאָלן באַפרייען ענגלאַנד פונם צוזאָג וואָס זי האָט בשעתה געגעבן און דערפאַר וועט מען אונז געבן 20% פון ארץ־ישראל, וועלכע וועלן אויך זיין פולשטענדיג אָפּהענגיג פון ענגלאַנד. מען קומט צו אונז מיט ברען און אין איילעניש און מען פאַרלאַנגט — מיר זאָלן העלפן ענגלאַנד זיך באַפרייען פון אירע פאַרפליכטונגען לגבי דעם אידישן פאָלק, מיר זאָלן איר מיטהעלפן בטל צו מאַכן איר אינטערנאַציאָנאַלע אחריות לגבי אונז; מען פאַרלאַנגט פון אונז, מיר זאָלן מוותר זיין אויף אַ אינטערנאַציאָנאַלן מאַנדאַט און אַנשטאָט אים זאָלן מיר באַקומען פולשטענדיגע אָפּהענגיגקייט פון ענגלאַנד. אָט דאָס גרינגשעצן דעם אינטערנאַציאָנאַלן יסוד, ווייל ער איז כלומרשט בלויז אַ פיקציע, איז אַ היסטאָרישער פעלער מצד אונז. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאָרום קען אַ סך מאָל צוזאַמענברעכן, ער וועט אָבער תמיד אויפ־

גײַשטעלט ווערן פונדאַסניי. פון שטאַנדפּונקט פון אַ לענגערער צייט־פּער־ספּעקטיוו איז שוין נישטאָ קיין אומקער צו אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאַרקיע אין דער וועלט. דעריבער האָט יעדעס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט פאַר אונז אַ גרויסע באַדייטונג.

די יאָ־זאָגער טענהן, אַז מען קען אויפבויען אַ געזונטע עקאָנאָמיק דורך דער שאַפונג פון געוויסע צאָל־סיסטעמען. איז דען פאַראַן אַ גרונט צו מיינען אַז דידאָזיגע קליינינקע מדינה וועט זיין בכוח זיך אַרומצורינגלען מיט צאָל־מויערן, עפענען און שליסן אירע טויערן בלויז לויט איר אייגענעם איינזען און זיין זעלבסטשטענדיג אפילו אויף אָט דעם געביט? וואָס דער שטח פון לאַנד איז קלענער אַלץ מער וועלן מיר דאָך זיין אָפּהענגיג פון עקספּאָרט־מעגלעכקייטן און נישט פון אַ צאָל־מויער. אַ קליין לאַנד קען נישט אויסקומען מיט ווירטשאַפטלעכער אויטאַרקיע, עס קען זיך נישט שטיצן אויף צאָל־פּאָליטיק, נאָר אויף אַ אינערלעך־געהעריגער אָרגאַניזאַציע, אויף אַ גרויסער פּראָדוקציע, אויף אַ טעכניש־אַנטוויקלטער ווירטשאַפט, אויף אַ אינטענסיוון ישוב אין שטאָט און אין דאָרף; אַ קליין לאַנד איז פאַראינטע־רעסירט, אַז איר ישוב זאָל זיין געווענדעט צו דער וועלט און נישט אָפּגעקערט פון איר.

מיר פאַרמאָגן אויך אַ פּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַל געווער, דער גאַנצער מאַנדאַט האָט נאָך נישט אָפּגעברענט. מיר דאַרפן בויען אויף דער אינטער־נאַציאָנאַלער קראַפט פון דער אידישער נויט. דאָס איז געווען הערצלס הויפּט־געדאַנק. אינם עצם געדאַנק פון מאַנדאַט, וועלכן עס האָבן געחתמעט אַלע פעלקער, איז קיין שום פעלער נישט געווען; אונז האָט געשטערט נישט דער מאַנדאַט נאָר דער מאַנדאַטאָר. איך זאָג נישט, אַז מען דאַרף זיך ווענדן צו אַן אַנדער מאַנדאַטאַר, אָבער דער «מדינה»־פּלאַן באַדייט: עס זאָל איבער־בלייבן דער מאַנדאַטאָר באַפרייט ווערנדיג דערביי פונם מאַנדאַט און פון אינטערנאַציאָנאַלער התחיבות. דער מאַנדאַט האָט געהאַט אַ ווערט פון אַ פּאָ־ליטישער און מאָראַלישער מאָנונג. דער פעלקערבונד איז נאָכנישט אונטער־געגאַנגען, און מיר דאַרפן תמיד בויען אונזער פּאָליטיק אויף אינטערנאַציאָנאַלע יסודות. מיר דאַרפן פאַרזעצן הערצלס דערמאָנטן וועג. מיר דאַרפן ווייטער גיין אויף אים און נישט אַראָפּ אין אַ זייט. אפילו ווען מיר וועלן דער־גרייכן ממשותדיגע סוווערעניטעט, וועלכע וועט אַנטשטיין אויפן יסוד פון אונזער כוח אין לאַנד, וועלן מיר זיין פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן אונזער אינטערנאַציאָנאַל־פּאָליטישע אָפּהענגיגקייט. יעדעס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, וואָס מיר פאַרמאָגן אָדער וועלן פאַרמאָגן, איז פאַר אונז וויכטיגער ווי לאָקאַלע רעכט, ווייל דאָס אידישע פּראָבלעם איז אַ אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם, און דאָס זעלבע איז אויך מיט ארץ־ישראל, ווייל עס איז אַ לאַנד מיט אינטער־נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אויב דער פעלקערבונד וועט צעפאַלן — וועט אַן אַנדע־רער געשאַפן ווערן אויף זיין אָרט. אויב ער וועט פאַרניכטעט ווערן דורך אַ מלחמה — וועט ער שפעטער, נאָך דער מלחמה, פונדאַסניי אויפגעבויט ווערן. אמת, די רעאַקציע אין דער וועלט איז איצט גרויס, אָבער איר סוף וועט קומען. אַסך רעכט זיינען בטל געוואָרן, אָבער זיי וועלן פונדאַסניי אויפלעבן, אויב זיי וועלן האָבן אונטער זיך אַ רעאַלן כוח. מיר דאַרפן זיך

איצט קאָנצענטרירן ארום דער שאפונג פון דעמדאָזיגן כוח. מען דארף אויך געדענקען, אז ענגלאנד איז פאראינטערעסירט און דער אָפהיטונג פונם ווערט פון א אינטערנאציאנאלער התחיבות; דערמיט איז זי אנדערש פון דייטשלאנד. שלום, סטאבילקייט פון פעסטגעשטעלטע רעכט, אינטערנאציאנאלע פאַרפליכטונגען, — דאס אלץ האט נאך א ווערט אין ענגלאנד.

דאס הערצלישע ווערק — די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, דער ציוניסטישער קאנגרעס — איז דאס אנטשיידנדסטע היסטאריש־פּאָליטישע ווערק, וואס איז נישט געווען פארבונדן מיטן מדינה־באגריף. דער וויכטיגסטער פּאָליטישער פאַקטאר, וואס הערצל האט באשאפן, איז דאס עצם מאכן דאס אידישע פאלק פאר א פאַקטאר דורך זיין אָרגאניזירונג, דורך דער ארגאניזירונג פון הונדערטער טויזנטער מענטשן. מענטשן, ארגאניזירטע אונטערן דרוק פון זייערע נויטווענדיגסטע לעבנס־באדערפנישן, פארמאָגן א פּאָליטישן כוח, און זיי בילדן אויך מיט זיך א פּאָליטישן כוח לגבי די אנדערע מענטשן, וואס געפינען זיך מחוץ פון זייער ראם. אט די אידעע האט געזיגט. אבער דער צווייטער טייל פונם הערצליזם, — יענער טייל פון דער פּאָליטיש־ציוניסטישער אויפפאַסונג, וואס מיינט אז א אידישע מדינה איז פריער פאַר קאלאניזאציע און פאר ארץ־ישראל און דעריבער קען מען דאס לאנד פארבייטן אויף אַן אנדערס, וואו מען קען אויך דורכפירן א קאלאניזאציע, — אט דער טייל איז דורכגעפאלן. עס איז נישט דערגרייכט געווארן קיין אידישע מדינה, איידער עס איז דורכגעפירט געווארן אַ קאלאניזאציע. אוגאנדע האט נישט אויפגעהויבן קיין פּאָליטישע באַוועגונג. דער טעריטאריאליזם איז נישט פארווירקלעכט געווארן. דער הערצליזם האט געזיגט אין זיין גרונט־אידעע: פּאָליטישע ארגאניזירונג פון אידישן פאלק כדי אוועקצושטעלן די אידן־פראגע אלס אינטערנאציאנאלע פראגע און צו דערגרייכן דורך אַ אינטערנאציאנאלן אָפמאַך אזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע זאלן דערמעגלעכן אַ קאלאניזאציע־ווערק אין ארץ־ישראל שטרעבנדיג צו א «טשארטער», צו א «נאציאנאלער היים». דערפון דרינגט ארויס די דערשיינונג פון דער ארבעטנדער עליה, וועלכע באדייט: ארגאניזירטע עליה פון אידן קיין ארץ־ישראל; אידישע ארבעט און אידישער שוץ, ווייל ארץ־ישראל איז, לגבי אט דער היסטארישער אויפלעבונג פון אידישן פאלק, נישט קיין זאך פון א צופעליגן אויסוואל נאר א רעזולטאט פון באשטימטע היסטארישע דערשיינונגען, פון א היסטארישער נויטווענדיגקייט.

פאראן נאָך אַן עלעמענט אין פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער האָט געזיגט און איז אנטשיידנד פאר אונז: דאס אנערקענען די אידן־פראגע אלס אינטערנאציאָנאלע פראגע, וועלכע פארלאנגט א לעזונג פון א אינטערנאציאָנאלן כאראקטער, ד. ה. די אידן־פראגע איז נישט בלויז קיין אלוועלטלעך־אידיש פּראָבלעם נאָר אין איר לעזונג זיינען פאראינטערעסירט אלע פעלקער. דעם פּאָליטישן ציוניזם איז געלונגען צו פארוואנדלען די אידן־פראגע פון אן ענין, וואס באשעפטיגט יעדעס פאָלק באזונדער, אין א נאציאָנאל־פּאָליטיש פּראָבלעם פאר אלע לענדער און פעלקער, אין וועלכע מיר לעבן, — דעריבער איז נויטיג די באטייליגונג פון זיי אלע אין איר לעזונג.

און וואס שייך ענגלאנד: איך זאָג נישט, אז די ענגלענדער, אָדער —

אלע ענגלענדער, זיינען געגן אונז. פאראן פארשידענע «בריטאניעס». פאראן אַן ענגלאַנד פון לאָרד באלפור, פון ליידי דאָגדייל און פון דער ארבעטער־באוועגונג, און עס איז פאראן נאך אן ענגלאנד, וואס איז געגן אונז און שטעכט אונז. אָבער אלע ווייסן, אז אויך די אידן פארמאָגן א וועלכן־עס־איז כוח און קיינער וועט דעמדאָזיגן כוח נישט אזוי שנעל גרינגשעצן. אלע פאָלגן נאָך מיט אינטערעס די דעבאטע פון אונזער איצטיגען קאָנגרעס און זיי ווייסן, אז מען מוז נעמען אין אכט די גויט פון אידישן פאָלק אין דער וועלט, די דערגרייכונגען אונזערע אין ארץ־ישראל, אונזער צוקונפטיגע ראָל אין דעמדאָזיגן לאנד און אונזערע אינטערנאציאָנאלע פארבינדונגען.

אונזער באציאונג צו די אראבער

אונזערע באציאונגען מיט די אראבער וועלן זיך נישט ענדערן דורכדעם, וואס איין טייל זייערער וועט זיין אָפּהענגיג פון אידן און דער צווייטער טייל וועט שאפן א זעלבסטשטענדיגע אראבישע מדינה. אמת, ביי די איצטיגע פארהעלטנישן קען מען נישט האָפן, אז עס זאָל בקרוב איינגעשטעלט ווערן א אידיש־אראבישע שותפות, אָבער פונדעסטוועגן וועלן מיר אויף תמיד נישט מוותר זיין אויף די אויסזיכטן צו געפינען מעגלעכקייטן וויאזוי צו רעגולירן די געגנזייטיגע באציאונגען פוןביידע פעלקער אין אן איינהייטלעכער מדינה. אינטערעסן פון מאסן אראבער זייגען מיט טויזנטער פעדים פארבונדן מיט אונזער אויפבוי־ווערק. אבער די פאראנגענע שטרייטיגקייטן צווישן אונז וועלן דורך דער גרינדונג פון דער קלייניקער אידישער מדינה נישט בטל ווערן נאָר נאָך מער פארשטארקט ווערן, און די אויסזיכטן אויף א ממשותדיגער שותפות צווישן אונז וועלן קנאפער ווערן. די עוואקואציע, וועלכע מען לייגט אונז פאָר אלס אויסוועג פון די שוועריגקייטן פון דער אראבישער פראגע, איז א ווילדע און אוממאָראלישע אידעע, אויב זי דארף דורכגעפירט ווערן מיט גוואלט. מיר דארפן נישט פארגעסן, אז אידן זיינען אומעטום מינדערהייטן. ענגלאנד איז עס גרינג ארויסצולאָזן אזעלכע לאָזונגען, אָבער מיר טאָרן נישט אָננעמען אלס באזע פאר אונזער פאָליטישן אידעאל דעם פלאן צו פארטרייבן 200,000 אראבער פון זייערע דערפער און שטעט. די מערסטע פון זיי וועלן דערצו נישט מסכים זיין, צוליב נאציאנאלע און אויך צוליב פערזענלעכע מאָטיוון. דער עקספאנסיווער אראבישער נאציאָנאליזם וועט נישט מוותר זיין פון גוטן ווילן אויף א טייל ארץ־ישראל. און אויך אוטיליטארע מאָטיוון, — די פריוואטע אינטערעסן פון די אראבער וועלן נישט דערלאָזן מוותר זיין. ווער וואלט דאס יאָ מסכים געווען צו פארלאָזן א לאנד פון עקאָנאָמישן אויפבלי גראָד אין דער אויפבוי־תקופה? ניין, מיטן גוטן ווילן וועלן זיי נישט אוועק פון ארץ־ישראל, — וועלן מיר זיי ארויסשיקן מיט גוואלט? לאָמיר אפילו אָננעמען, אויף איין מאָמענט, אז עס וועט אונז יאָ געלינגען אדורכצופירן דידאָזיגע עוואקואציע, — וועלן מיר דען אבער דערנאך קענען פרעטענדירן אין וועלכער־נישט־איז מאָס ארייַנצודרינגען אויף א פרידלעכן וועג אין די איבעריגע 80% לאנד, וועלכע וועלן זיך דאָך געפינען אין רשות פון די אראבער? אויך ענגלאנד וועט אונז נישט מיטהעלפן דערצו, ווייל זי וואָלט דורכדעם אויפגעוועקט געגן זיך דעם אראבישן צאָרן. די עוואקואציע איז עלול לחלוטין צו פארסמען אונזערע באציאונגען

מיט די אראבער און זי איז אויך עלול פּאָליטיש אומגליקלעך צו מאכן די אידן אין גאָר דער וועלט, וואס צוליב זיי טוען מיר אונזער ארבעט אין ארץ־ישראל און פון זיי און זייער מצב זיינען מיר אלע אָפּהענגיג. דערמיט ווערט דאָך געגעבן ווערן א פּרינציפּיעלער הכשר פאר א גוואלט־עוואקואציע פון אידן פון זייערע פארשידענע וואוין־לענדער. און נאָך עפּעס: מיט דעם עוואקואציע־פּלאן פארניכטן מיר די מעגלעכקייט פון א קאָנסטרוקטיווער צוזאמענארבעט מיט די אראבער, וועלכע איז, נאָך אלעמען, מעגלעך אין דער צוקונפט. נאָר אויפן יסוד פון געמיינזאמקייט וועלן מיר אפשר ווען־עס־איז דערגרייכן א פארשטענדיגונג מיט אנדערע נאציאָנאלע קערפּערשאפטן, וועלכע לעבן צווישן אונז.

א «שפּרינג־ברעט»? וואוּאהין?

עס איז געווארפן געווארן דאס וואָרט: «שפּרינג־ברעט». אבער וואוּאהין וועלן מיר «שפּרינגען»? מיר זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען מיט די רעוויזיאניסטן נישט צוליבן עצם־געדאנק פון דער מדינה, נאָר צוליב די אונטערשיידן אינעם אויפפאסן דעם מהות פון דער עקאָנאמישער און מענשלעכער דערגאבערונג פון ארץ־ישראל. זיי האבן פארלאנגט די שאפונג פון א אידישער מיליטערישער איינהייט אין ענגלישן דינסט כדי מיליטעריש דערגאבערן ארץ־ישראל. דאגעגן מיר האבן געהאלטן, אז ארץ־ישראל דארף דורך אונז דער־אָבערט ווערן דורך ארבעט, קאלאניזאציע און זעלבסט־פארטיידיגונג. איצט זאגט מען ביי אונז דאסזעלבע וואס זיי האבן געזאגט נאָר בלויז וועגן 20% פון לאנד, וועלכע דארפן דינען אלס «שפּרינג־ברעט» פאר דער דעראָבערונג פון ארץ־ישראל נישט דורך ארבעט, קאפּיטאל און קאלאָניזאציע.

דער באַגריף «שפּרינג־ברעט» איז גאנץ גוט באקאנט אין דער געשיכטע פון ציוניזם, איצט איז ער נאָר באנייט געווארן. אונטערן מענטעלע פון דעמדאָזיגן באגריף איז מען פון תמיד אן גרייט מסכים צו זיין אויף פארשידענע פּאָליטישע פּלענער, וועלכע אנטהאלטן אַ פאַרשמעלערונג פון ארץ־ישראל און א באשרענקונג פון אונזערע קאלאניזאציע־מעגלעכקייטן. יעדער נייער קאלאניזאציע־פּונקט קען גיכער זיין א שפּרונג־ברעט פאר א גרויסן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל ווי א גאנצע אידישע מדינה, וואס איז פארשמאָלט און ארומגעשניטן אין שטח. ווען מען הויבט אָן געפינען דעם יסוד פון אונזער באוועגונג נישט אין דער קאלאניזאציע־פארווירקלעכונג נאָר אין איר פארמעל־פּאָליטישן אינהאלט, אנטשטייט דאן די סכנה, אז אויך אלס אונזער ציל וועט מען נישט באטראכטן די קאנצענטרירונג פון דער מערהייט אידן אין ארץ־ישראל נאָר די סתם־שאפונג פון א אידישער מערהייט אין לאנד, מעג זיין אפילו אויף זייער א באַגרעניצטן שטח, וועלכער איז נישט בכוח צו זיין אנטשיידנד פארן גורל פון די אידישע מאסן. עס איז, פארשטייט זיך, זייער וויכטיג די שאפונג פון א אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל אבער נישט דאס איז דער עיקר. ווארום נישט די מדינה סתם איז אונז נויטיג נאָר דאס פארזיכערן די עקזיסטענץ פון דער מערהייט אידן, וואס זיינען צעשפּרייט אין אלע עקן וועלט; דאס אָ פּ ר א ט ע ו ו ע ן זיי פון די נעגל פון טויט און אונטערגאנג, וועלכע דראָען זיי טאָגטעגלעך. פאראן צווישן אונז אזעלכע, וואס מיינען, אז דאס אריבערפירן די מערהייט

פון אידישן פאלק קיין ארץ־ישראל דארף דויערן לאנגע דורות, און זיי שטעלן איין דעריבער א מין «ארבעטס־צעטיילונג» צווישן די אלע דורות, וואס אויף זייער גורל איז אויסגעפאלן צו פארווירקלעכן די אומקערונג פון אידישן פאלק אין זיין לאנד אריין. מיר, אין אונזער דור — הייסט עס — וועלן רעאליזירן די אידישע מדינה; די קאלאניזירונג פון די אידן אין דער מדינה וועלן מיר איבערלאזן פאַר די קומענדיגע דורות. אויב אזא פארטיילונג צווישן דורות לאזט זיך בכלל איינשטעלן, דארף זי אייגענטלעך זיין א פאַר־קערטע: זאל אונזער דור קודם כל רעאליזירן דאס קאלאניזאציע־ווערק אין ארץ־ישראל, דוקא אין די «ווייטע» שטחים — און די «מדינה» לאָמיר איבערלאָזן פאר די קומענדיגע דורות.

צוויי אלטערנאטיוועס פון איין האנט און מיט איין כוונה

עס איז געשען א נס: מען לייגט פאָר דעם אידישן פאלק א אידישע מדינה אין ארץ־ישראל. אינדערעמתן איז עס נישט מער ווי א פיקציע אָדער א פופע, וועלכע מען דערלאנגט אונז אָנשטאט א פרוי. לאמיר זיך דעריבער היטן פון נאַרקאָז. לאמיר גענוי אונטערזוכן דאס וואס מען גיט אונז. לאמיר דאס באַשעפעניש גוט אָנקוקן און אויך א פרעג טון: ווער גיט עס אונז, און פאר וואס? איז דאס א תשובה אויף די אומרוען, אדער א תשובה אויף דער פעסטשטעלונג, אז עס איז אוממעגליך צו רעאליזירן דעם מאנדאט, אדער גאר א תשובה אויף דער אָנערקענונג פון דער גרויסער באדייטונג פון די אראבער? אין פלוג לייגט מען אונז פאָר אויסצוויילן צווישן צוויי ברירות, אבער אין תוך גענומען איז דא בכלל נישט פאראן קיין שום «אלטערנאטיווע», ווארום איין־און־דיזעלבע האנט לייגט אונז פאָר מיט איין־און־דערזעלבער כוונהביידע פארשלאגן. עס איז נישטא קיין שום פאליטישער אונטערשיד צווישן די צוויי אלטערנאטיוועס, — אין ביידע שטעקט איין פאָליטישער חשבון און ביידע שטאמען פון איין מקור. איין האנט, איין כוונה, איין אינטערעס, איין אויסרעכענונג דיקטירט ביידע. מען קען מאכן פארשידענע קאָמפלימענטן דעם בוך, וואס אנטהאלט דידאזיגע פאָר־שלאגן. דאס בוך איז, אָן ספק, א פראָדוקט פון א גוטער ארבעט פון דער באאמטנשאפט פון דער גרויסער בריטישער אימפעריע, וועלכע ווייסט דורכצופירן די איר נויטיגע אָפעראציעס דורך כירורגן־ספעציאליסטן. זיי, די ספעציאליסטן, ווייסן, אז צו א כירורגישער אָפעראציע איז נויטיג קודם כל נאַרקאָז, און זיי גיבן אים אונז א געהעריגע פאָרציע אין דעם דער־מאָנטן בוך. אָט דער נאַרקאָז רעדט שוין ארויס פון אונז אין פארשידענע פאָרמען. אנדערע טאנצן אפילו אונטער דער נאַרקאָז־ווירקונג, אזוי ווי עס זאגט זיך ביי ביאליקן: «אין פריידיגער שאלונג האָפסן מיר אויף קברים». יאָ, פאראן אזעלכע, וואס פאלן אריין אין התלהבות, און פאראן אויך אזעלכע, וואס בלייבן שטיין אין שרעק און פרעגן — טאָמער? — — — אבער דער נאַרקאָז ווירקט שוין אויף אונז, זיין ווירקונג לאזט זיך קלאר מערקן.

נישט איצט איז דער מאמענט צו אנאליזירן דעם גאנצן וועג, וואס מיר האבן דורכגעמאכט, אין אונזערע באציאונגען מיט די אראבער. אבער איינס איז קלאר: עס איז נישט ריכטיג, אז די מאנדאט־רעגירונג האט במשך 20 יאר געמאכט פרווון איינצושטעלן פאסיגע באציאונגען צווישן ביידע

פעלקער און דאס איז איר נישט געלונגען. די, וואס זיינען פאראנטוואָרטלעך פאר דער פארוואנדלונג פון א נאציאנאלער באוועגונג אין א טעראָריסטישער, ווילן זיך אזויארום ריינוואשן די הענט. דאס גאנצע בוך פון דער קעניגלעכער קאמיסיע גיט דאָך אייגנטלעך א פרעמיע די אָנפאלער. איך ווייס נישט פארוואס וויל מען גראָד די ערשטע אלטערנאטיווע פאָרשטעלן אלס פרעמיע די אָנפאלער. ווער עס האלט, אז די ערשטע אלטערנאַטיווע איז א פרעמיע פאר די אנפאלער, מוז אויך מודה זיין, אז דער פארשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע גיט זיי צוויי פרעמיעס מיטאַמאל. דאס איז א דאקומענט, וואס באשעפטיגט זיך קודם כל מיט דער שאפונג פון אן אראבישער מדינה אלס תשובה אויף די בלוטיגע אומרוען.

פאר אונז איז דאָ בכלל נישטא קיין «גוטע» אלטערנאטיווע. דאָ קענען גאָרנישט זיין קיין גוטע און שלעכטע אלטערנאטיוועס, — עס קענען זיין בלויז שלעכטע. מיר דארפן דעריבער נישט שטעלן די פראגע: וואס איז בעסער פאר אונז און וואס ערגער? אונזער באציאונג צו די פאָרשלאגן קען זיין נאָר איינע: די באמיאונג זיי צו באקעמפן. און די פראגע איז: וועלכע איז גרינגער צו באקעמפן. מיר דארפן קאָנטראָלירן די קראפט פונם שלעכטס און אונזער כוח ארויסצוטרעטן קעגן אים. וועלכע־זשע איז די ערגערע גזרה? — די שטארקערע, די, וועלכע צעטיילט דאס לאנד און בויט אויף גרעניצן.

מען זאָגט, אז מיר האבן נאָר צוויי ברירות: אדער די צעטיילונג פון ארץ־ישראל אדער די מאקסימאלסטע איינשרענקונג פון אונזער ארבעט. אמת, אונזער לאגע איז א שרעקלעכע, אבער פונדעסטוועגן מאכן מיר דאָך אויך איצט פאָרשריט אין ארץ־ישראל, ווייל אונזער קראפט איז אן אָביעקטיווע די אידן אין ארץ־ישראל בילדן מיט זיך א קאָנסטרוקטיוון כוח, און אין דער וועלט פארמאָגן מיר א באדייטנדן פאליטישן כוח. אָט מיט דעם כוח פון די אידישע צרות אין דער וועלט, פון דער אידישער שאפונג אין ארץ־ישראל, און פון דער ציוניסטישער אידעע וועלן מיר באקעמפן די גזרות. דאס מסכים זיין אויף דער קאַנטאָניזירונג און צעטיילונג פון ארץ־ישראל איז עלול צו צעשטערן דעמדאזיגן פאָליטישן כוח אונזערן. עליה־גזרות האבן מיר ביז איצט באקעמפט און מיר וועלן זיי אויך אין דער צוקונפט באַקעמפן, אבער טעריטאָריאלע גרעניצן, וואס ווערן געשאפן מיט אונזער הסכמה זיינען א סך א גרעסערע פאליטישע שטערונג. איצט פארמאָגן מיר נאך גענוג קראפט זיי צו באקעמפן.

מען זאָגט אונז: די צווייטע ברירה באדייט אַן עליה־גזירה, וועלכע וועט אונז אויף תמיד מאכן פאר א מינדערהייט אין ארץ־ישראל. אבער עס לאזט זיך נישט משער זיין, אז די צאָל אידן, וואס וועט קומען קיין ארץ־ישראל נאך דער חלוקה, וועט זיין גרעסער פון דער צאָל, וואס וועט קומען אָן איר. די מאטיוון פאר דער באגרעניצונג פון דער אידישער עליה ווערן נישט בטל דורכדעם, וואס זי וועט שטראָמען נאָר אין דער אידישער זעלבסטשטענדיגער, זייער קליינער, מדינה אריין. אדרבא, די קאָנצענטרירונג וועט נאך פארגרעסערן דעם פחד ביי די אראבער. פאר די אראבער בלייבט עס איין לאנד און איין פאלק, וואס קאָלאניזירט עס. מען וועט ווייטער

העצן געגן אונז דאס אראבישע פאלק און די ענגלענדער, און די ענגלענ־דער וועלן ווייטער באגרעניצן די אידישע עליה אין אונזער «סוווערענער» מדינה, ווייל זיי וועלן זיך דאָך רעכענען מיט דער שכנותדיגער אראבי־שער מדינה.

ווי אזוי זאָלן מיר קעמפן?

מיר דארפן וויסן, אז די ברירות זיינען: מסכים זיין אויף דער צע־טיילונג פון ארץ־ישראל אָדער פירן א קאמף געגן איר, ד. ה. פירן אונזער ציוניסטישן קאמף. אמת, אונזערע פאָליטישע אויסזיכטן זיינען נישט קיין גוטע, ווייל מיר האבן פארשפעטיגט מיט דעם קאמף און מען האט דערווייל געפענטעט די פרייהייט פון אונזער טעטיגקייט. אבער ס'איז נישטא אזא כוח, וועלכער זאל קענען ליקווידירן אונזער ארבעט אדער אפילו איינשרענ־קען זי אויף א לאנגער צייט. די רעגירונג באגרעניצט אונזער ארבעט שוין זינט 18 יאר. איר גאנצע טעטיגקייט במשך דידאזיגע יארן איז באשטאנען אין איינשרענקען דאס אידישע אויפבוי־ווערק, און פונדעסטוועגן איז אונ־זער כוח געוואקסן. פאראן איצט א צייטווייליגע פאָליטישע קאָנסטעלאציע פון ענגלאנדס שוואכקייט אויפן מיטללענדישן ים, און פונדאנען שטאמט איר ווילן מפייס צו זיין די אראבער פאר יעדן פרייז. אבער אויך דידאזיגע קאָנ־סטעלאציע וועט לאנג נישט אָנהאלטן. דער חלוקה־פּלאן דראָט אונז מיט גרויסע פאָליטישע סכנות, מיט דער אראָפּנידעריגונג פונם אנזען פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין די אויגן פון אידישן פאָלק, וואס אויף אים דארף זי זיך דאָך באזירן. נאך די גרויסע אָנשטרענגונגען פון אונזער שווערן קאמף אין לעצטן יאָר איז נישטאָ קיין שום בארעכטיגונג שלום צו מאכן מיט דידאָזיגע סכנות און צו פארלירן דעם גלויבן אין אונזערע כוחות. די מידקייט טאָר אונז נישט צווינגען אָנצונעמען דעם דערשטיקונגס־פּלאן.

פאר דער אנאליזירונג פון אונזער פאָליטישער אָריענטאציע איז נוי־טיג נישט בלויז די קריטיק נאר אויך די באלייכטונג פון אונזער וועג. אינם מסכים־זיין מיט דעם חלוקה־פּלאן איז פאראן אזא מין אָריענטאציע: אָפּטי־מיזם לגבי ענגלאנד און פעסימיזם לגבי אונז. דאס הייסט: וואס זיינען מיר און וואס פאר א ווערט האבן מיר? מיר האבן נישט קיין כוח און קיין בא־דייטונג; אויב ענגלאנד וועט וועלן קאָן זי ארומשניידן דאס לאנד און אָפּ־שטעלן די עליה. און וואס קענען מיר טון געגן דעם? ענגלאנד גיט אידן א „מדינה", זי שטעלט אויף פעסט דעם כוח פון דערדאָזיגער מדינה. נישט דער אידישער ווילן שפּילט דאָ א ראָל, — דער ווילן פון ענגלאנד איז אנט־שיידנד. דער יסוד פאר אונזער אָננעמען דעם פאָרשלאג איז, בכן, דאס אי־דענטיפיצירן זיך מיט דער אָפּיציעזער ענגלישער פּאָליטיק — דאס באטראכטן ענגלאנד אלס איינציג־אנטשיידנדן כוח, אלס טאָטאליטארן אנטשיידנדן כוח. אָט די פּראקטיציסטישע פּאָליטיק — ווי מען פלעגט אין דער רוסישער רע־וואָלוציאנערער באוועגונג באצייכענען יעדע פּאָליטיק, וועלכע האט לויטן נאָענטסטן פּראקטישן נוצן באשטימט דעם גאנצן האנדלס־וועג — איז א מין אָפּטישע פּחד־קרענק, בשעת דער מענש קען נישט זען מער ווי עטלעכע מעטער ארום זיך, — אלץ, וואס געפינט זיך אין די גרעניצן פון אָט דעם מרחק, איז דער עיקר; דאס וואס געפינט זיך אויסער אים, איז כמעט אומ־

דערזעבאר. דאס איז א שטאנדפונקט, וואס אָריענטירט זיך אויף דער אי־דישער שוואכקייט, אויף דער באדייטונגסלאָזיגקייט פון אונזער רעאלער זעלבסטשטענדיגקייט.

די באדערפעניש אין געהעריגע פאָליטישע באדינגונגען און די באַ־דערפעניש אין א אידישער מדינה זיינען אויסגעטוישט געוואָרן אויף א סוראָ־גאַט, אויף אן ענגלישער טאקטישער קאָמבינאציע, וועלכע איז אויסן: אין אָנבליק פון דער וועלט־מלחמה צו באפרייען די ענגלישע ארץ־ישראל־הער־שאפט פון אירע אינטערנאציאָנאלע פארפליכטונגען לגבי די אידן, צו שאפן זיך פארבינדעטע דורך דער אויפשטעלונג פון צוויי וואסאלישע מדינות: אַן א ר א ב י ש ע א ו ן א א י ד י ש ע. ווען מיר וואָלטן טיפער אנאליזירט די זאך, וואלטן מיר דא איינגעזען דעם צוזאמענהאנג מיט דער פאָליטיק פון דער דאזיגער הערשאפט, וועלכע האט במשך יארן געדולדעט פאָגראָמען, דערהויבן די פאָגראָמשטשיקעס צו דער מדרגה פון אירע פארבינדעטע און דערלויבט זיי לגבי די אידן אלץ, ביז אָפשטעלן די עליה. לאָזט זיך דען משער זיין, אז אָט די הערשאפט וועט אונז געבן א ממשותדיגע אידישע מדינה, וועלכע זאָל געטריי זיין אונזערע אויפגאבן? נאר פאַטאַליזם, מיד־קייט און יאוש, אנטוישונג אין אידישן כח, אין זיין פאָליטישער באדייטונג פאר ענגלאנד, — נאר דאס אלץ צוזאמען האט געקענט דערפירן צו דעם דא־זיגן פארצווייפלטן פרווו אויסצובייטן א אידישע מדינה אויף אן ארארבישע. ווארום — אויב אידישע מדינה הייסט עליה קיין ארץ־ישראל און באַדן פאר די עולים, איז דאַך נישט נויטיג צוליב דעם צו שאפן נישט קיין אידישע און נישט קיין אראבישע מדינה, אבער דער איבערגעקערטער אינהאלט דער־פון — ברענגט צו דער שאפונג פון א אראבישער מדינה אין גרעסטן טייל ארץ־ישראל, און פון אזא אידישער מדינה, וועלכע וועט צווינגען די אידן זעלבסט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאר דער באגרעניצונג פון דער עליה און פאר דעם מאנגל פון באַדן אין אירע שמאָלע גרעניצן, אין איר ארומגע־שניטענעם שטח. עס איז גאר קיין ספק נישט, אז מיטן אריינקומען פון די ערשטע הונדערט טויזנט אידן קיין ארץ־ישראל, בעת די טויערן וועלן זיין פארמאכט פאר אראבער און חורנער און אויך פאר די בית־שאנער אראַ־בער, וועט זיך אנהויבן די עטנאָגראפישע אירידענטע פון די אראבישע איינ־וואוינער פונם אידישן ארץ־ישראל, וועלכע וועלן זיך פילן פארבונדן מיט דער שכנותדיגער אראבישער מדינה, וואס געפינט זיך אונטער ענגלאנדס שוץ. זי וועט ווערן א קאמפס־פאקטאָר אין דער אידישער מדינה און זי וועט ארויס מיט איר וועטאָ קעגן דעם אידישן וואוקס אין אונזער מדינה. דער פאָרשלאג אנטהאלט אין זיך א פארלוסט פונם יש, — וואס איז דער־גרייכט געווארן באקומענדיג דערפאר עפעס אַזוינס וואס איז צווייפלהאפט. און דאס צווייפלהאפטע קען מען באקומען נאָר אויפן יסוד פון צוטרוי צו ענג־לאנד. דאס, וואס איך זאג איצט, איז נישט קיין אויסדרוק פון אן אנטי־בריטישער אריענטאציע, נאר א שטאנדפונקט, וואס שטאמט פון די גרונט־באדערפנישן פון דער אידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל. און — קיין שום זאך קען זיך נישט גלייכן צום עקאנאמישן און פאָליטישן קאלאניזא־טארישן כוח, וואס דרינגט ארויס פון די אירישע צרות. דערדאזיגער כוח

מאכט דאס אידישע פאלק פאר א קאלאניזאציע־פאלק, וואס בילדעט אויס מענטשן מיט קראפט צו זעלבסטפארטיידיגונג, מיט דרייסטקייט און מיט מענטשן־ווירדע. אלע גזרות וועלן צובראכן ווערן אנשטויסנדיג זיך אָן אים. אויך די איצטיגע גזירה קענען מיר בייקומען, ווייל מיר פארמאָגן כוח דערצו אין ארץ־ישראל, ווייל מיר פארמאגן א אינטערנאציאנאלן כוח דורך אונזער השפעה, אויף וויפל די שנאה צו אידן פארגיפטעט דאס לעבן אין דער גאנ־צער וועלט. א פאלק, וואס טרעט אויף אלס קאלאניזאַטאריש פאלק און פירט איין אין זיין לעבן די דיקטאַטור פונם קאָלאָניזאטארישן ווילן און קעמפט דערפאר א פארצווייפלטן קאמף, — אזא פאלק פארמאגט כוח, אין דער עצם־דערשיינונג שטעקט א כוח. אָט דאס איז דער וועג אונזערער. דאס איז דער שווערער וועג אין ציוניזם, דאס איז דער שווערער וועג אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין אלע לענדער, און אויך אין ענגלאנד און אין פעלקער־בונד. אין דעם ליגט די רעוואָלוציאָניזירנדע באדייטונג פון ציוניזם; דערדאָזיגער וועג פארלאנגט די סאמע גרעסטע אָנשטרענגונגען, אבער ער פירט צום נצחון.

דעריבער דארף יעדער איד זאָרגן דערפאר, אז די חלוקה זאל נישט צושטאנדקומען. נישט זי מוז צושטאנדקומען און נישט מיר מוזן געבן אונזער הסכמה צו באפרייען ענגלאנד פון אירע התחייבותן און מיטהעלפן איר צו שאפן אַן אַראבישע מדינה, נישט פארזיכערנדיג אונזערע רעכט אין ארץ־ישראל. דערדאָזיגער פּלאַן וואלט נישט געבראכט געווארן נישט פארן ענגלישן פּאַרלאמענט און נישט פארן פעלקער־בונד, ווען מיר וואלטן אלע ארויסגע־זאגט אונזער קאטעגאָרישן «ניין». ענגלאנד האט אנדערע מיטלען וויאזוי צו ליקווידירן דעם מאנדאט. — צו־וואס מוזן מיר איר מיטהעלפן פטור צו ווערן פון אים אויף אָט דעם וועג? דער חלוקה־געדאנק אנטשפרעכט יענע ענגלענדער, וועלכע זיינען שוין מיד פון אונזער ציוניזם, — ער גיט זיי א לייכטן אויסוועג. אבער מיר טארן נישט זאגן «יאָ». און — קען מען עס טאקע דורכפירן אָן אונז? כמעט אלע «יאָ זאגער» ענטפערן אויף דער פראגע, אז מען קען נישט בטל־מאכן די פּאַרפליכטונגען פונם מאנדאט און גרינדן די אראבישע מדינה אין ארץ־ישראל ביי דער געגנערשאפט מצד דעם אידישן פּאָליטישן כוח. ענגלאנד גופא וועט עס נישט טון, ווייל זי וויל נישט פאר־לירן די קראפט, וואס שטעקט אין די אידישע סימפאטיעס, און זי וועט נישט וועלן אויפהויבן געגן זיך די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג. אידן מוזן שרייען, אז זיי זיינען נישט מסכים, מען זאל זיי איינקוועטשן אין צען פּראצענט פונם לאנד; זיי זיינען נישט מסכים אויף א פיקטיווע מדינה, וועלכע זיי באַטראַכטן אלס סתירה און געגנזאץ צו ענגלאנדס פּאַרפליכטונגען, וועלכע זיינען באשטעטיגט געווארן דורך דער גאנצער וועלט. אמת, מיר האבן נישט הינטער זיך קיין האַרמאטן, אבער א געוויסע פּאָליטישע באדייטונג האבן מיר יאָ. אין אויב ענגלאנד וועט וויסן, אז אידן וועלן אזוי רעאגירן אויף דעם פּאַרשלאג, וועט ער צוריקגעצויגן ווערן, און אויב ער וועט דאָך פאר־געלייגט ווערן וועט ער נישט רעאליזירט ווערן. מען דארף דעריבער נישט זאגן, אז דאס איז אַ פּאַרפאלענע גזירה. אנשטויסנדיג זיך אָן אונזער ווילן וועט די גזירה בטל ווערן, זי וועט נישט מקוים ווערן אויב מיר וועלן זיך

איר געגנשטעלן מיט אונזער גאנצן כוח. מיר דארפן קעמפן און מאָביליזירן אלע כוחות צו דעמדאָזיגן קאמף. און זאל מען נישט סתם ריידן וועגן קאמף! מיר האבן דאָך עס ביז איצט נישט געטון. מיר האבן דעם קאמף נישט גע־פירט, ווייל מען קען נישט זאגן אזוי און מיינען עפעס אנדערש. יאָ, אין דער פאָליטיק נוצט מען אמאל אזא טאַקטיק, אבער גלייכצייטיג זאגן סיי אזוי און סיי אנדערש, דאס איז שוין זייער שווער. און ביי אונז איז עס געשען. מיר האבן געזאגט: «ניין», מיר וועלן דעם פארשלאג נישט אָנ־נעמען, און גלייכצייטיג האבן מיר געפירט פארהאנדלונגען מכוח «יאָ».

די גאנצע באוועגונג דארף אנטשיידן

בן־גוריון האט געזאגט, אז מען דארף געבן פולמאכטן דער עקזעקוטיווע צו פירן פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג מכוח אויסבעסערונגען אינם פאָרגעלייגטן פלאן. איך וועל אזעלכע פולמאכטן נישט געבן און קיינער טאָר עס נישט טון. עס איז נישט קיין פראגע פון צוטרוי צו וויצמאנען, צו בן־גוריונען און צו אנדערע. זאָל קיינער נישט שטימען לויט דער צוטרוי־פראגע. «יאָ» — איז דער טייטש: שאפן אן אראבישע מדינה אויף א שטח פון 80% ארץ־ישראל, אָפּשטעלן די עליה, איינשרענקען די אידישע קאָלאָ־ניזאציע־מעגלעכקייטן און — א ווייטע און צווייפלהאפטע אידישע סוווערע־ניטעט. פאר אזא זאך קען מען נישט פארלאנגען קיין פולמאכטן אויפן סמך פון פערזענלעכן צוטרוי. מען דארף אלץ אליין באטראכטן און באקוקן דורך א טעלעסקאָפּ, און נישט פארלאזן זיך אויף די אויגן פון אן אנדערן, מעג עס אפילו זיין א מנהיג. עס איז פאראן א קאָלעקטיוו אויג. אט דאס אויג האט אונז בשעתה געראַטעוועט פון אוגאנדא. ווען הערצל איז געקומען צום קאנגרעס מיטן אוגאנדא־פּאָרשלאג איז נישט געווען קיין שום לאָגישע תשובה געגן אים, און פונדעסטוועגן האבן מיר געזאגט: ניין, ווייל מיר האבן מיט אונזער קאָלעקטיוו אויג איינגעזען, אז אוגאנדא וועט נישט קענען פארנעמען דאס אָרט פון ארץ־ישראל. איצט האט זיך ביי אונז איינגעשטעלט עפעס א מין גלויבן אינם צויבער פון פערזענלעכע פארהאנדלונגען, אבער דאס פארלייקענען די באדייטונג פון דער באוועגונג און דאס נישט רעכענען זיך מיט איר כוח, — דאס איז א גלגול פון פאלשן משיחיזם, וועלכער ציט יניקה נישט פונם גלויבן און פון די מעשים פון כל ישראל נאָר פונם גלויבן אין דער שליחות און גרויסקייט פון יחיד. דאָס נישט דערשאַצן די באוועגונג אלס פאקטאָר און כוח, און דאס פארלאָזן זיך אויפן כוח פון יחיד, אויף זיין פערזענלעכער קראפט, — דאס איז א יסוד פאר א סך דורכפאלן אין פּאָליטישן קאמף. דאס נישט דערשאַצן דעם כוח פון דער באוועגונג איז שוין גאר נישט בא־רעכטיגט איצט נאך דעם לעצטן יאָר פון ציוניסטישן פּאָלקס־געראנגל, וועלכער האט אויך באוויזן אָפּצושרייען גזירות.

עס קען נישט זיין, אז דער איצטיגער קאנגרעס, וועלכער איז נישט געוויילט געווארן אויפן יסוד פון דעמדאזיגן ויכוח אין פאלק, זאל אָננעמען אן אנטשיידנדן באשלוס אין דער פראגע פון דער חלוקה און פון דער אונז פאָרגעלייגטער מדינה. אויב אונז איז דאָ אוממעגלעך צו דערגרייכן א איינ־הייטלעכן באשלוס, — לאמיר עס ברענגען צום פאלק. אויך אין אונזערע פארטיי־רייען איז נאך נישטא קיין באשלוס אין דער פראגע. די דעלעגאטן

האבן קיין רעכט נישט צו זאגן «יאָ», ווייל זיי האבן קיין רעכט נישט צו ענדערן די וועגן צום ציל. קיין שום פּארטיי אין ציוניזם האט נישט דאס רעכט צו קומען צום פאלק און אים זאגן, אז מיר זעלבסט ווילן מאכן ארץ־ישראל פאר 20 פּראצענט אידיש און 80 פּראצענט אראביש. עס איז אומ־מעגלעך, אז דאס פאלק זאל ענדערן זיין וועג אָן א שווערן אינערלעכן קאמף.

און צום סוף: עס איז א זינד אויך דאס, וואס מיר האבן נישט גע־רופן די גאנצע ארבעטער־פּראקציע פון קאנגרעס געמיינזאם צו באהאנדלען דעם ענין. מען ענטפערט, אז דער «השומר הצעיר» האט זיינע אן אייגענע שטעלונג. אבער דאס איז דאך תמיד געווען, און פונדעסטוועגן האבן מיר געהאט א געמיינזאמע פּראקציע מיט געמיינזאמע באהאנדלונגען. האבן מיר דען אויך איצט נישט געקענט זיצן צוזאמען מיט זיי ביי דער באהאנדלונג פון דעם ענין?

דאס גאנצע ארבעטנדע ארץ־ישראל האט א רעכט זיך צו באטייליגן אין דעם ויכוח. די־דאזיגע זעלבסט־אָפּגרעניצונג פון דער פּארטיי באטראכט איך אלס שלעכטן סימן און אלס הארבע ווארנונג פאר דער צוקונפט. די צעטיילונג פון ארץ־ישראל איז עלול צו דערפירן צו א צעטיילונג פון אונזער מחנה, און דאס הויבט זיך אָן דערפון.

א. הארצפעלד

* בן־גוריון באטראכט דעם טראנספער פון דער אראבישער באפעל־קערונג אלס וויכטיגן פאקטאָר. דאָס איז אַן אילוזיע און ס׳איז נישטאָ וואָס צו ריידן וועגן דעם. נאָך אונזער אויסלייזן עמק־חפר האָבן מיר געגעבן די אראבער תל־שוק אין בית־שאן, און דער באָדן פוסטעוועט דאָרט עד היום. וועגן טראנספער איז נישטאָ וואס צו רעדן. אין דער געגנט עכו־צפת־מתולה איז פאַראַן א קאָמפּאַקטער אראבישער ישוב און ער וועט זיך נישט רירן פון אָרט. אנדערע אין זייער מצב וואָלטן עס אויך נישט געטון.

פאראן אויך א צווייטע אילוזיע: טאַבענקין האָט גערעדט וועגן א תחום המושב. יעדערער, וואס קען ארץ־ישראל, ווייסט, אז עס זיינען פאַ־ראן ערטער וואו נישט מיר און נישט אונזערע קינדס־קינדער וועלן דאָרטן קיינמאָל נישט זיין. דאָס הייסט, אז פאקטיש איז שוין היינט דאָ א „תחום המושב" און מען קען מער־וועניגער אָנצייכענען די גרעניצן. עס איז שווער צו גלויבן, אז אין דער געגנט רמאללה — שכם — ג׳נין קען מען קויפן אפילו איין דונאַם. יאָרן־לאנג באמיט מען זיך צו דערווערבן באָדן אויפן וועג יפו — ירושלים, און דאָרטן זיינען פאראן — אין אראבישע הענט — גרויסע ערד־שטחים, אָבער אלע אונזערע באמיאונגען האבן גאָרנישט געפועלט.

די דריטע אילוזיע: פאָרשלאגן וועגן ווייטגייענדע אויסבעסערונגען אינם קאָמיסיע־פּלאַן. דאס קומט נישט אין באטראכט. א חוץ באר־שבער קרייז האָט ארץ־ישראל 13.742.000 דונאם באָדן. דערפון לייגט מען פאָר פאָר דעם אידישן שטח 5.080.000 דונאם. די אינערלעכע פּארטיילונג איז פאָלגנדע: אין אונזער שטח איז דער באארבעטונגס־פעאיגער באדן—3.540.000 דונאם, צומגרעסטנטייל — באוואסערונגס־פעאיג; אין אראבישן שטח — 3.580.000 דונאם,

דערפון איז א גרויסער טייל אָן באוואסערונג. אין אונזער שטח געפינען זיך איצט אין אונזערע הענט 1.082.000 דונאם. ד. ה. עס בלייבט אונז נאָך צו באקומען 4 מיליאן דונאם, דערפון געהערן היינט 4/5 צו אראבער און 1/5 — דער רעגירונג. א גרויסער טייל איז נישט באארבעטונגס־פעאיג. די רייד וועגן דעם, אז מיר באקומען 20% און די אראבער 80% זיינען אביסל „עם־הארציש", ווייל מען דארף נעמען אין אכט דעם סאָרט באָדן.

די פערטע אילוזיע: בנוגע באָדן־קויף איז געווען די מיינונג פון ספעציאליסטן, אז אין גוטע צייטן, אָן קיין שום שטערונגען, קען מען אין גאנץ ארץ־ישראל קויפן מאקסימום נאָך 2 מיליאן דונאם. אָט די מעגלעכ־קייט באקומען מיר דורך דער חלוקה. און אויף די דריי מיליאָן דונאם — בין איך זיכער — וועלן מיר קענען שאפן א אידישע מערהייט.

אונזער לאגע אין ארץ־ישראל איז איצט אזא, אז מיר וועלן נישט דער־גרייכן קיין פארשטענדיגונג מיט די אראבער. די השומר־הצעירשע אמונה אין דעם איז א פאלשע אמונה. עס איז פאראן בלויז איין וועג: מיר דארפן וואָס גיכער ווערן א גרויסער צאָלמעסיגער כח, כדי דאס זאל צווינגען די אראבער צו זוכן א פארשטענדיגונג מיט אונז. מיר מוזן אין דער סאמע קורצסטער צייט דערגרייכן די סאמע גרעסטע צאָל אידן אין לאנד. דאס קען געשען אויף דעם פאַרגעלייגטן שטח, מיט די אויסבעסערונגען (די גלבוע־בערג, די הרי־אפרים, דער עמק־הירדן און א טייל אין דרום). אָן וועלכע מיר קענען אויפן פלאן נישט מסכים זיין. כדי צו באקומען די אויסבעסע־רונגען בין איך גרייט, מיר זאָלן איבעררייסן די אונטערהאנדלונגען וועגן נגב, — מיר וועלן עס טון שפעטער מיט אן אנדערן פאקטאָר. דער פלאן דער־מעגלעכט א קאלאניזאציע פון צוויי מיליאן אידן.

מען דארף זיך נישט באגנוגענען מיט געבן פולמאכטן דער עקזעקו־טיווע, — עס דארף צווישן אונז אויסגעבילדעט ווערן א קערפערשאפט, וועל־כע זאל קענען דעם פלאַן רעאליזירן.

* * *

כדי אָפצושליסן מיט דעם קאפיטל די פּאָליטישע דעבאטע ברענגען מיר דא א. הארצפעלדס רעדע, וועלכער האט גערעדט ערשט ביי דער פערצענטער זיצונג. חבר ד. בן־גוריון האט אָנגעהויבן זיין שלוס־רעדע אויף דער אויביגער — צוועלפטער זיצונג און האט פארענדיגט אויף דער קומענדיגער — דרייצענטער זיצונג. מיר ברענגען די גאנצע רעדע אין נעכסטן קאפיטל.

דרייצענטע זיצונג

מיטוואך, דעם 4 אויגוסט 1937, אינאָוונט.

דיסקוסיע וועגן עפנטלעכע אדער געשלאָסענע זיצונגען פונם קאָנגרעס; ד. בן־גוריון צום שלוס פון ויכוח; דיסקוסיע וועגן פאָרזעצן די פּאָליטישע דעבאטע.

פאָרזיצער י. שפּרינצאק: אין דער לייטונג פון דער ארבעטער־פראקציע אויפן קאָנגרעס האט זיך געשטעלט די פראגע, צי מען זאָל ווייטער זיין פאר דעם באשלוס פון ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט, אז דער קאָנגרעס זאָל בעת דער גאנצער פּאָליטישער דעבאטע זיך באטראכטן אלס פּאָליטישע קאָמיסיע און זיינע זיצונגען זאלן זיין געשלאָסענע. דר. ווייצמאן און דערנאָך אויך אוסישקין האָבן ארויסגעזאָגט זייער שטעלונג צו דער חלוקה־פראגע עפנטלעך אין זייערע קאנגרעס־רעדעס, און עס זיינען פאראן חברים—צווישן אונז און אויך צווישן אנדערע, — וועלכע האלטן, אז איצט האָט דער באשלוס וועגן א דעבאטע אין געשלאָסענע זיצונגען שוין קיין ווערט נישט. די פראקציע־לייטונג האָט מיט 15 קעגן 13 שטימען באשלאָסן נישט צו ענדערן דעם באשלוס פון אקציאָנס־קאָמיטעט. צוליב דער קליינער מערהייט אין דער פראקציע־לייטונג, ווערט אויפגעפאָדערט די בעראטונג ארויס־צוזאָגן איר מיינונג אין דער פראגע.

אין א לענגערן מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך ארויסגעזאגט י. באנקאָווע (פאר ענדערן דעם באשלוס פון אקציאנס־קאמיטעט), ד. בן־גוריון (קעגן), י. אידעלסאָן (פאר), צבי יהודה (קעגן), ב. כצנלסון (פאר), ד. רמז (קעגן), י. שפּרינצאק (קעגן). די חברים, וועלכע האבן געפאָדערט צו ענדערן דעם באשלוס האבן עס מאָטיווירט דערמיט, וואס דער פאָרבאדינג, אז די טיילונגס־פראגע זאל נישט עפנטלעך דיסקוטירט ווערן איז נישט דערפילט געווארן. ווייצמאן האָט אין זיין רעדע, נאָכן אָפּווארפן דעם קאָנקרעטן פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, ארויסגעזאָגט זיין הסכמה צום פּרינציפּ פון טיילונג. דערמיט איז עפנטלעך געקומען צום אויסדרוק די מיינונג פונם פּרעזידענט פון דער אָרגאניזאציע און מען קען איר ווירקונג כלפּי חוץ נישט פארגלייכן מיט דער קעגן־רעדע פון אוסישקינען. מען קען נישט איבערלאָזן כלפּי חוץ דעם רושם, אז ווייצמאנס מיינונג אין דער פראגע איז דער אויסדרוק פונם קאָנגרעס. די חברים, וועלכע זיינען געוועזן קעגן ענדערן דעם באשלוס האָבן געהאלטן, אז אלע פריערדיגע מאָטיוון פאר דער געשלאָסנקייט פונם ויכוח באשטייען ווייטער. די יאָ־זאגער זיינען אין עפנטלעכע זיצונגען נישט פריי אין זייער ארגומענטירונג. אויב ווייצמאן האט עפנטלעך געזאָגט זיין מיינונג האָט עס דאָך אויך אוסישקין געטאָן און עס איז באקאנט כלפּי חוץ, אז אין דער פראגע זענען פאראן צוויי מיינונגען אויפן קאָנגרעס. ש. קאפּלאנסקי זאָגט זיך ארויס אין פּרינציפּ פאר עפנטלעכע זיצונגען, אבער מען מוז זיך רעכענען מיטן ווילן פון אסך חברים, אז די זיצונגען זאלן זיין געשלאָסענע. מען דארף ארויסגעבן אויספירלעכע קאָ

מוניקאַטן פון די געשלאָסענע זיצונגען. גאָלדע מאירסאָן לייגט פאָר צוויי עפנטלעכע זיצונגען און די איבעריגע געשלאָסענע.

מיט 138 שטימען געגן 52 איז באשלאָסן געוואָרן נישט צו ענדערן דעם באשלוס וועגן געשלאָסענע זיצונגען.

ד. בן-גוריון

צום שלום פון ויכוח

זאָלן מיר די חברים, וואָס פארשטייען נישט קיין העברעאיש, מוחל זיין אויב איך וועל טראַצדעם ריידן העברעאיש. מיר האלטן איצט אין א ויכוח, וואו יעדערער פון אונז איז פארפליכטעט ארויסצוזאָגן אלץ, וואָס ביי אים אויפן הארצן, — און דאָס קען איך טון נאָר אין העברעאיש.

נישט קיין מחלוקת נאר א ויכוח איבער דעם וועג צו באפרייאונג

חברים, — צווישן אונז איז נישטאָ קיין מחלוקת. מיר זיינען נישט קיין באזונדערע מחנות. איך האָב מיט א געשפּאַנטער אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די חברים, וואס מען רופט זיי «ביין־זאָגער», און פון יעדעס וואָרט זייערס האָב איך ארויסגעהערט מיינע אייגענע געפילן. זייער ציטער איז אויך מיינער, זייערע חששות זיינען אויך מיינע, זייער ווילן איז אויך מיין ווילן. מיר אלע ציען יניקה פון איין מקור, איין אידעאל באלעבט אונז, איין ווילן דרינגט אונז דורך. עס זיינען נישטאָ צווישן אונז קיין שום ציל־ווידערשפרוכן.

צווישן אונז קומט פאָר א ויכוח, א ויכוח איבער דעם וועג אונזערן, — א שווערער ויכוח, וועלכער האָט צו זיך קיינמאל קיין גלייכן נישט געהאט נישט אין אונזער ארבעטער־באוועגונג, נישט אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און בכלל נישט אין אידישן פאָלק. און דער ויכוח קומט פאָר אין באדינגונגען, וועלכע זיינען נישט גינסטיג פאר אונז. מיר זיינען מחויב נישט בלויז אויפצוקלערן און באלויכטן נאָר אויך צו טון און ווירקן, און די היסטאָרישע אומשטאנדן, אין וועלכע אונזער ארבעט ווערט געפירט, גיבן איבער די אנטשיידונג נישט אויסשליסלעך אין אונזערע הענט. די פּאָליטישע פאקטן, וועלכע באשטימען אונזער וועג, ווערן נישט געשאפן בלויז דורך אונז־אליין. בעת מיר פירן דעם ויכוח צווישן זיך גופא, מוזן מיר גלייכצייטיג פירן א שווערן אויסערלעכן קאמף, א קאמף אויף צוויי פראָנטן, אויף דעם אראבישן און דעם ענגלישן. אונזער פרייער אויסוואל איז באגרעניצט, ווייל עס זיינען פאראן אויסערלעכע פאקטאָרן, אויף וועלכע מיר האָבן קיין שליטה נישט. דידאָזיגע פאקטאָרן וועלן אין דער צוקונפט ווירקן נישט לויט דעם, ווי מיר וואָלטן געוואָלט, נאָר לויט דעם וויאזוי זייער אייגענער, טיף־וועזנטלעכער ווילן וועט זיי באוועגן פון צייט צו צייט, אנטשפרעכנד די זיך אָפט ענדערנדע אומשטאנדן.

א ויכוח אין א געאייניגטער באוועגונג

איך שרייב אונטער מיט ביידע הענט דאָס, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אז אין דערדאָזיגער פראגע טאָר מען זיך נישט פארלאָזן אויף דער

מיינונג פון די פירער. עס איז אינדעראמתן נישט קיין פראגע פון צוטרוי צו דעם אָדער צו יענעם. די פראגע איז וועגן דעם גאולה־וועג פון אידישן פאָלק, — און עס איז נישט פאראן קיין מער־דערשיטערנדער און מער־פאַראַנטוואָרטלעכערער ויכוח ווי די באהאנדלונג פון אזא סאָרט פראגע. יעדערער פון אונז טראָגט אין א גלייכער מאָס פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער צוקונפט פון פאָלק. אָבער מיר פירן דורך דעם ויכוח, מיר באהאנדלען די פראגע, אלס געאייניגטע און קאָלעקטיווע באוועגונג, און יעדערער פון אונז איז פאראנטוואָרטלעך נישט בלויז פאר זיך נאָר אויך פאר יעדן פון זיינע חברים; אין דעם ענין פון אונזערע באהאנדלונג איז לגמרי נישטאָ קיין רשות היחיד. נישט בלויז דיסציפלין־פליכט און באוועגונגס־פארבונדנקייט זיינען אונז מחייב אויסצוארבעטן א אייגהייטלעכע שטעלונג — דער אינערלעכער מהות פון דער פראגע דערלאָזט נישט קיין פונאנדערשפאלטונגען. איין ארץ־ישראל איז פאראן אויף דער וועלט, און וואס עס וועט געשען מיט דעמדאָזיגן לאנד — וועט געשען מיט אונז אלעמען.

ביי אונזער איצטיגן ויכוח פעלן דאָ די חברים פון השומר־הצעיר. איך בין שווער געטראָפן און באליידיגט דורכדעם, אָבער נישט מיר האָבן זיי אויסגעשלאָסן פון אונזער געמיינזאמער באהאנדלונג — זיי האבן אונז אויסגעשלאָסן. דער השומר־הצעיר איז זיך צוזאמענגעקומען אָן אונז און באהאנדלט די פראגע און אויך אָנגענומען באשלוסן, איידער די גאנצע באוועגונג האָט געקענט זיך צוזאמענקומען. איך קען נישט שלום־מאכן מיט די אָבגעזונדערטע באהאנדלונגען פונם השומר־הצעיר אין קיין שום פראגע. טראָץ אלע כלומרשטע און אמתע חילוקי דעות צווישן אונז באטראכט איך אונז און זיי אלס חברים פון איין פארטיי, אין טיפן און באדייטונגספולן זין פון פארטיי־צוגעהעריגקייט; נישט קיין אָרגאניזאציאנעלע ראַם נאָר עפּעס טיפערס פאראייניגט אונז אלעמען: מיר זיינען שותפים צו איין גורל — צום גורל פון אידישן פאָלק און צום גורל פון אלע ארבעטנדע. אונזער אייניגקייט איז נישט אָפּהענגיג פון א צופעליגער שטעלונג פון יעדן איינעם פון אונז לגבי דער אָדער אנדערער פראגע, — דידאָזיגע אייניגקייט ליגט אינם בונד אויף טויט און לעבן, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט דער ארבעט אין ארץ־ישראל און מיט דעם אידישן און מענטשלעכן גאולה־אידעאל, וועלכער באוועגט אלע אונזערע טואונגען. דעריבער האָט, אין דערדאָזיגער שיקזאל־אנטשיידנדער פראגע, וועלכע שטייט פאר אונז, דער השומר־הצעיר נישט געהאט קיין מאָראליש רעכט צו מאכן שבת פאר זיך איידער עס איז פאָרגעקומען דער געמיינזאמער און פרייער ויכוח ביי אַן אלגעמיינעם צוזאמענקום פון אלע טיילן פון אונזער באוועגונג.

צוויי זייטן פון איין מטבע

אין אונזערע איצטיגע בעראטונגען זע איך נישט איין קיין ויכוח צווישן צוויי שיטות נאָר אַן אלגעמיינעם אינערלעכן געראנגל ארום דעם וועג פון אונזער גאולה. דאָס איז אפשר דער ערשטער ערנסטער ויכוח אין אונזער באוועגונג מכוח די וועגן פון דער פולער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. נישט אָפּט שטעלן מיר זיך דידאָזיגע פראגע. יעדערער פון אונז איז טאָג־טעגלעך ארייננגעטון מיט לייב און לעבן אין דעם טייל פאַרווירקלעכונג, וואָס איז אויסגעפאלן אויף זיין גורל. יעדערער פון אונז ארבעט מיט געשפאנטער

אָנשטרענגונג אין זיין ווינקל און איז מצליח. וואָרום יעדע אַרבעט איז מצליח. אין לויף פון אונזער אַרבעט שטעלן זיך פאַר אונז פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום צווייג, צום פאַך, צום מעטאָד, צום טעמפּ פון אונזער טעטיגקייט, און מיר באַהאַנדלען זיי לויט אונזערע בעסטע מעגלעכקייטן, — אַזוי־אַרום באַשעפטיגן מיר זיך לרוב נישט מיט די אַלגעמיינע פראַגן, וואָס זייער לעזונג איז נישט קיין פּראַקטיש־דרינגענדע. איצט זיינען מיר אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער גרויסער פראַגע, און די גוואַלדיגע שוועריגקייטן פון איר פולער לעזונג — וועלכע מיר פאַרזעען אין נאָרמאַלע צייטן צוליב די מאָמענט־שוועריגקייטן פון אונזער לויפנדער אַרבעט — האָבן זיך דאָסמאָל אַנטפּלעקט פאַר אונז אין זייער גאַנצער מוראדיגקייט און האַרבקייט; ווען איך האָב זיך דאָ צוגעהערט וויאַזוי די ניין־זאָגער באַשטרייטן די יאָ־זאָגער, און די יאָ־זאָגער די ניין־זאָגער, האָב איך נישט געזען פאַר זיך קיין צוויי צעטיילטע און אָפּגעזונדערטע לאַגערן, נאָר צוויי זייטן פון איין מטבע. די קשיא׳ס פון יעדן צד זיינען געווענדעט נישט צום צד שכנגד נאָר צום גאַנצן ענין אַזוי ווי ער איז; דאָס זיינען קשיא׳ס, וואָס האָבן אַ שייכות בכלל צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ווען די חברים «ניין־זאָגער» האָבן אָנגעוויזן אויף די סכנות, וואָס עס אַנטהאַלט אין זיך דער פאַרווירקלעכונגס־וועג, פאַר וועלכן עס טרעטן אַרויס די יאָ־זאָגער, האָב איך, דער «יאָ־זאָגער», געהערט אין זייערע רייד נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אָפּקלאַנג פון מיין אייגן פילן און דענקען, — וואָרום די־דאָזיגע סכנות זיינען מיר אַנטדעקט געוואָרן נישט ערשט איצט בשעתן ויכוח.

דער וועג פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג איז נישט געצירט מיט רויזן. די אידישע גאולה שטויסט זיך אָן אין אָפּהאַלטן און שטערונגען, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט. און ווען מיר וואָלטן זיך געשראָקן פאַר שוועריגקייטן, וואָלטן מיר נישט דערגרייכט דאָס וואָס מיר האָבן דער־גרייכט. די שוועריגקייטן ליגן אין דער עצם פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם; די שוועריגקייטן ליגן אין די באַדינגונגען פון ארץ־ישראל, אין דער אידישער ווירקלעכקייט, אין אינטערנאַציאָנאַלע אומשטאַנדן, אין צייט־פאַקטאָרן. אויב איך קען נישט מסכים זיין מיט געוויסע זאַכן, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך חברים, איז עס נישט ווייל איך פאַרלייקן אָדער פאַרזע די שוועריגקייטן, נאָר דערפאַר ווייל איך קען זיי נישט מאַכן אָפּהענגיג פון דער אָדער יענער שיטה, וועלכע איז ביי אונז דיסקוטירבאַר. איך באַטראַכט די שוועריגקייטן אַלס אָפּהענגיגע פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט, וואָס נישט מיר זיינען אירע באַשטימער, — איך גלויב אָבער אין אונזער כוח און אין אונזערע מעגלעכקייטן זיי גובר צו זיין.

איך וואַרף אָפּ די באַשולדיגונג געגן מיר — וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין ויכוח — אַז איך זאָל כלומרשט האָבן פאַרזען דעם נעגאַטיוון עלעמענט אינם באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. דאָס דאָזיגע בוך איז פאַר מיר אַ פּאָליטישער פאַקט, וועלכן מען דאַרף פאַרשטיין אַזוי ווי ער איז איינדערהאַמתן, איידער מען גייט־צו אים אָפּשאַצן. לייענענדיג דאָס בוך האָב איך געזוכט קודם כל דאָס שלעכטע אין אים. אין מיין אַריינפיר צום ויכוח האָב איך זיך תחילת אָפּגעשטעלט אויף אַלע נעגאַטיווע זייטן, וואָס

געפינען זיך אינם באריכט און אויף זיינע פּאָליטישע מסקנות. און איך וואָלט געוואָלט זען דעם יוריסט אָדער דעם פּאָליטיקער, וועלכער זאָל אנטדעקן אינם קאָמיסיע־באריכט אזעלכע סכנות און שוועריגקייטן און גזרות און עוולות, וואָס איך האָב זיי נישט קאָנסטאַטירט אין מיין אריינפיר.

וועגן ניין און יאָ, נישט וועגן ניין־זאָגער און יאָ־זאָגער

דער פאַרגעקומענער ויכוח האָט אויף א האָר נישט דערשיטערט מיין שטעלונג אלס «יאָ־זאָגער»; עס איז מיר נאָך ביז איצט נישט קלאָר פאַרוואָס איז א געוויסע צאָל חברים אונזערע געגן דער שאַפונג פון א אידישער מדינה אין א טייל ארץ־ישראל. איך פאַרשטיי — כאָטש איך בין דערמיט נישט מסכים — די «מעטאַפיזישע» געגנערשאַפט פון געוויסע ניין־זאָגער אין אנדערע פּאַרטייען, אָבער איך קען נישט פאַרשטיין די פּאָליטשע געגנערשאַפט פון אונזערע פּאַרטיי־חברים. איך האָב זיך שטאַרק צוגעהערט צו זייערע רייד און דעם תוך פון זייער געגנערשאַפט האָב איך נישט באַגריפן. איינס איז אָבער קלאָר פאַר מיר: הינטער דערדאָזיגער געגנערשאַפט איז באַהאַלטן א טיפער ציוניסטישער גלויבן. עס איז נויטיג א גרויסע מאָראַלישע קראַפט כדי אפּצוּ־וואַרפן א פאָרשלאַג פון א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל. ווער עס פאַר־מאָגט נישט קיין גלויבן אינם גרויסן ציוניסטישן אידעאַל קען נישט זיין אימשטאַנד אָפּצוּוואַרפן א קאָנקרעטן פאָרשלאַג מכוח דער באַלדיגער שאַפונג פון א אידישער מדינה אין א טייל ארץ־ישראל. ווער עס וואַרפט אָפּ א פּלאַן פון א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל — און א אידישע מדינה אין ארץ־ישראל איז נישט אוגאַנדע — אין נאָמען פון ציוניזם, איז זיין ציוניזם זיכער א פעסט־גלויביגער און א טיף־פאַרוואָרצלטער. פון שטאַנדפּונקט פון ציוניסטישן גלויבן און ציוניסטישער געטריישאַפט קענען מיר נישט געפינען קיין שום אונטערשייד און חילוק צווישן די ניין־זאָגער און די יאָ־זאָגער, אָבער אונז גייט דאָך נישט אין די ניין־זאָגער און די יא־זאגער, נאָר אינם יא און ניין, — אט פון דעם שטאַנדפּונקט בין איך נישט מסכים אין געוויסע זאכן סיי מיט די יאָ־זאָגער און סיי מיט די ניין־זאָגער.

אנטי ציוניסטישע ארגומענטן זיינען פּסול

איך בין געגן אלע אנטיציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע ארגומענטן וועלכע עס באַנוצן סיי יאָ־זאָגער און סיי ניין־זאָגער כדי צו דערווייזן די ריכטיגקייט פון זייער שטעלונג. דידאָזיגע ארגומענטן, סיי ווען זיי ווילן דערווייזן די נוצלעכקייט פון דעם מדינה־און חלוקה־פּראָיעקט און סיי ווען זיי ווילן דערווייזן דעם היפך דערפון, זיינען פּסול און פאַלש, און דאָס באַנוצן זיך מיט זיי גראָבט אונטער דעם ציוניסטישן באַוואוסטזיין.

מיר זיינען נישט קראַפטלאָז!

איך פּסל דעם ארגומענט פון געוויסע יא־זאגער וועגן דער נישטיגקייט פון אונזער כוח. מיר דאַרפן נישט קאָקעטירן מיט אונזער כוח. ווי ער וואָלט געווען ווער־ווייסט־ווי גרויס, מיר קענען די וועלט און די מעכטיגע כוחות, וואָס ווירקן אין איר. און מיר ווייסן אונזער באַשיידן אָרט אין דער גרויסער ריי פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן. אָבער אזוי גוט ווי מיר דאַרפן נישט איבערטרייבן אונזער כוח, אזוי דאַרפן מיר אים אויך נישט גרינגשעצן. עס

איז פאַראַן אַ אידישער כוח אין דער וועלט. ער איז נישט אַזוי נישטיג: אויך די אידישע צרות זיינען אַ כוח. ווען עמיצער זאָגט, אַז היטלער האָט פאַרקלענערט אונזער כוח, זאָגט ער נישט דעם גאַנצען אמת. אוודאי האָט דער חורבן פון דייטשישן אידנטום אפּגעשוואַכט דאָס אידישע פאָלק אין דער וועלט און פאַרמינערט אונזער פּאָליטישע באַדייטונג, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער פאַרגרעסערט דעם דרוק פון דער אידישער נויט, — און די אידישע נויט איז אויך אַ פּאָליטישער פאַקטאָר.

עס איז אַ ברירה און נישט קיין גזירה

איך לייקן אין נאָך אַן אַרגומענט פון געוויסע יאָ־זאָגער: אַז מיר האָבן קיין ברירה נישט. איך בין מסכים כמעט מיט אַלץ, וואָס בערל כצנלסון האָט געזאָגט, אויסער מיט זיין מיינונג, אַז דער ענין חלוקה איז נגזר געוואָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער השגחה, באַשר דער בריטישער אימפּע־ריאַליזם נויטיגט זיך אין אַ פּאַן־אַראַבישע פעדעראַציע. די דאָזיגע סברה איז אפשר יאָ אַ ריכטיגע און אפשר נישט קיין ריכטיגע, אָבער איך בין נישט גרייט צו באַהאַנדלען דעם ענין מדינה און חלוקה אַלס היסטאָרישע גזרה, וואָס עס האָבן אויף אונז גוזר געווען פרעמדע אינטערעסן, און מיר האָבן קיין עצה נישט געגן זיי. איך בין פאַר דער מדינה אַלס אַזעלכע, ווייל זי איז, לויט מיין מיינונג, אַ שטויס־קראַפט פאַר דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, מער ווי דער מאַנדאַט, אָבער איך גלויב נישט אין דער מדינה אַלס א י י נ צ י ג ע ברירה פאַר אונז. אויב מיר האָבן באמת קיין אַנדער ברירה נישט, איז אויך זי נישט קיין ברירה. אויב ענגלאַנד קען ליקווידירן דעם מאַנדאַט לגמרי נישט רעכענענדיג זיך מיט אונז, טאָ צו וואָס־זשע איז זי געצוואונגען צו שאַפן אַ אידישע מדינה? דער יאָ־זאָגער, וואָס טענהט, אַז דער מאַנדאַט האָט שוין אפּגעבערענט — ברענגט שאָדן דעם ענין מדינה. צו די חברים, וואָס מאַכן שלום מיטן מדינה־פּלאַן, ווייל עס איז אַ גזרה, וועלכע מען קען שוין נישט אָפּשרייען, — זאָג איך מיט מיין פולסטער פּאָליטישער איבערצייגונג: די מדינה וועט נישט געשאַפן ווערן אויב מיר וועלן עס נישט וועלן. אויב עס איז ריכטיג, ווי עס מיינען געוויסע ניין־זאָגער, אַז אַזאַ מדינה טראָגט אין זיך אומגליק פאַרן ציוניזם, — קענען מיר נישט דערלאָזן איר שאַפונג. די סאַמע שטאַרקסטע מלוכה, די ברי־טישע אימפּעריע מיט איר גאַנצער קראַפט, וועט אויך נישט זיין בכוח צו שאַפן אַ אידישע מדינה אין ארץ־ישראל געגן דעם ווילן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, געגן דעם ווילן פון אידישן פאָלק. דעם מדינה־פּלאַן דאַרפן מיר דעריבער באַהאַנדלען נישט ווייל דאָס איז אַ גזרה נאָר ווייל דאָס איז פאַר אונז געוואונשן, נישט ווייל דאָס איז די איינציגע ברירה נאָר ווייל דידאָזיגע ברירה איז די בעסטע.

דער מאַנדאַט איז נישט געשטאָרבן. יאָ, אַ קעניגלעכע קאָמיסיע האָט פּראָקלאַמירט איינשטימיג, אַז דער מאַנדאַט איז נישט רעאַליזירבאַר, און דער בריטישער קאַבינעט האָט דערקלערט, אַז ער נעמט אָן די מיינונג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע; דידאָזיגע מסקנה פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע און פונם בריטישן קאַבינעט האָט, פאַרשטייט זיך, טאַקע געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם מאַנדאַט, — און פונדעסטוועגן איז ער געבליבן לעבן, און אפילו דער

סאמע מעכטיגסטער מלוכה וועט נישט אנקומען גרינג אים צו ליקווידירן — געגן אונזער ווילן. דער ארץ־ישראלדיגער מאנדאט איז נישט גלייך צום מאנ־דאט אין סיריע אָדער איראק. דער ארץ־ישדאלדיגער מאנדאט איז פארבונדן מיט אן אינטערנאציאנאלער אנערקענונג פון די רעכט פון אידישן פאלק, און עס איז נישט פון די פשוטע און גרינגע זאכן צו ליקווידירן דידאזיגע רעכט, אין וועלכע עס הענגט אָפּ דער גורל פון אידישן פאלק.

בריטישער מאַנדאַט אָדער א אידישע מדינה

מיר האָבן צוויי ברירות: די מאנדאט־ברירה און די מדינה־ברירה — א בריטישער מאנדאט אין גאנץ מערב־ארץ־ישראל, און א אידישע מדינה אויף א חלק פון מערב־ארץ־ישראל. מיר דארפן באשטימען, לכל הפחות פאר זיך גופא, וועלכע ברירה איז די געוואונשענערע פונם שטאנדפונקט פון דער ציוניסטישער פארווירקלעכונג. איך קען נישט פארזיכערן קיינעם, אפילו מיר זעלבסט אויך נישט, אז די זאך הענגט אָפּ אויסשליסלעך פון אונזער אנטשיידונג. איך צווייפל נישט, אז די מדינה וועט נישט געשאפן ווערן אויב מיר וועלן אנטשיידן נעגאטיוו, אבער איך בין נישט זיכער אין דערזעלבער קראפט פון אונזער פאזיטיווער אנטשיידונג. אזוי ווי מען קען נישט שאפן קיין אידישע מדינה געגן ווילן פון אידישן פאלק — קען מען, אין איצטיגער צייט, אויך נישט שאפן קיין אידישע מדינה אין ארץ־ישראל געגן ווילן פון דער ענגלישער רעגירונג. און — טראָץ דער בפירושער דערקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג, אז זי נעמט אָן דעם פארשלאג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע וועגן דער שאפונג פון א אידישער מדינה אויפן יסוד פון חלוקה — בין איך נאך נישט פעסט איבערצייגט, אז די ענגלישע רעגירונג וועט בלייבן ביי דעם צוזאג און אים פארווירקלעכן. דיזעלבע ספקות האב איך אין שייכות צום מאנדאט. די מיינונג, אז דער מאנדאט איז טויט, איז נישט בלויז שעדלעך נאר אויך פאַלש. טראָץ דער בפירושער דערקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג, אז דער מאנדאט איז אומרעאליזירבאר, לאָזט ער זיך פונדעסטוועגן נישט אזוי לייכט און שנעל ליקווידירן אן אונזער הסכמה. מיר פארמאגן גענוג כוח מלחמה צו האלטן פאר דער פאַרזעצונג פונם מאנדאט. אויב מיר וועלן אנטשיידן געגן דער מדינה און פאַרן מאנדאט, וועט דידאזיגע אנט־שיידונג האבן א נישט קליינע באדייטונג. אפשר נישט קיין קלענערע ווי די אנטשיידונג פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע. אָבער די פאָרזעצונג און רעאליזירונג פונם מאנדאט זיינען נישט ביי אונז אין די הענט; אויך ווען דער מאנדאט וועט בלייבן, וועט דאָס בלייבן א בריטישער מאנדאט, זיינע קאָמענטירער און רעאליזירער וועלן זיין ענגלענדער, שליחים פון ענגלישן פאלק, פון דער ענגלישער רעגירונג, — און נישט שליחים פון ציוניסטישן קאנגרעס.

און כאָטש מיר האָבן נישט די פולע זיכערקייט, אז אלץ וועט געשען לויט אונזער אנטשיידונג, דארפן מיר באהאנדלען ביידע וועגן — מדינה און מאנדאט — נאר לויט דער טעזע, אז די ברירה איז ביי אונז און די אנט־שיידונג הענגט אָפּ פון אונז. ווארום — אויף וויפיל מיר זיינען באגרעניצט אין אונזער כוח, האָט עס א שייכות צו ביידע ברירות, און אויף וויפיל מיר פארמאגן יא גענוג כוח, וועט ער אונז קלעקן צו קעמפן פאר יעדן איינעם פון די צוויי וועגן.

אידישער כוח און אראבישער כוח

יאָ, מיר פארמאָגן כוח, און נישט קנאַפּ. אין ארץ־ישראל וואקסט ער כסדר און דערמיט גופא וואקסט ער אין גאַר דער וועלט. אין דער מאנדאט־תקופה האבן מיר געהאט א גרויסע און שווערע אבדה — עס איז פון אונז אָפּגעשניטן געווארן דאס רוסישע אידנטום, און עס איז שוין צוואנציג יאר ווי עס גיט נישט קיין סימנים פון לעבן, כאָטש איך גלויב, אז עס וועט קומען א טאג, ווען דאס רוסישע אידנטום וועט ווידער ביישטייערן זיין טייל דעם אידישן פאלק און אויך ארץ־ישראל. אבער אין דערזעלבער תקופה איז אויך געוואקסן אונזער כוח אדאנק דעם מאנדאט. די, וואס האבן זיך געקלאָגט אויף דער ענגלישער אדמיניסטראציע, אז זי מונטערט־אויף די אראבישע באוועגונג, פארגעסן, אז פונקט מיט דערזעלבער טענה קענען ארויסטרעטן די אראבער: עס איז דאך גאָר קיין ספק נישט, אז די באלפור־דעקלאראציע און דער מאנדאט האבן געגעבן א גרויסע, אינערלעכע פארשטארקונג דער ציוניסטישער באוועגונג און האבן אויפגעהויבן איר אָנזען נישט בלויז ביי דער אינטערנאציאנאלער וועלט, נאר קודם כל ביים אידישן פאלק גופא. די רעכט, וואס דער מאנדאט האט אונז פארזיכערט און די טעטיגקייטן, וועלכע ער האט דערמעגלעכט און ארויסגערופן — האבן פארגרעסערט אונזער כוח און אויסגעברייטערט אונזער השפעה. אמת, דאס איז נישט קיין כוח, וואס קען ביישטיין געגן ענגלישן פלאַן, אבער נישט יעדער באשלוס און נישט יעדער פּראָקלאמירונג פון דער ענגלישער רעגירונג זיינען פארבונדען מיט דער מאָביליזירונג פונם ענגלישן פלאַן, און דער גורל פון דער בריטישער אימפעריע הענגט נישט אָפּ פון אזא אדער אנדערער ליניע אין איר ארץ־ישראל־פּאָליטיק. לגבי די פאַקטאָרן, וועלכע שאפן די אומאויפהערלעכע וואקלונגען אין דערדאזיגער פּאָליטיק, איז אונזער כוח גאר נישט אזוי שוואך, און די «רעאליסטן», וואס טענהן אין נאמען פון דער נישטיגקייט פון אונזער כוח, באזיצן א פעלערהאפטן רעאליזם.

מען טאר, פארשטייט זיך, נישט פארגעסן, אז אויך דער אראבישער כוח איז געוואקסן, און דער אראבישער כוח פארמאָגט איין געוויסע מעלה, וואס דער אידישער כוח פארמאגט זי נישט. דער אראבישער כוח איז א צעמענטירטער, א באשטימטער, און אָנזעעוודיגער. דער אידישער כוח איז א פּאָטענציעלער, א פארבאָרגענער, א נישט־באשיינפערלעכער; דעם אראבישן כוח קען מען אָפּוועגן און אָנטאפּן מיט דער האנט — דעם אידישן כוח קען מען בלויז שפירן מיט גייסטיגע שפּיר־אינסטרומענטן. די אראבער האָבן לענדער, מדינות, רעגירונגען, מיליטער, — און עס איז גרינג צו ציילן זייער באפעלקערונג און אָפּשאצן זייער באדייטונג. די שאצונג פון אונזער באדייטונג איז נישט קיין גרינגע מלאכה, כדי אויפצוכאפּן די גרויס פון אונזער אמתער באדייטונג זיינען נויטיג א שארף אויג און א ראפינירט געפיל.

דאָס גאנצע לאַנד איז קאָלאָניזיר־פעאיג

דער סאמע פסולסטער ארגומענט, וואס איז ארויסגעזאגט געווארן בעת דעם איצטיגן ויכוח — סיי מצד יאָ־זאָגער און סיי מצד ניין־זאָגער — איז דאס באַרעדן טיילן פון ארץ־ישראל. געוויסע חברים באַרעדן דעם שטח, וועלכן די קאמיסיע לייגט פאָר פאַר דער אידישער מדינה: דאָ איז אלץ שוין כמעט

באזעצט און פארנומען. עס זיינען שוין מער נישטאָ קיין אויפנעם־און קאָ־לאָניזאציע־מעגלעכקייטן; און אנדערע בארעדן די שטחים, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסן געווארן פונם אידישן מדינה־פלאן: וואס פאר־א ווערט האבן די שכמער און חברונער בערג אדער די וויסטע נגב־סטעפעס? ציזלינג פאר־גלייכט די קאָמפּאַקטקייט פונם „מדינה"־שטח צו דער קאָמפּאַקטקייט אין פראנקרייך — אבער פון־וועןאָן מעסט עס ציזלינג די קאלאניזיר־מעגלעכקייטן אין עמק מיט דער קאָמפּאַקטקייט־מאָס פון די אייגוואוינער אין פראנקרייך? זיינען דען די ישובים אין עין חרוד, אין יגור, אין גשר געבויט געוואָרן אויפן יסוד פון אָט דער פארגלייכונג? און פון־וועןאָן האט מען עס ביי אונז געפּסלט די קאָלאניזיר־מעגלעכקייטן אין די בערג? צי האבן מיר דען אלע נישט געפירט, מיט עטליכע יאר צוריק, א שווערן קאמף מיט די פאר־שידענע „מומחים", וועלכע האבן דערקלערט, אז מען קען נישט האָפן אויף א אידישער קאלאניזאציע אין די בערג? האבן מיר דען נישט צוזאמען גע־שאפן ישובים אין עטרות, אין קרית ענבים, אין מוצא, אין כפר החורש, — און אָפּעגפרעגט אָט דעם אויבערפלעכלעכן בלבול?

און — האבן מיר דען נישט אלע פארבונדן גרויסע האָפנונגען מיט די ברייטע נגב־שטחים? מיר האבן דאך קיינמאל נישט שלום געמאכט מיט דער וויסטקייט־גזרה, וואס איז אויסגעגאָסן געווארן אויף ארץ־ישראל דורך שטערנדע און חרוב־מאכנדע כוחות! האבן מיר דען נישט אלע זיך געהאלטן בארופן און אויפגעפאָדערט אויפצולעבן די ארץ־ישראלדיגע וויסטענישן אומעטום וואו זיי זיינען?

די אירידענטא־טענה האט נישט קיין גרונט

איך פסל אויך די «אירידענטא»־טענה, מיט וועלכער עס האבן זיך בא־נוצט געוויסע ניין־זאגער. מוז דען א אירידענטא זיין א רעזולטאט דווקא פון א אידישער מדינה? איז דען דער גאנצער ציוניזם, אין אלע זיינע פאָרמען, נישט פארבונדן מיט דעם חשש פון א אירידענטא? איז דען איצט, אין די לעצטע צוויי יאר, פאראן איין מענטש צווישן אידן אדער אויף דער וועלט בכלל וואס זאל קענען נישט איינזען דעם שטרייט צווישן אידן און אראבער מכוח זייער רעכט אויף ארץ־ישראל. נישט די פאָרזעצונג פונם מאנדאט וועט אָפּשטעלן דעם שטרייט און נישט די שאפונג פון דער מדינה וועט אים ווידער ארויסרופן. ווער עס האט מורא פאר א אירידענטא — קען נישט זיין קיין ציוניסט. מען קען נישט ארויסטרעטן געגן דער שאפונג פון א אידי־שער מדינה צוליב דער אראבישער שוועריגקייט, און גלייכצייטיג פארלאנגען די פאָרזעצונג פונם מאנדאט; די אראבישע שוועריגקייט וועט דורך דער פאָר־זעצונג פון מאנדאט נישט זיין קלענער ווי דורך דער שאפונג פון דער מדינה, אדרבא — אין ערשטן פאל קען זי זיך נאך פארגרעסרן. אויב מאנדאט איז דער טייטש א גרויסע אידישע עליה און א ברייטע אידישע קאלאניזאציע, — קען דען עמיצער פון אונז גלויבן, אז אזא «מאנדאט» וועט זיך נישט אָנשטויסן אין א פארשטארקטער און פערמאנענטער געגנערשאפט מצד די אראבער? פארשטייען דען נישט די אראבער, אז אזא «מאנדאט» באדייט — פארוואנדלען ארץ־ישראל, גאנץ ארץ־ישראל, אין א אידישער מדינה? אויב די אירידענטא־טענה האט א יסוד, דאַמאָלס איז דידאזיגע טענה שטארקער און גילטיגער לגבי דעם מאנדאט ווי לגבי דער מדינה.

נישט קיין צוויי מאָסן!

איך פאַרשטיי אויך נישט די טענה פון א טייל ניין־זאָגער געגן דער גיכקייט פון דער «יאָ»־תשובה. מען קען זיין געגן דעם עצם «יאָ», אויב עס זיינען פאַראַן גענינגנדע אַרגומענטן דערצו. מען קען באַגרינדן און דערווייזן די ריכטיגקייט פונם עצם «ניין», אבער מען קען נישט קומען מיט א טענה: איילט זיך נישט צו זאָגן «יאָ», און אין דערזעלבער צייט איילן זיך די־דאָזיגע בעלי־טענה צו זאגן «ניין». וואס איז די איילעניש אינם אָפּוואַרפן דעם פּלאַן פון א אידישע מדינה? אויב די זאך נויטיגט זיך אין א טיפער באַטראַכטונג — האט עס דאך א שייכות צו דער פראגע אין אלגעמיין, און מיר אלע, — סיי די וואס זיינען נוטה צו יאָ און סיי די וואס זיינען נוטה צו ניין, — זיינען עס מחויב צו טון.

היסטאָרישע גרונט־פאַקטן און צייטווייליגע אומשטאַנדן

די מסקנות פון דער קעניגלעכער קאמיסיע, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג — דורך דער מאנדאט־רעגירונג — האבן אונז ווידעראַמאָל אוועקגעשטעלט פאַר די גרונט־פּראָבלעמען פונם ציוניזם.

די ציוניסטישע שטרעבונג און איר רעאַליזירונגס־מעגלעכקייט באַזירן אויף פיר גרונט־פאַקטן: א) די ליבע פון אידן צו זייער היימלאַנד, ב) די אידישע נויט אין גלות, ג) די קאָלאָניזיר־מעגלעכקייט פון ארץ־ישראל, ד) די שאַפונגס־פעאיגקייט פון אידישן פאָלק.

פּרווט מען אוועקצונעמען איינעם פון אָט די יסודות — ווערט דערמיט אָפּגעפרעגט אדער צונישט־געמאכט דער גאנצער ציוניזם. דידאָזיגע פיר גרונט־פאַקטן האבן א שייכות צו דיביידע גופים, פון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף דער ממשות־ווערנדיגער ציוניזם: דאס אידישע פאלק און ארץ־ישראל. אבער מען דאַרף דערביי געדענקען, אז דער פּראָצעס פון שיבת־ציון קומט פאָר נישט אין א פוסטן חלל. דאס אידישע פאלק און ארץ־ישראל זיינען ביידע אונטערוואַרפן דער ווירקונג פון פאקטאָרן, אומשטאַנדן און באדינגונגען, וועלכע געפינען זיך מחוץ די פריער אויסגערעכנטע גרונט־פאַקטן: די נישט־אידישע איינוואוינער פון ארץ־ישראל, די שכנותדיגע לענדער, די גרויסע מלוכות, וועלכע האבן אינטערעסן און כוונות אין ארץ־ישראל, אינטער־נאַציאָנאַלע באַציאונגען און רעגולירונגען. און מער פון די אלע — דער ווילן, דער צושטאנד און די באַדערפנישן פון דער מלוכה וואס הערשט איבערן לאנד. דער קאָמפּלעקס פון דידאָזיגע אויסערלעכע פאַקטאָרן אנטשיידעט טאַקע נישט וועגן מהות פון ציוניזם, וועגן זיין שטרעבונג און זיין ציעל; דער ציוניסטישער אידעאַל וואָרצלט אין דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט פון דער אידישער אומה, אבער זיינע רעאַליזיר־מעגלעכקייטן און די וועגן דערצו העננגען אָפּ פון די אויסערלעכע אומשטאַנדן און פאַקטאָרן. דידאָזיגע אומ־שטאַנדן ענדערן זיך פון צייט צו צייט, די ענדערונגען זיינען נישט קיין רעזולטאַט פון אונזער קיום און זיי זיינען פון אונז נישט אָפּהענגיג אבער מיר קענען זיי נישט פאַרזעען, בשעת מיר פּרווון פון צייט צו צייט פעסט־שטעלן אונזערע ארבעט־שיטות. נישט תמיד זיינען די אויסערלעכע ענדע־רונגען געוואונשן פאַר אונז, אבער מיר ווילן באַגיין א שווערן פעלער

אויב מיר וועלן זיי נישט נעמען אין באטראכט דערפאר ווייל זיי געפעלן אונז נישט.

עס זיינען צעטרייסלט די יסודות פון מאנדאטן־סיסטעם

אין די לעצטע יאָרן זיינען אין דער וועלט געשען זאכן, וועלכע האבן גרינטלעך געענדערט די אינטערנאציאנאלע פארהעלטנישן. די אויס־ברייטערונג פון טעראָר־ און דיקטאטור־רעזשימען אין דער וועלט; דער נצחון פון איטאליענישן פאשיזם אין אבעסיניע, נישט געקוקט אויף די סאנק־ציעס פון פעלקער־בונד; די וואקסנדיגע השפעה פונם נאציזם אין צענטראל־און דרום־אייראָפּע; די דערשיטערונגען פונם פעלקער־בונד און די צעטרייס־לונגען פון די יסודות פון אינטערנאציאנאלן רעכט; די פארשטארקונג פון דער איזאָלירונגס־טענדענץ אין דער פּאָליטיק פון די פאראייניגטע שטאַטן; די קראפטלאָזיגקייט פון די דעמאקראטישע לענדער צו פארמיידן דעם יאפאנישן אָנגריף אויף כינע און דעם דייטש־איטאליענשן אָנגריף אין שפאניע — דאס אלץ האט אין א גרויסער מאס צעטרייסלט די אינטערנאציאנאלע רעכטלעכע און פּאָליטישע יסודות, אויף וועלכע עס האט זיך באזירט דאס מאנדאטן־סיסטעם, וואס האט נאך דער וועלט־מלחמה געדינט אלס פונדא־מענטאלע באזע פאר דער ציוניסטישער אויסערן־פּאָליטיק. מאָראליש אָנער־קענען מיר נישט די דאזיגע ענדערונגען, אבער א פאקט הערט נישט אויף צו זיין פאקט אפילו ווען ער איז נישט פיין. די פּאָליטישע ארדנונג אין דער וועלט און די צווישנפעלקערלעכע פארהעלטנישן זיינען נישט ביי אונז אין די הענט; און אויף וויפיל אויסערלעכע פאקטארן האבן א השפעה אויף דער ציוניסטישער פארווירקלעכונג, — מוזן מיר נעמען אין אכט די ענדע־רונגען, וואס קומען פאָר אין די פאַקטאָרן, צי דאס געפעלט אונז יא אדער עס געפעלט אונז נישט.

בעת מיר באהאנדלען אונזערע פראגן מוזן מיר קענען שטרענג אונטער־שיידן צווישן באגריפן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט אונזער שטרעבונג, מיט אונזער ווילן, מיט אונזער געפיל, און צווישן באגריפן, וועלכע זיינען פאר־בונדן מיט אביעקטיווע פאקטן, מיט פרעמדע פאקטאָרן, מיט ווילנס, וואס געפינען זיך אויסער אונז. אלס איינעם פון די הויפּט־טעותן ביי די ניין־זאגער באטראכט איך די אויסמישונג פון די צוויי סאָרטן באגריפן.

שטרעבונג און פּראָקלאַמירונג

איינע פון די הויפּט־טענות פון די ניין־זאגער איז די טענה וועגן דער איינהייטלעכקייט אדער גאנצקייט פון ארץ־ישראל. דא האבן מיר פאר זיך א בולטן ביישפּיל פון אויסמישן פסיכישע באגריפן מיט פּאליטישע, פון פארבייטן וואונש און שטרעבונג אויף פאקט און ווירקלעכקייט. איינ־הייטלעכקייט און גאנצקייט פון ארץ־ישראל, וואס צוליב דעם טרעט מען דאך ארויס געגן דער אידישער מדינה אין א טייל ארץ־ישראל, — וואס באדייט עס און אין וואס פאר־א הינזיכט זיינען די צוויי זאכן סותר איינע די אנדערע?

אויפן זיבעצנטן ציוניסטישן קאנגרעס איז פארגעקומען א שארפער ויכוח צווישן אונז און די רעוויזיאניסטן אין דער פראגע פון ענדציל. אין וואס

איז באַשטאַנען יענער וויכוח? איז עס דען געגאַנגען אין דעם, וואָס די רע־וויזיאָניסטן האָבן געוואָלט אַ אידישע מדינה און מיר זיינען געווען געגן דעם? און אפשר האָט זיך עס געהאַנדלט אין דעם, וואָס די רעוויזיאָניסטן האָבן געוואָלט אַ אידישע מערהייט און מיר האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ מינדערהייט? דער וויכוח איז געווען וועגן פּראָקלאַמירונג!

פאַר אונז האָט דער ציוניזם תמיד באַדייט — די פולע לעזונג פון דער אידן־פראַגע. די קאָנצענטראַציע פון אידן אין ארץ־ישראל און די מלוכה־שע ווידעראויפלעבונג אין אונזער היימלאַנד האָבן מיר באַטראַכט אַלס דעם אינהאַלט פון ציוניסטישן ציל. אָבער אין געגנזאַץ צו די רעוויזיאָניסטן האָבן מיר נישט איינגעזען קיין באַדערפעניש און קיין נוצן אין דער פּראָ־קלאַמירונג פון אַ מדינה. יעדע קאָלאָניזאַציע־דעראָבערונג, יעדן אויפבוי פון אַ נייעם פּונקט, יעדן וואוקס פון אידישער עליה, יעדע ווירטשאַפטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרשטאַרקונג, יעדע אַנטשטייאונג פון אַ קערנדל פון אידישער קראַפט, — האָבן מיר באַטראַכט אַלס נאָך אַ ציגל צום בנין פון דער מדינה; אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט אויסטוישן די ממשותדיגע, כאָטש שטופנווייזע אַרבעט פאַר דער פאַקטישער שאַפונג פון דער מדינה אויף אַ פּרוכטלאָזע, פּראָזערישע פּראָקלאַמירונג פון אַ אידישער מדינה. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער סאַמע קלענסטער נייער פּונקט, וואָס קומט אונז צו אין ארץ־ישראל, דערנענטערט אונז מער צו דער מדינה ווי די סאַמע שרייענדיגסטע פּראָקלאַמירונגען פון אַ אידישער מדינה אויף ביידע זייטן ירדן.

אַט אַזוי באַטראַכט איך אויך די פּראָקלאַמירונגען וועגן דער איינהייט־לעכקייט און גאַנצקייט פון ארץ ישראל.

אַזוי ווי מלוכהשע ווידעראויפלעבונג איז אַן אינטעגראַלער טייל פון ציוניסטישן אידעאַל, אַזוי איז אויך די גאַנצקייט פון ארץ־ישראל — די פולע שיבת ציון און פאַרוואָרצלונג פון אידישן פאָלק אין יעדן טייל פון ארץ ישראל, אין צפון און אין דרום, אין מזרח און אין מערב — זיינער אַן אינ־טעגראַלער טייל. אָבער וואָס באַדייט איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל אין איצטיגן מאָמענט?

איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל – אַ פּסיכישער פאַקט

וועגן דער איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל אַלס פּסיכישער פאַקט, אַלס גרונט־געפיל אין האַרצן פון דער אידישער אומה, — וועגן דעם איז נישטאָ קיין וויכוח. אין דער אידישער פאָלקס־נשמה לעבט ארץ־ישראל שוין זינט הונדערטער יאָרן אַלס גאַנצע, שלמותדיגע איינהייט. אַלע געשעע־ענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד. אַלע אינוואַזיעס און דעראָבע־רונגען, אַלע פּאָליטישע ענדערונגען, די איינשליסונג פון לאַנד אין פרעמדע מדינות אָדער די צעטיילונג פון לאַנד אויף אָפּגעזונדערטע פּאָליטישע שטחים, — דאָס אַלץ האָט לחלוטין נישט געענדערט דאָס געפיל צו ארץ־ישראל מצד דעם אידישן פאָלק. נאָך אַלע גלגולים איז ארץ־ישראל געבליבן אין דער נשמה פון דער אומה איר איינציג לאַנד. אין לאַנד האָבן געהערשט רוימער, פּערסן, ביזאַנטינער, אַראַבער, מאָנגאָלן, קרייץ־צוגער, טערקן; דאָס לאַנד איז געווען אַ פּראָווינץ אין אַ פרעמדער אימפּעריע אָדער אַן אַראַ־בישע מדינה, — פאַרן אידישן פאָלק, אין אַלע דורות, איז עס געווען: ארץ

ישראל. די איינהייטלעכקייט פון לאנד איז, אין דער נשמה פון אידישן פאלק און אין דער אידישער געשיכטע, אַן אבסאלוטער פאקט, אַן אייזערנער פאקט וואס טויזענטער יארן פרעמדקייט און צרות האבן אים נישט אונטערגעגראָבען און נישט דערשיטערט. עס איז, ווייזט אויס, נישטא אזא כוח אין דער וועלט, וואס זאל קענען ארויסרייסן ארץ־ישראל פון אידישן הארץ.

מען פארבייט א פסיכישן באגריף מיט א פּאָליטישן

אבער איך האב מורא, אז אונזערע חברים מישן דא אויס א פסיכישן בעגריף מיט א פאליטישן און זיי פארבייטן א שטרעבונג אויף א פאקט. ווען זיי ריידן וועגן דער גאנצקייט פון ארץ־ישראל ווי וועגן אן אָביעקטיוון פאקט, ווי וועגן א פאַראַנענער ווירקלעכקייט — פארלייקענען זיי דעם אמת. אין איצטיגן מאָמענט עקזיסטירט נישט די איינהייטלעכקייט פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז געווען א פאליטישע איינהייט נאר אין די צייטן פון אונזער פאליטישער זעלבסשטענדיגקייט, און דאן — אויך נאר אין באשטימטע תקופות. מחוץ פון דער אידישער געשיכטע האט ארץ־ישראל נישט געהאט קיין באזונדערע עקזיסטענץ אלס געאָגראפישע און פאליטישע איינהייט. אין די פיר הונדערט יאר פון דער טערקישער הערשאפט איבערן לאנד איז ארץ־ישראל געווען «גאנץ» אלס א טייל פון דער אָטאָמאנישער אימפעריע. פון זינט נאך דער ענגלישער דעראָבערונג איז דאס לאנד צעריסן אויף פיר חלקים. דער צפונדיגער טייל פון מערב־ארץ־ישראל — פון דער צפון־גרעניץ פונם בריטישן מאנדאט־געביט ביזן ליטאניע־טייך — איז איצט איינגעשלאסן אין דער לבנון־מדינה. א צווייטער טייל פון צפון־זייט — צו מזרח־צו, חורן, גולן און בשן — איז איינגעשלאסן אין דער סירישער מדינה׳ עבר הירדן, פון דרום פונם יאַרמוק ביז דער העדזשאסער גרעניץ, געפינט זיך אונטער דער «הערשאפט» פון עמיר עבדאַללה, כאטש דער בריטישער מאנדאט גילט אויך דארטן. דער פערטער טייל איז — דער מאנדאט־געביט אין מערב־ארץ־ישראל, וואס דערווייל זיינען בלויז לגבי אים גילטיג די מאנדאט־פונקטן וועגן דער אידישער נאציאנאלער היים. (בערל כצנלסון: פאראן אויך סיני, וואס געהערט איצט צו מצרים). און ווען די ניין־זאגער פרעגן: וואס וועט זיין מיט די שטחים׳ וואס מחוץ דער מדינה? — פארגעסן זיי, אז אייגנטלעך קען מען דאך זיך ווענדן צו זיי מיט דערזעלבער פראגע: וואס וועט זיין מיט די שטחים׳ וואס מחוץ דעם מאנדאט? דער מאנדאט פון דער «נאציאנאלער היים» נעמט נישט ארום «גאנץ» ארץ־ישראל. האבן מיר דען מוותר געווען אויף אונזער רעכט צו באזעצן זיך אין די טיילן ארץ־ישראל, וואס מחוץ דעם מאנדאט?

די אידישע מדינה — טענהט מען — וועט שאפן גרעניצן צווישן איין שטח לאנד און דעם אנדערן. אבער יעדער קאלאניזאציע־אויפטו אונזערער אין ארץ־ישראל — א גרויסער צי א קליינער — שאפט גרעניצן. האבן דען די בויער פון עין־חרוד נישט געשאפן קיין גרעניץ צווישן זיי און קומי? האבן דען די שעפער פון בית־אלפא נישט אויפגעשטעלט קיין גרעניץ צווישן זיי און סחנה? יעדער נייער אידישער פונקט אין לאנד שאפט נייע גרעניצן.

גאַנצקייט פון פּאלעסטינע, צי גאַנצקייט פון ארץ־ישראל

פאַרן אָנהויב פון אונזער קאלאניזאציע איז דאס לאנד באמת געווען גאנץ, דאס איז אבער געווען אַן אראבישע „גאנצקייט״. א פאלעסטינע־

גאַנצקייט. די פּראַצעצנט־מעסטער פונם שטח, וואָס ווערט פאַרגעלעגט פאַר דער אידישער מדינה, פאַרגעסן אַז נאָך זעכציג יאָר קאָלאָניזאַציע־אַרבעט זיינען מיר נאָך נישט דערגאַנגען אפילו צו קיין זעקס פּראָצענט פונם אַראַבישן מאַנדאַט־געביט, און אַז די אַרומגעשניטענע „גאַנצקייט" פון לאַנד (אַרומגעשניטן — ווייל עס איז צעפּערטלט צווישן לבנון, סיריע, עבדאללה און דער „נאַציאָנאַלער היים") איז נאָך כמעט דורכאויס אַן אַראַבישע. קענען מיר צוליב אָט אַזאַ „גאַנצקייט" אפּזאָגן זיך פון שאַפן אַ אידישע מדינה אין אַ טייל פון מערב־ארץ־ישראל? נישט ווייניגער ווי די חברים ניין־זאָגער בין איך געגן די, וואָס האַלטן, אַז מיר מוזן אָננעמען דעם מדינה־פּאָרשלאָג אין וועלכער פאָרם ער זאָל נישט קומען, ווייל אויב נישט — וועלן מיר פאַרלירן אַלץ. דאָס איז אַ דעפעטיסטישער צוגאַנג, וועלכער איז עלול אונטערצוגראַבען אונזער גאַנצע באַזע. דערביי איז ער נישט בלויז שעדלעך און געפערלעך פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט נאָר ער איז אויך רעאַל־אומריכטיג און נישט באַגרינדעט פון אביעקטיוו־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. איך נעם אָן אַלס אַלטערנאַטיווע צום מדינה־פּאַרשלאַג — די פאַרזעצונג פון מאַנדאַט. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער מאַנדאַט צו דער „גאַנצקייט" פון לאַנד, אויב מען איז מיטן וואָרט גאַנצקייט אויסן די אידישע גאַנצקייט פון לאַנד — די גאַנצקייט פון ארץ־ישראל? וועלכער פון די מאַנדאַט־פּאַראַגראַפן פאַרזיכערט עס אונז „אידישע גאַנצקייט"? דורך דער פאַרזעצונג פונם מאַנדאַט וועט נאָך נישט גאַנץ ארץ־ישראל פאַרוואַנדעלט אין אַ אידיש לאַנד. אין סאַמע בעסטן פאַל קען דער מאַנדאַט — אויב ער זאָל פאַרגעזעצט ווערן — מיטהעלפן צו אַ געוויסער פאַרשטאַרקונג פון אידישן כוח אין לאַנד, צו אַ וואוקס פון אונזער צאָל און צו אַן אויסברייטערונג פון אונזער קאָלאָניזאַציע אין מערב־ארץ־ישראל. נישט דורך דער פאַרזעצונג פון מאַנדאַט און נישט דורך דער שאַפונג פון אַ מדינה אין אַ טייל לאַנד ווערט דער ציוניזם פולשטענדיג פאַרווירקלעכט; יעדע איינע פון די צווי מעגלעכקייטן אַנטהאַלט אין זיך נאָר די דערגרייכונג פון אַ געוויסער פאַרווירקלעכונגס־שטופע אין ציוניזם. דעריבער איז, לויט מיין מיינונג, די אַנטשיידנדע פראַגע אין איצטיגן ויכוח: וואָס קען ברענגען צו אַ גרעסערער פאַרשטאַרקונג און צו אַ גיכערן וואוקס פון אידן אין ארץ־ישראל: דער מאַנדאַט־רעזשים אָדער אַ אידישע מדינה?

די רעזולטאַטן פון דער מאַנדאַט־הערשאַפט

די גאַנצע פאַרטיידיגונג, דאָ ביי אונז, פון איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט פון ארץ־ישראל אַנטשפּרעכט נישט אונזער ויכוח, ווייל זי דערוויזט נישט דערמיט, אַז דער מאַנדאַט איז בעסער ווי אַ אידישע מדינה. אַזוי אַנטשפּרעכט אויך נישט דעם ויכוח דאָס פּרוּוון אויפווייזן, אַז מיר האָבן רעכט אויף אַ מדינה און זעלבסטשטענדיגקייט, — ווייל דאָס דערווייזט נישט, אַז אַ קליינע אידישע מדינה איז בעסער ווי מאַנדאַט־ראַכט אויף אַ גרעסערן שטח. די „ניין־זאָגער" ביי אונז זיינען געגן אַ אידישער מדינה נישט ווייל זי איז אידיש נאָר ווייל זי איז קליין, און די יאַ־זאָגער צווישן אונז האַלטן מער פון אַ אידישער מדינה אין אַ טייל לאַנד ווי פון אַ בריטישן מאַנדאַט אין „גאַנצן" לאַנד (פאַקטיש נעמט דער בריטישער מאַנדאַט נישט אַרום דאָס

גאנצע לאנד). ווייל דער מאנדאט פארזיכערט אונז נישט קיין שנעלע אויס־בריטערונג און קיין געהעריגן וואוקס, בעת דאס איז יא מעגלעך ביי א אידישער מדינה, אפילו אויף א באגרעניצטן שטח. ווער עס וויל דערווייזן, אז דער בריטישער מאנדאט איז בעסער ווי א אידישע מדינה איז מחויב צו דערווייזן, אז די מאנדאט־הערשאפט וועט אין דער צוקונפט זיין א בעסערע, פון ציוניסטישן שטאנדפונקט, ווי זי איז געווען אין דער פארגאנגענהייט, און אז זי וועט ברענגען מיט זיך א סך א גרעסערן וואוקס פון אידישן ישוב, ווי דאס וועט געשען אין א אידישער מדינה. די מאנדאט־הערשאפט האט אין די פארגאנגענע פופצן יאר געבראכט צו א גרעסערן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל ווי די פריערדיגע פערציג יאר עליה און קאלאניזאציע. אין דער מאנדאט־תקופה זיינען צוגעקומען אין ארץ־ישראל איבער דריי־הונדערט טויזנט אידן, און אונזער באדן־באזיץ איז במשך דער צייט פארטאָפּלט געווארן: פון אומגעפער זעקס הונדערט טויזנט דונאם איז ער געשטיגן ביז איבער א מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזנט. אבער אין דער־דאזיגער מאנדאט־תקופה איז דער אראבישער ישוב געוואקסן—אין אבסאלוטע ציפערן—נאכמער פונם אידישן, און דער אראבישער „אקטיוועך" (ד.ה.־באארבע־טער) באדן־באזיץ איז געשטיגן מיט צוויי מיליאן דונאם. צי קען עמיצער דערווייזן, אז נאך די געשעענישן פון 1936, נאכן פסק־דין פון דער קעניג־לעכער קאמיסיע וועגן דער אומרעאליזירבארקייט פון מאנדאט, קען די מאנ־דאט־הערשאפט, אויב זי וועט ווייטער פארגעזעצט ווערן, געבן בעסערע און געוואונשענערע רעזולטאטן פון ציוניסטישן שטאנדפונקט?

גאלדע מאירסאן פרעגט: וואס וועט מען קענען ענטפערן איר זון אין פופצן יאר ארום, ווען די אידישע מדינה וועט שוין האבן דערגרייכט דעם זעטיגונגס־פונקט פון דער אויפנעם־קראפט? אבער פריער דארף זי דאך, פרעגן זיך אליין. — וואס פאר א תשובה וועט זי מארגן־איבערמארגן קענען געבן די אידן, וואס וועלן קלאפן אין די טויערן פון מאנדאטארישן ארץ־ישראל און די טויערן וועלן זיין פארמאכט?

די מאנדאט־הערשאפט האט ביז איצט דערמעגלעכט אן עליה פון נישט מער ווי זעכצן טויזנט אידן א יאר דורכשניטלעך, אבער בלויז דער נאטיר־לעכער צוּוואוקס טרעפט אָן ביי די אראבער 28.000 יערלעך. דערצו איז דאך אויך פאראן אַן אראבישע «עליה», א לעגאלע און אַן אומלעגאלע. אויף וואס־זשע באזירט זיך די סברה, אז די פאָרזעצונג פון דער מאנדאט־הערשאפט וועט זיכערער דערפירן צו א אידיש ארץ־ישראל ווי א אידישע מדינה? אויף וואס באזירט זיך דידאזיגע מיינונג, אויב מיר זאלן אפילו אָננעמען, אז דער איצטיגער מאנדאט וועט פאָרגעזעצט ווערן, און אז פון אלע «פּאַליאַטיוון», וואס די קעניגלעכע קאמיסיע האט פאָרגעלייגט, וועט קיין איינער אויף אונז נישט נגזר ווערן?

איינהייטלעכקייט פון פאלעסטינע — צי עליה־מעגלעכקייטן

בשעת א ציוניסט רעדט וועגן דער «גאנצקייט פון ארץ־ישראל» איז ער דאך נישט אויסן די פיזישע אדער מעטאַפיזישע גאנצקייט פון לאנד, נאר די קאלאניזירונג פון אידן אין גאנץ ארץ־ישראל — אונז אינטערעסירט דאך נישט די גאנצקייט פון פאלעסטינע נאר די גאנצקייט פון ארץ־ישראל.

אָן א שייכות צו אידישער קאָלאָניזאַציע האָבן מיר נישט קיין אינטערעס נישט אין גאַנץ פּאַלעסטינע און נישט אין טיילן פון א טיילווייזער פּאַלעסטינע. אין וואָס־זשע באַשטייט דער ציוניסטישער זין פונם איינהייטלעכקייט־ און גאַנצקייט־מאָטיוו, וואָס א טייל ניין־זאָגער באַנוצט אים אין איצטיגן ויכוח?

אין די טערקישע צייטן איז ארץ־ישראל געווען «איינהייטלעך און גאַנץ» במשך פיר הונדערט יאָר, אָבער גאַנץ ארץ־ישראל איז נישט געווען אידיש; פּונקט אַזוי ווי מיט זאָגן די ברכה «המוציא לחם מן הארץ» ציט מען נאָך נישט אַרויס ברויט פון דער ערד, אַזוי מאַכט מען אויך נישט א נישט־אידיש לאַנד פאַר אידיש דורך פּראָקלאַמירן די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פונם לאַנד. אָן אַקערן און זייען און שניידן קריגט מען נישט אַרויס קיין ברויט פון דער ערד. אָן עליה, קאָלאָניזאַציע און אידישע אַרבעט לייזט מען נישט אויס ארץ־ישראל. פּאַלעסטינע וועט נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין ארץ־ישראל, נישט אינגאַנצן און נישט טיילווייז, אָן ממשותדיגע מעגלעכקייטן פון א ברייטער עליה און קאָלאָניזאַציע.

מאַטעמאַטישער אמת און ציוניסטישער אמת

אין איין זאַך זיינען די ניין־זאָגער לחלוטין גערעכט: דער שטח פון בריטישן מאַנדאַט איז א סך גרעסער ווי דער שטח, וועלכער ווערט פאַר־געלייגט פאַר דער אידישער מדינה; דאָס איז אַן אומבעשטרייטבאַרער און אומצווייפלהאַפטער מאַטעמאַטישער אמת. אָבער כדי אַט דער מאַטעמאַטישער אמת זאָל אויך זיין א ציוניסטיש־פּאָליטישער אמת איז נויטיג צו דערווייזן, אַז אויפן שטח פונם מאַנדאַט וועלן זיין מער אידן ווי אויפן שטח פון דער אידישער מדינה. אַט דאָס קענען די ניין־זאָגער נישט דערווייזן. די איינציגע ממשותדיגע פראַגע, וואָס באַשטימט דעם ציוניזם, איז: וויאַזוי זאָל מען אין דער סאַמע קורצסטער צייט ברענגען קיין ארץ־ישראל די סאַמע גרעסטע צאָל אידן? וויאַזוי זאָל מען אין א מינימום צייט שאַפן א מאַקסימום פון אידישן כוח אין לאַנד? אַט דאָס איז דער איינציגער פּרוּוו־שטיין פאַר יעדן פּלאַן, פאַר יעדן פּראָיעקט, וואָס דערשיינט אויף די פאַרשידענע עטאַפּן פון זיך־פאַרווירקלעכנדן ציוניזם. דער מאַנדאַט איז געווען איין עטאַפּ, די מדינה וועט זיין א צווייטער עטאַפּ — נישט דער לעצטער. עס זיינען נישטאָ פאַראַן קיין אייביגע פּאָליטישע רעגולירונגען. מיר לעבן אין א דינאַמישע וועלט, פול מיט ענדערונגען און טוישונגען, און אין אַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען און וועלן פאָרקומען, האַלטן מיר אין האַנט איין מאָס־שטאַב: שנעלער וואוקס פון אידן אין ארץ־ישראל און פאַרשטאַרקונג פון זייער זעלבסטשטענדיגן כוח. דאָס איז דער איינציגער וועג צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין ארץ־ישראל. און וויבאַלד דער כוח פון מאַנדאַט איז אין דער היינטיקער שוואַכער פונם כוח פון דער מדינה — כאָטש זיין שטח איז א גרעסערער ווי אירער — בין איך אַן קוואַנקלעניש פאַר דער מדינה.

דער פּעלקער־בונד און ענגלאַנד

אָבער מען זאָגט: דער מאַנדאַט איז א אינטערנאַציאָנאַלער רעזשים, די רעכט, וואָס זיינען אונז פאַרזיכערט אין מאַנדאַט, האָבן א גאַראַנטיע פון פעלקער־בונד, בעת פאַראַן קיום פון דער מדינה גאַראַנטירט בלויז ענגלאַנד.

אויך דידאזיגע טענה דארף מען אנאליזירן טאָפּלט: פאַקטיש און טעאָרעטיש.

איך אידענטיפיציר זיך נישט מיט יענע, וועלכע זיינען איצט מבטל דעם פעלקער־בונד, ווייל ער געפינט זיך אין א באַרגאַראָפּ־צושטאנד. אמת, דער פעלקער־בונד פארמאָגט נישט גענוג כוח כדי אָפּצוהאלטן אן איטאליענישן אָנגריף אויף אבעסיניע אדער אויסצומיידן א יאפּאנישן אָנפאל אויף כינע, אָבער ער פארמאגט נאך אלץ א גרויסן מאָראלישן כוח. אין דער וועלט פארשפרייט זיך און פארשטארקט זיך טאקע די שיטה פון טעראָר און פויסט, און די מערסטע גרויסע מלוכות געפינען זיך מחוץ דעם פעלקער־בונד, — אָבער פונדעסטוועגן האבן נאך די מאָראלישע כוחות אין דער וועלט, וועלכע זיינען קאנצענטרירט אין פעלקער־בונד, א גרויסע באדייטונג, און מיר, אידן, דארפן זיין די לעצטע גרינגצושעצן דידאזיגע כוחות. מען דארף אויך נישט פארגעסן, אז אין ענגלאנד האלט מען זייער פון פעלקער־בונד, און כאטש ענגלאנד גופא איז זיין צענטראלער איינפלוס־פאקטאר — מען קען זאגן, דער אנטשיידנדער פאקטאר — און עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן א וועלכן־נישט־איז שריט מצד דעם פעלקער־בונד געגן דעם ווילן און די אינטערעסן פון ענגלאנד, אבער, פון דער אנדערער זייט, נויטיגט זיך ענגלאנד אין פעלקער־בונד אפשר מער ווי יעדע אנדערע מדינה. אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע פארפליכטעט ענגלאנד אפשר מער ווי יעדע אנדערע מדינה, — ענגלאנד וועט אזוי גרינג נישט מאכן קיין שום שריט, וואס זאל זיין אין בולטן געגנזאץ צו דער שטעלונג אדער צו דער קאנסטיטוציע פונם פעלקער־בונד. דאס אידישע פאלק, — דאס שוואכסטע פאלק אין דער וועלט, א פאלק אָן א מדינה׳ אָן א מלוכהשע רעפּרעזענטאנץ און אָן א פיזישן כוח, דארף אוודאי נישט גרינגשעצן די באדייטונג פון א אינטערנאציאנאלער גאראנטיע, ווען אפילו די גאראנטיע האט נישט הינטער זיך קיין מיליטערישע און פיזישע קראפט. די אינטערנאציאנאלע אנערקענונג פון די רעכט, וואס זיינען אונז פארזיכערט אין מאנדאט — דאס איז א גרויס פאליטיש פארמעגן, וואס מיר דארפן אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

דער פעלקער־בונד און דער מאַנדאַט

אבער עס איז שווער צו פארשטיין, פארוואס איז דער פעלקער־בונד וויכטיג לגבי דעם מאנדאט און ער איז אומוויכטיג לגבי דער אידישער מדינה; פארוואס קען דער פעלקער־בונד אונז דינען אַלס אָנלען־פונקט, בעת די הערשאפט איבער ארץ־ישראל געפינט זיך אין די הענט פון א בריטישער אדמיניסטראציע, און ער קען נישט זיין קיין אָנלען פאר דער אידישער מדינה? אויב די אידישע מדינה וועט געשאפן ווערן, וועט עס נישט געשען אָן דער הסכמה און באשטעטיגונג פונם פעלקער־בונד. די איניציאטיוו און פאקטישע אַנטשיידונג ביים שאפן די מדינה געהערט, פארשטייט זיך, צו ענגלאנד, אבער אויך די מאנדאט־פאָרמולירונג — נישט בלויז זיין אויס־פירונג — איז געמאכט געווארן דורך ענגלאנד. נישט דער פעלקער־בונד האט רעדאַגירט דעם מאנדאט, נישט ער האט פעסטגעשטעלט זיינע תקנות און פאראגראפן, — ער האט נאר באשטעטיגט דעם נוסח, וועלכן ענגלאנד האט צוגעגרייט. אויך די רעאליזירונג פון מאנדאט געהערט נישט צום פעלקער־בונד נאר אויסשליסלעך צו ענגלאנד. דער פעלקער־בונד איז נישט

קאָמפּעטענט זיך אריינצומישן אין די ארץ־ישראלדיגע אדמיניסטראציע־ און רעגירונגס־ענינים. ער האט בלויז דאס רעכט צו באקומען פון ענגלאנד יערלעכע באריכטן וועגן דעם אופן פון דער מאנדאט־רעאליזירונג און ארויס־צוזאגן זיין מיינונג וועגן די באריכטן, — די מאנדאט־קאמיסיע באטראכט דעם יערלעכן באריכט און זי גיט איבער אירע אויספירן דעם ראט פון פעלקערבונד. אין ראט פון פעלקערבונד קען מען נישט אננעמען קיין שום רעזאלוציע געגן ענגלאנד, ווייל אלע ראט־באשלוסן קענען אנ־גענומען ווערן נאר איינשטימיג. אידן האבן נישט קיין פאָרשטייער אין פעלקער־בונד, נישט אין ראט און נישט אין דער אלגעמיינער פארזאמלונג. נאכמער: אויך פאר דער מאנדאט־קאמיסיע קען נישט אויפטרעטן קיין אידישער פארשטייער. די איינציגע רעכטלעכע מעגלעכקייט, וואס עס האט די אידישע פארשטייערשאפט, איז — צוצושטעלן דער מאנדאטן־קאמיסיע א יערלעכן באריכט וועגן דער אנטוויקלונג פון דער נאציאנאלער היים און קריטישע באמערקונגען וועגן דער טעטיגקייט פון דער מאנדאט־אדמיניסטראציע אין ארץ־ישראל. דערדאזיגער מעמאראנדום ווערט איבערגעשיקט צו דער מאנדאט־קאמיסיע דורך דער פארמיטלונג פון ארץ־ישראלדיגן נציב העליון; בעת די מאנדאט־קאמיסיע באהאנדלט די ארץ־ישראל־ענינים קען פאר איר אויפטרעטן בלויז א פארשטייער פון דער מאנדאט־רעגירונג.

דער פעלקער־בונד און די אידישע מדינה

אט דאס איז די פאקטישע ראָם פון די אינטערנאציאנאלע גאראנטיעס און פון דער אויפזיכט פונם פעלקער־בונד אויף דער מאנדאט־הערשאפט אין ארץ־ישראל.

פרעגט זיך א פראגע: מיט וואס וועט שוואכער ווערן אונזער אינ־טערנאציאנאלער שטיץ־פונקט, בעת אנשטאט א בריטישן מאנדאט וועט קו־מען א אידישע מדינה? דידאזיגע מדינה וועט באשטעטיגט ווערן דורכן פעל־קער־בונד, און אויב עס האט א ווערט און באדייטונג די אינטערנאציאנא־ציאנאלע באשטעטיגונג פונם מאנדאט — האט דאך אויך א ווערט און בא־דייטונג די אינטערנאציאנאלע באשטעטיגונג, וואס וועט געגעבן ווערן דער אידישער מדינה. ביי דער מאנדאט־הערשאפט האט די אידישע אגענץ דאס רעכט צו שיקן א מעמאראנדום צו דער מאנדאטן־קאמיסיע — דער אויפזיכטס־ארגאן פונם פעלקער־בונד. בעת דער הערשאפט פון דער אידישער מדינה וועט א אידישער פארשטייער זיך באטייליגן אינם פעלקער־בונד גופא. האט דען א מעמאראנדום, וואס ווערט געשיקט דורך דער אידישער אגענץ צו דער מאנדאטן־קאמיסיע, א גרעסערע פאליטישע קראפט און באדייטונג ווי א גלייכבארעכטיגטע רעפרעזענטאנץ פון א סוווערענער אידישער מדינה, וועלכע באטייליגט זיך אין פעלקער־בונד? אויב דער כוח פון פעלקער־בונד גענוגט כדי אויפצוטרעטן געגן ענגלאנד פאר דער באשיצונג פון אונזערע מאנדאט־רעכט, פארוואס־זשע זאל ער נישט גענוגן אין דערזעלבער מאס אויף צו בא־שיצן די פאזיציע פון דער אידישער מדינה? צי דערפאר, וואס דאס אידישע פאלק וועט זיין פארטרעטן אין פעלקער־בונד אלס א סוווערען פאלק, וועט דארט זיין כוח ווערן קלענער, אדער די באדייטונג פונם פעלקער־בונד וועט צוליב דעם ווערן קנאפער?

דער פעלקער־בונד וועט ביי דער שאפונג פון דער אידישער מדינה דער־פילן א סך א גרעסערע ראָל ווי ביים באשטימען דעם מאנדאט. די ענגלישע רעגירונג וועט גארנישט קענען אנהויבן אויסארבעטן דעם פלאן פון דער מדינה־שאפונג איידער דער ענין וועט באהאנדלט ווערן דורכן פעלקער־בונד, — איידער דער פעלקער־בונד וועט געבן ענגלאנד זיין פאָר־הסכמה דערצו. דער ענגלי־שער קאלאניען־מיניסטער זיצט שוין עטלעכע טעג אין גענף און אונטער־האנדלט מיט דער מאנדאטן־קאמיסיע מכוח דעם חלוקה־פלאן. דאס איז לעת־עתה בלויז א פאָר־פאַרהאנדלונג, און אויך דאס איז נאך נישט פארענדיגט. די מאנדאטן־קאמיסיע וועט צושטעלן אירע אויספירן דעם ראט פון פעלקער־בונד און מען מעג משער זיין, אז דער פעלקער־בונד וועט זאגן צו ענגלאנד: איר ווילט, מיר זאלן אייך באפרייען פונם מאנדאט און מסכים זיין צו דער נייער רעגולירונג, — לאמיר־זשע קודם כל זען אין וואס באשטייט די נייע רעגולירונג, ווי זעט אויס דער פלאן? דער פאָרשלאג פון דער קעניגלעכער קאמיסיע איז נאך דורך אייך נישט באשטעטיגט געווארן, ער האט נאך נישט באקומען די הסכמה פון פארלאמענט; לעת עתה איז נאך גילטיג דער מאנ־דאט. בעת איר וועט אונז ברענגען אַן אויסגעארבעטן און דורך אייך בא־שטעטיגטן פלאן — וועלן מיר אים דאן באהאנדלען.

דער שליח פון דער ענגלישער רעגירונג וועט דאן צוריק פארן קיין לאנדאן. די רעגירונג וועט אדורכפירן א נייע פאָרשונג, א פארשונג פון די סטראטעגישע, הידראָגראפישע, ווירטשאפטלעכע, פינאנציעלע און אנדערע אומ־שטאנדן און פארהעלטנישן; עס וועט אויסגעארבעט ווערן א באשטימטער און באשטעטיגטער פארשלאג, און ער וועט ווידער געבראכט ווערן צום פעלקער־בונד. דער פעלקער־בונד וועט דעם פארשלאג באטראכטן און ער וועט בא־פולמעכטיגן די ענגלישע רעגירונג אנצוהויבן צוגרייטנדע שריט. די רעגירונג וועט דארפן אנהויבן אונטערהאנדלען מיט אונז, כדי אויסצוארבעטן א הסכם מיט אונז און מיט די אראבער. איך האלט, אז מיר, די אידן, לכל הפחות, וועלן קומען צו א הסכם. דער דאזיגער הסכם וועט צוגעשטעלט ווערן דעם פעלקער־בונד צום באשטעטיגן. דער הסכם וועט פעסטשטעלן די איבערגאנגס־צייט. ער וועט שאפן א צייטווייליגע רעגירונג, און — ערשט דאן וועלן זיך אנהויבן נייע אונטערהאנדלונגען מיט דער צייטווייליגער רעגירונג וועגן אַן אָפמאך, אין וועלכן עס זאלן פעסטגעשטעלט ווערן די יסודות פון דער מדינה און אירע באציאונגען מיט ענגלאנד. דערדאזיגער אפמאך וועט ווידער דארפן צוגעשטעלט ווערן דעם פעלקער־בונד צום באשטעטיגן, און ערשט דאן, ווען די מדינה וועט אנהויבן עקזיסטירן לויט די פעסטגעשטעלטע פונקטן אינם אפמאך, — וועט בטל ווערן דער מאנדאט, און די מדינה וועט אנערקענט ווערן אלס מיטגליד פון פעלקער־בונד. דאס איז בערך די פראָצעדור, וועלכע איז פאראויסגעזען אין די פארשלאגן פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. איך קען נישט גאראנטירן, אז גענוי אזוי וועלן אויסזען די עטאַפּן ביי דער שאפונג פון דער מדינה — ווי איך קען בכלל נישט גאראנטירן, אז די מדינה וועט געשאפן ווערן — אבער איינס איז קלאר: אויב די אידישע מדינה וועט יא געשאפן ווערן, וועט עס נישט געשען אָן דער באטייליגונג פון פעלקער־בונד אין אלע אנטשיידנדע עטאפן און שטופעס. די עקזיסטענץ פון דער מדינה

וועט זיין פאַרזיכערט דורכן פעלקער־בונד נישט ווייניגער ווי דער קיום פון מאַנדאַט. איין ענדערונג וועט יאָ פאַרקומען דורך דער שאַפונג פון דער מדינה, און דידאָזיגע ענדערונג וועט זיין לטובת אונז — מיר זעלבסט וועלן זיין באַטייליגט אין פעלקער־בונד. ביי היינטיגן טאָג זיינען אין פעלקער־בונד באַטייליגט בלויז פאַרשטייער פון אַראַבישע לענדער (איראַק, מצרים, און בקרוב אפשר אויך סיריע). די וואָס האַלטן, אַז דאָס גוטע פון מאַנדאַט־רעזשים באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט הינטער זיך דעם כוח פון פעלקער־בונד, טאָרן נישט פאַרזען דעם דערמאָנטן פאַקט. דער פעלקער־בונד איז נישט דורכאויס אַ פּראָ־ציוניסטישער כוח, און נישט תמיד איז ער אַ פּראָ־ציוניסטישער כוח, עס זיינען אין אים פאַראַן אויך אַנטיציוניסטישע כוחות. נישט בלויז די אַראַבישע מדינות זיינען דאָרט פיינטלעך צו אונז. דידאָזיגע מדינות האָבן פריינט און פאַרבינדעטע. און כל זמן אין ארץ־ישראל וועט הערשן דער מאַנדאַט, וועט אין פעלקער־בונד זיך נישט געפינען קיין איין אידישער פאַרטרעטער, בעת די צאָל אַראַבישע פאָרשטייער וועט כסדר שטייגן. ערשט מיט דער שאַפונג פון אַ אידישער מדינה וועט זיך אַ אידישער פאַרטרעטער אָנהויבן באַטייליגן אין די פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן פונם פעלקער־בונד.

אַנטשטייט אַ אידישע מדינה?

במשך דעם ויכוח האָט מען געקענט הערן נאָך אַ נייע טענה פון די ניין־זאָגער — די אידישע מדינה וועט בכלל נישט געשאַפן ווערן, דער פאָרשלאַג פון דער קעניגלעכער קאַמיסיע איז נישט מער ווי אַ מיראַזש.

איך האָב נישט אָנגענומען די דאָ־אַרויסגעזאָגטע מיינונג, אַז די שאַפונג פון דער אידישער מדינה איז אַ גזרה מצד דער השגחה פון בריטישן אימפּעריאַליזם. אָבער עס איז מיר אויך שווער מסכים צו זיין מיט דער מיינונג, אַז די שאַפונג פון דער אידישער מדינה איז אַן אויסגעשלאָסענע זאַך. נישט ווייניגער ווי די סאַמע שווערסטע קריטיקער פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, באַצי איך זיך מיט אַ סך סקעפּטישקייט צו רעגירונגס־דערקלערונגען, און אויב עמיצער וועט פון מיר פאַרלאַנגען אַ פאַרפליכטונג, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועט די מדינה געשאַפן ווערן — וועל איך אַזאַ פאַרפליכטונג נישט געבן. אָבער איך קען נישט אָננעמען די סברה, אַז די קעניגלעכע קאַמיסיע האָט פאַרגעלייגט צו גרינדן אַ אידישע מדינה וויסנדיג לכתחילה, אַז דאָס וועט נישט געשען. אַזוי קען איך אויך נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט וועגן דער שאַפונג פון דער מדינה מיט דער פונפאָראויסדיגער כוונה די פּראָקלאַמירונג נישט מקיים צו זיין, און אַז די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע וועלן איצט געפירט דורכן ענגלישן קאָלאָניען־מיניסטער אין גענף זיינען נישט מער ווי אויגן־פאַרבלענדעניש. אויב אַן ענגלישע רעגירונג האַלט, אַז מען קען און מען דאַרף שאַפן אַ אידישע מדינה — פאַרוואָס זאָלן מיר זאָגן, אַז עס איז אוממעגלעך?

מען זאָגט: די ענגלישע רעגירונג וועט נישט וואַגן צו שאַפן אַ אידישע מדינה טראָץ דער ענערגישער געגנערשאַפט מצד די אַראַבער. מעגלעך. אָבער ווער עס טענהט דידאָזיגע טענה, מוז אים שווער זיין גלייכצייטיג צו דערווייזן, אַז נאָכן ליקווידירן דעם מדינה־פּלאַן וועט דיזעלבע פּחדנותדיגע

רעגירונג געטריי אויספירן דעם מאנדאט. טראכט דען עמיצער פון אונז, אז די געגנערשאפט פון די אראבער צו דער פארווירקלעכונג פון מאנדאט, ד. ה. צו א גרויסער אידישער עליה אין אלע טיילן ארץ־ישראל, וועט זיין ווייניגער ענערגיש און ווייניגער שטארק ווי זייער געגנערשאפט צו דער שאפונג פון א אידישער מדינה? פארוואס זאל עס אזוי זיין? לאמיר פרווון באטראכטן די שטעלונג פון די אראבער, וועלכע זעען איין אין ציוניסטישן אויפבוי־ווערק א סכנה אדער א שאָדן פאר דער צוקונפט פון דער אראבישער אומה. אזעלכע אראבער וועלן אן ספק קעמפן געגן א אידישער מדינה, אפילו ווען זי וועט דארפן פאַרנעמען בלויז א טייל ארץ־ישראל. אבער מען מוז זיך דאָך שטעלן די פראגע: צי וועלן דידאזיגע אראבער קעמפן ווייניגער אדער מער געגן דער פארווירקלעכונג פון מאנדאט? די חלוקה גיט איבער אין רשות פון א אידישער הערשאפט א טייל ארץ־ישראל. די מאנדאט־פארווירקלעכונג איז עלול איבערצוגעבן אין רשות פון דער אידישער הערשאפט גאנץ ארץ־ישראל. פארוואס־זשע זאל דער אראבישער קאמף געגן דער פארווירקלעכונג פון מאנדאט נישט זיין שטארקער פון זייער קאמף געגן דער חלוקה? פארוואס־ווידער זאל די ענגלישע רעגירונג ארויסווייזן מער דרייסטקייט און מוט ביים פארווירקלעכן דעם מאנדאט ווי ביי דער שאפונג פון דער מדינה?

נישט קיין «ווינשאפטלעכער» פראָגנאָז, נאָר א ציוניסטישע פעסטשטעלונג

קיינער פון אונז קען נישט פאָראויסזאָגן די צוקונפט. פאראן איינער א קלוגער איד, וואָס הייסט אָטא באוער. אט דער איד לאָזט־ארויס יעדע צוויי יאָר א ניי בוך, וואו ער דערוויזט על פי מארקסיזם, אז אלץ וואָס איז געשען פאר צוויי יאָרן האָט געמוזט געשען אזוי און אנדערש האָט עס נישט געקענט געשען. אָבער אויך דערדאָזיגער קלוגער שרייבער האָט נאָך קיינמאָל נישט ארויסגעגעבן קיין בוך, אין וועלכן ער זאָל מיט מארקסיסטישע ראיות און דערקלערונגען אויפווייזן — וואס עס מוז געשען אין די קומענדיגע צוויי יאָר, ס'איז נישטאָ עפעס גרינגערס ווי דערקלערן די פארגאנגענהייט, ווייל עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט אָפצופרעגן די דערקלערונג. די פארגאנגענהייט קען מען נישט ענדערן, און די אויפקלערענדע טעאָריע איז ריכטיג אָדער פאלש, — דאָס וואָס איז געשען איז שוין געשען, און ס'איז נישטאָ אזא כוח אין דער וועלט, וועלכער זאָל קענען ענדערן כאָטש עפעס אין דעם וואָס איז שוין געשען, און דעריבער איז אויך נישטאָ קיין שום פראקטישער מיטל צו דערווייזן, אז ס'האָט געקענט געשען אנדערש ווי עס איז אינדערעמתן געשען. אָבער קען דען עמיצער זאָגן, אז צוקונפטיגע געשענישן זיינען שוין אָנגעצייכנט פונפריער און זיי וועלן מוזן אויסזען אזוי און נישט אנדערש? איז דען טאקע אלץ באשטימט פון־פאָראויס און ס'איז גאָר קיין שום ענדערונג נישט מעגליך? דער לעבעדיגער מענטש און די מענטשלעכע געזעלשאפט קענען נישט אָננעמען דידאָזיגע אָפטויטנדע און פארטעמפנדע מיינונג, אז אין מענטשלעכן לעבן און אין לעבן פון דער געזעלשאפט איז נישטאָ קיין שום פרייע זעלבסט־באשטימונג, נאָר אלץ איז אָנגעצייכנט און באשטימט פון־פאָראויס. אויב אפילו פערציג טעג פאר־

דער שאַפונג פונם וולד רופּט טאַקע אויס אַ בת־קול, וואָס פאַר־אַ מיידל עס געהערט צו וועלכן בחור, זיינען דאָך אָבער שפּעטער דער בחור און דאָס מיידל זיכער, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן איינס דאָס אַנדערע לויט זייער פרייען ווילן און אויסוואַל. וועלכער בחור וואָלט עס מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, אויב ער וואָלט געוואוסט, אַז זי איז אים אָנגעצייכנט פונ־פריער?

איך וועל מיך נישט אַריינלאָזן אין מעטאַפיזישן ויכוח וועגן פרייען אויסוואַל, אָבער סיי אינם לעבן פון פּרט און סיי אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט קענען מיר נישט ווירקן און שאַפן, אויב מיר גלויבן נישט, אַז מיר האָבן די מעגלעכקייט פון פרייען אויסוואַל.

באַשטימטע פּאָליטישע אומשטאַנדן האָבן אונז אוועקגעשטעלט פאַר אַ נייער ברירה, פאַר אַ ברירה פון אַ אידישער מדינה אין אַ טייל ארץ־ישראל. אָט די ברירה האָבן מיר נישט געהאַט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, נישט מיט צען יאָר צוריק און אויך נישט פאַראַיאָרן. איצט איז פאַראַן אַזאַ מעגלעכקייט. די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה איז געוואָרן פּאָליטיש אַקטועל. דאָס איז נישט קיין גזרה, וועלכע מען קען נישט אָפּשרייען. דאָס איז נאָך נישט קיין געשעענער פאַקט. עס איז בלויז אַ מעגלעכקייט, איינע פון די מעגלעכקייטן. דאָס רעאַליזירן די מעגלעכקייט הענגט אָפּ נישט בלויז פון אונז. עס זיינען פאַראַן אויסערלעכע פאַקטאָרן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די רעאַליזירונג און די רעאַליזירונגס־באַדינגונגען פון דער מדינה־מעגלעכקייט. אָבער אויך פון אונז הענגט עס אָפּ אפשר מער ווי פון אַנדערע, ווייל מיר פאַרמאָגן אַ כוח משפּיע צו זיין אויף אַנדערע. דעריבער: נישט דער כלומרשט־וויסנשאַפטלעכער פּראָגנאָז, צי די שאַפונג פון דער מדינה איז מעגלעך אָדער אוממעגלעך, איז וויכטיג, — וויכטיג איז די ציוניסטישע פעסטשטעלונג צי די שאַפונג פון דער מדינה איז געוואונטשן אָדער נישט געוואונטשן פאַרן אידישן פאָלק. אָט די פעסטשטעלונג, און נאָר זי, דאַרף אַנטשיידן אין אונזער איצטיגן ויכוח.

* * *

ס׳אַנטוויקלט זיך אַ ויכוח וועגן דעם, אויב מען זאָל ווייטער פירן די פּאָליטישע דעבאַטע. מיט אַ גרויסער מערהייט ווערט אָנגענומען חבר העמלינס פאָרשלאַג, אַז דער ויכוח איז פאַרענדיגט און מען דאַרף אָפּשטימען.

י. טאַבענקין ווייזט אָן, אַז דאַ האַנדלט זיך נישט מכוח אַ געוויינטלעכער פראַגע, וועגן וועלכער מען שטימט אָפּ מיט אַ מערהייט. אין דער גורל־פראַגע וועלכע מיר האָבן דעבאַטירט קען מען נישט אויפצווינגען דער מינדערהייט די מיינונג פון דער מערהייט, בפרט, אַז די פראַגע איז אין דער באַוועגונג, אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאָנגרעס־וואַלן, נישט באַהאַנדלט געוואָרן. מיר מוזן טראַכטן צו קומען צו אַ געמיינזאַמען רעזיומע.

י. שפּרינצאַק: מיר קענען נישט דערפירן צו קיין אַנאַרכיע אויפן קאָנגרעס אָדער אויב מיר ווילן זיך דאָרט באַטייליגן אין דער דעבאַטע מוזן מיר דאַ קומען צו וועלכן ס׳איז רעזולטאַט.

א. קאַפּלאַן: קודם כל מוזן מיר אָפּשטימען, כדי צו וויסן די מיינונג פון דער מערהייט. דערנאָך וועלן מיר טראַכטן וועגן דעם, וועלכע רעכט מיר זאָלן געבן דער מינדערהייט אין דערדאָזיגער פראַגע.

ד. רמז וויל וויסן גענויער דעם פירוש פון טאבענקינס פאָרשלאג.

חיים גרינבערג: לעגט פאָר אָפּצולייגן די אָפּשטימונג ביזן מארגנדיגן טאג.

מ. טשערטאק: איז מסכים צו גרינבערגס פאָרשלאג. דער ענין איז צו ערנסט, אויב א טייל חברים קען זיך נישט באטייליגן אין דער אָפּשטימונג. עס איז אבער נישט ריכטיג, אז אין דער באוועגונג האט מען פריער נישט באהאנדלט די טיילונגס־פּראגע. צוליב וואס דען זיינען מיר זיך דא צונויפגעקומען. די וואס האבן אונז אהער געשיקט האבן געוואוסט, אז מיר וועלן דאָ באשליסן. מיר קענען זיך נישט פאראורטיילן צו פאסיווי־טעט און מודיע זיין דער וועלט, אז מיר האבן נישט קיין מאָראלישע קראפט אָנצונעמען א קאָנקרעטע שטעלונג.

ד. בן־גוריון: איז מסכים צו גרינבערגס פאָרשלאג אָפּצולייגן די אָפּשטימונג. אבער מיר וועלן דארפן מארגן גאנץ פרי זיך פארזאמלען און אזוי לאנג זיצן ביז מיר וועלן קומען צו א רעזולטאט. דאן וועלן מיר רעדן וועגן די רעכט פון דער מינדער־הייט ביי אונז א. אז. וו.

עס ווערט באשלאסן אָפּצולייגן די אָפּשטימונג.

פערצענטע זיצונג

דאָנערשטאָג, דעם 5 אויגוסט 1937, 8 אינדערפרי

דיסקוסיע וועגן דער אָפּשטימונג פון דער פּאָליטישער רעזאָלוציע

י. שפּרינצאַק: מיר מוזן ענדיגן שפּעטסטנס ביז 10.30, ווייל מען דאַרף אנהויבן די קאנגרעס־זיצונג.

י. טאַבענקין: איך טראָג אריין אַ פאָרשלאָג, וואס די בעראטונג זאל אים אננעמען און איבערגעבן דעם קאנגרעס. מיין פארשלאג איז, אז די פּאָליטישע רעזאלוציע זאל באשטיין פון 3 טיילן: 1) אַ פּראָטעסט געגן דער עליה־באגרעניצונג, 2) אַ פּראטעסט געגן דער ליקווידירונג פון דער נאציאנאלער היים און פונם מאנדאט אויפן גרעסטן טייל ארץ־ישראל, און געגן דאס איבערגעבן אט דעם גרעסטן טייל ארץ־ישראל א פאלק, וואס פארמאָגט לענדער און באָדן איבערגענוג, 3) אַ פאָדערונג פאָרצוזעצן די רעאליזירונג פון מאנדאט. דער פאָרשלאג וועט דערמעגלעכן צו אייניגן אלעמען.

ב. לאָקער: איך האלט נישט, אז טאבענקינס פאָרשלאג גיט אונז אַן אויסוועג. ער לייגט פאָר אָפּצוווארפן אין אלע פאלן דעם ענין חלוקה און אידישע מדינה, בשעת די בעראטונג איז אייניג בלויז לגבי אָפּוואַרפן דעם פיל־פּראיעקט. דער ערשטער באדינג פאַרן דערפאלג פון אונזער באַראטונג איז אַ ווי געהעריג פאָרמולירטער פאָרשלאג. מיין פארשלאג איז: 1) פראטעסטירן געגן דעם געדאנק, אז דער מאנדאט האט זיך ארויסגעוויזן נישט־רעאליזירבאר. שולדיג אין דעם איז די אדמיניסטראציע, — דעריבער דארפן מיר פארלאנגען פולע רעאליזירונג פונם מאנדאט און אומבייטן די אדמיניסטראציע. 2) אָננעמען מיט צופרידנהייט דעם געדאנק וועגן דער אידישער מדינה, אבער זי איז אוממעגלעך אָן פארשידענע אויסבעסערונגען אינם פּראָיעקט פון דער קעניגלעכער קאמיסיע (ירושלים, דער נגב, סוווערעניטעט אין אלע שטעט א. א. וו.) און אָן דער גענויער פעסטשטעלונג פונם טערמין פון דער איבערגאנגס־תקופה. כל זמן דאס וועט נישט געשען, וועלן די אידן נישט מסכים זיין אויף דער ליקווידירונג פונם מאנדאט. 3) די עקזעקוטיווע באקומט פולמאכטן צו פארהאנדלען אויף דיזאזיגע יסודות, אבער זי טאר זיך נישט בינדן דורך אַן אָפּמאך איידער זי קומט נאך א מאל צום קאנגרעס, כדי ער זאל אָננעמען זיין ענדגילטיגן באשלוס.

י. העלמאַן: פריער דארף מען באשליסן וועגן געבן פולמאכטן דער עקזעקוטיווע, דערנאך וועלן מיר פעסטשטעלן די באדינגונגען פאַר אירע פאָרהאנדלונגען.

א. גאָלאָמב: קודם כל דאַרף מען קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פון די פאַרשידענע פּלענער וועגן דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה, און דערנאָך דאַרף מען פאָרשטעלן פאַר א ציוניסטישן אָרגאַן א באַשטימטן פּלאַן. ביז דאַס וועט דורכגעפירט ווערן טאָר זיך די עקזעקוטיווע מיט גאָרנישט בינדן בנוגע דעם חלוקה־פּראָיעקט.

ד. רמז: צו לאַקערס פאָרשלאַג גיב איך צו די פאָדערונג, אַז אין דער איבערגאַנגס־תקופה ווערט אונז איבערגעגעבן די קאָמפּעטענץ אין עליה־פראַגן. אין אַלע פאָרשלאַגן זיינען פאַראַן פּונקטן, וואָס קענען אָנגענומען ווערן איינשטימיג. לאָמיר פריער אָפּשטימען דידאָזיגע פּונקטן (ווי למשל דאָס אָפּלייקענען די נישט־דורכפירבאַרקייט פון מאַנדאַט), דערנאָך וועלן מיר איבערגיין אָפּצושטימען וועגן די פולמאַכטן; אין דעם ענין זיינען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידענהייטן.

א. קאַצענעלסאָן: מיר קענען איצט נישט פאָרמולירן די שטעלונג פון דער באַראַטונג אין שייכות מיטן באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע און די באַדינגונגען, וועלכע דערמעגלעכן נישט אַנצונעמען דעם קאָמיסיע־פּלאַן. איך לייג פאָר, — מיר זאָלן אָננעמען דעם פאָרשלאַג וועגן געבן פול־מאַכטן דער עקזעקוטיווע צו פאַרהאַנדלען מכוח דער שאַפונג פון דער אי־דישער מדינה.

גאָלדע מאירסאָן: וואָס מיינט דער פאָרשלאַג וועגן פאַרהאַנדלונגען מיט ענג־לאַנד, — צו הייסט עס בלויז אַז די עקזעקוטיווע דאַרף נאָר פרעגן ענגלאַנד, אָדער זי דאַרף אַרויסשטעלן א פאָדערונג.

דוב האָז: איך לייג פאָר לאַקערן, — ער זאָל פון זיין פאָרשלאַג אַרויס־נעמען דעם אָפּזאַץ וועגן די באַדינגונגען, לויט וועלכע די עקזעקוטיווע קען פירן פאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד. מען דאַרף איר בלויז געבן פולמאַכטן.

א. קאַפּלאַן: עס זענען פאַראַן 3 טיילן: 1) קאַמף פאַרן מאַנדאַט. מען דאַרף אין פּרינציפּ דערקלערן, אַז אַזא רעזאָלוציע איז נויטיג, און די פאָרמולירונג דאַרף מען איבערגעבן א קאָמיסיע. 2) צי דאַרף מען געבן א געוויסע דירעקטיווע אָדער נישט. איך מיין, אַז מען דאַרף יאָ, און די פאָר־מולירונג — איבערגעבן א קאָמיסיע. די דאָזיגע דירעקטיוו דאַרף, לויט מיין מיינונג זיין אַן אינערלעכע און מען טאָר זי נישט פאַרעפנטלעכן. איך לייג פאָר, אַז דאָס דאַרף באַשטימען די קאָמיסיע. 3) מען דאַרף פירן פאַרהאַנד־לונגען מיט דער רעגירונג, און דאָס הייסט אויך — באַמיען זיך צו באַווירקן. די רעזולטאַטן דאַרף מען פאָרשטעלן א קאָמפּעטענטן ציוניסטישן אָרגאַן. וועגן דעם דאַרף מען תיכף אָפּשטימען.

צבי יהודה: די פאָרשלאַגן זיינען שוין גענוג קלאָר, — ס'איז צייט צו־צוטרעטן צו דער אָפּשטימונג.

א. גאָלאָמב: איך לייג פאָר אַן ענדערונג אין לאַקערס פאָרשלאַג. מען קען נישט אָפּשטימען אויף איין פוס די אויסבעסערונגען. מען דאַרף בלויז אָננעמען א גרונט־רעזאָלוציע. עס איז אויך נויטיג צוצוגעבן, אַז דער

מדינה־פּראָיעקט אזוי ווי ער איז, מיט די פאָרגעלייגטע קאמפּעטענצן און גרעניצן, איז נישט אָננעמבאַר.

י. אידעלסאָן: עס זיינען פאראן מיינונגס־פארשידנהייטן אין צוויי זאכן: אין דער פּאָזיטיווער פאָרמולירונג און אין דער נעגאטיווער פאָר־מולירונג. טאבענקינס פאָרשלאג אַנטהאַלט א פּאָזיטיוון טייל. קודם כל דארף מען זאגן, וואס עס דארף יאָ זיין, און צווייטנס — עס איז אומדערלאָזבאר די עווענ־טואליטעט, אז אלס רעזולטאט פון די בלוטיגע געשעענישן זאָל געשאפן ווערן אן אראבישע מדינה אויף א גרויסן שטח פונם מאנדאט.

ביז איצט האט די עקזעקוטיווע באאיינפלוסט די ענינים בנוגע דער שאפונג פון דער אידישער מדינה. איצט לייגט מען ווידער פאָר, אז זי זאָל האבן דאס רעכט צו ווירקן אקטיוו, — זי זאל באקומען פולמאכטן דערצו. לויט מיין מיינונג האט קיין שום עקזעקוטיווע נישט דאס רעכט צו פאר־האנדלען וועגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל.

ה. גרינבערג: איך וויל דא אָנצייכנען אן אינהאלט פון א פאָרשלאג אבער נישט דעם נוסח: 1) מען באפולמעכטיגט די עקזעקוטיווע אָנצוהייבן א קאמף פאר דער פולער פארווירקלעכונג פון מאַנדאט, 2) אויב עס וועט זיך ארויסווייזן, אז מען מוז פירן אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד און מיט אנדערע פּאָליטישע פאַקטאָרן מכוח דער שאפונג פון דער מדינה, האט די עקזע־קוטיווע רעכט די אונטערהאנדלונגען צו פירן און אירע פאָרשלאגן דארף זי צושטעלן דעם אויסעראָרדנטלעכן קאנגרעס.

א. הארצפעלד: בשעת מען דערמאָנט דא פרטים זעט מען, אז אסך ווערן פארפעלט, דעריבער דארף מען זיך אין פרטים נישט ארײַנלאָזן און איבערגעבן זיי א קאמיסיע.

ד. בן־גוריון: קודם כל דארף מען אָפּשטימען דעם ווייטגייענדסטן פאָר־שלאג, — אז די עקזעקוטיווע האט נישט קיין רעכט צו פירן אונטערהאנדלונגען אויפן יסוד פון דער חלוקה. מען דארף זיין אָפנהארציג.

י. טאַבענקין: מען טאר נישט אלץ טון כאפנדיג. עס דארף אנגענומען ווערן א באשלוס, וואס מיר זאלן אלע קענען שטימען פאר אים. בן־גוריון לייגט פאר די ניין־זאָגער, זיי זאלן ארײַנטראגן א פארשלאג, אז די עקזעקוטיווע טאר נישט אָננעמען קיין טריט כדי אויפצוקלערן דעם פאָר־געלייגטן פלאן. אויב מען וויל באשטימען וועגן געבן פולמאכטן דער עקזעקוטיווע, וועל איך זיך אָפּהאלטן פון דער אפשטימונג און איך וועל זאגן דער באוועגונג, אז עס איז דערמיט געמאכט געווארן א טריט צו א שפּאלטונג. איך וועל דעם קאמף נישט אויפגעבן, ווייל די באוועגונג האט נאך דעם ענין נישט באהאנדלט און נישט אָנגענומען קיין שטעלונג צו אים.

גאָלאָמבס פאָרשלאג באטראכט איך אלס יסוד, וואס דערמעגלעכט אונז א געאייניגטע אָפּשטימונג: 1) די אנטשיידונג קומט אויף א ספּעציעלן קאנ־גרעס, וועלכער וועט אויסגעווײלט ווערן לויטן ווילן פון פאלק, 2) נישט פארבינדן זיך מיט קיין שום פלאן־פּראָיעקט, 3) אויפקלערן אלע מעגלעכקייטן. אויסהערנדיג ווייצמאנס רעדע גלויב איך נישט, אז ער וועט פארבלייבן אין די ראמען פון בלויז אויפקלערונג.

ד. בן־גוריון: מען דארף אָפּשטימען צי איז פאַרבאָטן דער עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאנדלונגען אדער עס איז נישט פאַרבאָטן. מען דארף טון אַלץ כדי צו דערגרייכן אן איינציגן באשלוס, אבער נאָרן דארפן מיר זיך נישט. אויב עס זיינען צווישן אונז נישט פאראן קיין חברים, וועלכע וועלן אין קאנגרעס אריינטראָגן דעם פארשלאג, אז דער עקזעקוטיווע איז פאַרבאָטן צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן שאפן די מדינה אויפן יסוד פון דער חלוקה, — דאן נעם איך אראָפּ מיין פארשלאג. אויב עס איז אנדערש — דארפן מיר אָפּשטימען. מיר דארפן קודם כל זיין אויפריכטיג לגבי זיך אליין.

א. גאָלאָמב: איז מסכים מיט בן־גוריונען, אז עס איז נויטיג א פולע און ענדגילטיגע אויפקלערונג. אבער מען קען נישט אריינטראָגן קיין פארשלאג וועגן פארבאָטן פירן אונטערהאנדלונגען כל־זמן עס איז נישט אריין קיין שום געגען־פארשלאג. גרינבערגס פארשלאג איז א קלאָרער און מען דארף אים אָננעמען.

גאָלדע מאירסאָן: די עקזעקוטיווע דארף פירן א קאמף פארן מאנדאט; אויב עס וועט זיך ארויסווייזן א נויטווענדיגקייט צו פארהאנדלען וועגן דער חלוקה, — דארף זי קלאָרמאכן אלע פרטים, נישט נעמען אויף זיך קיין שום התחייבות און קומען צו א נייעם קאנגרעס.

ד. רמז: מיר זיינען געזעסן 6 טעג. איצט איז דער אנטשיידנדער מאמענט, — פארדריסט מיך די אומגעדולד, וואס הערשט דא. מען טאר זיך נישט לאזן אויף דעם אָפּשטימונגס־וועג, וואס עס לייגט פאָר בן־גוריון. מען טאר עס נישט טון כל זמן עס קען זיך געפינען א פאָרשלאג, וועלכער זאל פאראייניגן די גרעסטע מערהייט פון דער פראקציע. אזא פאָרשלאג איז נאך נישטא, אבער מען קען אים געפינען. אויב חיים גרינבערגס פאָרשלאג איז אויסן, אז די פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג וועגן מדינה־פלאן דארפן געפירט ווערן «בתנאי, אז דער קאנגרעס דארף באשליסן», ד. ה. אז במשך די גאנצע פארהאנדלונגען טאר מען נישט פארלאזן די באזע פונם מאנדאט, כדי מען זאל זיך קענען צו אים אומקערן; — איז מעגלעך צו געפינען א וועג פון אייניגקייט.

ב. כצנלסון: פון נעכטן ביז איצט האט זיך די לאגע געענדערט. עס לאזט זיך מערקן א דערנענטערונג. מען דארף נישט אריינטראגן קיין פאָרשלאגן, וואס צערייצן די געמיטער. איך קען זיין פאר אונטערהאנדלונגען כאטש איך גלויב אין זיי נישט און כאטש איך בין געגן דער ביז־איצטיגער פאָרם פון די געפירטע אונטערהאנדלונגען. מען דארף אויסקלייבן בן־גוריונען, י. טאבענקינען, א. גאלאמבן און ח. גרינבערגן אין א קאמיסיע, וועלכע זאל אונז ברענגען א געאייניגטן פאָרשלאג.

דער פאָרשלאג וועגן דער קאמיסיע ווערט אנגענומען. עס ווערן אויסגעוויילט: י. טאבענקין, ד. רמז, א. גאָלאמב, בערל כצנלסון, ח. גרינבערג, ד. בן־גוריון און א. קאפלאן.

א הפסקה פון 20 מינוט.

*

דאס וואָרט באקומט א. הארצפעלד, וועלכער האט פארשפעטיגט קומען קיין ציריך

און האט דעריבער נישט באוויזן זיך ארויסצוזאָגן בעת דער פּאָליטישער דעבאטע. (זיין רעדע איז געדרוקט אינם באריכט פון דער צוועלפטער זיצונג – זייט 292).

ב. לאָקער מעלדעט: חבר אברהם זילבערשיין איז געקומען אין נאָמען פון קאנגרעס־געריכט צו נעמען ביי די קאנגרעס־דעלעגאטן – אנטשפּרעכנד די באשלוסן פון נייַנצעטן ציוניסטישן קאנגרעס – א תקיעת כף אלס זייער באשטעטיגן די פאלגנדע פייערלעכע דעקלאראציע: «איך נעם אויף מיר צו זיין געטריי דער קאנסטיטוציע פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און זיך אונטערגעבן איר דיסציפּלין, וועלכע איז אין ציוניסטישע פראגן העכער פון דער דיסציפּלין פון אלע אנדערע ארגאניזאציעס; אָפּצוהיטן די העגעמאָניע פונם קאנגרעס און פון די דורך־אים־געוויילטע קאמפּעטענטע אינסטאנצן, און צו דערפילן געטריי מיין פליכט». היות ווי עס איז אוממעגלעך, אז יעדער דעלעגאט זאל געבן זיין תקיעת כף דעם געריכטס־מיטגליד, – טו איך עס סימבאָליש און איך גיב מיין האנט חבר זילבערשיינען אין אייער אלעמענס נאָמען.

*

י. שפּרינצאַק: די קאמיסיע איז דאָ צוריק, מיר וועלן אויסהערן איר באריכט.

ד. רמז: מיר זיינען נאָענט צו א פארשטענדיגונג. מיר האבן פאָרמולירט א רעזאָלוציע, וועלכע זאל אלעמען פאראייניגן. איך בין אבער נישט זיכער, אז איר אלע וועט זי אננעמען. אויב איר וועט זי טאקע נישט אננעמען – וועלן מיר אָפּשטימען די איבעריגע פארשלאגן.

א. קאַפּלאַן: עס איז געמאכט געווארן א פּרווו צו פאראייניגן אלעמען. גאָלאָמבס פארשלאג איז: «די פּראקציע לייגט פאר דעם קאנגרעס צו געבן דער עקזעקוטיווע פולמאכטן, לויט וועלכע זי זאל – ווייטער פאָדערנדיג די פולע מאנדאט־פארווירקלעכונג – פירן אונטערהאנדלונגען און קלארמאכן דעם גענויעם אינהאלט פון ענגלאנדס פאָרשלאגן מכוח דער רעגולירונג פון דער ארץ־ישראל־פראגע און דער שאפונג פון א אידישער מדינה, – און דאן זאל זי קומען מיט אן ענדגילטיגן פארשלאג צו א קאמפּעטענטער ציוניסטישער אינסטאנץ. ביז דאמאלס טאר די עקזעקוטיווע נישט פארפליכטן זיך, און אויך נישט די באוועגונג, צו קיין שום חלוק ה־פלאַן.»

דערדאזיגער פארשלאג האט נישט אלעמען פאראייניגט. עס זיינען פאָרגעלייגט געווארן אויסבעסערונגען. פאראן חברים, וואס מיינען אז די דערמאנטע קאָמפּעטענטע ציוניסטישע אינסטאנץ זאל זיין – א ניי־געוויילטער קאנגרעס. אנדערע האלטן, אז וועגן דעם דארף די פּראקציע באשליסן. פאראן אויך א מיינונג – אויסצומעקן די ווערטער: «די שאפונג פון א אידישער מדינה», און נאך א מיינונג איז דא פאר אויסמעקן די ווערטער: «די רעגולירונג פון דער ארץ־ישראל־פראגע», ווייל דאס קען דינען אלס פשט פאר נייע רעגולירונגען אויסער מאנדאט און מדינה.

ד. בן־גוריון: אויב עס וועט אנגענומען ווערן גאָלאמבס פארשלאג, וועל איך בעטן דערלויבניש צו קעמפן געגן די ווערטער «רעגולירונג פון דער ארץ־ישראל־פראגע». איך לייג פאר: 1) געבן א פולמאכט דער עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד און מיטן פעלקערבונד כדי קלארצומאכן דעם פלאן וועגן דער שאפונג פון א אידישער מדינה. 2) די רעזולטאטן פון די אונטערהאנדלונגען דארף די עקזעקוטיווע צושטעלן

א ציוניסטישער קערפערשאפט מיט אנטשיידונגס־קאמפעטענצן. 3) ביז דער־דאזיגער אנטשיידונג טאר די עקזעקוטיווע זיך נישט פארבינדן מיט גארנישט אזוינס, וואס קען סותר זיין אדער ווידערשפרעכן דעם מאנדאט.

י. טאַבענקין: מיין פארשלאג איז: 1) די פראקציע לייגט פאר דעם קאנגרעס צו געבן פולמאכטן דער עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאנד־לונגען כדי קלאָרצומאכן ענגלאנדס פלאן בנוגע דער רעגולירונג פון דער ארץ־ישראל־פראגע. 2) אויפן סמך פון דער קלאָרמאכונג דארף די עקזע־קוטיווע צושטעלן די אויספירונגען א געוויילטן ציוניסטישן קאנגרעס, וועלכער דארף גערופן ווערן צוליב אט דער אנטשיידונג. 3) ביז דער אנטשיידונג טאָר זיך די עקזעקוטיווע מיט גארנישט בינדן (לויט בן־גוריונס פארמולירונג).

איך לייג פאָר, מיר זאלן איצט גיין צו דער קאנגרעס־זיצונג, ווייל איך וויל, אז די ניין־זאגער זאלן האבן צייט זיך מיישב צו זיין פארן אָננעמען א באשלוס.

א. גאָלאָמב: היות ווי מיין פארשלאג פאראייניגט נישט אלעמען, צי איך אים בכלל צוריק.

עדה פישמאַן: טראגט ארייַן אין איר נאָמען גאָלאָמבס פארשלאג.

גאָלדע מאירסאָן: איך בעט אביסל געדולד. איך ווענד זיך צו אלע חברים. מיר זיינען איצט נענטער צו א געאייניגטן פארשלאג ווי נעכטן ביינאכט. א טייל חברים האלטן, אז אויב מען וועט איצט אָפּלייגן די אָפּשטימונג און מען וועט זיי דערלויבן זיך צוזאמענצוקומען, — קען מען דורכדעם דערגרייכן א געאייניגטן פארשלאג.

י. שפּרינצאַק: אין קאנגרעס הערשט א גרויסע נערוועזיטעט. מען פארלאנגט דארט, אז אלע דעלעגאטען זאלן זיך תיכף צוזאמענקומען.

ד. רמז: אלס מיטגליד פון דער קאמיסיע וועל איך פאלגנדעס זאָגן: מיר האלטן כמעט ביי אייניגונג; איך גלויב נישט, אז נערוועזע איילעניש אין דער אָפּשטימונג וועט אונז ברענגען נוצן. איך בעט אָפּלייגן די אָפּשטימונג.

די מערהייט שטימט פאר אָפּלייגן די אָפּשטימונג אויף צוויי שעה.

צבי יהודה: אין פלענום וועלן מיר קיין וועג צו אייניגונג נישט געפינען. די קאמיסיע דארף ווייטער פאָרזעצן איר ארבעט. מיר זיינען מחויב צו גיין תיכף צום קאנגרעס, כדי אָפּצוהיטן זיין פּרעסטיזש. מיר האבן באשלאסן, אז דער קאנגרעס דארף זיין א פארמאכטער, לאמיר־זשע ארייַנגיין צו דער זיצונג און זארגן דערפאר, אז אויך דער קאנגרעס זאל דעם בא־שלוס אָננעמען. דערנאך וועלן מיר זיך אומקערן אהער.

י. טאַבענקין איז מסכים מיט צבי יהודה׳ן.

ע ס ו ו ע ר ט ב א ש ל אָ ס ן א י ב ע ר צ ו ר ײ ס ן ד י ז י צ ו נ ג א ו י ף צ ו ו י י ש ע ה.

פופצענטע זיצונג

דאָנערשטאָג, דעם 5 אויגוסט 1937, נאָכמיטאָג.

אפשטימונג פון דער פאליטישער רעזאלוציע

ב. כצנלסון: (אין נאמען פון דער קאמיסיע): מיר האבן געזוכט א געמיינ־זאמען אויסוועג, דורך וועלכן עס זאל אָפּגעהיט ווערן די איינינקייט פון דער באוועגונג. און מיר לייגן פאָר פאלגנדע רעזאלוציע: נאך א לאנגער דעבאטע באשליסט די בעראטונג פון דער וועלט־פאראייניגונג פועלי־ציון (צ. ס.)־התאחדות, ביי דער באטייליגונג פון די דעלעגאטן פון די לאנד־פארטייען צום ציוניסטישן קאנגרעס, פארצולייגן דעם ציוניסטישן קאנגרעס אנצונעמען די פאלגענדע באשלוסן:

א) דער קאנגרעס פארפליכטעט די עקזע־קוטיווע ווייטער צו קעמפן פאר דער אינטער־נאציאנאלער אָנערקענונג פונם היסטארישן בונד צווישן אידישן פאלק און ארץ־ישראל, און פאר די פולע רעכט פון אידישן פאלק, וועלכע זיינען אנטהאלטן אין מאנדאט.

ב) דער קאנגרעס באפולמעכטיגט די עק־זעקוטיווע צו פירן אונטערהאנדלונגען כדי קלארצומאכן דעם באשטימטן אינהאלט פון די רעגירונגס־פארשלאגן מכוח דער גרינדונג פון א אידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

ג) די מסקנות פון דידאזיגע אונטערהאנד־לונגען דארף די עקזעקוטיווע ברענגען צו א ניי־געוויילטן ציוניסטישן קאנגרעס.

ד) פאר דערדאזיגער אנטשיידונג האט די עקזעקוטיווע נישט קיין רעכט זיך צו פאר־פליכטן אדער צו פארפליכטן די ציוניסטישע ארגאניזאציע לגבי קיין שום פלאַן און פאָר־שלאג, וואס זיינען סותר אדער ווידערשפרעכן דעם מאנדאט.

ד. בן־גוריון: אין דעם פארשלאג זיינען פאראן צוויי ענדערונגען לגבי מיין פארשלאג פון היינט אינדערפרי. דעם פונקט א׳ קען מען נישט באטראכטן ווי א הנחה וואס ווערט געגעבן די ניין־זאגער, ווייל מיר

אלע גלויבן אינם היסטאָרישן בונד און מיר ווילן די רעאַליזירונג פון מאַנדאַט. אָבער עס איז פאַראַן אַ צווייטע ענדערונג, וואָס איך בין געגן דער עצם זאַך: דאָס ווילן אַ נייעם קאָנגרעס. איך האַלט דאָס פאַר שעדלעך, אָבער איך האָב מסכים געווען דערצו לשם אייניקייט.

מיר זיינען געזעסן זיבן טעג אין מידקייט און אָנגעשטרענגטקייט. דער כוח פון אונזער באַוועגונג שטעקט נישט אין געלט און אויך נישט אין חכמה און טאַלאַנטן; אונזער כוח איז — דער מענטש; מיר זיינען די באַוועגונג אין אידישן פאָלק, וועלכע בויט אַלץ אויפן מענטש. מיר דאַרפן אַכטן דעם מענטש נישט בלויז אין אַבסטראַקציעס נאָר ממש דעם לעבעדיקן מענטש, וועלכער איז אַן אומאָפּשאַצבאַרער אוצר. און אויב אפילו איין מענטש, מעג עס זיין ווער עס זאָל נישט זיין, שטעלט זיך אַוועק געגן דער מערהייט אין דער באַוועגונג, דאַרף מען זיך רעכענען דערמיט, ווייל אונז אַלעמען איז טייער דער ענין. מען מוז זיך באַוואָפענען מיט געדולד און פאַרשטיין, אַז דאָ ווערט באַרירט אונזער סאַמע טייערסטע זאַך.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך געדוכט, אַז מיר גייען זיך פונאַנדער אין אַ גורל־פראַגע. מען האָט געמוזט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג כדי זיך צו אייניקן. איך בין גרייט צו אַ זייער גרויסן פּאָליטישן קרבן, כדי איינצוהיטן אונזער אייניקייט. איך לייג פאָר, צום ערשטן מאָל, מיין קאַנדידאַטור אין דער עקזעקוטיווע, כדי צו קעמפן פאַר דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה. דאָס וועט זיין מיין לעבנס־ציל אין דער נאָענטער צוקונפט. די אַנטשיידונג וועט, פאַרשטייט זיך, געהערן דער גאַנצער באַוועגונג.

מ. טשערטאָק: לייגט פאָר תיכף אָפּצושטימען און קיינעם נישט געבן קיין וואָרט. אָדער מיר טוען אַזוי, אָדער מיר לייגן ווידער אָפּ דעם ויכוח. עס טאָר זיך נישט איבערחזרן די מעשה פון היינט איינדערפרי בנוגע דער קאָנגרעס־זיצונג.

דער פאָרשלאַג ווערט מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען.

י. שפּרינצאַק: לייגט פאָר צו שטימען יעדן פּונקט באַזונדער.

ד. בן־גוריון: און דערנאָך — אַלע צוזאַמען.

ב. לאָקער: יעדער איינער האָט דאָס רעכט פון אויפקלערונג אויפן קאָנגרעס.

ב. כצנלסון: שפּרינצאַק לייגט פאָר צו שטימען באַזונדער. אָבער איך מוז באַמערקן, אַז די פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציע אַלס גאַנצע איז אַ יסוד פאַר דער אייניקייט פון דער פראַקציע.

עס ווערט באַשלאָסן פריער צו שטימען יעדן פּונקט באַזונדער, און דערנאָך — די גאַנצע רעזאָלוציע.

די אָפּשטימונג: פּונקט א׳: ווערט אָנגענומען איינשטימיג.
פּונקט ב׳: אַלע פאַר, 5 שטימען געגן.
פּונקט ג׳: פאַר — 97, געגן — 63.
פּונקט ד׳: ווערט אָנגענומען איינשטימיג.

די גאנצע רעזאלוציע — ווערט אָנגענומען מיט דער גרעס־טער מערהייט (געגן — 7 שטימען).

צבי יהודה: צוליב מאנגל אין צייט וויל איך איצט נישט אויפקלערן פארוואס איך און נאך א סך זיינען מיר געווען געגן פונקט ג׳.

די כוונה איז געווען — דערפירן די פראקציע צו אייניגקייט. עס איז א פאקט, אז דריי פונקטן זיינען אנגענומען געווארן איינשטימיג אדער כמעט איינ־שטימיג, און איין פונקט איז אנגענומען געווארן ביי דער געגנערשאפט פון א גרויסער מינדערהייט. דערצו דארף מען אויך נעמען אין אכט, אז די געגנער האבן נישט באקומען קיין וואָרט צו באגרינדן זייער מיינונג. איך האלט, אז דאס פרעזידיום דארף זוכן א וועג און געפינען אָרט און צייט, כדי נאָכאמאל צו באהאנדלען אין פלענום דעמדאזיגן פונקט.

* * *

צוליב די קאָנגרעס־זיצונגען איז אויפצומאָרגנס, פרייטאג, דעם 6־טן אוגוסט, נישט פאָרגעקומען קיין פול־זיצונג פון דער בעראטונג. ערשט אינאָווענט איז פאָרגעקומען א זיצונג פונם צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג ביי דער באטייליגונג פון פאָרשטייער פון די לאנד־פארטייען אין די גרעסערע לענדער.

די אינסטאַנצן פון דער
באַוועגונג

זעכצענטע זיצונג

שבת, דעם 7 אויגוסט 1937, נאָכמיטאָג

וואלן פון די אינסטאנצן פון דער באוועגונג

י. שפּרינצאַק עפנט די זיצונג און לייגט פאר צו באהאנדלען די ארגאני־זאציאָנעלע ענינים. די ארגאניזאציע־קאמיסיע וועט רעפערירן די רעזולטאטן פון איר ארבעט.

מ. ניישטאדט רעפערירט אין נאמען פון דער קאמיסיע: די ארגאניזאציע־קאמיסיע האט באשטעטיגט די מיינונג פונם סעקרעטאריאט פון צענטראל־ביורא, אז הגם עס קומט פאר א וועלט־בעראטונג און נישט קיין וועלט־קאנפערענץ, זאל מען נעמען אין אכט דעם פאקט, אז די איצטיגע אינסטאנצן פון דער וועלט־באוועגונג זענען אויסגעקליבן געווארן מיט 5 יאר צוריק, אויף דער דאנציגער פאראייניגונס־קאנפערענץ, און דעריבער זאל מען איצט פונדאָסניי קלייבן אלע אינסטאנצן פון דער וועלט באוועגונג. די ארגא־ניזאציע־קאמיסיע באגרינדעט עס דערמיט, וואס ביי דער איצטיגער וועלט־בעראטונג זיינען פארטרעטן כמעט אלע לאנד־פּאַרטייען דורך גרויסע דעלע־גאציעס. די ארגאניזאציע־קאמיסיע האט אויספירליך באהאנדלט די פראגע וועגן בוי פון די אינסטאנצן פון דער וועלט־באוועגונג און וועגן זייער צוזאמענ־שטעל, ווי אויך די פראגע וועגן זיך־אָרט פונם סעקרעטאריאט.

אלס רזולטאט פון די אויספירלעכע בעראטונגען לייגט די ארגאניזאציע קאמיסיע פאר: א) סעקרעטאריאט — זיין זיך־ארט איז תל־אביב. די פראגע וועגן אן אָפּטיילונג פונם סעקרעטאריאט אין אייראפּע ווערט איבערגעגעבן דעם ניי־געוויילטן סעקרעטאריאט צוזאמען מיטן צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג; ב) צענטראל־ביורא — די מערהייט פון זיינע מיטגלידער דארף זיך געפינען אין ארץ־ישראל, כדי צו דערמעגלעכן אָפטערע בערא־טונגען. דערביי ווערט באשלאָסן, אז בעת די זיצונגען פון צענטראל־ביורא וועלן פארקומען אין חוץ־לארץ, וועלן זיך אין זיי באטייליגן פארשטייער פון די גרעסערע לאנד־פּאַרטייען, וועלכע האבן נישט קיין פארטרעטער אין צענטראל־ביורא; ג) צענטראל־ראט — אין אים זיינען פארטרעטן אלע לאנד־פּאַרטייען און ער דארף זיך צונויפקומען לכל הפחות איין מאל אין יאר.

פּ. ראשיש איז געגן דעם, אז די וועלט־בעראטונג זאל אויסקלייבן די אנפירנדע ארגאנען פון דער באוועגונג. דאס קען טאָן נאר א וועלט־קאנפערענץ. די וואלן פון נייע אינסטאנצן אויף דער בעראטונג, — דאס באדייט: אָפּלייגן די וועלט־קאנפערענץ אויף א לענגערער צייט. ער לייגט דערי־

בער פּאַר, איצט נישט צו קלייבן קיין נייע אינסטאַנצן. קיינער האָט דאָך נישט אויסגעדריקט קיין אומצופרידנקייט מיט דער איצטיקער אינסטאַנצן, — אדרבה, זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַרבעטס־פעאיקייט. אפשר איז נויטיק צוצוקאָאָפּטירן איינעם אָדער צוויי חברים — געגן דעם האָבן מיר, פאַרשטייט זיך גאָרנישט — אָבער מיר ווילן מיט אונזער נעגאַטיווער שטעלונג צו תיכפדיקע וואַלן אונטערשטרייכן די נויטיקייט צוזאַמענצורופן אין דער נאָענטסטער צייט אַ וועלט־קאָנפערענץ. ער זאָגט זיך אויך אַרויס געגן דעם, אַז דער פּרינציפּ פון פּאַריטעט לויט וועלכן עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין דאַנציג די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג, — זאָל איצט אָנגעווענדעט ווערן, ביים קלייבן די נייע אינסטאַנצן. דער פאָרשלאָג ווערט געמאַכט אין נאָמען פון דער פּוילישער דעלעגאַציע.

י. שפּרינצאַק מעלדעט, אַז אויף דער נעכטיקער זיצונג פון דער קאָמיסיע האָט קיינער זיך נישט אַרויסגעזאָגט געגן איר פאָרשלאָג — ראשיש לייגט פּאַקטיש פאָר — סטאַטוס קוואָ.

ב. לאָקער קלערט אויף, אַז עס איז נישט ריכטיק דאָס מאַכן אָפּ־הענגיק די פראַגע פון צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פונם איצטיקן קלייבן די אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג. מיר ווילן צונויפרופן די וועלט־קאָנפערענץ אָבער דאָס איז פאַרבונדן מיט פאַרשידענע פאַקטאָרן און דער עיקר איז עס אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער לאַגע און פון געלט־מעגלעכקייטן. צום באַדויערן קענען מיר איינאָרדנען אונזערע באַראַטונגען נאָר אין צוזאַ־מענהאַנג מיט אַנדערע קאָנפערענצן. אַזוי איז עס געווען פאַראַיאָרן אין גענף, אַזוי איז עס אויך איצט. מיר וועלן אַלץ טון כדי צונויפצורופן די וועלט־קאָנפערענץ, אָבער אויב מיר וועלן אפילו איצט נישט קלייבן אונזערע אַנ־פירנדע אינסטאַנצן, וועט דער פאַקט אַליין נישט פאַרשנעלערן די צונויפרו־פונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ. דער אונטערשיד פון דער באַראַטונג ביז אַ וועלט־קאָנפערענץ באַשטייט אין דעם, וואָס אירע דעלעגאַטן זיינען נישט געקליבן געוואָרן דירעקט נאָר זיי זיינען געשיקט דורך פּאַרטיי־אינסטאַנצן, אָבער אין תוך גענומען איז דאָך דער אונטערשיד פון אַ באַראַטונג ביז אַ קאָנפערענץ ביי אונז תמיד בלויז דאָס, וואָס אַ קאָנפערענץ דאַרף צונויפגערופן ווערן לשמה און נישט פאַרקומען אין פאַרבינדונג מיט אַן אַנדער צוזאַמענקום, — וואָרום די וואַלן גופא צו אַ קאָנפערענץ זיינען נישט דעמאָקראַטישער ווי צו אַ באַראַטונג. אין איצטיקן מאָמענט איז נויטיק צו דערגאַנצן דעם באַשטאַנד פון סעקרעטאַריאַט און אויך פונם צענטראַל־ביוראָ. דידאָזיקע אינסטאַנצן האָבן מיר אויסגעוויילט אין דאַנציג אַנטשפּרעכענד צו דער דאַמאָלדיקער לאַגע אין די לענדער. אינצווישן זיינען אין די לאַנד־פּאַרטייען, באַזונדערס אין זייערע אָנפירונגען, פאָרגעקומען ענדע־רונגען. אַ סך חברים זיינען אַוועק קיין ארץ־ישראל און זייער אָרט אין די לענדער האָבן פאַרנומען אַנדערע. עס איז דעריבער נויטיק צוצופּאַסן דעם בוי פון אונזערע אינסטאַנצן צו אָט דער ניי־געשאַפענער לאַגע. און וואָס שייך דעם ענין פּאַריטעט: אמת, דאָס איז נישט נאָרמאַל, אָבער דאָס שפּיגלט אָפּ אַ באַשטימטן מצב אין דער באַוועגונג. צו אונזער באַדויערן איז אין עטלעכע לענדער נאָך נישט פאָרגעקומען די פאַראייניקונג, און אין

אנדערע לענדער וואו זי איז שוין יא צושטאנד געקומען, איז עס אויך בלויז אויסערלעך, אבער אינערלעך הערשט נאך א „ויתרוצצו". עס איז נויטיג, אז יעדער צד זאל האבן צוטרוי צום סעקרעטאריאט און צום צענטראל־ביורא און דעריבער דארף אין זיי זיין פארטרעטן יעדער טייל פון דער באוועגונג. עס האט, בכן, קיין שום זין נישט צו פירן א ויכוח מכוח מבטל זיין דעם פאריטעט. מען דארף עס לאזן דערווייל אזוי ווי עס איז און זען דורכפירן די פאראייניגונג אין פוילן און פארענדיגן זי אין אנדערע לענדער. לאמיר אָננעמען די קאמיסיע פארשלאגן און נישט אנהויבן קיין דיסקוסיע, ווייל אין אָוונט דערווארט אונז א לאנגע קאנגרעס־זיצונג.

י. שיינבוים האלט, אז אזא אופן פון וויילן די אינסטאנצן איז נישט קיין ריכטיגער. דאס דערפירט צו דעמאָראליזאציע. דער יסוד פון פּאַריטעט איז א זאך פון דער פארגאנגענהייט און מען דארף עס איצט אָפשאפן.

עס ווערט באשלאָסן נישט פאָרצוזעצן דעם ויכוח.

א. ביאַלאָפּאָלסקי לייגט פאר צו פירן די אָפּשטימונג לויט די לענדער, ד. ה. לויט דער צאָל שטימען, וואס די דעלעגאציעס האבן באקומען ביים אָנהויב פון דער בעראטונג.

גאָלדע מאירסאָן איז געגן אזא אופן אָפּשטימען, ווייל עס קען טרעפן, אז אין די לענדער הערשט נישט קיין אייגהייטלעכקייט אין די ענינים. זאלן שטימען די דעלאגאטן, און יעדערער — לויט זיין געוויסן.

י. באַנקאָווער גיט איבער, אז אויף דער זיצונג פון דער מאנדאטן־קאמיסיע האט מען געמאלדן, אז די דעלעגאטן פון דער ארץ־ישראלדיגער פארטיי וועלן שטימען יעדערער באזונדער. ער האט גאָרנישט געגן דעם, אז אויך איצט זאלן זיך באטייליגן אין דער אָפּשטימונג אויסער די פון דער וועלט־בעראטונג אויך די דעלעגאטן צום קאנגרעס.

מ. נייִשטאַדט דערמאנט, אז ביים פעסטשטעלן די צאָל שטימען פאר יעדער דעלעגאציע איז אויך געזאָגט געווארן, אז דאס איז אויך זייער צאָל דעלעגאטן, און אז יעדער דעלעגאט האט רעכט נאר אויף איין שטים·

פאָרזיצער י. שפּרינצאַק מעלדעט, אז איצט וועט מען שטימען — צי זאל מען וויילן דאס צענטראל־ביורא אדער נישט. עס שטימען די, וועלכע האבן דעלעגאטן־קארטן צו דער בעראטונג. פריער וועט מען אָפּשטימען ראשישעס פאָרשלאג — נישט צו וויילן איצט קיין נייע אינסטאנצן.

מיט א מערהייט פון 31 שטימען געגן 19 ווערט ראשישעס פאָרשלאג אָפּגעווארפן.

פּ. ראַשיש לייגט פאר, אז די וואלן זאלן זיין פערסאָנעלע און נישט אופן יסוד פון פּאַריטעט.

ב. לאָקער מעלדעט, אז דער פּאריטעט־יסוד קען אָפּגעשאפט ווערן נאר דורך א וועלט־קאנפערענץ.

פּ. ראַשיש דערקלערט, אז ער וועט זיך נישט קענען באטייליגן אין די וואלן.

מ. נײשטאַדט לײגט פאר די נעמען פון די חברים־קאַנדידאטן אין די אינסטאנצן, וואס דארפן געוויילט ווערן.

מיט א מערהייט שטימען ווערט באשלאסן צו שטימען די ליסטעס אַן־בלאָק און נישט קיין איינצלנע קאנדידאטן.

די קאמיסיע פארשלאגן זיינען אנגענומען געווארן מיט א גרויסער מערהייט: 14 האבן זיך אָפּגעהאלטן.

(באשטאנד פון די אינסטאנצן — זע אין זייט 234).

פּ. ראַשיש לייגט פאר (נאכן אויסוויילן די באוועגונגס־אינסטאנצן) צו פארפליכטן דאס צענטראל־ביורא, עס זאל צונויפרופן די וועלט־קאנפערענץ במשך דאס נאָענטסטע יאר.

י. שפּרינצאַק דערקלערט, אז דאס צענטראל־ביורא וועט זיך באמיען עס צו טון, אבער מען דארף געדענקען, אז די רעאליזירונג קען זיך אָנשטויסן אין פּאָליטישע שוועריגקייטן און אין פינאנציעלע שטערונגען. עס איז דעריבער איבעריג אָנצונעמען א ספּעציעלן באשלוס וועגן דעם. דאס וועט דורכגעפירט ווערן לויט די מעגלעכקייטן.

* * *

י. מערעמינסקי רעפערירט די פארשלאגן פון דער קאמיסיע, וועלכע האט זיך באשעפטיגט מיט דעם ענין־פאראייניגונג צווישן פועלי־ציון (צ. ס.) אין פוילן און דער דארטיגער «התאחדות»־פארטיי. נאך א קורצן ויכוח, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליגט די חברים פנחס לוביאניקער, אל. שטשופּאקעוויטש, ב. צוקערמאן, גאָלדע מאירסאָן און י. שפּרינצאק איז באשלאסן געווארן איבערצוגעבן דעם צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג אָנצונעמען באשלוסן אין דער פראגע.

*

דערמיט האבן זיך פארענדיגט די פלענארע זיצונגען פון דער וועלט־בארטונג.

די פאראייניגונגס־פראגע אין פוילן

אנטשפרעכנד דעם באשלוס פון דער וועלט־באראטונג, איז די פראגע וועגן דער פאראייניגונג פון די פּאַרטייען אין פוילן באהאנדלט געווארן אויף דער זיצונג פון צענטראל־ביורא דעם 17־טן אויגוסט 1937.

נאך א מיינונגס־אויסטויש האט די זיצונג אנגענומען די קאמיסיע־פאר־שלאגן, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געווארן דער וועלט־באראטונג. די פּאָר־שלאגן זיינען פאָלגנדע:

היות ווי די «התאחדות» אין פוילן האט דערקלערט פאר דער וועלט־באראטונג איר פולע, לכתחילהדיגע איינשטימונג איבערצוגעבן דעם סעקרע־טאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג די אנטשיידונג אין די פרינציפּיעלע און אָרגאניזאציאנעלע פראגן וואס האבן א שייכות צו דער דורכפירונג פון דער פאראייניגונג אין פוילן.

און היות ווי פועלי ציון (צ. ס.) אין פוילן האבן געמאלדן וועגן זייער ווילן דורכצופירן די פאראייניגונג תיכף נאכדעם ווי די קאמפּעטענטע פּארטיי־אינסטאנצן וועלן באשליסן וועגן דעם. —

באשליסט דאָס צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג:

דאס צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג דריקט אויס זיין טיף באדויערן צוליב דעם, וואס די פאראייניגונג פון אונזער באוועגונג אין פוילן איז נאך נישט דורכגעפירט געווארן, און עס קאָנסטאטירט, אז עס איז נישטאָ מער קיין שום גרונט אָפּצושלעפּן די פאראייניגונג פוןביידע פארטייען און די איינ־שליסונג פון דער גאנצער באוועגונג דאָרט אין די ראמען פון דער וועלט־פאראייניגונג.

דאָס צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג באשליסט איבערצולאָזן ביידע פארטייען די מעגלעכקייט צו דערגרייכן א פולשטענדיגע איינשטימונג צווישן זיך דורך אוממיטלבארע געגנזייטיגע פארהאנדלונגען, וועלכע דארפן דורכגעפירט ווערן במשך דריי חדשים פון היינט.

אין פאל ווען במשך דערדאָזיגער צייט (3 חדשים) וועט די פאראייניגונג נישט דערגרייכט ווערן, — דורך אוממיטלבארע פארהאנדלונגען צווישן די צדדים, — וועט דער סעקרעטאריאט

פון דער וועלט־פאראייניגונג אנטשיידן, אין פארלויף פון א חודש נאך דעם דערמאָנטן טערמין, וועגן אלע שטרייט־פראגן צווישן די פארטייען.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, — אז סיי אויב דער סעקרעט־טאריאט פון דער וועלט־פאראייניגונג וועט ביזן דערמאָנטן טערמין אנטשיידן אין אלע פראגן און סיי אויב ער וועט באַשליסן ווייטער צו פירן די פארהאנדלונגען מיט די צדדים וועגן דער פאראייניגונג — ווערט די «התאחדות», נאכן אָפּלויף פון די 4 חדשים, אויטאָמאַטיש אָנגענומען אין דער וועלט־פאראייניגונג.

*

דיזעלבע זיצונג האט באטראכט נאך אנדערע ארגאניזאציאָנאלע פראגן.

* * *

נאָכן שלוס פון די זיצונגען פונם ראט פון דער אידישער אגענץ, זונטאָג, דעם 22־טן אויגוסט, האט דאס צענטראל־ביורא פון דער וועלט־פאראייניגונג אָפּגעהאלטן צוויי לענגערע זיצונגען, אין וועלכע עס האבן זיך אויך באטייליגט פאָרשטייער פון די לאנד־פארטייען. עס האט זיך אנטוויקלט אן ערנסטע באהאנדלונג פון די רעזולטאטן פון ציוניסטישן קאָנגרעס און פון אגענץ־ראט. עס זיינען באטראכט געווארן די ענינים פון דער נאָענטער פארטיי־טעטיגקייט אנטשפרעכנד דער לאגע אין יעדן לאנד באזונדער, און עס זיינען אויסגעהערט געווארן די פארלאנגען פון די לאנד־פארטייען וועגן הילף מצד דער וועלט־באוועגונג. עס זיינען ארומגערעדט געווארן די פרטים פונם בודזשעט פון דער וועלט־פאראייניגונג און עס זיינען באשטימט געווארן די סומען, וואס די לאנד־פארטייען דארפן צושטעלן, כדי צו דערמעגלעכן די טעטיגקייט פונם סעקרעטאריאט און די הילף פאר דער באוועגונג אין פארשידענע לענדער.

די אינסטאנצן פון דער וועלט־באוועגונג

(געוויילט פון דער וועלט־באראטונג אין ציריך)

סעקרעטאַריאַט: ד. בן־גוריון, ד״ר י. העלמאן, ב. וועסט, ד״ר א. טארטאקאָווער, ב. לאָקער, י. מערעמינסקי, מ. ניישטאדט, ב. צוקערמאן, א. קאפלאן, א. רייס, ה. שורער און י. שפרינצאק.

צענטראַל־ביוראָ: י. אידעלסאָן, שאול אהרונוב, י. באנקאָווער, א. ברודני, א. ביאלאָפּאָלסקי, ש. דיין, א. דאָבקין, א. העמלין, דוד ווערט־היים, ד״ר א. זילבערשיין, י. טאבענקין, מ. יארבלום, ד״ר ג. לאנדויער, פּ. לוביאניקער, ד״ר נ. מעלצער, י. עפּטער, עדה פישמאן, ש. פרידמאן, ש. קאפלאנסקי, ד״ר א. קובאָוויצקי, מ. קאָטיק, ז. רובאשאָוו, ל. שקאָלניק, ד״ר ק. שווארץ און איין פאָרשטייער פון יוגנט וועלט־ביורא „דרור» מיט באראטונגס־רעכט.

צענטראַל־ראַט: ז. אהרונוביץ, י. בן־אהרן, י. באראץ, ז. בוימגאָלד (פאריז), י. וואן־בליטץ (אמסטערדאם), ל. גאָרפינקעל (קאוונע), חיים געלער (טשערנאוויץ), חיים גרינבערג (ניו־יארק), אפרים גרינבערג (קאוונע), זשאן דאניעל (בולגאריע), ב. וויניק (ריגע), פּ. ווערבער, מ. זינגער, ג. א. טערלאָ, ש. וועלנער (קראקע), ב. כתבן (טשערנאוויץ), י. לויפבאן, ש. לעווענבערג (לאנדאן), א. לעווינסאָן, גאָלדע מאירסאָן, ל. סיגעל (ניו־יארק), ה. עהרענרייך (ניו־יארק), שרה פעדער (ניו־יארק), פריש (בוקארעשט), י. קאָרין (קישעניעוו), חיים קוגעל (מונקאטש), נ. קאנטאָראָוויטש (ווארשע), א. קאצענעלסאָן, יעקב רייס (פראג), ש. רודעל (לאנדאן), ל. שטשופאקעוויטש (ווארשע), ישעיהו שפירא (קראקע), יוסף שפירא, דוב שאפריר און 2 פארשטייער פון יוגנט וועלט־ביורא «דרור».

אונזערע דעלעגאטן אויפן צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנגרעס

פון די 284 געוויילטע דעלעגאטן ביים צוואנציגסטן ציוניסטישן קאנ־גרעס זיינען 225 געוועזן פון דער ארבעטער־פראקציע. (126 אלגעמיינע ציוניסטן גרופע א׳ און 44 גרופע ב׳; 80 מזרחי; 9 אידנשטאטס־פּארטיי). די אינערלעכע פארטיילונג אין דער ארבעטער־פראקציע איז געוועזן פאָל־גענדע: 202 דעלעגאטן פון דער וועלט־פאראייניגונג פועלי ציון (צ. ס.) — התאחדות און 23 דעלעגאטן פון «השומר־הצעיר».

די דעלעגאטן פון דער וועלט־פאראייניגונג זיינען געוועזן פון פאָלגנדע לענדער: ארץ־ישראל 79; פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע 30; פוילן 29;

מזרח־גאַליציע 8; טשעכאָסלאָוואַקיי 4; מערב־גאַליציע 4; ליטע 4; בעסאַראַ־ביע 4; ענגלאַנד 3; קאַנאַדע 3; טראַנסילוואַניע 2; אַלט־רומעניע 2; פראַנק־רייך 2; דרום־אַפריקע 2; אַרגענטינע 2. צו איין דעלעגאַט – בוקאָווינע, בול־גאַריע, יוגאָסלאַוויע, עסטלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, בראַזיל און טשילי. 16 דע־לעגאַטן זיינען געווען פון פאַרשידענע אַנדערע לענדער. די דעלעגאַטן פון השומר הצעיר זיינען געווען פון פאָלגנדע לענדער: ארץ־ישראל 8; פוילן 5; אַמעריקע 2 און צו איינעם פון מזרח־ און מערב־גאַליציע, טראַנסילוואַניע, יוגאָסלאַוויע, טשעכאָסלאָוואַקיי, ליטע, אונגאַרן און וועלט־וואַל־ליסטע.

אין ארץ־ישראל, פוילן, בעסאַראַביע, פראַנקרייך און בולגאַריע האָבן אונזערע רשימות באַקומען ביי די וואַלן די מערהייט פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, בראַזיל און טשעכאָסלאָ־וואַקיי האָבן אונזערע רשימות באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען. ווי באַ־קאַנט איז אין אַ שורה לענדער, וואו אונזער רשימה בילדעט די מערהייט אָדער מיר גייען דאָרט אויפן ערשטן אָרט דערשינען אַן איינהייטלעכע ליסטע און קיין וואַלן זיינען דאָרט נישט פאָרגעקומען.

פון די 69 געקליבענע מיטגלידער פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט זיינען 29 חברים פון דער וועלט־פאַראייניגונג פועלי ציון (צ. ס.) – התאחדות און 3 חברים פון „השומר־הצעיר״.

אונזערע פאַרטרעטער אינם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט

(געוויילט דורך דעם צוואַנציגסטן ציוניסטישן קאָנגרעס)

א) מיטגלידער:

פאָרשטייער פון דער וועלט־פאַראייניגונג – ישראל אידלסאָן, יעקב אורי, אברהם ביאַלאָפּאָלסקי, יוסף באַראַץ, חיים גרינבערג, שמואל דיין, דב האָז, ד״ר יעקב העלמאַן, אברהם האַרצפעלד, דוד ווערטהיים, ד״ר אברהם זילבערשיין, יצחק טאַבענקין, ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, מ. יאַרבלום, בערל כצנלסון, בערל לאָקער, גאָלדע מאַירסאָן, ישראל מערעמינסקי, מלך ניישטאַדט, עדה פישמאַן, ברוך צוקערמאַן, אהרן ציזלינג, שלמה קאַפּלאַנסקי, זלמן רובאַשאָוו, אנשל רייס, דוד רמז, יוסף שפּרינצאַק, לוי שקאָלניק.

פאַרשטייער פון השומר הצעיר – יעקב חזן, מאיר יערי, אליעזר פּראַי.

ב) שטעלפאַרטרעטער:

פאָרשטייער פון דער וועלט־פאַראייניגונג – שלום אדלער־רודעל, בבה אידעלסאָן, יוסף באַנקאָווער, יהודה בראַגינסקי, אליהו גאָלאָמב, חיים געלער, מאיר גראַבאָווסקי, אליהו דאָבקין, אבא חושי, ד״ר געאָרג לאַנדויער, פּנחס לוביאַניקער, יצחק לויפבאַן, מ. ניעמיראָווסקי, שרה פעדער, ד״ר שאול סאָקאָל, ל. סיגעל, יהושע פּאָדרוזשניק, העשל פרומקין, ל. צוקער, ד״ר מאיר קאָטיק, שמעון קושניר, נחום קאַנטאָראָוויטש, רחל קאַצענעלסאָן־רובאַשאָוו, ברל רעפּעטור, פּנחס ראַשיש, ד״ר קאָפּל שוואַרץ, חיים שורער, ליב שפּיזמאַן.

פאָרשטייער פון השומר הצעיר – מ. באַדער, מרדכי בנטוב, ברוך לינקאָווסקי, יעקב ריפטין.